# סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## חֵלֶק ג׳

## אִידִישׁ

שֵׁייְנֶע הֶערְלִיכֶע בְּרִיוְון גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, פוּל מִיט הִתְחַזְקוּת וִוי אַזוֹי יֶעדֶער אִיד אָן אוֹיסְנַאם קֶען זוֹכֶה זַיין מַצְלִיחַ צוּ זַיין אוּן זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אוֹיף דֶער וֶועלְט, נִישְׁט קַיין חִילוּק אִין וֶועלְכֶע מַצָב עֶר גֶעפוּנְט זִיךְ, מִיט עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת אוֹיפְ'ן טָאג טֶעגְלִיכְן לֶעבְּן.

גֶעבּוֹיעֶט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן,

אֲדוֹנֵנוּ מוֹרֵינוּ וְרַבֵּנוּ

**רֶבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ**

אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זַיין תַּלְמִיד מוֹרֵינוּ הַגָאוֹן הַקָדוֹשׁ

**רֶבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ**

אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זֵייעֶר תַּלְמִיד וָואס הָאט אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט זֵייעֶרֶע הֵיילִיגֶע לִימוּדִים אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט

**כְּבוֹד קְדוּשַׁת מָרָן מוֹהֲרָא"שׁ, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ**

גֶעפְלָאכְטְן מִיט פְּסוּקִים פוּן תּוֹרָה, נְבִיאִים, וּכְתוּבִים, אוּן מַאֲמָרִים פוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲזַ"ל, פוּן דִי גְמָרָא אוּן מִדְרָשִׁים אוּן זוֹהַר הַקָדוֹשׁ.

אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן עֶרֶב חַג הַשָׁבוּעוֹת שְׁנַת תש"פ לפ"ק
דוּרְךְ חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב - נוּא יָארְק יצ"ו

קרן הדפסה
היכל הקודש

צו באקומען די און אנדערע ספרים און קונטריסים:

**היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי**
Heichal Hakodesh
Kiryas Breslev
181 Huschke Road
Liberty NY 12747

**היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh
Williamsburg
27 Skillman Street
Brooklyn NY 11205
1-718-384-1652

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
Monroe NY 10950
1-845-467-5299

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
Monroe NY 10950
1-845-243-0563

**היכל הקודש בארא פארק**
Heichal Hakodesh
Boro Park
1011 41 Street
Brooklyn NY 11219
1-718-384-1652

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh
Monsey
32 Dolson Road
Monsey NY 10952
1-347-733-7551

Visit Our Web Site:
www.BreslevCenter.com

צו הערן די הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א רופט:

**קול ברסלב**
**212-444-9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212-444-9191**

## חיזוק יומי

**צו באקומען די חיזוק יומי**

**אימעיל**
chizikyomi@gmail.com

**טעלעפאון מעסידזשינג**
347-630-2876

סדר ועימוד, כריכה ושערים:
**א.י.ש. אשדוד**
08-8650078
0527627127

# לִזכר עולם יהיה צדיק

לִכְבוֹד נִשְׁמַת מְאוֹר עֵינֵינוּ חִיּוּת נַפְשֵׁנוּ,

אֲשֶׁר נָשָׂא אוֹתָנוּ עַל לִבּוֹ כַּאֲשֶׁר יִשָּׂא הָאֹמֵן אֶת הַיּוֹנֵק, לְהַחֲיוֹתֵנוּ כְּהַיּוֹם הַזֶּה, לְהַטְעִימֵנוּ מִצּוּף עֲרֵבוּת נְעִימוּת, יְדִידוּת, זִיו הֶאָרַת שְׁכִינַת עֻזּוֹ יִתְבָּרַךְ, וְהֶחְדִּיר בְּרִבְבוֹת נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל בְּכָל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ - אֱמוּנָה בְּרוּרָה וּמְזֻכֶּכֶת בּוֹ יִתְבָּרַךְ, וְקֵרֵב אַלְפֵי נְשָׁמוֹת אֶל הַחֵן וְהַיֹּפִי אֲשֶׁר בַּנַּחַל נוֹבֵעַ מְקוֹר חָכְמָה שׁוֹרֶה, הוּא נִיהוּ הָרַב הַגָּאוֹן הַצַּדִּיק, אִישׁ הָאֶשְׁכּוֹלוֹת - שֶׁהַכֹּל בּוֹ, הֶחָסִיד הָאֲמִתִּי עוֹבֵד ה' בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, מָסַר נַפְשׁוֹ אֵלָיו יִתְבָּרַךְ בְּכָל יוֹם וָיוֹם מִיּוֹם עָמְדוֹ עַל דַּעְתּוֹ, וְסָבַל יִסּוּרִים קָשִׁים וּמָרִים כָּל יְמֵי חַיָּיו, רַבִּים הֵשִׁיב מֵעָוֹן וְקֵרְבָם אֵלָיו יִתְבָּרַךְ, הֶעֱמִיד תַּלְמִידִים רַבִּים, יִרְאֵי ה' וְחוֹשְׁבֵי שְׁמוֹ, בַּעַל הַמְחַבֵּר סִפְרֵי שׁוּ"ת 'אֲשֶׁר בַּנַּחַל', וְסֵפֶר 'שְׂפַת הַנַּחַל' פֵּרוּשׁ עַל הַסֵּפֶר הַקָּדוֹשׁ לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן. וְקִבֵּץ וְלִקֵּט סְפָרִים רַבִּים וְנִכְבָּדִים מִדִּבְרֵי רַבֵּנוּ הַקָּדוֹשׁ מוֹהֲרַ"ן מִבְּרֶסְלֶב, וְתַלְמִידוֹ הַקָּדוֹשׁ מוֹהַרְנַ"תְּ - זְכוּתָם יָגֵן עָלֵינוּ. וְהֵפִיצָם בְּכָל קַצְוֵי תֵּבֵל, וּבִפְרָטִיּוּת הַקּוּנְטְרֵסִים הַמְפֻרְסָמִים שֶׁהֶחֱיוּ אֲלָפִים וְרִבְבוֹת נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל, וְחִזְּקוּ אוֹתָם לַחֲזוֹר בִּתְשׁוּבָה.

עֲטֶרֶת רֹאשֵׁנוּ, נֵזֶר תִּפְאַרְתֵּנוּ, הַמַּלְאָךְ הַנִּצָּב עַל רֹאשׁ דֶּרֶךְ, עַמּוּד הָאֵשׁ אֲשֶׁר לִפְנֵי הַמַּחֲנֶה, מוֹרֶה דֶּרֶךְ וּמְשׁוֹבֵב נְתִיבוֹת

מוֹרֵנוּ וּמְאוֹרֵנוּ

## רַבִּי אֱלִיעֶזֶר שְׁלֹמֹה זצוקללה"ה

בֶּן הַגָּאוֹן רַבִּי מְנַחֵם זְאֵב זַצַ"ל

הָרַב מִטֹּאקַאִי וּבַעַל הַ'מִּנְחַת זְאֵב' וְעוֹד

**זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וְעַל כָּל יִשְׂרָאֵל**

בְּחַד קְטִירָא אִתְקַטִּיר לִישִׁיבָה שֶׁל מַעְלָה

לְהִתְלוֹנֵן בְּצֵל צַח הַצַּדִּיקִים אֲשֶׁר בְּגַן עֵדֶן

י"ז שְׁבָט תשע"ה

**תְּהֵא נִשְׁמָתוֹ הַקְּדוֹשָׁה צְרוּרָה בִּצְרוֹר הַחַיִּים**

## הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

מוה"ר **יואל** בן ריצא רעכיל

**ראטה** שליט"א

ראש ישיבת תפארת התורה ברסלב

וזוגתו

**אסתר גיטל**

בת חי' שרה האדיא תחי'

וילדיהם

**שלמה נרו יאיר ומשפ',**

**אלחנן חיים, מרים העניא זיסל,**

**שמעון, נחמן נתן, יצחק דוד, צבי,**

**רחל לאה, יוסף, מנחם.**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל

משאלות לבם לטובה ויתברכו מפי

עליון בבני חיי ומזוני רוויחא

ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה

מכל יוצאי חלציהם

אמן כן יהי רצון

# אַ וָוארְט פוּן דִי אַרוֹיסְגֶעבֶּער

מִיר קֶענֶען נִישְׁט גֶענוּג דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס עֶר הָאט אוּנְז גֶעשִׁיקְט דֶעם הֵיילִיגְן גְרוֹיסְן צַדִיק, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, רֶבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, צוּ בַּאלַייכְטְן אוּנְזֶערֶע אוֹיגְן מִיט זַיינֶע הֵיילִיגֶע סְפָרִים אוּן עֵצוֹת. וָואס מִיט זֵיי קֶען יֶעדֶער אִיד אָן אוֹיסְנַאם, פוּנֶעם קְלֶענְסְטְן בִּיזְ'ן גְרֶעסְטְן, זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן צוּקוּמֶען צוּ דִי מֶערְסְטֶע וָואס מֶען קֶען נָאר צוּקוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵי מוֹהֲרַ"ן סִימָן שנ"ח): "מִיט יֶעדֶע תּוֹרָה אָדֶער שְׁמוּעֶס וָואס אִיךְ זָאג, קֶען מֶען וֶוערְן אַן אֶמֶת'עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, אַזוֹי וִוי אִיךְ וֵוייס וָואס עֶס מֵיינְט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד", וַוייל יֶעדֶע תּוֹרָה אוּן שִׂיחָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן קֶען צוּנִיץ קוּמֶען סֵיי פַאר אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק וָואס עֶר קֶען פוּן דֶעם אַרוֹיסְנֶעמֶען אַ וֶועג וִוי אַזוֹי צוּ דִינֶען אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין מַדְרֵיגָה; אוּן עֶס קֶען אוֹיךְ צוּנִיץ קוּמֶען פַארְ'ן נִידְרִיגְסְטְן מֶענְטְש, עֶס וֶועט אִים אוֹיךְ וַוייזְן אַ וֶועג אִין זַיין מַצָב, וִוי אַזוֹי אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, אוּן וֶוערְן אַן אֶמֶת'עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט קְלָאר גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ר"ט) אַז דִי אַלֶע תּוֹרוֹת אוּן שְׁמוּעֶסְן וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט, זֶענֶען נִישְׁט גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן נָאר פַאר זַיין דוֹר, נָאר אוֹיךְ פַאר דִי שְׁפֶּעטֶערְדִיגֶע דוֹרוֹת. אוּן דֶערְפַאר הָאט דֶער רֶבִּי זֵייעֶר גֶעוָואלְט אַז מֶען זָאל וַוייטֶער אִיבֶּערְגֶעבְּן דִי אַלֶע תּוֹרוֹת אוּן עֵצוֹת אוֹיךְ פַאר דִי קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ עַד סוֹף כָּל הַדוֹרוֹת. אֵיינְמָאל הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (שָׁם) מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע בְּרֶען דֶעם פָּסוּק (דְבָרִים ד, ט) "וְהוֹדַעְתָּם לְבָנֶיךָ וְלִבְנֵי בָנֶיךָ" - "אַייעֶרֶע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין וָואס דָא הָאט זִיךְ גֶעטָאן!"

נָאךְ דִי הִסְתַּלְּקוּת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, הָאט זַיין בַּאלִיבְּטֶער תַּלְמִיד רֶבִּי נָתָן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, זִיךְ וַוייטֶער מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶועזְן אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען אִין דִי וֶועלְט דִי הֵיילִיגֶע לִימוּדִים פוּן רֶבִּי'ן, עֶר פְלֶעגְט אַרוּמְפָארְן אוּן רֶעדְן מִיט מֶענְטְשְׁן אוּן מְחַדֵּשׁ זַיין חִידוּשֵׁי תּוֹרָה, אַלֶעס נָאר גֶעבּוֹיעֶט אוֹיפְן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס תּוֹרוֹת, וָואס פוּן דֶעם אִיז גֶעוָוארְן זַיינֶע הֵיילִיגֶע סְפָרִים "לִיקּוּטֵי הֲלָכוֹת", אוּן עֶר הָאט אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אִין זַיינֶע תַּלְמִידִים אַז זֵיי זָאלְן אוֹיךְ וַוייטֶער אוֹיסְלֶערְנֶען פַאר אַנְדֶערֶע אִידְן דִי לִימוּדִים פוּן רֶבִּי'ן, דָאס אִיז גֶעוֶוען זַיין עִיקַּר צִיל אִין לֶעבְּן. זַיין מִיה אוּן פְּלָאג אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אוּמְזִיסְט, בָּרוּךְ ה', נָאר דוּרְךְ אִים אִיז גֶעבְּלִיבְּן דִי לִימוּדִים פוּן רֶבִּי'ן אוּן עֶס וֶוערְט וַוייטֶער צוּשְׁפְּרֵייט אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

אִינֶעם הַיינְטִיגְן דוֹר, הָאבְּן מִיר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע מַתָּנָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס אִיז כְּבוֹד קְדוּשַּׁת מָרָן מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וָואס הָאט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין גַאנְץ לֶעבְּן אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס לִימוּדִים אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, מִיט זַיינֶע הֵיילִיגֶע סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים אוּן בְּרִיוו וָואס זֶענֶען מְחַיֶּה אוּן מְחַזֵּק הוּנְדֶערְטֶער טוֹיזֶענְטֶער אִידְן אִיבֶּער אַלֶע עֶקְן וֶועלְט. דִי סְפָרִים זֶענֶען גֶעשְׁרִיבְּן מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע חָכְמָה אוּן שֵׂכֶל, זִיךְ אַרָאפְּצוּלָאזְן צוּ יֶעדְן מֶענְטְשׁ, אִין וֶועלְכֶע מַצָּב עֶר זָאל נָאר זַיין, אוּן אִים אוֹיךְ אוֹיפְהֵייבְּן, אִים מְחַיֶּה אוּן מְחַזֵּק זַיין, אַז עֶר קֶען נָאךְ אוֹיךְ צוּקוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַרֵיינְבְּרֶענְגֶען אִין יֶעדְן מֶענְטְשׁ אַ שִׂמְחַת הַחַיִּים, אַ גֶעשְׁמַאק אִין לֶעבְּן, מֶען זָאל וִויסְן וִוי אַזוֹי אַדוּרְךְ צוּ גֵיין דֶעם לֶעבְּן אוֹיף דֶער וֶועלְט מִיט גֶעשְׁמַאק, צוּ לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מְקַיֵּים זַיין זַיינֶע מִצְוֹת מִיט פְרֵייד.

אִין דֶעם בִּיטֶערְן טָאג י"ז שְׁבַט תשע"ה לפ"ק, הָאבְּן מִיר פַארְלוֹירְן דִי גְרוֹיסֶע אֲבֵידָה שֶׁאֵין לָהּ תְּמוּרָה, וֶוען כְּבוֹד קְדוּשַּׁת מָרָן מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז נִסְתַּלֵּק גֶעוָוארְן לְחַיֵּי הָעוֹלָם הַבָּא. מִיר הָאבְּן פַארְלוֹירְן מוֹהֲרָא"שׁ, דָאס אִיז אַ בִּיטֶערֶע אֲבֵידָה וָואס הָאט נִישְׁט קַיין שִׁיעוּר, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז אָבֶּער אִיבֶּערְגֶעלָאזְט זַיינֶע סְפָרִים אוּן זַיינֶע

לִמּוּדִים מִיט וָואס מִיר זָאלְן זִיךְ וַוייטֶער שְׁטַארְקְן אוּן אָנְגֵיין, מִיר זָאלְן זִיךְ וַוייטֶער הַאלְטְן מִיט דֶעם, מִיר זָאלְן זִיךְ וַוייטֶער פִירְן אִין דִי וֶועגְן וָואס עֶר הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט, אוּן דַאן וֶועט זַיין אַזוֹי וִוי עֶר לֶעבְּט נָאךְ, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קצ"ב) אַז דִי פָּנִים, שֵׂכֶל אוּן דִי נְשָׁמָה פוּנֶעם צַדִיק לִיגְט אִין זַיינֶע סְפָרִים, אוֹיב לֶערְנְט מֶען דִי סְפָרִים אוּן מֶען פְּרוּבִּירְט מְקַיֵים צוּ זַיין וָואס דָארְט שְׁטֵייט, דַאן אִיז דָאס אַזוֹי וִוי דֶער צַדִיק אִיז נָאךְ דָא צְווִישְׁן אוּנְז.

רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת, הִלְכוֹת שְׁלוּחִין, הֲלָכָה ה', אוֹת י"א-י"ב) אוֹיף דֶעם וָואס משֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעזָאגְט פַאר דִי אִידְן (דְבָרִים ל"א, כ"ט) "כִּי יָדַעְתִּי אַחֲרֵי מוֹתִי כִּי הַשְׁחֵת תַּשְׁחִתוּן, משֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעזָאגְט פַאר דִי אִידְן אַז זֵיי וֶועלְן זִיךְ אָפְּקֶערְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן נָאכְדֶעם וָואס עֶר וֶועט שְׁטַארְבְּן, זָאגְט אוֹיף דֶעם רַשִׁ"י אַז מִיר זֶעעֶן דָאךְ אַז דִי אִידְן זֶענֶען יָא גֶעוֶוען ווּאוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ אוֹיךְ נָאכְדֶעם וָואס משֶׁה רַבֵּינוּ אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן, נָאר פוּן דֶעם לֶערְנְט מֶען אַרוֹיס אַז וִוי לַאנְג דֶער תַּלְמִיד לֶעבְּט, אִיז דָאס נָאךְ אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי לֶעבְּט. וִוי לַאנְג דֶער תַּלְמִיד יְהוֹשֻׁעַ בִּן נוּן הָאט גֶעלֶעבְּט, אִיז דָאס גֶעוֶוען אַזוֹי וִוי משֶׁה רַבֵּינוּ אַלֵיין הָאט נָאךְ גֶעלֶעבְּט. פְּרֶעגְט אוֹיף דֶעם רֶבִּי נָתָן וִוי אַזוֹי קֶען מֶען בִּכְלַל זָאגְן אַז אַ צַדִיק אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן? חֲזַ"ל זָאגְן דָאךְ (בְּרָכוֹת י"ח.) "צַדִיקִים בְּמִיתָתָן נִקְרְאוּ חַיִים", אֲפִילוּ וֶוען אַ צַדִיק גֵייט אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט, אִיז עֶס נָאךְ אַזוֹי וִוי עֶר לֶעבְּט.

נָאר דֶער זוֹהַר הַקָדוֹשׁ זָאגְט (פָּרָשַׁת תְּרוּמָה, קע"ד) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (דְבָרִים ל"ד, ה') "וַיָמָת שָׁם משֶׁה עֶבֶד ה'", וִוי אַזוֹי קֶען מֶען זָאגְן אַז משֶׁה רַבֵּינוּ אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן? נָאר בֶּאֱמֶת אִיז עֶר טַאקֶע נִישְׁט גֶעשְׁטָארְבְּן, נָאר בַּיי אוּנְז אִיז עֶס אַזוֹי וִוי עֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן. דָאס מֵיינְט צוּ זָאגְן אַז בֶּאֱמֶת שְׁטַארְבְּט אַ צַדִיק קֵיינְמָאל נִישְׁט, זַיינֶע תּוֹרוֹת אוּן לִמּוּדִים בְּלַייבְּן אוֹיף אֵייבִּיג; נָאר אוֹיב מִיר לֶערְנֶען נִישְׁט זַיין תּוֹרָה, מִיר גֵייעֶן נִישְׁט אִין זַיינֶע וֶועגְן, דַאן אִיז עֶס אַזוֹי וִוי עֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן בַּיי אוּנְז. וִוי לַאנְג עֶס

לֶעבְּט אָבֶּער אַ תַּלְמִיד וָואס עֶר גֶעבְּט וַוייטֶער אִיבֶּער דָאס וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט, עֶר אִיז מְעוֹרֵר אוּן מְחַזֵק אִידִישֶׁע קִינְדֶער אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ וַוייטֶער הַאלְטְן מִיט דִי לִמוּדִים פוּנֶעם צַדִיק, דַאן לֶעבְּט דֶער צַדִיק וַוייטֶער בַּיי אוּנְז. אוּן דֶערִיבֶּער, וִוי לַאנְג דֶער תַּלְמִיד יְהוֹשֻׁעַ בִּן נוּן הָאט גֶעלֶעבְּט, אוּן עֶר הָאט וַוייטֶער אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן אוּן מְחַזֵק גֶעוֶוען דִי אִידְן אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ הַאלְטְן צוּ דֶעם וָואס מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט, אִיז דָאס גֶעוֶוען אַזוֹי וִוי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט נָאכְאַלְץ גֶעלֶעבְּט.

זָאגְט דָארְט וַוייטֶער רֶבִּי נָתָן אַז דָאס אִיז נִישְׁט נָאר גֶעוֶוען אִין יֶענֶעם דוֹר, נָאר דָאס גֵייט וַוייטֶער אָן בִּיזְ'ן הַיינְטִיגְן טָאג, אַז אֲפִילוּ וֶוען דֶער צַדִיק אִיז שׁוֹין אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט, דַארְף מֶען גְלֵייבְּן אַז סְ'אִיז נָאךְ גֶעבְּלִיבְּן אֵיינְס אָדֶער מֶערֶערֶע תַּלְמִידִים פוּנֶעם צַדִיק, וָואס זֵיי הָאבְּן דֶעם כֹּחַ וַוייטֶער אִיבֶּערְצוּגֶעבְּן דִי לִמוּדִים פוּנֶעם צַדִיק. דִי אֱמֶת'ע תַּלְמִידִים פוּנֶעם צַדִיק, זֶענֶען אַזוֹי וִוי עֶר אַלֵיין (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן ז'), אוּן וֶוען זֵיי גֶעבְּן וַוייטֶער אִיבֶּער דִי תּוֹרָה פוּנֶעם צַדִיק, אִיז דָאס אַזוֹי וִוי דֶער צַדִיק אִיז דָא מִיט אוּנְז, עֶר וֶועט נִתְלַבֵּשׁ אִין דֶעם תַּלְמִיד'ס דִיבּוּרִים, אוּן עֶס אִיז מַמָשׁ וִוי דֶער צַדִיק לֶעבְּט מִיט אוּנְז אוּן רֶעדְט צוּ אוּנְז, אַזוֹי וִוי חֲזַ"ל זָאגְן (יְבָמוֹת צ"ו:) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (תְּהִלִּים ס"א, ה') "אָגוּרָה בְאָהָלְךָ עוֹלָמִים", אַז וֶוען מְ'זָאגְט נָאךְ אַ דְבַר הֲלָכָה פוּן אַ תַּלְמוּד חָכָם, רֶעדְן מִיט זַיינֶע לִיפְּן אִין קֵבֶר.

אוּנְזֶער אַרְבֶּעט אִיז אוֹיפְצוּזוּכְן דֶעם תַּלְמִיד וָואס קֶען אוּנְז אִיבֶּערְגֶעבְּן דִי לִמוּדִים פוּן רֶבִּי'ן, וָואס קֶען אוּנְז וַוייטֶער מְחַזֵק זַיין אוּן מְעוֹרֵר זַיין צוּ זַיין צוּגֶעבִּינְדֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַן אֱמֶת, מִיט דִי אַלֶע גֶעוַואלְדִיגֶע אוּן הֵיילִיגֶע עֵצוֹת וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט.

אִין יָאר תשס"ט לפ"ק אִיז גֶעעֶפְנְט גֶעוָוארְן דִי הֵיילִיגֶע יְשִׁיבָה "יְשִׁיבָה תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה", דוּרְכְ'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה הרה"ג מוה"ר יוֹאֵל רָאטְה שְׁלִיטָ"א,

דֶער תַּלְמִיד חָבִיב פוּן כְּבוֹד קְדוּשַׁת מָרָן מוֹהַרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, מִיטְ'ן צִיל אַז דִי בָּחוּרִים אִין יְשִׁיבָה זָאלְן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זִיךְ מְחַזֵּק זַיין מִיט דִי לִמּוּדִים אוּן עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אַזוֹי ווִי מוֹהַרָא"ש הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט.

כָאטְשׁ וָואס אִין אָנְהוֹיבּ אִיז דִי הֵיילִיגֶע יְשִׁיבָה דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען פִילֶע שְׁוֶועריקֵייטְן, הָאט זִיךְ עֶס אָבֶּער צֶעוָואקְסְן אוֹיף גָאר אַ גֶעוַואלְדִיגֶע פַארְנֶעם, נִישְׁט נָאר אִין דִי רַאמֶען פוּן דִי יְשִׁיבָה לֶעבְּן דִי בָּחוּרִים מִיט דִי לִמּוּדִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, נָאר עֶס הָאט זִיךְ אוֹיךְ אוֹיסְגֶעשְׁפְּרֵייט אִיבֶּער דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, פוּן אִיבֶּעְרָאל הֶערְט מֶען דִי דְרָשׁוֹת וָואס וֶוערְן גֶעזָאגְט אִין יְשִׁיבָה, טוֹיזְנְטֶער אִידְן אִיבֶּער דִי גָארֶער וֶועלְט שֶׁעפְּן הִתְחַזְקוּת פוּן דִי גֶעוַואלְדִיגֶע דְרָשׁוֹת. בַּיי דִי דְרָשׁוֹת זָאגְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א בְּלוֹיז אִיבֶּער דִי הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער פוּן רֶבִּי'ן לוֹיט ווִי מוֹהַרָא"ש הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט, נָאר עֶר בְּרֶענְגְט עֶס מֶער אַרָאפּ אַז סְ'זָאל זַיין פַּאסִיג פַארְ'ן הַיינְטִיגְן דוֹר, מִיט דִי הַיינְטִיגֶע נִסְיוֹנוֹת אוּן שְׁוֶועריקֵייטְן, ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן אִין יֶעדְן מַצָּב, ווִי אַזוֹי מִיר זָאלְן זִיךְ אוֹיךְ קֶענֶען בַּאנוּצְן מִיטְ'ן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת אִין אוּנְזֶער הַיינְטִיגְן לֶעבְּן.

אַזוֹי ווִי דֶער נָאמֶען פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אִיז צֶעשְׁפְּרֵייט גֶעוָוארְן אִיבֶּער דִי וֶועלְט, הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ קוּמֶען בְּרִיוו פוּן אִיבֶּעְרָאל אָנְצוּפְרֶעגְן פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פַארְשִׁידֶענֶע סָארְט שְׁאֵלוֹת, ווִי אַזוֹי זִיךְ אַן עֵצָה צוּ גֶעבְּן אִין פַארְשִׁידֶענֶע סָארְט מַצָּבִים, מִיט דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. דִי בְּרִיוו וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט הָאט זִיךְ אוֹיךְ גָאר שְׁטַארְק צֶעשְׁפְּרֵייט אוּן וֶוערְן גֶעלֵיינְט דוּרְךְ טוֹיזְנְטֶער אִידְן, וֶועלְכֶע גֶענִיסְן דֶערְפוּן גָאר אַסַאךְ הִתְחַזְקוּת אוּן הַדְרָכוֹת.

עֶס אִיז גְרוֹיס אוּנְזֶער פְרֵייד אַז מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף הָאבְּן מִיר צוּזַאמְגֶענוּמֶען דִי אַלֶע בְּרִיוו, אוּן עֶס אָפְּגֶעדְרוּקְט אוֹיף אַ שֵׁיינֶעם

פָּארְמַאט, אַז יֶעדֶער אִיד זָאל זִיךְ קֶענֶען מְחַיֶ' זַיין דֶערְמִיט. דֶער סֵפֶר וֶועט זִיכֶער אַרוֹיסְהֶעלְפְן אוּן מְחַזֵק זַיין פִילֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער. מִיר הָאבְּן אוֹיךְ אַרַיינְגֶעלֵייגְט דִי שְׁאֵלוֹת אוֹיף יֶעדְן בְּרִיוו, כְּדֵי מֶען זָאל בֶּעסֶער פַארְשְׁטֵיין אוֹיף וָואס דִי תְּשׁוּבוֹת בַּאצִיעֶן זִיךְ. כָאטְשׁ וָואס דִי בְּרִיוְו זֶענֶען גֶעשְׁרִיבְּן גֶעוָוארְן פַאר פְּרִיוַואטֶע מֶענְטְשְׁן, יֶעדֶע בְּרִיוְו אִיז גֶעשְׁרִיבְּן לוֹיט דִי פְּרַאגֶע וָואס יֶענֶער הָאט אָנְגֶעפְרֶעגְט, אִיז עֶס אָבֶּער גֶעשְׁרִיבְּן גֶעוָוארְן אוֹיף אַזַא וֶועג אַז יֶעדֶער אִיד וָואס גֶעפוּנְט זִיךְ אִין אַן עֶנְלִיכְן מַצָב זָאל קֶענֶען טְרֶעפְן זַיין עֵצָה אוּן הִילְף וִוי אַזוֹי זִיךְ אַן עֵצָה צוּ גֶעבְּן אִין זַיין לֶעבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן, אַז דֶער סֵפֶר זָאל טוּן דִי רִיכְטִיגֶע פְּעוּלָה, אוּן צוּרִיק בְּרֶענְגֶען אַלֶע אִידְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז יֶעדֶער זָאל וִויסְן, אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא אוֹיף דֶער וֶועלְט קַיין שׁוּם עֵצָה, נָאר צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אִים דֶערְצֵיילְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען וָואס מֶען הָאט, אוּן נָאר אַזוֹי וֶועט מֶען אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע סָארְט צָרוֹת אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען, אוּן זַיין נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בִּיז מִיר וֶועלְן שׁוֹין בְּקָרוֹב גֵיין קֶעגְן מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן.

**הַמוֹצִיאִים לָאוֹר**

# תּוֹכֶן הָעִנְיָנִים


קסט אִיךְ וִויל דַוְקָא אַ שִׁידוּךְ פוּן יְשִׁיבָה.......................................טו

קע וְוי אַזוֹי גֶעבְּט מֶען זִיךְ אַן עֵצָה מִיט אַ ווִילְד אִינְגְל? ...................יט

קעא אִיךְ בִּין צוּגֶעבִּינְדְן צוּ קוֹיפְן אַסַאךְ לַאטֶערִיעֶס ........................כב

קעב מַיין מַאן אִיז אַ מֵפִיץ און דָאס אִיז מִיר נִישְׁט צוּם הַארְצְן. ...........כו

קעג אַ מֵיידְל ווִיל טְרֶעפְן אִיר שִׁידוּךְ.......................................לו

קעד אִיךְ בִּין זֵייעֶר מְקַנֵא מַיין שְׁוָואגֶער. ......................................לח

קעה פַארְוָואס הָאט אִיר גֶעגֶעבְן אַן אִינְטֶערְוְויו פַאר דִי פְרֵייעֶ "עָרוּץ שְׁתַּיִם"?... מד

קעו דַארְף מֶען מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין כְּסִדְרָן דַיְקָא?..............................מח

קעז מַיינֶע עֶלְטֶערְן זֶענֶען פַארְנוּמֶען מִיטְ'ן פָאוֹן און הָאבְן נִישְׁט קַיין צַייט פַאר מִיר. ..........................................................נא

קעח חִיזוּק אוֹיף כִּבּוּד אָב וָאֵם.......................................נד

קעט מֶעג מֶען זָאגְן תְּהִלִּים בַּייְנַאכְט? .....................................נז

קפ קֶען מֶען טְרֶעפְן אַן עֶנְטְפֶער אוֹיף אַלֶע שְׁאֵלוֹת אִין "אֲשֶׁר בַּנַּחַל"? ........ ס

קפא מַחֲלוֹקֶת אִין בְּרֶסְלֶב.......................................סד

קפב מֶעג מֶען אוֹיסְרֶעדְן נָאךְ הַמַּפִּיל? .....................................ע

קפג וְוי אַזוֹי קֶען אִיךְ מְכַבֵּד זַיין מַיין טַאטֶע וֶוען אִיךְ קֶען אִים קוֹים? ........ עד

קפד הֵיכָל הַקוֹדֶשׁ אִין בֵּית שֶׁמֶשׁ.......................................עח

קפה עֶס אִיז דָא אַסַאךְ מַחֲלוֹקֶת אִין דִי בֵּית הַמֶּדְרָשׁ וואוּ אִיךְ דַאוֶונְען.........פא

קפו וָואס אִיז דֶער מִנְהָג אִין בְּרֶסְלֶב וֶועגְן נִיטְל? ..................... פה

קפז אִיךְ קֶען נִישְׁט אַסַאךְ הַלָכוֹת.......................................פח

קפח זָאל אִיךְ קוֹיפְן אַ דִירָה מִיט צְוֵויי צִימֶערְן אָדֶער דְרֵיי? ............ צב

קפט מִיר ווִילְן הָאבְּן נָאךְ קִינְדֶער.......................................צג

קצ וְוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זַיין רֵיין פוּן פְּגַם הַבְּרִית?.............................צו

קצא סְגוּלוֹת פַאר אַ מֵיידְל צוּ טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ.............................ק

קצב דַארְף מֶען גֶעבְּן וַואקְסִינֶען פַאר דִי קִינְדֶער? און אוֹיבּ דִי וַוייבּ ווִיל נִישְׁט?....קג

קצג אִיךְ הָאבּ מוֹרָא פוּן אַן עֶלֶעוֶועיטָאר.........................................קח

קצד מַיין שְׁוֶועסְטֶער פִירְט זִיךְ נִישְׁט בִּצְנִיעוּת. ..........................קיא

קצה זָאל מֶען מַאכְן אַ 'דוֹר יְשָׁרִים' טֶעסְט? ..................................קיג

קצו מַיין מַאן דַאוֶוענְט נִישְׁט מִיט מִנְיָן, וָואס קֶען אִיךְ טוּן? ...............קטו

קצז אֵיינֶער שְׁלֶעפְּט מִיר צוּ עֲבֵירוֹת, ווִי אַזוֹי הַאק אִיךְ אָפּ מִיט יֶענֶעם?.....קיט

קצח פַארְוָואס אִינְדֶערפְרִי קֶען אִיךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן און בַּיינַאכְט נִישְׁט?קכה

קצט וואוּ אִיז דִי מְקוֹר אַז רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעהַאט אַ גְלַאטְן הַאלְז? ..........קכט

ר זָאל אִיךְ זַיין דֶער מְחוּתָּן בַּיי מַיין שְׁוֶועגֶערִינְ'ס חֲתוּנָה? ...............קלב

רא מַיין וַוייבּ גֵייט אָנְגֶעטוּן צוּ שְׁטַארְק פְרוּם.................................קלח

רב מֶעג אַ מֵיידְל גֵיין מִיט אַ גִיטַאר אוֹיפְ'ן גַאס?..............................קמג

רג אִיךְ בִּין אַ מֵיידְל און אִיךְ ווִיל שׁוֹין אַ כַּלָּה וֶוערְן. ......................קמד

רד מַיינֶע פְּחָדִים גֵיין שׁוֹין אַוֶועק בָּרוּךְ ה'. ..................................קמז

רה מַיינֶע עֶלְטֶערְן לָאזְן מִיר נִישְׁט הָאבְּן אַ סֶעלְפָאן, וָואס טוּ אִיךְ?......... קנה

רו זָאל אִיךְ גֵיין וַוייסֶע זָאקְן שַׁבָּת, אֲפִילוּ מַיין מַאמֶע ווִיל נִישְׁט? .........קנז

רז קֶען אִיךְ נָאךְ תְּשׁוּבָה טוּן אוֹיף מַיינֶע הַארְבֶּע עֲבֵירוֹת? ..............קס

רח ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט אַזוֹיפִיל קִינְדֶער וָואס אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ ה'?קסג

רט זָאל אִיךְ שִׁיקְן מַיין בָּחוּר צוּ עֶקְטְן אוֹיף אַ פְּלֶעי? .......................קסז

רי מַיין וַוייבּ רֶעדְט זִיךְ אַסַאךְ אָפּ, וָואס זָאג אִיךְ אִיר?..................... קסט

ריא אִיךְ בִּין אַ כַּלָּה, קֶענְט אִיר מִיר גֶעבְּן הַדְרָכוֹת פַארְ'ן נֵייעֶם לֶעבְּן?.......קעד

ריב קֶענְט אִיר מִיר דֶערְצֵיילְן אַבִּיסְל אִיבֶּער מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ?.......קעו

ריג ווִי אַזוֹי אִיז מֶען אַ גוּטֶער בָּחוּר אִין יְשִׁיבָה? ............................קפג

ריד אוֹיבּ וֵויינֶען הָאט נִישְׁט גֶעהָאלְפְן, ווִי אַזוֹי וֶועלְן פָּשׁוּט'עֶ תְּפִילּוֹת הֶעלְפְן? .. קפו

רטו מֶעג מֶען וֵויינֶען און בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּם שַׁבָּת?................קפח

רטז ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ הֶעלְפְן מַיין חַבֵר, וָואס אֵיינֶער ווִיל אִים אַרָאפְּפִירְן פוּן וֶועג. קצ

ריז זָאל אִיךְ זִיךְ אָפְּלָאזְן פוּן מַיין שְׁמוּץ און נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דִי שְׁוֶוערֶע
קָאנְסֶעקְוֶוענְצְן? ..........................................................קצג

ריח מַיין חַבֵר'טֶע אִיז זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, אֶפְשֶׁר קֶענְט אִיר גֶעבְּן אַבִּיסְל חִיזּוּק? ...קצח

ריט מַיינֶע עֶלְטֶערְן רוֹדְפְ'ן מִיר זֵייעֶר אַסַאךְ, וָואס טוּ אִיךְ? .............. רא

רכ אַ שְׁלֶעכְטֶער חָבֵר הָאט גֶע'הַרְג'עֶט מַיין לֶעבְּן. ............................. רז
רכא ווי אַזוֹי קֶען אִיךְ מַאכְן אַז מַיין מַאן זָאל זַיין אִינְדֶערְהֵיים בַּיינַאכְט?..... רטז
רכב וָוען אִיךְ גֵיי נָאךְ צְדָקָה, זָאל אִיךְ זָאגְן אַז אִיךְ גֵיי פַּאר מִיר?........... רכב
רכג מֶעג מֶען פַּייפְן מִיט דִי מוֹיל? ........................................רכו
רכד דַארְף מֶען הָאבְן חוּמְרוֹת אִין שְׁטוּבּ?.........................................רכז
רכה אִיךְ הָאבּ מוֹרָא צוּ הֶערְן שְׁרֶעקֶעדִיגֶע פְּלֶעיס...............................רכט
רכו ווי אַזוֹי לֶערְן אִיךְ מִיט דִי קִינְדֶער בַּיי אָבוֹת וּבָנִים וָוען אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט קַיין גְמָרָא?................................................................רלא
רכז מַיינֶע עֶלְטֶערְן שְׁרַייעֶן צוּפִיל אוֹיף מִיר...........................................רלד
רכח וָואס טוּ אִיךְ אַז מַיין וַוייבּ וויל נָאר הֵיילְן נַאטוּרְלִיךְ?...................רלו
רכט אִיךְ בִּין אַ בָּחוּר וָואס פִילְט נִישְׁט קַיין טַעַם אִין לֶעבְּן, קֶענְט אִיר מִיר הֶעלְפְן?......................................................רלט
רל ווי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ מְחַזֵק זַיין נָאכְ'ן פַארְלִירְן אַ קִינְד?.................רמב
רלא וָוער קֶען מְחַדֵשׁ זַיין חִידוּשִׁים?....................................... רמו
רלב דַארְף מֶען אַוֶּועקְוַוארְפְן דֶעם שֵׂכֶל פַאר אַ צַדִיק? .........................רמח
רלג וָואס אִיז דֶער עִנְיָן פוּן גֵיין שַׁבָּת מִיט וַוייסֶע זָאקְן?................... רנו
רלד מֶען צָאלְט מִיר נִישְׁט מַיין גֶעהַאלְט, וָואס זָאל אִיךְ טוּן?................. רנט
רלה אִיךְ בִּין בָּרוּךְ ה' גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן. .......................................רסב
רלו וָואס קֶען אִיךְ טוּן אַז אִיךְ זָאל וֶוערְן דַאר פַאר מַיין חֲתוּנָה?............רסד
רלז וָואס קֶען אִיךְ טוּן אַז אִיךְ בִּין מְיוּאָשׁ פוּן מַיין לֶעבְּן?...................רסז
רלח וויפִיל מֶעג מֶען טְרִינְקֶען אוּם פּוּרִים?.......................................... ער
רלט וָוען שַׁבָּת קוּמְט אִיז עֶס אַ גַן עֵדֶן אָדֶער אַ גֵיהִנוֹם? ........................רעג
רמ פַארְוָואס בַּאקוּם אִיךְ נִישְׁט קַיין עֶנְטְפֶער אוֹיף מַיינֶע שְׁאֵלוֹת?............רעז
רמא מֶעג זִיךְ אַ מֵיידְל פַארְשְׁטֶעלְן אוּם פּוּרִים?........................................רעח
רמב מֶען טְשֶׁעפֶּעט מִיר, אוּן אִיךְ הָאבּ פְּחָדִים פוּן פֵייעֶר. .........................רפא
רמג אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין שָׁלוֹם בַּיִת אוּן אִיךְ דֶערְטְרוּנְק זִיךְ אִין חוֹבוֹת....... רפג
רמד אִיךְ הַאלְט שׁוֹין נִישְׁט אוֹיס דִי יִסוּרִים, וָוער קֶען מִיר הֶעלְפְן?...........רצב
רמה וֶועגְן בִּרְכַּת הַמַפִּיל, אוּן ווי אַזוֹי רֶעדְט מֶען צוּ קִינְדֶער אִיבֶּער קְדוּשָׁה?.....רחצ
רמו זָאל אִיךְ רֶעדְן מִיט מַיינֶע עֶלְטֶערְן, וָוען דָאס מַאכְט מִיר גְרוֹיס צַעַר? .......שב

רמז וָואס טוּ אִיךְ וֶוען אִיךְ רֶעד מִיט מַיין וַוייבּ אוּן מַיין מַאמֶע רוּפְט אַרַיין? ..... שו

רמח פַארְוָואס הָאט דֶער רֶבִּי גֶעמַאכְט דֶעם נִיגוּן "עוֹז וְהָדָר לְבוּשָׁהּ" בַּיי זַיין טָאכְטֶערְ'ס חֲתוּנָה?........................................................ שט

רמט וִוי אַזוֹי מַאךְ אִיךְ זִיס אוּן פְרֵיילִיךְ דֶעם יוֹם טוֹב?........................ שיא

רנ מֶעג מֶען גֶעבְּן מִילְכִיגְס בַּיי אַ סְעוּדַת בְּרִית? ........................... שיז

רנא וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ בַּארוּאִיגְן דֶעם מַצָּב צוּפְרִי בַּיים צוּגְרֵייטְן דִי קִינְדֶער צוּם בָּאס?...................................................................... שיט

רנב וֶוען וֶועל אִיךְ שׁוֹין טְרֶעפְן מַיין שִׁידוּךְ?.................................. שכד

רנג דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט דֶען אוֹיס תְּפִילוֹת פוּן אַ בַּעַל עֲבֵירָה?........ שכח

רנד וֶוער אִיז דֶער רָשָׁע פוּן יַבְנְאֵל?............................................ שלד

רנה וִוי אַזוֹי רֶעאַגִיר אִיךְ וֶוען אִיךְ הָאבּ אֵיינֶעם גֶעכַאפְּט מְחַלֵל שַׁבָּת זַיין? ..... שלט

רנו אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַלֶעס גֶעטוּן, פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ נָאכְאַלְץ נִישְׁט גֶעטְרָאפְן מַיין שִׁידוּךְ?.................................................................. שמג

רנז פַאלְן מַיינֶע קִינְדֶער אַוֶועק וַוייל אִיךְ בַּאלַאנְג נִישְׁט צוּ אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע חֲסִידוּת? ........................................................................... שמז

רנח אַ כָּשֵׁר'עֶ סְמַארְטְפָאוֹן מִיט אַ פִילְטֶער, וֶועט עֶס שָׁאטְן פַאר מַיינֶע קִינְדֶער? שנב

רנט זָאל אִיךְ מַאכְן מַיין וַוייבּ טוּישְׁן פוּן אַ שֵׁייטְל צוּ אַ טִיכְל?............ שנו

רס וָואס זֶענֶען דִי מִנְהָגִים פוּן פוּרִים? אוּן אַ שְׁאֵלָה וֶועגְן הַפָּצָה. .......... שסא

רסא וָואס טוּט אַ שַׁמָּשׁ אִין אַ בֵּית הַמִדְרָשׁ מִיט דִי פִילֶע גִלְיוֹנוֹת?.......... שסט

רסב זָאל אִיךְ לֶערְנֶען אִין כּוֹלֵל, אָדֶער סְתַּם אִין שׁוּל?........................ שעב

רסג וִוי אַזוֹי וֵוייס אִיךְ וֶוער עֶס אִיז דֶער אֶמֶתְ'עֶר צַדִיק? .................. שעה

רסד אִיךְ הָאבּ נִישְׁט בַּאקוּמֶען דִי רִיכְטִיגֶע הַדְרָכָה פַאר דִי חֲתוּנָה.......... שפו

רסה וִוי אַזוֹי קֶען מֶען זִיךְ גְרֵייטְן פְרֵיילִיכְעֶרְהֵייט צוּם יוֹם טוֹב פֶּסַח?......... שצ

רסו זָאל אִיךְ אוֹיפְגֶעבְּן מַיין סְמַארְטְפָאוֹן? אֲפִילוּ אִיךְ שְׁפִּיר אַז אִיךְ דַארְף עֶס הָאבְּן? ...................................................................... שצו

# קסט

## אִיךְ ווִיל דַוְקָא אַ שִׁידוּךְ פוּן יְשִׁיבָה.

### שְׁאֵלָה:

**לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

עֶס אִיז שׁוֹין צְווֵיי יָאר זַייט אִיךְ אוּן מַיין בְּרוּדֶער הֶערְן אוֹיס דִי שִׁיעוּרִים יֶעדְן טָאג, עֶס שְׁמֶעקְט נִישְׁט צוּ שְׁטַארְק פַאר מַיינֶע עֶלְטֶערְן ווַייל זֵיי ווֵייסְן נִישְׁט וָואס דִי שִׁיעוּרִים זֶענֶען אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעהֶערְט אַסַאךְ לָשׁוֹן הָרָע, אָבֶּער מִיר זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶּה דֶערְמִיט, מִיר שֶׁעפְּן דֶערְפוּן אַזוֹיפִיל עֵצוֹת אוּן חִיזּוּק אִין לֶעבְּן.

לֶעצְטְנְס הָאט מֶען מִיר אָנְגֶעהוֹיבְּן אָנְצוּטְרָאגְן שִׁידוּכִים, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט פַאר מַיין מַאמֶע אַז אִיךְ גֵיי נִישְׁט חַתוּנָה הָאבְּן נָאר מִיט אַ בָּחוּר פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה'ס יְשִׁיבָה, מַיין מַאמֶע הָאט גֶעמֵיינְט אַז אִיךְ בִּין אַרָאפּ פוּן זִינֶען, אִיךְ הָאבּ אִיר גֶעזָאגְט קְלָאר אַז אִיךְ גֵיי נִישְׁט חַתוּנָה הָאבְּן מִיט אַ בָּחוּר וָואס אִיז גֶעזִיצְן ווִי אַ גוֹלֶם זֶעקְס יָאר אִין יְשִׁיבָה, עֶר "הֵייסְט" אַ גוּטֶער בָּחוּר אוּן עֶר גֵייט מִיךְ פַיינִיגְן אַ גַאנְץ לֶעבְּן, אָדֶער סְתָם לֶעבְּן אָן אַ צִיל; מַיין בְּרוּדֶער דֶערְצֵיילְט מִיר פוּנְקְטְלִיךְ וָואס "גוּטֶע" בָּחוּרִים טוּעֶן אִין דִי "גוּטֶע" יְשִׁיבוֹת.

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר אַסַאךְ חַבֵר'טֶעס וָואס הָאבְּן דֶעם זֶעלְבְּן פְּרָאבְּלֶעם, אִין דִי סְקוּל וואוּ אִיךְ גֵיי ווִילְן זֵייעֶר אַסַאךְ עֶרְלִיכֶע מֵיידְלֶעךְ, בְּעִיקָר דִי תּוֹכְן'דִיגֶע מֵיידְלֶעךְ - נָאר חַתוּנָה הָאבְּן מִיט אַ בָּחוּר פוּן אַייעֶר יְשִׁיבָה אָבֶּער דִי עֶלְטֶערְן לָאזְן נִישְׁט. אִיךְ קֶען מִיךְ נִישְׁט זֶען זִיצְן מִיט אַ מַאן וָואס הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין חִינוּךְ, עֶס טוּט זֵייעֶר ווֵיי.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, י"ג טֵבֵת, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן ... תִּחְיֶ'

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

**דִּי** גְּמָרָא דֶּערְצֵיילְט (מוֹעֵד קָטָן יח:): רָבָא הָאט גֶעהֶערְט וִוי אֵיינֶער בֶּעט דֶּעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַ גֶעוִויסֶע שִׁידוּךְ, הָאט אִים רָבָא גֶעזָאגְט: "דָאס אִיז נִישְׁט דִּי רִיכְטִיגֶע וֶועג פוּן בֶּעטְן; מֶען דַארְף בֶּעטְן דֶּעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל טְרֶעפְן דִּי רִיכְטִיגֶע זִיווּג, אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ אוּן אַ גוּט לֶעבְּן, נִישְׁט זִיךְ עַקְשְׁן'ֶען אוּן בֶּעטְן דַוְקָא אוֹיף אַ גֶעוִויסֶע שִׁידוּךְ".

**דֶּער** מִדְרָשׁ זָאגְט (וַיִּקְרָא רַבָּה כט, ח): אוֹיפְ'ן פָּסוּק (תְּהִלִּים סב, י): "אַךְ הֶבֶל בְּנֵי אָדָם כָּזָב בְּנֵי אִישׁ", מֶען קֶען הֶערְן וִוי מֶענְטְשְׁן שְׁמוּעֶסְן צְווִישְׁן זִיךְ אַז דֶּער בָּחוּר וָואלְט גוּט גֶעוֶועןְ פַאר דִּי מֵיידְל, אוּן דִּי מֵיידְל וָואלְט גוּט גֶעוֶועןְ פַאר דֶּעם בָּחוּר, אָבֶּער דֶּער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לַאכְט פוּן זֵיי, וַוייל נָאךְ אֵיידֶער זֵיי זֶענֶען גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן הָאט שׁוֹין דֶּער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צוּגֶעגְרֵייט זֵייעֶר שִׁידוּךְ.

**דֶּער** רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת חִתּוּן, סִימָן ט): "עַל יְדֵי תְּפִלָּה יָכוֹל לְשַׁנּוֹת זִוּוּגוֹ הַנִּכְרָז בַּשָּׁמַיִם", מִיט תְּפִילָה קֶען מֶען אַלֶעס פּוֹעֵל'ן, דֶּערְפַאר דַארְף אַ בָּחוּר אוּן אַ מֵיידְל אַסַאךְ בֶּעטְן דֶּעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זֵיי זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אַ גוּטֶע לֶעבְּן, וַוייל אָן תְּפִילָה קֶען מֶען אַרַיין פַאלְן מִיט אַ שְׁלֶעכְטֶע שִׁידוּךְ, אוּן זִיךְ צוּזַאמְלַיידְן אַ גַאנְץ לֶעבְּן.

**דֶער** עִיקָר דַארְף מֶען קוּקְן אוֹיף גוּטֶע מִידוֹת, וַוייל דֶער עִיקָר פוּנֶעם מֶענְטְש אִיז דִי מִידוֹת; יָא לֶערְנֶען נִישְׁט לֶערְנֶען - דָאס קֶען מֶען זִיךְ טוּישְׁן. מֶען זֶעט זֵייעֶר אַסַאךְ בָּחוּרִים וָואס הָאבְּן פְלַייסִיג גֶעלֶערְנְט אַלְס בָּחוּר, אָבֶּער נָאךְ דִי חֲתוּנָה הָאבְּן זֵיי אִינְגַאנְצְן אָפְּגֶעלָאזְט דָאס לֶערְנֶען, אוּן פַארְקֶערְט אוֹיךְ, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעזֶען אַסַאךְ בָּחוּרִים וָואס הָאבְּן נִישְׁט גֶעלֶערְנְט אַזוֹי פְלַייסִיג אַלְס בָּחוּר, אוּן נָאךְ דִי חֲתוּנָה הָאבְּן זֵיי אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ לֶערְנֶען; זֵיי הָאבְּן גוּט חֲתוּנָה גֶעהַאט, זֵייעֶרֶע וַוייבֶּער הָאבְּן זֵיי מְחַזֵּק גֶעוֶוען צוּ הָאבְּן אַ שִׁיעוּר, צוּ הָאבְּן אַ רָב וְכוּ׳, אוּן זֵיי זֶענֶען אִינְגַאנְצְן נִתְהַפֵּךְ גֶעוָוארְן לַטּוֹב. אָבֶּער מִידוֹת - דָאס אִיז שׁוֹין עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ, דָאס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער פַאר אַ מֶענְטְשׁ זִיךְ צוּ טוּישְׁן; אוֹיבּ הָאט דֶער בָּחוּר נִישְׁט קַיין גוּטֶע מִידוֹת, קוּמְט אַרוֹיס דֶער גַאנְצֶער אֱמֶת נָאכְדֶעם וָואס דִי שֶׁבַע בְּרָכוֹת עֶנְדִיגְט זִיךְ, מֶען טְרֶעפְט זִיךְ מִיט אַ חַיָּה אַרוֹיס פוּן יְשִׁיבָה.

**דֶערְפַאר** דַארְף מֶען אַסַאךְ מִתְפַּלֵּל זַיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן אַ בָּחוּר וָואס הָאט גוּטֶע מִידוֹת אוּן פִירְט זִיךְ מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם, אוּן אַז מֶען בֶּעט, הֶעלְפְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז מֶען הָאט חֲתוּנָה מִיט אַן עֶרְלִיכֶער בָּחוּר מִיט גוּטֶע מִידוֹת, אוּן מֶען הָאט אַ גוּט לֶעבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

**דָאס** וָואס אִיר שְׁרַייבְּט אַז אַסַאךְ מֵיידְלֶעךְ פוּן אַייעֶר סְקוּל ווִילְן חֲתוּנָה הָאבְּן דַוְקָא מִיט בְּרֶסְלֶב׳עֶ בָּחוּרִים; דָאס אִיז מַמָּשׁ אַ רוּחַ הַקוֹדֶשׁ פוּן מוֹהֲרַ״א״שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה. וַוייל

וֶוען מִיר הָאבְּן גֶעעֶפְנְט דִי יְשִׁיבָה פַאר צֶען יָאר צוּרִיק שְׁנַת תשס"ט לִפְרָט קָטָן, הָאבְּן שְׁלֶעכְטֶע מֶענְטְשְׁן אַרוֹיסְגֶעלָאזְט זֵייעֶר אַ שְׁלֶעכְטֶע נָאמֶען אוֹיף דִי יְשִׁיבָה (וָואס מִיר לַיידְן נָאךְ דֶערְפוּן עַד הַיוֹם הַזֶה), דִי שְׁלֶעכְטֶע נָאמֶען הָאט זִיךְ פַארְשְׁפְּרֵייט אִיבֶּערָאל אוּן מִיר הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט קַיין חֲתָנִים אִין יְשִׁיבָה, וַוייל קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט נֶעמֶען אַ בָּחוּר פוּן יְשִׁיבָה צוּלִיבּ דִי לָשׁוֹן הָרָע וָואס דִי בַּעֲלֵי מַחֲלוֹקֶת הָאבְּן אַרוֹיסְגֶעלָאזְט. וֶוען מֶען הָאט אָנְגֶעטְרָאגְן פַאר אֵיינֶעם אַ בָּחוּר אוּן יֶענֶער הָאט גֶעהֶערְט אַז דֶער בָּחוּר לֶערְנְט אִין בְּרֶסְלֶב, הָאט מֶען גְלַייךְ אַרָאפְּגֶעלֵייגְט דֶעם טֶעלֶעפָאן וְכוּ'. אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט צוּ מוֹהֲרָא"ש דֶערְוֶועגְן, וָואס מֶען קֶען טוּן, וָואס וֶועט זַיין מִיט שִׁידוּכִים, הָאט מִיר מוֹהֲרָא"ש גֶעזָאגְט: "הֶער וָואס אִיךְ זָאג דִיר, אוּן שְׁרַייבּ אַרָאפּ וָואס אִיךְ זָאג דִיר; נָאךְ אַבִּיסְל וֶועלְן אַלֶע מֵיידְלֶעךְ נָאר וֶועלְן בָּחוּרִים פוּן דַיין יְשִׁיבָה".

**בִּשְׁעַת** מוֹהֲרָא"ש הָאט מִיר דָאס גֶעזָאגְט הָאט דָאס אוֹיסְגֶעקוּקְט ווִי שֵׁיינֶע חִיזוּק, אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט צוּ מִיר: 'מוֹהֲרָא"ש וִויל מִיר מְחַזֵק זַיין אַז אִיךְ זָאל נִישְׁט זַיין אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן וְכוּ', דֶערְפַאר זָאגְט עֶר מִיר דָאס', אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה הָאט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט אַזוֹי וִוי מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעזָאגְט; נָאךְ אַ שְׁטִיק צַייט הָאט זִיךְ אָנְגֶעפַאנְגֶען רִיקְן שִׁידוּכִים, אוּן חַבְרָא - חַבְרָא אִית לֵיהּ, בָּחוּרִים הָאבְּן אָנְגֶעפַאנְגֶען וֶוערְן חֲתָנִים, אוּן זַייט דֶעמָאלְט הָאט זִיךְ דָאס נִישְׁט אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט.

עֶם הָאט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעוִויזְן אַז דִי וָואס לֶערְנֶען אִין בְּרֶסְלֶב זֶענֶען צוּגֶעגְרֵייט פַאר'ן לֶעבְּן; זֵיי זֶענֶען מְכַבֵּד דִי וַוייבּ, זֵיי זֶענֶען מְכַבֵּד דִי שְׁוֶוער אוּן שְׁוִויגֶער. דִי אַלֶע אִינְגֶעלֵייט וָואס זֶענֶען תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, זֵיי רֶעדְן אֵיידְל, זֵיי קוּקְן נִישְׁט קַיין מָאווִים, זֵיי גֵייעֶן נִישְׁט מִיט חֲבֵרִים פַארְבְּרֶענֶען דִי נֶעכְט, תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ זִיצְן אִין שְׁטוּבּ מִיט דִי וַוייבּ וְכוּ'.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ הֶעלְפְן אִיר זָאלְט טְרֶעפְן אַייעֶר שִׁידוּךְ בְּקָרוֹב אוּן אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַן עֶרְלִיכֶע שְׁטוּבּ, אָמֵן.

## קע

### ווִי אַזוֹי גֶעבְּט מֶען זִיךְ אַן עֵצָה מִיט אַ ווִילְד אִינְגְל?

### שְׁאֵלָה:

**לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

קוֹדֶם כֹּל ווִיל אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר אַייעֶרֶע הֶערְלִיכֶע שִׁיעוּרִים וֶועלְכֶע הֶעלְפְן אוּנְז אַזוֹי שְׁטַארְק אַרוּם אִין לֶעבְּן.

מִיר הָאבְּן גֶעוָואלְט פְרֶעגְן וֶועגְן אוּנְזֶער פִינְף יֶערִיג אִינְגְל. עֶס אִיז אִים זֵייעֶר שְׁוֶוער אַיינְצוּזִיצְן סַיי אִינְדֶערְהֵיים אוּן סַיי אִין חֵדֶר, אוּן אוֹיךְ פְּרוּבִּירְט עֶר צוּ הֶערְשְׁן אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם, אַרַיינְגֶערֶעכְנְט אוֹיף דִי עֶלְטֶערְן. ווִי אַזוֹי קֶענֶען מִיר זִיךְ אַן עֵצָה גֶעבְּן מִיט אִים? מִיר הָאבְּן שׁוֹין פְּרוּבִּירְט אַסַאךְ מִיט גוּטְנְס, אִים צוּ גֶעבְּן בַּאלוֹינוּנְגֶען אוּן דָאס גְלַייכְן וֶוען עֶר אִיז וואוִיל, אָבֶּער גָארְנִישְׁט הָאט גֶעהָאלְפְן.

אויך הָאט עֶר לִיבּ זִיךְ צוּ שְׁפִּילְן מִיט בַּעֲלֵי חַיִים, הָאבְּן מִיר גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אויבּ עֶס אִיז כְּדַאי מִיר זָאלְן אִים שִׁיקְן צוּ אַ פְּלַאץ וואוּ מֶען קֶען שְׁפִּילְן מִיט בַּעֲלֵי חַיִים, וְוי צוּם בֵּיישְׁפִּיל הִינֶער אוּן קַאטְשְׁקֶעס אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן כֹּחַ וַוייטֶער אָנְצוּגֵיין מִיט אַייעֶר הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט.

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, י"ד טֵבֵת, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיווּ.

**עֶלְטֶערְן** וָואס ווילְן זוֹכֶה זַיין צוּ גוּטֶע קִינְדֶער דַארְפְן אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם, גוּטֶע קִינְדֶער קוּמְט נִישְׁט פוּן זִיךְ אַלֵיינְס; מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל ווִיסְן וְוי אַזוֹי צוּ מְחַנֵךְ זַיין דִי קִינְדֶער, וַוייל חִינוּךְ אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קַיין גְרִינְגֶע זַאךְ. חִינוּךְ אִיז זֵייעֶר אַ שְׁוֶוערֶע עֲבוֹדָה, מֶען דַארְף ווִיסְן וויפִיל צוּ זָאגְן אוּן וְוי אַזוֹי צוּ זָאגְן, וְוי שְׁטְרֶענְג מֶען דַארְף גֵיין וְכוּ'; אַז מֶען לֵייגְט אַרַיין כּוֹחוֹת אִין דִי קִינְדֶער, אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַסַאךְ תְּפִילָה, שְׁנַיידְט מֶען שְׁפֶּעטֶער שֵׁיינֶע פֵּירוֹת.

**דָאס** וָואס אִיר שְׁרַייבְּט: 'וויפִיל מִיר פְּרוּבִּירְן צוּ גֵיין מִיט גוּטְנְס וְכוּ' גֵייט עֶס נִישְׁט'; אַסַאךְ מָאל, וַוייל מֶען

גֶעבְּט אַסַאךְ גוּטְס, דַוְקָא דָאס אִיז דִי סִיבָּה פַארְוָואס עֶס גֵייט נִישְׁט. מֶען דַארְף מְחַנֵךְ זַיין דִי קִינְדֶער וֶוען זֵיי זֶענֶען יוּנְג - צוּ פָאלְגְן, וֶוען אַ קִינְד פָאלְגְט וָואס מֶען הֵייסְט אִים, קוּמְט אִים נָאךְ נִישְׁט דִי וֶועלְט פַאר דֶעם; וֶוען אַ קִינְד עֶסְט אוֹיף דִי נַאכְטְמָאל אָדֶער נֶעמְט צוּזַאמֶען דִי שְׁפִּילְצֵייג וְכוּ' קוּמְט אִים נָאךְ נִישְׁט פַאר דֶעם אַ בַּאלוֹינוּנְג, אַ קִינְד דַארְף מֶען מְחַנֵךְ זַיין צוּ פָאלְגְן טַאטֶע מַאמֶע, וַוייל מֶען דַארְף פָאלְגְן, עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין: 'אוֹיבּ וֶועסְטוּ פָאלְגְן...' אָדֶער: 'אוֹיבּ וֶועסְטוּ נִישְׁט פָאלְגְן...'

עֶס אִיז נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם אִים צוּ טְרָאגְן זֶען בַּעֲלֵי חַיִים וְכוּ'; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (תַּעֲנִית כד.): עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אַ טְרוּקֶענִיש - עֶס הָאט נִישְׁט גֶערֶעגְנְט פַאר אַ לַאנְגֶע צַייט, אַ פָּשׁוּט'עֶר אִיד אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם עָמוּד אוּן גְלַייךְ וֶוען עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "מַשִּׁיב הָרוּחַ, וּמוֹרִיד הַגֶּשֶׁם" - הָאט אָנְגֶעפַאנְגֶען גֵיין אַ גָאס רֶעגְן, הָאט מֶען אִים גֶעפְרֶעגְט: "וָואס זֶענֶען דִי גוּטֶע מַעֲשִׂים וָואס דוּ טוּסְט?" הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ בִּין אַ מְלַמֵד דַרְדְקֵי - אִיךְ לֶערְן מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אוּן אִיךְ מַאךְ נִישְׁט קַיין חִילוּק פוּן אַ קִינְד וָואס דֶער טַאטֶע צָאלְט מִיר גֶעלְט אַז אִיךְ זָאל לֶערְנֶען מִיט אִים, אָדֶער אַ קִינְד וָואס דֶער טַאטֶע צָאלְט מִיר נִישְׁט; נָאךְ אַ מִנְהָג הָאבּ אִיךְ, אַז וֶוען אִיךְ זֶע אַ קִינְד וָואס וִויל נִישְׁט לֶערְנֶען, בִּין אִיךְ אִים מְשַׁחֵד. אִיךְ הָאבּ אִין שְׁטוּבּ אַ פִּישׁ טַאנְק, אוּן אִיךְ רֶעד אִים צוּ אַז אוֹיבּ עֶר וֶועט לֶערְנֶען וֶועל אִיךְ אִים וַוייזְן דִי פִּישֶׁעלֶעךְ, בִּיז עֶר הוֹיבְּט אָן לֶערְנֶען". זֶעט

מֶען פוּן דֶעם אַז אַסַאךְ מָאל דַארְף מֶען מְשַׁחֵד זַיין קִינְדֶער מִיט בַּעֲלֵי חַיִים וְכוּ' זֵיי זָאלְן לֶערְנֶען פְלַייסִיג.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## קעא

### אִיךְ בִּין צוּגֶעבִּינְדְן צוּ קוֹיפְן אַסַאךְ לַאטֶערִיעֶס

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ אַ גְרוֹיסֶע פְּרָאבְּלֶעם וָואס אִיךְ קֶען נִישְׁט אַרוֹיסְגֵיין דֶערְפוּן, יֶעדֶעס מָאל וֶוען אִיךְ גֵיי אַרַיין אִין אַ גֶעז סְטֶעיִשְׁן צִיט מִיר צוּ קוֹיפְן לַאטֶערִים. אִין אִיךְ גֶעבּ אַוֶועק אַ גְרוֹיס חֵלֶק פוּן מַיין גֶעלְט פַאר דֶעם.

יֶעדֶעס מָאל טְרַאכְט אִיךְ אַז יֶעצְט וֶועל אִיךְ גֶעווינֶען אַסַאךְ גֶעלְט אוּן מֶער נִישְׁט דַארְפְן אַרְבֵּייטְן שְׁוֶוער. אוּן יֶעדֶעס מָאל וָואס אִיךְ גֶעווין נִישְׁט הָאבּ אִיךְ חֲרָטָה פַארְ'ן אוֹיסְגֶעבְּן גֶעלְט, אוּן אַזוֹי גֵייט עֶס יֶעדֶעס מָאל.

אִיךְ זֶע אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה גֶעבְּט עֵצוֹת אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ, אֶפְשָׁר אִיז דָא אַ גְרִינְגֶע עֵצָה פַאר דֶעם אוֹיךְ? אִיךְ לֵיין כִּמְעַט יֶעדְן טָאג דִי בְּרִיוְון אוֹיף דִי וֶועבְּסֵייט אוּן עֶס אִיז מִיר מוֹרָא'דִיג מְחַיֶה.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת שְׁמוֹת, ט"ז טֵבֵת, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**דֶער** גַאנְצֶער שְׁפִּיל פוּן לַאטֶערִים אִיז אַ שְׁטִיק בְּלָאף, זֵיי מַאכְן מֶען זָאל גֶעווִינֶען דָא אוּן דָארְט אַבִּיסְל גֶעלְט, אַלְץ נָאר אַז מֶענְטְשְׁן זָאל וֶוערְן מֶער אַרַיין גֶעשְׁלֶעפְּט אִין דֶעם.

**דֶער** רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רפד): דֶער יֵצֶר הָרָע מַאכְט אַמָאל אֵיינֶער זָאל רַייךְ וֶוערְן דוּרְךְ עֶפֶּעס אַ וֶועג וְכוּ', אוּן מֶען מַאכְט אַ גַאנְצֶע עֵסֶק פוּן דֶעם, אַלֶע מֶענְטְשְׁן רֶעדְן פוּן דֶעם אוּן מֶען אִיז אִים מְקַנֵא, אָבֶער דָאס אִיז אַלֶעס אַ שְׁפִּיל פוּנֶעם סַמֶ"ךְ מֶ"ם צוּ פַארְדְרֵייעֶן דֶעם קָאפּ פוּן מֶענְטְשְׁן. דֶער רֶבִּי פִירְט אוֹיס דִי שִׂיחָה מִיט דִי וֶוערְטֶער: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אוּנְז אַלֶע אָפְּהִיטְן מִיר זָאלְן נִישְׁט פַארְדְרֵייט וֶוערְן פוּן דֶעם".

**דִי** אַלֶע וָואס וֶוערְן נֶעבֶּעךְ אַרַיין גֶעשְׁלֶעפְּט אִין גֶעמְבְּלִינְג וֶוערְן זֵייעֶר גְרוֹיסֶע אָרֶעמֶעלַייט, אוּן בַּיים סוֹף בְּלַייבְּן זֵיי גְרוֹיסֶע קַבְּצָנִים. קוֹדֶם פַארְלִירְט מֶען דִי גֶעלְט, אוּן נָאכְדֶעם פַארְלִירְט מֶען נֶעבֶּעךְ דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער.

**גֶעמְבְּלִינְג** אִיז אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע טוֹיט שְׁפִּיל; אִין אָנְהוֹיבּ וַוייזְט מֶען פַארְ'ן מֶענְטְשׁ כְּאִילוּ עֶר פַארְדִינְט גֶעלְט, אָבֶער צוּם סוֹף וֶוערְט מֶען נֶעבֶּעךְ אַ בְּלוּטִיגֶער אָרֶעמַאן; עֶס אִיז אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע מַחֲלָה וָואס אֵיינְמָאל מֶען פַאלְט אַרַיין

אִין דֶעם אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער אַרוֹיסְצוּקְרִיכְן דֶערְפוּן. וַוייל יֶעדֶעם מָאל טְרַאכְט מֶען: 'יֶעצְט גֵיי אִיךְ פַארְדִינֶען', 'דָאס מָאל וֶועל אִיךְ שׁוֹין טַאקֶע רַייךְ וֶוערְן', וָואס בֶּאֱמֶת אִיז דָאס אַ נֶעץ וָואס כַאפְּט אַרַיין דֶעם מֶענְטְשׁ טִיפֶער אוּן טִיפֶער.

דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז דוּ דַארְפְסְט אַן עֵצָה נִישְׁט צוּ קוֹיפְן מֶער קַיין לַאטֶערִים, עֶס זֶעט דִיר אוֹיס וִוי דוּ קֶענְסְט נִישְׁט אַרוֹיסְקְרִיכְן דֶערְפוּן, וַוייל יֶעדֶעם מָאל זָאגְסְטוּ צוּ זִיךְ אַז דוּ גֵייסְט מֶער נִישְׁט קוֹיפְן וְכוּ', אָבֶער לְמַעֲשֶׂה קוֹיפְסְטוּ דָאס וַוייטֶער; וְויסְן זָאלְסְטוּ אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט אַ בְּחִירָה, אוּן פוּן יֶעדֶע שְׁלֶעכְטֶע גֶעווֹאוֹינְהֵייט קֶען מֶען אַרוֹיסְגֵיין.

אַ אִיד אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן פְרֶעגְן וִוי אַזוֹי עֶס קֶען זַיין אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ בְּחִירָה; אוֹיבּ מֶען אִיז צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים וִוי אִיז שַׁיָיךְ צוּ זָאגְן פַארְ'ן מֶענְטְשׁ: "דוּ הָאסְט אַ בְּחִירָה"? עֶס אִיז דָאךְ אוּמְמֶעגְלִיךְ זִיךְ אָפְּצוּשֵׁיידְן פוּן אַ גֶעווֹאוֹינְהֵייט וָואס מֶען הָאט זִיךְ צוּגֶעווֹאוֹינְט צוּ טוּן! הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן קי): "עֶס אִיז זֵייעֶר פָּשׁוּט צוּ פַארְשְׁטֵיין דֶער עִנְיָן פוּן בְּחִירָה; אוֹיבּ מֶען וִויל טוּט מֶען עֶס, אוּן אַז מֶען וִויל נִישְׁט טוּט מֶען נִישְׁט"; שְׁרַייבְּט רֶבִּי נָתָן (שָׁם): "אִיךְ הָאבּ מִיר פַארְצֵייכְנְט וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט, וַוייל זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זִיךְ טוֹעֶה אִין דֶעם, זֵיי פְרֶעגְן דִי קַשְׁיָא: 'וִוי אִיז שַׁיָיךְ צוּ זָאגְן אַז אִיךְ הָאבּ אַ בְּחִירָה, וֶוען אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט אָפְּשֵׁיידְן פוּן מַיין גֶעווֹאוֹינְהֵייט וָואס

אִיךְ הָאב זִיךְ צוּגֶעוואוֹינְט צוּ טוּן?׳ דֶערְפַאר מֵיינֶען זֵיי אַז עֶס אִיז טַאקֶע אוּמְמֶעגְלִיךְ אַרוֹיסְצוּקְרִיכְן פוּן דֶעם, אָבֶער בֶּאֱמֶת אִיז נִישְׁט אַזוֹי, נָאר יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט שְׁטֶענְדִיג אַ בְּחִירָה אוּן קֶען אוֹיפְהֶערְן טוּן שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים״.

**בֶּעט** דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ זָאלְסְט פָּטוּר וֶוערְן פוּן דִי מַחְלָה; תְּפִילָה הָאט אַזאַ כֹּחַ אַז דוּרְךְ תְּפִילָה קֶען מֶען אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן יֶעדֶע סָארְט זוּמְפּ וואוּ מֶען אִיז אַרַיין גֶעפַאלְן, אוּן מִיט תְּפִילָה קֶען מֶען אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע שְׁטַארְקֶע תַּאֲוֹות רָעוֹת (עֶדִיקְשְׁנְס).

**אִיךְ** שְׁרַייבּ דִיר דָא אַ קְלֵיינֶע תְּפִילָה וָואס דוּ זָאלְסְט בֶּעטְן יֶעדְן טָאג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועסְטוּ זִיכֶער אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן דֶעם:

״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הָאבּ אוֹיף מִיר רַחְמָנוּת, אִיךְ בִּין אַרַיין גֶעפַאלְן אִין אַ גֶעפֶערְלִיכֶע תַּאֲוָה פוּן גֶעמְבְּלֶען, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, אִיךְ קֶען מִיר נִישְׁט זֶען אַרוֹיס קְרִיכְן פוּן דֶעם, אִיךְ אַלֵיין וֵוייס אַז דָאס אִיז נִישְׁט גוּט פַאר מִיר, דָאס נֶעמְט מִיר אַוֶועק מַיין גֶעלְט, דָאס צֶעבְּרֶעכְט מַיין מִשְׁפָּחָה. יֶעדְן טָאג מַאךְ אִיךְ אָפּ אַז אִיךְ גֵיי מֶער נִישְׁט קוֹיפְן קַיין לַאטֶערִים, אָבֶער נָאכְדֶעם גֵיי אִיךְ צוּרִיק צוּ מַיינֶע אַלְטֶע מַעֲשִׂים. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְן שֵׂכֶל צוּ ווִיסְן אַז דָאס אִיז נִישְׁט גוּט פַאר מִיר, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל טְרֶעפְן אַן עֵצָה אַרוֹיס צוּ קְרִיכְן פוּן דִי נַארִישֶׁע תַּאֲוָה.

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען פוּן דִיר, אִיךְ זָאל גְלֵייבְּן בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵימָה אַז גֶעלְט קוּמְט נָאר פוּן דִיר, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (חַגַּי ב, ח): 'לִי הַכֶּסֶף וְלִי הַזָּהָב, נְאֻם ה' צְבָאוֹת', דִי גַאנְצֶע גֶעלְט קוּמְט פוּן דִיר; הֶעלְף מִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז אִיךְ זָאל מִיךְ נִישְׁט אַיינֶרעדְן פַאר קַיין אֵיין רֶגַע אַז אִיךְ קֶען רַייךְ וֶוערְן פוּן דִי נַארִישֶׁע תַּאֲוָה; הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל נִישְׁט פַארְגֶעסְן פוּן דִיר, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל אַרַיין כַאפְּן יֶעדְן טָאג אַפָּאר פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, וָואס נָאר דָאס וֶועט אִיבֶּער בְּלַייבְּן פוּן מִיר, אָמֵן".

אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט אָנְנֶעמֶען דִי וֶוערְטֶער וָואס אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר אוּן דוּ וֶועסְט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג, אַזוֹי וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַ גֶעזוּנְטֶער מֶענְטְשׁ אוּן טוּן נָאר קְלוּגֶע זַאכְן. דוּ וֶועסְט הָאבְּן שֵׂכֶל עֶנְדֶערְשׁ צוּ גֶעבְּן דִי פָּאר דָאלְלֶער פַאר דַיין וַוייבּ וְכוּ', אוּן עֶס וֶועט דִיר גוּט זַיין בָּזֶה וּבְבָא.

## קעב

**מַיין מַאן אִיז אַ מֵפִיץ אוּן דָאס אִיז מִיר נִישְׁט צוּם הַארְצְן.**

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי שֵׁיינֶע שִׁיעוּרִים אוּן חִיזּוּק וָואס אִיךְ הֶער יֶעדְן טָאג פוּן אַייךְ בַּיי דִי שִׁיעוּרִים אוֹיפְ'ן טֶעלֶעפָאן, עֶס גֶעבְּט אוּנְז צוּ

גָאר פִיל צוּם לֶעבְּן, סַיי פַאר מִיר אוּן סַיי פַאר מַיין מַאן אוּן קִינְדֶער, אֲפִילוּ דִי גָאר קְלֵיינֶע קִינְדֶער וֵוייסְן שׁוֹין צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדֶע קְלֵיינֶע זַאךְ וָואס זֵיי דַארְפְן.

אַזוֹי ווִי מַיין מַאן אִיז אַ מֵפִיץ, הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶעוָואלְט דוּרְכְשְׁמוּעֶסְן מִיט אַייךְ אִיבֶּער עֶטְלִיכֶע זַאכְן וָואס שְׁטֶערְט מִיר וֶועגְן הַפָּצָה.

קוֹדֶם דִי גַאנְצֶע זַאךְ פוּן הַפָּצָה לֵייגְט זִיךְ מִיר נִישְׁט אוֹיפְ'ן שֵׂכֶל, אִיךְ קֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין ווִי אַזוֹי מֶען קֶען טוּן אַזַא זַאךְ; צוּ לֶעבְּן אוֹיף צְדָקָה וָואס מֶענְטְשְׁן גֶעבְּן, אוּן דָאס הֵייסְט נָאךְ אַן אַרְבֶּעט?

אִיךְ קוּם פוּן אַ שְׁטוּב וואו מֶען הָאלְט זֵייעֶר שְׁטַארְק קֶעגְן מוֹהֲרָא"שׁ, מִיר טָארְן זֵיי אֲפִילוּ נִישְׁט דֶערְצֵיילְן וָואס מַיין מַאן טוּט, אוּן דֶערִיבֶּער קֶען אִיךְ נִישְׁט הָאבְּן קֵיין חִיזוּק פוּן מַיינֶע עֶלְטֶערְן אִיבֶּער דֶעם.

אוֹיךְ שְׁטֶערְט מִיר זֵייעֶר וֶוען דָאס גֵייט אִיבֶּער דִי גְרֶענִיצְן, וֶוען הַפָּצָה גֵייט אוֹיפְ'ן חֶשְׁבּוֹן פוּן אַנְדֶערֶע ווִיכְטִיגֶע זַאכְן, צוּם בֵּיישְׁפִּיל וֶוען מֶען גֵייט אַרוֹיס אִינְדֶערְפְרִי אִין אַ פְרַייטָאג, עֶרֶב יוֹם טוֹב, אָדֶער חוֹל הַמוֹעֵד, אוּן מֶען קוּמְט צוּרִיק מַמָשׁ בַּיים זְמַן, אוּן דָאס שְׁטֶערְט אוֹיךְ זֵייעֶר פַאר דִי חִינוּךְ פוּן דִי קִינְדֶער (זֵיי טָארְן אוֹיךְ נִישְׁט ווִיסְן וואו טַאטִי אִיז, אַז זֵיי זָאלְן דָאס נִישְׁט אִיבֶּערְדֶערְצֵיילְן פַאר אַנְדֶערֶע קִינְדֶער).

אִיךְ הָאף אַז אִיר וֶועט מִיר קֶענֶען מְחַזֵק זַיין אוּן אוֹיסְלֶערְנֶען ווִי אַזוֹי אָנְצוּנֶעמֶען דִי גַאנְצֶע זַאךְ פוּן הַפָּצָה וָואס אִיז זֵייעֶר פְרֶעמְד פַאר מִיר אוּן עֶס שְׁטֶערְט מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק.

אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן וֶועגְן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, כָּאטְשׁ וָואס ווִי גֶעזָאגְט אִיז אוּנְזֶער גַאנְצֶע שְׁטוּב גֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף תְּפִלָה, יֶעדֶער אֵיינֶער פוּן קְלֵיין בִּיז גְרוֹיס רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער עֶס מַאכְט זִיךְ אַסַאךְ זַאכְן וָואס אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן שׁוֹין זֵייעֶר לַאנְג אוּן אִיךְ בִּין נָאכְנִישְׁט גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן, אוּן דָאס בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין מִיר אַ יֵאוּשׁ אַז אִיךְ זָאל אוֹיפְהֶערְן צוּ בֶּעטְן, וָואס קֶען אִיךְ טוּן דֶערְצוּ?

דֶער בַּאשֶׁעפֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן וַוייטֶער כֹּחַ און מֹחַ צוּ קֶענֶען אָנְגֵיין מִיט אַייעֶר הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט צוּ מְחַזֵּק זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער, און אִיר זָאלְט הָאבְּן אַלֶעס גוּטְס וָואס אִיר דַארְפְט.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת שְׁמוֹת, ט"ז טֵבֵת, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.**

**זַייטְס מִיר מוֹחֵל אַז אִיךְ הָאבּ אַייךְ נִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט אַ לַאנְגֶע צַייט, זַייטְס מִיר דָן לְכַף זְכוּת; אִיךְ בִּין זֵייעֶר פַארְנוּמֶען מִיט דִי יְשִׁיבָה, תַּלְמוּד תּוֹרָה און מֵיידְל שׁוּלֶע, אַלֶעס לִיגְט אוֹיף מַיין קָאפּ.**

**אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען אַייעֶר בְּרִיוו עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן; וֶוען אִיךְ בִּין אַהֵיים גֶעקוּמֶען הָאבּ אִיךְ גֶעדַארְפְט מְסַדֵּר זַיין דִי יְשִׁיבָה, תַּלְמוּד תּוֹרָה, מֵיידְל סְקוּל וְכוּ', פַאר'ן קוּמֶענְדִיגְן יָאר, דֶערִיבֶּער אִיז עֶס אָפְּגֶעשְׁטוּפְּט גֶעוָוארְן בִּיז יֶעצְט.**

**קוֹדֶם וויל אִיךְ אַייךְ מְחַזֵּק זַיין, אִיר זָאלְט וויסְן אַז אִיךְ בִּין פָּשׁוּט מְקַנֵּא אַייעֶר מַאן ווי עֶר אִיז זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ מִיט אַן אוֹיסְטֶערְלִישְׁן מְסִירוּת נֶפֶשׁ צוּ פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט; עֶס אִיז נִישְׁט דָא קֵיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן ווי אֵיינֶער וָואס אִיז עוֹסֵק אִין צוּרִיק בְּרֶענְגֶען מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.**

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בָּבָא מְצִיעָא פה.) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (יִרְמְיָהוּ טו, יט): "וְאִם תּוֹצִיא יָקָר מִזּוֹלֵל - כְּפִי תִהְיֶה", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ בְּרֶענְגְט צוּרִיק מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - "אֲפִילוּ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא גּוֹזֵר גְזֵירָה, מְבַטְּלָהּ בִּשְׁבִילוֹ", אֲפִילוּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין מַאכְט אַ גְזֵירָה, אִיז עֶר עֶס מְבַטֵּל צוּלִיבּ דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס בְּרֶענְגְט צוּרִיק אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף וֶועל אִיךְ אַייךְ עֶנְטְפֶערְן אוֹיף יֶעדֶע אֵיינְצִיגְסְטֶע שְׁאֵלָה וָואס אִיר פְּרֶעגְט:

**א.** אִיר שְׁרַייבְּט אַז עֶס לֵייגְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף אַייעֶר שֵׂכֶל דִי גַאנְצֶע זַאךְ פוּן הַפָּצָה אוּן לֶעבְּן אוֹיף צְדָקָה וָואס מֶענְטְשְׁן גֶעבְּן וְכוּ'; אִיךְ וִויל אַייךְ פְּרֶעגְן, וִוי אַזוֹי קוּקְט אִיר אָן אַן הַצָּלָה מַאן, אַז מֶען זֶעט אִינְגֶעלַייט לוֹיפְן טָאג אוּן נַאכְט, זוּמֶער אוּן וִוינְטֶער צוּ רַאטֶעוֶוען אִידְן; אַלֶע קוּקְן אַרוֹיף אַזַא אֵיינֶעם, וָואס הֵייסְט, עֶר גֶעבְּט אַוֶועק זַיין צַייט, גֶעלְט, עֶסְן אוּן שְׁלָאפְן - אַבִּי צוּ רַאטֶעוֶוען אַ אִיד, קֵיינֶער קוּקְט זַיי נִישְׁט אָן וִוי אַ שְׁנָארֶער וְכוּ', דָאס זֶעלְבֶּע - אוּן נָאךְ אַסַאךְ מֶער - אִיז אַ מֵפִיץ; עֶר גֶעבְּט אַוֶועק זַיין לֶעבְּן, זַיין נָאמֶען וְכוּ', אַבִּי אַז נָאךְ אַ אִיד זָאל הָאבְּן אַ לֶעבְּן, נָאךְ אַ אִיד זָאל וִויסְן אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דִי וֶועלְט, נָאךְ אַ אִיד זָאל הָאבְּן שְׁלוֹם בַּיִת, עֶר גֵייט פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי אֱמוּנָה בַּיי אִידִישֶׁע קִינְדֶער; וָואס זָאל אִיךְ אַייךְ זָאגְן, קַיין גְרֶעסֶערְס פוּן דֶעם אִיז נִישְׁט פַארְהַאן.

קוּקְט וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידּוֹת, אוֹת תְּשׁוּבָה, סִימָן כד): "הַמַּחֲזִיר בְּנֵי אָדָם בִּתְשׁוּבָה, זוֹכֶה וְיוֹשֵׁב בִּישִׁיבָה שֶׁל מַעְלָה, וְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מְבַטֵּל הַגְּזֵרָה בִּשְׁבִילוֹ", אַ מֶענְטְשׁ וָואס בְּרֶענְגְט צוּרִיק אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז זוֹכֶה צוּ זִיצְן אוֹיבְן אִין הִימְל אִין דִי יְשִׁיבָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אִין זַיין זְכוּת אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מְבַטֵּל אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע גְזֵירוֹת.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סַנְהֶדְרִין לז.): "כָּל הַמְקַיֵּים נֶפֶשׁ אַחַת מִיִּשְׂרָאֵל, מַעֲלֶה עָלָיו הַכָּתוּב כְּאִילוּ קִיֵּים עוֹלָם מָלֵא"; דָאס אִיז בְּגַשְׁמִיּוּת, כָּל שֶׁכֵּן בְּרוּחָנִיּוּת - אַז מֶען בְּרֶענְגְט צוּרִיק אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז שׁוֹין אִינְגַאנְצְן מְיוּאָשׁ בַּיי זִיךְ אוּן מֶען שַׁיינְט אַרַיין אִין אִים אַז עֶר הָאט נָאךְ אַ תִּקְוָה אוּן אַ הָאפֶענוּנְג, אִיז דָאךְ זִיכֶער - כְּאִילוּ קִיֵּים עוֹלָם מָלֵא.

וְוִי לַאנְג אִיז דֶען דִי גַאנְצֶע לֶעבְּן פוּן אַ מֶענְטְשׁ? אוּנְזֶערֶע טֶעג זֶענֶען צוּגֶעגְלִיכְן "כְּצֵל עוֹבֵר", וְוִי אַ שָׁאטְן וָואס גֵייט פַארְבַּיי. עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אַ טָאג נָאךְ אַ טָאג, אַ וָואךְ נָאךְ אַ וָואךְ, אַ חוֹדֶשׁ נָאךְ אַ חוֹדֶשׁ; דִי יָארְן פְלִיעֶן אַוֶועק זֵייעֶר פְלִינְק אוּן מֶען גֵייט שׁוֹין בַּאלְד צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה צו, ב): דִי יָארְן פוּן אַ מֶענְטְשׁ גֵייעֶן נִישְׁט דוּרְךְ אַזוֹי שְׁנֶעל וְוִי אַ שָׁאטְן פוּן אַ וַואנְט, אוּן נִישְׁט וְוִי דֶער שָׁאטְן פוּן אַ בּוֹים, נָאר וְוִי אַ שָׁאטְן פוּן אַ פֵייגְל וָואס פְלִיהְט; וָואס וֶועלְן מִיר מִיט נֶעמֶען מִיט אוּנְז? נָאר דָאס בִּיסְל וָואס מִיר הָאבְּן אַוֶועק גֶעגֶעבְּן פוּן אוּנְז פַאר אַ צְוֵוייטְן אִיד, נָאר דָאס בִּיסְל וָואס מִיר הָאבְּן אַרַיין גֶעבְּרֶענְגְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

דִי אַלֶע וָואס זֶענֶען עוֹסֵק אִין הַפָּצָה, זֵיי זֶענֶען מֵפִיץ אִין דִי הַייזֶער, אִין שׁוּלְן אוּן אִין אָפִיסֶעס, אוּן זֶענֶען מְזַכֶּה אִידִישֶׁע קִינְדֶער תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, זֵיי זֶענֶען נִישְׁט קַיין שְׁנָארֶערְס, זֵיי זֶענֶען נִישְׁט קַיין מְקַבְּלִים, נָאר דִי זֶענֶען מַשְׁפִּיעִים, זֵיי גֶעבְּן פַאר מֶענְטְשְׁן לֶעבְּן, זֵיי גֶעבְּן פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער שֵׂכֶל; דָאס הֵייסְט נִישְׁט אַז מֶען לֶעבְּט פוּן צְדָקָה גֶעלְט.

**וזאוֹיל** אִיז אַייךְ אוּן וואוֹיל אִיז אַייעֶר חֵלֶק אַז אִיר פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן; דֶער רֶבִּי הוֹיבְּט אָן דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם חִגֵּר (סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ג): "מַעֲשֶׂה, אַמָאל אִיז גֶעוֶוען אַ חָכָם, פַאר זַיין טוֹיט הָאט עֶר גֶערוּפְן זַיינֶע קִינְדֶער אוּן זַיין מִשְׁפָּחָה, אוּן הָאט זֵיי גֶעלָאזְט צַוָואָה אַז זֵיי זָאלְן 'אָנְטְרִינְקֶען בֵּיימֶער'; אִיר מֶעגְט עוֹסֵק זַיין אִין אַנְדֶערֶע פַּרְנָסוֹת אוֹיךְ, נָאר דָאס זָאלְט אִיר זֶען שְׁטֶענְדִיג צוּ טוּן: 'אָנְטְרִינְקֶען בֵּיימֶער'"; מוֹהֲרָא"שׁ אִיז מַסְבִּיר (סֵפֶר נַהֲרֵי אֲפַרְסְמוֹן) אַז דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף מְקָרֵב זַיין מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל אַ מֶענְטְשׁ אִיז צוּגֶעגְלִיכְן צוּ אַ בּוֹים, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (דְבָרִים כ, יט): "כִּי הָאָדָם עֵץ הַשָּׂדֶה", אוּן מֶען דַארְף עֶס אָנְטְרִינְקֶען מִיט אֱמוּנָה.

**אִיךְ** וִויל אַייךְ פְרֶעגְן, אִיר אַלֵיינְס שְׁרַייבְּט מִיר אַ גַאנְצֶע מְגִילָה וִוי שְׁטַארְק אִיר זֶענְט זִיךְ מְחַיֶה מִיט דִי שִׁיעוּרִים פוּן יְשִׁיבָה וְכוּ'; דִי שִׁיעוּרִים הָאבְּן גֶעטוֹישְׁט אַייעֶר לֶעבְּן, אַייעֶר גַאנְצֶער בְּלִיק אוֹיפְ'ן לֶעבְּן וְכוּ'; פוּן וואוּ נֶעמֶען מִיר דִי תּוֹכְן וָואס מִיר זָאגְן בַּיי דִי שִׁיעוּרִים? פַאר וֶועם קוּמְט

דָאס צוּ פַארְדַאנְקֶען, אוֹיבּ נִישְׁט פַאר דֶעם גְרוֹיסְן מֵפִּיץ רֶבִּי ... נֵרוֹ יָאִיר. פַאר פוּפְצְן יָאר צוּרִיק, שְׁנַת תשס"ד לִפְרָט קָטָן הָאט עֶר מִיךְ בַּאגֶעגְנְט אִין אַ בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אוּן עֶר הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן אַ קְלֵיין סֶפֶר'ל: "אֲשֶׁר בַּנַּחַל", דָאס הָאט גֶעטוֹיִשְׁט מַיין לֶעבְּן, אוּן דָאס הָאט גֶעטוֹיִשְׁט זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁנְ'ס לֶעבְּנְ'ס, וַוייל אַזוֹי וִוי אִיר שְׁרַייבְּט מִיר אַז אַייעֶר לֶעבְּן הָאט זִיךְ גֶעבִּיטְן, אַזוֹי בַּאקוּם אִיךְ יֶעדְן טָאג בְּרִיוו וִוי מֶענְטְשְׁן שְׁרַייבְּן אַז זֵייעֶר לֶעבְּן הָאט זִיךְ גֶעטוֹיִשְׁט צוּם גוּטְן. וָואס אִיז דֶער מֵפִּיץ וָואס הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן דֶעם סֶפֶר "אֲשֶׁר בַּנַּחַל", וִוי אַזוֹי דַארְף זַיין מַיין בְּלִיק אוֹיף דֶעם אִיד? אַז עֶר אִיז אַ שְׁנָארֶער, אַ בַּטְלָן, אָדֶער גָאר אַ מַלְאָךְ, אַ צַדִּיק אוּן אַ בַּעַל מְסִירוּת נֶפֶשׁ...

**ב.** אִיר שְׁרַייבְּט אַז אִיר קוּמְט פוּן אַ שְׁטוּב וָואס מֶען אִיז קֶעגְן מוֹהֲרָא"שׁ וְכוּ' אוּן אִיר דַארְפְּט בַּאהַאלְטְן דִי גַאנְצֶע זַאךְ פוּן הַפָּצָה וְכוּ'; אִיר דַארְפְּט זִיךְ פְרֵייעֶן אַז אִיר הָאט אַ מַאן וָואס פִּירְט זִיךְ אוֹיף מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם, אַ מַאן וָואס גֵייט אִין שׁוּל דַאוֶועגֶען דְרֵיי מָאל אַ טָאג, אַ מַאן וָואס פַארְפֶעלְט נִישְׁט צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. עֶס דַארְף אַייךְ נִישְׁט שְׁטֶערְן וָואס דִי מִשְׁפָּחָה זָאגְט, אִיר דַארְפְּט זֶען אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע מִשְׁפָּחָה, אוּן אַז אִיר וֶועט זִיךְ פַארְטְרָאגְן מִיט אַייעֶר מַאן, אִיר וֶועט זִיךְ מְכַבֵּד זַיין אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן, וֶועט אִיר הָאבְּן לִיכְטִיגֶע דוֹרוֹת.

עֶלְטֶערְן דַארְף מֶען מְכַבֵּד זַיין, אוּן פַאר עֶלְטֶערְן דַארְף מֶען דֶערְצֵיילְן נָאר גוּטֶע זַאכְן. בִּכְלַל דַארְף מֶען

וויסְן אַז עֶס אִיז נִישְׁט גוּט אַז מֶען קְרֶעכְצְט פַאר דִי עֶלְטֶערְן וְכוּ', עֶלְטֶערְן ווילְן נָאר הֶערְן אַז אַלֶעס אִיז אִין אָרְדֶענוּנְג, עֶס אִיז דָא פַּרְנָסָה, מֶען גֶעבְּט אַן עֶרְלִיכְן חִינוּךְ פַאר דִי קִינְדֶער אוּן אַז מֶען קוּמְט זִיךְ אוּיס צְווִישְׁן זִיךְ. קְלוּגֶע עֶלְטֶערְן מִישְׁן זִיךְ נִישְׁט אַרַיין וֶוען זֵיי זֶעעֶן ווִי זֵייעֶרֶע קִינְדֶער לֶעבְּן צוּפְרִידְן, אֲפִילוּ וֶוען זֵיי זֶעעֶן ווִי דִי קִינְדֶער גֵייעֶן צוּ אַנְדֶערֶע רֶבִּי'ס וְכַדוֹמֶה.

עֶלְטֶערְן מִישְׁן זִיךְ אַרַיין וֶוען זֵיי זֶעעֶן אַז זֵייעֶר טָאכְטֶער אִיז נִישְׁט צוּפְרִידְן וְכוּ'; וֶוען דִי טָאכְטֶער הַאלְט אִין אֵיין קְרֶעכְצְן: "עֶס אִיז נִישְׁט דָא קֵיין גֶעלְט", "דָאס טוֹיג נִישְׁט", "יֶענְץ טוֹיג נִישְׁט", דֶעמָאלְט קוּמֶען דִי עֶלְטֶערְן אוּן זוּכְן זִיךְ אַרַיין צוּ מִישְׁן. מִמֵילָא, אַז אִיר וֶועט זִיךְ נִישְׁט אָפְּרֶעדְן פַאר אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן, נָאר אִיר וֶועט בְּסֵדֶר אוּיסְרוּמֶען אַייעֶר מַאן אַז עֶר הֶעלְפְט אוּן עֶר בְּרֶענְגְט פַּרְנָסָה וְכוּ', וֶועט זֵיי נִישְׁט בַּאדֶערְן אַז עֶר אִיז אַ מֵפִיץ.

ג. אִיר שְׁרַייבְּט אַז אַייעֶר מַאן גֵייט הַפָּצָה עֶרֶב שַׁבָּת אוּן עֶרֶב יוֹם טוֹב, עֶר קוּמְט אַהֵיים מַמָשׁ בַּיים זְמַן הַדְלָקַת הַנֵרוֹת, אוּן דָאס גֵייט אוּיפְ'ן חֶשְׁבּוֹן פוּן חִינוּךְ הַבָּנִים וְכוּ'; מִיט דֶעם גֶעבּ אִיךְ אַייךְ גֶערֶעכְט. הַפָּצָה טָאר נִישְׁט גֵיין אוּיפְ'ן חֶשְׁבּוֹן פוּן דִי וַוייבּ אִין קִינְדֶער. אֱמֶת, הַפָּצָה אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס, אָבֶער מֶען טָאר נִישְׁט פַארְגֶעסְן פוּן דִי אֵייגֶענֶע וַוייבּ אִין קִינְדֶער.

מִי לָנוּ גָדוֹל פוּן רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה וָואס הָאט זַיין גַאנְץ לֶעבְּן עוֹסֵק גֶעוֶוען אִין הַפָּצָה, עֶר הָאט אַלֶעס

אַוֶועק גֶעגֶעבְּן פוּן זִיךְ צוּ פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אָבֶּער וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ חִינוּךְ הַבָּנִים הָאט עֶר אַלֶעס אַוֶועק גֶעלֵייגְט, עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "עֶס אִיז מִיר חָשׁוּב מְחַנֵךְ צוּ זַיין מַיינֶע קִינְדֶער, פּוּנְקְט ווִי אוֹיפְשְׁטֵיין זָאגְן 'תִּיקּוּן חֲצוֹת'"; אַז מֶען ווִיל אוֹיפְשְׁטֵיין בַּיי חֲצוֹת זָאגְן תִּיקּוּן חֲצוֹת, דַארְף מֶען זִיךְ לֵייגְן שְׁלָאפְן פְּרִי, אוּן רֶבִּי נָתָן הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט גֵיין שְׁלָאפְן פַאר זַיינֶע קִינְדֶער קוּמֶען אַהֵיים פוּן חֵדֶר, וַוייל עֶר הָאט זֵיי גֶעוָואלְט מְחַנֵךְ זַיין; עֶר הָאט גֶעוָואלְט לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע מִיט זֵיי, זֵיי מְחַנֵךְ זַיין צוּ מַאכְן בְּרָכוֹת, זֵיי מְחַנֵךְ זַיין זֵיי זָאלְן אָנְגְרֵייטְן נֶעגֶל וַואסֶער וְכַדוֹמֶה, וָואס אַזַא חִינוּךְ בְּלַייבְּט אוֹיף אֵייבִּיג. אַ קִינְד וָואס זַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן אִים שֵׁיינֶערְהֵייט דֶערְמַאנְט נַאכְט נָאךְ נַאכְט צוּ לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע, אִים אִיז גְרִינְגֶער דָאס צוּ טוּן זַיין גַאנְץ לֶעבְּן. אַוַדאי דַארְף יֶעדֶער מֶענְטְשׁ חִיזוּק, אוּן יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט אַ יֵצֶר הָרַע וְכוּ', אָבֶּער מִיט אַ גוּטֶע חִינוּךְ בְּלַייבְּט דִי יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן אִידִישְׁקֵייט אַיינְגֶעבַּאקְן אִין הַארְצְן.

ד. אִיר שְׁרַייבְּט אַז אִיר דַארְפְט בַּאהַאלְטְן פוּן אַייעֶרֶע קִינְדֶער אַז אַייעֶר מַאן גֵייט הַפָּצָה וְכוּ' כְּדֵי זֵיי זָאלְן דָאס נִישְׁט דֶערְצֵיילְן פַאר אַנְדֶערֶע; אִיר דַארְפְט נִישְׁט בַּאהַאלְטְן פוּן אַייעֶרֶע קִינְדֶער וָואס אַייעֶר מַאן טוּט, אִיר דַארְפְט זַיין שְׁטָאלְץ מִיט דֶעם, נָאךְ אַבִּיסְל וֶועלְן אַייעֶרֶע קִינְדֶער מִיט גֵיין מִיט אַייעֶר מַאן, אִים הֶעלְפְן פַארְשְׁפְּרֵייטְן אֱמוּנָה אוֹיף דֶער וֶועלְט. בַּאהַאלְטְן דַארְף מֶען זִיךְ וֶוען מֶען טוּט עֲבֵירוֹת, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (קִידוּשִׁין מ.):

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זֶעט אַז דֶער יֵצֶר הָרַע אִיז זִיךְ מִתְגַבֵּר אוֹיף אִים, זָאל עֶר זִיךְ בַּאהַאלְטְן אִין אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט, עֶר זָאל זִיךְ אָנְטוּן שְׁוַוארְץ, כְּדֵי עֶס זָאל נִישְׁט אַרוֹיסְקוּמֶען דוּרְךְ אִים אַ חִילוּל הַשֵּׁם; אָבֶער מִיט אַ גוּטֶע זַאךְ דַארְף מֶען זַיין שְׁטָאלְץ.

בַּיי אוּנְז אִין תַּלְמוּד תּוֹרָה הָאבְּן מִיר אַיינְגֶעפִירְט אַז יֶעדְן פְרַייטָאג צוּפְרִי גֵייעֶן דִי קִינְדֶער פוּן אַכְט יָאר אַלְט אִין אַלֶע שוּלְן מִיט סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן זֶענֶען דָאס מֵפִיץ.

ה. דָאס וָואס אִיר פְרֶעגְט וָואס מֶען זָאל טוּן אַז מֶען אִיז מִתְפַּלֵל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַ לַאנְגֶע צַייט אוּן מֶען זֶעט נִישְׁט אַז מֶען זָאל גֶעהָאלְפְן וֶוערְן; דִי קַשְׁיָא פְרֶעגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (בְּרָכוֹת לב:): "אִם רָאָה אָדָם שֶׁהִתְפַּלֵל וְלֹא נֶעֱנֶה, יַחְזוֹר וְיִתְפַּלֵל", אוֹיב אַ מֶענְטְשׁ זֶעט אַז עֶר בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַ זַאךְ אוּן עֶר הָאט עֶס נִישְׁט בַּאקוּמֶען, זָאל עֶר נָאכְאַמָאל בֶּעטְן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים כז, יד): "קַוֵּה אֶל ה', חֲזַק וְיַאֲמֵץ לִבֶּךָ וְקַוֵּה אֶל ה'".

אִיךְ הָאף אַז אִיר וֶועט בַּאקוּמֶען אַן אַנְדֶערֶע בְּלִיק אוֹיף הַפָּצָה, אוּן אִיר וֶועט מְחַזֵק זַיין אַייעֶר מַאן נֵרוֹ יָאִיר עֶר זָאל וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין בְּיֶתֶר שְׂאֵת וּבְיֶתֶר עוֹז.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען נַחַת בַּיי אַייעֶרֶע קִינְדֶער צוּזַאמֶען מִיט אַייעֶר מַאן, אָמֵן.

# קעג

## אַ מֵיידְל וויל טְרֶעפְן איר שִׁידוּךְ.

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה גֶעבְּט אֵייבִּיג עֵצוֹת פַאר אַ בָּחוּר וִוי אַזוֹי אַ חָתָן צוּ וֶוערְן, הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן וֶועלְכֶע עֵצוֹת אִיז דָא פַאר אַ מֵיידְל אַ כַּלָּה צוּ וֶוערְן?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע עֵצוֹת אוּן חִיזוּק.

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, י"ז טֵבֵת, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ'

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.**

**עֶס אִיז דָא אֵיין עֵצָה צוּ טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ, נִישְׁט קֵיין חִילוּק אַ בָּחוּר אָדֶער אַ מֵיידְל, דִי עֵצָה אִיז 'תְּפִילָה' אוּן נָאכְאַמָאל 'תְּפִילָה'.**

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה סח, ג): "מָצִינוּ בַּתּוֹרָה בִּנְבִיאִים וּבִכְתוּבִים שֶׁאֵין זִוּוּגוֹ שֶׁל אִישׁ אֶלָּא מִן הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא", מִיר גֶעפִינֶען אִין דִי תּוֹרָה אוּן נְבִיאִים אוּן אִין כְּתוּבִים אַז אַ שִׁידוּךְ הָאט נָאר מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִין דִי תּוֹרָה שְׁטֵייט (בְּרֵאשִׁית כד, נ): לָבָן אוּן בְּתוּאֵל הָאבְּן

גֶעזָאגְט פַאר אֱלִיעֶזֶר עֶבֶד אַבְרָהָם: מִיר קֶענֶען נִישְׁט צוּרִיק הַאלְטְן רִבְקָה פוּן חֲתוּנָה הָאבְּן מִיט יִצְחָק, וַוייל "מֵה' יָצָא הַדָּבָר"; אִין נְבִיאִים שְׁטֵייט (שׁוֹפְטִים יד, ד): "וְאָבִיו וְאִמּוֹ לֹא יָדְעוּ, כִּי מֵה' הִיא", דִי עֶלְטֶערְן פוּן שִׁמְשׁוֹן הַגִּיבּוֹר הָאבְּן נִישְׁט גֶעוואוּסְט אַז זַיין שִׁידוּךְ וָואס עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אוּן אִין כְּתוּבִים שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי יט, יד): "בַּיִת וָהוֹן נַחֲלַת אָבוֹת, וּמֵה' אִשָּׁה מַשְׂכָּלֶת", אַ הוֹיז אוּן אַ פַארְמֶעגְן קֶען מֶען בַּאקוּמֶען בִּירוּשָׁה פוּן דִי עֶלְטֶערְן, אָבֶּער אַ שִׁידוּךְ קֶען מֶען נִישְׁט בַּאקוּמֶען בִּירוּשָׁה פוּן עֶלְטֶערְן, דָאס קוּמְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיינְס.

**דֶער** רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת רַחֲמָנוּת, סִימָן יא): "עַל יְדֵי בַּקָּשַׁת רַחֲמִים, זוֹכֶה לַעֲשׂוֹת שִׁידוּכִים טוֹבִים וְהֲגוּנִים", דוּרְךְ תְּפִילָה אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ טוּן גוּטֶע שִׁידוּכִים; דָאס אִיז דִי עֵצָה סֵיי פַאר אַ בָּחוּר אוּן סֵיי פַאר אַ מֵיידְל וָואס וַוארְטְן אוֹיף זֵייעֶר שִׁידוּךְ, מֶען זָאל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל טְרֶעפְן מַיין רִיכְטִיגֶע שִׁידוּךְ שְׁנֶעל אוּן גְרִינְג", וַוייל מִיט תְּפִילָה קֶען מֶען אַלֶעס פוּעֶלְ'ן.

**וָזאס** דַארְפְט אִיר מֶער פוּן לֵאָה, וָואס זִי הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן מִיט יַעֲקֹב אָבִינוּ נָאר דוּרְךְ תְּפִילָה; זִי הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז זִי וִויל חֲתוּנָה הָאבְּן מִיט אַ צַדִּיק, וַוייל זִי הָאט זֵייעֶר מוֹרָא גֶעהַאט אַז זִי גֵייט בַּאקוּמֶען אַ מַאן אַ רָשָׁע. מֶענְטְשְׁן פְלֶעגְן זָאגְן אַז זִי וֶועט חֲתוּנָה הָאבְּן מִיט עֵשָׂו הָרָשָׁע, אוּן רָחֵל וֶועט

חֲתוּנָה הָאבְּן מִיט יַעֲקֹב אָבִינוּ, אָבֶּער לֵאָה הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט חֲתוּנָה הָאבְּן מִיט עֵשָׂו, נָאר זִי הָאט גֶעוָואלְט הָאבְּן אַ מַאן אַ צַדִיק, הָאט זִי גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶע אִירֶע טֶעג, בִּיז זִי הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַ מַאן אַ צַדִיק, אוּן רוֹב שְׁבָטִים זֶענֶען אַרוֹיס גֶעקוּמֶען פוּן אִיר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט טְרֶעפְן אַייעֶר רִיכְטִיגֶער שִׁידוּךְ אוּן אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ בַּיִת נֶאֱמָן בְּיִשְׂרָאֵל.

## קעד

### אִיךְ בִּין זֵייעֶר מְקַנֵא מַיין שְׁוָואגֶער.

### שְׁאֵלָה:

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ ווִיל פְרֶעגְן אַ שְׁאֵלָה וָואס שְׁטֶערְט מִיר זֵייעֶר. אִיךְ וֶועל דֶערְצֵיילְן דְבָרִים כַּהֲוָויָתָן, אִיךְ מִיט מַיין שְׁוָואגֶער הָאבְּן בֵּיידֶע גֶעלֶערְנְט אִין כּוֹלֵל צוּזַאמֶען פַאר פוּפְצְן יָאר צוּרִיק, עֶר אִיז אוֹיסְגֶעוֶועלְט גֶעוָוארְן צוּ זַיין אַ מַגִיד שִׁיעוּר אוּן אִיךְ בִּין גֶעבְּלִיבְּן אִין כּוֹלֵל. וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעדַארְפְט מֶער גֶעלְט הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶערְנֶען פְּרִיוַואט מִיט בָּחוּרִים, אַ חֵלֶק וָואס הַאלְטְן נִישְׁט בַּיים לֶערְנֶען אוּן דִי עֶלְטֶערְן ווִילְן נָאר אַז מֶען זָאל זֵיי הַאלְטְן אִין דִי רַאמֶען. נָאכְמִיטָאג לֶערְן אִיךְ אַ שָׁעָה אוּן אַ הַאלְבּ יֶעדְן טָאג מִיט אֵיינֶעם אַ חָסֵר דֵעָה וָואס דֶער טַאטֶע צָאלְט מִיר עֶר זָאל לֵיינֶען אַבִּיסְל.

וֶוען אִיךְ טְרֶעף מַיין שְׁוָואגֶער אוּן אִיךְ זֶע ווִי עֶר אִיז פַארְנוּמֶען מִיט לֶערְנֶען, שְׁווִימְט מִיר אוֹיף דִי קַשְׁיָא, וואוּ אִיז יוֹשֶׁר? פַארְוָואס דַארְף אִיךְ

זַיין פַארְנוּמֶען מִיט שְׁטוּתִים וָוען עֶר אִיז פַארְנוּמֶען מִיט גָאלְד? אִיךְ הַאלְט אֲפִילוּ אַז אִיךְ בִּין אַבִּיסְל מֶער לַמְדָן פוּן אִים, פַארְוָואס הָאט דֶער אייבֶערְשְׁטֶער מִיר פַארְטְרִיבְּן?

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת שְׁמוֹת, י"ז טֵבֵת, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**דֶער** רֶבִּי הָאט אוּנְז דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה פוּן דֶעם חָכָם אוּן תָּם (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ט) וִוי דֶער תָּם הָאט גֶעהַאט אַ גוּט לֶעבְּן אוּן אִיז שְׁטֶענְדִיג גֶעוֶוען פְרֵיילִיךְ.

**דֶער** תָּם אִיז גֶעוֶוען אַ שׁוּסְטֶער, עֶר פְלֶעגְט אַרְבֶּעטְן זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ פָּאבְּרִיצִירְן שִׁיךְ. וָוען עֶר הָאט שׁוֹין גֶעעֶנְדִיגְט מַאכְן דֶעם שִׁיךְ הָאט עֶס גֶעהַאט יֶענְץ פָּנִים, עֶס הָאט גֶעהַאט דְרֵיי עֶקְן, אָבֶּער עֶר פְלֶעגְט אָנְכַאפְּן דֶעם שִׁיךְ אוּן זִיךְ מְחַיֶּ' זַיין דֶערְמִיט, עֶר פְלֶעגְט זָאגְן: "וָואס פַאר אַ שֵׁיינְקֵייט, וָואס פַאר אַ ווָאוּילְקֵייט דָאס שִׁיכֶעלֶע אִיז", "וָואס פַאר אַ זִיסְקֵייט דָאס שִׁיכֶעלֶע אִיז, וָואס פַאר אַ הָאנִיג'דִיג וָואס פַאר אַ צוּקֶערְדִיג שִׁיכֶעלֶע דָאס אִיז"; אָבֶּער זַיין וַוייבּ הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעוואוּנְדֶערְט, זִי הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: "אַז עֶס אִיז יָא אַזוֹי, פַארְוָואס אַנְדֶערֶע שׁוּסְטֶערְס נֶעמֶען דְרֵיי גִילְדְן פַאר אַ פָּאר שִׁיךְ אוּן דוּ נֶעמְסְט נָאר אַ הַאלְבְּן טָאלֶער?" הָאט אִיר דֶער תָּם גֶעעֶנְטְפֶערְט: "וָואס הָאט דָאס צוּ טוּן מִיט מִיר; דָאס

אִיז יֶענֶעמ'ס מַעֲשֶׂה אוּן דָאס אִיז מַיין מַעֲשֶׂה, אוּן וַוייטֶער פַארְוָואס דַארְפְן מִיר שְׁמוּעֶסְן פוּן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן; לָאמִיר מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן וִויפִיל אִיךְ פַארְדִין פוּן דֶעם שִׁיךְ", עֶר פְלֶעגְט צוּזַאמְרֶעכֶענֶען וִויפִיל עֶר הָאט אוֹיסְגֶעגֶעבְן פַאר דִי סְחוֹרָה אוּן וִויפִיל עֶס אִיז אִים אַרַיין גֶעקוּמֶען רֶיוַח אוּן עֶר הָאט גֶעזֶען אַז עֶר הָאט מַרְוִיחַ גֶעוֶוען צֶען גְרָאשְׁן, הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר זַיין וַוייבּ: "וָואס זָאל מִיר בַּאדֶערְן אַז אִיךְ הָאבּ פַארְדִינְט עֶפֶּעס רֶיוַח מִיַד לְיַד?"

**אִין** דִי מַעֲשֶׂה לִיגְט דֶער סוֹד וִוי אַזוֹי מֶען קֶען הָאבְן אַ חַיִים טוֹבִים אוֹיף דִי וֶועלְט; אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט וָואס צוּ קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן. אַז מֶען קוּקְט אוֹיף אַ צְוֵוייטְן הָאט מֶען נִישְׁט קַיין לֶעבְן, אֵיינֶער וָואס אִיז מְקַנֵא אַ צְוֵוייטְן עֶסְט זִיךְ אוֹיף לֶעבֶּעדִיגֶערְהֵייט.

**חֲכָמֵינוּ** זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת קנב:): "כָּל מִי שֶׁיֵּשׁ בּוֹ קִנְאָה - עַצְמוֹתָיו מַרְקִיבִין", וֶוער עֶס אִיז מְקַנֵא אַ צְוֵוייטְן, וֶוערְן זַיינֶע בֵּיינֶער פַארְפוֹילְט; בְּפַשְׁטוּת גֵייט עֶס אַרוֹיף אוֹיף נָאךְ דִי פְּטִירָה, אַז אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ הָאט קֵיינֶעם נִישְׁט מְקַנֵא גֶעוֶוען, וֶועט זַיין גוּף נִישְׁט פַארְפוֹילְט וֶוערְן אִין קֶבֶר. מוֹהֲרַא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאגְט אַז דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף לֶעבֶּעדִיגֶע מֶענְטְשְׁן; אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט קִנְאָה, וֶוערְן אִים זַיינֶע בֵּיינֶער פַארְפוֹילְט בְּחַיִים חִיּוּתוֹ; בְּמֶשֶׁךְ זַיין גַאנְצֶע לֶעבְן עֶסְט עֶר זִיךְ אוֹיף: 'פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ נִישְׁט אַזַא לֶעבְן וִוי יֶענֶעם?' 'פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ נִישְׁט אַזַא וַוייבּ וִוי יֶענֶער?' 'פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ נִישְׁט אַזַא הוֹיז וִוי יֶענֶעם?'

וָואס בֶּאֱמֶת דַארְף אַ מֶענְטְשׁ וויסְן אַז אוֹיב דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעגֶעבְּן דִי סָארְט לֶעבְּן; אַזאַ וַוייבּ, אַזֶעלְכֶע קִינְדֶער, וְכוּ', דַארְף עֶר גְלֵייבְּן אַז דָאס אִיז דָאס בֶּעסְטֶע פַאר אִים, און בֶּעסֶער קֶען נִישְׁט זַיין.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן לד): יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט אִין זִיךְ אַ נְקוּדָּה וָואס אַ צְוֵוייטֶער הָאט נִישְׁט; אַזוֹי ווי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (תַּעֲנִית כא:): עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ דָאקְטֶער וָואס הָאט גֶעהֵייסְן אַבָּא אוּמְנָא, עֶר פְלֶעגְט בַּאקוּמֶען יֶעדְן טָאג אַ בַּת קוֹל פוּן הִימְל: "שָׁלוֹם עָלֶיךָ אַבָּא אוּמְנָא"; אַבַּיֵי פְלֶעגְט בַּאקוּמֶען נָאר אֵיין מָאל אַ וָואךְ אַ גְרִיס פוּן הִימְל, יֶעדְן עֶרֶב שַׁבָּת פְלֶעגְט עֶר הֶערְן אַ בַּת קוֹל פוּן הִימְל: "שָׁלוֹם עָלֶיךָ אַבַּיֵי"; רָבָא פְלֶעגְט בַּאקוּמֶען דֶעם בַּת קוֹל נָאר אֵיין מָאל אַ יָאר, יֶעדְן עֶרֶב יוֹם כִּיפּוּר פְלֶעגְט עֶר הֶערְן: "שָׁלוֹם עָלֶיךָ רָבָא"; זָאגְט דִי גְמָרָא אַז אַבַּיֵי הָאט גֶעהַאט חֲלִישׁוּת הַדַעַת פַארְוָואס עֶר בַּאקוּמְט נָאר אֵיינְמָאל אַ וָואךְ אַ בַּת קוֹל, און אַבָּא אוּמְנָא בַּאקוּמְט יֶעדְן טָאג אַ בַּת קוֹל, הָאט מֶען אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט פוּן הִימְל: "לָא מָצִית לְמֶעֱבַד כְּעֻבְדָא דְאַבָּא אוּמְנָא", דוּ קֶענְסְט נִישְׁט טוּן וָואס אַבָּא אוּמְנָא טוּט; אַזוֹי ווי דֶער תָּם פְלֶעגְט זָאגְן: "דָאס אִיז יֶענֶעמְ'ס מַעֲשֶׂה, און דָאס אִיז מַיין מַעֲשֶׂה".

**עֶס** אִיז גֶעוֶוען אַ פְרוֹי וָואס פְלֶעגְט זַייעֶר מְקַנֵּא זַיין אִירֶע שְׁכֵנִים, און זִי פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג מוּטְשֶׁען אִיר מַאן: "קוּק ווי אוּנְזֶערֶע שְׁכֵנִים גֵייעֶן אַרוֹיס פַארְבְּרֶענְגֶען צוּזַאמֶען צְוֵויי מָאל אַ וָואךְ, פַארְוָואס נֶעמְסְטוּ מִיר קֵיינְמָאל נִישְׁט אַרוֹיס?"

דֶער מַאן פְלֶעגְט אִיר אַלְץ זָאגְן: ״אִיךְ הָאב לִיב צוּ זַיין מִיט דִיר אִין שְׁטוּב, וָואס דַארְפְסְטוּ קוּקְן אוֹיף דִי שְׁכֵנִים? דָאס אִיז יֶענֶעמְ׳ס מַעֲשֶׂה אוּן דָאס אִיז מַיין מַעֲשֶׂה״, עֶר פְלֶעגְט אִיר זָאגְן: ״אִיךְ בִּין גוּט צוּ דִיר, אִיךְ בִּין גֶעטְרַיי צוּ דִיר, אִיךְ הֶעלְף דִיר״, אָבֶער זַיין וַוייבּ הָאט גֶעהַאט אִין זִיךְ קִנְאָה, זִי פְלֶעגְט שְׁטֵיין בַּיי דִי פֶענְסְטֶער קוּקְן ווִי דִי שְׁכֵנִים גֵייעֶן אַרוּים צְוֵויי מָאל אַ וָואךְ; זִי פְלֶעגְט מַמָּשׁ אוֹיסְגֵיין פַאר קִנְאָה זֶעעֶנְדִיג ווִי זֵיי זִיצְן אִין זֵייעֶר קַאר אוּן פָארְן אַוֶועק וְכוּ׳, אוּן זִי פְלֶעגְט זֵייעֶר שְׁטַארְק מוּטְשֶׁען אִיר מַאן אַז זֵיי דַארְפְן אוֹיךְ פָארְן וְכוּ׳. בִּיז אִיר מַאן הָאט אִיר אֵיינְמָאל גֶעזָאגְט: ״אִיךְ וֵויים נִישְׁט וואוּ צוּ פָארְן, אֶפְשֶׁר פְרֶעגְסְטוּ דִי שְׁכֵנִים וואוּ זֵיי פָארְן צְוֵויי מָאל אַ וָואךְ?״ דֶעמָאלְט הָאט זִי שׁוֹין גֶעהֶערְט וואוּ זֵיי פָארְן; ״מִיר גֵייעֶן צְוֵויי מָאל אַ וָואךְ צוּ אַ שָׁלוֹם בַּיִת מַאכֶער״ - הָאט דִי שָׁכֵן׳טֶע אִיר גֶעעֶנְטְפֶערְט...

**דֶערְפַאר** אִיז נִישְׁט שַׁיָיךְ צוּ קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן אוּן מְקַנֵא זַיין אַ צְוֵוייטְן; יֶעדֶער הָאט זַיין נְקוּדָה וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט הֲנָאָה פוּן אִים, אוּן צוּלִיבּ דֶעם אִיז עֶר בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן.

**אֲפִילוּ** וֶוען עֶס קוּמְט צוּ רוּחָנִיוּת טָאר מֶען אוֹיךְ נִישְׁט מְקַנֵא זַיין אַ צְוֵוייטְן. מוֹהֲרַ״שׁ זָאגְט, אַז דָאס וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא כא.): ״קִנְאַת סוֹפְרִים תַּרְבֶּה חָכְמָה״, אִיז נִישְׁט פְּשַׁט אַז מֶען זָאגְט דֶעם מֶענְטְשׁ: ׳דוּ דַארְפְסְט מְקַנֵא זַיין אַ צְוֵוייטְן אוּן אִים נָאכְמַאכְן׳, וַוייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן נִישְׁט קִנְאַת סוֹפְרִים תַּרְבֶּה

"סוֹפְרִים", נָאר קִנְאַת סוֹפְרִים תַּרְבֶּה "חָכְמָה", וַוייל דִי נְקוּדָה אִיז נִישְׁט יֶענֶעם נָאכְצוּמַאכְן, נָאר וֶוען אִיךְ זֶע וִוי יֶענֶער אִיז זֵייעֶר שֵׁיין מַצְלִיחַ, תַּרְבֶּה "חָכְמָה", דַארְף אִיךְ טְרַאכְטְן צוּ מִיר: 'וָואס קֶען אִיךְ טוּן אַז אִיךְ זָאל מַצְלִיחַ זַיין אִין מַיין זַאךְ'.

וָזען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעעֶנְדִיגְט דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם חָכָם מִיטְ'ן תָּם הָאט דֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעפִירְט: "אוּן אַז דָאס דַאוֶּועגֶען אִיז נִישְׁט אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אִיז עֶס אַ שִׁיכֶעלֶע מִיט דְרֵיי עֶקְן"; זֶעט מֶען אַז בַּיי רוּחָנִיּוּת דַארְף מֶען זִיךְ אוֹיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל זַיין פוּן אַ צְוֵוייטְנְ'ס עֲבוֹדָה.

עֶס אִיז ווִיכְטִיג דוּ זָאלְסְט נָאכְקוּקְן וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זָאגְט אוֹיף דֶעם (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת, הִלְכוֹת פֶּסַח ט, אוֹת כב): פּוּנְקְט וִוי אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ מְחַזֵּק זַיין נִישְׁט צוּ הָאבְּן קַיין הִתְפַּעֲלוּת פוּן שְׁלֶעכְטֶע מֶענְטְשְׁן וָואס מַאכְן חוֹזֶק פוּן אִים וֶוען עֶר דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר מֶען דַארְף זַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק נִישְׁט צוּ וֶוערְן צֶעפַּאלְן, אַזוֹי אוֹיךְ אוּן נָאךְ אַסַאךְ מֶער - זָאגְט רֶבִּי נָתָן - דַארְף אַ מֶענְטְשׁ זַיין בַּיי זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק נִישְׁט צוּ וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן פוּן זַיינֶע עֶרְלִיכֶע חֲבֵרִים, וֶוען עֶר זֶעט וִוי זֵיי שְׁטַייגְן אוּן זֶענֶען מַצְלִיחַ בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, בְּשַׁעַת וֶוען מֶען קוּקְט זִיךְ אָן אוּן מֶען זֶעט וִוי אַזוֹי מֶען זֶעט אוֹיס וְכוּ', אוּן רֶבִּי נָתָן פִירְט אוֹיס: "וְכָל זֶה אִי אֶפְשָׁר לְבָאֵר בִּכְתָב, רַק כָּל אֶחָד יָבִין בְּעַצְמוֹ כְּפִי עִנְיָנָיו, וּכְנֶגֶד כָּל מִינֵי מְנִיעוֹת וַחֲלִישׁוּת הַדַּעַת שֶׁבָּעוֹלָם צְרִיכִין לֵילֵךְ בַּדֶּרֶךְ הַנַּ"ל, בִּבְחִינַת אֶחָד הָיָה אַבְרָהָם, לַחֲשֹׁב כְּאִלּוּ הוּא יְחִידִי בָּעוֹלָם".

**אִיךְ** הָאף אַז דוּ וֶועסְט אַרוֹיס נֶעמֶען חִיזוּק פוּן מַיינֶע וֶוערְטֶער וָואס אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעשְׁרִיבְּן אוּן דוּ וֶועסְט פַארְשְׁטֵיין ווִי אַזוֹי מֶען קֶען לֶעבְּן אַ חַיִים טוֹבִים דוּרְכְ'ן קוּקְן אוֹיף זִיךְ, אוּן דוּרְכְ'ן זִיךְ אַיין חַזֶר'ן דִי וֶוערְטֶער פוּנֶעם הֵיילִיגְן תַּם: "וָואס הָאט דָאס צוּ טוּן מִיט מִיר? דָאס אִיז יֶענֶעמְ'ס מַעֲשֶׂה אוּן דָאס אִיז מַיין מַעֲשֶׂה; אוּן וַוייטֶער פַארְוָואס דַארְפְן מִיר שְׁמוּעֶסְן פוּן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן? לָאמִיר מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן וויפִיל אִיךְ הָאבּ פַארְדִינְט".

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## קעה

### פַארְוָואס הָאט אִיר גֶעגֶעבְּן אַן אִינְטֶערְוְויוּ פַאר דִי פְרֵייעֶ "עָרוּץ שְׁתַּיִם"?

### שְׁאֵלָה:

**לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיר זָאלְט מִיר מוֹחֵל זַיין פַארְ'ן פְרֶעגְן, אוֹיבּ אִיר קֶענְט מִיר עֶרְקְלֶערְן פַארְוָואס אִיר הָאט גֶעגֶעבְּן אַן אִינְטֶערְוְויוּ פַאר דִי פְרֵייעֶ מִידְיֶע פְּרָאגְרַאם: "עָרוּץ שְׁתַּיִם" פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִין דִי צַייט וָואס אִיר גֶעבְּט נִישְׁט קַיין שׁוּם אִינְטֶערְוְויוּס פַאר קֵיינֶעם, אֲפִילוּ פַאר גָאר חַרֵדִי'שֶׁע אוּן עֶרְלִיכֶע אוֹיסְגַאבֶּעס וָואס ווילְן הָאבְּן אַן אִינְטֶערְוְויוּ פוּן אַייךְ. אִיךְ קֶען דָאס בֶּאֱמֶת נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, י"ז טֵבֵת, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

**אִיךְ** הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה צוּ עֶנְטְפֶערְן אוֹיף דִי שְׁאֵלָה וָואס אִיר פְּרֶעגְט, וַוייל אִיךְ וִויל מֶען זָאל וִויסְן דִי מַעֲשֶׂה וָואס הָאט דָא פַּאסִירְט.

**צוּם** עֶרְשְׁט זָאלְט אִיר וִויסְן אַז דָאס וָואס אִיךְ גֶעבּ נִישְׁט קַיין אִינְטֶערְוְויוּס וְכוּ' דָאס אִיז וַוייל מוֹהֲרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט מִיר כַּמָּה פְּעָמִים גֶעזָאגְט אַז אִיךְ זָאל קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעבְּן קַיין אִינְטֶערְוְויוּ אוּן אִיךְ זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין מַגָּע וּמַשָּׂא מִיט דִי מִידְיֶע וְכוּ' (חוּץ אֵיין מָאל הָאט מוֹהֲרָא"ש מִיר יָא גֶעהֵייסְן רֶעדְן, וְאֵין כַּאן הַמָּקוֹם לְהַאֲרִיךְ).

**דָאס** וָואס עֶס הָאט יֶעצְט פַּאסִירְט וְכוּ', דָאס הָאט זִיךְ אַזוֹי גֶעפִירְט אָן מַיין ווִילְן; אִיר פַארְשְׁטֵייט אַלֵיינְס אַז אוֹיבּ אִיךְ גֶעבּ נִישְׁט קַיין אִינְטֶערְוְויוּ פַאר קַיין אֵיין צַייטוּנְג, אֲפִילוּ אַ פְרוּמֶע וְכוּ', הָאבּ אִיךְ דָאךְ זִיכֶער נִישְׁט גֶעוָואלְט גֶעבְּן פַּאר זֵיי אַן אִינְטֶערְוְויוּ. אוּן וְויבַּאלְד חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שְׁקָלִים יד:): "אָדָם צָרִיךְ לָצֵאת יְדֵי הַבְּרִיּוֹת כְּדֶרֶךְ שֶׁצָּרִיךְ לָצֵאת יְדֵי הַמָּקוֹם", אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (בַּמִּדְבָּר לב, א): "וִהְיִיתֶם נְקִיִּים מֵה' וּמִיִּשְׂרָאֵל", נָאךְ שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי ג, ד): "וּמְצָא חֵן וְשֵׂכֶל טוֹב בְּעֵינֵי אֱלֹקִים וְאָדָם", וֶועל אִיךְ אַייךְ דֶערְצֵיילְן וָואס דָא הָאט פַּאסִירְט.

**אִיר** דַארְפְט אַלֵיינְס פַארְשְטֵיין אַז אַ אִיד טָאר נִשְט הָאבְּן קַיין שַייכוּת מִיט דִי פְרַייעֶ מִידְיֶע וָואס זוּכְן צוּ בַּאשְמִיצְן דִי עֶרְלִיכֶע אִידְן אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, זֵיי זוּכְן ווִי זֵיי קֶענֶען אָפְּשְפֶּעטְן פוּן אִידְן וָואס זִיצְן אוּן לֶערְנֶען זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן, זֵיי זוּכְן ווִי זֵיי קֶענֶען אוֹיסְרַייסְן דִי תּוֹרָה; בַּיי זֵיי אִיז אַ תַּלְמִיד חָכָם אַן אִיבֶּעריגֶע זַאךְ, אוּן דִי יְשִׁיבוֹת אוּן כּוֹלְלִים זֶענֶען אִיבֶּעריג, דֶערְפַאר שְפֶּעטְן זֵיי פוּן דִי תּוֹרָה רַחְמָנָא לִצְלָן.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְטֶער הָאט מִיר מְזַכֶּה גֶעוֶוען צוּ גֶעבְּן שִׁיעוּרִים פַאר אִידִישֶע קִינְדֶער שוֹין אִיבֶּער צֶען יָאר, דָאס זֶענֶען שִׁיעוּרִים אִין אֱמוּנָה, עֵצוֹת אוּן חִיזוּק פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים. דִי שִׁיעוּרִים זֶענֶען פַאר דִי בָּחוּרִים אִין יְשִׁיבָה; אוֹיךְ זֶענֶען אָנְוֶועזְנְד בַּיי דִי שִׁיעוּרִים בָּחוּרִים וָואס לֶערְנֶען נִישְט אִין יְשִׁיבָה, בָּחוּרִים פוּן אַנְדֶערֶע יְשִׁיבוֹת אוּן בָּחוּרִים וָואס אַרְבֶּעטְן; אוֹיךְ בַּאטֵיילִיגְן זִיךְ בַּיי דִי שִׁיעוּרִים אִינְגֶעלַייט וָואס ווִילְן הֶערְן אַבִּיסְל חִיזוּק אוֹיף עֲבוֹדַת הַשֵּׁם וְכוּ'; דִי שִׁיעוּרִים זֶענֶען פַאר וֶוער עֶס ווִיל קוּמֶען הֶערְן.

**אֵיין** טָאג זֶענֶען אַרוֹיפְקוּמֶען אִין יְשִׁיבָה צְוֵויי אִינְגֶעלַייט אוּן אִיךְ הָאבּ זֵיי גֶעגֶעבְּן שָׁלוֹם; זֵיי הָאבְּן מִיר גֶעפְרֶעגְט צִי זֵיי קֶענֶען קוּמֶען צוּם שִׁיעוּר וָואס אִיךְ גֶעבּ פַאר דִי בָּחוּרִים, זָאג אִיךְ זֵיי: "אַוַדַאי קֶענְט אִיר קוּמֶען, יֶעדֶער קֶען קוּמֶען צוּ דִי שִׁיעוּרִים", זָאגְט מִיר אֵיינֶער פוּן זֵיי אִין אִידִיש, אוֹיפְ'ן צְוֵויטְן, וָואס קֶען נִישְט קַיין אִידִיש: "עֶר אַרְבֶּעט פַאר דִי מִידְיֶע אוּן עֶר ווִיל רֶעדְן מִיט אַייךְ", זָאג אִיךְ אִים: "זַייט מִיר מוֹחֵל אָבֶּער אִיךְ רֶעד נִישְט צוּ קַיין שוּם מִידְיֶע", זָאגְן

זַיי מִיר: "בְּסֵדֶר, דֶעמָאלְט וֶועלְן מִיר קוּמֶען הֶערְן דִי שִׁיעוּר, און אַלֵיין בַּאשְׁרַייבְּן וָואס מִיר זֶעעֶן".

לְמַעֲשֶׂה, אֵיין טָאג אִינְמִיטְן שִׁיעוּר קוּמֶען אַרַיין אַ גַאנְצֶע חֶבְרָה מִיט גְרוֹיסֶע מֵייקְס, גְרוֹיסֶע קֶעמְרֶעס און גְרוֹיסֶע ווִידִיאוֹ מַאשִׁינֶען, עֶס אִיז מִיר פָּשׁוּט שְׁלֶעכְט גֶעוָוארְן, אָבֶער אִיךְ הָאב מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען מִיטְ'ן שִׁיעוּר און מִיט דִי נִיגוּנִים אַזוֹי ווִי יֶעדְן טָאג. נָאכְן שִׁיעוּר קוּמְט דֶער אִינְגֶערְמַאן צוּ צוּ מִיר זָאגְנְדִיג אַז עֶר הָאט זַייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט, עֶר ווִיל נָאר מַאכְן אַ בִּילְד מִיט מִיר. נָאכְדֶעם זָאגְט עֶר מִיר אַז עֶר ווִיל מִיר פְרֶעגְן אַ שְׁאֵלָה; אִיךְ הָאב נָאךְ נִישְׁט גֶעכַאפְּט וָואס דָא גֵייט פָּאר, אִיךְ הָאב נִישְׁט גֶעכַאפְּט אַז אִיךְ וֶועל אָפְּגֶעכַאפְּט אוּן יֶעדֶעס וָוארְט וָואס אִיךְ רֶעד וֶוערְט רֶעקָארְדִירְט, בִּיז אֵיינֶער הָאט מִיר גֶעזָאגְט שְׁטִילֶערְהֵייט אִין דִי אוֹיעֶר: "רֹאשׁ יְשִׁיבָה, גֶעבְּט זִיךְ אַכְטוּנְג, וַוייל מֶען כַאפְּט אַייךְ אָפּ יֶעדֶעס וָוארְט וְכוּ'".

וֶוען אִיךְ בִּין אַהֵיים פוּן יְשִׁיבָה און זִיךְ מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶוען מַיין גַאנְצְן טָאג מִיטְ'ן אֵייבֶערְשְׁטְן, הָאב אִיךְ עֶרְשְׁט גֶעכַאפְּט וָואס דָא אִיז גֶעשֶׁען וְכוּ'; אִיךְ הָאב זַייעֶר גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶס זָאל נִישְׁט אַרוֹיסְקוּמֶען פוּן דֶעם אַ חִילוּל הַשֵּׁם, אִיךְ הָאב דֶערְצֵיילְט פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה בִּפְרָטֵי פְּרָטִיּוּת, אַז אִיךְ הָאב נִישְׁט גֶעוָואלְט רֶעדְן מִיט אִים, און בְּשַׁעַת מַעֲשֶׂה הָאב אִיךְ נִישְׁט גֶעכַאפְּט וָואס זֵיי ווִילְן פוּן מִיר, אִיךְ בִּין דָא פָּשׁוּט גֶעפַאלְן אַ קָרְבָּן פַאר זֵיי; אִיךְ הָאב זַייעֶר אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז זֵיי זָאלְן נִישְׁט נֶעמֶען

מַיינֶע וֶוערְטֶער צוּ שְׁטֶעכְן עֶרְלִיכֶע אִידְן. דָאס אַלֶעס שְׁרַייבּ אִיךְ אַייךְ פָּשׁוּט אַלְץ (בַּמִּדְבָּר לב, א): "וִהְיִיתֶם נְקִיִּים מֵה' וּמִיִּשְׂרָאֵל".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז עֶס זָאל נִישְׁט אַרוֹיסְקוּמֶען קַיין מִכְשׁוֹל דוּרְךְ אוּנְז, עֶס זָאל נָאר גְרוֹיס וֶוערְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס נָאמֶען אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אַלֶע זָאלְן תְּשׁוּבָה טוּן אוּן זִיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## קעו

### דארְף מֶען מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין כְּסִדְרָן דַּיְקָא?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ חִיזּוּק פוּן אַייעֶרֶע טַייעֶרֶע וֶוערְטֶער, כֵּן יַעֲזוֹר ה' גַם הָלְאָה, עֶס אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶע זְכוּת הָרַבִּים, הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ זָאל אַייךְ גֶעבְּן כֹּחַ אוּן גֶעזוּנְט אוֹיף וַוייטֶער אוֹיךְ.

עֶס אִיז זֵייעֶר גוּט אַז אִיר רֶעדְט אַזוֹיפִיל וֶועגְן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין ווייל לֵיידֶער אִיז עֶס אַבִּיסְל נִזְנָח אוּן מֶען דַארְף אַסַאךְ חִיזּוּק אוֹיף דֶעם. אַצִינְד וויל אִיךְ פְּרֶעגְן מַיין שְׁאֵלָה, אִיךְ בִּין בָּרוּךְ הַשֵּׁם מִשְׁתַּדֵל צוּ עֶנְדִיגְן יֶעדֶע וָואךְ דִי פַּרְשָׁה בִּיז שַׁבָּת קוֹדֶשׁ. אָבֶּער עֶס קֶען זִיךְ מַאכְן אַז אִיךְ בְּלַייבּ אִינְמִיטְן. אִיז מַיין שְׁאֵלָה: צִי דַארְף עֶס זַיין כְּסִדְרָן, דְהַיְינוּ אִיךְ מוּז קוֹדֶם עֶנְדִיגְן לְמָשָׁל פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ אוּן נָאכְדֶעם פַּרְשַׁת וַיְחִי? אָדֶער קֶען אִיךְ אָנְהֵייבְּן פַּרְשַׁת וַיְחִי עַל הַסֵּדֶר אוּן נָאכְדֶעם עֶנְדִיגְן פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ?

בִּיטֶע לָאזְט ווִיסְן דֶעם תְּשׁוּבָה, אוּן נָאכְאַמָאל יְיַשֵׁר כֹּחַ גָדוֹל פַאר אַלֶעס.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, י"ז טֵבֵת, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אִיךְ** הָאבּ זַייעֶר הַנָאָה צוּ הֶערְן אַז דוּ בִּיסְט זִיךְ מְחַזֵק מִיט דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שלב): "אֲנִי נָהָר הַמְטַהֵר מִכָּל הַכְּתָמִים", אִיךְ בִּין אַ טַייךְ וָואס רֵיינִיגְט פוּן אַלֶע שְׁמוּצִיגֶע פְלֶעקְן; יֶעדֶער מֶענְטְשׁ קֶען זִיךְ אָפְּוַואשְׁן פוּן זַיינֶע שְׁמוּצִיגֶע פְלֶעקְן אוּן וֶוערְן זוֹיבֶּער אַז מֶען לֶערְנְט דִי סְפָרִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן מֶען פָאלְגְט דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת.

**חֲכָמֵינוּ** זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ח.): "אָמַר רַב הוּנָא בַּר יְהוּדָה אָמַר רֶבִּי אַמִי, לְעוֹלָם יַשְׁלִים אָדָם פַּרְשִׁיוֹתָיו עִם הַצִבּוּר שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגוּם, שֶׁכָּל הַמַשְׁלִים פַּרְשִׁיוֹתָיו עִם הַצִבּוּר, מַאֲרִיכִים לוֹ יָמָיו וּשְׁנוֹתָיו"; אוּן אַזוֹי וֶוערְט גֶע'פַּסְקְ'נְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִים, סִימָן רפה) אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ אִיז מְחוּיָב צוּ עֶנְדִיגְן יֶעדֶע וָואךְ דִי פַּרְשָׁה צְוַויי מָאל חוּמָשׁ אוּן אֵיין מָאל תַּרְגוּם, אוּן וֶוער עֶס אִיז מַעֲבִיר סֶדְרָה אִיז זוֹכֶה צוּ אֲרִיכוּת יָמִים וְשָׁנִים; דָאס אִיז דִי בֶּעסְטֶע סְגוּלָה צוּ אַ גוּט לֶעבְּן, אוּן דָאס רַאטֶעוֶועט אַ מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

**דֶער** הֵיילִיגֶער אֲרִיזַ"ל זָאגְט (פְּרִי עֵץ חַיִים, שַׁעַר הַנְהָגַת הַלִימוּד [עָמוּד שנז]) אַז מֶען זָאל מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין עֶרֶב שַׁבָּת; אָבֶּער אַ מֶענְטְשׁ טָאר זִיךְ נִישְׁט נַארְן, מֶען דַארְף קוּקְן צִי מֶען

טוּט טַאקֶע יֶעדֶע וָואךְ אַזוֹי ווִי דִי הֲלָכָה פַארְלַאנְגְט, ווִי דֶער שֻׁלְחָן עָרוּךְ פַּסְקְ'נְט (אוֹרַח חַיִּים, סִימָן רפה, סְעִיף ג): "מִיּוֹם רִאשׁוֹן וְאֵילַךְ חָשׁוּב עִם הַצִּבּוּר", פוּן זוּנְטָאג קֶען מֶען שׁוֹין אָנְהֵייבְּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין. אוּן דֶער מִשְׁנָה בְּרוּרָה בְּרֶענְגְט אַרָאפּ (שָׁם, סְעִיף קָטָן ח) פוּנֶעם הֵיילִיגְן גְּרָ"א זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה, אַז עֶר הָאט זִיךְ אַזוֹי גֶעפִירְט, יֶעדְן טָאג הָאט עֶר מַעֲבִיר סֶדְרָה גֶעוֶועזְן אַבִּיסְל; זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי, דִינְסְטָאג בִּיז רְבִיעִי אוּן אַזוֹי ווַייטֶער. אַז מֶען גֵייט אוֹיף דֶעם וֶועג, דֶעמָאלְט קֶען מֶען זַיין זִיכֶער אַז מֶען וֶועט עֶנְדִיגְן יֶעדֶע וָואךְ דִי פַּרְשָׁה.

לְכַתְּחִילָה דַארְף מֶען עֶנְדִיגְן דִי סֶדְרָה שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם פַאר מֶען גֵייט עֶסְן דִי סְעוּדָה פוּן שַׁבָּת צוּפְרִי, ווַייל מִיר גֶעפוּנֶען אִין חֲזַ"ל אַז רַבֵּינוּ הַקָּדוֹשׁ הָאט גֶעלָאזְט צַוָואָה פַאר זַיינֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן עֶנְדִיגְן דִי סֶדְרָה פַאר זֵיי גֵייעֶן עֶסְן דִי סְעוּדָה שַׁבָּת צוּפְרִי (עַיֵּין תּוֹסְפוֹת דִּבּוּר הַמַּתְחִיל 'יַשְׁלִים', בְּרָכוֹת ח.). אוֹיבּ מֶען הָאט נִישְׁט גֶעעֶנְדִיגְט דִי סֶדְרָה קֶען מֶען דָאס נָאךְ מַשְׁלִים זַיין וְכוּ', אָבֶּער קוֹדֶם דַארְף מֶען אָנְהֵייבְּן דִי סֶדְרָה פוּן דִי וָואךְ, אוּן נָאכְדֶעם אִיז מֶען מַשְׁלִים וָואס מֶען הָאט פַארְפֶעלְט.

אַז מֶען הֵייבְּט אָן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין זוּנְטָאג, יֶעדְן טָאג אִיז מֶען מַעֲבִיר סֶדְרָה אַבִּיסְל פוּן דִי פַּרְשָׁה, דֶעמָאלְט עֶנְדִיגְט מֶען דָאס אִין צַייט; וֶוען עֶס קוּמְט שַׁבָּת הָאט מֶען שׁוֹין גֶעעֶנְדִיגְט דִי סֶדְרָה אוּן מֶען דַארְף נִישְׁט מַשְׁלִים זַיין פְרִיעֶרְדִיגֶע פַּרְשִׁיּוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# קעז

## מַייְנֶע עֶלְטֶערְן זֶענֶען פַארְנוּמֶען מִיטְ'ן פָאוֹן און הָאבְּן נִישְׁט קַיין צַייט פַאר מִיר.

### שְׁאֵלָה:

**לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע עֵצוֹת וָואס אִיר גֶעבְּט אוּנְז. אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן, אִיךְ בִּין אַ בָּחוּר און אִיךְ קוּם בָּרוּךְ הַשֵׁם פוּן אַ גֶעזוּנְטֶע שְׁטוּבּ מִיט פַיינֶע עֶלְטֶערְן בָּרוּךְ הַשֵׁם, אָבֶער אֵיין פְּרָאבְּלֶעם הָאבּ אִיךְ אִינְדֶערְהֵיים וָואס מַאכְט עֶס זָאל מִיר פַארְגֵיין דִי גַאנְצֶע אַפֶּעטִיט פוּן זַיין אִינְדֶערְהֵיים, און וֶועגְן דֶעם פְּרוּבִּיר אִיךְ צוּ זַיין דָארְט ווִי וֶוייניגֶער, דָאס אִיז וַוייל וֶוען אִיךְ וִויל רֶעדְן צוּ מַיינֶע עֶלְטֶערְן זֶענֶען זֵיי פַארְנוּמֶען מִיט זֵייעֶר "סְמַארְטְפָאוֹן".

אַסַאךְ מָאל פִיל אִיךְ מַמָשׁ ווִי אִיךְ וֶוער כַּעַס'ִיג דֶערְפוּן, זָאל עֶס זַיין מִיר צִי מַיינֶע בְּרִידֶערְס און שְׁוֶועסְטֶערְס, עֶס אִיז נִישְׁט דָא צוּ וֶועם צוּ רֶעדְן וַוייל מֶען דַארְף קוֹדֶם עֶנְטְפֶערְן אַ מֶעסִידְזְשׁ וְכוּ'. אִיךְ פִיל מַמָשׁ ווִי דִי שְׁטוּבּ וֶוערְט צֶעפַאלְן דֶערְפוּן, אִיךְ וִויל ווִיסְן וָואס אִיךְ זָאל טוּן דֶערְוֶועגְן, צִי זָאל אִיךְ עֶפֶּעס זָאגְן אָדֶער סְתַּם שְׁוַוייגְן?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעם.

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, י"ז טֵבֵת, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וִויפִיל מֶען זָאל נָאר רֶעדְן וֶועגְן דֶעם חוֹמֶר הָעֲנְיָן פוּן הָאבְּן אִין שְׁטוּבּ אַ קָאמְפְּיוּטֶער, סְמַארְטְפָאוֹן וְכוּ' אִיז נִישְׁט

גֶענוּג; דָאס הָאט שׁוֹין לַײדֶער חָרוּב גֶעמַאכְט צֶענְדְלִיגֶער מִשְׁפָּחוֹת.

**דָאס** אִיז אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע צָרָה פַאר אוּנְזֶער דוֹר, וַוייל וֶוען מֶען הָאט אַן אָפֶענֶעם קָאמְפְּיוּטֶער מִיט אִינְטֶערְנֶעט אָדֶער אַן אֵייפַּאד, סְמַארְטְפָאוֹן וְכוּ׳, קֶען מֶען זֶען אַלֶע שְׁמוּץ אוֹיף דִי וֶועלְט; דָאס נֶעמְט אַוֶועק דִי גַאנְצֶע יִרְאַת שָׁמַיִם פוּן אַ מֶענְטְשׁ, דָאס קִילְט אָפּ דִי אֱמוּנָה פוּן אַ אִיד אוּן בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין אִים כְּפִירוֹת אוּן אַפִּיקוֹרְסוּת, אוּן נָאכְדֶעם וֶוערְט מֶען אִינְגַאנְצְן אוּמְגְלִיקְלִיךְ.

זֶוען מֶען קוּקְט שְׁמוּצִיגֶע מָאוִוים וְכוּ׳ וֶוערְט מֶען צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ דֶעם, בִּיז עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער זִיךְ אָפְּצוּגֶעוואוֹינֶען דֶערְפוּן; פּוּנְקְט ווִי דִי וָואס זֶענֶען צוּגֶעבִּינְדֶען (עֶדִיקְטֶעד) צוּ דְרָאגְס וְכוּ׳ אָדֶער צוּ אַלְקָאהָאל וְכוּ׳ קֶענֶען זִיךְ נִישְׁט אָפְּרַייסְן דֶערְפוּן, אַזוֹי אוֹיךְ דֶער וָואס הָאט אַ קָאמְפְּיוּטֶער מִיט אִינְטֶערְנֶעט אָדֶער אַן אֵייפַּאד, סְמַארְטְפָאוֹן וְכוּ׳ אוּן קוּקְט שְׁמוּצִיגֶע מָאוִוים וְכוּ׳, וֶוערְט זֵייעֶר צוּגֶעקְלֶעבְּט דֶערְצוּ, בִּיז עֶס אִיז שׁוֹין זֵייעֶר שְׁוֶוער אַרוֹיסְצוּקְרִיכְן פוּן דֶעם. דֶער מֹחַ וֶוערְט אִינְגַאנְצְן אוֹיסְגֶעבְּרֶענְט פוּן דִי אַלֶע עֶקְלְדִיגֶע שְׁמוּצִיגֶע מָאוִוים, בִּיז מֶען פַאלְט אַרָאפּ אִין בִּיטֶערֶע עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, נָאכְדֶעם הֵייבְּט מֶען אָן צוּ הָאבְּן קַשְׁיוֹת אוֹיף דִי אֱמוּנָה רַחֲמָנָא לִצְלָן. דֶערְפַאר טָאר מֶען נִישְׁט הָאבְּן אִין שְׁטוּב אַן אָפֶענֶעם קָאמְפְּיוּטֶער מִיט אִינְטֶערְנֶעט, אָדֶער אַ סְמַארְטְפָאוֹן.

**חֲכָמֵינוּ** זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סַנְהֶדְרִין מה.): "אֵין יֵצֶר הָרָע שׁוֹלֵט אֶלָּא בַּמֶּה שֶׁעֵינָיו רוֹאוֹת", וָוען מֶען הִיט זִיךְ נִישְׁט דִי אוֹיגְן, מֶען קוּקְט אוֹיף שְׁמוּצִיגֶע בִּילְדֶער, מֶען קוּקְט אוֹיף שְׁמוּצִיגֶע מָאוּיִים, פַאלְט מֶען אַרָאפּ אִין עֲבֵירוֹת; וואוּיל אִיז דֶעם וָואס הָאט שֵׂכֶל אוּן פָאלְגְט וָואס אַלֶע עֶרְלִיכֶע אִידְן זָאגְן, עֶר הַאלְט זַיין שְׁטוּב עֶרְלִיךְ אוּן רֵיין, דֶער וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען נַחַת בַּיי זַיינֶע קִינְדֶער אוּן אֵייניקְלֶעךְ.

**וְוִיפִיל** בְּרִיוו הָאט מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה גֶעשְׁרִיבְּן צוּ תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, ווי עֶר בֶּעט זִיךְ מִיר זָאלְן אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער, אוֹיף אוּנְזֶערֶע דוֹרוֹת, אוּן מִיר זָאלְן נִישְׁט הָאבְּן אִין שְׁטוּב אַ קָאמְפְּיוּטֶער, סְמַארְטְפָאוֹן, אֵייפַּאד; וְוִיפִיל הָאט מוֹהֲרָא"שׁ גֶעוֵויינְט בַּיי דִי שִׁיעוּרִים מִיר זָאלְן נִישְׁט הָאבְּן קַיין שׁוּם שַׁייכוּת מִיט סָאשֶׁעל מִידִיעֶ.

**זָאלְסְט** אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי מִצְוָה פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם; זָאלְסְט חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט זַיין קַיין עַזּוּת פָּנִים אוּן זָאגְן מוּסָר וְכוּ', נָאר דוּ זָאלְסְט מְכַבֵּד זַיין דַיינֶע עֶלְטֶערְן, וַוייל עֶס אִיז נִישְׁט דָא נָאךְ אַזַא מִצְוָה ווי דִי מִצְוָה פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם, אַזוֹי ווי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּנָּא דְּבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּה, פָּרָשָׁה כו): "כָּל הָעוֹלָם כּוּלוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, וְאֵין הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מְבַקֵּשׁ מֵהָאָדָם, רַק שֶׁיְכַבֵּד אָב וָאֵם", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אוּן עֶר בֶּעט פוּן אוּנְז אַז מִיר זָאלְן מְכַבֵּד זַיין אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן עֶס זָאל שׁוֹין מְקוּיָם וֶוערְן דֶער פָּסוּק** (זְכַרְיָה יג, ב)**: "וְאֶת רוּחַ הַטֻּמְאָה אַעֲבִיר מִן הָאָרֶץ", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אַוֶועק נֶעמֶען דֶעם יֵצֶר הָרַע, אוּן אַלֶע וֶועלְן זִיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

## קעה

**חִיזּוּק אוֹיף כִּבּוּד אָב וָאֵם.**

### שְׁאֵלָה:

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שֵׁיינֶע שִׁיעוּרִים וָואס אִיךְ הֶער פוּן אַייךְ, דָאס גֶעבְּט מִיר אַסַאךְ חִיזּוּק אוּן עֵצוֹת אִין לֶעבְּן.

סְפֶּעצְיֶעל הָאבּ אִיךְ גָאר שְׁטַארְק הֲנָאָה גֶעהַאט פוּן דִי שִׁיעוּר פוּן דִינְסְטָאג שְׁמוֹת, וֶוען אִיר הָאט מְחַזֵק גֶעוֶוען אוּן גָאר שְׁטַארְק גֶערֶעדְט אִיבֶּער דִי גְרוֹיסְקֵייט אוּן ווִיכְטִיגְקֵייט פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם. הַלְוַאי וֶוען אִיר קֶענְט רֶעדְן נָאךְ מֶער פוּן דֶעם עִנְיָן, וַוייל אִיךְ קֶען נוּצְן אַסַאךְ חִיזּוּק אוֹיף דֶעם.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת שְׁמוֹת, י"ח טֵבֵת, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ'

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיווּ.**

דִי גְרֶעסְטֶע מִצְוָה אִיז כִּיבּוּד אָב וָאֵם; מִיט דֶעם וָואס אִיר הֶעלְפְט אִין שְׁטוּבּ אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן קוֹיפְט אִיר זִיךְ אַיין עוֹלָם הַבָּא. אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (פֵּאָה א, א): "אֵלּוּ דְּבָרִים שֶׁאָדָם אוֹכֵל פֵּירוֹתֵיהֶן בָּעוֹלָם הַזֶּה, וְהַקֶּרֶן קַיֶּמֶת לוֹ לָעוֹלָם הַבָּא: כִּיבּוּד אָב וָאֵם וְכוּ'"; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאצָאלְט שָׂכָר פַאר דִי מִצְוָה פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם סֵיי אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן סֵיי אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, אוּן דָאס וֶועט אַייךְ צוּרִיקוּמֶען בַּיי אַייעֶרֶע קִינְדֶער; וַוייל אַזוֹי ווִי אַ מֶענְטְשׁ פִירְט זִיךְ צוּ דִי עֶלְטֶערְן אַזוֹי וֶועלְן זַיינֶע קִינְדֶער זִיךְ פִירְן מִיט אִים.

**אִיר** שְׁרַייבְּט מִיר אַז אִיר הָאט זִיךְ מְחַיֶ' גֶעוֶוען מִיט דִי דְרָשָׁה וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעגֶעבְּן פַאר דִי בָּחוּרִים ג' שְׁמוֹת וֶועגְן כִּיבּוּד אָב וָאֵם; ווִיל אִיךְ אַייךְ דֶערְצֵיילְן אַ מַעֲשֶׂה וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט. אִיר וֵוייסְט דָאךְ אַז פְרֶעמְדֶע מֶענְטְשְׁן קוֹמֶען אַרוֹיף צוּ דִי שִׁיעוּרִים; נֶעכְטְן אִיז גֶעזִיצְן בַּיים שִׁיעוּר אַ אִיד מִיט אַ וַוייסֶע בָּארְד, בְּמֶשֶׁךְ דֶעם גַאנְצְן שִׁיעוּר אִיז עֶר גֶעזִיצְן מִיט זַיין קָאפּ אַיינְגֶעבּוֹיגְן אוֹיף אַרָאפּ, אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוואוּסְט צִי עֶר הֶערְט בִּכְלַל אוֹיס דֶעם שִׁיעוּר. נָאכְ'ן שִׁיעוּר קוּמְט עֶר צוּ צוּ מִיר מִיט טְרֶערְן אִין דִי אוֹיגְן אוּן פְרֶעגְט מִיר: "וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַז אִיךְ הָאבּ מְצַעֵר

גֶעוֶועןן מַיינֶע עֶלְטֶערְן זַייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן, נִישְׁט סְתַּם מְצַעֵר גֶעוֶועןן נָאר זֵיי אוֹיפְגֶעגֶעסְן דָאס גֶעזוּנְט?!" אִיךְ הָאבּ אִים גָארְנִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען מִיט דִי אוֹיגְן וָואס מוֹהֲרָא"ש זָאגְט: "ווי אַזוֹי מֶען פִירְט זִיךְ צוּ דִי עֶלְטֶערְן, אַזוֹי וֶועלְן זִיךְ דִי קִינְדֶער פִירְן"; דֶער אִיד אִיז הַיינְט אֵיינֶער אַלֵיין, זַיינֶע קִינְדֶער ווִילְן נִישְׁט ווִיסְן פוּן אִים, זַיין וַוייבּ הָאט אִים אוֹיךְ אִיבֶּערְגֶעלָאזְט - אַ גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה בַּאֲרִיכוּת; נֶעכְטְן הָאבּ אִיךְ בַּאקוּמֶען אַ תִּירוּץ אוֹיף מַיין קַשְׁיָא וָואס אִיךְ הָאבּ שׁוֹין יָארְן אוֹיף דֶעם אִיד. אִיךְ פְלֶעג זִיךְ וואוּנְדֶערְן: 'וָואס הָאט דֶער מֶענְטְשׁ חוֹטֵא גֶעוֶועןן, אַז עֶס לוֹיפְן אִים נָאךְ דִי נִישְׁט גוּטֶע?!' נָאךְ דֶעם שִׁיעוּר פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם הָאט עֶר אַלֵיין מִיר דָאס פַארְעֶנְטְפֶערְט.

דֶער רַמְבַּ"ם זָאגְט (פֶּרֶק ה' מֵהִלְכוֹת מַמְרִים, הֲלָכָה טו): "אֵיינֶער וָואס פַארְשֶׁעמְט זַיין טַאטֶע אָדֶער מַאמֶע, אֲפִילוּ בְּלוֹיז מִיט וֶוערְטֶער, אוּן אֲפִילוּ נָאר דוּרְךְ ווִינְקֶען, אִיז עֶר פַארְשָׁאלְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (דְבָרִים כז, טז): 'אָרוּר מַקְלֶה אָבִיו וְאִמּוֹ', פַארְשָׁאלְטְן זָאל זַיין דֶער וָואס פַארְשֶׁעמְט זַיין טַאטֶע אָדֶער מַאמֶע, אֲפִילוּ אֵיינֶער אִיז מְבַזֶּה זַיינֶע עֶלְטֶערְן נָאר בִּרְמִיזָה"; נָאךְ וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין סֵפֶר חֲרֵדִים (פֶּרֶק ט, סִימָן לה): "אֲפִילוּ אֵיינֶער לַאכְט אָפּ פוּן זַיינֶע עֶלְטֶערְן בַּיי זִיךְ אִין הַארְץ, אִיז עֶר שׁוֹין אוֹיךְ בִּכְלַל 'אָרוּר מַקְלֶה אָבִיו וְאִמּוֹ'".

עֶס שְׁטֵייט אִין דִי תּוֹרָה (וַיִּקְרָא א, ב): "אָדָם כִּי יַקְרִיב מִכֶּם קָרְבָּן"; מוֹהֲרָא"ש זָאגְט אַז "מִכֶּ"ם" אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת

מִ'דָה כְּ'נֶגֶד מִ'דָה. דִי וֶועלְט אִיז נִישְׁט הֶפְקֵר, נָאר וִוי אַזוֹי אַ מֶענְטְשׁ פִירְט זִיךְ צוּ זַיינֶע עֶלְטֶערְן וֶועט עֶר צוּרִיק בַּאקוּמֶען פוּן זַיינֶע קִינְדֶער מִיט פְּרָאצֶענְט.

**נָאכְדֶעם** וָואס דֶער אִיד הָאט מִיר דָאס דֶערְצֵיילְט הָאב אִיךְ פַארְשְׁטַאנֶען פַארְוָואס עֶר אִיז גֶעזִיצְן אַ גַאנְצְן שִׁיעוּר מִיטְ'ן קָאפּ אַרָאפּ; עֶר הָאט דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל אִין לֶעבְּן גֶעהֶערְט אַ תֵּירוּץ פַארְוָואס זַיינֶע קִינְדֶער ווילְן נִישְׁט רֶעדְן צוּ אִים, עֶס אִיז אִים פַארֶענְטְפֶערְט גֶעוָוארְן פַארְוָואס עֶר אִיז אַזוֹי פַארְוָואגְלְט הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

**דֶערְפַאר** זָאלְט אִיר וִויסְן אַז אַשְׁרֵי חֶלְקֵיךְ אַז אִיר זֶענְט מְכַבֵּד אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן אוּן אִיר הֶעלְפְט אִין שְׁטוּבּ; אִין דֶעם זְכוּת וֶועט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ עֶסְן דִי שְׂכַר אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

## קעט

### מֶעג מֶען זָאגְן תְּהִלִּים בַּיינַאכְט?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ לֶערְן שׁוֹין בָּרוּךְ הַשֵּׁם צְוֵויי יָאר צוּם גוּטְן אוֹיפְ'ן רֶבִּינְ'ס דֶרֶךְ הַלִימוּד, אִיךְ בִּין אַרוֹיס פוּן כּוֹלֵל, אֲפִילוּ אִיךְ הָאב בַּאקוּמֶען שְׁטִיצֶע... אַזוֹי הָאט מַיין וַוייבּ גֶעקֶענְט אוֹיפְהֶערְן צוּ אַרְבֶּעטְן אוּן זִי אִיז אַ מַאמֶע אִינְדֶערְהֵיים פַאר אוּנְזֶערֶע צְוֵויי גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶערְלֶעךְ בָּרוּךְ הַשֵּׁם, אוּן אִיךְ

לֶערן בָּרוּךְ הַשֵּׁם יֶעדְן טָאג תּוֹרָה, מִשְׁנָיוֹת, יוֹם תְּהִילִים, חֹק לְיִשְׂרָאֵל, גְּמָרָא, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן בְּנוֹגֵעַ זָאגְן תְּהִילִים בַּייִנַאכְט. יֶעצְט אִין דִי ווינְטֶער לֶערְן אִיךְ כִּמְעַט אַלֶע מַיינֶע לִימוּדִים בַּייִנַאכְט.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַאר דִי שִׁיעוּרִים אוֹיפְ'ן טֶעלֶעפָאן, אוּן אַ סְפֶּעצְיֶעלֶע יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַאר דִי בְּרִיוְון, לֹא יֵאָמֵן כִּי יְסֻפַּר וָואס דָאס הָאט שׁוֹין אוֹיפְגֶעטוּעְן... מֶען שִׁיקְט אַ לִינְק פַאר אַ חָבֵר... בְּלוֹיז פַאר אַ וְוייץ... אוּן נָאכְדֶעם וֶוערְט מֶען גֶעוואוּיר אַז זֵייעֶר גַאנְצֶע לֶעבְּן הָאט זִיךְ גֶעטוֹישְׁט צוּם גוּטְן... זֵיי לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען וְכוּ'.

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וָאֵרָא, כ' טֵבֵת, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**וְוַאוֹיל** אִיז דִיר אוּן וואוֹיל אִיז דַיין חֵלֶק אַז דוּ לֶערְנְסְט אוֹיפְ'ן רֶבִּינְ'ס סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), אַז מֶען אִיז זִיךְ מְסַדֵּר צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל פוּן אַלֶעס, קוּמְט מֶען אָן בִּיז אַ קוּרְצֶע צַייט צוּ עֶנְדִיגְן כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ.

**דָאס** וָואס דוּ פְרֶעגְסְט צִי מֶען מֶעג זָאגְן תְּהִילִים בַּייִנַאכְט; עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין סֵפֶר אֵשֶׁל אַבְרָהָם פוּן הָרַב הַקָּדוֹשׁ מִבּוּטְשַׁאטְשׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה (אוֹרַח חַיִּים, סִימָן רלח, סְעִיף ב)

וָואס עֶר פַּסְק'נְט אַז מֶען מֶעג זָאגְן תְּהִילִים בַּיינַאכְט, וַוייל מֶען זָאגְט דָאס צוּ מִתְפַּלֵּל זַיין אוּן צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אָבֶּער אַז מֶען ווִיל לֶערְנֶען חוּמָשׁ, דַארְף מֶען אוֹיךְ לֶערְנֶען רַשִׁ"י, וַוייל דֶער אֲרִיזַ"ל הָאט זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען אַז מֶען זָאל נִישְׁט לֶערְנֶען מִקְרָא בַּיינַאכְט (שַׁעַר הַמִּצְוֹת, פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן).

**אַשְׁרֶיךָ** וְאַשְׁרֵי חֶלְקְךָ אַז דוּ בִּיסְט מְפַרְסֵם דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת פַאר נָאךְ אִידְן; דֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שי): "אִיךְ הָאבּ בַּיי מִיר מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען אַזוֹי וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי זֶענֶען גֶעלִיגְן אַזוֹי טִיף אִין עֲבֵירוֹת, אַז אִיךְ ווֵייס נִישְׁט צִי דֶער שְׁאוֹל תַּחְתִּית וָואלְט גֶעוֶוען גֶענוּג פַאר זֵיי, אוּן דוּרְךְ מִיר זֶענֶען זֵיי מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ הָאבּ זֵיי מְתַקֵּן גֶעוֶוען מִיט אַ תִּיקוּן וָואס זֵיי דַארְפְן זִיךְ נִישְׁט שֶׁעמֶען פוּן גְרוֹיסֶע צַדִיקִים"; וֶוער עֶס נֶעמְט אָן דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת, וֶוערְט גֶעטְוֹוישְׁט מִקָּצֶה אֶל הַקָּצֶה. מֶען הֵייבְּט אָן לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה, מֶען הֵייבְּט אָן לֶעבְּן אַן אֱמֶת'עֶר לֶעבְּן.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# קפ

## קֶען מֶען טְרֶעפְן אַן עֶנְטְפֶער אוֹיף אַלֶע שְׁאֵלוֹת אִין "אֲשֶׁר בַּנַּחַל"?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיבּ עֶס אִיז אֱמֶת אַז מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעזָאגְט אַז אֵיינֶער וָואס הָאט סַיי וֶועלְכֶע שְׁאֵלָה אִין לֶעבְּן, זָאל עֶר עֶפֶענֶען דֶעם סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ "אֲשֶׁר בַּנַּחַל" אוּן עֶר וֶועט טְרֶעפְן אַן עֶנְטְפֶער.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַאר דִי אַלֶע שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת וָואס הֶעלְפְן מִיר אַרוֹיס גָאר אַסַאךְ.

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וָאֵרָא, כ' טֵבֵת, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**מִיר** דַארְפְן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר הָאט רַחְמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף אוּנְזֶער דוֹר אוּן אוּנְז גֶעשִׁיקְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס אִיז אוּנְז מְחַיֶה וּמְחַזֵּק מִיט זַיינֶע סְפָרִים; יֶעדֶער אִיד אִין יֶעדֶע מַצָּב קֶען טְרֶעפְן חִיזּוּק אוּן עֵצוֹת אִין דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, דֶער רֶבִּי בְּלָאזְט אַרַיין אִין אוּנְז אַ פְרִישֶׁע גֵייסְט אַז מִיר זָאלְן נָאכְאַמָאל אָנְהֵייבְּן פוּנְדָאסְנַיי צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ מִיר זֶעעֶן אַז עֶס אִיז כִּמְעַט נִישְׁט מֶעגְלִיךְ. דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז דִי עֵצוֹת וָואס מָשִׁיחַ

וֶועט אַרַיין בְּרֶענְגֶען אִין דִי וֶועלְט, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (צְפַנְיָה ג, ט): "כִּי אָז אֶהְפֹּךְ אֶל עַמִּים שָׂפָה בְרוּרָה, לִקְרֹא כֻלָּם בְּשֵׁם ה'", יֶעדֶער וֶועט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס עֶר דַארְף; אוּן יֶעדֶער וֶועט זֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (יְשַׁעְיָה נב, ח): "כִּי עַיִן בְּעַיִן יִרְאוּ בְּשׁוּב ה' צִיּוֹן"; דָאס טוּט דֶער רֶבִּי מִיט אוּנְז יֶעצְט, דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אוֹיס אַז מִיר זָאלְן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים דֶערְצֵיילְן יֶעדֶע זַאךְ אוּן אִים בֶּעטְן וָואס מִיר דַארְפְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז גֶעשִׁיקְט אִין אוּנְזֶער דוֹר מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה וָואס הָאט גֶענוּמֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים אוּן דָאס אַרָאפְּגֶעבְּרֶענְגְט אוֹיף אַ גְרִינְגֶע פְּשׁוּט'עֶ שְׁפְּרַאךְ, אַז יֶעדֶער אֵיינֶער זָאל זִיךְ קֶענֶען בַּאנִיצְן מִיט דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הר"ן, סִימָן צג): "עֶס אִיז דָא אַמָאל אַ גְרוֹיסֶע לִיכְט וָואס שַׁיינְט זֵייעֶר שְׁטַארְק, אָבֶּער פְּשׁוּט'עֶ מֶענְטְשְׁן הָאבְּן נִישְׁט קַיין הַשָּׂגָה אִין דֶעם לִיכְטִיגְקֵייט, דַארְף מֶען הָאבְּן אַ גְרוֹיסֶער מֶענְטְשׁ וָואס זָאל נֶעמֶען דִי לִיכְט אוּן דָאס צֶעטֵיילְן אוֹיף קְלֶענֶערֶע לִיכְט, אַז אֲפִילוּ פָּשׁוּט'עֶ מֶענְטְשְׁן זָאלְן אוֹיךְ הָאבְּן אַן הַשָּׂגָה אִין דֶעם", עַיֵּן שָׁם; דָאס הָאט מוֹהֲרָא"שׁ גֶעטוּן, עֶר הָאט גֶענוּמֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים אוּן דָאס אִיבֶּערְגֶעשְׁרִיבְּן אוֹיף אַ שְׁפְּרַאךְ וָואס מִיר פָּשׁוּט'עֶ מֶענְטְשְׁן פַארְשְׁטֵייעֶן.

פוּן שְׁנַת תשכ"ד בִּיז תשע"ה הָאט מוֹהֲרָא"שׁ גֶעשְׁרִיבְּן בְּרִיוו פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער; מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אַ חֶשְׁבּוֹן

פוּן זִיבֶּעצִיג טוֹיזְנְט בְּרִיוו. בְּרִיוְון וָואס זֶענֶען מְחַזֵק יֶעדְן אֵיינֶעם אִין יֶעדְן מַצָב אִין וָואס עֶר גֶעפִינְט זִיךְ.

**אִיךְ** בִּין מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן דוּרְךְ דֶעם סֵפֶר "אֲשֶׁר בַּנַּחַל" חֵלֶק כז; דָאס הָאט גֶעבִּיטְן מַיין לֶעבְּן, דָאס הָאט אַרַיין גֶעבְּלָאזְן אִין מִיר אַ רוּחַ חַיִּים, אוּן עַד הַיּוֹם נֶעם אִיךְ מַיין גַאנְצֶע הִתְחַזְּקוּת פוּן אֲשֶׁר בַּנַּחַל, יֶעדֶע מָאל אִיךְ לֶערְן דֶעם סֵפֶר פְּרִישְׁט עֶס מִיךְ אוֹיף צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זִיךְ דֶערְהַאלְטְן.

**מוֹהֲרָא"ש** הָאט גֶעזָאגְט: "וֶוער עֶס הָאט אַ פְּרָאבְּלֶעם אִין לֶעבְּן, זָאל עֶפֶענֶען זַיין סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַּחַל, וֶועט עֶר טְרֶעפְן אַן עֵצָה אוֹיף זַיין פְּרָאבְּלֶעם", מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעזָאגְט אַז מֶען זָאל דָאס פְּרוּבִירְן, מֶען זָאל עֶפֶענֶען אַן אֲשֶׁר בַּנַּחַל וֶועט מֶען טְרֶעפְן אַן עֵצָה אוֹיף יֶעדֶע פְּרָאבְּלֶעם, דָאס אִיז בָּדוּק וּמְנוּסֶה. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת דַּעַת, סִימָן יד): "כְּשֶׁאָדָם רוֹצֶה לֵידַע אֵיךְ לְהִתְנַהֵג בְּאֵיזֶה דָּבָר, יִפְתַּח סֵפֶר וְיָבִין אֵיךְ לְהִתְנַהֵג", וֶוען אַ מֶענְטְש וִויל וִויסְן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן זָאל עֶר עֶפֶענֶען אַ סֵפֶר וֶועט עֶר פַארְשְׁטֵיין וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אוּנְז הֶעלְפְן אַז מִיר זָאלְן זִיךְ נִישְׁט לָאזְן נַארְן; מִיר זָאלְן לֶעבְּן מִיטְ'ן תַּכְלִית אַז אֵיין טָאג וֶועלְן מִיר אַלֶעס אִיבֶּערְלָאזְן אוּן עֶס וֶועט פוּן אוּנְז גָארְנִישְׁט אִיבֶּערְבְּלַייבְּן, נָאר דָאס בִּיסְל תּוֹרָה תְּפִלָּה וּמַעֲשִׂים טוֹבִים וָואס מִיר הָאבְּן אַרַיינְגֶעכַאפְּט.

**מוֹהֲרָא"ש** פְלֶעגְט חַזֶר'ן כְּסֵדֶר דָאס וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּנָא דְבֵי אֵלִיָהוּ רַבָּה, פֶּרֶק טו): "לְפִי שֶׁכָּל הַמַּרְבֶּה שִׂיחוֹת וּתְפִלּוֹת, הֵם הַמְלַוִּים אוֹתוֹ עַד שֶׁיַּגִּיעַ לְבֵית עוֹלָמוֹ", אַז אַ מֶענְטְשׁ גֶעוואוּינְט זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן צוּם אייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים דֶערְצֵיילְן יֶעדֶע זַאךְ, וֶועט אִים דָאס בַּאגְלֵייטְן אוֹיף אֵייבִּיג; מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט דָאס גֶע'חַזֶר'ט זַיין גַאנְצֶע לֶעבְן, אוּן דָאס שְׁטֵייט אִין אַלֶע זַיינֶע הֵיילִיגֶע סְפָרִים; אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל ווִיסְן אַז עֶר הָאט נִישְׁט קֵיינֶעם אוֹיף דִי וֶועלְט - נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן! אוּן ווִי מֶער מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוערְט מֶען נֶענְטֶער צוּ אִים, אוּן דָאס וֶועלְן מִיר מִיט נֶעמֶען אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

וָוען מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעכַאפְּט דִי הַארְץ אַטַאקֶע לֹא עָלֵינוּ, אִיז עֶר גֶעזִיצְן אוּנְטְן בַּיי זִיךְ אִין צִימֶער, עֶס אִיז גֶעוֶוען שְׁפֶּעט בַּיינַאכְט, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעשְׁפִּירְט ווִי עֶר קֶען נִישְׁט אָטֶעמֶען (אַזוֹי ווִי מֶען שְׁפִּירְט וֶוען מֶען כַאפְּט אַן הַארְץ אַטַאקֶע); מוֹהֲרָא"שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט שְׁפֶּעטֶער בַּיים שִׁיעוּר: "אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס צוּ טוּן, אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר מוֹרָא גֶעהַאט אַז אִיךְ וֶועל שְׁטַארְבְּן אִין מַיין צִימֶער אוּן קֵיינֶער וֶועט נִישְׁט ווִיסְן וְכוּ', אָבֶּער אֵיין זַאךְ הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט - תְּפִילָה! אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ זָאל נָאךְ קֶענֶען אַרוֹיף גֵיין אִין שְׁטוּב, אַז מֶען זָאל זֶען ווִי אִיךְ וֶוער נִפְטָר אוּן אִיךְ זָאל נִישְׁט בְּלַייבְּן דָא אַיינְגֶעשְׁפַּארְט אַלֵיין, דֶעמָאלְט הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען - הָאט מוֹהֲרָא"שׁ גֶעזָאגְט - פְּשַׁט אִין דֶעם חַזַ"ל: 'לְפִי שֶׁכָּל הַמַּרְבֶּה שִׂיחוֹת וּתְפִלּוֹת,

הֵם הַמְלַוִּים אוֹתוֹ עַד שֶׁיַּגִּיעַ לְבֵית עוֹלָמוֹ', אַז נָאר דָאס נֶעמְט אַ מֶענְטְשׁ מִיט לְבֵית עוֹלָמוֹ".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# קפא

## מַחֲלוֹקֶת אִין בְּרֶסְלֶב.

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

רֵאשִׁית כָּל הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶעוָואלְט בַּאדַאנְקֶען פַאר דִי הֶערְלִיכֶע שִׁיעוּרִים וָואס אִיז גֶעוָוארְן בַּיי מִיר אַ דֶרֶךְ חַיִּים.

אִיךְ וָואלְט גֶעוָואלְט פְרֶעגְן וֶועגְן אַ שְׁוֶועֶרֶע פְּרָאבְּלֶעם וָואס אִיךְ גֵיי אַרִיבֶּער. אִיךְ קוּם פוּן אַ בְּרֶסְלֶב'עֶ מִשְׁפָּחָה אוּן מִיר פְּרוּבִּירְן צוּ לֶעבְּן מִיט דִי עֵצוֹת אוּן לִימוּדִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז, אַז אַזוֹי ווִי בַּיי אַנְדֶערֶע חֲסִידוּת'ן אִיז אוֹיךְ פַארְהַאן מַחֲלוֹקֶת אִין בְּרֶסְלֶב, נִישְׁט יֶעדֶער אִיז אֵיינִיג מִיט אַלֶע שִׁיטוֹת אוּן דָאס בְּרֶענְגְט אַז מֶען זָאל זִיךְ אַרוּמְקְרִיגְן.

אִיךְ וֵויים אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן ריח): "רַק הֶחֱזִיקוּ עַצְמְכֶם" אוּן דַאן "תִּהְיוּ אֲנָשִׁים כְּשֵׁרִים", אוֹיבּ וֶועלְן דִי בְּרֶסְלֶב'עֶר חֲסִידִים זִיךְ הַאלְטְן צוּזַאמֶען מִיט אַחְדוּת דַאן וֶועט מֶען זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן, אִיז ווִי אַזוֹי קֶען מֶען פִירְן מַחֲלוֹקֶת אוּן צֶעבְּרֶעכְן מִשְׁפָּחוֹת?

אִיךְ בַּאלַאנְג צוּ אֵיין קְרֵייז אִין בְּרֶסְלֶב אוּן אִיךְ הָאבּ צְוֵויי בְּרִידֶער וֶועלְכֶע זֶענֶען זֵייעֶר קֶעגְן יֶענֶעם קְרֵייז אוּן פִירְן אַ מַחֲלוֹקֶת, אִיךְ בִּין זֵייעֶר

אָנגְעֶוֶוייטָאגְט אוֹיף זַיי, וַוייל אִיךְ וֵויים אַז זֵיי טוּעֶן עֶס נִישְׁט לְשֵׁם שָׁמַיִם, דֶערִיבֶּער ווִיל אִיךְ נִישְׁט גֵיין צוּ זֵייעֶרֶע שִׂמְחוֹת און עֶס קוּמְט אוֹיס אַז אִיךְ בִּין מְצַעֵר מַיינֶע עֶלְטֶערְן. דִי מִשְׁפָּחָה וֶוערְט צֶערִיסְן און דָאס אִיז זֵייעֶר נִישְׁט גוּט. ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ מְחַזֵק זַיין עֶס נִישְׁט צוּ נֶעמֶען שְׁטַארְק צוּם הַארְצְן?

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וָאֵרָא, כ"א טֵבֵת, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

### אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיוו.

**דֶער** רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שיט): "אֲנִי אֶעֱשֶׂה מִכֶּם כִּתּוֹת כִּתּוֹת", אִיךְ וֶועל מַאכְן פוּן אַייךְ אַסַאךְ כִּתּוֹת; ווִיבַּאלְד עֶס זֶענֶען דָא אַלֶע סָארְט מֶענְטְשְׁן אוֹיף דִי וֶועלְט, עֶס זֶענֶען דָא לֶעבֶּעדִיגֶע מֶענְטְשְׁן - זֵיי דַארְפְן אַ וֶועג פַאר זִיךְ, עֶס זֶענֶען דָא מֶער צֶעבְּרָאכֶענֶע מֶענְטְשְׁן וְכוּ' - זֵיי דַארְפְן אַן אַנְדֶערֶע וֶועג. עֶס זֶענֶען דָא לַמְדָנִים, און עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט קַיין לֶערְנֶען וְכוּ'; מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם דַארְף מֶען רֶעדְן אַן אַנְדֶערֶע שְׁפְּרַאךְ וְכוּ', דֶערְפַאר הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "אֲנִי אֶעֱשֶׂה מִכֶּם כִּתּוֹת כִּתּוֹת", אִיךְ וֶועל מַאכְן פוּן אַייךְ אַסַאךְ גְרוּפֶּעס. מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג צוּלֵייגְן צוּ דֶעם שִׂיחָה: "דֶער רֶבִּי הָאט טַאקֶע גֶעזָאגְט: 'אִיךְ וֶועל מַאכְן פוּן אַייךְ כִּתּוֹת כִּתּוֹת', אָבֶּער דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶעזָאגְט אַז אֵיין גְרוּפֶּע זָאל רֶעדְן אוֹיפְ'ן צְוֵוייטְן, און אֵיינֶער זָאל פַיינְט הָאבְּן דֶעם צְוֵוייטְן".

**דָאס** וָואס מֶען זֶעט לֵיידֶער אַז אִין בְּרֶסְלֶב קְרִיגְט מֶען זִיךְ אֵיינֶער מִיטְ'ן צְוֵוייטְן, אוֹיף דֶעם עֶרְשֵׁיינוּנְג זָאגְן שׁוֹין חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (סוֹטָה מז:): "מִשֶּׁרַבּוּ תַּלְמִידֵי שַׁמַּאי וְהִלֵּל שֶׁלֹּא שִׁמְּשׁוּ כָּל צוֹרְכָן, רַבּוּ מַחֲלוֹקֶת בְּיִשְׂרָאֵל, וְנַעֲשֵׂית תּוֹרָה כִּשְׁתֵּי תוֹרוֹת", אוּן אַזוֹי אִיז אוֹיךְ בַּיים רֶבִּי'ן; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, זַיין גַאנְצֶע קָאפּ אִיז נָאר פַאְרנוּמֶען וִוי אַזוֹי עֶר קֶען נָאכְאַמָאל אִיבֶּער גֵיין דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, עֶר לֶערְנְט יֶעדְן טָאג לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, שִׂיחוֹת הָרַ"ן, חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת אוּן סֵפֶר הַמִּידוֹת, עֶר פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן, עֶר אִיז זִיךְ מִתְבּוֹדֵד מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג; אַזַא אֵיינֶער הָאט נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם קַיין שַׁייכוּת, עֶס אִינְטֶערֶעסִירְט אִים נִישְׁט אַ צְוֵוייטְן, אִים אִינְטֶערֶעסִירְט נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, עֶר זוּכְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַ גַאנְצְן טָאג; אַזַא אֵיינֶער קְרִיגְט זִיךְ נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם.

**אָבֶּער** וִויבַּאלְד עֶס וֶוערְן מְקוֹרָב צוּם רֶבִּי'ן תַּלְמִידִים שֶׁלֹּא שִׁמְּשׁוּ כָּל צָרְכָּן, וָואס דֶער גַאנְצֶער קָאפּ אִיז נָאר יֶשׁוּת אוּן גֵיאוּת, גֶעלְט אוּן כָּבוֹד וְכוּ' וְכוּ', פוּן דֶעם נֶעמְט זִיךְ דִי אַלֶע מַחֲלוֹקֶת צְוִוישְׁן אֵיין גְרוּפֶּע מִיטְ'ן צְוֵוייטְן; אַנְשְׁטָאט נֶעמֶען יֶעדֶע שִׂיחָה אוּן יֶעדֶע תּוֹרָה פוּן רֶבִּי'ן פַאר זִיךְ, אוּן טְרַאכְטְן: 'וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ פַאְרבֶּעסֶערְן, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זוֹכֶה זַיין צוּקוּמֶען צוּ דָאס וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט?' אִיז מֶען פַאְרנוּמֶען צוּ רוֹדְפְ'ן עֶרְלִיכֶע אִידְן.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קכא): **אוֹיפְ'ן** פָּסוּק (תְּהִלִּים מ, ח-ט): **"אָז אָמַרְתִּי הִנֵּה בָאתִי בִּמְגִלַּת**

סֵפֶר כָּתוּב עָלָי, לַעֲשׂוֹת רְצוֹנְךָ אֱלֹקַי חָפָצְתִּי", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט אַ סֵפֶר פוּן אַ צַדִּיק, עֶר לֶערְנְט דָאס אוֹיף אַ וֶועג: "כָּתוּב עָלָי", אַז דָאס וָואס שְׁטֵייט אִינֶעם סֵפֶר מֵיינְט אִים, אִיז אַ סִימָן, אַז: "לַעֲשׂוֹת רְצוֹנְךָ אֱלֹקַי חָפָצְתִּי", אַז דֶער מֶענְטְשׁ וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

**דֶער** רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קעא): אוֹיפְ'ן פָּסוּק (דָּנִיאֵל יב, ב): "וְרַבִּים מִיְּשֵׁנֵי אַדְמַת עָפָר יָקִיצוּ, אֵלֶּה לְחַיֵּי עוֹלָם וְאֵלֶּה לַחֲרָפוֹת וּלְדִרְאוֹן עוֹלָם", יֶעדֶעס מָאל עֶס וֶוערְט בַּאוואוּסְט אַ נַייעֶ שֵׂכֶל - אַ נַייעֶ דֶּרֶךְ אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, זֶענֶען דָא צְוֵויי סָארְט מֶענְטְשְׁן, אֵיינֶער אִיז זִיךְ מְחַיֶּ' מִיט יֶעדְן דִּיבּוּר, מִיט יֶעדֶע טְרָאפּ שֵׂכֶל, בַּיי אַזַא מֶענְטְשׁ אִיז - "אֵלֶּה לְחַיֵּי עוֹלָם", עֶר שְׁפִּירְט בַּיי זִיךְ אַז בִּיז יֶעצְט אִיז עֶר גֶעוֶוען מַמָּשׁ אַ מֵת, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעלֶעבְּט, עֶר אִיז גֶעשְׁלָאפְן אַ טִיפֶע שְׁלָאף אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִים אוֹיפְגֶעוֶועקְט, עֶר הֵייבְּט אָן לֶעבְּן; נָאכְדֶעם זֶענֶען דָא וָואס נוּצְן נִישְׁט דִי שֵׂכֶל אוּן דִי לִימוּדִים פַאר חַיֵּי עוֹלָם, נָאר אוֹיף חוֹזֶק צוּ מַאכְן פוּן יֶענֶעם, זֵיי זוּכְן וִוי מֶען קֶען נָאךְ אֵיינֶעם אַוֶועק מַאכְן - "וְאֵלֶּה לַחֲרָפוֹת וּלְדִרְאוֹן עוֹלָם", וִוי זֵיי קֶענֶען יֶענֶעם וֵויי טוּן אוּן יֶענֶעם אַוֶועק מַאכְן.

**דֶערְפַאר**, אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ וִויסְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דַארְפְן מִיר אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל אֵייבִּיג בְּלַייבְּן מְקוּשָּׁר צוּם רֶבִּי'ן, אִיךְ זָאל אֵייבִּיג הָאבְּן אַ גֶעפִיל אִין רֶבִּי'ן, אִיךְ זָאל גֶעדֶענְקֶען וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעטוּן מִיט מִיר.

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל נִישְׁט קוּקְן אוֹיף קֵיינֶעם, אִיךְ זָאל נָאר זַיין פַּארְנוּמֶען מִיט מִיר, אִיךְ זָאל פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי׳ן. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער, הֶעלְף מִיר אַז וֶוען אִיךְ לֶערְן דִי תּוֹרוֹת פוּן רֶבִּי׳ן זָאל אִיךְ עֶס נֶעמֶען פַאר מִיר, נִישְׁט אַזוֹי וִוי דִי וָואס נֶעמֶען עֶס לַחֲרָפוֹת וּלְדִרְאוֹן עוֹלָם אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט - וֶוען אַ צַדִּיק זָאגְט תּוֹרָה, וְרַבִּים מִיְּשֵׁנֵי אַדְמַת עָפָר יָקִיצוּ, אַלֶע אַיינְגֶעשְׁלָאפֶענֶע מֶענְטְשְׁן וֶועקְן זִיךְ אוֹיף, אָבֶער נִישְׁט אַלֶע זֶענֶען גְלַייךְ, נָאר אֵלֶּה לְחַיֵּי עוֹלָם, וְאֵלֶּה לַחֲרָפוֹת וּלְדִרְאוֹן עוֹלָם, דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ דִיר רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל נֶעמֶען דֶעם רֶבִּי׳ן ׳לְחַיֵּי עוֹלָם׳, אִיךְ זָאל לֶעבְּן מִיטְן רֶבִּי׳ן, אִיךְ זָאל גֶעדֶענְקֶען אַז אֵיין טָאג וֶועל אִיךְ אִיבֶּערְלָאזְן דִי וֶועלְט, מֶען וֶועט מִיר בַּאגְרָאבְן אִין בֵּית הַחַיִּים, אִיךְ וֶועל בְּלַייבְּן דָארְט אֵיינֶער אַלֵיין, אִיךְ וֶועל גָארְנִישְׁט מִיט נֶעמֶען מִיט מִיר נָאר דָאס בִּיסְל תּוֹרָה תְּפִלָּה וּמַעֲשִׂים טוֹבִים״.

**גֶעדֶענְקְטְס** וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת מְרִיבָה, סִימָן סו): ״בִּמְקוֹם מְרִיבָה שָׁם הַשָּׂטָן״, דֶער שָׂטָן גֶעפִינְט זִיךְ דָארְט וואוּ מֶען קְרִיגְט זִיךְ; דָאס אִיז זַיין זַאךְ, ווִי מֶען קֶען מַאכְן מַחֲלוֹקֶת. דֶערְפַאר דַארְף מֶען אַנְטְלוֹיפְן פוּן מַחֲלוֹקֶת וִוי פוּן פֵייעֶר, בִּפְרַט וֶוען דֶער יֵצֶר הָרַע קוּמְט מִיט אַ שְׁלֵייעֶר פוּן לְשֵׁם שָׁמַיִם, דַאן אִיז דָאס זֵייעֶר מְסוּכָּן, ווַייל אַזוֹי כַּאפְּט עֶר אַרַיין אֲפִילוּ דִי עֶרְלִיכֶע אִידְן; עֶר רֶעדְט זֵיי אַיין אַז עֶס אִיז אַ מִצְוָה צוּ טְשֶׁעפֶּען אַ צְוֵוייטְן, צוּ רוֹדְפְ׳ן אַ צְוֵוייטְן.

**דָאס** זָאלְט אִיר גוּט וִויסְן, אוֹיבּ אֵיינֶער רֶעדְט אַיין צוּ רוֹדְפְ'ן יֶענֶעם, צוּ טְשֶׁעפֶּען אַ צְוֵוייטְן, דַארְף מֶען פוּן אִים אַנְטְלוֹיפְן, וַוייל דֶער אִיז דֶער שָׂטָן אַלֵיין. וֶוען דֶער שָׂטָן זֶעט אַן עֶרְלִיכֶע חַבוּרָה, אָדֶער אַן עֶרְלִיכֶע מִשְׁפָּחָה וָואס פִירְן זִיךְ בְּדֶרֶךְ הַתּוֹרָה, זֵיי זֶענֶען וַוייט פוּן עֲבֵירוֹת, אוּן עֶר פְּרוּבִירְט מִיט אַלֶע וֶועגְן זֵיי צוּ בַּייקוּמֶען, אָבֶער עֶס גֵייט אִים נִישְׁט, דַאן קוּמְט עֶר צוּ זֵיי מִיט אַ פְרוּמֶע'ן שְׁלֵייעֶר; עֶר פְלַאקֶערְט אוֹיף אַ מַחֲלוֹקָה, וָואס דָאס אִיז דֶער עֶרְגְסְטֶער זַאךְ בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה רֶעכֶענֶען אוֹיס דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן שָׁלוֹם (דֶרֶךְ אֶרֶץ זוּטָא, פֶּרֶק הַשָּׁלוֹם) אוּן וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט פַיינְט מַחֲלוֹקֶת (דֶרֶךְ אֶרֶץ זוּטָא, פֶּרֶק ט).

**אִיר** זָאלְט זֶען אַז בַּיי אַייךְ אִין שְׁטוּבּ זָאל מֶען זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן, אוּן אִיר זָאלְט דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז בַּיי אַייךְ אִין שְׁטוּבּ לֶעבְּט מֶען בְּשָׁלוֹם; דָאס וָואס אִיר שְׁרַייבְּט אַז אַייעֶרע גֶעשְׁוִוסְטֶער זֶענֶען בַּעֲלֵי מַחֲלוֹקֶת אוּן מְחַרְחֲרֵי רִיב, זֵיי טוּעֶן אַלֶע שְׁוַוארְצֶע אַרְבֶּעט וְכוּ' אוּן דֶערְפַאר הַאלְט אִיר זִיךְ אָפּ פוּן גֵיין צוּ מִשְׁפָּחָה שִׂמְחוֹת אוּן דָאס טוּט זֵייעֶר וֵויי פַאר אַייעֶרע עֶלְטֶערְן; אִיךְ הַאלְט אַז אִיר זָאלְט יָא גֵיין צוּ דִי שִׂמְחוֹת פוּן אַייעֶרע עֶלְטֶערְן, מִיט דֶעם וֶועט אִיר מַאכְן פַאר זֵיי אַ נַחַת רוּחַ, אוּן מִיט אַייעֶרע גֶעשְׁוִוסְטֶער זָאלְט אִיר רֶעדְן סְתָם זַאכְן, דְרֵייט אַייךְ אַרוֹיס פוּן רֶעדְן אִיבֶּער זַאכְן וָואס אִיר הָאט דֶערִין חִלּוּקֵי דֵעוֹת.

**דֶער** רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קכב): "כִּי זֶה יָדוּעַ, שֶׁמִּדַּת הַנִּצָּחוֹן אֵינָהּ סוֹבֶלֶת הָאֱמֶת", דָאס אִיז

בַּאוואוּסְט, אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וויל אוֹיסְפִירְן וֶועט עֶר קֵיינְמָאל נִישְׁט מוֹדֶה זַיין אוֹיפְ'ן אֱמֶת, "כִּי אַף אִם יֶרְאֶה לְעֵינַיִם דְּבַר אֱמֶת, יִדְחֶה אוֹתוֹ מֵחֲמַת הַנִּצָּחוֹן", און אֲפִילוּ מֶען וֶועט אִים אוֹיפְוַוייזְן בְּפֵירוּשׁ מִיט קְלָארֶע בַּאוַוייזְן אַז עֶר אִיז נִישְׁט גֶערֶעכְט, וֶועט עֶר אוֹיךְ נִישְׁט מוֹדֶה זַיין אוֹיפְ'ן אֱמֶת, ווייל עֶר וויל אוֹיסְפִירְן; אִיז דָאךְ אַ שָׁאד זִיךְ צוּ טַעֲנֶה'ן און זִיךְ קְרִיגְן מִיט אַ צְוֵוייטְן.

**אִיךְ** הָאף אַז אִיר פַארְשְׁטֵייט וָואס אִיךְ שְׁרַייבּ אַייךְ, און אִיר וֶועט זַיין אַ מֵבִין דָּבָר מִתּוֹךְ דָּבָר צוּ וויסְן ווי אַזוֹי צוּ לֶעבְּן מִיט דִי מִשְׁפָּחָה אָן מַחֲלוֹקֶת, אֲפִילוּ אִיר הָאט חִלּוּקֵי דֵעוֹת צְווישְׁן זִיךְ.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## קפב

### מֶעג מֶען אוֹיסְרֶעדְן נָאךְ הַמַּפִּיל?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה גֶעבְּט, און פַאר אַלֶע חִיזּוּק וָואס אִיר גֶעבְּט מִיר.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן וָואס דִי הֲלָכָה אִיז בַּיי הַמַּפִּיל. אִיךְ ווייס אַז מֶען טָאר נִישְׁט אוֹיסְרֶעדְן נָאךְ הַמַּפִּיל, אָבֶער אַסַאךְ מָאל פַארְגֶעס

אִיךְ און אִיךְ רֶעד אוֹיס. אִיךְ וֵויים אוֹיךְ אַז פּוּנְקְט ווִי מֶען טָאר נִישְׁט עֶסְן אָן אַ בְּרָכָה, טָאר מֶען נִישְׁט שְׁלָאפְן אָן אַ בְּרָכָה, וָואס טוּט מֶען אָבֶּער וֶוען מֶען פַארְגֶעסְט און מֶען רֶעדְט אוֹיס?

יְיַשֵׁר כֹּחַ.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וָאֵרָא, כ"א טֵבֵת, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**עֶס** אִיז דָא אַסַאךְ שִׁיטוֹת וֶוען מֶען זָאל זָאגְן הַמַּפִּיל; עֶס אִיז דָא פּוֹסְקִים וָואס זָאגְן אַז מֶען זָאל עֶס זָאגְן נָאכְן לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע, גְלַייךְ בֶּעפָאר מֶען שְׁלָאפְט אַיין, כְּדֵי עֶס זָאל נִישְׁט זַיין קַיין הֶפְסֵק צְווִישְׁן דִי בְּרָכָה בִּיז'ן אַיינְשְׁלָאפְן. נָאכְדֶעם זֶענֶען דָא וָואס זָאגְן אַז מֶען זָאל קוֹדֶם זָאגְן בִּרְכַּת הַמַּפִּיל און נָאכְדֶעם לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע, און עֶס הֵייסְט נִישְׁט קַיין הֶפְסֵק, וַוייל דִי בְּרָכָה גֵייט אַרוֹיף אוֹיפְ'ן שְׁלָאפְן.

**אִין** בְּרֶסְלֶב פִּירְט מֶען זִיךְ צוּ זָאגְן קוֹדֶם בִּרְכַּת הַמַּפִּיל און נָאכְדֶעם לֵיינְט מֶען קְרִיאַת שְׁמַע, וַוייל אַז מֶען שְׁטוּפְּט עֶס אָפּ אוֹיף שְׁפֶּעטֶער קֶען אוֹיסְקוּמֶען אַז מֶען וֶועט פַארְגֶעסְן צוּ מַאכְן דִי בְּרָכָה און מֶען וֶועט גֵיין שְׁלָאפְן אָן דִי בְּרָכָה, מִמֵילָא, כְּדֵי מֶען זָאל נִישְׁט קוּמֶען צוּ דֶעם, זָאגְט מֶען הַמַּפִּיל פַאר קְרִיאַת שְׁמַע.

**דָאס** וָואס דוּ פְּרֶעגְסְט, צִי דוּ זָאלְסְט זָאגְן בִּרְכַּת הַמַּפִּיל וֶוען דוּ לֵיינְסְט קְרִיאַת שְׁמַע, וַוייל דוּ הָאסְט מוֹרָא אַז דוּ וֶועסְט אוֹיסְרֶעדְן נָאכְדֶעם אוּן עֶס וֶועט זַיין אַ בְּרָכָה לְבַטָלָה; אוֹיף דֶעם וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן הֵיילִיגְן דִּבְרֵי חַיִים, דֶער צַאנְזֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אַז וֶוען עֶר הָאט גֶעהֶערְט ווִי מֶענְטְשְׁן הַאלְטְן זִיךְ צוּרִיק פוּן זָאגְן בִּרְכַּת הַמַּפִּיל, וַוייל זֵיי רֶעדְן אוֹיס וְכוּ', הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "עֶנְדֶערְשׁ זָאל מֶען זָאגְן בִּרְכַּת הַמַּפִּיל יֶעדֶע נַאכְט בְּשֵׁם וּמַלְכוּת, אֲפִילוּ מֶען וֶועט אוֹיסְרֶעדְן נָאכְדֶעם, ווִי צוּ גֵיין שְׁלָאפְן אָן מַאכְן דִי בְּרָכָה (הוּבָא בְּסֵפֶר עֵמֶק יְהוֹשֻׁעַ אַחֲרוֹן, דַף קסא.)", דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ זָאגְן בִּרְכַּת הַמַּפִּיל אֲפִילוּ עֶס מַאכְט זִיךְ אַז דוּ רֶעדְסְט אוֹיס וְכוּ'.

**זֶע** צוּ לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁל אֲרִיזַ"ל פַאר דוּ גֵייסְט שְׁלָאפְן; רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת, קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּטָּה, הֲלָכָה ב) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע בַּיינַאכְט פַאר עֶר גֵייט שְׁלָאפְן, אוּן עֶר אִיז זִיךְ מִתְוַודֶה - "אֵינוֹ זָז מִשָׁם עַד שֶׁמּוֹחֲלִין לוֹ", אִיז מֶען אִים מוֹחֵל אוֹיף אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת.

**חֲכָמֵינוּ** זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ה.): "כָּל הַקּוֹרֵא קְרִיאַת שְׁמַע עַל מִטָּתוֹ - מַזִּיקִין בְּדֵילִין הֵימֶנּוּ", וֶוער עֶס לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע פַאר עֶר לֵייגְט זִיךְ שְׁלָאפְן, גֵייעֶן אַלֶע מַזִּיקִים אַוֶועק פוּן אִים. נָאךְ זָאגְן חֲזַ"ל (בְּרָכוֹת ח:) אַז רָבָא הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיינֶע קִינְדֶער: "אַל תֵּשְׁבוּ עַל מִטַּת אֲרַמִּית", אִיר זָאלְט נִישְׁט שְׁלָאפְן אִין אַ גוֹי'שֶׁע בֶּעט, זָאגְט דִי גְמָרָא עֶטְלִיכֶע פְּשָׁטִים וָואס דָאס מֵיינְט, דֶער עֶרְשְׁטֶער

פְּשַׁט אִיז: "לֹא תִגְנוּ בְּלֹא קְרִיאַת שְׁמַע", עֶר הָאט זֵיי אָנְגֶעזָאגְט זֵיי זָאלְן נִישְׁט גֵיין שְׁלָאפְן אָן לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע; זֶעט מֶען פוּן דֶעם וִוי חָשׁוּב עֶס אִיז וֶוען מֶען לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע פַאר מֶען לֵייגְט זִיךְ שְׁלָאפְן.

**אוֹיךְ** זָאלְסְטוּ זִיךְ אָנְגְרֵייטְן 'נֶעגְל וַואסֶער' פַאר דוּ גֵייסְט שְׁלָאפְן; מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט אַז מֶען קֶען זֶען אוֹיף אַ בָּחוּר צִי עֶר הָאט יִרְאַת שָׁמַיִם, אוֹיב גְרֵייט עֶר זִיךְ אָן 'נֶעגְל וַואסֶער'. ווייל אַן עֶרְלִיכֶער בָּחוּר גֵייט נִישְׁט שְׁלָאפְן אֵיידֶער עֶר גְרֵייט זִיךְ אָן נֶעגְל וַואסֶער, וָואס דָאס אִיז אַ יְסוֹד אִין קְדוּשָׁה; וֶוער עֶס ווִיל זַיין הֵיילִיג אוּן רֵיין דַארְף זֵייעֶר מַקְפִּיד זַיין נִישְׁט אַרָאפּ צוּ גֵיין פוּן בֶּעט אָן דֶעם וָואס עֶר גִיסְט זִיךְ אָפּ נֶעגְל וַואסֶער.

**נָאכְ'ן** זָאגְן בִּרְכַּת הַמַּפִּיל אוּן לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע קֶען מֶען לֵיינֶען סִפּוּרֵי צַדִּיקִים אוּן לֶערְנֶען אַגָּדוֹת חֲזַ"ל וָואס אִיז מְסוּגָל צוּ לֶערְנֶען פַארְ'ן שְׁלָאפְן וְכוּ'; דָאס הֵייסְט נִישְׁט קַיין הֶפְסֵק, ווייל שְׁפֶּעטֶער גֵייט מֶען דָאךְ אַיינְשְׁלָאפְן, גֵייט דִי בְּרָכָה אַרוֹיף אוֹיפְ'ן שְׁלָאפְן.

# קפג

## ווי אַזוֹי קֶען אִיךְ מְכַבֵּד זַיין מַיין טַאטֶע
## וֶוען אִיךְ קֶען אִים קוֹים?

## שְׁאֵלָה:

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ בִּין זִיבֶּעצְן יָאר אַלְט, און מַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן זִיךְ גֶע'גֶט וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען זֶעקְס יָאר אַלְט. אִיךְ קֶען כִּמְעַט נִישְׁט מַיין טַאטֶע, אִיךְ רֶעד מִיט אִים קוֹים צְוֵויי מִינוּט בַּיי אַ מִשְׁפָּחָה שִׂמְחָה, וָואס דָאס קוּמְט אוֹיס מֶערְסְטְנְס אֵיין מָאל אַ יָאר.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאגְט אַז מֶען דַארְף אָנְרוּפְן טַאטֶע און מַאמֶע אַלְס כִּיבּוּד הוֹרִים, ווי אַזוֹי קֶען אִיךְ אָבֶּער אָנְרוּפְן אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיךְ קֶען אִים כִּמְעַט נִישְׁט און אִיךְ וֵוייס אֲפִילוּ נִישְׁט צִי עֶר אִיז אִינְטֶערֶעסִירְט אִין מִיר, צִי עֶר אִיז בִּכְלַל נֵייגֶערִיג אַז אִיךְ זָאל אִים רוּפְן. מַיין עֶלְטֶערֶער בְּרוּדֶער הָאט גֶעלַאכְט וֶוען אִיךְ הָאבּ אִים גֶעזָאגְט דִי וֶוערְטֶער פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה אַז אַ קִינְד מוּז רֶעדְן מִיט דִי עֶלְטֶערְן.

אִיךְ וֵוייס נִישְׁט ווי אַזוֹי אִיךְ דַארְף זִיךְ יֶעצְט פִירְן, וַוייל מַיין כִּיבּוּד אָב גֵייט אוֹיךְ אוֹיפְ'ן חֶשְׁבּוֹן פוּן כִּיבּוּד אֵם, וַוייל פַאר מַיין מַאמֶע גֵייט זֵייעֶר שְׁטֶערְן אוֹיבּ זִי וֶועט הֶערְן אַז אִיךְ רֶעד מִיט מַיין טַאטֶע וְכוּ', וִויל אִיךְ ווִיסְן וָואס הָאבּ אִיךְ יֶעצְט צוּ טוּן.

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע חִיזוּק וָואס אִיר גֶעבְּט אִין אַייעֶרֶע דְרָשׁוֹת, עֶס אִיז מִיר מְחַיֶ' יֶעדֶעס מָאל וָואס אִיךְ הֶער עֶס אִיבֶּער.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וָאֵרָא, כ"ב טֵבֵת, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

**זִיסְן** זָאלְסְטוּ אַז כִּיבּוּד אָב וָאֵם אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה, עֶס אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז דִי תּוֹרָה גְלַייכְט צוּ מְכַבֵּד זַיין עֶלְטֶערְן צוּ מְכַבֵּד זַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן (מְכִילְתָּא פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, פַּרְשָׁה ח); דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט: "מֶען דַארְף מוֹרָא הָאבְּן פוּן מִיר אוּן מִיךְ מְכַבֵּד זַיין", אַזוֹי אוֹיךְ - זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, "דַארְף מֶען מוֹרָא הָאבְּן פוּן דִי עֶלְטֶערְן אוּן זֵיי מְכַבֵּד זַיין".

**עֶס** אִיז דָא זֵייעֶר אַ ווּאוּנְדֶערְלִיכֶע חַזַ"ל (תָּנָא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּה, פַּרְשָׁה כו): "כָּל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, וְאֵין הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מְבַקֵּשׁ מֵהָאָדָם רַק שֶׁיְּכַבֵּד אָב וָאֵם", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט: דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז מַיינְס - אִיךְ הָאבּ עֶס בַּאשַׁאפְן, אוּן אִיךְ בֶּעט פוּן עֶנְק נָאר אֵיין זַאךְ, אַז אִיר זָאלְט מְכַבֵּד זַיין עֶנְקֶערֶע עֶלְטֶערְן.

**דֶערְפַאר** זָאלְסְטוּ זֶען צוּ מְקַיֵּים זַיין מִצְוַת כִּיבּוּד אָב וָאֵם; אֲפִילוּ יֶעצְט ווּאוֹנְסְטוּ מִיט דַיין מַאמֶע וְכוּ', דָאךְ זָאלְסְטוּ רוּפְן דַיין טַאטֶע יֶעדְן טָאג צוּ רֶעדְן מִיט אִים.

**זִיסְן** זָאלְסְטוּ, נִישְׁט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הֵייסְט רֶעדְן מִיט טַאטֶע מַאמֶע; דִי תּוֹרָה הֵייסְט מְכַבֵּד זַיין עֶלְטֶערְן, אַזוֹי ווִי דִי תּוֹרָה זָאגְט (שְׁמוֹת כ, יא): "כַּבֵּד אֶת אָבִיךָ וְאֶת אִמֶּךָ, לְמַעַן יַאֲרִכוּן יָמֶיךָ", וֶוער עֶס אִיז מְכַבֵּד זַיינֶע עֶלְטֶערְן

וֶועט עֶסְן פוּן דִי שְׂכַר אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט; עֶס אִיז נִישְׁט דָא אַזַא זַאךְ אַז כִּיבּוּד אָב גֵייט אוֹיפְ'ן חֶשְׁבּוֹן פוּן כִּיבּוּד אֵם, מִיר דַארְפְן מְכַבֵּד זַיין טַאטֶע מַאמֶע לוֹיט ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֵייסְט, ווִי אַזוֹי דִי תוֹרָה זָאגְט; אַז דִי תוֹרָה הֵייסְט מְכַבֵּד זַיין בֵּיידֶע, דַארְף מֶען מְכַבֵּד זַיין בֵּיידֶע, אֲפִילוּ עֶס שְׁמֶעקְט נִישְׁט פַאר אֵיינֶע פוּן דִי עֶלְטֶערְן אַז דִי קִינְדֶער רֶעדְן צוּם צְווֵייטְן צַד.

**אַז** מֶען רֶעדְט שׁוֹין פוּן דֶעם נוֹשֵׂא, מוּז אִיךְ אוֹיסְשְׁרֵייעֶן אַ ווֵיי גֶעשְׁרֵיי אוֹיף דִי אַלֶע כְּלוֹמֶר'ְיִשֶׁע עַסְקָנִים וָואס זָאגְן פַאר קִינְדֶער פוּן צֶעבְּרָאכֶענֶע שְׁטוּבֶּער וְכוּ' נִישְׁט צוּ רֶעדְן מִיט אֵיינֶע פוּן דִי עֶלְטֶערְן; מֶען אִיז זִיךְ מַלְבִּישׁ מִיט אַ לְבוּשׁ פוּן פְרוּמֶע וְכוּ', אַז דָא טָאר מֶען נִישְׁט רֶעדְן מִיט דִי טַאטֶע ווַייל עֶר טוֹיג נִישְׁט, דָא טָאר מֶען נִישְׁט רֶעדְן מִיט דִי מַאמֶע ווַייל זִי אִיז נִישְׁט בְּסֵדֶר; ווֵיי אִיז פַאר דִי וָואס לָאזְן נִישְׁט דִי עֶלְטֶערְן זֶען זֵייעֶרֶע קִינְדֶער, ווֵיי אִיז פַאר דִי עַסְקָנִים וָואס טֵיילְן אָפּ עֶלְטֶערְן פוּן זֵייעֶרֶע קִינְדֶער, וויפִיל טְרֶערְן וֶוערְן פַארְגָאסְן פוּן עֶלְטֶערְן, פוּן טַאטֶע'ס אוּן מַאמֶע'ס, וָואס ווִילְן רֶעדְן צוּ זֵייעֶרֶע קִינְדֶער אוּן מֶען לָאזְט נִישְׁט דִי קִינְדֶער רֶעדְן צוּ זֵיי וֶועגְן פָּאלִיטִיק אוּן פְּרִיוַואטֶע חֶשְׁבּוֹנוֹת; ווֵיי פַאר וֶוער עֶס הָאט אַ חֵלֶק אִין צוּרִיק הַאלְטְן קִינְדֶער צוּ רֶעדְן צוּ זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן, ווֵיי פַאר זֵיי וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט זֵיי בַּאשְׁטְרָאפְן.

**בֶּאֱמֶת** פַארְשְׁטֵיי אִיךְ נִישְׁט פַארְוָואס דוּ פְרֶעגְסְט אַזַא נַארִישֶׁע שְׁאֵלָה, צִי דַיין טַאטֶע ווִיל בִּכְלַל רֶעדְן

מִיט דִיר וְכוּ', דוּ ווייסְט נִישְׁט אוֹיבּ עֶר אִיז אִינְטֶערֶעסִירְט אַז דוּ זָאלְסְט אִים רוּפְן וְכוּ'; נָאךְ אַבִּיסְל וֶועסְטוּ חֲתוּנָה הָאבְּן אוּן אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שְׁטוּבּ, וֶועסְטוּ זֶען וָואס הֵייסְט קִינְדֶער; דוּ וֶועסְט אַלֵיינְס שְׁפִּירְן ווִי דֶער הַארְץ פוּן אַ טַאטֶע גֵייט אוֹיס צוּ קֶענֶען רֶעדְן מִיט זַיינֶע קִינְדֶער. ווִי אִיז דֶען דָא אַ גְרֶעסֶערֶע רַחֲמָנוּת פוּן אַ טַאטֶע צוּ אַ קִינְד. מֶען זֶעט אִין תְּהִלִים ווִי דָוִד הַמֶּלֶךְ נוּצְט דִי רַחֲמָנוּת פוּן אַ טַאטֶע צוּ וַוייזְן ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט רַחֲמָנוּת אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִילִים קג, יג): "כְּרַחֵם אָב עַל בָּנִים רִחַם ה' עַל יְרֵאָיו", אַזוֹי ווִי אַ טַאטֶע הָאט רַחֲמָנוּת אוֹיף זַיין קִינְד אַזוֹי הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רַחֲמָנוּת אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

**דָאס** אִיז דֶער פְּרָאבְּלֶעם מִיט קִינְדֶער, בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ; ווִילַאנְג זֵיי הָאבְּן נִישְׁט חֲתוּנָה, ווייסְן זֵיי נִישְׁט מַחְשִׁיב צוּ זַיין עֶלְטֶערְן, אוּן מֶען אִיז מְזַלְזֵל אִין עֶלְטֶערְן. מֶען לוֹיפְט צוּ חֲבֵרִים, מֶען קְרִיגְט זִיךְ מִיט דִי עֶלְטֶערְן; אָבֶּער שְׁפֶּעטֶער וֶוען מֶען הָאט חֲתוּנָה אוּן דִי קִינְדֶער הֵייבְּן אָן אוּנְטֶער צוּ וַואקְסְן, מֶען הֵייבְּט זִיךְ אָן צוּ מוּטְשֶׁען מִיט קִינְדֶער, עֶרְשְׁט דֶעמָאלְט כַאפְּט מֶען זִיךְ וָואס עֶלְטֶערְן זֶענֶען, אָבֶּער דֶעמָאלְט אִיז שׁוֹין אַבִּיסֶעלֶע שְׁפֶּעט, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאצָאלְט מִדָּה כְּנֶגֶד מִדָּה.

**דֶערְפַאר** בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, טוּ תְּשׁוּבָה אוּן בֶּעט זִיךְ אִיבֶּער מִיט דַיין טַאטֶע אֲפִילוּ דוּ וואוֹינְסְט יֶעצְט בַּיי דַיין מַאמֶע; דַיין מַאמֶע דַארְף פַארְשְׁטֵיין אַז דָאס אִיז

דַיין טַאטֶע וְכוּ'. קוּק נִישְׁט אוֹיף דַיין בְּרוּדֶער וָואס שְׁפֶּעט אָפּ פוּן דֶעם, אַז דוּ וֶועסְט אָנְהֵייבְּן רֶעדְן צוּ דַיין טַאטֶע וֶועט דִיר גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט און אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

אִיךְ פַּארְשְׁטֵיי אַז דָאס אִיז דִיר אַ שְׁוֶועֶרע זַאךְ, ווַייל שׁוֹין עֶלֶעף יָאר וָואס דוּ הָאסְט נִישְׁט גֶערֶעדְט מִיט אִים, אָבֶער אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ שְׁטַארְקְן דָאס צוּ טוּן וֶועט דִיר גוּט זַיין; דִי עֶרְשְׁטֶע פָּאר מָאל וֶועט דִיר דָאס זַיין שְׁוֶוער, אָבֶער שְׁפֶּעטֶער וֶועט דִיר נָאר גְרִינְגֶער וֶוערְן אוֹיף דַיין הַארְץ.

דוּ קֶענְסְט ווַייזְן דֶעם בְּרִיוו פַאר דַיין בְּרוּדֶער.

## קפד
### הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִין בֵּית שֶׁמֶשׁ.

### שְׁאֵלָה:

**לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

קוֹדֶם כָּל אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ אוֹיף אַלֶע הִתְחַזְקוּת וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה גֶעבְּט אוּנְז כְּסֵדֶר, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל ווַייטֶער הֶעלְפְן.

אִיךְ הָאבּ גֶעמַאכְט אַ שִׁיעוּר יֶעדְן לֵיל שִׁשִׁי בַּיי מִיר אִינְדֶערְהֵיים דָא אִין בֵּית שֶׁמֶשׁ, בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז עֶס קוּמֶען זִיךְ צוּזַאם אִידְן וֶועלְכֶע ווִילְן הֶערְן חִיזוּק, זֵיי ווִילְן זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט דִי לִימוּדִים און עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

אֵיינֶער פוּן דִי אִידְן בַּיים שִׁיעוּר זָאגְט אַז זַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן און זַיין גַאנְצֶע הִתְחַזְקוּת אִיז נָאר פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה, אַזוֹי ווַייט אַז עֶר קְלֶערְט מַמָשׁ זִיךְ אַרִיבֶּערְצוּצִיעֶן קַיין אַמֶערִיקֶע, קַיין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג, כְּדֵי צוּ קֶענֶען

זַיין גֶעבְּן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה... עֶר בֶּעט זֵייעֶר שְׁטַארְק אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאל קוּמֶען דָא אוֹיף שַׁבָּת צוּ מְחַזֵּק זַיין דִי הִיזִיגֶע אִידְן.

נָאכְאַמָאל אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וָאֵרָא, כ"ב טֵבֵת, שְׁנַת תשע"ח לַפְּרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**דוּ** קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן ווִי גְרוֹיס אִיז דַיין זְכוּת אַז דוּ נֶעמְסְט צְווַאם אִינְגֶעלֵייט אִין בֵּית שֶׁמֶשׁ יֶעדֶע לֵיל שִׁישִׁי אוּן דוּ לֶערְנְסְט מִיט זֵיי חִיזּוּק אוּן עֵצוֹת וָואס מִיר הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

**אִיךְ** ווִיל אִם יִרְצֶה ה' זַיין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִין צְוֵויי וָואכְן אַרוּם; אִיךְ פָאר צוּ דִי הֲקָמַת הַמַּצֵּבָה פוּן מַיין בַּאבֶּע עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם וָואס וֶועט פָארְקוּמֶען דָאנֶערְשְׁטָאג פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח אִין מִירוֹן, אוּן אִיךְ וֶועל אִם יִרְצֶה ה' קוּמֶען צוּ דִיר אִין שְׁטוּבּ גֶעבְּן אַ שִׁיעוּר פַאר אַייךְ.

**דֶער** עִיקָר זָאלְסְטוּ ווַייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין צוּ פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'נְ'ס עֵצוֹת בְּיֶתֶר שְׂאֵת וּבְיֶתֶר עוֹז, דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ וָואס מִיר קֶענֶען טוּן פַאר'ן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים; דֶער הֵיילִיגֶער אַהֲבַת יִשְׂרָאֵל זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְלֶעגְט זָאגְן:

"וָואס אִיז דֶער סִימָן אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט לִיבּ דֶעם טַאטְן? אַז עֶר הָאט לִיבּ דִי קִינְדֶער"; דָאס זֶעלְבֶּע אִיז בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, יֶעדֶער שְׁרֵייט: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, מִיר הָאבְּן דִיר זֵייעֶר לִיבּ", אָבֶּער וִוי אַזוֹי וֵוייסְט מֶען אַז עֶס אִיז טַאקֶע אַזוֹי? נָאר וֶוען מֶען זֶעט אַז דוּ טוּסְט פַאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס קִינְדֶער, דוּ גֵייסְט הַפָּצָה, עֶס גֵייט דִיר אִין לֶעבְּן אַז נָאךְ אַ אִיד זָאל הָאבְּן אַ לֶעבְּן, אַז פַאר נָאךְ אַ אִיד זָאל גֵיין גוּט - דָאס אִיז אַ סִימָן אַז מֶען הָאט טַאקֶע לִיבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

זֶוען דוּ זָאלְסְט וִויסְן וָואס הַפָּצָה אִיז וָואלְסְטוּ גֶעלָאפְן אִין דִי גַאסְן אוּן עוֹסֵק גֶעוֶוען אִין הַפָּצָה, וַוייל וֶוען דוּ גֶעבְּסְט אַ סֵפֶר פַאר אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶר אִיז שׁוֹין בַּיי זִיךְ אָפְּגֶע'פַּסְקְ'נְט אַז עֶר קֶען שׁוֹין נִישְׁט הָאבְּן קֵיין תַּקָנָה, עֶר זוֹכְט נָאר וִוי אַזוֹי עֶר קֶען עֶנְדִיגְן זַיין לֶעבְּן הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, אוּן פְּלוּצְלִינְג בַּאקוּמְט עֶר אַ סֵפֶר, אַ סִידִי, אָדֶער אַ קַארְטְל מִיט אַ נָאמְבֶּער וואוּ עֶר קֶען רוּפְן אוּן הֶערְן חִיזוּק - הָאסְטוּ פָּשׁוּט גֶערַאטֶעוֶועט דָאס לֶעבְּן פוּן אַ מֶענְטְשׁ אוּן דָאס אִיז אַזוֹי וִוי דוּ הָאסְט אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אַן עוֹלָם מָלֵא.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# קפה

## עֶס אִיז דָא אַסַאךְ מַחֲלוֹקֶת אִין
## דִי בֵּית הַמֶּדְרָשׁ וואוּ אִיךְ דַאוֶוען.

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ דַאוֶוען אִין אַ גֶעוויסֶע בְּרֶסְלֶב'עֶ בֵּית הַמִּדְרָשׁ, אָבֶער עֶס שְׁטֶערְט מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק אַז מֶען הַאלְט זִיךְ אִין אֵיין קְרִיגְן דָארְט, מַמָּשׁ אוֹיף שְׁטוּתִים, עֶס אִיז מַמָּשׁ אַ וֵוייטָאג אוּן אַ בִּזָיוֹן פַארְ'ן רֶבִּינְ'ס נָאמֶען.

אִין אָנְהוֹיבּ הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט אַז אִיךְ וֶועל זִיצְן אִין מַיין ווינְקְל אוּן לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען אָבֶער עֶס אִיז כִּמְעַט אוּמְמֶעגְלִיךְ נִישְׁט צוּ וֶוערְן מִיטְגֶעשְׁלֶעפְּט. זָאל אִיךְ אַוֶועקְגֵיין דַאוֶוענֶען? אִיךְ וֵייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן.

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וָאֵרָא, כ"ב טֵבֵת, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**עֶס** אִיז זֵייעֶר אַ וויכְטִיגֶע זַאךְ אַז מֶען זָאל הָאבְּן אֵיין שׁוּל וואוּ מֶען דַאוֶוענְט אוּן נִישְׁט בַּייטְן אוּן אַרוּם לוֹיפְן יֶעדֶע שְׁטִיק צַייט צוּ אַ צְוֵוייטֶע שׁוּל.

**חֲכָמֵינוּ** זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ו:): "כָּל הַקּוֹבֵעַ מָקוֹם לִתְפִלָּתוֹ, אֱלֹקֵי אַבְרָהָם בְּעֶזְרוֹ", וֶוער עֶס אִיז זִיךְ קוֹבֵעַ אַ פְּלַאץ וואוּ צוּ דַאוֶוענֶען בִּקְבִיעוּת, וֶועט דֶער

אײבּערשטער וָואס הָאט גֶעהאָלפְן אַבְרָהָם אָבִינוּ אִים אויך הֶעלפְן, "וּכְשֶׁמֵּת, אוֹמְרִים לוֹ, אִי עָנָיו, אִי חָסִיד, מִתַּלְמִידָיו שֶׁל אַבְרָהָם אָבִינוּ", און וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ שְׁטַארְבְּט זָאגְט מֶען אויף אִים בַּיים הֶסְפֵּד: וַויי פַאר דֶעם עָנָיו וָואס אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן, וַויי פַאר דֶעם חָסִיד וָואס אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן, עֶר אִיז גֶעוֶוען פוּן דִי תַּלְמִידִים פוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ; זֶעט מֶען דָאס גְרויסקֵייט פוּן דַאוֶוענֶען אִין אַ בַּאשְׁטִימְטֶע פְּלַאץ.

**לְכְאוֹרָה**, דַארְפְן מִיר פַארְשְׁטֵיין וָואס דִי גְמָרָא זָאגְט דָא; אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז זִיך קוֹבֵעַ אַ פְּלַאץ וואו צוּ דַאוֶוענֶען קוּמְט אִים שׁוין אַזֶעלְכֶע טִיטְלֶען: "עָנָיו", "חָסִיד", "מִתַּלְמִידָיו שֶׁל אַבְרָהָם אָבִינוּ", וָואס הָאט עֶר שׁוין גֶעטוּן אַז מֶען גֶעבְּט אִים אַזֶעלְכֶע טִיטְלֶען?! וֶוען אִיך פְּלֶעג לֶערְנֶען דִי גְמָרָא אִיז דָאס מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער גֶעוֶוען, בִּיז אִיך הָאבּ גֶעטְרָאפְן אַ בְּרִיוו פוּן מוֹהֲרָא"שׁ וואו מוֹהֲרָא"שׁ אִיז זֵייעֶר שֵׁיין מַסְבִּיר דִי גְמָרָא (אֲשֶׁר בְּנַחַל חֵלֶק פו, מִכְתָּב יט אֶלֶף, קפה); אַז גֶעוֶוענְלִיך אִין אַ שׁוּל קֶען זִיך מַאכְן וִויכּוּחִים און אוּמְבַּאקְוֶועמְלִיכְקֵייטְן, בִּפְרַט בַּיי חֲסִידִים וְכוּ'; מְמֵילָא, אויבּ אַ מֶענְטְשׁ אִיז זִיך קוֹבֵעַ אַ בֵּית הַמִּדְרָשׁ וואו עֶר דַאוֶוענְט און עֶר גֵייט נִישְׁט אַוֶועק פוּן דָארְט, עֶר בְּלַייבְּט דָארְט דַאוֶוענֶען אֲפִילוּ עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי בַּאקְוֶועם, אֲפִילוּ מֶען טַעֲנָה'ט זִיך וְכוּ', דָאס אִיז אַ סִימָן אַז דֶער מֶענְטְשׁ אִיז אַ "עָנָיו" און אַ "חָסִיד", אַזַא מֶענְטְשׁ אִיז "מִתַּלְמִידָיו שֶׁל אַבְרָהָם אָבִינוּ", וַוייל אויבּ וָואלְט עֶר נִישְׁט גֶעוֶוען קֵיין עָנָיו, וָואלְט עֶר שׁוין לַאנְג אַוֶועק גֶעלָאפְן פוּן דָארְט, און נָאכְדֶעם וָואלְט עֶר אַוֶועקְגֶעלָאפְן פוּן דֶעם אַנְדֶערְן

שׁוּל און אַזוֹי ווייטער, אָבֶּער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַן עָנָיו, עֶר ווייסְט בַּיי זִיךְ: 'אִיךְ בִּין גָארְנִישְׁט, אִיךְ דַארְף גָארְנִישְׁט, אִיךְ הָאבּ גָארְנִישְׁט און אִיךְ וויל גָארְנִישְׁט; אִיךְ קוּם נִישְׁט צוּ קֵיינֶעם דָא אִין שׁוּל, אִיךְ קוּם נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן', דָאס אִיז אַ סִימָן פוּן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

**דוּ** זָאלְסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין קַיין שׁוּם מַחֲלוֹקֶת, בִּפְרַט אִין מַחֲלוֹקֶת וָואס אִיז לְשֵׁם שָׁמַיִם, ווייל דָאס אִיז זֵייעֶר אַ מְסוּכָּן'דִיגֶע זַאךְ.

**וָואס** זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, אֵיינֶער וָואס לֶעבְּט מִיט אַבִּיסְל יִשּׁוּב הַדַעַת, דֶער לֶעבְּט מִיט תַּכְלִית; עֶר ווייסְט בַּיי זִיךְ: 'נָאךְ אַבִּיסְל וֶועל אִיךְ אַוֶועק גֵיין מִזֶּה הָעוֹלָם, מֶען וֶועט מִיר אוֹיסְטוּן מַיינֶע קְלֵיידֶער און מִיךְ אַרַיין לֵייגְן אִין דֶער עֶרְד; קֵיינֶער וֶועט נִישְׁט טְרַאכְטְן מֶער פוּן מִיר, קֵיינֶער וֶועט נִישְׁט זָארְגְן פַאר מִיר, פַארְוָואס זָאל אִיךְ זַיין פַארְנוּמֶען מִיט מַחֲלוֹקֶת און קְרִיגֶערַייעֶן, וָואס וֶועל אִיךְ הָאבְּן פוּן דֶעם?' אַזַא אֵיינֶער קְרִיגְט זִיךְ נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם, עֶר לֶעבְּט בְּשָׁלוֹם מִיט אַלֶעמֶען.

**מוֹהֲרָא"ש**, וֶוען עֶר פְלֶעגְט וֶועלְן גֶעבְּן אַ מָשָׁל אַז מֶען זָאל אַנְטְלוֹיפְן פוּן מַחֲלוֹקֶת, פְלֶעגְט עֶר שְׁטֶענְדִיג נֶעמֶען אַלְץ מָשָׁל אֵיינֶער וָואס לִיגְט אִין שְׁפִּיטָאל קְרַאנְקֶערְהֵייט, פַאר אַ מֶענְטְשׁ וָואס גֶעפוּנְט זִיךְ אִין אַזַא מַצָּב לֹא עָלֵינוּ וֶועט נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְן קַיין שׁוּם מַחֲלוֹקֶת און קַיין שׁוּם פָּאלִיטִיק, מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט זָאגְן: פְּרוּבִּירְט צוּ

צוּ גֵיין צוּ אֵיינֶעם וָואס לִיגְט טוֹיט קְרַאנְק, זָאג אִים אַרַיין אִין אוֹיעֶר: "דוּ וֵוייסְט, דֶער אוּן דֶער אִיז אַ שֵׁגֶץ"; "דוּ וֵוייסְט וָואס טוּט זִיךְ דָארְט בַּיי דֶעם רֶבִּי'ן... אוֹיף טִישׁ אוּן אוֹיף בֶּענְק", וָואס וֶועט דֶער חוֹלֶה זָאגְן? "אִיךְ בֶּעט דִיר, לָאז מִיר אָפּ; אִיךְ גֵיי שׁוֹין שְׁטַארְבְּן. וָואס ווילְסְטוּ פוּן מִיר? קוּק מִיר אָן, קוֹים וָואס אִיךְ אָטֶעם, קוֹים וָואס אִיךְ לֶעבּ, וָואס גֵייט מִיר אָן וָואס מֶען רֶעדְט אוֹיף אַ צְוֵוייטְן?"

דִי אַלֶע וָואס שְׁטֵייעֶן אִין שְׁפִּיץ אוּן פִירְן אָן מַחֲלוֹקֶת זֶענֶען פּוּסְטֶע לַייט; קוּק וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (קִידּוּשִׁין עא:): וֶוען צְוֵויי מֶענְטְשְׁן קְרִיגְן זִיךְ, אוּן אֵיינֶער פוּן זֵיי שְׁוַוייגְט, זָאלְסְטוּ ווִיסְן אַז דֶער אִיז אַ גְרֶעסֶערֶער מְיֻחָס, אוּן פַארְקֶערְט אוֹיךְ, וֶוער עֶס קְרִיגְט זִיךְ מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם, דֶער אִיז נִישְׁט בְּסֵדֶר; אֲפִילוּ עֶר זֶעט אוֹיס ווִי אַ צַדִּיק, אִיז עֶר אַ מְשׁוּגָע'נֶער צַדִּיק - ווִי דֶער רֶבִּי רוּפְט אָן אַזַא אֵיינֶעם (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ג - מֵחִיגֵּר); דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט דָארְט אַז וֶוען דִי גַּזְלָנִים זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דֶעם פְּלַאץ וואוּ דֶער חִיגֵּר הָאט אוֹיסְגֶעשְׁפְּרֵייט דִי שְׁטוֹיבּ, הָאבְּן זֵיי אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרֵייעֶן אוֹיף זֵייעֶרֶע טֶעג אוּן יָארְן, זֵיי הָאבְּן תְּשׁוּבָה גֶעטוּן; אָבֶּער ווִיבַּאלְד עֶס אִיז גֶעוֶוען דָארְט אוֹיסְגֶעמִישְׁט פוּן דִי שְׁטוֹיבּ פוּן מְשֻׁגָּעִים, זֶענֶען זֵיי גֶעוָוארְן "מְשׁוּגָע'נֶע צַדִּיקִים"; זֵיי הָאבְּן זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ קְרִיגְן אֵיינֶער מִיטְ'ן צְוֵוייטְן. דֶער הָאט גֶעשְׁרִיגְן: "אִיבֶּער דִיר הָאבְּן מִיר גֶעטוּן דִי אַלֶע עֲבֵירוֹת", אוּן דֶער הָאט גֶעשְׁרִיגְן: "אִיבֶּער דִיר וְכוּ'", בִּיז זֵיי הָאבְּן זִיךְ אוֹיסְגֶע'הַרְג'עֶט אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן. קוּק נָאךְ דִי מַעֲשֶׂה.

**דֶערְפַאר** זָאלְסְטוּ וַוייטֶער דַאוָוענֶען אִין דַיין ווינְקְל, אוּן זַיי זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל פוּן אַ צְוֵוייטְן; דוּ קוּק נָאר אוֹיף דִיר אוּן אוֹיף דַיינֶע קִינְדֶער, דַאן וֶועט דִיר גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

# קפו

## וָואס אִיז דֶער מִנְהָג אִין בְּרֶסְלֶב וֶועגְן נִיטְל?

### שְׁאֵלָה:

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט פַּארְגֶעלֶערְנְט אַ שִׁיעוּר גְמָרָא דֶעם מוֹצָאֵי שַׁבָּת, אִיךְ הָאבּ מִיךְ אַבִּיסְל גֶעוואוּנְדֶערְט וַוייל אִין דִי וֶועלְט הָאט מֶען נִישְׁט גֶעלֶערְנְט דִי וָואךְ מוֹצָאֵי שַׁבָּת וֶועגְן נִיטְל, הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס אִיז דֶער מִנְהָג אִין בְּרֶסְלֶב לְגַבֵּי נִיטְל.

אַ גְרוֹיסְן יִישַׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעם!

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וָאֵרָא, כ"ב טֵבֵת, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אִין** בְּרֶסְלֶב הָאט מֶען נִישְׁט גֶעמַאכְט קֵיין עֵסֶק פוּן נִיטְל; מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעהֶערְט פוּן הָרַב הַחָסִיד רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק

בְּעֶנְדֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, אַז אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פְּלֶעגְן זִיךְ לֵייגְן שְׁלָאפְן יֶעדֶע נַאכְט גְלַייךְ נָאךְ מַעֲרִיב, מִמֵּילָא אִיז בִּכְלַל נִישְׁט גֶעוֶוען דִי גַאנְצֶע שְׁאֵלָה פוּן לֶערְנֶען נִיטְל נַאכְט, וַוייל פוּן מַעֲרִיב בִּיז חֲצוֹת אִיז מֶען סַיי וִוי גֶעשְׁלָאפְן.

**מוֹהֲרָא״שׁ** זָאגְט אַז דֶער גַאנְצֶע מְקוֹר פוּן נִיטְל קוּמְט פוּן תְּשׁוּבַת רַשִׁ״י הַקָּדוֹשׁ (עַיֵּין בְּסֵפֶר מַטְעַמִּים, מַעֲרֶכֶת אוֹת הנ׳, עֶרֶךְ נִיטְל, אוֹת א); וַוייל אַמָאלִיגֶע צַייטְן פְּלֶעגְן זִיךְ דִי גוֹיִם צוּזַאמְקוּמֶען אִין דֶעם יוֹם הוּלֶדֶת פוּנֶעם אוֹתוֹ הָאִישׁ יִמַּח שְׁמוֹ, זַיי פְּלֶעגְן זִיךְ אָנְשִׁיכּוֹר׳ן יֶענֶע נַאכְט אוּן זַיין זֵייעֶר צֶעוִוילְדֶעוֶועט וְכוּ׳; אוֹיפְ׳ן וֶועג אַהֵיים, זֵייעֶנְדִיג אָנְגֶעטְרִינְקֶען אוּן צֶעלָאזְט פְּלֶעגְן זֵיי שְׁלָאגְן יֶעדְן אִיד וָואס זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעטְרָאפְן דֶעמָאלְט אוֹיפְ׳ן גַאס. דֶערְפַאר הָאט מֶען גֶעמַאכְט אַ גְזֵירָה אַז אִין דִי נַאכְט טָאר מֶען נִישְׁט לֶערְנֶען תּוֹרָה וְכוּ׳ אַז דִי תּוֹרָה זָאל נִישְׁט גֵיין צוּ דִי סִטְרָא אַחֲרָא וְכוּ׳. אָבֶער דֶער עִיקָּר כַּוָּונָה פוּן דֶעם אִיז גֶעוֶוען פָּשׁוּט אַז מֶענְטְשְׁן זָאלְן נִישְׁט גֶעשֶׁעדִיגְט וֶוערְן פוּן דִי ווִילְדֶע גּוֹיִם וָואס פְּלֶעגְן אַהֵיים קוּמֶען אָנְגֶעהִיצְט פוּן דִי גַלָּחִים וְכוּ׳, פוּן דֶעם קוּמְט דֶער מְקוֹר אַז מֶען לֶערְנְט נִישְׁט נִיטְל נַאכְט.

**פוּן** דֶעם אִיז גֶעוָוארְן אַז אֲפִילוּ הַיינְטִיגֶע צַייטְן וָואס דֶער טַעַם גֵייט שׁוֹין נִישְׁט אָן, הָאבְּן מֶענְטְשְׁן מוֹרָא צוּ לֶערְנֶען נִיטְל נַאכְט.

**מוֹהֲרָא״שׁ** זָאגְט אַז ווִיבַּאלְד בַּיים רֶבִּי׳ן רֶעדְט מֶען זֵייעֶר אַסַאךְ פוּן אֱמוּנָה, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז

אִיבֶּעְרָאל אוּן עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיסֶערְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְפַּאר הָאט מֶען נִישְׁט גֶעמַאכְט קַיין עֵסֶק פוּן דֶעם גַאנְצְן דִמְיוֹן פוּן אוֹתוֹ הָאִישׁ וְכוּ'; וַוייל אַז אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר וֵוייסְט אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיסֶערְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז "מְמַלֵּא כָּל עָלְמִין, וְסוֹבֵב כָּל עָלְמִין, אֵין שׁוּם מְצִיאוּת בִּלְעָדָיו יִתְבָּרַךְ כְּלָל, וּבְכָל תְּנוּעָה וּתְנוּעָה שָׁם אֲלוּפוֹ שֶׁל עוֹלָם", דֶעמָאלְט וֶוערְט מְקוּיָם דֶער פָּסוּק (תְּהִילִים צב, י): "יִתְפָּרְדוּ כָּל פֹּעֲלֵי אָוֶן", מְמֵילָא דַארְף מֶען נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן דִי אַלֶע זַאכְן, וַוייל אַלֶעס אִיז בָּטֵל וּמְבוּטָל.

**אָבֶער** אַז אֵיינֶער הָאט יָא מוֹרָא צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה אִין דִי נַאכְט פוּן נִיטְל, זָאל עֶר גֵיין שְׁלָאפְן גְלַייךְ וֶוען עֶס וֶוערְט נַאכְט אוּן אוֹיפְשְׁטֵיין פְּרִי לֶערְנֶען, אַזוֹי וֶועט עֶר יוֹצֵא זַיין אַלֶע מִנְהָגִים.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# קפז

## אִיךְ קֶען נִישְׁט אַסַאךְ הַלָכוֹת.

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

זַייט אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן הֶערְן אַייעֶרֶע שִׁיעוּרִים בִּין אִיךְ גֶעווָארְן אַזוֹיפִיל זַאכְן אִין אִידִישְׁקֵייט וָואס אִיךְ הָאבּ בִּכְלַל נִישְׁט גֶעווָאוּסְט בִּיז יֶעצְט, פוּן גְרוֹיסֶע זַאכְן בִּיז קְלֵיינֶע פְּרָטִים.

אִיךְ בִּין אַ גֶעוֶועגְלִיכֶער בָּחוּר, אִיךְ בִּין אוֹיפְגֶעוַואקְסְן אִין אַ גֶעוֶועגְלִיכֶע אִידִישֶׁע שְׁטוּב, אָבֶּער עֶרְשְׁט לֶעצְטֶנְס הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן אוֹיפְצוּפַּאסְן ווִי וֶוייניג אִיךְ ווֵייס וֶוען עֶס קוּמְט צוּ דַאוֶוענֶען אָדֶער צוּ הַלָכוֹת. לְמָשָׁל בִּיז צְוֵויי יָאר צוּרִיק הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעווָאוּסְט אַז מוֹצָאֵי שַׁבָּת זָאגְט מֶען אַתָּה חוֹנַנְתָּנוּ בַּיים שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה, נָאךְ אַ בַּיישְׁפִּיל וָואס אִיךְ בִּין מַמָּשׁ לֶעצְטֶנְס גֶעווָאוּיר גֶעוָוארְן וֶועגְן דִי פִיר פַּרְשִׁיּוֹת וָואס מֶען דַארְף זָאגְן מִיט דִי תְּפִלִּין, ווִי אַזוֹי מֶען דַארְף זִיךְ בֵּייגְן בַּיים אוֹיסְטְרֶעטְן שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה, אוֹיף וֶועלְכֶע הַאנְט צוּ פַאלְן בַּיי תַּחֲנוּן, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער נָאךְ פַארְשִׁידֶענֶע הַלָכוֹת וָואס אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין גֶעווָאוּיר וֶוערְן.

אִיךְ הֶער אַסַאךְ מָאל בַּיי דִי שִׁיעוּרִים ווִי אִיר פְרֶעגְט פוּן דִי בָּחוּרִים וָואס מֶען זָאל רֶעדְן בַּיים שִׁיעוּר, אֶפְשָׁר וָואלְט כְּדַאי גֶעוֶוען צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל הַלָכוֹת בַּיים שִׁיעוּר, אִיךְ בִּין זִיכֶער אַז אִיךְ וֶועל זִיךְ אוֹיסְלֶערְנֶען דֶערְפוּן גָאר אַסַאךְ אוּן זִיכֶער וֶועלְן אַנְדֶערֶע אוֹיךְ הֲנָאָה הָאבְּן דֶערְפוּן.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס וָואס אִיר טוּט פַאר מִיר, אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען גָאר אַסַאךְ פוּן אַייךְ, אִיר קֶענְט זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן ווִי אַזוֹי מַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן הָאט זִיךְ גֶעטוֹישְׁט דוּרְךְ אַייעֶרֶע שִׁיעוּרִים. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז אִיר זָאלְט וַוייטֶער קֶענֶען מַמְשִׁיךְ זַיין מִיט אַייעֶר הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט אַרוֹיסְצוּהֶעלְפְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וָאֵרָא, כ"ד טֵבֵת, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

**אִיךְ** הָאבּ זֵייעֶר הַנָאָה צוּ הֶערְן ווִי דוּ בִּיסְט זִיךְ מְחַיֶ' מִיט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת.

**עֶס** אִיז זֵייעֶר ווִיכְטִיג אַז דוּ זָאלְסְט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל הַלָכָה; הַיינְט זֶענֶען דָא אַ שֶׁפַע פוּן סְפָרִים אוֹיף הַלָכָה, עֶס קוּמֶען כְּסֵדֶר אַרוֹיס סְפָרִים אוֹיף הַלָכוֹת אִין אַלֶע שְׁפְּרַאכְן, אוֹיף אִידִישׁ, אוֹיף עֶנְגְלִישׁ וְכוּ', כְּדֵי אַז דִי מֶענְטְשְׁן וָואס פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט לְשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ זָאלְן אוֹיךְ קֶענֶען הַלָכוֹת אוּן ווִיסְן ווִי אַזוֹי מֶען דַארְף זִיךְ פִירְן.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כט): "צְוֵויי זַאכְן דַארְף יֶעדֶער אִיד טוּן יֶעדְן אֵיינְצִיגְסְטְן טָאג"; דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ וָואס דֶער רֶבִּי פַארְלַאנְגְט פוּן יֶעדְן אִיד, אַז מֶען זָאל לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג הַלָכָה, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט מֶען זָאל הָאבְּן צְוֵויי שִׁיעוּרִים אִין הַלָכָה, אֵיין שִׁיעוּר אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ הַקְּטַנִּים - דָאס אִיז "מְחַבֵּר אוּן רְמָ"א", אוּן נָאכְדֶעם נָאךְ אַ שִׁיעוּר אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ הַגְּדוֹלִים - אַ שִׁיעוּר אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ מִיט אַלֶע פּוֹסְקִים וָואס זֶענֶען גֶעדְרוּקְט אַרוּם דֶעם שֻׁלְחָן עָרוּךְ: טוּרֵי זָהָב, מָגֵן אַבְרָהָם וְכוּ'; קוּק דֶער לְשׁוֹן וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט: "כָּל אִישׁ יִשְׂרְאֵלִי מְחֻיָּב לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם פּוֹסְקִים, וְלֹא יַעֲבֹר", יֶעדֶער אִיד אִיז מְחוּיָב צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג הַלָכוֹת,

"וְאִם הוּא אָנוּס וְאֵין לוֹ פְּנַאי, יִלְמַד עַל כָּל פָּנִים אֵיזֶה סְעִיף שֻׁלְחָן עָרוּךְ בְּאֵיזֶה מָקוֹם שֶׁהוּא, אֲפִילּוּ שֶׁלֹּא בִּמְקוֹמוֹ שֶׁהוּא עוֹמֵד עַתָּה בְּשֻׁלְחָן עָרוּךְ", אוֹיב מֶען הָאט נִישְׁט קַיין צַייט וְכוּ' זָאל מֶען לֶערְנֶען אַ הֲלָכָה, אֲפִילּוּ נִישְׁט כְּסֵדֶר וואוּ מֶען הַאלְט וְכוּ', "כִּי צָרִיךְ לִלְמֹד אֵיזֶה דִּין בְּ'שֻׁלְחָן עָרוּךְ' בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּל יְמֵי חַיָּיו", וַוייל מֶען אִיז מְחוּיָב צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג הֲלָכָה.

**הֲלָכָה** אִיז גֶעוֶוען בַּיים רֶבִּי'ן דֶער ווִיכְטִיגְסְטֶער שִׁיעוּר. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שָׁם) אַז הֲלָכָה קוּמְט פַּאר אַלֶע אַנְדֶערֶע שִׁיעוּרִים, "כִּי עַל יְדֵי חֲטָאִים נִתְעָרֵב טוֹב וָרָע", וַוייל דוּרְכְדֶעם וָואס אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט, מִישְׁט עֶר אוֹיס גוּטְס מִיט שְׁלֶעכְטְס; עֶר ווֵייסְט נִישְׁט וָואס אִיז גוּט אוּן וָואס אִיז שְׁלֶעכְט, אוֹיף שְׁלֶעכְטְס זָאגְט עֶר אַז דָאס אִיז טוֹב, אוּן אוֹיף גוּטְס זָאגְט עֶר אַז דָאס אִיז רַע; דִי עֵצָה אוֹיף דֶעם אִיז, צוּ לֶערְנֶען הֲלָכָה, "וְעַל יְדֵי לִמּוּד פּוֹסֵק, שֶׁמְּבָרֵר הַכָּשֵׁר וְהַפָּסוּל הַמֻּתָּר וְהָאָסוּר הַטָּהוֹר וְהַטָּמֵא, עַל יְדֵי זֶה נִתְבָּרֵר וְנִפְרַשׁ הַטּוֹב מִן הָרָע", וַוייל וֶוען מֶען לֶערְנְט הֲלָכָה זֶעט מֶען גְלַייךְ וָואס אִיז גוּטְס אוּן וָואס אִיז שְׁלֶעכְטְס, וָואס מֶען מֶעג טוּן אוּן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט טוּן.

**עֶס** אִיז בַּאווּאוּסְט דֶעם סִיפּוּר אַז אַ אִיד אִיז גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן מִיט זַיינֶע חִידוּשִׁים וָואס עֶר הָאט מְחַדֵּשׁ גֶעוֶוען אוֹיף אַ תּוֹרָה אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ אָנְגֶערוּפְן אוּן גֶעזָאגְט: "אִיר מֶעגְט קְנֵייטְשְׁן מַיין סֵפֶר ווִי אַזוֹי אִיר ווִילְט (דָאס מֵיינְט, אִיר קֶענְט זָאגְן אַלֶע סָארְט פְּשָׁטִים אִין מַיינֶע תּוֹרוֹת), מִיט אֵיין תְּנַאי, אַז אִיר זָאלְט נִישְׁט

אָפְּטְרֶעטְן פוּן אַ סְעִיף קָטָן אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ"; וַוייל בַּיים רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען דֶער עִיקָר מֶען זָאל נִישְׁט אַוֶועק גֵיין פוּן הַלָכָה.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ח.): אוֹיפְ'ן פָּסוּק (תְּהִילִים פז, ב): "אֹהֵב ה' שַׁעֲרֵי צִיּוֹן מִכֹּל מִשְׁכְּנוֹת יַעֲקֹב", אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ וֶוען מֶען לֶערְנְט הֲלָכָה מֶער ווִי אַלֶע אַנְדֶערֶע לִימוּדִים, וַוייל "מִיּוֹם שֶׁחָרַב בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אֵין לוֹ לְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בְּעוֹלָמוֹ, אֶלָּא אַרְבַּע אַמּוֹת שֶׁל הֲלָכָה בִּלְבַד", פוּן וֶוען מִיר הָאבְּן פַארְלוֹירְן דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ - דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הוֹיז, וואוּינְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דָארְט וואוּ מֶען לֶערְנְט הֲלָכָה; דֶערְפַאר הָאט דֶער רֶבִּי זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען אַז יֶעדֶער אִיד דַארְף לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג הֲלָכָה.

דִי צְוֵוייטֶע זַאךְ וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז יֶעדֶער אִיד דַארְף טוּן יֶעדְן טָאג אִיז "הִתְבּוֹדְדוּת"; מֶען זָאל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג. מֶען זָאל גֵיין אוֹיף אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט אוּן זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן דָאס הַארְץ מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ וָואס מֶען אִיז צוּגֶעוואוֹינְט צוּ רֶעדְן, אוֹיף מַאמֶע לָשׁוֹן, מֶען זָאל אַלֶעס דֶערְצֵיילְן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן; אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער בְּרוּחָנִיוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת, ווִי דֶער יֵצֶר הָרַע וַוארְפְּט אַלְץ אַרָאפּ וְכוּ', אוּן אַז וִויפִיל מָאל מֶען וִויל זַיין גוּט וְכוּ' גֵייט עֶס נִישְׁט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# קפח

## זָאל אִיךְ קוֹיפְן אַ דִירָה מִיט צְוֵויי צִימֶערְן אָדֶער דְרֵיי?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הֶער אַייֶערֶע שִׁיעוּרִים אוּן הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה פוּן דֶעם.

אַזוֹי ווִי אִיךְ גֵיי קוֹיפְן אַ דִירָה אִין אַ וָואךְ אַרוּם, הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פְּרֶעגְן אַז לְמַעֲשֶׂה הָאבּ אִיךְ יֶעצְט אֵיין קִינְד אוּן מַיין שְׁאֵלָה אִיז צִי אִיךְ זָאל קוֹיפְן אַ דִירָה מִיט צְוֵויי שְׁלָאף צִימֶערְן אָדֶער מִיט דְרֵיי? וַוייל פַאר דִי קוּמֶענְדִיגֶע פָּאר יָאר אִיז מִיר גֶענוּג צְוֵויי, אָבֶּער פוּן דִי צְווייטֶע זַייט וֶועל אִיךְ דַארְפְן צוּבּוֹיעֶן נָאךְ אַ צִימֶער שְׁפֶּעטֶער. דֶער חִילוּק אִיז אִין דִי מַשְׁכַּנְתָּא [מָארְטְגֶעדְזְשׁ], אַ חִילוּק פוּן טוֹיזְנְט שֶׁקֶל אַ חוֹדֶשׁ.

בִּיטֶע אוֹיבּ אִיר קֶענְט מִיר עֶנְטְפֶערְן ווִי שְׁנֶעלֶער.

יְיַשֵׁר כֹּחַ.

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וָאֵרָא, כ"ד טֵבֵת, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זְוִי אַזוֹי קֶען אִיךְ דִיר עֶנְטְפֶערְן וֶוען אִיךְ וֵייס נִישְׁט וָואס אִיז דַיין מַצָּב הַפַּרְנָסָה וְכוּ'.

אִיךְ וֶועל דִיר דֶערְצֵיילְן וָואס אִיךְ הָאבּ שְׁטֶענְדִיג גֶעהֶערְט פוּן מוֹהֲרָא"שׁ; וֶוען אִינְגֶעלַייט זֶענֶען זִיךְ גֶעקוּמֶען שׁוֹאֵל

עֵצָה זַיין וֶועגְן קוֹיפְן אַ דִירָה, מֶען הָאט גֶעקְרֶעכְצְט אַז מֶען הָאט נִישְׁט קַיין גֶעלְט וְכוּ', פְּלֶעגְט מוֹהֲרָא"ש שְׁטֶענְדִיג נָאכְזָאגְן פוּנֶעם פְרִיעֶרְדִיגְן לִיוּבַּאוִויטְשֶׁער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אַז וֶוען מֶען הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט צִי מֶען זָאל אַרַיין שְׁפְּרִינְגֶען אִין קוֹיפְן וְכוּ' פְּלֶעגְט עֶר זָאגְן: "אַבִּיסְל בָּארְגְט מֶען, אַבִּיסְל זָארְגְט מֶען אוּן דֶער הוֹיז אִיז דַיינְס", וְדִבְרֵי פִּי חָכָם חֵן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר גֶעבְּן שֶׁפַע אַז דוּ זָאלְסְט קֶענֶען קוֹיפְן בְּרֶוַח מִיט אַ גַדְלוּת הַמוֹחִין; גֵיי אַרוֹיס פוּן דַיין קַטְנוּת הַדַעַת, אַז פַאר אַ קְלֵיינֶע דִירָה הָאסְטוּ דָאךְ אוֹיךְ נִישְׁט, קֶענְסְטוּ זִיךְ דָאךְ אִינְגַאנְצְן פַארְלָאזְן אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וָואס גֶעבְּט דִיר דֶעם עֶרְשְׁטְן דָאלֶער וֶועט דִיר גֶעבְּן נָאךְ טוֹיזְנְט שֶׁקֶל אַ חוֹדֶשׁ, אוּן נָאךְ מֶער, צוּ קֶענֶען קוֹיפְן אַ גְרוֹיסֶע דִירָה בְּהַרְחָבָה גְדוֹלָה.

## קפט

**מִיר ווִילְן הָאבְּן נָאךְ קִינְדֶער.**

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן דַאנְק פַאר אַלֶע שֵׁיינֶע גֶעדַאנְקֶען וְכוּ', אִיךְ דֶערְקְוִויק זִיךְ מִיט אַייעֶרֶע שִׁיעוּרִים.

אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵׁם חֲתוּנָה גֶעהַאט אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר בָּרוּךְ הַשֵׁם גֶעבֶּענְטְשְׁט אַ יָאר דֶערוֹיף מִיט אַ זִיס לִיכְטִיג בֵּן זָכָר, אָבֶּער

עֶס אִיז שׁוֹין אַרִיבֶּער מֶער פוּן צְוֵויי יָאר זַייט מַיין זוּן אִיז גֶעבּוֹירְן אוּן מִיר ווילְן שׁוֹין זֵייעֶר שְׁטַארְק הָאבְּן נָאךְ קִינְדֶער.

אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט דֶערְוֶועגְן מִיט מַיין רַב וֶועמֶען אִיךְ פְּרֶעג מַיינֶע שְׁאֵלוֹת אוּן עֶר הָאט מִיר גֶעזָאגְט אַז מַיין וַוייבּ שֶׁתִּחְיֶ' זָאל גֵיין מַאכְן כָּל מִינֵי טֶעסְטְס, בָּרוּךְ הַשֵּׁם עֶס אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען גוּטֶע רֶעזוּלְטַאטְן אַז עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין פְּרָאבְּלֶעמֶען בַּיי אִיר. אָבֶּער דֶער דָאקְטֶער זָאגְט אַז יֶעצְט דַארְף אִיךְ מַאכְן פַארְשִׁידֶענֶע טֶעסְטְס, וָואס זֶענֶען נִישְׁט אַזוֹי הֲלָכָה'דִיג אוֹיסְגֶעהַאלְטְן כְּדֵי בּוֹדֵק צוּ זַיין מַיין פְּרָאבְּלֶעם. לְמַעֲשֶׂה יֶעצְט זֶענֶען מִיר אִינְגַאנְצְן צֶעבְּרָאכְן אוּן מִיר וַוארְטְן פַאר אַ יְשׁוּעָה בְּקָרוֹב, אָמֵן.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וָאֵרָא, כ"ד טֵבֵת, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

### אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אִיךְ** פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט פַארְוָואס דוּ בִּיסְט אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן; טַאנְץ פַאר שִׂמְחָה אַז דוּ הָאסְט אַ לִיכְטִיג קִינְד, אַ גֶעזוּנְט קִינְד. וויפִיל גֶעלְט וָואלְטְן מֶענְטְשְׁן גֶעצָאלְט צוּ הָאבְּן בִּכְלַל קִינְדֶער, אוּן בִּפְרַט גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער. אִיר דַארְפְט טַאנְצְן פַאר שִׂמְחָה אַז אִיר הָאט אַ לִיכְטִיג קִינְד; נֶעם אַרָאפּ דָאס וָוארְט "נָאר" - מִיר הָאבְּן "נָאר" אֵיין קִינְד, זָאג: "מִיר הָאבְּן אַ קִינְד".

**מַאךְ** נִישְׁט קַיין שׁוּם טֶעסְטְס אוֹיף דִיר וְכוּ'; דוּ בִּיסְט גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר הֶעלְפְן אַז דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין צוּ (תְּהִלִּים קכח, ג): "אֶשְׁתְּךָ כְּגֶפֶן פֹּרִיָּה בְּיַרְכְּתֵי בֵיתֶךָ, בָּנֶיךָ כִּשְׁתִלֵי זֵיתִים סָבִיב לְשֻׁלְחָנֶךָ".

**גֶעדֶענְק** וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּעֲנִית ב.): "שְׁלֹשָׁה מַפְתֵּחוֹת בְּיָדוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא", דְרֵיי שְׁלִיסְלֶען זֶענֶען נָאר אִין דִי הֶענְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֵיינְס פוּן דִי דְרֵיי אִיז: "מַפְתֵּחַ שֶׁל חַיָּה", דִי שְׁלִיסְל פוּן קִינְדֶער, וָואס דָאס אִיז נָאר אִין דִי הֶענְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**דֶער** רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידּוֹת, אוֹת בָּנִים, סִימָן כב): "מַה יַּעֲשֶׂה אָדָם וְיִהְיֶה לוֹ בָּנִים, יְפַזֵּר מְעוֹתָיו לַעֲנִיִּים, וִישַׂמַּח אֶת אִשְׁתּוֹ", וָואס זָאל אַ מֶענְטְשׁ טוּן צוּ הָאבְּן קִינְדֶער? עֶר זָאל גֶעבְּן צְדָקָה אוּן פְרֵיילִיךְ מַאכְן זַיין וַוייבּ; פָאלְג דֶעם רֶבִּי'ן וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת.

**זֵיי** זִיךְ מְחַזֵּק אוּן זַיי מְחַזֵּק דַיין וַוייבּ; זָאג אִיר: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אוּנְז נָאךְ הֶעלְפְן, מִיר וֶועלְן הָאבְּן קִינְדֶער", אוּן פְרֵיי דִיךְ מִיט דַיין וַוייבּ אוֹיף דַיין קִינְד וָואס דוּ הָאסְט; הֶער נִישְׁט אוֹיף צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דַיין קִינְד, וֶועסְטוּ בְּקָרוֹב זוֹכֶה זַיין צוּ גְרוֹיסֶע נִיסִים.

**אִיךְ** וַוארְט צוּ הֶערְן פוּן דִיר וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר גֶעהָאלְפְן.

# קצ

**ווי אַזוֹי קֶען איך זַיין רֵיין פוּן פְּגַם הַבְּרִית?**

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

איך וויל פְרֶעגְן וָואס איך קֶען טוּן צוּ זַיין רֵיין פוּן פְּגַם הַבְּרִית. איך הָאבּ שׁוֹין פְּרוּבִּירְט זִיךְ פָּארְצוּנֶעמֶען אַלֶע סָארְט קַבָּלוֹת צוּ זַיין עֶרְלִיךְ און איך בֶּעט זֵייעֶר אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוֹיף דֶעם, אָבֶּער איך קֶען נִישְׁט אַרוֹיס קְרִיכְן דֶערְפוּן, וָואס אִיז דִי עֵצָה? ווִיאַזוֹי שְׁטַארְקְט מֶען זִיךְ אוֹיף דֶעם יֵצֶר הָרַע?

אַ גְרוֹיסְן דַאנְק אוֹיף אַלֶעס און אַלֶעמֶען.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וָאֵרָא, כ"ד טֵבֵת, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**וִויסְן** זָאלְסְטוּ אַז דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה אִיז זֵייעֶר אַ הַארְבֶּע עֲבֵירָה, עַד כְּדֵי כַּךְ אַז חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (נִדָּה יג:): "כָּל הַמּוֹצִיא שִׁכְבַת זֶרַע לְבַטָּלָה חַיָּיב מִיתָה", ווֶער עֶס זִינְדִיגְט אִין פְּגַם הַבְּרִית, עֶר אִיז מוֹצִיא זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, אִיז חַיָּיב מִיתָה. נָאךְ זָאגְן חַזַ"ל (שָׁם): "כְּאִילוּ שׁוֹפֵךְ דָּמִים", עֶס אִיז אַזוֹי ווִי אֵיינֶער אִיז עוֹבֵר אוֹיף רְצִיחָה און שְׁפִיכַת דָּמִים. אַזוֹי אוֹיךְ: "כְּאִילוּ

עוֹבֵד עֲבוֹדַת כּוֹכָבִים", עֶס אִיז אַזוֹי וִוי אֵיינֶער דִינְט עֲבוֹדָה זָרָה רַחֲמָנָא לִצְלָן.

**עֶס** וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִּים, סִימָן ר"מ, סְעִיף יד): וִוי מֶער אַ מֶענְטְשׁ אִיז פּוֹגֵם בִּבְרִית - "זִקְנָה קוֹפֶצֶת עָלָיו, וְכֹחוֹ תָּשֵׁשׁ" - וֶוערְט עֶר אָפְּגֶעשְׁוַואכְט אוּן פַארְעֶלְטֶערְט, מֶען פַארְלִירְט דִי כּוֹחוֹת, אַזוֹי אוֹיךְ: "עֵינָיו כֵּהוֹת, וְרֵיחַ רַע נוֹדֵף מִפִּיו", דִי אוֹיגְן וֶוערְן אִים אָפְּגֶעשְׁוַואכְט, עֶס הֵייבְּט אָן גֵיין אַ שְׁלֶעכְטֶע גֶערוּךְ פוּן זַיין מוֹיל; "וּשְׂעַר רֹאשׁוֹ וְגַבּוֹת עֵינָיו וְרִיסֵי עֵינָיו נוֹשְׁרִים וְכוּ'", דִי הָאר פוּנֶעם קָאפּ פַאלְט אַרוֹיס, "וְהַרְבֵּה כְּאֵבִים חוּץ מֵאֵלּוּ בָּאִים עָלָיו", אוּן עֶס בְּרֶענְגְט אַסַאךְ וֵוייטָאג אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ; זֶעט מֶען פוּן דֶעם וָואס דִי עֲבֵירָה בְּרֶענְגְט אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ בְּגַשְׁמִיוּת.

**נָאכְדֶעם** הָאט דֶער מֶענְטְשׁ שָׁאדְן בְּרוּחְנִיוּת, אַז עֶר פַארְלִירְט אַלְסְדִינְג; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט אִין דִי עֶקְלְדִיגֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית פַארְלִירְט עֶר דֶעם טַעַם פוּן דַאוֶוענֶען, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן נ): "כִּי כָּל הַפּוֹגֵם בַּבְּרִית, אֵין יָכוֹל לְהִתְפַּלֵּל", וֶוער עֶס אִיז פּוֹגֵם בִּבְרִית, קֶען נִישְׁט דַאוֶוענֶען.

**נָאךְ** אַ שָׁאדְן, אַז מֶען וֶוערְט זֵייעֶר דֶעפְּרֶעסְט; אַ מֶענְטְשׁ כַאפְּט נִישְׁט פוּן וָואס עֶר אִיז אַזוֹי בְּעַצְבוּת, אָבֶּער בֶּאֱמֶת קוּמְט זַיין דֶעפְּרֶעסְיֶע אוּן צֶעבְּרָאכֶענְקַייט וַוייל עֶר זִינְדִיגְט אִין פְּגַם הַבְּרִית, דִי עֲבֵירוֹת מַאכְן אִים דֶעפְּרֶעסְט אוּן צֶעבְּרָאכְן, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט דָארְט וַוייטֶער אִין דִי

תּוֹרָה: "וְזֶה בְּחִינַת חוֹלַאַת שֶׁקּוֹרִין בְּרֶעכֶנִישׁ, רַחֲמָנָא לִצְלָן, שֶׁשּׁוֹבֵר עֲצָמוֹת שֶׁל אָדָם", פוּן דִי עֲבֵירָה קוּמְט דִי מַחֲלָה וָואס הֵייסְט 'בְּרֶעכֶענִישׁ' - דֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט צֶעבְּרָאכְן אוֹיף שְׁטִיק שְׁטִיקְלֶעךְ אוּן שְׁפִּירְט נִישְׁט קַיין טַעַם אִין זַיין לֶעבְּן.

דִי עֵצָה אַרוֹיס צוּ קְרִיכְן פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע גֶעווֹאוֹינְהֵייט - אִיז תְּפִילָה וְהִתְבּוֹדְדוּת, מֶען דַארְף שְׁרַייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל קֶענֶען אַרוֹיסְגֵיין פוּן דִי בִּיטֶערֶע עֲבֵירָה.

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר דָא אַ קְלֵיינֶע תְּפִילָה, דָאס זָאלְסְטוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, נִישְׁט אֵיין מָאל אוּן נִישְׁט צְוֵויי מָאל, בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר:

"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הָאבּ רַחֲמָנוּת אוֹיף מִיר; אִיךְ וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אָבֶּער אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין אַרָאפְּפַאלְן אִין פְּגַם הַבְּרִית, אִיךְ בִּין שׁוֹין אַזוֹי צוּגֶעווֹאוֹינְט צוּ טוּן דִי עֲבֵירָה אַז עֶס אִיז מִיר שׁוֹין זֵייעֶר שְׁוֶוער זִיךְ אַרוֹיס צוּ רַייסְן דֶערְפוּן. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַז אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין צוּרִיק פַאלְן? אִיךְ שְׁפִּיר אַז אִיךְ וֶוער פַארְבְּרֶענְט, דִי תַּאֲוַת נִאוּף פְלַאקֶערְט אִין מִיר. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער רַאטֶעוֶוע מִיר! אִיךְ וִויל אַזוֹי שְׁטַארְק זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אָבֶּער אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין צוּרִיק פַאלְן, אִיךְ בִּין אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן אוּן צֶעקְלַאפְּט. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הָאבּ אוֹיף מִיר רַחֲמָנוּת, גֶעבּ מִיר כֹּחַ, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל גְלֵייבְּן אִין דִיר, אִיךְ זָאל שְׁפִּירְן אַז דוּ הָאסְט מִיר לִיבּ. דֶער יֵצֶר הָרַע רֶעדְט מִיר אַיין אַז דוּ בִּיסְט בְּרוֹגֶז אוֹיף מִיר, אִיךְ גֵיי אַרוּם מִיט נַארִישֶׁע גֶעדַאנְקֶען,

אִיךְ רֶעד זִיךְ אַיין אַז דוּ דַארְפְּסְט מִיר נִישְׁט, אִיךְ בִּין אַזוֹי דֶערְשְׁרָאקְן אַז אִיךְ קֶען שׁוֹין נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּן".

**אַזוֹי** זָאלְסְטוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; זָאלְסְט אִים אַלֶעס דֶערְצֵיילְן אוּן גָארְנִישְׁט בַּאהַאלְטְן פוּן אִים, וֶועסְטוּ סוֹף כָּל סוֹף אַרוֹיס גֵיין פוּן דַיין פְּלָאנְטֶער וואוּ דוּ לִיגְסְט.

**בְּדֶרֶךְ** כְּלַל וֶוער עֶס פַאלְט אַרָאפּ אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית הָאט נִישְׁט קַיין מֹחַ צוּ לֶערְנֶען בְּעִיּוּן, דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג מִשְׁנַיוֹת; אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט וָואס דוּ לֶערְנְסְט, וַוייל דַיין מֹחַ אִיז אוֹיסְגֶערִיסְן פוּן אַזוֹיפִיל זִינְדִיגְן, דָאךְ זָאלְסְטוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, זָאלְסְט זָאגְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, וַוייל מִשְׁנַיוֹת רֵיינִיגְט דֶעם מֶענְטְשׁ. "מִשְׁנָה" אִיז דִי אוֹתִיּוֹת "מִשַׁנֶּה"; וִוי מֶער אַ מֶענְטְשׁ זָאגְט מִשְׁנַיוֹת אִיז עֶר זִיךְ מְשַׁנֶּה אִינְגַאנְצְן אוּן עֶר וֶוערְט רֵיין.

**מִשְׁנַיוֹת** הָאט אַ סְגוּלָה אַז דָאס שְׁלֶעפְּט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן דִי טִיפְסְטֶע בְּלָאטֶע, אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט אַז מִשְׁנָה אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת (תְּהִילִים ל, ד): "הֶ'עֱלִיתָ מִ'ן שְׁ'אוֹל נַ'פְשִׁ'י"; דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען זָאגְט מִשְׁנַיוֹת, נֶעמְט עֶס אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן דִי טִיפְסְטֶע שְׁמוּצִיגְסְטֶע פְּלֶעצֶער וואוּ דֶער מֶענְטְשׁ אִיז רַחֲמָנָא לִצְלָן אַרַיינְגֶעפַאלְן.

**אוֹיבּ** דוּ קֶענְסְט זָאגְן אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת אִיז דָאס אַ מוֹרָא'דִיגֶע זַאךְ; ח"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת יֶעדְן טָאג מַאכְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל וֶוערְן לוֹיטֶער, עֶס גֶעבְּט צוּרִיק דֶעם מֹחַ פַארְ'ן מֶענְטְשׁ, וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט אִין דִי

עֶקְלְדִיגֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, וֶוערְט אִים אוֹיסְגֶעדְרִיקְן זַיין מֹחַ מַחֲשָׁבָה, ווייל דִי זֶרַע קוּמְט פוּנֶעם מֹחַ, אוּן אַז מֶען זִינְדִיגְט וֶוערְט דֶער מֹחַ אוֹיסְגֶעטְרִיקְנְט וְכוּ', אוּן וֶוען מֶען זָאגְט אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת בַּאקוּמְט מֶען צוּרִיק אַ קְלָארְן מֹחַ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## קצא

### סְגוּלוֹת פַאר אַ מֵיידְל צוּ טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ.

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם כָּל ווִיל אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר דִי שִׁיעוּרִים אוּן בְּרִיוְון וָואס זֶענֶען מִיר זֵייעֶר מְחַזֵק, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ ווַייטֶער גֶעבְּן אַסַאךְ כֹּחַ אָנְצוּגֵיין מִיט אַייעֶר הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אִיבֶּער דֶעם וָואס אִיר הָאט דֶערְמַאנְט אִין אַ שִׁיעוּר דָאס וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז צוּ זָאגְן שִׁירַת הַיָם מִיט כַּוָונָה אִיז אַ סְגוּלָה פַאר אַ שִׁידוּךְ. אִיךְ בִּין אַ מֵיידְל אוּן אִיךְ קֶען נִישְׁט דִי טַייטְשׁ פוּן דִי שִׁירָה, ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ טוּן דִי סְגוּלָה?

אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶעוָואלְט פַארְנֶעמֶען אַ גוּטֶע זַאךְ אַז אִין דֶעם זְכוּת זָאל אִיךְ שׁוֹין טְרֶעפְן שְׁנֶעל מַיין בַּאשֶׁערְטֶע שִׁידוּךְ. עֶס אִיז אָבֶּער דָא אַזוֹיפִיל גוּטֶע זַאכְן וָואס מֶען קֶען זִיךְ פַארְנֶעמֶען, אוּן אִיךְ ווַייס נִישְׁט וָואס אִיךְ זָאל זִיךְ פַארְנֶעמֶען.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וָאֵרָא, כ"ד טֵבֵת, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ'

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיוו.**

**מֶען** טָאר נִישְׁט אַרַיין פַאלְן אִין אַ יֵאוּשׁ, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט אוֹיס יֶעדֶע אֵיינְצִיגֶע תְּפִילָה אוּן מִיר גְלֵייבְּן אַז קֵיינֶער קֶען נִישְׁט גֶעבְּן אַ שִׁידוּךְ נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער. אֵיין זַאךְ קֶענֶען מִיר טוּן - בֶּעטְן, בֶּעטְן אוּן נָאכְאַמָאל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּיז מֶען וֶועט גֶעהָאלְפְּן וֶוערְן, אוֹיךְ קֶענֶען מִיר טוּן דִי סְגוּלוֹת וָואס צַדִיקִים הָאבְּן אוּנְז גֶעגֶעבְּן.

**דֶער** רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן עֶטְלִיכֶע סְגוּלוֹת צוּ טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ (סֵפֶר הַמִידוֹת, אוֹת הִתְּוּן); דִי עֶרְשְׁטֶע סְגוּלָה וָואס דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז (סֵפֶר הַמִידוֹת, אוֹת הִתְּוּן, סִימָן א): "מִי שֶׁקָּשֶׁה לוֹ לִמְצֹא זִווּגוֹ, יֹאמַר בְּכַוָּנָה שִׁירַת הַיָּם", אַז מֶען זָאגְט דִי שִׁירָה וָואס דִי אִידְן הָאבְּן גֶעזִינְגֶען וֶוען זֵיי זֶענֶען אַרִיבֶּער דֶעם יַם סוּף אִיז דָאס מְסוּגָל צוּ טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ; הַיינְט אִיז דָא סִדוּרִים מִיט פֵּירוּשׁ הַמִילוֹת אוֹיף אִידִישׁ, אוֹיךְ לֶערְנְט מֶען הַיינְט אִין אַלֶע חֲדָרִים אוּן אִין מֵיידְל שׁוּלֶעס פֵּירוּשׁ הַמִילוֹת פוּנֶעם דַאוֶונֶען, אַזוֹי אַז עֶס אִיז מֶעגְלִיךְ פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם צוּ קֶענֶען מְקַיֵים זַיין דֶער סְגוּלָה וָואס דֶער רֶבִּי גֶעבְּט פַאר אַ שִׁידוּךְ.

**דָאס** וָואס אִיר פְרֶעגְט וָואס פַאר אַ גוּטֶע מִדָה אַ מֵיידְל קֶען זִיךְ פָארְנֶעמֶען פַאר אַ זְכוּת צוּ טְרֶעפְן אִיר שִׁידוּךְ; דֶער

רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידּוֹת, אוֹת בָּנִים, סִימָן ט): "הַצְּנִיעוּת שֶׁבָּאִשָּׁה מְזַכָּה לָהּ לְבָנִים הֲגוּנִים", אַז אַ פְרוֹי גֶעבְּט אַכְטוּנְג זִיךְ צוּ פִירְן מִיט צְנִיעוּת אוּן זִיךְ אָנְטוּן בִּצְנִיעוּת, וֶועט זִי זוֹכֶה זַיין צוּ גוּטֶע קִינְדֶער; דָאס הֵייבְּט זִיךְ אָן וֶוען מֶען אִיז נָאךְ אַ מֵיידְל. אוֹיבּ מֶען פִירְט זִיךְ בִּצְנִיעוּת אִיז מֶען זוֹכֶה אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט רוּעֶן דִי שְׁכִינָה בַּיי דֶעם מֶענְטְשׁ. אוּן אַז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ הַשְׁרָאַת הַשְּׁכִינָה בַּאקוּמְט מֶען אַלֶעס גוּטְס.

**אַז** אִיר וֶועט זִיךְ פִירְן עֶרְלִיךְ אוּן אֵיידְל וֶועט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ בְּקָרוֹב אוּן אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ דוֹר פוּן הֵיילִיגֶע קִינְדֶער וָואס וֶועלְן בַּאלַייכְטְן דִי וֶועלְט.

**אַ** מֵיידְל הָאט זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע אַחֲרָיוּת אוּן אוֹיבּ זִי טוּט זִיךְ נִישְׁט אָן צְנִיעוּת'דִיג טְרַייבְּט זִי אַרוֹיס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פוּן שְׁטוּבּ; עֶס שְׁטֵייט אִין דִי תּוֹרָה (דְבָרִים כג, טו): "כִּי ה' אֱלֹקֶיךָ מִתְהַלֵּךְ בְּקֶרֶב מַחֲנֶךָ לְהַצִּילְךָ וְלָתֵת אֹיְבֶיךָ לְפָנֶיךָ וְהָיָה מַחֲנֶיךָ קָדוֹשׁ וְלֹא יִרְאֶה בְךָ עֶרְוַת דָּבָר וְשָׁב מֵאַחֲרֶיךָ", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט: "אִיר זָאלְט זִיךְ פִירְן הֵיילִיג, וַוייל אוֹיבּ אִיר וֶועט זִיךְ נִישְׁט פִירְן בִּצְנִיעוּת וֶועל אִיךְ אַוֶועק גֵיין פוּן אַייךְ"; אוֹיבּ אַ מֵיידְל גֶעבְּט אַכְטוּנְג ווִי אַזוֹי זִי טוּט זִיךְ אָן, זִי גֵייט נָאר אָנְגֶעטוּן צְנִיעוּת'דִיג, זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער "אִיךְ וֶועל רוּעֶן בַּיי אַייךְ אִין שְׁטוּבּ". אוּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִין שְׁטוּבּ אִיז דָא אַ בְּרָכָה, עֶס אִיז דָא פַּרְנָסָה, נַחַת, עֶס אִיז דָא אַלֶעס גוּטְס.

# קצב

## דאַרְף מֶען גֶעבְּן וואַקְסִינֶען פאַר די קִינְדֶער? און אויב די וַוייב ווִיל נִישְׁט?

### שְׁאֵלָה:

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן וואו דֶער רֶבִּי שְׁרַייבְּט וֶועגְן גֶעבְּן וַואקְסִינֶען פַאר די קִינְדֶער. אִיךְ וֵוייס אַז מוֹהֲרָ"ש הָאט זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען אוֹיף דֶעם און אוֹיב די וַוייבּ ווִיל נִישְׁט גֶעבְּן וַואקְסִינֶען, וָואס טוּט מֶען? אִיז עֶס עֶפֶּעס וָואס מֶען דַארְף זִיךְ שְׁטֶעלְן אוֹיף דֶעם?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַאר די אַלֶע שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת וָואס הֶעלְפְן מִיר אַרוֹיס גָאר אַסַאךְ.

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וָאֵרָא, כ"ד טֵבֵת, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**דֶער** רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז אֲפִילוּ אִינְמִיטְן ווִינְטֶער וֶוען עֶס אִיז זֵייעֶר קַאלְט (אִין אוּקְרֵיינָא אִין אַ גֶעוֶועהנְלִיכְן ווִינְטֶער גֵייט דֶער גְרַאד אַרָאפּ בִּיז אוּנְטֶער זֶערָא, עֶס קֶען אֲפִילוּ אַרָאפּ גֵיין בִּיז דְרַייסִיג דֶעגְרִי אוּנְטֶער זֶערָא) דַארְף מֶען נֶעמֶען די קִינְדֶער צוּם דָאקְטֶער זֵיי צוּ גֶעבְּן שָׁאטְס וְכוּ'

(עַיֵּין בְּסֵפֶר אֲבָנֶיהָ בַּרְזֶל, סִימָן לד).

מִיר װײסְן אַז דֶער רֶבִּי הָאט זַײעֶר גֶעװָארְנְט מֶען זָאל אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן דָאקְטוֹרִים וְכוּ' (עַיֵין שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן נ)׃ מִיט דֶעם אַלֶעם הָאט עֶר גֶעהֵײסְן אַז מֶען מוּז גֶעבְּן פַאר יֶעדֶעם קִינְד שַׁאטְס. דָאס הָאט דֶער רֶבִּי נָאךְ גֶעזָאגְט פַאר צְוֵוײ הוּנְדֶערְט יָאר צוּרִיק װֶען דִי מֶעדֶעצִינֶען זֶענֶען נָאךְ נִישְׁט גֶעוֶוען אַזוֹי פָארְגֶעשְׁרִיטְן װִי הַײנְט, דֶערְפַאר טָאר מֶען נִישְׁט זַײן קַײן אוֹיבֶּער חָכָם נָאר מִיר דַארְפְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן אוּן גֶעבְּן שַׁאטְס פַאר דִי קִינְדֶער װֶען זֵײ זֶענֶען נָאךְ קְלֵײן, אַז זֵײ זָאלְן גֶערַאטֶעװֶעט װֶערְן פוּן אַלֶע מַחֲלוֹת אוּן שְׁלֶעכְטֶע קְרֶענְק.

לַײדֶער זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן װָאס װֶערְן פַארְפִירְט פוּן נַארִישֶׁע מֶענְטְשְׁן װָאס הַאלְטְן דְרָשׁוֹת וְכוּ' אוּן מֶען דֶערְשְׁרֶעקְט עֶלְטֶערְן אַז מֶען זָאל נִישְׁט גֵײן צוּ דָאקְטוֹרִים וְכוּ', מֶען שְׁרֶעקְט אָן מֶענְטְשְׁן אַז מֶען זָאל נִישְׁט גֶעבְּן קַײן װַאקְסִינֶען פַאר דִי קִינְדֶער וְכוּ'.

דֶער רֶבִּי זָאגְט בַּײ דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם בַּעַל תְּפִלָּה (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה יב)׃ "עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ כִּתָּה װָאס זֵײ הָאבְּן גֶעהַאלְטְן אַז דֶער עִיקָר אִיז דֶער דִיבּוּר וְכוּ', זֵײ הָאבְּן גֶעטְרָאפְן אַ מְשׁוּגָע'נֶעם פְרַאנְצוֹיז װָאס עֶר הָאט גֶערֶעדְט צוּ זִיךְ אַלֵײן, הָאבְּן זֵײ אִים אוֹיפְגֶענוּמֶען פַאר זֵײעֶר קֶענִיג, װַײל עֶר אִיז דָאךְ בְּיִים תַּכְלִית אַז עֶר הַאלְט שׁוֹין בַּײ דֶעם אַז עֶר רֶעדְט שְׁטֶענְדִיג צוּ זִיךְ אַלֵײן", מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט (בְּסֵפֶר נַהֲרֵי אֲפַרְסְמוֹן, שָׁם) אַז דָא אִיז דֶער רֶבִּי מְגַלֶּה דֶער װֶעג װִי אַזוֹי

אַלֶע שַׁקְרָנִים פַּארְכַאפְּן מֶענְטְשְׁן אִין זֵייעֶר שֶׁקֶר, דֶער וֶועג אִיז דוּרְךְ זֵייעֶר כֹּחַ הַדִּיבּוּר; זֵיי פַּארְדְרֵייעֶן דֶעם מֹחַ פוּן מֶענְטְשְׁן מִיט זֵייעֶר וֶועג פוּן רֶעדְן, אוּן עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע רַחְמָנוּת אוֹיף דִי מֶענְטְשְׁן וָואס גֵייעֶן נָאךְ דִי מְדַבְּרִים. דֶער רֶבִּי פִּירְט דָארְט אוֹיס דֶעם לָשׁוֹן: "אוּן עֶר הָאט זֵיי בְּוַדַּאי גֶעפִירְט בְּדֶרֶךְ הַיָּשָׁר", דֶער רֶבִּי דְרוּקְט דָא דַוְקָא דֶעם לָשׁוֹן, וַוייל עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע רַחְמָנוּת אוֹיף מֶענְטְשְׁן וָואס גֵייעֶן נָאךְ אֵיינֶעם וָואס זוּכְט אַיינְצוּרֶעדְן מֶענְטְשְׁן דוּרְךְ זַיינֶע דְרָשׁוֹת.

**מוֹהֲרָא"ש** זָאגְט: "דֶער כְּלָל זָאלְסְטוּ שְׁטֶענְדִיג הַאלְטְן פַּאר דַיינֶע אוֹיגְן 'אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט נִישְׁט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז אַלֶעם אֵיין גְרוֹיסֶער שֶׁקֶר'; וֶוען מֶען הֶערְט אַ דְרָשָׁה, אָדֶער מֶען גֵייט צוּ אֵיינֶעם פַאר שָׁלוֹם בַּיִת, חִינוּךְ הַיְלָדִים וְכוּ', אוּן יֶענֶער רֶעדְט וְכוּ' אוּן עֶר בְּרֶענְגְט נִישְׁט אַרַיין אִין דִיר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַנְטְלוֹיף פוּן אַזַא אֵיינֶעם וַוייל עֶר וֶועט דִיר אוּמְגְלִיקְלִיךְ מַאכְן".

**דָאס** וָואס דוּ פְּרֶעגְסְט וָואס דוּ קֶענְסְט טוּן אַז דַיין וַוייבּ זָאל אָפְּלָאזְן דִי אַלֶע מְדַבְּרִים וָואס דְרֵייעֶן אַ קָאפּ וְכוּ'; עֶס אִיז נִישְׁט כְּדַאי צוּ מַאכְן אַ מַחֲלוֹקֶת וֶועגְן דֶעם. אִיךְ מֵיין אַז דוּ זָאלְסְט אִיר וַוייזְן דֶעם בְּרִיוו, זִי זָאל זֶען וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט וְכוּ', וֶועט זִי שׁוֹין אַלֵיינְס אָפְּלָאזְן דִי אַלֶע וָואס הַאקְן אִין קָאפּ וְכוּ'.

**בֶּעט** דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ זָאלְסְט הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת; אִיר זָאלְט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג גוּט פַּארְטְרָאגְן וְכוּ' אוּן הָאבְּן

גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער. עֶס אִיז נִישְׁט כְּדַאי צוּ גֵיין מִיט כֹּחַ, וַוייל נָאכְדֶעם קֶען מֶען אַלֶעס פַארְלִירְן.

**זִיסְן** זָאלְסְטוּ אַז דֶער יֵצֶר הָרָע זוּכְט נָאר צוּ מַאכְן אַ פִּירוּד צְווִישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ; בַּיי יֶעדְן אֵיינֶעם פַארְשְׁטֶעלְט עֶר זִיךְ מִיט אַן אַנְדֶערֶע פָּנִים. בַּיי אֵיינֶעם קוּמְט עֶר מִיט אַ פְרוּמֶע'ן פָּנִים, עֶר רֶעדְט אַיין דֶעם מַאן אַז עֶר זָאל זִיךְ צוּקְרִיגְן מִיט זַיין וַוייבּ וַוייל זִי טוּט נִישְׁט וְכוּ', נָאכְדֶעם גֵייט עֶר צוּ דִי פְרוֹי אוּן זָאגְט אִיר אַז אִיר מַאן טוּט נִישְׁט דָאס אוּן דָאס, בִּיז עֶר מַאכְט אַ מַחֲלוֹקֶת צְווִישְׁן זֵיי. אַן עֶרְלִיכֶער אִיד דַארְף הַאלְטְן אֵיין זַאךְ שְׁטֶענְדִיג פַאר זַיינֶע אוֹיגְן: "אִיךְ גֵיי מִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן מִיט מַיין וַוייבּ - זָאל זַיין וָואס זָאל זַיין", אוּן דָאס זֶעלְבֶּע דַארְף אַ פְרוֹי הַאלְטְן פַאר אִירֶע אוֹיגְן: "אִיךְ גֵיי אַלֶעס טוּן צוּ לֶעבְן בְּשָׁלוֹם מִיט מַיין מַאן"; אוֹיבּ מֶען לֶעבְּט אַזוֹי, דַאן קוּמְט מֶען זִיךְ דוּרְךְ מִיט יֶעדֶע פְּרַט אִין לֶעבְּן.

**בַּיים** רֶבִּי'ן אִיז שָׁלוֹם בַּיִת גֶעוֶוען אַ יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת (עַיֵין שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן רסג; רסד); אִיךְ גֶעדֶענְק מַעֲשִׂיּוֹת פוּן אִינְגֶעלֵייט וָואס זֶענֶען זִיךְ גֶעקוּמֶען אָפְּרֶעדְן צוּ מוֹהֲרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אַז זֵייעֶר וַוייבּ וויל זִיךְ נִישְׁט אָפְּשֶׁערְן דִי הָאר וְכוּ' אוּן מוֹהֲרָא"ש הָאט זֵיי גֶעזָאגְט אַז זֵיי זָאלְן דָאס נִישְׁט פַארְלַאנְגֶען בְּכֹחַ וְכוּ' נָאר רֶעדְן שֵׁיין פוּן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ פְרוֹי וָואס גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף דֶעם. מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעזָאגְט מֶען זָאל וַוייזְן דָאס וָואס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר (פָּרְשַׁת נָשֹׂא, דַף קכה) דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע זַאכְן וָואס פַּאסִירְט אִין אַ שְׁטוּבּ וואוּ מֶען זֶעט אַרוֹיס דִי

הָאר פוּן דִי פְרוֹי; אַז דָאס בְּרֶענְגְט אָרֶעמְקֵייט אִין שְׁטוּב אוּן אַז דָאס אִיז גוֹרֵם אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן נִישְׁט זַיין עֶרְלִיךְ וְכוּ' עַיֵין שָׁם. מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעוָוארְנְט דִי אִינְגֶעלַייט אַז זֵיי זָאלְן נִישְׁט גֵיין מִיט כֹּחַ אֲפִילוּ בַּיי אַזֶעלְכֶע הַארְבֶּע עִנְיָנִים וְכוּ'.

**אִיךְ** וָואלְט דִיר גֶעזָאגְט אַז דוּ זָאלְסְט טוּן דָאס זֶעלְבֶּע וָואס דִי מְדַבְּרִים טוּעֶן; זֵייעֶר גַאנְצֶער כֹּחַ אִיז רֶעדְן אוּן רֶעדְן אוּן רֶעדְן, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (קִידוּשִׁין מט:): "עֲשָׂרָה קַבִּין שִׂיחָה יָרְדוּ לָעוֹלָם, תִּשְׁעָה נָטְלוּ נָשִׁים, וְאֶחָד נָטְלוּ כָּל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ", אַ מָאס פוּן צֶען קַב 'שְׁמוּעֶסְן' אִיז אַרָאפּ גֶעקוּמֶען אוֹיף דִי וֶועלְט, נַיין קַב הָאבְּן גֶענוּמֶען דִי פְרוֹיעֶן אוּן אֵיין קַב אִיז צֶעטֵיילְט גֶעוָוארְן פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט; דָאס קֶען מֶען זֶען בַּיי דִי פְרוֹיעֶן וָואס מַאכְן "הַאטְלֵיינְס" אוּן רֶעדְן אוּן רֶעדְן אוּן רֶעדְן קֶענְן שַׁאטְס וְכוּ'; זֵיי הָאבְּן נִישְׁט וָואס צוּ זָאגְן, נָאר זָאגְן אִיבֶּער דָאס זֶעלְבֶּע נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, אַז דֶער אִיז קְרַאנְק גֶעוָוארְן פוּן שַׁאטְס אוּן דֶער אִיז הַאלְבּ קְרַאנְק פוּן שַׁאטְס, אַזוֹי דֶערשְׁרֶעקְן זֵיי אַלֶעמֶען. דוּ טוּ דָאס זֶעלְבִּיגֶע, רֶעד שֵׁיין צוּ דַיין וַוייבּ, זַיי אִיר מְחַזֵק, שְׁמוּעֶס מִיט אִיר פוּן אַלֶע סָארְט זַאכְן וָואס אִינְטֶערֶעסִירְן אִיר, וֶועט זִי אָטֶעמַאטִישׁ אָפְּלָאזְן דִי אַלֶע מְדַבְּרִים.

**וְעַל** כּוּלָם זָאלְסְטוּ וויסְן אַז וָואס מֶען וויל פוֹעֶל'ן, וָואס מֶען וויל הָאבְּן - קֶען בַּאקוּמֶען דוּרְךְ תְּפִילָה. וֶוען מֶענְטְשְׁן וָואלְטְן גֶעווּוסְט וָואס תְּפִילָה אִיז, וָואלְט מֶען אַלֶעס אָפְּגֶעלָאזְט

און נָאר גֶעדַאוֶועוְט און גֶעבֶּעטְן דֶעם אײבֶּערְשְׁטְן, וַוײל וָואס תְּפִילָה פּוֹעֶל'ט קֶען קַײן שׁוּם זַאךְ נִישְׁט פּוֹעֶלְ'ן. אַוַדַאי דַארְף מֶען הָאבְּן אַסַאךְ גֶעדוּלְד, עֶס גֵייט נִישְׁט אִין אֵיין מִינוּט, אָבֶּער וֶוער עֶס הָאט סַבְלָנוּת און וַוארְט אוֹיס אוֹיף זַיין יְשׁוּעָה, עֶר גֵייט נִישְׁט אַוֶועק פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער וֶועט בַּיים סוֹף זֶען ווִי אַלֶעס וֶועט זִיךְ אִיבֶּערְדְרֵייעֶן און עֶר וֶועט גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט אַלֶע יְשׁוּעוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## קצג

### אִיךְ הָאבּ מוֹרָא פוּן אַן עֶלֶעוֶועיטָאר.

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט בַּיי אֵיינֶע פוּן דִי שִׁיעוּרִים אַז אַלֶע פְּחָדִים וָואס אַ מֶענְטְשׁ הָאט קוּמְט נָאר פוּן חִסָרוֹן אֱמוּנָה, לְמָשָׁל וֶוען אֵיינֶער הָאט אַ פַּחַד צוּ פָארְן מִיט אַן עֶלֶעוֶועיטָאר אִיז דָאס אַ חִסָרוֹן אִין אֱמוּנָה. דָאס אִיז טַאקֶע וָואס אִיךְ הָאבּ, אִיךְ הָאבּ מוֹרָא צוּ פָארְן מִיט אַן עֶלֶעוֶועיטָאר. יֶעצְט ווֵיים אִיךְ שׁוֹין פוּן וואוּ עֶס נֶעמְט זִיךְ מַיין פְּרָאבְּלֶעם, אִיךְ דַארְף אָבֶּער אַן עֵצָה ווִי אַזוֹי אִיךְ קֶען דָאס אוֹיסְהֵיילְן.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת וָאֵרָא, כ"ד טֵבֵת, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

**וְויסְן** זָאלְסְטוּ אַז אוֹיבּ מֶען לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה אִיז מֶען רוּאִיג, מֶען וֵוייסְט אַז עֶס קֶען גָארְנִישְׁט פַּאסִירְן פַּארְ'ן מֶענְטְשׁ אָן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; 'אוֹיבּ אִיךְ דַארְף שְׁטַארְבְּן גֵיי אִיךְ שְׁטַארְבְּן אֲפִילוּ אוֹיבּ אִיךְ וֶועל מִיךְ בַּאהַאלְטְן וְכוּ' אוּן אוֹיבּ אִיךְ דַארְף לֶעבְּן וֶועל אִיךְ לֶעבְּן'.

**וֶוען** אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה וֶוערְט אִים שְׁטַארְק זַיינֶע נֶערְוְון; אַזוֹי אוֹיךְ פַארְקֶערְט - אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה, עֶר שְׁפִּירְט נִישְׁט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן נָאר עֶר מֵיינְט אַז דִי וֶועלְט פִירְט זִיךְ דוּרְךְ טֶבַע, מִקְרֶה אוּן מַזָל - אַזַא מֶענְטְשׁ לֶעבְּט שְׁטֶענְדִיג מִיט פְּחָדִים אוּן שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת; מֶען בַּאשׁוּלְדִיגְט זִיךְ כְּסֵדֶר, וָואס פוּן דֶעם קוּמֶען אַלֶע נֶערְוְון קְרַאנְקְהֵייטְן לֹא עָלֵינוּ וְלֹא עֲלֵיכֶם. אוּן דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע רְפוּאָה פַאר דִי וָואס לַיידְן אוֹיף דִי נֶערְוְון אִיז נָאר "אֱמוּנָה".

**אַז** דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר אַז דוּ הָאסְט פְּחָדִים פוּן גֵיין אִין אַן עֶלֶעוֶועיטָאר וְכוּ'; זָאלְסְטוּ וִויסְן אַז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע רְפוּאָה פַאר דֶעם אִיז אֱמוּנָה. ווִי מֶער דוּ וֶועסְט חַזֶר'ן צוּ זִיךְ דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה וֶועסְטוּ וֶוערְן מֶער אוּן מֶער רוּאִיג; אַ גַאנְצְן טָאג זָאלְסְטוּ נָאר זִינְגֶען נִיגוּנִים פוּן אֱמוּנָה, קֶענְסְט זִיךְ אֲפִילוּ מַאכְן אֵייגֶענֶע נִיגוּנִים, זִינְג צוּ דִיר: "אַלֶעס אִיז דֶער

אֵייבֶּערְשְׁטֶער", "קֵיינֶער קֶען מִיר גָארְנִישְׁט טוּן", "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הִיט מִיר", "אִיךְ בִּין אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְס הֶענְט", אַזוֹי וֶועסְטוּ נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן גֵיין אִין אַ עֶלֶעוֶועיטָאר אוּן נִישְׁט פוּן קַיין עֶרָאפְּלַאן וְכוּ'.

**דֶער** רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת קְלִיפָּה, סִימָן י): "הַשִּׁבְעָה קוֹלוֹת שֶׁאָמַר דָּוִד עַל הַמַּיִם, בְּדִבּוּרָן מַכְנִיעִין הָרוּחַ רָעָה", אַז מֶען זָאגְט קַאפִּיטְל כט פוּן תְּהִילִים נֶעמְט מֶען אַוֶועק דֶעם רוּחַ רָעָה וָואס כַאפְּט זִיךְ אַרַיין אִינֶעם מֶענְטְשׁ; אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט אַז מֶען קֶען זָאגְן פְּשַׁט וָואס עֶס הָאט דִי זִיבְּן קוֹלוֹת צוּ מַכְנִיעַ זַיין אַ רוּחַ רָעָה, אַז מֶען חַזֶר'ט צוּ זִיךְ אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶען יֶעדְן אֵיינֶעם הֶעלְפְן; אֵיינֶער הָאט אַ פַּחַד פוּן וַואסֶער - זָאגְט מֶען אִים 'קוֹל ה' עַל הַמָּיִם', דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְּט אַ מֶענְטְשׁ אִין וַואסֶער, אֵיינֶער הָאט אַ שְׁרֶעק אַז אַ בַּעַל כֹּחַ גֵייט אִים עֶפֶּעס שְׁלֶעכְטְס טוּן, אָדֶער אֵיינֶער דִמְיוֹנְ'ט אַז עֶר הָאט נִישְׁט גֶענוּג כֹּחַ - זָאגְט מֶען אִים 'קוֹל ה' בַּכֹּחַ', דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט כֹּחַ; אֵיינֶער הָאט מוֹרָא פוּן פֵייעֶר - זָאגְט מֶען אִים 'קוֹל ה' חֹצֵב לַהֲבוֹת אֵשׁ', דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דֶער וָואס מַאכְט דִי פֵייעֶר, עֶר וֶועט דִיר רַאטֶעוֶוען פוּן פֵייעֶר - אַזוֹי אִיז דֶער גַאנְצֶער קַאפִּיטְל אוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט אַרַיין צוּ בְּרֶענְגֶען אִינֶעם מֶענְטְשׁ אַז גָארְנִישְׁט קֶען נִישְׁט פַּאסִירְן מִיט אִים פוּן זִיךְ אַלֵיינְס אוּן נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים הֶעלְפְן.

שְׁרַייבּ מִיר נָאךְ.

# קצד

## מַיין שְׁוֶועסְטֶער פִירְט זִיךְ נִישְׁט בִּצְנִיעוּת.

### שְׁאֵלָה:

**לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַייעֶרע שִׁיעוּרִים וָואס אִיז אוּנְז מַמָּשׁ מְחַיֶה, עֶס הָאט גֶעטוֹישְׁט אוּנְזֶער גַאנְצֶע שְׁטוּב צוּם גוּטְן.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אִיבֶּער מַיין שְׁוֶועסְטֶער, וֶוען אִיךְ הָאבּ חֲתוּנָה גֶעהַאט אִיז זִי נָאךְ גֶעוֶוען קְלֵיין; יֶעצְט אִיז זִי שׁוֹין בַּת מִצְוָה, זִי כָאפְּט אָבֶער נִישְׁט אַז זִי אִיז שׁוֹין גְרֶעסֶער גֶעוָוארְן אוּן זִי דַארְף זִיךְ שׁוֹין פִירְן מֶער בִּצְנִיעוּת לְגַבֵּי מַיין מַאן.

וֶוען מִיר גֵייעֶן צוּ מַיינֶע עֶלְטֶערְנְס הוֹיז וֶועט זִי נִישְׁט הָאבְּן קַיין פְּרָאבְּלֶעם זִיךְ צוּ זֶעצְן בַּיים טִישׁ נֶעבְּן מַיין מַאן, אִים רוּפְן בַּיים נָאמֶען אוּן זִיךְ אוּנְטֶערְזִינְגֶען בְּשַׁעַת עֶר אִיז דָארְט. אִיךְ הָאבּ פְּרוּבִּירְט צוּ רֶעדְן צוּ מַיינֶע עֶלְטֶערְן דֶערְוֶועגְן, זֵיי פַארְשְׁטֵייעֶן אָבֶער נִישְׁט דֶעם פְּרָאבְּלֶעם, זֵיי זָאגְן אַז זִי אִיז נָאךְ קְלֵיין א.א.וו.

מַיין שְׁאֵלָה אִיז אוֹיבּ אִיךְ דַארְף זִיךְ אַרַיינְמִישְׁן אוּן אִיר אוֹיפְמֶערְקְן דֶערוֹיף.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס.

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת בֹּא, כ"ז טֵבֵת, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.**

**זֶעטְס צוּ רֶעדְן צוּ אַייעֶר שְׁוֶועסְטֶער דֶערְוֶועגְן, רֶעדְטְס מִיט אִיר שֵׁיינֶערְהֵייט זִי זָאל פַארְשְׁטֵיין אַז עֶס אִיז נִישְׁט**

קַיין אֵיידֶעלֶע זַאךְ וְכוּ' און עֶס אִיז נִישְׁט קַיין צְנִיעוּת צוּ רוּפְן אַ שְׁוָואגֶער בַּיי זַיין עֶרְשְׁטֶע נָאמֶען אַזוֹי ווי מֶען רוּפְט אַ חַבֵר וְכוּ'. אִיךְ בִּין זִיכֶער אַז אוֹיב אִיר וֶועט רֶעדְן מִיט אִיר שֵׁיינֶערְהֵייט וֶועט זִי גְלַייךְ פַּארְשְׁטֵיין אַז זִי דַארְף זִיךְ פַּארְבֶּעסֶערְן וְכוּ'.

**רֶעדְטְס** נִישְׁט דֶערְפוּן צוּ אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן וַוייל זֵיי וֶועלְן נִישְׁט פַּארְשְׁטֵיין וָואס אִיר רֶעדְט. עֶלְטֶערְן - ווי עֶלְטֶער זֵיי וֶוערְן קוּקְן זֵיי אוֹיף קִינְדֶער ווי זֵיי זֶענֶען נָאךְ זֵייעֶר קְלֵיין וְכוּ' און מֶען הֵייבְּט אָן פַּארְגֶעסְן וָואס גֵייט אַרִיבֶּער וְכוּ'. אִיר וֶועט גָארְנִישְׁט הָאבְּן פוּן זִיךְ טַעֲנָה'ן מִיט זֵיי נָאר אִיר אַלֵיין זָאלְט נֶעמֶען אַייעֶר שְׁוֶועסְטֶער אִין אַ זַייט און רֶעדְן מִיט אִיר, זָאגְטְס אִיר: "דוּ בִּיסְט שׁוֹין נִישְׁט קַיין קְלֵיינֶע מֵיידְל, דוּ בִּיסְט שׁוֹין בַּת מִצְוָה און דוּ דַארְפְּסְט אָנְהֵייבְּן אַכְטוּנְג צוּ גֶעבְּן נִישְׁט צוּ זִיצְן נָאנְט און נִישְׁט צוּ רֶעדְן פְרַיינְטְלִיךְ וְכוּ' אֲפִילוּ מִיט אַ שְׁוָואגֶער".

**קִינְדֶער** וֵוייסְן גָארְנִישְׁט פוּן זִיךְ אַלֵיין, קִינְדֶער ווילְן זַיין גוּט נָאר מֶען דַארְף זֵיי זָאגְן וָואס זֵיי הָאבְּן צוּ טוּן. מֶען דַארְף רֶעדְן צוּ זֵיי זֵייעֶר קְלָאר וָואס אִיז צְנִיעוּת, מֵיידְלֶעךְ דַארְפְן וויסְן אַז וֶוען מֶען גֵייט אִין גַאס דַארְף מֶען אָפְּטְרֶעטְן פוּן וֶועג וֶוען מֶענֶער קוּמֶען וְכוּ', אוֹיךְ וֶוען מֶען אִיז אִין אַ גֶעשֶׁעפְט דַארְף מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן זִיךְ צוּ רִיקְן אִין דֶער זַייט פַאר אַ מַאן, אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען מֶען זִיצְט בַּיי דִי טְרֶעפּ און מֶען שְׁמוּעֶסְט מִיט דִי שְׁכֵנִים און אַ מַאן וויל אַרִיבֶּערְגֵיין, מוּזְן

זִיךְ אַלֶע אוֹיפְשְׁטֶעלְן אוּן גֵיין אִינְדֶערְזֵייט, נִישְׁט בְּלַייבְּן זִיצְן מִיט לַייכְטְזִינִיקֵייט חַס וְשָׁלוֹם.

**מִיר** דַארְפְן אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אוּנְז אִידִישֶׁע קִינְדֶער, עֶס זָאל אַרָאפּ קוּמֶען אַ רוּחַ טָהֳרָה אוֹיף דִי וֶועלְט אַז מֶענְטְשְׁן זָאלְן הָאבְּן יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן זִיךְ פִירְן בִּקְדוּשָׁה וּבְטָהֳרָה. מֶען זָאל וִויסְן אַז צְנִיעוּת אִיז נִישְׁט אַן עִנְיָן פוּן אַ קְנַס, נָאר דָאס אִיז דִי שֶׁענְסְטֶע זַאךְ מִיט וָואס אִידִישֶׁע קִינְדֶער צֵייכֶענֶען זִיךְ אוֹיס. ווִי מֶער מֶען פִירְט זִיךְ אוֹיף אֵיידֶל אוּן בַּאשֵׁיידְן אִיז מֶען מֶער חָשׁוּב אוּן מֶער אַרוֹיפְגֶעקוּקְט.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## קצה

### זָאל מֶען מַאכְן אַ 'דוֹר יְשָׁרִים' טֶעסְט?

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ ה' אַ טָאכְטֶער אִין שִׁידוּכִים, אִיךְ ווִיל פְרֶעגְן וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הַאלְט וֶועגְן מַאכְן דֶעם 'דוֹר יְשָׁרִים' טֶעסְט, אוֹיבּ עֶס אִיז ווִיכְטִיג בִּכְלָל.

יְיַשֵׁר כֹּחַ.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת בֹּא, כ"ז טֵבֵת, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

**מוֹהֲרָא"שׁ** זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קֶעגְן מַאכְן "דוֹר יְשָׁרִים"; אוֹיבּ דִי מְחוּתָּנִים פַארְלַאנְגֶען צוּ מַאכְן דֶעם טֶעסְט קֶען מֶען עֶס מַאכְן.

**אִיךְ** הָאבּ מִיט גֶעהַאלְטְן שִׁידוּכִים פוּן תַּלְמִידֵי הַיְשִׁיבָה וָואס אֵיין מְחוּתָּן הָאט זִיךְ גֶע'עַקְשְׁנְ'ט צוּ וַוארְטְן אוֹיף דֶעם דוֹר יְשָׁרִים טֶעסְט אוּן מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעזָאגְט אַז אוֹיבּ דִי מְחוּתָּנִים ווילְן דַוְקָא מֶען זָאל וַוארְטְן אוֹיפְ'ן דוֹר יְשָׁרִים טֶעסְט זָאל מֶען וַוארְטְן וְכוּ'.

**דֶער** עִיקָר דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל טְרֶעפְן גוּטֶע שִׁידוּכִים פַאר דִי קִינְדֶער, דִי קִינְדֶער זָאלְן לֶעבְן בְּאַהֲבָה וְשָׁלוֹם אוּן זֵיי זָאלְן הָאבְן גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער, וַוייל וָואס תְּפִילָה פּוֹעֶלְ'ט קֶען קַיין שׁוּם זַאךְ נִישְׁט פּוֹעֶלְ'ן.

**מֶען** זֶעט נֶעבֶּעךְ אַסַאךְ אִידִישֶׁע קִינְדֶער וָואס הָאבְן גֶעמַאכְט דֶעם "דוֹר יְשָׁרִים טֶעסְט" אוּן מִיט דֶעם אַלֶעם מוּטְשֶׁען זֵיי זִיךְ מִיט נִישְׁט גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער הַשֵּׁם יְרַחֵם; דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט מִיר זָאלְן נָאר גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, יֶעדֶע זַאךְ וָואס אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זָאל עֶר בֶּעטְן אוֹיף זַיין שְׁפְּרַאךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אײבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## קצו

**מַיין מַאן דַאוֶנְט נִישְׁט מִיט מִנְיָן, וָואס קֶען אִיךְ טוּן?**

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם כָּל אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי אַלֶע חִיזוּק וָואס אִיךְ בַּאקוּם פוּן אַייךְ טָאג טֶעגְלִיךְ, דָאס אִיז מִיר זֵייעֶר מְעוֹרֵר אוּן מְחַזֵק.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אִיבֶּער מַיין מַאן וָואס דַאוֶונְט נִישְׁט מִיט מִנְיָן, עֶר גֵייט אִין כּוֹלֵל אִין אַ וַוייטֶע פְּלַאץ אוּן דֶערִיבֶּער דַארְף עֶר אוֹיפְשְׁטֵיין פְּרִי צוּ קֶענֶען אָנְקוּמֶען צֵייטְלִיךְ, דָאס מַאכְט אַז עֶר זָאל דַאוֶוענֶען אִינְדֶערְהֵיים יֶעדְן טָאג בִּיחִידוּת, אוּן דָאס שְׁטֶערְט מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק.

אִיךְ זֶע אַז אֲפִילוּ אִין דִי טֶעג וֶוען עֶר דַארְף נִישְׁט גֵיין אִין כּוֹלֵל הָאט עֶר שׁוֹין אוֹיךְ נִישְׁט דִי גֶעפִיל צוּ גֵיין דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן.

מֶען הָאט מִיר אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז אַ וַוייבּ אִיז נִישְׁט אַ מַשְׁגִיחַ אוּן זִי דַארְף נִישְׁט מוֹסֶרְ'ן דֶעם מַאן, פוּן דֶעסְטְוֶועגְן שְׁטֶערְט מִיר דָאס זֵייעֶר שְׁטַארְק אוּן אִיךְ ווִיל ווִיסְן ווִי אַזוֹי אִיךְ קֶען אִים הֶעלְפְן אוֹיף אַ שֵׁיינֶעם וֶועג.

יְיַשֵׁר כֹּחַ.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת בֹּא, כ"ז טֵבֵת, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

וֶוען מֶענְטְשְׁן ווָאלְטְן גֶעוואוּסְט דָאס גְרוֹיסְקַייט פוּן גֵיין אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן ווָאלְט מֶען אַלֶעס גֶעטוּן צוּ קֶענֶען דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּעֲנִית ח.): "אֵין תְּפִלָּתוֹ שֶׁל אָדָם נִשְׁמַעַת אֶלָּא אִם כֵּן מֵשִׂים נַפְשׁוֹ בְּכַפּוֹ", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נֶעמְט אָן דִי תְּפִילוֹת נָאר וֶוען מֶען הָאט אִינְזִין ווָאס מֶען דַאוֶונְט. פְרֶעגְט דִי גְמָרָא, עֶס שְׁטֵייט דָאךְ (תְּהִלִּים עח, לו-לז): "וַיְפַתּוּהוּ בְּפִיהֶם, וּבִלְשׁוֹנָם יְכַזְּבוּ לוֹ, וְלִבָּם לֹא נָכוֹן עִמּוֹ, וְלֹא נֶאֶמְנוּ בִּבְרִיתוֹ", דִי אִידְן הָאבְּן גֶעפָּאפְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט זֵייעֶר מוֹיל, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט אִינְזִין גֶעהַאט וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וְכוּ', דָאךְ שְׁטֵייט נָאכְדֶעם (תְּהִלִּים עח, לח): "וְהוּא רַחוּם יְכַפֵּר עָוֹן" וְגוֹ', אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אָנְגֶענוּמֶען זֵייעֶרֶע תְּפִילוֹת אוּן עֶר הָאט זֵיי מוֹחֵל גֶעוֶוען אוֹיף זֵייעֶרֶע עֲבֵירוֹת? עֶנְטְפֶערְט דִי גְמָרָא: "לֹא קַשְׁיָא, כָּאן בְּיָחִיד כָּאן בְּצִבּוּר", אוֹיבּ מֶען דַאוֶונְט מִיט מִנְיָן דֶעמָאלְט נֶעמְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אָן יֶעדֶע תְּפִילָּה אֲפִילוּ מֶען הָאט נִישְׁט אִינְזִין וְכוּ'; זֶעט מֶען דָאס גְרוֹיסְקַייט פוּן דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נֶעמְט אָן דִי תְּפִילָּה ווִי עֶס זֶעט אוֹיס, אֲפִילוּ מֶען הָאט נִישְׁט אִינְזִין דָאס דַאוֶוענֶען אַזוֹי ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

**דָאס** וָואס מֶענְטְשְׁן זֶענֶען מְזַלְזֵל אִין דַאוָוענֶען מִיט מִנְיָן נֶעמְט זִיךְ פוּן דֶעם וַוייל מֶען וֵוייסְט נִישְׁט דָאס גְרוֹיסְקֵייט דֶערְפוּן אוּן מֶען טְרַאכְט: 'וָואס וֶועט שׁוֹין זַיין אַז אִיךְ וֶועל נִישְׁט גֵיין אִין שׁוּל אוּן אִיךְ וֶועל דַאוָוענֶען בִּיְחִידוּת וְכוּ'?' אָבֶּער עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי, וַוייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ז:): אוֹיפְ'ן פָּסוּק (תְּהִלִּים סט, יד): "וַאֲנִי תְפִלָּתִי לְךָ ה' עֵת רָצוֹן", "אֵימָתַי עֵת רָצוֹן", וֶוען אִיז אַן עֵת רָצוֹן? "בְּשָׁעָה שֶׁהַצִּבּוּר מִתְפַּלְּלִין", וֶוען דֶער צִיבּוּר דַאוָוענְט; דֶערְפַאר דַארְף מֶען זִיךְ זֵייעֶר אָנְשְׁטְרֶענְגֶען צוּ גֵיין יֶעדְן טָאג אִין שׁוּל דַאוָוענֶען שַׁחֲרִית, מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב מִיט מִנְיָן.

**נָאךְ** זָאגְן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (בְּרָכוֹת ו:): "כָּל הָרָגִיל לָבֹא לְבֵית הַכְּנֶסֶת וְלֹא בָא יוֹם אֶחָד הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מַשְׁאִיל בּוֹ", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט יֶעדְן טָאג אִין שׁוּל אוּן עֶר פַארְפֶעלְט אַמָאל צוּ קוּמֶען, פְרֶעגְט זִיךְ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גְלַייךְ נָאךְ אוֹיף אִים: "וואוּ אִיז דֶער מֶענְטְשׁ, וָואס אִיז מִיט אִים אַז עֶר אִיז נִישְׁט גֶעקוּמֶען הַיינְט אִין שׁוּל?" זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז וֶוען מֶען דַאוָוענְט מִיט מִנְיָן אִיז מֶען מַמְשִׁיךְ דִי הַשְׁגָחָה אוֹיף זִיךְ.

**אַ** פְרוֹי דַארְף טַאקֶע נִישְׁט זַיין אַ מַשְׁגִיחַ אוֹיפְ'ן מַאן וְכוּ', אָבֶּער עֶס אִיז זִיכֶער אַז דִי פְרוֹי דַארְף מְחַזֵק זַיין אִיר מַאן אוּן אִים מְעוֹדֵד זַיין אַז עֶר זָאל זִיךְ פִירְן וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה פְרֶעגְן (בְּרָכוֹת יז.): "נָשִׁים בְּמַאי זָכְיָין?" דִי מֶענֶער בַּאקוּמֶען שְׂכַר פַארְ'ן לֶערְנֶען, אָבֶּער דִי פְרוֹיעֶן לֶערְנֶען דָאךְ נִישְׁט קַיין תּוֹרָה, אוֹיף וָואס גֵייעֶן זֵיי בַּאקוּמֶען שְׂכַר? עֶנְטְפֶערְט דִי גְמָרָא: "מִיט דֶעם וָואס זֵיי

טְרָאגְן דִי קִינְדֶער אִין חֵדֶר אוּן מִיט דֶעם וָואס זֵיי וַוארְטְן אֳפּ זֵייעֶרֶע מֶענֶער וֶוען זֵיי קוּמֶען אַהֵיים פוּן כּוֹלֵל וְכוּ'"; זֶעט מֶען אַז אַ פְרוֹי וָואס הֶעלְפְט אִיר מַאן זַיין גוּט אוּן ווּאוִיל וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ בַּאקוּמֶען שְׂכַר אוֹיף דֶעם.

**חֲכָמֵינוּ** זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה יז, ז): "מַעֲשֶׂה בְּחָסִיד אֶחָד שֶׁהָיָה נָשׂוּי לַחֲסִידָה אַחַת, וְלֹא הֶעֱמִידוּ בָנִים זֶה מִזֶּה. אָמְרוּ: אֵין אָנוּ מוֹעִילִים לְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא כְּלוּם. עָמְדוּ וְגֵרְשׁוּ זֶה אֶת זֶה", עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ מַעֲשֶׂה מִיט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד וָואס אִיז גֶעוֶוען חֲתוּנָה גֶעהַאט צוּ אַן עֶרְלִיכֶע פְרוֹי, עֶס אִיז אַרִיבֶּער לַאנְגֶע יָארְן וָואס זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט קַיין קִינְדֶער אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶע'גֶט. "הָלַךְ זֶה וְנָשָׂא רְשָׁעָה אַחַת, וְעָשְׂתָה אוֹתוֹ רָשָׁע", דֶער עֶרְלִיכֶער אִיד אִיז גֶעגַאנְגֶען אוּן הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט אַ שְׁלֶעכְטֶע פְרוֹי אוּן זִי הָאט גֶעמַאכְט אַז אִיר מַאן דֶער צַדִיק זָאל אוֹיךְ וֶוערְן אַ רָשָׁע, "הָלְכָה זֹאת וְנִשֵּׂאת לְרָשָׁע אֶחָד וְעָשְׂתָה אוֹתוֹ צַדִּיק", אוּן דִי עֶרְלִיכֶע פְרוֹי הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט אַ רָשָׁע אוּן זִי הָאט אִים גֶעמַאכְט פַאר אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, "הֱוֵי שֶׁהַכֹּל מִן הָאִשָּׁה", זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז אַלֶעס אִיז גֶעוָואנְדְן אִין דִי פְרוֹי.

**דֶערְפַאר** זָאלְט אִיר מְחַזֵק זַיין אַייעֶר מַאן עֶר זָאל גֵיין אִין שׁוּל; אַ פְרוֹי וָואס גֶעבְּט אַסַאךְ לִיבְּשַׁאפְט פַאר אִיר מַאן, אֲפִילוּ אוֹיבּ זִי וֶועט אִים זָאגְן: "גֵיי דַאוֶוען", "גֵיי לֶערְנֶען" - וֶועט דֶער מַאן דָאס אָנֶעמֶען. אָבֶער אוֹיבּ דִי פְרוֹי אִיז נָאר דָא צוּ זַיין אַ שׁוֹטֶרֶת, אַ פָּאלִיצְיַאנְטְקֶע, זִי אִיז דָא נָאר פַאר בִּקֹרֶת אוּן זִי הֶערְט אִים נִישְׁט אוֹיף צוּ

קְרִיטִיקִירְן, דֶעמָאלְט װֶוערְט אַ פֵייעֶר. אַז מֶען לֶעבְּט בְּאַהֲבָה וְשָׁלוֹם אִיז נִישְׁט גֶעפֶערְלִיךְ אַז דִי פְּרוֹי הֶעלְפְּט אִיר מַאן זִיךְ פִירְן וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן עֶס זָאל הֶערְשְׁן אַהֲבָה וְאַחְוָה וְשָׁלוֹם וְרֵיעוּת בַּיי אַייךְ אִין שְׁטוּבּ.

## קצז

### אֵיינֶער שְׁלֶעפְּט מִיר צוּ עֲבֵירוֹת, וִוי אַזוֹי הַאק אִיךְ אָפּ מִיט יֶענֶעם?

**שְׁאֵלָה:**

**לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

שָׁלוֹם וּבְרָכָה. אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וִוי אַזוֹי אָנְצוּהוֹיבְּן... זָאל אִיךְ שְׁרַייבְּן קוֹדֶם אַ קָאמְפְּלִימֶענְט אוֹיף דִי אַלֶע שִׁיעוּרִים, דְרָשׁוֹת אוּן חִיזּוּק וָואס אִיךְ הֶער אוֹיס שָׁעוֹת אוֹיף שָׁעוֹת אוּן אִיךְ שֶׁעפּ חִיזּוּק, אָדֶער זָאל אִיךְ גְרָאד צוּגֵיין צוּם עִנְיָן.

אִיךְ קֶען שְׁרַייבְּן אַ גַאנְצֶע מְגִילָה פוּן מַיין לֶעבְּן בִּכְלַל, אָבֶּער אִיךְ וֶועל זִיךְ הַאלְטְן צוּ דִי נוֹשֵׂא אוּן שְׁרַייבְּן גְרָאד. אִיךְ בִּין אַ בָּחוּר פוּן כִּמְעַט זֶעכְצְן יָאר. מַיין שְׁטוּבּ אִיז אַן אָרֶעמֶע שְׁטוּבּ, מַיין טַאטֶע קֶען מִיר נִישְׁט גֶעבְּן קַיין גֶעלְט, אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַרוּמְגֶעדְרֵייְדט מִיט אַן אַלְטֶע הוּט אוּן אָפְּגֶערִיבֶּענֶע הַאלַאט, אִיךְ הָאבּ גָארְנִישְׁט גֶעהַאט, אָבֶּער מַמָּשׁ נִישְׁט.

פַארְגַאנְגֶענֶעם יָאר הָאבּ אִיךְ גֶעטְרָאפְן אַ אִינְגֶערְמַאן, אִיךְ וִויל נִישְׁט אַרַיינְגֵיין אִין קַיין פְּרָטִים, אָבֶּער אוֹיף אַ גֶעוִויסֶע וֶועג בִּין אִיךְ גֶעוָוארְן הֵיימִישׁ מִיט אִים. עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן טוּן מִיט מִיר נִישְׁט שֵׁיינֶע זַאכְן, שְׁפֶּעטֶער הָאבּ אִיךְ חֲרָטָה גֶעהַאט אוּן גֶעוָואלְט אָפְּהַאקְן מִיט אִים, הָאט

ער מיר אָנְגֶעהוֹיבְּן גֶעבְּן גֶעלְט אַז אִיךְ זָאל וַוייטֶער טוּן מִיט אִים. אִיךְ בִּין גֶעוֶוען שְׁטַארְק צֶעמִישְׁט ווייל אִיךְ הָאבּ גֶעדַארְפְט הָאבְּן דִי גֶעלְט, ער פְלֶעגְט מִיר נֶעמֶען אִין שֵׁיינֶע הָאטֶעלְן, שְׁלָאפְן דָארְט... אִיךְ ווִיל נִישְׁט אַלֶעס אַרוֹיסְשְׁרַייבְּן, אָבֶּער עֶס אִיז אַסַאךְ עֶרְגֶער ווִי דֶער ראֹש יְשִׁיבָה קֶען זִיךְ פָארְשְׁטֶעלְן...

לְמַעֲשֶׂה וַויים אִיךְ ווִי שֶׁעדְלִיךְ דָאס אִיז פַאר מִיר, אִיךְ מוּז אָפְּהַאקְן מִיט יֶענֶעם ווִי פְּרִיעֶר. מַיין פְּרָאבְּלֶעם אִיז נָאר אַז אִיךְ ווִיל זֵייעֶר שְׁטַארְק אָפְּהַאקְן, אָבֶּער דִי גֶעלְט הֶלְק שְׁטֶערְט מִיר... מַיין לֶעבְּן אִיז אוֹיפְגֶעבְּרָאכְטְן גֶעוָוארְן זַייט אִיךְ הָאבּ שַׁייְכוּת מִיט אִים, אִיךְ קֶען לֶעבְּן נָארְמַאל, אִיךְ דַארְף זִיךְ נִישְׁט שֶׁעמֶען פַאר חֲבֵרִים. זַייט אִיךְ הָאבּ מִיט אִים, הָאבּ אִיךְ גֶעקוֹיפְט אַ נָארְמַאלֶע הוּט אוּן רֶעקְל, אִיךְ גֵיי אָנְגֶעטָאן בֶּעסֶער אוּן אִיךְ מַיין אַז אִיךְ בִּין מֶער אַרוֹיפְגֶעקוּקְט בַּיי מַיינֶע חֲבֵרִים, וַוייל מַיין לֶעבְּן אִיז בֶּעסֶער אַוֶועקְגֶעשְׁטֶעלְט.

אִיךְ פַארְשְׁטֵיי דִי פְּרָאבְּלֶעם, אָבֶּער אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט זֶען צוּרִיק אִין דִי שְׁוֶוערֶע מַצָב פוּן אַמָאל... אִיךְ קֶען נִישְׁט לֵייגְן אוֹיף מַיין מַחְשָׁבָה אַז אִיךְ מוּז צוּרִיקְגֵיין צוּ אַזַא שִׁפְלוּת.

אוֹיסֶער דֶעם, אִיז אוֹיךְ דָא נָאךְ אַ פְּרָאבְּלֶעם. יֶענֶער הָאט אִינְפָארְמַאצְיֶע אוֹיף מִיר, עֶר הָאט פִּיקְטְשֶׁערְס אוּן ווִידִיאוֹס וָואס אִיךְ ווִיל שְׁטַארְק נִישְׁט אַז עֶס זָאל אַרוֹיסְגֵיין אוֹיף דִי גַאס, אוּן יֶענֶער הָאט מִיר שׁוֹין אַמָאל מְרַמֵז גֶעוֶוען אַז אֵיינְמָאל עֶר זֶעט פְּרָאבְּלֶעמֶען מִיט אוּנְזֶער קֶשֶׁר דֶעמָאלְט אִיז דִי ווִידִיאוֹס דָא... לֵיידֶער וַויים אִיךְ פוּן בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט וָואס עֶס דְרֵיידְט זִיךְ אַרוּם ווִידִיאוֹס פוּן זֵיי, אוּן דִי בּוּשׁוֹת אִיז שְׁרֶעקְלִיךְ - אֲפִילוּ פוּן זֵייעֶר מִשְׁפָּחָה. אִיךְ קֶען נִישְׁט זַיין אַ קָרְבָּן פוּן דֶעם.

אִיךְ פַארְשְׁטֵיי אַז וֶוען אִיר וֶועט לֵיינֶען דֶעם בְּרִיוו וֶועט אַייעֶר בְּלוּט אַרוֹיפְקוּמֶען אִין קָאפּ, אָבֶּער אִיךְ ווִיל אַז אִיר זָאלְט טְרַאכְטְן רוּאִיג אוּן פַארְשְׁטֵיין דִי צְווייטֶע זַייט, אַז עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי פָּשׁוּט ווִי עֶס קוּקְט אוֹיס.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַייעֶר הִילְף.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת בֹּא, כ"ח טֵבֵת, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

**דוּ** שְׁרַייבְּסְט מִיר: "אִיךְ זָאל מִיךְ הַאלְטְן רוּאִיג וֶוען אִיךְ לֵיין דַיין בְּרִיווּ"; הֶער אוֹיס טֵייעֶרֶער בָּחוּר: חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּנְחוּמָא בְּרֵאשִׁית, סִימָן יב): "עַל הַכֹּל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מְוַתֵּר, חוּץ מִן הַזִּמָּה", אוֹיף אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מְוַותֵּר, אָבֶּער וֶוען עֶס קוּמְט צוּ עֲבֵירוֹת פוּן נִאוּף אוּן מַעֲשֶׂה תוֹעֵבָה, דָארְט אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נִישְׁט מְוַותֵּר. מֶען בַּאקוּמְט אַ בִּיטֶערֶער עוֹנֶשׁ אוֹיבּ מֶען טוּט נִישְׁט קַיין תְּשׁוּבָה.

**נָאךְ** זָאגְן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (בְּרֵאשִׁית רַבָּה כו, ה): "עַל הַכֹּל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מַאֲרִיךְ אַפּוֹ, חוּץ מִן הַזְּנוּת", אוֹיף אַלֶע עֲבֵירוֹת וָואס אַ מֶענְטְשׁ טוּט וַוארְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז מֶען זָאל תְּשׁוּבָה טוּן, אָבֶּער וֶוען עֶס קוּמְט צוּ נִאוּף רַחְמָנָא לִצְלָן דָארְט אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נִישְׁט מַאֲרִיךְ אַף, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאצָאלְט אַ בִּיטֶערֶער עוֹנֶשׁ.

**דָאס** וָואס דוּ הָאסְט מוֹרָא פוּן בִּזְיוֹנוֹת, זָאלְסְטוּ וִויסְן אַז אוֹיבּ דוּ וֶועסְט נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּן וֶועט דַיין סוֹף זַיין זֵייעֶר בִּיטֶער. מֵיין נִישְׁט אַז מֶען קֶען זִיךְ בַּאהַאלְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט (יִרְמְיָה כג, כד): "אִם יִסָּתֵר אִישׁ בַּמִּסְתָּרִים וַאֲנִי לֹא אֶרְאֶנּוּ נְאֻם ה'", ווִי קֶען זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ בַּאהַאלְטְן פוּן מִיר? "הֲלוֹא אֶת הַשָּׁמַיִם וְאֶת הָאָרֶץ אֲנִי מָלֵא נְאֻם ה'", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָאךְ אִיבֶּעראַל.

מֵיין נִישְׁט אַז מֶען קֶען זִיךְ בַּאהַאלְטְן אִין שֵׁיינֶע הָאטֶעלְן טוּן עֲבֵירוֹת אוּן דָאס וֶועט בְּלַייבְּן אַ סוֹד. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט (איוב כד, טו): "וְעֵין נֹאֵף שָׁמְרָה נֶשֶׁף לֵאמֹר לֹא תְשׁוּרֵנִי עָיִן", דִי בַּעֲלֵי עֲבֵירוֹת רֶעדְן זִיךְ אַיין אוּן טְרַאכְטְן בַּיי זִיךְ: 'מִיר וֶועלְן וַוארְטְן עֶס זָאל וֶוערְן נַאכְט דֶעמָאלְט וֶועלְן מִיר טוּן עֲבֵירוֹת; מִיר וֶועלְן גֵיין אִין בַּאהַאלְטֶענֶע פְּלֶעצֶער אַז קֵיינֶער זָאל אוּנְז נִישְׁט זֶען'. זָאגְן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (בַּמִּדְבָּר רַבָּה ט, א): "הַנּוֹאֵף אוֹמֵר אֵין בְּרִיָּה יוֹדַעַת בִּי, לְפִי שֶׁכָּל מַעֲשָׂיו אֵינָן אֶלָּא בַּחֹשֶׁךְ", אַ מֶענְטְשׁ מֵיינְט טַאקֶע אַז עֶר קֶען זִיךְ בַּאהַאלְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס טוּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער? "וְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מְפַרְסְמָן בָּעוֹלָם", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַארְשֶׁעמְט אִים פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל זֵייעֶר חוֹזֶק גֶעמַאכְט פוּן דִי עֶקְלְדִיגֶע עֲבֵירָה, אַזוֹי וִוי רֶבִּי נָתָן בְּרֶענְגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן דש): פַּעַם אַחַת הִתְלוֹצֵץ מִזֶּה וְאָמַר: "שֶׁעַל זֶה מְבַקְּשִׁים בְּכָל יוֹם אַל תְּבִיאֵנִי לִידֵי נִסָּיוֹן וְלֹא לִידֵי בִזָּיוֹן", וְאָמַר בְּזוֹ הַלָּשׁוֹן: "אָדֶער אַ נִסָּיוֹן אָדֶער אַ בִּזָּיוֹן", וַוייל אַז עֶס וֶוערְט אוֹיס נִסָּיוֹן וֶוערְט בִּזְיוֹנוֹת; הַיינְט קֶען מֶען מַמָּשׁ זֶען דֶעם רוּחַ הַקּוֹדֶשׁ פוּן רֶבִּי'ן, דִי וֶועלְט אִיז אַזוֹי פָארְגֶעשְׁרִיטְן אַז וֶוען עֶס גֵייט אַרוֹיס אַ בִּילְד פוּן אֵיינֶעם וִוי עֶר דְרֵייט זִיךְ אוֹיף שְׁמוּצִיגֶע פְּלֶעצֶער וְכוּ' וֶוערְט עֶר אִין אֵיין רֶגַע פַארְשֶׁעמְט פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

אוֹיף דֶעם וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז דוּ טוּסְט דָאס וַוייל דוּ דַארְפְסְט גֶעלְט אוּן קְלֵיידֶער וְכוּ'; קוּק וָואס דֶער הֵיילִיגֶער חָפֵץ חַיִּים דֶערְצֵיילְט (סֵפֶר נִדְחֵי יִשְׂרָאֵל, פֶּרֶק כג) פַארְוָואס

דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי מָרְדְכַי יָפֶה זֵכֶר צַדִיק לִבְרָכָה (מְחַבֵּר סִפְרֵי הַלְבוּשׁ) הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מַאכְן דִי הֶערְלִיכֶע חִיבּוּרִים אוּן זֵיי אַ נָאמֶען גֶעגֶעבְּן "לְבוּשִׁים". וַוייל וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער לְבוּשׁ אִיז גֶעוֶוען אַ בָּחוּר הָאט עֶר גֶעהַאט אַ גְרוֹיסֶער נִסָיוֹן וְכוּ'; עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אֵיינֶעם אִין שְׁטוּב אוּן זִי הָאט אִים אָנְגֶעפַאנְגֶען מוּטְשֶׁען צוּ טוּן אַן עֲבֵירָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, זִי הָאט אִים אַיינְגֶעשְׁפַּארְט אִין הוֹיז עֶר זָאל נִישְׁט קֶענֶען אַנְטְלוֹיפְן אוּן עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין שׁוּם וֶועג זִיךְ צוּ רַאטֶעוֶוען נָאר דוּרְךְ דֶעם לָאךְ אוּנְטֶערְן בֵּית הַכִּסֵא, דֶער לְבוּשׁ הָאט נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף גָארְנִישְׁט עֶר אִיז אַרַיין גֶעקְרָאכְן אִינֶעם שְׁמוּצִיגְן לָאךְ אוּן עֶר מִיט זַיינֶע אַלֶע קְלֵיידֶער זֶענֶען גֶעוָוארְן זֵייעֶר שְׁמוּצִיג פוּן בֵּית הַכִּסֵא, עֶר אִיז גֶעוֶוען אִין דֶער פְרֶעמְד אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין אַנְדֶערֶע קְלֵיידֶער וְכוּ' אַזוֹי אַרוּם הָאט עֶר גֶעהַאט גְרוֹיסֶע בִּזְיוֹנוֹת זִיךְ אַרוּם צוּ דְרֵייעֶן מִיט קְלֵיידֶער וָואס זֶענֶען פַארְשְׁמִירְט פוּן בֵּית הַכִּסֵא, דֶערְפַאר הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מְחַבֵּר זַיין דִי אַלֶע סְפָרִים אוּן זֵיי אַ נָאמֶען גֶעגֶעבְּן לְבוּשִׁים.

**שֶׁעם** דִיר אַז פַאר אַפָּאר דָאלְלֶער פַארְקוֹיפְסְטוּ דַיין נְשָׁמָה צוּם שָׂטָן, שֶׁעם דִיר אַז דוּ בִּיסְט אַזוֹי בִּילִיג בַּיי דִיר אַז דוּ פַארְדִינְגְסְט זִיךְ צוּ טוּן עֶקְלְדִיגֶע מַעֲשִׂים פַאר אַ הִיט אוּן אַ רֶעקְל; ווי קֶען אַ מֶענְטְשׁ זַיין אַזוֹי נִידֶערִיג בַּיי זִיךְ אַז פַאר גֶעלְט זָאל עֶר אַוֶועק גֶעבְּן זַיין לֶעבְּן?!

**אַנְטְלוֹיף** פוּן דֶעם שְׁלֶעכְטְן חַבֵר אוּן קוּם צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוער צוּרִיק אַן עֶרְלִיכֶער אִיד. דוּ

בִּיסְט אַ יוּנְגֶער בָּחוּר אוּן דוּ דַארְפְסְט נָאךְ חֲתוּנָה הָאבְּן, דוּ דַארְפְסְט אוֹיפְשְׁטֶעלְן אִידִישֶׁע דוֹרוֹת. הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא פוּן דָאס וָואס עֶר סְטְרַאשֶׁעט דִיר אַז עֶר וֶועט דִיר פַארְשֶׁעמֶען; דָאס אִיז דֶער וֶועג פוּן אַלֶע מְנֻוָּלִים, זֵיי וַוארְפְן אַ פַּחַד אוֹיף זֵייעֶר קָרְבָּן וָואס זֵיי הָאבְּן אוּנְטֶער זִיךְ, אַזוֹי קֶענֶען זֵיי מַמְשִׁיךְ זַיין מִיט זֵייעֶר מְנֻוָּלוּת.

קוּק וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יוֹמָא לה:) וָואס הָאט יוֹסֵף הַצַּדִּיק גֶעטוּן וֶוען אֵשֶׁת פּוֹטִיפַר הָאט אִים אָנְגֶעשְׁרָאקְן אַז זִי גֵייט אִים לֵייגְן אִין תְּפִיסָה אוֹיבּ עֶר וִויל נִישְׁט טוּן מִיט אִיר דִי עֲבֵירָה? עֶר הָאט אִיר גֶעזָאגְט: ״אִיךְ הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא פוּן תְּפִיסָה, ׳ה׳ מַתִּיר אֲסוּרִים׳ - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נֶעמְט אַרוֹיס פוּן תְּפִיסָה״, הָאט זִי אִים גֶעסְטְרַאשֶׁעט: ״הֲרֵינִי כּוֹפֶפֶת קוֹמָתְךָ״, אִיךְ גֵיי דִיר אַזוֹי פַּיינִיגְן אַז דוּ וֶועסְט וֶוערְן אַיינְגֶעבּוֹיגְן פוּן דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע יְסוּרִים וְכוּ׳, הָאט יוֹסֵף גֶעזָאגְט: ״אִיךְ הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא, ׳ה׳ זוֹקֵף כְּפוּפִים׳ - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט דִי אַיינְגֶעבּוֹיגֶענֶע זֵיי זָאלְן וֶוערְן צוּרִיק גְרָאד״, הָאט זִי אִים וַוייטֶער גֶעזָאגְט: ״הֲרֵינִי מְסַמֵּא אֶת עֵינֶיךָ״, אִיךְ גֵיי דִיר אוֹיסְשְׁטֶעכְן דַיינֶע אוֹיגְן, הָאט יוֹסֵף אִיר גֶעזָאגְט: ״ה׳ פּוֹקֵחַ עִוְרִים - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט זֶועֶדִיג דִי בְּלִינְדֶע״, הָאט זִי אִים גֶעזָאגְט: ״נָתְנָה לוֹ אֶלֶף כִּכְּרֵי כֶסֶף״, אִיךְ גֵיי דִיר גֶעבְּן אַסַאךְ גֶעלְט אוֹיבּ דוּ וֶועסְט טוּן מִיט מִיר דִי עֲבֵירָה, אָבֶּער יוֹסֵף הָאט אִיר גֶעזָאגְט: ״נֵיין, נֵיין אוּן נָאכְאַמָאל נֵיין. אִיךְ וִויל נִישְׁט זַיין מִיט דִיר אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט״.

**אִיךְ** הָאף אַז דו וֶועסְט תְּשׁוּבָה טוּן, און אַנְטְלוֹיפְן פון דֶעם מְנֻוָּל ווי פון פֵייעֶר, אַז נִישְׁט וֶועסְטוּ הָאבְן גְרוֹיסֶע בִּזְיוֹנוֹת און בַּאקוּמֶען אַ גְרוֹיסֶער עוֹנֶשׁ.

**אִיךְ** הָאף אַז דו וֶועסְט תְּשׁוּבָה טוּן וָואס שְׁנֶעלֶער.

## קצח

### פַארְוָואס אִינְדֶערְפְרִי קֶען אִיךְ רֶעדְן צום אֵייבֶערְשְׁטְן און בַּייְנַאכְט נִישְׁט?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

נָאכְאַמָאל אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי גֶעוַואלְדִיגֶע שִׁיעוּרִים און עֵצוֹת.

אִיךְ וִויל מִיטְטֵיילְן מִיט אַייךְ אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ וָואס הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט בַּיי מִיר בְּנוֹגֵעַ תְּפִילָה און הִתְבּוֹדְדוּת. עֶס מַאכְט זִיךְ בַּיי מִיר אַסַאךְ מָאל אַז אִין דִי צוּפְרִי שָׁעוֹת בִּין אִיךְ בָּרוּךְ ה׳ מַצְלִיחַ צוּ רֶעדְן צום אֵייבֶערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער זָאל וַוייטֶער הֶעלְפְן, וֶוען עֶס קוּמְט אָבֶער דִי בַּייְנַאכְט שָׁעוֹת גֵייט מִיר עֶס נִישְׁט, עַד כְּדֵי כַּךְ אַז אֲפִילוּ וֶוען אִיךְ גֵיי דוּרְךְ אַ פְּרָאבְלֶעם בַּייְנַאכְט, לְמָשָׁל אַז אֵיינֶער רֶעגְט מִיר אוֹיף, דַאן קוּמְט מִיר בִּכְלָל נִישְׁט אַרַיין אִין קָאפּ דִי עֵצָה אַז אִיךְ קֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶערְשְׁטְן, כְּאִילוּ לֹא הָיָה.

אִיךְ וָואלְט זִיךְ גֶעפְרֵייְדְט אוֹיב דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט אַן עֵצָה אָדֶער אַן עֶרְקְלֶערוּנְג ווי אַזוֹי דָאס קֶען זַיין אַז דֶער זֶעלְבֶער מֶענְטְשׁ וָואס מָארְגְן אִינְדֶערְפְרִי וֶועט עֶר וַוייטֶער רֶעדְן צום אֵייבֶערְשְׁטֶער, אִיז עֶר אָבֶער בַּייְנַאכְט אִינְגַאנְצְן פַארְמַאכְט.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת בֹּא, כ"ח טֵבֵת, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**דָאס** וָואס דוּ פְרֶעגְסְט ווי אַזוֹי עֶס קֶען זַיין בַּיי דֶעם זֶעלְבְּן מֶענְטְשׁ אַז צוּפְרִי זָאל עֶר רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן בַּיינַאכְט וֶוערְט עֶר אוֹיסְגֶעלָאשְׁן אוּן פַארְגֶעסְט אִינְגַאנְצְן פוּן תְּפִילָה.

**דֶער** רֶבִּי אִיז דָאס מַסְבִּיר (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן סב, אוֹת ה) אוֹיפְ'ן זוֹהַר (פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים צה.): "עוּלֵימְתָּא שַׁפִּירְתָּא דְּלֵית לָהּ עֵינִין; גּוּפָא טְמִירְתָא, וְאִתְגְּלֵי, נָפְקַת בְּצַפְרָא וּמִתְכַּסְיָא בִּימָמָא", זָאגְט דֶער רֶבִּי אַזוֹי: דִי אֱמוּנָה וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן "עוּלֵימְתָּא שַׁפִּירְתָּא"; דָאס הֵייסְט, וֶוען מֶען פְרֶעגְט אַ מֶענְטְשׁ וָואס גְלֵייבְּט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "זָאג מִיר וָואס דוּ שְׁפִּירְסְט, זָאג מִיר וָואס דוּ גְלֵייבְּסְט", וֶועט דֶער מֶענְטְשׁ נִישְׁט קֶענֶען עֶנְטְפֶערְן וָואס עֶר שְׁפִּירְט אוּן וָואס עֶר גְלֵייבְּט, וַוייל יֶעדֶע זַאךְ וָואס הָאט מִיט אֱמוּנָה אִיז אַ זַאךְ וָואס מֶען קֶען נִישְׁט מַסְבִּיר זַיין, אָבֶּער פַאר דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס גְלֵייבְּט אִיז עֶס אַזוֹי קְלָאר - מַמָּשׁ ווי עֶר זֶעט דָאס מִיט זַיינֶע אוֹיגְן. דָאס אִיז פְּשַׁט, "גּוּפָא טְמִירְתָא", אֱמוּנָה אִיז אַ זַאךְ וָואס אִיז בַּאהַאלְטְן אוּן מֶען קֶען דָאס נִישְׁט מַסְבִּיר זַיין, אָבֶּער - "וְאִתְגְּלֵי", דֶער מֶענְטְשׁ וָואס גְלֵייבְּט, בַּיי אִים אִיז עֶס אַזוֹי קְלָאר ווי עֶר זֶעט דָאס מִיט זַיינֶע אוֹיגְן.

יֶעדֶע צוּפְרִי בַּאנֵייט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דִי אֱמוּנָה, אַזוֹי וְוִי עֶס שְׁטֵייט (אֵיכָה ג, כג): "חֲדָשִׁים לַבְּקָרִים רַבָּה אֱמוּנָתֶךָ"; זָאגְט דֶער רֶבִּי אַז דָאס אִיז פְּשַׁט, "נָפְקַת בְּצַפְרָא", אִינְדֶערְפְרִי בַּאוַוייזְט זִיךְ דִי אֱמוּנָה, אָבֶּער בְּמֶשֶׁךְ דֶעם טָאג וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט בַּאשֶׁעפְטִיגְט מִיט זַיינֶע זַאכְן, וֶוערְט צוּבִּיסְלֶעךְ אָפְּגֶעשְׁוַואכְט דִי אֱמוּנָה; מֶען הֵייבְּט אָן טְרַאכְטְן פוּן גֶעלְט, מֶען הֵייבְט אָן טְרַאכְטְן פוּן (דְבָרִים ח, יז): "כֹּחִי וְעֹצֶם יָדִי עָשָׂה לִי אֶת הַחַיִל הַזֶּה", אוּן מֶען פַארְגֶעסְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס אִיז פְּשַׁט: "וּמִתְכַּסְיָא בִּימָמָא", בְּמֶשֶׁךְ דֶעם טָאג וֶוערְט דִי אֱמוּנָה פַארְדֶעקְט.

**דֶערְפַאר**, אַז דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר אַז יֶעדְן טָאג אִינְדֶערְפְרִי הָאסְטוּ כֹּחַ צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן וֶוען עֶס קוּמְט בַּיינַאכְט פַארְגֶעסְטוּ פוּן דִי אֱמוּנָה; זָאלְסְטוּ זֶען צוּ מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת גְלַייךְ אִינְדֶערְפְרִי פַאר דוּ הֵייבְּסְט אָן צוּ וֶוערְן בַּאשֶׁעפְטִיגְט מִיט דַיינֶע עִנְיָנִים.

**דֶער** רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קי): "וּבְיוֹתֵר מוֹעִיל הַשֵּׁנָה לָאֱמוּנָה", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ שְׁלָאפְט וֶוערְט גֶעשְׁטַארְקְט זַיין אֱמוּנָה; דֶערְפַאר זֶעט מֶען אַז אִינְדֶערְפְרִי אִיז אַ מֶענְטְשׁ מֶער רוּאִיג אוּן גֶעלַאסְן, וַוייל נָאכְן שְׁלָאפְן הָאט אַ מֶענְטְשׁ מֶער אֱמוּנָה אוּן עֶס אִיז אִים גְרִינְגֶער צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מַה שֶׁאֵין כֵּן וֶוען עֶס קוּמְט בַּיינַאכְט וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ אִיז אוֹיסְגֶעמוּטְשֶׁעט, פַאלְט אַרוּיף אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ אַ מִידְקֵייט אוּן מֶען וֶוערְט צֶעבְּרָאכְן.

**דֶערְפַאר** אִיז זֵייעֶר גוּט זִיךְ צוּ מַאכְן אַבִּיסְל צַייט גְלַייךְ אִינְדֶערְפְרִי צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִיךְ מְיַישֵׁב זַיין וָואס מֶען דַארְף נָאךְ פַארְרֶעכְטְן אוּן וָואס מֶען דַארְף זִיךְ פַארְבֶּעסֶערְן. אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן נד): "כָּךְ רָאוּי לִהְיוֹת מִנְהַג יִרְאֵי הַשֵּׁם תֵּכֶף בַּבֹּקֶר בַּהֲקִיצוֹ, קֹדֶם שֶׁיַּתְחִיל שׁוּם דָּבָר יִזְכֹּר מִיָּד בְּעָלְמָא דְּאָתֵי", דָאס אִיז דֶער וֶועג ווִי אַזוֹי אַן עֶרְלִיכֶער אִיד דַארְף זִיךְ פִירְן, גְלַייךְ וֶוען מֶען שְׁטֵייט אוֹיף אִינְדֶערְפְרִי זָאל מֶען טְרַאכְטְן פוּן תַּכְלִית - עֶס קוּמְט נָאךְ אַ וֶועלְט אוּן קֵיינֶער בְּלַייבְּט נִישְׁט דָא. עֶס גֵייט קוּמֶען אַ טָאג וָואס אַלֶע וֶועלְן מִיר אִיבֶּערְלָאזְן דִי וֶועלְט. מֶען וֶועט נֶעמֶען דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן אִים אַרַיין לֵייגְן אִין גְרוּב, דָארְט וֶועט גָארְנִישְׁט נִיצְן - נָאר דָאס בִּיסְל תּוֹרָה וּתְפִלָּה וָואס מִיר הָאבְן זִיךְ אָנְגֶעגְרֵייט וֶועלְן מִיר מִיט נֶעמֶען אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

**ווָאוֹיל** אִיז דִיר אַז דוּ בִּיסְט זִיךְ מִתְבּוֹדֵד יֶעדְן צוּפְרִי; דוּ דֶערְצֵיילְסְט פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן דַיין גַאנְצֶע הַארְץ, דַיין גַאנְצֶע לֶעבְן, אַלֶעס וָואס טוּט דִיר וֵויי.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

# קצט

## וואו איז די מְקוֹר אַז רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעהַאט אַ גְלַאטְן הַאלְז?

### שְׁאֵלָה:

**לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אֵיינֶער הָאט מִיר גֶעפְּרֶעגְט וואו עֶס אִיז דֶער מְקוֹר אַז רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעהַאט אַ גְלַאטְן הַאלְז. אֶפְשָׁר וֵוייסְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה עֶפֶּעס מֶער אִיבֶּער דֶעם?

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס.

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת בֹּא, ב' שְׁבַט, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זֵכֶר צַדִּיק וְקָדוֹשׁ לִבְרָכָה אִיז גֶעוֶוען אַן אֵיידֶעם בַּיי הָרַב הַגָּאוֹן הַמְפוּרְסָם רֶבִּי דָוִד צְבִי אוֹיעֶרְבַּאךְ זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה. רֶבִּי דָוִד צְבִי אִיז גֶעוֶוען רָב אִין דְרַיי גְרוֹיסֶע שְׁטֶעט אִין אוּקְרֵיינֶע: שַׁארִיגְרַאד, קְרֶעמֶענִיץ אוּן מָאהָאלִיב. עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער מֶענְטְשׁ. דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן: "דַיין שְׁוֶוער אִיז אַ צַדִּיק", אַזוֹי אוֹיךְ הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי בָּרוּכְ'ל פוּן מֶעזִיבּוּזְשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעזָאגְט אוֹיף אִים: "וואו עֶר גֵייט, גֵייט אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא מִיט מִיט אִים".

**רֶבִּי** דָוִד צְבִי הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרוּקְט אוֹיף רֶבִּי נָתָן: "מֶען הָאט אָנְגֶעטְרָאגְן פַאר מַיין טָאכְטֶער גְרֶעסֶערֶע לוֹמְדִים וִוי רֶבִּי נָתָן, אָבֶער אִיךְ הָאבּ אִים גֶענוּמֶען פַאר אַן אֵיידֶעם וַוייל אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אַז עֶר הָאט אַ גְלַאטֶע הַאלְז"; דָאס אִיז אַ מְלִיצָה אוֹיף רֶבִּי נָתָן אַרוֹיס צוּ בְּרֶענְגֶען וֶוער רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעוֶוען. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעוֶוען בַּיי זִיךְ וִוי אַ שְׁטִיקְל בְּלָאטֶע, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי יִצְחָק דֶער טִירָאוִויטְצֶער מַגִּיד'ס אֵיידֶעם (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שלח): "קוּק אִים אָן - ר' נָתָן - וֶועסְטוּ זֶען אַז עֶר אִיז בַּיי זִיךְ וִוי אַ גְלַאט שְׁטִיקְל בְּלָאטֶע".

**רֶבִּי** נָתָן הָאט דֶערְצֵיילְט אוֹיף זִיךְ: "אִין חֶדֶר הָאבְּן אַלֶע קִינְדֶער גֶעפְרֶעגְט קַשְׁיוֹת פוּנֶעם מְלַמֵּד אָבֶער אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין קַשְׁיוֹת, אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט פַאר מַיין מְלַמֵּד: 'וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַז עֶס אִיז מִיר גָארְנִישְׁט שְׁוֶוער?' הָאט מִיר דֶער מְלַמֵּד גֶעזָאגְט: 'עֶס אִיז בֶּעסֶער צוּ גֵיין פָּשׁוּט אָן קַשְׁיוֹת וִוי דִי אַנְדֶערֶע קִינְדֶער וָואס זוּכְן נָאר צוּ פַארְקְרִיכְן פוּנֶעם פְּשַׁט'".

**פוּן** קִינְדְוַוייז אָן הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעלֶעבְּט מִיט'ן תַּכְלִית, וַוייל עֶר פְלֶעגְט דַאוֶונֶען נֶעבְּן זַיין זֵיידְן רֶבִּי יִצְחָק דַאנְצִיג זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה וָואס פְלֶעגְט זִיצְן מִיט דִי אַלְטֶע אִידְן אוֹיף מִזְרָח וַואנְט, אַזוֹי אִיז אִים אוֹיסְגֶעקוּמֶען צוּ קֶענֶען אַלֶע אַלְטֶע אִידְן וָואס פְלֶעגְן זִיךְ צוּמָאל שְׁפִּילְן אוּן זִיךְ וֶוערְטְלֶען מִיט אִים. אֵיין טָאג אִיז אֵיינֶער פוּן דִי זְקֵנִים וֶועם רֶבִּי נָתָן הָאט

גוט גֶעקֶענְט - נִפְטָר גֶעוָואָרְן און רֶבִּי נָתָן הָאט זִיךְ נָאכְגֶעפְרֶעגְט בַּיי זַיין זֵיידֶע אוֹיף דֶעם אִיד, הָאט אִים דֶער זֵיידֶע גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז עֶר אִיז נִפְטָר גֶעוָואָרְן, הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט זַיין זֵיידֶע: "וָואס מֵיינְט נִפְטָר גֶעוָואָרְן?" הָאט עֶר אִים מַסְבִּיר גֶעוֶועזְן אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ שְׁטַארְבְּט גְרָאבְּט מֶען אוֹיף אַ לָאךְ אִין בֵּית הַחַיִּים און מֶען לֵייגְט דָארְט אַרַיין דֶעם מֶענְטְשׁ, נָאכְדֶעם דֶעקְט מֶען צוּרִיק צוּ דֶעם לָאךְ מִיט עֶרְד. וֶוען רֶבִּי נָתָן הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט אִים אָנְגֶעפַאנְגֶען בַּאדֶערְן: 'וָואס אִיז דֶער תַּכְלִית דָא אוֹיף דִי וֶועלְט, מֶען לֶעבְּט און מֶען שְׁטַארְבְּט וְכוּ' און דָאס אִיז עֶס?' דִי מַחֲשָׁבוֹת הָאבְּן אִים גֶעמַאכְט זוּכְן און נִישְׁטֶערְן נָאכְ'ן תַּכְלִית בִּיז עֶר הָאט גֶעפוּנֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

וֶוען מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט רֶעדְן פוּן רֶבִּי נָתָן פְלֶעגְט עֶר שְׁטֶענְדִיג זָאגְן: "מִיר הָאבְּן נִישְׁט קֵיין הַשָּׂגָה וֶוער רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעוֶועזְן און וִוי גְרוֹיס עֶר אִיז גֶעוֶועזְן; מֶען הָאט אִים גֶע'רוֹדְף'ט עַד חָרְמָה מִבַּיִת וּמִבַּחוּץ. און טְרָאץ אַלֶע רְדִיפוֹת וָואס עֶר אִיז אַרִיבֶּער, מִיט אַלֶע צָרוֹת וְיִסּוּרִים, הָאט עֶר פַארְשְׁפְּרֵייט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט", דָאס דַארְפְן מִיר נָאכְטוּן - מְגַלֶּה זַיין דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת פַאר אַלֶעמֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# ר'

## זָאל אִיךְ זַיין דֶער מְחוּתָּן בַּיי מַיין שְׁוֶועגֶערִינְ'ס חֲתוּנָה?

### שְׁאֵלָה:

**לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

צוּם אַלֶעמֶען עֶרְשְׁט וויל אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר דִי גֶעוַואלְדִיגֶע שִׁיעוּרִים וָואס זֶענֶען מְחַיֶּה אוּנְזֶער גַאנְצֶע שְׁטוּב, דִי חִיזּוּק קוּמְט אוֹיךְ אָן בִּיז אַהֶער, דָא מֵעֵבֶר לַיָּם, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן כֹּחַ וַוייטֶער אָנְצוּגֵיין, וַוייטֶער מְחַזֵּק זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

יֶעצְט צוּ מֵיין שְׁאֵלָה. מֵיין שְׁוֶועגֶערִין, מֵיין וַוייבְּ'ס שְׁוֶועסְטֶער אִיז אַ כַּלָּה גֶעוָוארְן לְמַזָּל טוֹב, אָבֶער אָן דִי עֶלְטֶערְן, זֵיי הָאבְּן אִיר נִישְׁט גֶעוָואלְט אַ כַּלָּה מַאכְן, אוּן יֶעצְט אִיז גֶעוֶוען דִי תְּנָאִים אוּן מֶען הָאט מִיר גֶעבֶּעטְן צוּ זַיין דֶער מְחוּתָּן מִצַּד הַכַּלָּה, ווִי לְמָשָׁל אַריינְצוּשְׁרַייבְּן אִין דִי תְּנָאִים אַלְס 'עוֹמֵד מִצַּד הַכַּלָּה', ווִי אוֹיךְ אִיבֶּערְצוּגֶעבְּן דֶעם זֵייגֶער פַּארְ'ן חָתָן אַנְשְׁטָאט מַיין שְׁוֶוער. נָאכְדֶעם וֶועט קוּמֶען דִי חֲתוּנָה וואוּ אִיךְ וֶועל דַארְפְן אוּנְטֶערְפִירְן אוּנְטֶער דִי חוּפָּה.

אִיךְ וֵויים נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, פוּן אֵיין זַייט בִּין אִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט בַּאקְוֶועם צוּ שְׁפִּילְן מְחוּתָּן, אִיךְ הָאבּ בֶּעסֶער לִיבּ צוּ זִיצְן אִין אַ ווִינְקְל, אָבֶער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט אִיז אַ גְרוֹיסֶע רַחְמָנוּת אוֹיף זֵיי, וַוייל עֶס אִיז נִישְׁט דָא וֶוער עֶס זָאל אוּנְטֶערְפִירְן וְכוּ'.

אִיךְ פִיל ווִי אִיךְ וֶוער צֶעקְוֶועטְשְׁט פוּן אַלֶע זַייטְן אוּן אִיךְ וֵויים נִישְׁט וָואס צוּ טוּן. ווִי אוֹיךְ וויל אִיךְ בֶּעטְן אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה קֶען שְׁרַייבְּן אַפָּאר וֶוערְטֶער פַאר מַיין וַוייבּ תִּחְיֶ', וַוייל זִי וֶוערְט זֵייעֶר צֶעטְרָאגְן יֶעדֶעס מָאל וֶוען עֶס קוּמְט פָאר אַ שִׂמְחָה אִין אִיר מִשְׁפָּחָה צוּלִיבּ דִי שְׁוֶוערֶע מַצָּב בַּיי אִירֶע עֶלְטֶערְן.

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעם.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת בֹּא, ב' שְׁבַט, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אַז** דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר מְזַכֶּה גֶעוֶועְן מִיט מִצְוַת שִׂמְחַת חָתָן וְכַלָּה זָאלְסְטוּ עֶס טוּן מִיט דִי גְרֶעסְטֶע שִׂמְחָה, גֶעדֶענְק וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט (תַּנְחוּמָא רְאֵה, סִימָן יח): "אִם אַתָּה מְשַׂמֵּחַ אֶת שֶׁלִּי אֲנִי מְשַׂמֵּחַ אֶת שֶׁלְּךָ", אוֹיבּ דוּ וֶועסְט פְרֵיילִיךְ מַאכְן מַיינֶע צֶעבְּרָאכֶענֶע קִינְדֶער וֶועל אִיךְ דִיר פְרֵיילִיךְ מַאכְן.

**אַסַאךְ** מָאל קוּמְט אוֹיס אַז גֶעשְׁוִויסְטֶער דַארְפְן אַלֵיינְס חַתוּנָה מַאכְן דִי קִינְדֶער, וֶוען מֶען זֶעט ווִי דִי עֶלְטֶערְן לָאזְן זַיי עֶלְטֶער וֶוערְן וְכוּ'. אַזוֹי ווִי עֶס וֶוערְט גֶע'פַּסְקְ'נְט אִין שׁוּלְחָן עָרוּךְ (שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת מַהֲרִי"ק סִימָן קסו, וְכֵן נִפְסַק לַהֲלָכָה בְּרְמָ"א, יוֹרֶה דֵעָה סוֹף סִימָן ר"מ) אַז וֶוען אַ קִינְד זֶעט אַז זַיינֶע עֶלְטֶערְן מַאכְן אִים נִישְׁט קַיין שִׁידוּךְ דַארְף מֶען נִישְׁט אוֹיסְהֶערְן וָואס דִי עֶלְטֶערְן זָאגְן נָאר זִיךְ אַלֵיינְס חַתוּנָה מַאכְן. פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז מֶען דַארְף זִיךְ פַארְבִּינְדְן מִיט אַ רָב וְכוּ' אוּן זִיךְ אַלֵיינְס חַתוּנָה מַאכְן.

**דֶערְפַאר** אַז דַיין שְׁוֶועגֶערִין אִיז יֶעצְט אַ כַּלָּה גֶעוָוארְן לְמַזָל טוֹב אוּן דַיין שְׁוֶוער אוּן שְׁווִיגֶער ווִילְן זִיךְ נִישְׁט בַּאטֵיילִיגְן אִין זֵייעֶר שִׂמְחָה וְכוּ', מֶען בֶּעט דִיר אַז דוּ אוּן דַיין וַוייבּ זָאלְן זִיךְ אַהֶער שְׁטֶעלְן ווִי דִי מְחוּתָּנִים אוּן אוּנְטֶער פִירְן חָתָן כַּלָּה אוּנְטֶער דִי חוּפָּה, זָאלְסְטוּ כַאפְּן דִי מִצְוָה.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (הוּבָא בְּרַשִׁ״י) אוֹיפְ׳ן פָּסוּק (שְׁמוֹת יב, יז): ״וּשְׁמַרְתֶּם אֶת הַמַּצּוֹת״ - אַל תְּהִי קוֹרֵא אֶת הַמַּצּוֹת, אֶלָּא אֶת הַמִּצְווֹת, פּוּנְקְט ווִי מֶען טָאר נִישְׁט לָאזְן אַ מַצָּה שְׁטֵיין וַוייל עֶס קֶען וֶוערְן חָמֵץ׳דִיג, אַזוֹי אוֹיךְ זָאל מֶען נִישְׁט לָאזְן דִי מִצְווֹת שְׁטֵיין עֶס זָאל חָמֵץ׳דִיג וֶוערְן, ״אֶלָּא אִם בָּאָה לְיָדְךָ, עֲשֵׂה אוֹתָהּ מִיָּד״, אוֹיבּ עֶס קוּמְט דִיר אוּנְטֶער אַ מִצְוָה זָאלְסְטוּ עֶס גְלַייךְ טוּן.

דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר אַז דוּ הָאסְט לִיבּ צוּ זִיצְן אִין דַיין ווִינְקְל אוּן עֶס אִיז דִיר נִישְׁט בַּאקְוֶועם צוּ שְׁפִּילְן מְחוּתָּן. אִיךְ פַארְשְׁטֵיי דִיר זֵייעֶר גוּט וַוייל אִיךְ הָאבּ דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ ווִי דִיר. אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען קַיין בְּרֶסְלֶב צוּ זִיצְן אִין דִי זַייט, אִיךְ הָאבּ זִיךְ מְחַיֶּ׳ גֶעוֶועזְן דִי עֶרְשְׁטֶע פָּאר יָאר וֶוען אִיךְ בִּין מְקוּרָב גֶעוָוארְן אִין הֵיכָל הַקּוֹדֶשׁ, אִיךְ הָאבּ מִיט קֵיינֶעם נִישְׁט גֶערֶעדְט אוּן אִיךְ הָאבּ מִיט קֵיינֶעם נִישְׁט גֶעהַאט, עֶס הָאט מִיר נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט קַיין שׁוּם נֵייעֶס פוּן הֵיכָל הַקּוֹדֶשׁ, אִיךְ בִּין בְּלוֹיז גֶעקוּמֶען הֶערְן דִי חִיזּוּק פוּן מוֹהֲרָא״שׁ אוּן דָאס מְקַיֵּים גֶעוֶועזְן. דָאס זֶענֶען גֶעוֶועזְן מַיינֶע שֶׁענְסְטֶע יָארְן וְכוּ׳, אָבֶּער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַנְדֶערְשׁ גֶעוָואלְט; מוֹהֲרָא״שׁ הָאט מִיר גֶעהֵייסְן עֶפֶּענֶען אַ יְשִׁיבָה אוּן גֶעבְּן דְרָשׁוֹת וְכוּ׳, וְכוּ׳, טוּ אִיךְ דָאס מִיט דִי גְרֶעסְטֶע שִׂמְחָה.

יֶעדְן טָאג טְרַאכְט אִיךְ: ׳הַלְוַאי וֶוען אִיךְ קֶען וֶוען זִיצְן פַאר מִיר אַזוֹי ווִי אַמָאל אִין מַיין ווִינְקֶעלֶע לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען וְכוּ׳׳; אָבֶּער אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל אַנְדֶערְשׁ דַארְף מֶען אַלֶעם אַוֶועק לֵייגְן צוּ טוּן דֶעם רָצוֹן ה׳.

**הֶער** אוּיס דִי דְרָשׁוֹת פוּן סַאטְמַאר רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט פּוּרִים (עֶס אִיז גֶעדְרוּקְט אִין חִידוּשֵׁי תּוֹרָה, פּוּרִים); דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט טְרִינְקֶען זִיבְּן כּוֹסוֹת וַויין אוּן נָאכְדֶעם הָאט עֶר גֶעוֵויינְט וְכוּ׳, עֶר פְלֶעגְט זָאגְן: "אִיךְ בִּין אַזוֹי מְקַנֵא אַ פָּשׁוּט'עֶר אִיד וָואס קוּמְט אִין שׁוּל יֶעדְן צוּפְרִי לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען, וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַז עֶס אִיז אוֹיף מִיר נִגְזָר גֶעוָוארְן צוּ זַיין בַּאשֶׁעפְטִיגְט מִיט'ן רַבִּים, אָבֶּער אַז דָאס אִיז דֶער רָצוֹן ה׳ וֶועל אִיךְ דָאס טוּן וְכוּ׳".

**זָאג** פַאר דַיין שְׁוֶועגֶערִין אַז דוּ וֶועסְט זַיין דֶער "עוֹמֵד מִצַד הַכַּלָה". גֶעדֶענְק וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ב, ה): "וּבְמָקוֹם שֶׁאֵין אֲנָשִׁים, הִשְׁתַּדֵל לִהְיוֹת אִישׁ"; סְתָּם אַזוֹי בִּיסְטוּ טַאקֶע גֶערֶעכְט, אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיצְן אִין זַיין ווִינְקְל, אָבֶּער אַז עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין טַאטֶע מַאמֶע זָאלְסְטוּ זִיךְ אַהֶער שְׁטֶעלְן ווִי דֶער מְחוּתָּן אוּן דַיין וַוייבּ ווִי דִי מְחוּתֶּ'נְסְטֶע, וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט (תַּנְחוּמָא רְאֵה, סִימָן יח): "אִם אַתָּה מְשַׂמֵחַ אֶת שֶׁלִּי אֲנִי מְשַׂמֵחַ אֶת שֶׁלְּךָ", אוֹיבּ דוּ וֶועסְט פְרֵיילִיךְ מַאכְן מַיינֶע צֶעבְּרָאכֶענֶע קִינְדֶער וֶועל אִיךְ דִיר פְרֵיילִיךְ מַאכְן.

דִי כַּלָה גֶעבְּט דִי זֵייגֶער פַארְ'ן חָתָן, נִישְׁט דֶער טַאטֶע.

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת בֹּא, ב׳ שְׁבָט, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

**אַייעֶר** מַאן נֵרוֹ יָאִיר הָאט מִיר גֶעבֶּעטְן אִיךְ זָאל אַייךְ שְׁרַייבְּן אַפָּאר חִיזּוּק וֶוערְטֶער, וַוייל עֶס טוּט אַייךְ

ווי יֶעדֶעס מָאל עֶס אִיז דָא אַ שִׂמְחָה בַּיי אַייעֶר מִשְׁפָּחָה און אַייעֶרע עֶלְטֶערְן ווילְן נִישְׁט מִיט הַאלְטְן וְכוּ׳.

**אִיךְ** פַארְשְׁטֵיי אַייךְ זֵייעֶר גוּט אַז עֶס טוּט אֵייךְ זֵייעֶר וויי אַז אַייעֶרע עֶלְטֶערְן בַּאטֵיילִיגְן זִיךְ נִישְׁט בַּיי דִי שִׂמְחוֹת פוּן זֵייעֶרע קִינְדֶער; יֶעצְט אִיז אַייעֶר שְׁוֶועסְטֶער אַ כַּלָּה גֶעוָוארְן לְמַזָּל טוֹב און זֵיי ווילְן נִישְׁט קוּמֶען צוּ דִי תְּנָאִים און צוּ דִי חֲתוּנָה, און דָאס טוּט אַייךְ זֵייעֶר וויי.

**פוּן** אַייעֶר זַייט זָאלְט אִיר זֶען צוּ מְכַבֵּד זַיין אַייעֶרע עֶלְטֶערְן; כִּבּוּד אָב וָאֵם אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה און וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז מְכַבֵּד זַיינֶע עֶלְטֶערְן זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער (קִידּוּשִׁין לא:): "אִיךְ רֶעכְן דָאס ווי מֶען אִיז מִיר מְכַבֵּד און אִיךְ וֶועל מַאכְן רוּעֶן דִי שְׁכִינָה אִין זֵייעֶר שְׁטוּב"; אִיר זָאלְט וַוייטֶער רֶעדְן מִיט אַייעֶרע עֶלְטֶערְן, זֵיי דֶערְצֵיילְן שֵׁיינֶע זַאכְן פוּן אַייעֶרע קִינְדֶער, טְרַאכְטְס אוֹיס זִיסֶע מַעֲשֶׂה׳לֶעךְ וָואס זֵיי צוּ דֶערְצֵיילְן וְכוּ׳, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט דַארְפְט אִיר זִיךְ אַרוֹיס שְׁטֶעלְן צוּ הֶעלְפְן אַייעֶר שְׁוֶועסְטֶער צוּ זַיין פַאר אִיר ווי אַ מַאמֶע, זִי אִיז יֶעצְט אַ כַּלָּה גֶעוָוארְן און זִי דַארְף אַסַאךְ חִיזּוּק.

**וְזִיפִיל** עֶס טוּט אַייךְ וויי אַז אַייעֶרע עֶלְטֶערְן זֶענֶען אַזוֹי פַארְמַאכְט און זֵיי ווילְן נִישְׁט מִיט הַאלְטְן דִי חֲתוּנָה און דִי תְּנָאִים טוּט עֶס אִיר נָאךְ אַסַאךְ מֶער וויי. וַוייל זִי אִיז נָאךְ יוּנְג און זִי וֵוייסְט נָאךְ נִישְׁט ווי אַזוֹי מֶען נֶעמְט אוֹיף דִי סָארְט זַאכְן, זִי וֶוערְט צֶערִיסְן פוּן אַלֶע זַייטְן. פוּן אֵיין זַייט וויל זִי טוּן דִי ווילְן פוּן טַאטֶע מַאמֶע אָבֶּער פוּן

דִי אַנְדֶערֶע זַייט, אַז רַבָּנִים הָאבְּן אִיר גֶעזָאגְט זִי זָאל מַאכְן אִיר שִׁידוּךְ הָאט זִי גֶעדַארְפְט טוּן וָואס דִי תּוֹרָה הֵייסְט.

**עֶס** זֶענֶען דָא אַסַאךְ מִשְׁפָּחוֹת וָואס הָאבְּן דֶעם פְּרָאבְּלֶעם וָואס אִיר גֵייט אַרִיבֶּער, עֶס זֶענֶען דָא עֶלְטֶערְן וָואס קֶענֶען נִישְׁט אַרוֹיס גֶעבְּן זֵייעֶרֶע קִינְדֶער וְכוּ', יֶעדֶער מִיט אַנְדֶערֶע תֵּירוּצִים. אֵיינֶער זוּכְט אַן אֵיידֶעם מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אַלֵיין אוּן אַ צְוֵוייטֶער זוּכְט אַ שְׁנוּר וִוי אֶסְתֵּר הַמַלְכָּה; וָואס גֶעשֶׁעט? דִי קִינְדֶער גֵייעֶן אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע יְסוּרִים וַוייל זֵיי ווילְן חֲתוּנָה הָאבְּן אָבֶּער זֵיי קֶענֶען נִישְׁט.

**מִיר** דַארְפְן מְכַבֵּד זַיין דִי עֶלְטֶערְן וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַזוֹי גֶעהֵייסְן. אוּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֵייסְט חֲתוּנָה הָאבְּן דַארְף מֶען חֲתוּנָה הָאבְּן; אַייעֶר שְׁוֶועסְטֶער הָאט זֵייעֶר גוּט גֶעטוּן וְכוּ'.

**דֶערְפַאר** דַארְפְט אִיר זִיךְ אָנְגַארְטְלֶען אוּן זַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק צוּ זַיין פַאר אִיר וִוי אַ מַאמֶע. זָאגְט פַאר אַייעֶר שְׁוֶועסְטֶער אַז זִי זָאל זִיךְ נִישְׁט זָארְגְן, וַוייל בִּיז דִי חֲתוּנָה אִיז נָאךְ דָא אַסַאךְ צַייט, מֶען קֶען נָאךְ אַסַאךְ דַאוֶוענֶען אַז אַלֶעס זָאל זִיךְ אִיבֶּערְדְרֵייעֶן צוּם גוּטְנְס אוּן דִי עֶלְטֶערְן זָאלְן קוּמֶען וִוי נָארְמַאל, אָבֶּער אַז זֵיי וֶועלְן נִישְׁט אָנְקוּמֶען וֶועט אִיר אוּנְטֶער פִירְן וִוי אַ מַאמֶע וְכוּ'.

**אִין** דֶעם זְכוּת וָואס אִיר וֶועט פְרֵיילִיךְ מַאכְן דִי כַּלָּה וֶועלְן עֶנְק זוֹכֶה זַיין צוּ נַחַת פוּן דִי קִינְדֶער, אָמֵן.

# רא

**מַיין וַוייבּ גֵייט אָנְגֶעטוּן צוּ שְׁטַארְק פְּרוּם.**

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם כָּל וויל אִיךְ דַאנְקֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶער וָואס הָאט מִיר גֶעוִויזְן דֶעם אֶמֶת'ן וֶועג, אַז אִיךְ בִּין אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דִי רִיכְטִיגֶע גֶעטְרֵייעֶ שְׁלוּחִים פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן אִיךְ וויל אַייךְ פֶּערְזֶענְלִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר אַלֶע אִינְהַאלְטְסְרַייכֶע שִׁיעוּרִים וָואס אִיז פוּל מִיט תּוֹכֶן, חִיזּוּק וְהַדְרָכָה; וָואס גֶעבְּט אַסַאךְ טַעַם אוּן חִיוּת וְסִיפּוּק בַּעֲבוֹדַת ה'.

יֶעצְט צוּם נְקוּדַת הַשְּׁאֵלָה, אִיךְ הָאבּ חֲתוּנָה גֶעהַאט שׁוֹין מֶער פוּן אַ יָאר בָּרוּךְ ה' (אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַ קִינְד בָּרוּךְ ה') אַלֶעס אִיז מֶער וֶוייניגֶער אִין אָרְדֶענוּנְג, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַסַאךְ אִיז צוּ פַארְדַאנְקֶען אַלֶע אַייעֶרֶע טֶעגְלִיכֶע חִיזּוּק אוּן עֵצוֹת. אָבֶער עֶס אִיז דָא אֵיין זַאךְ וָואס שְׁטֶערְט מִיר גֶעפֶערְלִיךְ, דָאס אִיז אַז מַיין וַוייבּ גֵייט אָנְגֶעטוּן אַסַאךְ פְּרוּמֶער וִוי אִיךְ וָואלְט בְּעֶצֶם גֶעוָואלְט זִי זָאל גֵיין.

אִיךְ וֶועל אַייךְ זָאגְן דֶעם אֶמֶת, אַז אִין אָנְפַאנְג אִיז עֶס גֶעוֶוען מַמָּשׁ בָּאוּ מַיִם עַד נָפֶשׁ, אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁפִּירְט אַז אִיךְ קֶען נִישְׁט אַזוֹי אָנְגֵיין, אִיךְ פִּיל נִישְׁט קַיין טַעַם אוּן סִיפּוּק אִין גָארְנִישְׁט, דֶערְנָאךְ נָאךְ אַסַאךְ מִתְפַּלֵל זַיין אוּן הִתְבּוֹדְדוּת אוּן אַזוֹי אוֹיךְ נָאכְ'ן אַרִיבֶּערְגֵיין אַ תְּקוּפָה, הָאט זִיךְ עֶס נָאר אַבִּיסְל בַּארוּאִיגְט. אִיךְ פִּיל אַז עֶס אִיז נִישְׁט בְּסֵדֶר אוּן אִיךְ וויל טוּן דִי רִיכְטִיגֶע שְׁרִיט, ווייל דָאס פַארְשְׁטֶערְקֶערְט מַיינֶע נִסְיוֹנוֹת אוֹיף גָאר אַ גְרוֹיסְן פַארְנֶעם אוּן אִיךְ זוּךְ אַ עֵצָה דֶערְצוּ.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ בַּאצָאלְן פַאר אַלֶעס וָואס אִיר טוּט פַאר זַיינֶע קִינְדֶער.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת בֹּא, ב' שְׁבָט, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אִיךְ** בֶּעט דִיר בְּרַחֲמִים וּבְתַחֲנוּנִים, הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף דִיר; פַארְלַאנְג נִישְׁט פוּן דַיין וַוייבּ זִי זָאל זִיךְ אָנְטוּן מֶער פְּרָאסְט, מֶער קוּרְץ, שְׁמָאל אוּן אוֹיסְגֶעשְׁנִיטְן וְכוּ'. דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ הָאסְט אַ וואוּילֶע פְרוֹי וָואס גֵייט אָנְגֶעטוּן בִּצְנִיעוּת, וויפִיל אִינְגֶעלַייט רַייסְן זִיךְ דִי הָאר פוּן קָאפּ אַז זֵייעֶר וַוייבּ אִיז נִישְׁט אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין וְכוּ'. זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעטְרָאפְן שְׁלֶעכְטֶע חַבֶר'טֶעס וְכוּ' אוּן זֵיי שְׁרַייבְּן זִיךְ מִיט אַלֶע רוּחוֹת רָעוֹת וָואס דָאס בְּרֶענְגְט לֵיידֶער זֵייעֶר בִּיטֶערֶע נָאכְפָאלְגְן, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סוֹטָה ז.): "הַרְבֵּה יַלְדוּת עוֹשָׂה, הַרְבֵּה שְׁכֵנִים הָרָעִים עוֹשִׂים"; צוּבִּיסְלֶעךְ הָאבְּן זֵיי זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן לָאזְן וַואקְסְן זֵייעֶר הָאר אוּן עֶס צוּגֶעדֶעקְט בְּלוֹיז לְמֶחְצָה לִשְׁלִישׁ וְלִרְבִיעַ וְכוּ'.

**זִייסְן** זָאלְסְטוּ, דָאס לֶעבְּן פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַזוֹי קוּרְץ אוּן שְׁנֶעל, מֶען גֶעבְּט זִיךְ אֵיין דְרֵיי אוּן מֶען אִיז אַן אַלְטֶער אִיד, מֶען גֶעבְּט זִיךְ אֵיין דְרֵיי אוּן מֶען הָאט אַ שְׁטוּבּ מִיט גְרוֹיסֶע קִינְדֶער. דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דַיין וַוייבּ גֶעבְּט אַכְטוּנְג וִוי אַזוֹי זִי טוּט זִיךְ אָן; אִין דֶעם זְכוּת וֶועט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער אוּן אִיר וֶועט שֶׁעפְּן נַחַת פוּן זֵיי,

אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת בָּנִים, סִימָן ט): "צְנִיעוּת שֶׁבָּאִשָּׁה, מְזַכֶּה לָהּ לְבָנִים הֲגוּנִים", אַ פְרוֹי וָואס גֵייט בִּצְנִיעוּת וֶועט הָאבְּן גוּטֶע קִינְדֶער.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (יוֹמָא מז.): "שִׁבְעָה בָּנִים הָיוּ לָהּ לְקִמְחִית", עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ פְרוֹי וָואס הָאט גֶעהֵייסְן קִמְחִית, זִי הָאט גֶעהַאט זִיבְּן קִינְדֶער, "וְכֻלָּן שִׁמְּשׁוּ בִּכְהוּנָּה גְדוֹלָה", אַלֶע זֶענֶען גֶעוֶוען כֹּהֲנִים גְּדוֹלִים. "אָמְרוּ לָהּ חֲכָמִים: מַה עָשִׂית שֶׁזָּכִית לְכַךְ?" הָאבְּן דִי חֲכָמִים אִיר גֶעפְרֶעגְט: וָואס פַאר אַ גוּטֶע זַאךְ הָאט אִיר גֶעטוּן אַז אִיר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען אַז אַלֶע אַייעֶרֶע קִינְדֶער זֶענֶען עֶרְלִיכֶע אִידְן אוּן כֹּהֲנִים גְּדוֹלִים וָואס טוּעֶן דִי עֲבוֹדָה אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ? "אָמְרָה לָהֶם: מִיָּמַי לֹא רָאוּ קוֹרוֹת בֵּיתִי קְלָעֵי שַׂעֲרִי", הָאט זִי גֶעזָאגְט פַאר דִי חֲכָמִים: אִיךְ הָאבּ אֵייבִּיג אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן אַז דִי וֶוענְט אוּן דִי דַאךְ פוּן מַיין הוֹיז זָאלְן נִישְׁט זֶען מַיין הָאר; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז וֶוען מֶען פִּירְט זִיךְ מִיט צְנִיעוּת הָאט מֶען נָאכְדֶעם נַחַת פוּן דִי קִינְדֶער.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר דוּ זָאלְסְט נִישְׁט מְשׁוּגָע מַאכְן דַיין וַוייבּ זִי זָאל זִיךְ אָנְטוּן מֶער פְּרָאסְט וְכוּ' - פַּארְקֶערְט, זָאלְסְט אִיר גֶעבְּן חִיזוּק זִי זָאל גֵיין אָנְגֶעטוּן מֶער בִּצְנִיעוּת, נִישְׁט אַרָאפְּרַייסְן אִיר צְנִיעוּת חַס וְשָׁלוֹם אוּן אִיר זָאגְן: "טוּ זִיךְ אָן מֶער פְּרָאסְט, מֶער אוֹיפְרַייסֶערִישׁ וְכוּ'"; וִויא פַאר דִי אִינְגֶעלֵייט וָואס בְּרֶענֶען זִיךְ אָפּ מִיט דִי אֵייגֶענֶע הֶענְט זֵייעֶר

עָתִיד דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען מוּטְשֶׁעט דִי פְרוֹי זִי זָאל זִיךְ אָנְטוּן מֶער פְּרָאסְט. וָואס מֵיינְסְטוּ, אַז דוּ וֶועסְט מוּטְשֶׁען דַיין וַוייבּ זִי זָאל זִיךְ אָנְטוּן מֶער פְּרָאסְט אוּן זִי וֶועט דִיר נָאכְגֶעבְן, זִי וֶועט זִיךְ טוּישְׁן וְכוּ' - וֶועסְטוּ שׁוֹין זַיין צוּפְרִידְן? אִיךְ זָאג דִיר אַז דוּ וֶועסְט נָאךְ אַלְץ נִישְׁט זַיין צוּפְרִידְן, דוּ וֶועסְט וַוייטֶער מֵיינֶען אַז אַ צְוֵוייטֶער הָאט עֶפֶּעס בֶּעסֶער פוּן דִיר וְכוּ'.

**דֶעם** רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּ מִיר אַ אִיד מִיט אַ גֶעוֵויין אוּן מִיר גֶעבֶּעטְן: "רֹאשׁ יְשִׁיבָה גֶעבּ מִיר אַ בְּרָכָה, וואוּנְטְשׁ מִיר אָן אַז מַיין וַוייבּ זָאל וֶועלְן גֵיין אָנְגֶעטוּן צְנִיעוּת'דִיג, עֶס זָאל אַרַיין גֵיין אִין אִיר אַ רוּחַ טָהֳרָה", עֶר זָאגְט מִיר: "אִיךְ הַאלְט עֶס נִישְׁט אוֹיס, אִיךְ ווִיל אַן עֶרְלִיכֶע לֶעבְּן". הֶערְנְדִיג דָאס הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט צוּ מִיר: 'דֶער אִינְגֶערְמַאן הָאט אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע צָרָה; דָאס אִיז בֶּאֱמֶת אַ צָרָה, דֶער אִיז אַ פַארְלוֹירֶענֶער, וַוייל אַז דִי וַוייבּ גֵייט נִישְׁט אָנְגֶעטוּן בִּצְנִיעוּת אִיז אוֹיס שְׁטוּבּ, אוֹיס מַאמֶע, אוֹיס וַוייבּ, עֶס וֶוערְט אוֹיס וֶועלְט'.

**יֶעצְט** לֵיינֶענְדִיג דַיין בְּרִיוו טְרַאכְט אִיךְ צוּ מִיר: 'נַארִישֶׁע קְלֵיינְקֶעפְּלְדִיגֶע אִינְגֶעלֵייט, זֵיי וָואלְטְן זִיךְ אַזוֹי גֶעדַארְפְט פְרֵייעֶן אַז זֵיי הָאבְּן אַ עֶרְלִיכֶע וַוייבּ, אַ עֶרְלִיכֶע שְׁטוּבּ, אַ מַאמֶע פַאר זֵייעֶרֶע קִינְדֶער, אַ מַאמֶע וָואס אִיר גַאנְצֶע מֹחַ אִיז נָאר אִירֶע קִינְדֶער, זִי טְרַאכְט ווִי אַזוֹי זִי קֶען מְחַנֵךְ זַיין דִי קִינְדֶער מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם. אַ מַאמֶע וָואס גִיסְט

אָפּ דִי קִינְדֶער נֶעגְל וַואסֶער, אַ מַאמֶע וָואס לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע מִיט דִי קִינְדֶער, אַנְשְׁטָאט דֶעם זוּכְן זֵיי ווִי זֵיי קֶענֶען מֶער אוֹיפְרַייסְן דִי וַוייבּ וְכוּ׳, מֶער אַרַיין בְּרֶענְגֶען דִי וַוייבּ אִין דִי גוֹי׳שֶׁע וֶועלְט׳.

**פָּאלְג** דֶעם רֶבִּי׳ן אוּן מַאךְ דִיר אַ שִׁיעוּר אִין מִשְׁנָיוֹת; זֶע צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, וַוייל ״מִשְׁנָה״ אִיז דִי אוֹתִיוֹת ״נְשָׁמָה״ - ווִי מֶער אַ מֶענְטְשׁ זָאגְט מִשְׁנָיוֹת אִיז עֶר זִיךְ מְשַׁנֶה אִינְגַאנְצְן. מִשְׁנָיוֹת מַאכְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל וֶוערְן לוֹיטֶער אוּן עֶס גֶעבְּט צוּרִיק דֶעם מֹחַ פַּאר׳ן מֶענְטְשׁ. וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט אִין דִי עֶקְלְדִיגֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָלָה רַחְמָנָא לִצְלָן, וֶוערְט אִים אוֹיסְגֶערִיסְן זַיין מֹחַ מַחֲשָׁבָה, וַוייל דִי זֶרַע קוּמְט פוּנֶעם מֹחַ אוּן אַז מֶען זִינְדִיגְט וֶוערְט דֶער מֹחַ אוֹיסְגֶעטְרִיקְנְט וְכוּ׳, אָבֶּער אַז מֶען זָאגְט אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת בַּאקוּמְט מֶען צוּרִיק אַ קְלָאר׳ן מֹחַ.

**נָאכְאַמָאל**, מוּטְשֶׁע אִיר נִישְׁט זִי זָאל זִיךְ אָנְטוּן מֶער פְּרָאסְט וְכוּ׳; פַארְקֶערְט, זַיי אִיר מְחַזֵק זִי זָאל בְּלַייבְּן מִיט אִיר אֵיידֶעלֶע בַּאשֵׁיידֶענֶע וֶועג ווִי אַזוֹי זִי גֵייט.

**אִיךְ** הָאף אַז דוּ וֶועסְט מִיר פָּאלְגְן, וֶועט דִיר גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

# רב

## מֶעג אַ מֵיידְל גֵיין מִיט אַ גִיטַאר אוֹיפְ'ן גַאס?

### שְׁאֵלָה:

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי שִׁיעוּרִים אוּן חִיזּוּק. אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן, אַזוֹי ווִי מַיין לֶערֶערִין זָאגְט אַז מֶען זָאל בְּרֶענְגֶען מוּזִיקַאלִישֶׁע אִינְסְטְרוּמֶענְטְן אִין שוּלֶע, ווִיל אִיךְ ווִיסְן אוֹיבּ עֶס אִיז צְנִיעוּת'דִיג צוּ גֵיין אִין גַאס מִיט אַ גִיטַאר אוֹיפְ'ן רוּקְן, אָדֶער דָאס אִיז צוּ אוֹיפְפַאלְנְד אוּן עֶס קֶען צִיעֶן אַן אוֹיג פוּן מֶענֶער.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, ה' שְׁבַט, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

... תְּחְיֶ'

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.**

**עֶס אִיז זֵייעֶר אַ גוּטֶע זַאךְ אַז אִיר שְׁפִּילְט פַאר זִיךְ אִין שְׁטוּבּ מִיט אַייעֶר גִיטַאר וְכוּ'.**

**דֶער רֶבִּי זָאגְט** (סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה יג, דֶעם זֶעקְסְטְן טָאג) **אַז דֶער עִיקָר רְפוּאָה ווִי אַזוֹי מֶען קֶען אוֹיסְהֵיילְן דֶעם בַּת מֶלֶךְ אִיז דוּרְךְ נִיגוּנִים; מֶען דַארְף ווִיסְן אַז יֶעדֶער אִיד הָאט אִין זִיךְ אַ הֵיילִיגֶע נְשָׁמָה וָואס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן "בַּת מֶלֶךְ" אוּן דִי נְשָׁמָה פַאלְט נֶעבֶּעךְ אַרָאפּ וְכוּ' דוּרְךְ דֶעם מֶלֶךְ**

הָאַכְזָר וָואס שִׁיסְט אַרַיין דִי צֶען פַּיילְן וְכוּ׳, בִּיז דֶער בֶּעטְלֶער אָן דִי הֶענְט - וָואס דָאס אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי - קוּמְט אוּן צִיט אַרוֹיס אַלֶע פַּיילְן פוּן אִיר, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי עֶנְדִיגְט דִי מַעֲשֶׂה "אוּן אִיךְ הֵייל זִי" - דוּרְךְ דִי צֶען נִיגוּנִים וְכוּ׳.

**אַז** דַיין לֶערֶערִין זָאגְט אַז מֶען מֶעג בְּרֶענְגֶען אִינְסְטְרוּמֶענְטְן אִין סְקוּל צוּ מַאכְן פְרֵיילִיךְ דִי מֵיידְלֶעךְ דֶעמָאלְט אִיז נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם צוּ טְרָאגְן אַ גִיטַאר אִין סְקוּל, אָבֶער מֶען קֶען דָאס נִישְׁט אָנְטוּן אוֹיפְ׳ן רוּקְן וַוייל עֶס אִיז נִישְׁט קַיין צְנִיעוּת פַאר אַ מֵיידְל צוּ גֵיין מִיט אַ גִיטַאר אוֹיפְ׳ן רוּקְן. אָדֶער זָאלְט אִיר דָאס נֶעמֶען מִיט אַ קַאר צוּם סְקוּל, אָדֶער לֵייגְן אִין אַ בֶּעג אַז וֶוען אִיר גֵייט דֶערְמִיט אִין גַאס זָאלְט אִיר נִישְׁט אַרוֹיסְשְׁטַארְן וְכוּ׳.

## רג

**אִיךְ בִּין אַ מֵיידְל אוּן אִיךְ ווִיל שׁוֹין אַ כַּלָּה וֶוערְן.**

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ מֵיידְל, אִיךְ הֶער כְּסֵדֶר אַייעֶרֶע שִׁיעוּרִים אוּן אִיךְ בִּין זִיךְ זַייעֶר מְחַיֶה אוּן מְחַזֵק מִיט דִי גֶעוַואלְדִיגֶע שִׁיעוּרִים, אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס.

אִיךְ בִּין שׁוֹין אִין דִי יָארְן פוּן שִׁידוּכִים אוּן עֶס טוּט מִיר זַייעֶר ווֵיי אַז אִיךְ הָאבּ נָאכְנִישְׁט גֶעטְרָאפְן מַיין שִׁידוּךְ. בָּרוּךְ ה׳ אַז עֶס פֶעלְט מִיר

גָארנִישְׁט, אִיךְ הָאבּ אַ הֶערְלִיכֶע מִשְׁפָּחָה מִיט וואוּילֶע עֶלְטֶערְן אוּן גֶעשְׁווִיסְטֶער. אוֹיךְ אִין סְקוּל בִּין אִיךְ בָּרוּךְ ה׳ זֵייעֶר מַצְלִיחַ אוּן אִיךְ קוּם זִיךְ גוּט אוֹיס מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם. אָבֶּער אִיךְ קֶען נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן טְרַאכְטְן פוּן דֶעם אַז אִיךְ דַארְף שׁוֹין אַ שִׁידוּךְ, אִיךְ קֶען וֵויינֶען גַאנְצֶע נֶעכְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ זָאל שׁוֹין אַ כַּלָּה וֶוערְן.

אוֹיךְ אִיז דָא אַ בָּחוּר אִין מַיין גֶעגְנְט פוּן וֶועמֶען אִיךְ טְרַאכְט אַסַאךְ, אִיךְ הַאלְט אַז עֶר וָואלְט גֶעוֶוען אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ פַאר מִיר, אִיךְ וֵוייס דָאךְ אָבֶּער נִישְׁט אוֹיבּ דָאס אִיז רִיכְטִיג.

אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואלְט מִיר גֶעקֶענְט מְחַזֵּק זַיין, וָואלְט אִיךְ דָאס זֵייעֶר מַכִּיר טוֹב גֶעוֶוען.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, ה׳ שְׁבַט, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ׳

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

**פַארְוָואס** וֵויינְט אִיר אַזוֹי סַאךְ, וָואס פֶעלְט אַייךְ אִין לֶעבְּן? אִיר הָאט אַזַא שֵׁיינֶע מִשְׁפָּחָה, אַזַא טַייעֶרֶע טַאטֶע מַאמֶע, אַזַא גוּטֶע סְקוּל אוּן גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיר קוּמְט זִיךְ אוֹיס אִין סְקוּל מִיט אַייעֶרֶע טִיטְשֶׁערְס.

**אִיר** הָאט אַלֶעס אוֹיף דֶער וֶועלְט; אִיר זֶענְט גֶעזוּנְט אוּן עֶס פֶעלְט אַייךְ גָארְנִישְׁט, סַךְ הַכֹּל ווִילְט אִיר חֲתוּנָה הָאבְּן, דָאס ווִיל דָאךְ יֶעדֶע גֶעזוּנְטֶע מֵיידְל. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אַייךְ גֶעבְּן אַייעֶר שִׁידוּךְ וֶוען עֶס וֶועט קוּמֶען דִי רִיכְטִיגֶע

מִינוּט, אָבֶער בִּיז אִיר טְרֶעפְט אַייעֶר שִׁידוּךְ, דַארְפְט אִיר זַיין שְׁטַארְק בַּיי זִיךְ אוּן אַרוּם גֵיין מִיט אַ שְׁמֵייכְל.

**עֶס** אִיז אַ נָארְמַאלֶע זַאךְ פַאר אַ מֵיידְל צוּ טְרַאכְטְן אַ גַאנְצְן טָאג: 'אִיךְ וִויל חֲתוּנָה הָאבְּן'; עֶס אִיז אַ סִימָן אַז מֶען אִיז גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק. זָארְגְט נִישְׁט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אַייךְ הֶעלְפְן, אִיר וֶועט טְרֶעפְן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ וֶוען עֶס וֶועט קוּמֶען דִי רִיכְטִיגֶע מִינוּט.

**אַנְשְׁטָאט** וַויינֶען אַ גַאנְצְן טָאג, דַארְפְט אִיר טַאנְצְן פַאר שִׂמְחָה אַז אִיר זֶענְט גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק; טַאנְצְט פַאר שִׂמְחָה אַז אִיר הָאט אַ וַוארֶעמֶע שְׁטוּב. עֶס זֶענֶען דָא נֶעבֶּעךְ מֵיידְלֶעךְ אִין אַייעֶר יָארְגַאנְג וָואס הָאבְּן נִישְׁט אַזֶעלְכֶע וַוארֶעמֶע עֶלְטֶערְן וִוי אִיר הָאט, זֵייעֶרֶע מִשְׁפָּחוֹת זֶענֶען צֶעבְּרָאכְן וְכוּ', זֵיי וֵויינֶען אַ גַאנְצְן טָאג אוּן אַ גַאנְצֶע נַאכְט, אָבֶער אִיר הָאט נִישְׁט אוֹיף וָואס צוּ וֵויינֶען, אִיר דַארְפְט טַאנְצְן פַאר שִׂמְחָה.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְּלֶעגְט זָאגְן: "וֶוען אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט זִיךְ אָפּ, זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער: 'קוּקְט אָן דֶעם מֶענְטְשׁ, אִיךְ גֶעבּ אִים גוּטְס אוּן דָאךְ רֶעדְט עֶר זִיךְ אָפּ, אִיךְ וֶועל אִים וַוייזְן וָואס מֵיינְט שְׁלֶעכְט', אָבֶער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער: 'קוּק אָן דֶעם מֶענְטְשׁ, עֶר הָאט גָארְנִישְׁט אִין לֶעבְּן אוּן עֶר אִיז אַזוֹי פְרֵיילִיךְ אוּן דַאנְקְבַּאר, אִיךְ וֶועל אִים וַוייזְן וָואס מֵיינְט גוּט', אוּן מֶען גֶעבְּט אִים אַ גוּטֶע לֶעבְּן". אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז אִיר - וָואס הָאט אַלֶעס אוֹיף דֶער וֶועלְט - פַארְוָואס

זָאלְט אִיר וֵויינֶען אַ גַאנְצְן טָאג; פָּאלְגְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז מֶען דַארְף זַיין פְרֵיילִיךְ אַ גַאנְצְן טָאג.

**בֶּעטְס** דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל אַייךְ גֶעבְּן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ, דֶערְצֵיילְט אִים אַז אִיר טְרַאכְט פוּן וְכוּ', בֶּעטְס אִים אַז אִיר ווִילְט חֲתוּנָה הָאבְּן אוּן הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן.

## רד

### מַיינֶע פְּחָדִים גֵייעֶן שׁוֹין אַוֶועק בָּרוּךְ ה'.

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

צוּם עֶרְשְׁט ווִיל אִיךְ זָאגְן אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי שִׁיעוּרִים וָואס גֶעבְּן אוּנְז כְּסֵדֶר חִיזוּק אוּן עֵצוֹת אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ, בָּרוּךְ ה' אַז בִּזְכוּת דֶעם וֵוייסְן מִיר ווִי אַזוֹי צוּ לֶעבְּן אַן אֱמֶת'ע לֶעבְּן.

סְפֶּעצִיעֶל ווִיל אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען אוֹיף דֶעם וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעקֶענְט אַרַיינְקוּמֶען מִיט מַיין מַאן זִיךְ דוּרְכְשְׁמוּעֶסְן מִיטְ'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה, אוּן אוֹיף דֶעם בְּרִיוו מִיט דִי תְּפִלָּה וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט גֶעשְׁרִיבְּן פַאר מַיין מַאן אַז אִיךְ זָאל עֶס זָאגְן יֶעדְן טָאג*). אִיךְ פְּרוּבִיר צוּ זָאגְן דִי תְּפִלָּה

---

*) צִיטִירְט פוּן סֵפֶר אִישׁ אֱמוּנוֹת:

יוֹם א' פָּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, ט"ז מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאף אַז דוּ הָאסְט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט מִיט דִיר; אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט אִיךְ זָאל דִיר אַרָאפּ שְׁרַייבְּן אַלֶע נְקוּדוֹת וָואס מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט אַז דָאס זָאל זַיין בִּכְתָב - סַיי פַאר דִיר אַז דוּ זָאלְסְט דָאס קֶענֶען אִיבֶּער חַזֶר'ן אוּן אוֹיךְ פַאר אַנְדֶערֶע אִינְגֶעלַייט וָואס ווִילְן ווִיסְן ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן אִין שְׁטוּב.

אַ אִינְגֶערְמַאן דַארְף הֶעלְפְן אִין שְׁטוּבּ אַז זַיין ווייבּ זָאל נִישְׁט דַארְפְן טוּן שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט; הַיינְט קֶען מֶען זַייעֶר גְרִינְג הֶעלְפְן אִין שְׁטוּבּ דוּרְכְדֶעם וָואס פַאר אַפָּאר דָאלְלֶער קֶען מֶען בְּרֶענְגֶען אַ פְּרוֹי וָואס רֵיינִיגְט, זֵיי נֶעמֶען בְּעֶרֶךְ צֶען דָאלֶער אַ שָׁעָה, מֶען בְּרֶענְגְט זֵיי לוֹיט וִויפִיל עֶס פֶעלְט זִיךְ אוֹיס אַז דִי שְׁטוּבּ זָאל זַיין צוּזַאמְגֶענוּמֶען.

וֶוען עֶס קוּמְט צוּ נֶעמֶען אַ פְּרוֹי וָואס רֵיינִיגְט טָאר מֶען נִישְׁט קוּקְן אוֹיף גֶעלְט, וַוייל דָאס אִיז וֶוערְד אַלֶע גֶעלְטֶער אוֹיף דִי וֶועלְט; אַ מַאמֶע פוּן קִינְדֶער דַארְף הָאבְּן כֹּחַ צוּ דִי קִינְדֶער, זִי טָאר נִישְׁט טוּן דִי שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט. דֶערְפַאר אַז דַיין ווייבּ זָאגְט אַז זִי קוּמְט נִישְׁט אָן מִיט דִי אַרְבֶּעט וְכוּ', בֶּעט אִיךְ דִיר דוּ זָאלְסְט נֶעמֶען אַ פְּרוֹי וָואס רֵיינִיגְט, אֲפִילוּ אַפָּאר מָאל אַ וָואךְ, אַז דַיין ווייבּ זָאל זִיךְ קֶענֶען אָפְּרוּעֶן, זִי זָאל זַיין אוֹיסְגֶערוּט זִיךְ צוּ קֶענֶען אָפְּגֶעבְּן מִיט דִי קִינְדֶער.

זָאג פַאר דַיין ווייבּ אַז פְרוֹיעֶן זֶענֶען פָּטוּר פוּן דַאוֶונֶען וַוייל זֵיי זֶענֶען פַארְנוּמֶען מִיט דִי שְׁטוּבּ ווירְטְשַׁאפְט; אַ פְּרוֹי וָואס הָאט נָאךְ נִישְׁט קַיין קִינְדֶער אָדֶער זִי הָאט שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעמַאכְט דִי קִינְדֶער אוּן זִי הָאט צַייט צוּ דַאוֶונֶען, דַארְף זִי דַאוֶונֶען, אַזוֹי אוֹיךְ אַ פְּרוֹי וָואס קוּמְט אָן מִיט אִיר סֵדֶר הַיּוֹם אוּן עֶס בְּלַייבְּט אִיר אִיבֶּער צַייט, אָבֶּער אַ מַאמֶע פוּן קִינְדֶער וָואס קוּמְט נִישְׁט אָן צוּ שְׁלָאפְן אוּן צוּ עֶסְן וְכוּ' וְכוּ', אִיז פָּטוּר פוּן דַאוֶונֶען.

אַז אַ פְּרוֹי הָאט אַבִּיסְל צַייט אִינְמִיטְן טָאג וֶוען דִי קִינְדֶער זֶענֶען אִין חֵדֶר אוּן אִין סְקוּל, זִי הָאט צַייט צוּ שְׁלָאפְן אַבִּיסְל אָדֶער צוּ זָאגְן דֶעם "יוֹם תְּהִלִּים", זָאל זִי זִיךְ עֶנְדֶערְשׁ אַרָאפּ לֵייגְן שְׁלָאפְן, וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת תְּשׁוּבָה, סִימָן פד): "תִּקּוּן הַגּוּף קוֹדֶם תִּקּוּן הַנֶּפֶשׁ", אַ מֶענְטְשׁ דַארְף קוֹדֶם אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז זַיין גוּף זָאל זַיין רוּאִיג אוּן נִישְׁט אִיבֶּערְגֶעשְׁטְרֶענְגְט, נָאכְדֶעם זָאל עֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף זַיין נֶפֶשׁ; עֶס אִיז זֵייעֶר ווִיכְטִיג צוּ שְׁלָאפְן גֶענוּג אוּן זַיין אוֹיסְגֶערוּט, וַוייל שְׁלָאפְן מַאכְט רוּאִיג אַ מֶענְטְשׁ, נָאכְמֶער זָאגְט דֶער רֶבִּי (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קי): "וּבְיוֹתֵר מוֹעִיל הַשֵּׁנָה לָאֱמוּנָה", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ שְׁלָאפְט וֶוערְט גֶעשְׁטַארְקְט זַיין אֱמוּנָה.

זָאג דַיין ווייבּ אַז בְּשָׁעַת זִי אִיז בַּאשֶׁעפְטִיגְט מִיט דִי שְׁטוּבּ אַרְבֶּעט זָאל זִי רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶוען זִי וַואשְׁט דִי גֶעשִׁיר, זִי לֵייגְט צוּזַאם דִי וֶועשׁ וְכוּ', זָאל זִי רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דָאס אִיז אִיר דַאוֶונֶען, אוּן דָאס אִיז אִיר יוֹם תְּהִלִּים.

מֶען הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר'ן רֶבִּי'ן אַז דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט: "וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט מֶען מְבַטֵּל זַיין אַלֶע וַוייבֶּער שׁוּלְן", הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "עֶס אִיז נִישְׁט אֱמֶת, עֶס קֶען נִישְׁט זַיין אַז דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט דָאס גֶעזָאגְט, פּוּנְקְט פַארְקֶערְט! מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען בִּזְכוּת דִי תְּפִילּוֹת פוּן אִידִישֶׁע פְרוֹיעֶן וָואס זֵיי דַאוֶונֶען אוּן בֶּעטְן אַז מָשִׁיחַ זָאל קוּמֶען". זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעהַאלְטְן פוּן תְּפִילּוֹת פוּן פְרוֹיעֶן.

מוֹהֲרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְּלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג דֶערְמַאנֶען בַּיי דִי דְרָשׁוֹת וָואס עֶר פְּלֶעגְט זָאגְן פַאר דִי פְרוֹיעֶן דֶעם מַאֲמַר חֲזַ"ל (קִדּוּשִׁין מט:): "עֲשָׂרָה קַבִּין שִׂיחָה יָרְדוּ לָעוֹלָם, תִּשְׁעָה נָטְלוּ נָשִׁים, וְאֶחָד נָטְלוּ כָּל הָעוֹלָם כֻּלוֹ", אַ מָאס פוּן צֶען קַב 'שְׁמוּעֶסְן' אִיז אַרָאפּ גֶעקוּמֶען אוֹיף דִי וֶועלְט, נַיין קַב הָאבְּן גֶענוּמֶען דִי פְרוֹיעֶן, אוּן אֵיין קַב אִיז צֶעטֵיילְט גֶעוָוארְן פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט; סְתָם מֶענְטְשְׁן נוּצְן דֶעם חֲזַ"ל אַרָאפּ צוּ קְלַאפְּן פְרוֹיעֶן אוּן צוּ אָפְּשְׁפֶּעטְן פוּן זֵיי, אַז פְרוֹיעֶן רֶעדְן אַסַאךְ וְכוּ', אָבֶער מוֹהֲרָא"ש פְּלֶעגְט זָאגְן פַאר דִי פְרוֹיעֶן: "פוּן דֶעם חֲזַ"ל זֶעט מֶען אַז אַ פְרוֹי קֶען מֶער רֶעדְן ווִי אַ מַאן, זָאל אַ פְרוֹי נוּצְן אִיר מָאס רֵייד צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן".

דָאס וָואס דַיין וַוייבּ זָאגְט אַז זִי קֶען נִישְׁט אַיינְשְׁלָאפְן בַּיינַאכְט פוּן פְּחָדִים; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידּוֹת, אוֹת אֱמוּנָה, חֵלֶק ב', סִימָן יז): "מִי שֶׁאֵינוֹ יָכוֹל לִישֹׁן, יַעֲלֶה עַל מַחֲשַׁבְתּוֹ אֱמוּנַת תְּחִיַּת הַמֵּתִים", וֶוער עֶס קֶען נִישְׁט אַיינְשְׁלָאפְן זָאל טְרַאכְטְן פוּן תְּחִיַּית הַמֵּתִים; לִכְאוֹרָה, וָואס הֶעלְפְט תְּחִיַּית הַמֵּתִים פַאר אֵיינֶעם וָואס קֶען נִישְׁט אַיינְשְׁלָאפְן? נָאר גֶעוֶוענְלִיךְ וֶוען מֶען ווִיל אַיינְשְׁלָאפְן, הֵייבְּט מֶען אָן טְרַאכְטְן אַלֶע שְׁרֶעקֶעדִיגֶע זַאכְן, עֶס הֵייבְּן אָן קוּמֶען דִמְיוֹנוֹת: 'וָואס וֶועט זַיין? אֶפְשָׁר גֵיי אִיךְ שְׁטַארְבְּן וְכוּ' וְכוּ'?' אוֹיף דֶעם זָאגְט דֶער רֶבִּי, טְרַאכְט פוּן תְּחִיַּית הַמֵּתִים, דָאס הֵייסְט, בַּיים סוֹף וֶועט זַיין גוּט, אֲפִילוּ מֶען גֵייט שְׁטַארְבְּן, גֵייט מֶען אוֹיפְשְׁטֵיין תְּחִיַּית הַמֵּתִים; דָאס זָאלְסְטוּ גוּט ווִיסְן, אַז מֶען לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה אִיז מֶען רוּאִיג, מֶען וֵוייסְט אַז עֶס קֶען גָארְנִישְׁט פַּאסִירְן פַאר'ן מֶענְטְשׁ אָן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

בֶּאֱמֶת אַז מֶען קוּקְט גוּט זֶעט מֶען אַז אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת קוּמֶען נָאר בַּיינַאכְט, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי פַארְצֵיילְט אִין דִי מַעֲשֶׂה פוּן דֶעם בֶּן מֶלֶךְ וּבֶן הַשִּׁפְחָה שֶׁנִּתְחַלְּפוּ (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה יא): "וֶוען עֶס אִיז גֶעוָוארְן טָאג הָאבְּן זֵיי גֶעהֶערְט אַ גְרוֹיס גֶעלֶעכְטֶער, הָאבְּן זֵיי גֶעפְרֶעגְט דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן וַואלְד: 'וָואס אִיז דָאס גֶעלֶעכְטֶער?' הָאט עֶר גֶעזָאגְט, דֶער טָאג לַאכְט אוֹיס דֶער נַאכְט, וַוייל דֶער נַאכְט פְרֶעגְט דֶעם טָאג פַארְוָואס אַז דוּ קוּמְסְט הָאבּ אִיךְ קַיין נָאמֶען נִישְׁט, הֵייבְּט דֶער טָאג אָן צוּ לַאכְן אוּן עֶס וֶוערְט טָאג"; דָאס זֶעט מֶען מַמָּשׁ בְּחוּשׁ, בַּיינַאכְט הֶערְט מֶען בְּרוּמֶען פוּן דִי חַיּוֹת רָעוֹת, בַּיינַאכְט קוּמֶען אָן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת, מֶען טְרַאכְט 'וָואס וֶועט זַיין'; 'אֶפְשָׁר גֵיי אִיךְ שְׁטַארְבְּן'; 'אֶפְשָׁר גֵייט זַיין אַ פֵייעֶר'; 'אֶפְשָׁר גֵייט אַ גַּנָּב קוּמֶען'; דָאס זֶענֶען דִי בְּרוּמֶען פוּן דִי חַיּוֹת, מֶען טְרַאכְט נֶעגֶעטִיוֶוע מַחְשָׁבוֹת. וֶוען מֶען שְׁטֵייט אוֹיף אִינְדֶערְפְרִי פַאלְט אַלֶעם אַוֶועק, עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין פְּחָדִים, עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין "וָואס וֶועט זַיין?" - דָאס אִיז דֶער גֶעלֶעכְטֶער וָואס דֶער טָאג לַאכְט אוֹיס דֶעם נַאכְט, אוּן דָאס חַזֶר'ט זִיךְ אִיבֶּער יֶעדֶע נַאכְט נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל.

זָאג פַאר דַיין וַוייבּ זִי זָאל זָאגְן יֶעדְן טָאג קַאפִּיטְל כ"ט אִין תְּהִלִּים; דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידּוֹת, אוֹת קְלִיפָּה, סִימָן י): "הַשִּׁבְעָה קוֹלוֹת שֶׁאָמַר דָּוִד עַל הַמַּיִם, בְּדִבּוּרָן מַכְנִיעִין

הָרוּחַ רָעָה", אַז מֶען זָאגְט דֶעם קַאפִּיטְל נֶעמְט מֶען אַוֶועק דֶעם רוּחַ רָעָה וָואס כַּאפְּט זִיךְ אַרַיין אִינֶעם מֶענְטְש; אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט אַז מֶען קֶען זָאגְן פְּשַׁט, וָואס הָאט דִי זִיבְּן קוֹלוֹת צוּ מַכְנִיעַ זַיין אַ רוּחַ רָעָה? נָאר מֶען חַזֶר'ט צוּ זִיךְ אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶען יֶעדְן אֵיינֶעם הֶעלְפְן; אֵיינֶער הָאט אַ פַּחַד פוּן וַואסֶער - זָאגְט מֶען אִים: 'קוֹל ה' עַל הַמָּיִם', דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט אַ מֶענְטְש אִין וַואסֶער, אֵיינֶער הָאט אַ שְׁרֶעק אַז אַ בַּעַל כֹּחַ גֵייט אִים עֶפֶּעס שְׁלֶעכְטְס טוּן, אָדֶער אֵיינֶער דִמְיוֹנְ'ט אַז עֶר הָאט נִישְׁט גֶענוּג כֹּחַ - זָאגְט מֶען אִים: 'קוֹל ה' בַּכֹּחַ', דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט כֹּחַ; אֵיינֶער הָאט מוֹרָא פוּן פֵייעֶר - זָאגְט מֶען אִים: 'קוֹל ה' חֹצֵב לַהֲבוֹת אֵשׁ', דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דֶער וָואס מַאכְט דִי פֵייעֶר, עֶר וֶועט דִיר רַאטֶעוֶוען פוּן פֵייעֶר - אַרַיין צוּ בְּרֶענְגֶען אִינֶעם מֶענְטְש אַז גָארְנִישְׁט קֶען נִישְׁט פַּאסִירְן מִיט אִים, אוּן נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים הֶעלְפְן.

אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט פַאר דַיין וַוייבּ אַז אִיךְ וֶועל אִיר שְׁרַייבְּן אַ קוּרְצֶע תְּפִלָּה וָואס זִי זָאל זָאגְן יֶעדְן טָאג, וֶועט זִי וֶוערְן רוּאִיגֶער אוּן פְרֵיילִיכֶער. אִיךְ שְׁרַייבּ אִיר דָא אַ קְלֵיינֶע תְּפִלָּה, זָאלְסְט אִיר עֶס גֶעבְּן, אָבֶּער דֶער עִיקָר זָאל זִי אוֹיסְרֶעדְן אִיר הַארְץ אַלֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִי זָאל דֶערְצֵיילְן פּוּנְקְטְלִיךְ פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס עֶס שְׁטֶערְט אִיר אוּן וָואס עֶס בַּאדֶערְט אִיר, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיר הֶעלְפְן זִי וֶועט וֶוערְן צוּרִיק רוּאִיג אוּן פְרֵיילִיךְ אַזוֹי וִוי אַמָאל.

שְׁטַארְק דִיךְ אוּן שְׁטַארְק דַיין וַוייבּ; אִיר דַארְפְט טַאנְצְן פַאר שִׂמְחָה אַז אִיר הָאט אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן אוּן גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער. דָא הָאסְטוּ דִי תְּפִלָּה:

"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ דַאנְק דִיר פַאר מַיין שֵׁיינֶע לֶעבְּן וָואס דוּ הָאסְט מִיר גֶעגֶעבְּן, פַאר מַיין טֵייעֶרְער מַאן וָואס אִיז אַזוֹי עֶרְלִיךְ אוּן אַזוֹי גוּט צוּ מִיר; אִיךְ דַאנְק דִיר פַאר מַיינֶע טֵייעֶרֶע קִינְדֶער וָואס דוּ הָאסְט מִיר גֶעגֶעבְּן, אִיךְ דַאנְק דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז זֵיי זֶענֶען גֶעזוּנְט אוּן אַזוֹי זִיס אוּן לִיבְטִיג. אִיךְ דַאנְק דִיר פַאר אַלֶעס וָואס דוּ גֶעבְּסְט מִיר, אַז אִיךְ בִּין גֶעזוּנְט אוּן מַיין מַאן אִיז גֶעזוּנְט. יְיִשַׁר כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז מִיר הָאבְּן פַּרְנָסָה אוּן מִיר מוּטְשֶׁען זִיךְ נִישְׁט, מִיר הָאבְּן אַ רַחֲבוּת'דִיגֶע דִירָה.

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין פְּחָדִים אוּן שְׁרֶעק. אִיךְ בִּין אַזוֹי דֶערְשְׁרָאקְן לֶעצְטְנְס אַז אִיךְ שְׁפִּיר וִוי אִיךְ הַאלְט עֶס מֶער נִישְׁט אוֹיס, הֵיילִיגֶע בַּאשֶׁעפֶער זֶע מַיין צַעַר, קוּק מַיינֶע טְרֶערְן, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ, אִיךְ זָאל גְלֵייבְּן אַז קֵיינֶער קֶען מִיר גָארְנִישְׁט טוּן, אִיךְ זָאל שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען אַז דוּ פִירְסְט דִי וֶועלְט מִיט אַ פּוּנְקְטְלִיכֶע חֶשְׁבּוֹן אוּן אַלֶעס אִיז פַאר מַיין טוֹבָה.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט צוּ וֶועם צוּ גֵיין, קֵיינֶער קֶען מִיר נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין; אִיךְ בִּין אַזוֹי אַלֵיין, אִיךְ קֶען נִישְׁט פַארְצֵיילְן פַאר מֶענְטְשְׁן וָואס אִיךְ טְרַאכְט. מַיינֶע

כָּאטְשׁ אֵיין מָאל יֶעדְן טָאג, אוּן אַמָאל אוֹיךְ מֶער, אוּן בָּרוּךְ ה' אַז אִיךְ פִּיל אַז מַיינֶע פְּחָדִים אוּן שְׁרֶעקֶעדִיגֶע מַחְשָׁבוֹת וֶוערְן בֶּעסֶער אוּן בֶּעסֶער, אִיךְ לֶעבּ מֶער מִיט אַ קְלָארֶע אֱמוּנָה וִוי פְּרִיעֶר.

אִין דִי תְּפִלָּה שְׁטֵייט דִי וֶוערְטֶער: "אִיךְ פִּיל וִוי אִיךְ הַאלְט עֶס מֶער נִישְׁט אוֹיס", אָבֶער יֶעצְט שְׁפִּיר אִיךְ שׁוֹין נִישְׁט בַּאקְוֶועם צוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, וַוייל עֶס אִיז שׁוֹין אַסַאךְ בֶּעסֶער, אוּן אִיךְ בֶּעט וַוייטֶער אַז עֶס זָאל אִינְגַאנְצְן אַוֶועקְגֵיין.

* * *

פְּחָדִים אוּן מַיינֶע שְׁרֶעקֶעדִיגֶע מַחְשָׁבוֹת, וָואס קוּמֶען מִיר בְּסֵדֶר אַרַיין אִין מֹחַ לוֹיפְן מִיר נָאךְ אַ גַאנְצְן טָאג, אָבֶער דוּ וֵוייסְט דָאךְ אַלֶעס, אוּן דוּ מַאכְסְט דָאךְ אַלֶעס, אוּן דוּ קֶענְסְט יֶעדְן אֵיינֶעם הֶעלְפְן, בֶּעט אִיךְ דִיר טַאטֶע זִיסֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק, אִיךְ זָאל זַיין אַ גֶעזוּנְטֶע מַאמֶע אוּן אַ גֶעזוּנְטֶע וַוייבּ פַאר מַיין מַאן.

אֵייבֶּערְשְׁטֶער, וֶוען אִיךְ רֶעד צוּ דִיר שְׁפִּיר אִיךְ אַזוֹי גוּט, אָבֶער נָאכְדֶעם פַאל אִיךְ צוּרִיק, אוּן פְּלוּצְלִינְג בַּאפַּאלְט מִיר אָן אַ פַּחַד אַז אִיךְ קֶען מִיךְ נִישְׁט קָאנְטְרָאלִירְן, וֶוען עֶס קוּמְט בַּיינַאכְט קֶען אִיךְ נִישְׁט אַיינְשְׁלָאפְן פוּן אַלֶע נֶעגֶעטִיוֶוע מַחְשָׁבוֹת וָואס לוֹיפְן אִין מַיין מֹחַ; הֶעלְף מִיר, הֶעלְף מִיר! אִיךְ גְלֵייבּ אִין דִיר, אִיךְ גְלֵייבּ נָאר אִין דִיר, הֶעלְף מִיר בִּזְכוּת אַלֶע צַדִיקִים וָואס הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַאר דַיינֶעט וֶועגְן, בִּזְכוּת זֵייעֶר תּוֹרָה, זֵייעֶר תְּפִלָּה אוּן זֵייעֶר עֶרְלִיכְקֵייט. בִּזְכוּת אַבְרָהָם אָבִינוּ, בִּזְכוּת יִצְחָק אָבִינוּ, בִּזְכוּת יַעֲקֹב אָבִינוּ, בִּזְכוּת משֶׁה רַבֵּינוּ, בִּזְכוּת אַהֲרֹן הַכֹּהֵן, בִּזְכוּת יוֹסֵף הַצַּדִיק, בִּזְכוּת דָוִד הַמֶּלֶךְ, בִּזְכוּת שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ, בִּזְכוּת רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי, בִּזְכוּת רֶבִּי יִצְחָק לוּרְיָא אַשְׁכְּנַזִי, בִּזְכוּת רֶבִּי יִשְׂרָאֵל בַּעַל שֵׁם טוֹב, בִּזְכוּת רֶבִּי נַחְמָן בֶּן פֵיגָא מִבְּרֶסְלֶב, בִּזְכוּת רֶבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, בִּזְכוּת רַבֵּינוּ אֱלִיעֶזֶר שְׁלֹמֹה מִבְּרֶסְלֶב, יִהְי לְרָצוֹן אִמְרֵי פִּי וְהֶגְיוֹן לִבִּי לְפָנֶיךָ, ה' צוּרִי וְגוֹאֲלִי, אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן".

זָאג דַיין וַוייבּ זִי זָאל זָאגְן דִי תְּפִלָּה יֶעדְן טָאג, אֲפִילוּ אַפָּאר מָאל אַ טָאג, אוּן וֶוען זִי צִינְדְט אָן דִי שַׁבָּת לֶעכְט זָאל זִי זָאגְן דִי תְּפִלָּה, זִי זָאל בֶּעטְן בַּיי דִי לֶעכְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז זִי זָאל וֶוערְן רוּאִיג וְכוּ'.

אִיךְ בִּין גֶעוֶוען פָארִיגֶע וָואךְ בַּיים צִיּוּן פוּן הָאַדְמוֹ"ר מְלִיוּבַּאוִויטְשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, ווּאוּ אִיךְ הָאבּ מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען פַאר דִיר אוּן פַאר דַיין וַוייבּ, זִי זָאל אַרוֹיס גֵיין פוּן אִירֶע פְּחָדִים אוּן צוּרִיק קוּמֶען צוּ אִירֶע כּוֹחוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

איך קען זיך נישט גענוג באדאנקען פאר'ן ראש ישיבה שליט"א אויף אלעס.

א גרויסן יישר כח.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת בְּשַׁלַּח, ה' שְׁבַט, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

**איך** האב ערהאלטן אייער בריוו.

**איך** פריי מיך זייער צו הערן אז איר שפירט זיך שוין בעסער און איר זענט שוין אסאך מער רואיגער ווי ווען איר זענט געווען ביי מיר מיט אייער מאן נרו יאיר.

**איך** האב אייך געשריבן א תפלה וואס צו זאגן לויט וואס איך האב געהערט פון אייך ווי איר זאגט אז איר לעבט אין שרעק, איך האב געשריבן די תפילה לויט אייער מצב פון דעמאלט, אבער יעצט אז איר שרייבט מיר אז אייערע מחשבות ווערן בעסער און בעסער, עס האלט שוין ביי דעם אז איר קענט מער נישט זאגן פאר'ן אייבערשטן: "איך פיל ווי איך האלט עס מער נישט אויס", ווייל איר פילט מער נישט אזוי, אייער אמונה איז שוין שטערקער, וועל איך אייך שרייבן א נייע תפילה וואס צו בעטן.

**לייגט** אוועק די אלטע בריוו מיט די תפילה וואס איך האב אייך געשריבן כדי איר זאלט קיינמאל נישט פארגעסן די ניסים וואס דער אייבערשטער האט געטון מיט אייך און

וֶועט וַוייטֶער טוּן מִיט אַייךְ, אַז אוֹיב אִיר וֶועט אַמָאל דַארְפְן פּוֹעֵל'ן אַ יְשׁוּעָה זָאלְט אִיר זַיין קְלָאר מִיט אַייעֶרע אוֹיגְן וָואס מֶען קֶען אַלְץ פּוֹעֵל'ן מִיט תְּפִילָה, אִיר וֶועט קֶענֶען מְחַזֵק זַיין נָאךְ מֶענְטְשְׁן אוּן זֵיי לָאזְן ווִיסְן וָואס גֶעשֶׁעט וֶוען מֶען בֶּעט יֶעדְן טָאג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, ווִי עֶר הֶעלְפְט יֶעדְן אֵיינֶעם.

**דָא** שְׁרַייבּ אִיךְ אַייךְ דִי תְּפִילָה:

"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר מַיין לֶעבְּן! אִיךְ דַאנְק דִיר אַז אִיךְ הָאבּ אַזַא גוּטֶער מַאן וָואס עֶר אִיז אַזוֹי עֶרְלִיךְ אוּן אַזוֹי גוּט צוּ מִיר; אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין וֶוערְטֶער דִיר צוּ דַאנְקֶען פַאר מַיינֶע לִיבְּטִיגֶע זִיסֶע קִינְדֶער וָואס דוּ הָאסְט מִיר גֶעגֶעבְּן. יְיַשֵׁר כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז מַיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען גֶעזוּנְט, אִיךְ דַאנְק דִיר פַאר אַלֶעם וָואס דוּ גֶעבְּסְט מִיר. אֵייבֶּערְשְׁטֶער, מַיין הַארְץ אִיז אָנְגֶעפִילְט מִיט לוֹיבּ פַאר דִיר פַאר אַלֶע חֲסָדִים וָואס דוּ טוּסְט מִיט מִיר, אִיךְ הָאבּ דִיר אַזוֹי לִיבּ.

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן אַ קְלָארֶע אֱמוּנָה, אַ לוֹיטֶערֶע אֱמוּנָה, אַ רֵיינֶע אֱמוּנָה, אִיךְ זָאל גְלֵייבְּן אַז קֵיינֶער קֶען מִיר גָארְנִישְׁט טוּן, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל נִישְׁט לֶעבְּן מִיט פְּחָדִים אוּן שְׁרֶעק.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, דוּ בִּיסְט דָאךְ דֶער יוֹדֵעַ מַחְשָׁבוֹת, דוּ ווֵייסְט אַלֶע מַחְשָׁבוֹת וָואס אִיךְ טְרַאכְט, דֶער

יֵצֶר הָרָע פַארְגִינְט נִישְׁט אַז אִיךְ לֶעבּ אַזוֹי שֵׁיין מִיט מַיין מַאן אוּן מַיינֶע זִיסֶע קִינְדֶער, דֶערְפַאר בְּרֶענְגְט עֶר אַרַיין אִין מַיין מֹחַ שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת, אִיךְ טְרַאכְט זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל נֶעגֶעטִיוְו - פוּן שְׁטַארְבְּן אוּן פוּן אַנְדֶערֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן בִּיז אִיךְ וֶוער זֵייעֶר נֶערְוֶועז אוּן דֶערְשְׁרָאקְן. הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל נִישְׁט הָאבְּן נֶעגֶעטִיוֶוע מַחְשָׁבוֹת, אֵייבֶּערְשְׁטֶער, דוּ בִּיסְט דָאךְ דֶער יוֹדֵעַ מַחְשָׁבוֹת, הֶעלְף מִיר, 'יוֹדֵעַ מַחֲשָׁבוֹת הוֹשִׁיעָה נָא!'

צוּ וֶועם זָאל אִיךְ גֵיין בֶּעטְן הִילְף? וֶוער קֶען מִיר דֶען הֶעלְפְן? וֶוער קֶען מִיר אַוֶועק נֶעמֶען מַיינֶע פְּחָדִים? מַיינֶע שְׁרֶעקֶעדִיגֶע מַחְשָׁבוֹת וָואס קוּמֶען מִיר בְּסֵדֶר אַרַיין אִין מֹחַ לוֹיפְן מִיר נָאךְ אַ גַאנְצְן טָאג, קֵיינֶער קֶען מִיר נִישְׁט הֶעלְפְן, אָבֶּער דוּ קֶענְסְט יֶעדְן אֵיינֶעם הֶעלְפְן, בֶּעט אִיךְ דִיר טַאטֶע זִיסֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק, אִיךְ זָאל זַיין אַ גֶעזוּנְטֶע מַאמֶע אוּן אַ גֶעזוּנְטֶע וַוייבּ פַאר מַיין מַאן.

אֵייבֶּערְשְׁטֶער, וֶוען אִיךְ רֶעד צוּ דִיר שְׁפִּיר אִיךְ אַזוֹי גוּט אָבֶּער נָאכְדֶעם וֶוען אִיךְ פַארְגֶעס פוּן דִיר קוּמְט צוּרִיק דֶער יֵצֶר הָרָע אוּן עֶר מַאכְט מִיר וַוייטֶער טְרַאכְטְן שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן. אַסַאךְ מָאל בַּאפַּאלְט מִיר אָן אַזַא שְׁרֶעק אַז אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט קָאנְטְרָאלִירְן, אָדֶער וֶוען עֶס קוּמְט בַּיינַאכְט קֶען אִיךְ נִישְׁט אַיינְשְׁלָאפְן פוּן אַלֶע נַארִישֶׁע מַחְשָׁבוֹת וָואס לוֹיפְן אִין מַיין מֹחַ; הֶעלְף מִיר אַז מַיין אֱמוּנָה זָאל זִיךְ נִישְׁט אָפְּטוּן פוּן מִיר קַיין אֵיין רֶגַע, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין אַזוֹי שְׁטַארְק מִיט אֱמוּנָה אַז קַיין שׁוּם זַאךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט זָאל מִיר נִישְׁט רִירְן".

אִיךְ הָאף צוּ בַּאקוּמֶען פוּן אַייךְ בְּקָרוֹב אַ בְּרִיוו וואוּ אִיר וֶועט מִיר שְׁרַייבְּן אַז דִי גַאנְצֶע תְּפִילָה אִיז אַייךְ שׁוֹין נִישְׁט נוֹגֵעַ אוּן אִיר קֶענְט עֶס שׁוֹין נִישְׁט זָאגְן וַוייל עֶס אִיז נִישְׁט אֱמֶת וְכוּ׳, אַזוֹי ווִי אִיר שְׁרַייבְּט מִיר יֶעצְט. אִיר וֶועט לֶעבְּן מִיט אַזַא קְלָארֶע אֱמוּנָה אַז גָארְנִישְׁט וֶועט אַייךְ נִישְׁט שְׁטֶערְן.

## רה

### מַיינֶע עֶלְטֶערְן לָאזְן מִיר נִישְׁט הָאבְּן אַ סֶעלְפָאן, וָואס טוּ אִיךְ?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ מֵיידְל פוּן פוּפְצְן יָאר, אִיךְ הֶער כְּסֵדֶר אוֹיס אַייעֶרֶע שִׁיעוּרִים אוּן חִיזוּק יוֹמִי, דָאס הֶעלְפְט מִיר אַסַאךְ אִין לֶעבְּן.

אִיךְ הָאבּ אַייךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אִיבֶּער דֶעם וָואס אִיךְ ווִיל זֵייעֶר שְׁטַארְק הָאבְּן אַ סֶעלְפָאן, אָבֶּער מַיינֶע עֶלְטֶערְן ווִילְן מִיר דָאס נִישְׁט עֶרְלוֹיבְּן.

עֶס שְׁטֶערְט מִיר אַז מַיין בְּרוּדֶער הָאט שׁוֹין גֶעהַאט אַ סֶעלְפָאן וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען פֶערְצְן יָאר, אוּן פַארְוָואס טָאר אִיךְ נִישְׁט הָאבְּן אַ סֶעלְפָאן בַּיי דִי פוּפְצְן?

אִיךְ וֶועל אַייךְ דַאנְקְבַּאר זַיין אוֹיבּ אִיר וֶועט מִיר גֶעבְּן אַן עֵצָה וָואס צוּ טוּן.

יְיַשֵׁר כֹּחַ.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, ה' שְׁבַט, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

... תְּחִיֶ'

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהאַלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

**פָּאלְגְט** אַייעֶרע עֶלְטֶערְן; אַז זֵיי זָאגְן אַז אִיר דַארְפְט נִישְׁט קַיין סֶעלְפָאן וַוייסְן זֵיי וָואס זֵיי זָאגְן. אוֹיבּ אִיר וֶועט זֵיי פָאלְגְן וֶועט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ אוּן אִיר וֶועט הָאבְּן נַחַת פוּן אַייעֶרע קִינְדֶער.

**דֶער** רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, הַשְׁמָטָה, תְּחִלַּת חֵלֶק שֵׁנִי): אוֹיפְ'ן פָּסוּק (יְחֶזְקֵאל לג, כד): "אֶחָד הָיָה אַבְרָהָם", אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וַויבַּאלְד עֶר אִיז גֶעוֶוען אֵיינֶער אַלֵיין; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּקְט נָאר אוֹיף זִיךְ, דֶעמָאלְט אִיז עֶר אַ גְלִיקְלִיכֶער מֶענְטְשׁ, אַ צוּפְרִידֶענֶער מֶענְטְשׁ. אַז אַייעֶרע עֶלְטֶערְן ווִילְן נִישְׁט אַז אִיר זָאלְט הָאבְּן אַ סֶעלְפָאן, פָאלְגְט זֵיי. אֲפִילוּ עֶס שְׁטֶערְט אַייךְ פַארְוָואס אַייעֶר בְּרוּדֶער מֶעג יָא הָאבְּן וְכוּ'.

**אוֹיבּ** מֶען קוּקְט אוֹיף זִיךְ דֶעמָאלְט אִיז מֶען מַצְלִיחַ; אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען הֵייבְּן זִיךְ אָן וֶוען מֶען קוּקְט אוֹיף אַ צְוֵוייטְן.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ הֶעלְפְן אִיר זָאלְט טְרֶעפְן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ בְּקָרוֹב.

# רו

## זָאל אִיךְ גֵיין וַוייסֶע זָאקְן שַׁבָּת, אֲפִילוּ מַיין מַאמֶע ווִיל נִישְׁט?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין בָּרוּךְ ה' אַ חָתָן גֶעוָוארְן, און אִין עֶטְלִיכֶע וָואכְן אַרוּם וֶועט זַיין מַיין חֲתוּנָה אִם יִרְצֶה ה'.

אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַ שְׁטִיקְל קְרִיגֶערַיי מִיט מַיין מַאמֶע, סְתַּם אַזוֹי לֶעבְּן מִיר זֵייעֶר גוּט, מִיר הָאבְּן זֵייעֶר אַ פְרַיינְטְלִיכֶע שְׁטוּב, מִיר הָאבְּן זִיךְ אָבֶער גֶעקְרִיגְט אִיבֶּער דֶעם וָואס אִיךְ ווִיל גֵיין שַׁבָּת מִיט וַוייסֶע זָאקְן נָאךְ דִי חֲתוּנָה, בַּיים וָוארְט הָאט דִי כַּלָּה אוֹיךְ גֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ אִיךְ גֵיי גֵיין מִיט וַוייסֶע זָאקְן; מַיין טַאטֶע גֵייט נִישְׁט מִיט וַוייסֶע זָאקְן, אָבֶער מַיין שְׁוָוער גֵייט יָא, און מַיין מַאמֶע ווִיל נִישְׁט אַז אִיךְ זָאל גֵיין דֶערְמִיט.

מַיין מַאמֶע לֶעבְּט אַזוֹי ווִי פַאר הוּנְדֶערְט יָאר צוּרִיק, זִי מֵיינְט אַז מֶען וֶוערְט אַ רֶבִּי וֶוען מֶען גֵייט מִיט וַוייסֶע זָאקְן, זִי כַאפְּט נִישְׁט אַז הַיינְט גֵייט יֶעדֶער אִינְגֶערְמַאן אַזוֹי. מִיר הָאבְּן לְמַעֲשֶׂה אַיינְגֶעקוֹיפְט דִי שְׁטָאפִּיר, און אִיךְ הָאבּ גֶעקוֹיפְט דִי הוֹיזְן, שִׁיךְ און זָאקְן אַזוֹי ווִי אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט.

לֶעצְטְנְס הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט פוּן אַייךְ אַ שַׁארְפֶע שִׁיעוּר וֶועגְן מְכַבֵּד זַיין עֶלְטֶערְן, אִיךְ הָאבּ גֶעגֶעבְּן פַאר מַיין מַאמֶע צוּ הֶערְן דֶעם שִׁיעוּר און זִי הָאט זֵייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט. אָבֶער יֶעצְט ווייס אִיךְ נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, פוּן אֵיין זַייט פִיל אִיךְ אַז אִיךְ בִּין אַ שֵׁגֶץ אַז אִיךְ פָאלְג אִיר נִישְׁט, אָבֶער אִיךְ הַאלְט אַז נָאךְ דִי חֲתוּנָה וֶועט זִי עֶס אוֹיךְ לִיבּ הָאבְּן. אִיךְ הָאבּ עֶס זֵייעֶר שְׁטַארְק לִיבּ, אִיךְ שְׁפִּיר אַז אָן דֶעם גֵיי אִיךְ זִיךְ שְׁפִּירְן ווִי אַ גוֹי אוּם שַׁבָּת. פַאר מַיין טַאטֶע גֵייט עֶס נִישְׁט אָן.

וָואס הַאלְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אַז אִיךְ דַארְף צוּ טוּן?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, ה' שְׁבַט, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד הֶחָתָן ... נֵרוֹ יָאִיר

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**וִוייסְן זָאלְסְטוּ אַז כִּיבּוּד אָב וָאֵם אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה;** חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי פֵּאָה א, א) אַז דָאס אִיז חֲמוּרוֹת שֶׁבַּחֲמוּרוֹת, דָאס אִיז פוּן דִי הַארְבְּסְטֶע מִצְווֹת וָואס אִיז דָא.

**חֲכָמֵינוּ** זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (יְרוּשַׁלְמִי קִידוּשִׁין כ.)**:** רֶבִּי טַרְפוֹן'ס מַאמֶע אִיז אַמָאל גֶעגַאנְגֶען שְׁפַּאצִירְן שַׁבָּת אוּן אִיר שִׁיךְ הָאט זִיךְ צֶערִיסְן, הָאט רֶבִּי טַרְפוֹן זִיךְ אַרָאפְּגֶעלֵייגְט אוּן גֶעלֵייגְט זַיינֶע הֶענְט אוֹיף דֶער עֶרְד זָאגְנְדִיג: "מַאמֶע, טְרֶעט אוֹיף מִיר", כְּדֵי זִי זָאל נִישְׁט גֵיין בָּארְוֶועס, אַזוֹי אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען מִיט אִיר בִּיז זִי אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אִיר שְׁטוּב. אֵיינְמָאל וֶוען רֶבִּי טַרְפוֹן הָאט זִיךְ נִישְׁט גוּט גֶעשְׁפִּירְט, הָאט זַיין מַאמֶע גֶעבֶּעטְן דִי חֲכָמִים זַיי זָאלְן מִתְפַּלֵל זַיין פַאר אִים ווַייל עֶר אִיז אִיר מְכַבֵּד מֶער ווִיפִיל מֶען דַארְף, הָאבְּן אִיר דִי חֲכָמִים גֶעפְרֶעגְט: "וָואס טוּט עֶר?" הָאט זִי דֶערְצֵיילְט וִוי עֶר הָאט זִיךְ אַרָאפְּגֶעלֵייגְט אוֹיף דֶער עֶרְד וֶוען אִיר שִׁיךְ הָאט זִיךְ צֶערִיסְן, עֶר הָאט גֶעלֵייגְט זַיינֶע הֶענְט אַז זִי זָאל קֶענֶען גֵיין וְכוּ', הָאבְּן דִי חֲכָמִים גֶעזָאגְט: "אֲפִילוּ עֶר זָאל דִיר טוּן טוֹיזְנְט מָאל אַזוֹי וִוי עֶר טוּט דִיר יֶעצְט, הָאט עֶר נָאךְ נִישְׁט מְקַיֵים גֶעוֶוען דִי מִצְוָה וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין".

**בְּנוֹגֵעַ** אָנְטוּן וַוייסֶע זָאקְן לְכָבוֹד שַׁבָּת וְכוּ'; זַיי מַסְבִּיר פַּאר דַיין מַאמֶע אַז הַיינְט אִיז דָאס אַ חֲסִידִישֶׁע לְבוּשׁ וְכוּ' און אַלֶע חֲסִידִישֶׁע אִידְן גֵייעֶן מִיט וַוייסֶע זָאקְן שַׁבָּת, אַזוֹי וֶועט זִי נִישְׁט זַיין קֶעגְן דֶעם אַז דוּ זָאלְסְט אוֹיךְ גֵיין וְכוּ'.

**גֶעדֶענְק**, דֶער גְרֶעסְטֶער כִּיבּוּד אָב וָאֵם אִיז וֶוען עֶלְטֶערְן זֶעעֶן ווִי דִי קִינְדֶער פִירְן זִיךְ אוֹיף עֶרְלִיךְ, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יוֹמָא פו.) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (דְבָרִים ו, ה): "וְאָהַבְתָּ אֵת ה' אֱלֹקֶיךָ" - זָאלְסְט זֶען עֶס זָאל אַרוֹיס קוּמֶען אַ קִידוּשׁ הַשֵּׁם דוּרְךְ דִיר און דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל בַּאלִיבְּט וֶוערְן דוּרְךְ דִיר. ווַייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט תּוֹרָה און פִירְט זִיךְ אוֹיף ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין וָואס זָאגְן מֶענְטְשְׁן? "אַשְׁרֵי אָבִיו שֶׁלִּמְּדוֹ תּוֹרָה", ווָאוויל זֶענֶען זַיינֶע עֶלְטֶערְן וָואס הָאבְּן אִים גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה; "אַשְׁרֵי רַבּוֹ שֶׁלִּמְּדוֹ תּוֹרָה", ווָאוויל אִיז פַּאר זַיין רֶבִּי וָואס הָאט אִים גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה; "אוֹי לָהֶם לַבְּרִיּוֹת שֶׁלֹּא לָמְדוּ תּוֹרָה", וַויי אִיז פַּאר דִי מֶענְטְשְׁן וָואס לֶערְנֶען נִישְׁט קַיין תּוֹרָה; קוּקְט אָן דֶעם מֶענְטְשׁ, ווִיבַּאלְד עֶר לֶערְנְט תּוֹרָה פִירְט עֶר זִיךְ אוֹיף אַזוֹי עֶרְלִיךְ. אוֹיף אִים זָאגְט דֶער פָּסוּק (יְשַׁעְיָה מט, ג): "וַיֹּאמֶר לִי עַבְדִּי אָתָּה, יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר בְּךָ אֶתְפָּאָר", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּארִימְט זִיךְ מִיט אַזַא אֵיינֶעם.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט גֵיין צוּ דַיין חֲתוּנָה בְּשָׁעָה טוֹבָה וּמוּצְלַחַת און זוֹכֶה זַיין אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע דוֹרוֹת לַה' וּלְתוֹרָתוֹ.

# רז

**קֶען אִיךְ נָאךְ תְּשׁוּבָה טוּן אוֹיף מַיינֶע הַארְבֶּע עֲבֵירוֹת?**

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מִיט אַסַאךְ יָארְן צוּרִיק הָאבּ אִיךְ לֵיידֶער גֶעמַאכְט אַן "הַפָּלָה", מַיין שְׁאֵלָה אִיז ווִי אַזוֹי אִיךְ קֶען תְּשׁוּבָה טוּן דֶערוֹיף? אוֹיבּ וֶועל אִיךְ פָּארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיּוּן, קֶען אִיךְ עֶס מְתַקֵּן זַיין?

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, ו' שְׁבַט, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.**

דִי עֲבֵירָה פוּן "הַפָּלָה" אִיז זֵייעֶר הַארְבּ. דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, דַּף ג): "תְּלָתָא אִינּוּן דְּדַחְיָין שְׁכִינְתָּא מֵעָלְמָא, וְגָרְמִין דְּדִיוּרֵיהּ דְּקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא לָא הֲוֵי בְּעָלְמָא, וּבְנֵי נָשָׁא צָווְחִין וְלָא אִשְׁתְּמַע קָלֵיהוֹן", וֶועגְן דְרֵיי עֲבֵירוֹת גֵייט דִי שְׁכִינָה אַוֶועק פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער אוּן דָאס אִיז גּוֹרֵם אַז עֶס זָאל זַיין צָרוֹת אוֹיף דִי וֶועלְט. אוּן אֲפִילוּ מֶענְטְשְׁן שְׁרֵייעֶן פוּן זֵייעֶרֶע צָרוֹת וֶוערְן זֵיי נִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט. דֶער זוֹהַר רֶעכְנְט אוֹיס דְרֵיי עֲבֵירוֹת וָואס בְּרֶענְגֶען צָרוֹת אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן דִי דְרִיטֶע עֲבֵירָה וָואס דֶער זוֹהַר רֶעכְנְט אוֹיס אִיז: "מַאן דְּקָטִיל בְּנוֹי, הַהוּא עוּבָּרָא דְּמִתְעַבְּרָא אִתְּתֵיהּ,

וְגָרִים לְקַטָלָא לֵיהּ בִּמְעָהָא, דְּסָתִיר בִּנְיָינָא דְּקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא וְאוּמָנוּתָא דִּילֵיהּ", אוֹיבּ אֵיינֶער הַרְג'עֶט זַיין קִינְד וְכוּ', "וַוי לְהַהוּא בַּר נָשׁ, וַוי לֵיהּ, טָב לֵיהּ דְּלָא יִתְבְּרֵי בְּעָלְמָא", וַויי פַאר דֶעם מֶענְטְשׁ.

**אָבֶער** וויסְן זָאלְט אִיר אַז עֶס אִיז נִישְׁט דָא אַן עֲבֵירָה וָואס מֶען קֶען נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּן דֶערוֹיף, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שְׁטֵייט אוּן וַוארְט מֶען זָאל זִיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּ אִים. בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב אַ בַּעַל תְּשׁוּבָה, עַד כְּדֵי כַּךְ אַז חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת לד:): "בְּמָקוֹם שֶׁבַּעֲלֵי תְּשׁוּבָה עוֹמְדִים, שָׁם אֵין צַדִּיקִים גְּמוּרִים יְכוֹלִים לַעֲמוֹד", אֲפִילוּ צַדִּיקִים קוּמֶען נִישְׁט אָן אַזוֹי הוֹיךְ וִוי אַ בַּעַל תְּשׁוּבָה קוּמְט אָן.

**דֶער** עִיקָר תְּשׁוּבָה אִיז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ מִתְוַדֶּה פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דֶערְצֵיילְט אַלֶעס פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּפְרָטֵי פְּרָטִיוּת. וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ד) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט וֶוערְן דִי עֲבֵירוֹת אַרַיין גֶעקְרִיצְט אִין זַיינֶע בֵּיינֶער, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (יְחֶזְקֵאל לב, כז): "וַתְּהִי עֲוֹנֹתָם עַל עַצְמוֹתָם", אוּן דָאס הַרְג'עֶט דֶעם מֶענְטְשׁ, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים לד, כב): "תְּמוֹתֵת רָשָׁע רָעָה", דָאס רִשְׁעוּת פוּנֶעם מֶענְטְשׁ טוּט אִים הַרְג'נֶען; אָבֶער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ מִתְוַדֶּה פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר דֶערְצֵיילְט פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן אוּן בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִים, גֵייעֶן אַרוֹיס אַלֶע עֲבֵירוֹת פוּן זַיינֶע בֵּיינֶער.

דֶער רַמְבַּ"ם שְׁרַייבְּט (פֶּרֶק א' מֵהִלְכוֹת תְּשׁוּבָה, הֲלָכָה א): "כָּל מִצְוֹת שֶׁבַּתּוֹרָה, בֵּין עֲשֵׂה בֵּין לֹא תַעֲשֶׂה, אִם עָבַר אָדָם עַל אַחַת מֵהֶן, בֵּין בְּזָדוֹן בֵּין בִּשְׁגָגָה, כְּשֶׁיַּעֲשֶׂה תְּשׁוּבָה וְיָשׁוּב מֵחֶטְאוֹ חַיָּיב לְהִתְוַדּוֹת לִפְנֵי הָאֵל בָּרוּךְ הוּא, שֶׁנֶּאֱמַר (בַּמִּדְבָּר ה, ו-ז): אִישׁ אוֹ אִשָּׁה כִּי יַעֲשׂוּ מִכָּל חַטֹּאת הָאָדָם וְהִתְוַדּוּ אֶת חַטָּאתָם. כֵּיצַד מִתְוַדִּין? אוֹמֵר: 'אָנָּא הַשֵּׁם, חָטָאתִי, עָוִיתִי, פָּשַׁעְתִּי לְפָנֶיךָ וְעָשִׂיתִי כָּךְ וְכָךְ, וַהֲרֵי נִחַמְתִּי וּבוֹשְׁתִּי בְּמַעֲשַׂי, וּלְעוֹלָם אֵינִי חוֹזֵר לְדָבָר זֶה'. וְזֶהוּ עִקָּרוֹ שֶׁל וִידּוּי", אִיךְ בֶּעט דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אִיךְ הָאבּ גֶעזִינְדִיגְט פַאר דִיר, אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן דִי אוּן דִי עֲבֵירָה, אִיךְ הָאבּ חֲרָטָה אוֹיף וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן, אִיךְ שֶׁעם זִיךְ מִיט מַיינֶע מַעֲשִׂים וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן אוּן אִיךְ נֶעם זִיךְ פָאר אַז אִיךְ גֵיי עֶס מֶער קֵיינְמָאל נִישְׁט טוּן; דָאס אִיז וִידּוּי, אוּן דֶער רַמְבַּ"ם פִּירְט אוֹיס: "וְכָל הַמַּרְבֶּה לְהִתְוַדּוֹת וּמַאֲרִיךְ בְּעִנְיָן זֶה, הֲרֵי זֶה מְשׁוּבָּח", וֶוער עֶס אִיז זִיךְ אַסַאךְ מִתְוַדֶּה, דֶער אִיז גֶעלוֹיבְּט.

אַוַדַאי אוֹיבּ אִיר קֶענְט פָּארְן צוּם רֶבִּינְ'ס צִיּוּן קַיין אוּמַאן אִיז נִישְׁט דָא קַיין גְרֶעסֶערְס פוּן דֶעם; דֶער רֶבִּי הָאט צוּגֶעזָאגְט אַז וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ זַיין קֶבֶר אִין אוּמַאן אוּן וֶועט גֶעבְּן אַ פְּרוּטָה לִצְדָקָה פַאר זַיין זְכוּת אוּן זָאגְן דֶעם תִּיקּוּן הַכְּלָלִי [קַאפִּיטְל ט"ז, ל"ב, מ"א, מ"ב, נ"ט, ע"ז, צ', ק"ה, קל"ז, ק"נ]: "אֲפִילוּ אִם עָצְמוּ וְגָבְרוּ חֲטָאָיו וּפְשָׁעָיו" - וֶועט עֶר אִים אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רכה).

דֶערְפַאר אַז אִיר ווִילְט פַארְרֶעכְטְן אַייעֶרֶע מַעֲשִׂים זָאלְט אִיר פָארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיּוּן אוּן אִיר זָאלְט

**מְקַיֵּים זַיין וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט. אִיר זָאלְט דָארְט זָאגְן דֶעם תִּיקּוּן הַכְּלָלִי אוּן זִיךְ מִתְוַדֶּה זַיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַייעֶרע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים, וֶועט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע תִּקּוּנִים וָואס דֶער רֶבִּי הָאט צוּגֶעזָאגְט.**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט זוֹכֶה זַיין תְּשׁוּבָה צוּ טוּן.**

# רח

**ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט אַזוֹיפִיל קִינְדֶער וָואס אִיךְ הָאב בָּרוּךְ ה'?**

## שְׁאֵלָה:

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע אַייעֶרע שִׁיעוּרִים וָואס בְּלָאזְן אַרַיין אִין מִיר אַ נֵייעֶ לֶעבְּן, אוּן זֶענֶען מִיר מְחַזֵּק אוּן מְעוֹדֵד אִין יֶעדֶע מַצָּב.

אִיךְ הָאב אַ שְׁאֵלָה וָואס שְׁטֶערְט מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק, אֶפְשָׁר וֶועט אִיר מִיר קֶענֶען אַרוֹיסְהֶעלְפְן. אִיךְ בִּין בָּרוּךְ ה' גֶעבֶּענְטְשְׁט גֶעוָוארְן מִיט אַ גְרוֹיסֶע מִשְׁפָּחָה פוּן נַיין קִינְדֶער בְּלִי עַיִן הָרַע אוּן יֶעצְט הָאבְּן מִיר שׁוֹין אַ פְרִישֶׁע גוּטֶע בְּשׂוֹרָה בָּרוּךְ ה'.

מַיין שְׁאֵלָה אִיז ווִי אַזוֹי אִיךְ קֶען זִיךְ דֶערְהַאלְטְן וֶוען דִי קַשְׁיָא פוּן "פַּרְנָסָה" אִיז גָאר שְׁוֶוער צוּ פַארְעֶנְטְפֶערְן. אוּן אוֹיךְ אַז אִיךְ בִּין אַזוֹיפִיל פַארְנוּמֶען מִיט דִי קִינְדֶער, אַז אִיךְ שְׁפִּיר אַז אִיךְ הָאב נִישְׁט קַיין שׁוּם צַייט פַאר מִיר אַלֵיין. אוּן אוֹיךְ קוּמְט צוּ דֶערְצוּ דִי לֵיצָנוּת וָואס מֶענְטְשְׁן מַאכְן פוּן מִיר אַז אִיךְ הָאב אַזוֹיפִיל קִינְדֶער, דָאס מַאכְט מִיר זֵייעֶר

דֶעפְּרֶעסְט אוּן בְּרֶענְגְט מִיר בִּלְבּוּלִים, אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דָאס אִיז אוֹיךְ מַשְׁפִּיעַ אוֹיף מַיין שָׁלוֹם בַּיִת.

אִיךְ וֵוייס נִישְׁט דֶער וֶועג ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אוּן זַיין פְרֵיילִיךְ. אַנְשְׁטָאט זִיךְ צוּ פְרֵייעֶן מִיט דִי שֵׁיינֶע מַתָּנוֹת וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל מִיר גֶעבְּן, בִּין אִיךְ גָאר זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן דֶערְפוּן.

נָאךְ מֶער שְׁטֶערְט מִיר אַז מַיין וַוייבּ פַארְשְׁטֵייט בִּכְלַל נִישְׁט וָואס דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז מִיט דֶעם, זִי זֶעט נִישְׁט וָואס עֶס אִיז שְׁוֶוער מִיט דֶעם. זִי פְּרוּבִּירְט מִיר צוּ מְחַזֵּק זַיין אוּן שְׁטַארְקְן אוֹיף אַלֶע אוֹפַנִים, אִיךְ בְּלַייבּ אָבֶּער נָאכְאַלְץ צֶעבְּרָאכְן דֶערְפוּן, עֶס קוּמְט מִיר אַרוֹיף דִי זִכְרוֹנוֹת ווִי מֶען מַאכְט חוֹזֵק פוּן מִיר אַז אִיךְ הָאבּ אַזוֹיפִיל קִינְדֶער בָּרוּךְ ה'.

אִיךְ וֶועל זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט אָרָאפְּנֶעמֶען אַפָּאר מִינוּט מִיר צוּ עֶנְטְפֶערְן.

אַ גְרוֹיסְן יִישַׁר כֹּחַ.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, ו' שְׁבַט, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**זַיי מִיר מוֹחֵל, אָבֶּער אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט דַיין שְׁאֵלָה אוּן אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס דוּ ווִילְסְט. וֶוען דִי מַעֲשֶׂה אִיז וֶוען פַארְקֶערְט, אַז דוּ ווִילְסְט הָאבְּן אַ שְׁטוּבּ מִיט קִינְדֶער אוּן דַיין וַוייבּ אִיז נִישְׁט מְסוּגָל וְכוּ' וַוייל זִי הָאט שְׁוַואכֶע נֶערְוְון וְכוּ' אוּן זִי קֶען נִישְׁט דֶערְהֵייבְּן וְכוּ' דֶעמָאלְט וָואלְט מֶען גֶעדַארְפְט אַרַיינְקוּקְן אִין דַיין שְׁאֵלָה, אָבֶּער אַז דֶער**

אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר גֶעגֶעבְּן אַ גֶעזוּנְטֶע וַוייבּ וָואס הָאט כֹּחַ צוּ זַיין אַ מַאמֶע וְכוּ׳, זִי אִיז אַ גֶעזוּנְטֶע פְּרוֹי וָואס וִויל אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ גְרוֹיסֶע מִשְׁפָּחָה אוּן זִי הָאט דִי כּוֹחוֹת דֶערְצוּ, פַארְשְׁטֵיי אִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט וָואס דַיין בַּקָשָׁה אִיז אוּן וָואס עֶס בַּאדֶערְט דִיר.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: ״אַ מֶענְטְשׁ דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אַסַאךְ קִינְדֶער - אֲפִילוּ דִי קִינְדֶער וֶועלְן אוֹיסְוַואקְסְן נִישְׁט אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, וַוייל וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען אוּן צוּרִיק בְּרֶענְגֶען אַלֶע אִידְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועט עֶר מְתַקֵן זַיין נִישְׁט נָאר יֶענֶעם דוֹר, נָאר עֶר וֶועט פַארְרֶעכְטְן אַלֶע דוֹרוֹת״.

**וָואס** זָאלְן מִיר טוּן אַז בַּעֲווֹנוֹתֵינוּ הָרַבִּים הָאט זִיךְ אַרַיין גֶעכַאפְּט בַּיי אִידִישֶׁע קִינְדֶער דִי קְלִיפָּה פוּן נִישְׁט הָאבְּן קִינְדֶער רַחֲמָנָא לִצְלָן, מֶענְטְשְׁן זֶענֶען מֵסִית וּמֵדִיחַ אַנְדֶערֶע נִישְׁט צוּ הָאבְּן קִינְדֶער מִיטְ׳ן אוֹיסְרֵייד: ״וָואס וֶועט זַיין מִיט פַּרְנָסָה?״ אָדֶער אַנְדֶערֶע נַארִישֶׁע סְבָרוֹת.

**דַאנְק** דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ הָאסְט אַ גֶעזוּנְטֶע וַוייבּ וָואס הָאט כֹּחַ צוּ זַיין אַ מַאמֶע פַאר קִינְדֶער אוּן הֶער נִישְׁט אוֹיס וָואס נַארִישֶׁע מֶענְטְשְׁן זָאגְן: ״אוֹיף וֶועמֶענְ׳ס חֶשְׁבּוֹן הָאסְטוּ קִינְדֶער?״ אָדֶער אַנְדֶערֶע לֵיצָנוּת.

**גֶעדֶענְק** אַז נָאר קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ בְּלַייבְּט אִיבֶּער פוּנֶעם מֶענְטְשׁ; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא קטז.): וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט אוּן

לָאזְט אִיבֶּער קִינְדֶער וָואס לֶערְנֶען תּוֹרָה אִיז 'כְּאִילוּ לֹא מֵת', אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (מְלָכִים-א כא, יא): "וַהֲדַד שָׁמַע בְּמִצְרַיִם כִּי שָׁכַב דָּוִד עִם אֲבֹתָיו, וְכִי מֵת יוֹאָב שַׂר הַצָּבָא", דֶער קֶענִיג פוּן מִצְרַיִם הָאט גֶעהֶערְט אַז דָוִד לִיגְט אוּן אַז זַיין גֶענֶערַאל יוֹאָב אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן. פַארְוָואס בַּיי דָוִד הַמֶּלֶךְ שְׁטֵייט: "שָׁכַב דָּוִד" אוּן בַּיי יוֹאָב שְׁטֵייט: "מֵת יוֹאָב"? ווַייל דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט אִיבֶּערְגֶעלָאזְט קִינְדֶער צַדִיקִים, הֵייסְט עֶס נִישְׁט ווִי עֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן נָאר כְּאִילוּ עֶר שְׁלָאפְט, אָבֶּער אַז מֶען לָאזְט נִישְׁט אִיבֶּער קִינְדֶער וָואס גֵייעֶן בְּדֶרֶךְ הַתּוֹרָה, דֶעמָאלְט וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ גֵייט אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט אִיז עֶר אַ טוֹיטֶער מֶענְטְשׁ.

**דוּ** שְׁרַייבְּסְט אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין צַייט פַאר דִיר צוּ אָטֶעמֶען ווַייל דוּ בִּיסְט פַארְנוּמֶען מִיט דַיינֶע קִינְדֶער וְכוּ'; פַארְבְּרֶענְגֶען דַארְף מֶען מִיט דִי ווַייבּ אוּן קִינְדֶער, אוּן אָטֶעמֶען זָאלְסְטוּ אִין שְׂטוּבּ. אַנְשְׁטָאט זוּכְן וואוּ מֶען קֶען אַרוֹיס לוֹיפְן פוּן שְׂטוּבּ פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט חֲבֵרִים פַארְבְּרֶענְג עֶנְדֶערְשׁ אִין שְׂטוּבּ מִיט דַיין ווַייבּ אוּן קִינְדֶער.

**מוֹהֲרָא"שׁ** פְלֶעגְט אוּנְז שְׁטֶענְדִיג דֶערְמַאנֶען אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קַיין חֲבֵרִים, דֶער פָּסוּק זָאגְט (תְּהִלִּים ס, יג): "וְשָׁוְא תְּשׁוּעַת אָדָם", אַ מֶענְטְשׁ קֶען דִיר נִישְׁט הֶעלְפְן; נָאךְ זָאגְט דָוִד הַמֶּלֶךְ (תְּהִלִּים קטז, יא): "אֲנִי אָמַרְתִּי בְחָפְזִי כָּל הָאָדָם כֹּזֵב", אַ מֶענְטְשׁ אִיז אֵיינֶער אַלֵיין; וָואס הָאט יָא אַ מֶענְטְשׁ, וֶועם הָאט מֶען יָא? דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דִי תּוֹרָה אוּן דִי מִצְווֹת. דָאס נֶעמְט אַ מֶענְטְשׁ מִיט אוּן דָאס בְּלַייבְּט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ.

**פַארְבְּרֶענְג** מִיט דַיינֶע קִינְדֶער, שְׁפִּיל מִיט זֵיי שְׁפִּילֶעְרַייעֶן, דֶערְצֵייל זֵיי שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִיקִים אוּן הֶער אוֹיס זֵייעֶרֶע מַעֲשֶׂה'לֶעךְ וָואס זֵיי הָאבְּן צוּ דֶערְצֵיילְן. אַזוֹי וֶועלְן זֵיי אוֹיסְוַואקְסְן גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק, זֵיי וֶועלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן.

**אִיךְ** בֶּעט דִיר נָאכְאַמָאל, טַאנְץ פַאר שִׂמְחָה אַז דוּ הָאסְט אַ גֶעזוּנְטֶע וַוייבּ וָואס הָאט דִי כּוֹחוֹת צוּ מְגַדֵל זַיין אַ שְׁטוּבּ מִיט קִינְדֶער; אַנְטְלוֹיף פוּן מֶענְטְשְׁן וָואס שְׁפֶּעטְן אָפּ פוּן עֶרְלִיכֶע אִידְן וָואס הָאבְּן גֶעבֶּענְטְשְׁטֶע שְׁטוּבֶּער מִיט קִינְדֶער, וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען נַחַת פוּן אַלֶע דַיינֶע קִינְדֶער.

## רט

### זָאל אִיךְ שִׁיקְן מַיין בָּחוּר צוּ עֶקְטְן אוֹיף אַ פְּלֶעי?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטְ"א,

אִיךְ הָאבּ אַ בָּחוּר פוּן פֶערְצְן יָאר אַלְט, אוּן מַיין בְּרוּדֶער הָאט מִיר גֶעבֶּעטְן אוֹיבּ אִיךְ קֶען אִים שִׁיקְן צוּ שְׁפִּילְן אוֹיף אַ פְּלֶעי וָואס עֶר מַאכְט.

אִיךְ ווִיל ווִיסְן אוֹיבּ עֶס אִיז דָא אַ פְּרָאבְּלֶעם מִיט דֶעם.

יְיַשֵׁר כֹּחַ.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, ו' שְׁבַט, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**עֶס** אִיז נִישְׁט כְּדַאי, וַוייל דָאס וֶועט אַוֶועק נֶעמֶען זַיין קָאפּ פוּן לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען.

**דִי** אַלֶע וָואס מַאכְן פְּלֶעים זֶענֶען גְרוֹיסֶע לֵצִים אוּן עֶס אִיז נִישְׁט קַיין פְּלַאץ פוּן יִרְאַת שָׁמַיִם וְכוּ'.

**אֵיינְמָאל** אַ מֶענְטְשׁ פַּאלְט אַרַיין אִין לֵצָנוּת אִיז אִים זַייעֶר שְׁוֶוער אַרוֹיס צוּ קְרִיכְן פוּן דָארְט, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי בְּרָכוֹת פֶּרֶק ב', הֲלָכָה ח): "קָשָׁה הִיא הַלֵּיצָנוּת, שֶׁתְּחִלָּתָהּ יִסּוּרִין וְסוֹפָהּ כְּלָיָה", לֵצָנוּת אִיז אַזוֹי שְׁלֶעכְט אַז דָאס רַייסְט אוֹיס אַ מֶענְטְשׁ פוּן דִי וֶועלְט; צִי וָואס פֶּעלְט דִיר אוֹיס אַז דַיין בָּחוּר וָואס הָאט יֶעצְט בַּר מִצְוָה גֶעהַאט זָאל זִיךְ דְרֵייעֶן מִיט זֵיי? עֶר וֶועט נִישְׁט קֶענֶען מִיטְהַאלְטְן וָואס מֶען לֶערְנְט אִין יְשִׁיבָה פַאר לַאנְגֶע חֳדָשִׁים; אַלֶע חֳדָשִׁים בִּיז'ן פְּלֶעי וֶועט עֶר נִישְׁט קֶענֶען דַאוֶוענֶען אוּן לֶערְנֶען וַוייל זַיין קָאפּ וֶועט אִים זַיין בַּיי דִי פְּלֶעי. אוּן אֲפִילוּ נָאכְ'ן פְּלֶעי וֶועט עֶר שׁוֹין בְּלַייבְן פַארְטְרַאכְט וְכוּ'.

**עֶס** זֶענֶען דָא עֶלְטֶערְן וָואס הָאבְן נִישְׁט קַיין כֹּחַ אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן זִיצְן מִיט זֵיי אִין שְׁטוּב, זוּכְן זֵיי וואוּ זֵיי קֶענֶען שִׁיקְן דִי קִינְדֶער בַּיינַאכְט; אֵיינֶער שִׁיקְט דֶעם קִינְד זִיךְ צוּ לֶערְנֶען שְׁפִּילְן אִינְסְטְרוּמֶענְטְן וְכוּ', אַ צְוֵוייטֶער שִׁיקְט

זַיינֶע קִינְדֶער זִיךְ לֶערְנֶען אַ צְוֵוייטֶע זַאךְ; אַלֶעס וֶועט מֶען טוּן אַבִי דֶער קִינְד זָאל זִיךְ נִישְׁט דְרֵייעֶן מִיט דִי עֶלְטֶערְן. דָאס אִיז נִישְׁט קַיין גוּטֶע וֶועג, וַוייל ווי מֶער מֶען פַארְבְּרֶענְגְט מִיט דִי קִינְדֶער אַלְץ מֶער וַואקְסְן זֵיי אוֹיף גֶעזוּנְט און שְׁטַארְק בְּרוּחָנִיוּת וּבְגַשְׁמִיוּת.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן נַחַת פוּן דַיינֶע קִינְדֶער, זֵיי זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן עֶרְלִיכֶע אִידְן, אָמֵן.

## רי

### מַיין וַוייבּ רֶעדְט זִיךְ אַסַאךְ אָפּ, וָואס זָאג אִיךְ אִיר?

## שְׁאֵלָה:

**לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

רֵאשִׁית כֹּל: בָּרוּךְ ה' דִי הַאטְלֵיין אִיז מוֹרָא'דִיג, דִי שִׁיעוּרִים זֶענֶען גֶעוַואלְדִיג!

יֶעצְט צוּם עִנְיָן: אִיךְ הַאלְט אַז אִיךְ הָאבּ גוּט מְחַנֵךְ גֶעוֶוען מַיינֶע קִינְדֶער און אִיךְ בִּין זֵיי וַוייטֶער גוּט מְחַנֵךְ, אָבֶּער מַיין וַוייבּ הַאלְט אִין אֵיין קְרֶעכְצְן: "גֶעדֶענְקְסְט דֶעמָאלְטְס הָאבְּן מִיר נָאכְגֶעגֶעבְּן פַאר דִי קִינְד... און וֶועגְן דֶעם אִיז עֶר יֶעצְט אַזוֹי און אַזוֹי...", "גֶעדֶענְקְסְט אַז מִיר הָאבְּן נִישְׁט גֶעגֶעבְּן לִיבְּשַׁאפְט פַאר דִי קִינְד און וֶועגְן דֶעם אִיז עֶר אַזוֹי...".

וִויפִיל אִיךְ פְּרָאבִיר אִיר צוּ דֶערְמַאנֶען אַז אוּנְזֶער שְׁטוּבּ אִיז בָּרוּךְ ה' פוּל מִיט לִיבְּשַׁאפְט, און אַז זִי פַארְגֶעסְט דִי גוּטֶע זַאכְן, ווי לְמָשָׁל: וֶוען מֶען הָאט יָא גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף אַ קִינְד, גֶעזָאגְט נֵיין פַאר אַ קִינְד, און פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט גֶעגֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער און מְחַזֵק גֶעוֶוען, און מִיר הָאבְּן

בָּרוּךְ ה׳ קֵיינְמָאל קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעזָאגְט קֵיין נֶעגָאטִיוֶוע זַאךְ פַּאר אַ קִינְד, וֶוערְט זִי אָבֶּער נִישְׁט בַּארוּאִיגְט דֶערְפוּן, אוּן זִי רֶעדְט זִיךְ וַוייטֶער אָפּ.

אִיךְ מֵיין אַז אִיר פְּרָאבְּלֶעם שַׁאפְט זִיךְ פוּן דֶעם אַז בָּרוּךְ ה׳ אוּנְזֶער שְׁטוּבּ אִיז אַזוֹי קְרִיסְטַאל, אוּן זִי וֵוייסְט נִישְׁט וָואס עֶס טוּט זִיךְ אִין אַנְדֶערֶע שְׁטוּבֶּער וואוּ דִי עֶלְטֶערְן הָאבְּן בִּכְלַל נִישְׁט קֵיין הַשָּׂגָה וִוי אַזוֹי צוּ זַיין אַ בֵּיישְׁפִּיל פַּאר דִי קִינְדֶער, וִוי אַזוֹי צוּ זַיין סֵיי שְׁטְרֶענְג אוּן סֵיי וַוארֶעם, אוּן דִי קִינְדֶער וַואקְסְן אוֹיף פַארְוואוּנְדֶעט אוּן גֶעשֶׁעדִיגְט בְּגוּף וּבְנֶפֶשׁ.

וִוי אַזוֹי זָאל אִיךְ זִיךְ אוּמְגֵיין מִיט אִיר? אוּן וָואס זָאל אִיךְ אִיר זָאגְן?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַּאר אַלֶעם.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, ו׳ שְׁבָט, שְׁנַת תשע״ח לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אַז** דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר גֶעהָאלְפְן אַז דוּ הָאסְט אַ שֵׁיינֶע שְׁטוּבּ אַזוֹי וִוי דוּ דְרוּקְסְט זִיךְ אוֹיס אִין דַיין בְּרִיוו: ״אוּנְזֶער שְׁטוּבּ אִיז וִוי קְרִיסְטַאל״, וָואס דַארְפְסְטוּ זִיךְ זוּכְן פוּן אוּנְטֶער דֶער עֶרְד אוֹיף וָואס זִיךְ אָפְּצוּרֶעדְן? דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַ גַאנְצְן טָאג פַּאר דִי חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט מִיט דִיר; זַיי פְרֵיילִיךְ אוּן מַאךְ פְרֵיילִיךְ דַיין שְׁטוּבּ וֶועסְטוּ מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת שִׂמְחָה, חֵלֶק ב׳, סִימָן א): ״מִי שֶׁהוּא שָׂמֵחַ תָּמִיד, עַל יְדֵי זֶה הוּא מַצְלִיחַ״, וֶוער עֶס אִיז שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ אִיז מַצְלִיחַ.

**דֶער** רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן א) **אַז** דֶער יֵצֶר הָרָע אִיז זִיךְ מִתְלַבֵּשׁ אִין מִצְווֹת אוּן אַזוֹי פַּארְנַארְט עֶר דֶעם מֶענְטְשׁ אַוֶועק צוּ גֵיין פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; וַוייל וֶוען דֶער יֵצֶר הָרָע זֶעט אַז עֶר קֶען נִישְׁט בֵּייקוּמֶען אַ מֶענְטְשׁ, רֶעדְט עֶר אִים אַיין מִיט זַיינֶע פְרוּמְקֵייטְן אַז עֶר זָאל מַאכְן אַ מַחֲלוֹקָה וְכוּ'. דֶער מֶענְטְשׁ וֵוייסְט נִישְׁט אַז דֶער יֵצֶר הָרָע רֶעדְט אִים דָאס אַיין אוּן עֶר הֵייבְּט זִיךְ אָן קְרִיגְן מִיט דִי וַוייבּ, עֶר מֵיינְט אַז דָאס אִיז לְשֵׁם שָׁמַיִם אוּן אַזוֹי כַאפְּט אִים דֶער יֵצֶר הָרָע אַרַיין אִין זַיין נֶעץ. אָבֶּער אַ מֶענְטְשׁ מִיט אַבִּיסְל שֵׂכֶל וֵוייסְט אוּן גֶעדֶענְקְט אַז עֶס אִיז נִישְׁט דָא אַזַא זַאךְ ווִי זִיךְ צוּ קְרִיגְן - אֲפִילוּ לְשֵׁם שָׁמַיִם, וַוייל מַחֲלוֹקֶת אִיז פוּן דִי סִטְרָא אַחְרָא, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת מְרִיבָה, סִימָן סו): "בִּמְקוֹם מְרִיבָה שָׁם הַשָּׂטָן".

**זַייסְן** זָאלְסְטוּ, וֶוען דַיין וַוייבּ רֶעדְט זִיךְ אָפּ אַז דִי קִינְדֶער פִירְן זִיךְ נִישְׁט אוֹיף גוּט וְכוּ' מֵיינְט זִי נִישְׁט זִיךְ צוּ טַעֲנֶה'ן מִיט דִיר וְכוּ', נָאר זִי ווִיל אַז דוּ זָאלְסְט אִיר אוֹיסְהֶערְן אוּן מְחַזֵּק זַיין אַז עֶס אִיז יָא גוּט. עֶס אִיז אַ טָעוּת וָואס זֵייעֶר אַסאךְ מֶענְטְשְׁן מַאכְן אִין לֶעבְּן, וֶוען דִי וַוייבּ רֶעדְט זִיךְ אָפּ וְכוּ' מֵיינְט מֶען אַז מֶען הָאט אַ וַוייבּ אַ קָאמְפְּלֶעינֶער. מֶען מֵיינְט אַז מֶען אִיז אַרַיין גֶעפַאלְן מִיט אַ פְרוֹי וָואס זוּכְט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג אָפְּצוּרֶעדְן, אָבֶּער עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי. וֶוען אַ פְרוֹי רֶעדְט זִיךְ אָפּ אִיז נִישְׁט פְּשַׁט אַז זִי ווִיל זִיךְ אָפְּרֶעדְן, זִי ווִיל קָאמְפְּלֶעינֶען וְכוּ', נָאר זִי ווִיל הֶערְן אַז עֶס אִיז יָא גוּט, זִי ווִיל הֶערְן פַּאזֶעטִיוֶוע וֶוערְטֶער. אַנְשְׁטָאט זִי זָאל בֶּעטְן

איר מַאן: "גֶעבּ מִיר חִיזּוּק", "זָאג מִיר אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אוּנְז נִישְׁט פַארְלָאזְן"; זָאגְט זִי עֶס אוֹיף אַ וֶועג וָואס הֶערְט זִיךְ ווִי טַעֲנוֹת: "וָואס וֶועט זַיין?" "עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין גֶעלְט", "דִי קִינְדֶער טוֹיגְן נִישְׁט"; אָבֶּער בֶּאֱמֶת אִיז דָאס נָאר וַוייל זִי ווִיל הֶערְן שֵׁיינֶע פָּאזֶעטִיוֶוע וֶוערְטֶער, זִי ווִיל הֶערְן ווִי דוּ זָאגְסְט: "עֶס אִיז נִישְׁט עֶק וֶועלְט"; זִי ווִיל הֶערְן: "עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי גֶעפֶערְלִיךְ", "בַּאלְד וֶועט זַיין גֶעלְט", "דִי קִינְדֶער זֶענֶען זֵייעֶר טַייעֶר".

גֶעדֶענְק אַז אַ פְּרוֹי אִיז אַ גַאנְצְן טָאג אִין שְׁטוּבּ מִיט דִי קִינְדֶער, זִי גֵייט נִישְׁט אַרוֹיס דְרֵיי מָאל אַ טָאג אִין שׁוּל, מַה שֶׁאֵין כֵּן דֶער מַאן טְרֶעפְט זִיךְ מִיט חֲבֵרִים, מֶען הֶערְט דָא אַ גוּט וָוארְט, דָארְט אַ גוּט וָוארְט. ווִי אוֹיךְ גֵייט זִי נִישְׁט אִין שׁוּל שַׁבָּת הֶערְן גוּטֶע דִיבּוּרִים אוּן הִתְחַזְּקוּת וְכוּ', זִי הָאט נָאר אֵיין פְּלַאץ וואוּ זִי קֶען הֶערְן הִתְחַזְּקוּת - פוּן אִיר מַאן. אוֹיבּ דֶער מַאן הָאט שֵׂכֶל, עֶר אִיז מְחַזֵּק זַיין וַוייבּ אוּן עֶר בּוֹיט אִיר אוֹיף, דֶעמָאלְט דַארְף דִי פְּרוֹי גָארְנִישְׁט, זִי וֶועט נִישְׁט קָאמְפְּלֶעינֶען אוּן זִי וֶועט זִיךְ נִישְׁט אָפְּרֶעדְן אַזוֹיפִיל.

קוּק וָואס רֶבִּי נָתָן שְׁרַייבְּט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רסד) ווִי דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעבֶּעטְן אוּן גֶעוָוארְנְט אַז מִיר זָאלְן מְכַבֵּד זַיין דִי וַוייבּ אוּן רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף זֵיי, וַוייל פְּרוֹיעֶן גֵייעֶן אַרִיבֶּער זֵייעֶר פִיל צַעַר פוּן אוֹיפְהָאדֶעוֶוען דִי קִינְדֶער וְכוּ'.

צוּ הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת דַארְף מֶען נִישְׁט מֶער ווִי אַ בְּרֶעקְל שֵׂכֶל; מֶען דַארְף ווִיסְן ווִי אַזוֹי צוּ רֶעדְן וְכוּ'. דִי וֶועלְט

זָאגְט אַז שֵׂכֶל קֶען מֶען נִישְׁט בַּאקוּמֶען, אָבֶּער עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי, נָאר מֶען קֶען יָא בַּאקוּמֶען שֵׂכֶל. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גִיסְט זִיךְ אוֹיס זַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ בַּאקוּמֶען שֵׂכֶל, אַזוֹי וִוי מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט אַז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּנֶעם פָּסוּק (אֵיכָה ב, יט): ״שִׁ׳פְכִי כַ׳מַּיִם לִ׳בֵּךְ נֹכַח פְּנֵי ה׳״ - אִיז שֵׂכֶ״ל; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גִיסְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ, וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ ווִיסְן ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן.

**דֶערְפַאר,** אַז דוּ ווִילְסְט וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין אַז ״דַיין שְׁטוּב זָאל בְּלַייבְּן קְרִיסְטַאל״ זָאלְסְטוּ פָאלְגְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אוּן טוּן וָואס עֶר הָאט אוּנְז גֶעהֵייסְן; זָאלְסְט זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן דַיין הַארְץ מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ. פוּן אֵיין זַייט זָאלְסְטוּ אִים דַאנְקֶען פַאר אַלֶע חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט מִיט דִיר אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט זָאלְסְטוּ אִים בֶּעטְן בְּרַחֲמִים וּבְתַחֲנוּנִים אַז דוּ זָאלְסְט ווִיסְן ווִי אַזוֹי צוּ רֶעדְן אִין שְׁטוּב מִיט דַיין וַוייבּ, דוּ זָאלְסְט ווִיסְן אַז מֶען דַארְף זַיין אַ וַתְּרָן, מֶען דַארְף נִישְׁט אַלְץ זַיין גֶערֶעכְט, דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אַ גוּט לֶעבְּן.

# ריא

**אִיךְ בִּין אַ כַּלָה, קֶענְט אִיר מִיר גֶעבְּן הַדְרָכוֹת פַאר'ן נֵייעֶם לֶעבְּן?**

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִם יִרְצֶה ה' דֶעם קוּמֶענְדִיגְן וָואךְ הָאבּ אִיךְ חֲתוּנָה בְּשָׁעָה טוֹבָה וּמֻצְלַחַת. אִיךְ ווִיל זֵייעֶר שְׁטַארְק בֶּעטְן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר צוּ שְׁרַייבְּן אַבִּיסְל עֵצוֹת, שֵׂכֶל אוּן הַדְרָכָה, ווִי אַזוֹי צוּ פִירְן מַיין נֵייעֶ לֶעבְּן.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, ז' שְׁבָט, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

הַכַּלָה ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

מַזָל טוֹב פַאר אַייעֶר חֲתוּנָה בְּשָׁעָה טוֹבָה וּמוּצְלַחַת; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן עֶנְק זָאלְן אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ "בַּיִת נֶאֱמָן בְּיִשְׂרָאֵל", עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע דוֹרוֹת, קִינְדֶער וָואס וֶועלְן לִיכְטִיג מַאכְן דִי וֶועלְט, אָמֵן.

אִיר הָאט מִיר גֶעבֶּעטְן פַאר הַנְהָגוֹת, שֵׂכֶל אוּן הַדְרָכָה פַאר'ן לֶעבְּן.

אִיר ווֵייסְט דָאךְ אַוַדַאי דֶעם סִיפּוּר אַז וֶוען דֶער רֶבִּי'ס טָאכְטֶער אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן זִיךְ בַּאקְלָאגְן אַז אִיר

דִינְסְט אִיז אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען פוּן אִיר אוּן זִי דַארְף אַ דִינְסְט צוּ הֶעלְפְן אִין שְׁטוּב, הָאט אִיר דֶער רֶבִּי גֶעפְרֶעגְט: "הָאסְט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַ דִינְסְט וֶוען דוּ בִּיסְט גֶעשְׁטַאנֶען אוּנְטֶער דִי חוּפָּה?" זֶעט מֶען וָואס פַאר אַ כֹּחַ חָתָן כַּלָּה הָאבְּן בְּיוֹם חוּפָּתָם, מֶען קֶען אִין דֶעם טָאג אַלֶעס פוֹעֵל'ן.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ זִיךְ אוֹיסְצוּרֶעדְן זַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז עֶר אַ גֶעהָאלְפֶענֶער, וַוייל וָואס עֶס וֶועט אַרִיבֶּער גֵיין אוֹיף אִים וֶועט עֶר דֶערְצֵיילְן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן; וָואס עֶס זָאל פַּאסִירְן מִיט אִים וֵוייסְט עֶר אַז דָאס אִיז נִישְׁט קַיין פֶּערְצוּפַאל נָאר דָאס קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט: "וֶוען מֶען וִויל שְׁטְרָאפְן אַ מֶענְטְשׁ, נֶעמְט מֶען אִים אַוֶועק זַיין אֱמוּנָה"; וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ קְלָארֶע רֵיינֶע אוּן לוֹיטֶערֶע אֱמוּנָה, עֶר וֵוייסְט אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער - דוֹמֵם, צוֹמֵחַ, חַי, מְדַבֵּר, אַלֶעס אִיז נָאר עֶצֶם עַצְמִיּוּת חִיוּת אֱלֹקוּתוֹ יִתְבָּרֵךְ, קֶען מֶען אִים נִישְׁט שְׁטְרָאפְן, וַוייל וָואס עֶס וֶועט נָאר פַּאסִירְן מִיט אִים וֵוייסְט עֶר אַז דָאס אִיז נִישְׁט קַיין פֶּערְצוּפַאל אוּן עֶר אִיז דָאס מְקַבֵּל בְּאַהֲבָה.

אַז מֶען וִויל הָאבְּן שֵׂכֶל וִוי אַזוֹי צוּ לֶעבְּן - סַיי מִיט זִיךְ אַלֵיין אוּן כָּל שֶׁכֵּן מִיט אַ מַאן, דַארְף מֶען טוּן וָואס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (אֵיכָה ב, יט): "שִׁפְכִי כַמַּיִם לִבֵּךְ נֹכַח פְּנֵי ה'"

- זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים בֶּעטְן אַז מֶען זָאל וִויסְן ווִי אַזוֹי מֶען דַארְף זִיךְ פִירְן מִיט אַ מַאן אוּן ווִי אַזוֹי מֶען פִירְט זִיךְ מִיט קִינְדֶער וְכוּ', אַזוֹי בַּאקוּמְט מֶען שֵׂכֶל. מוֹהֲרָא"ש זָאגְט: "'שֵׂכֶל' אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת שׁ'פְכִי כַ'מַּיִם לְ'בֵּךְ", דָאס אִיז דִי שֵׂכֶל וָואס דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז, מִיר זָאלְן לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן עֶנְק זָאלְן זוֹכֶה זַיין אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן אַ בַּיִת נֶאֱמָן בְּיִשְׂרָאֵל, עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע דוֹרוֹת, אָמֵן.

## ריב

### קֶענְט אִיר מִיר דֶערְצֵיילְן אַבִּיסְל אִיבֶּער מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַזוֹי ווִי עֶס דֶערְנֶענְטֶערְט זִיךְ דֶער גְרוֹיסֶער טָאג, דִי יוֹמָא דְהִילוּלָא קַדִּישָׁא פוּן כְּבוֹד קְדוּשַּׁת מָרָן מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיבּ אִיר קֶענְט מִיר עֶפֶּעס שְׁרַייבְּן עוֹבְדוֹת וְהַנְהָגוֹת וָואס אִיר הָאט גֶעזֶען בַּיי מוֹהֲרָא"ש בְּמֶשֶׁךְ דִי יָארְן.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ,

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, ז' שְׁבָט, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**מוֹהֲרַא"שׁ** זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט זִיךְ אַוֶועק גֶעגֶעבְּן זַיין גַאנְץ לֶעבְּן פַּאר אַ צְוֵוייטְן אִיד; עֶס אִיז אִים גֶעגַאנְגֶען אִין לֶעבְּן אַז נָאךְ אַ אִיד זָאל וִויסְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאךְ אַ אִיד זָאל וִויסְן אַז עֶר הָאט נָאךְ אַ תַּקָנָה. וֶוער רֶעדְט נָאךְ פוּן שָׁלוֹם בַּיִת; עֶס אִיז אִים גֶעגַאנְגֶען אִין לֶעבְּן אַז נָאךְ אַ אִיד זָאל הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת. מוֹהֲרַא"שׁ הָאט אַלֶעם גֶעלֵייגְט אִין דֶער זַייט וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ הֶעלְפְן אַ פָּארְפָאלְק, זֵיי זָאלְן וִויסְן וִוי אַזוֹי זִיךְ אַן עֵצָה צוּ גֶעבְּן אִין לֶעבְּן.

וֶוען מֶען פְלֶעגְט פְרֶעגְן רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה עֶר זָאל דֶערְצֵיילְן אַ מוֹפֵת פוּן רֶבִּי נָתָן, פְלֶעגְט עֶר זָאגְן: "'אַ מוֹפֵת בִּין אִיךְ' - פוּן 'נַחְמָן וַואסֶער טְרֶעגֶער' אִיז גֶעוָואַרְן 'ר' נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער'"; וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ אִינְגְל אִיז עֶר גֶעוָוארְן אַ יָתוֹם לֹא עָלֵינוּ אוּן זַיין פֶעטֶער הָאט אִים מְגַדֵל גֶעוֶוען, אֵיינְמָאל אִיז רֶבִּי נָתָן גֶעקוּמֶען צוּ גַאסְט אִין שְׁטָאט טוּלְטְשִׁין אוּן עֶר אִיז אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען בַּיי דֶעם פֶעטֶער. רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער - נָאךְ זַייעֶנְדִיג אַ יוּנְגֶער בָּחוּר - הָאט עֶר גֶעהֶערְט וִוי רֶבִּי נָתָן זָאגְט תּוֹרָה, אוּן אִינְמִיטְן דִי תּוֹרָה הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט וֶוערְטֶער וָואס הָאט גֶעכַאפְּט זַיין הַארְץ: "דִי וֶועלְט אִיז נִישְׁט אוּן מֶען קֶען עֶס נִישְׁט בַּאקוּמֶען, תּוֹרָה וּתְפִלָּה

אִיז יָא אוּן מֶען קֶען עֶס בַּאקוּמֶען"; דִי וֶוערְטֶער אִיז אִים אַרַיין אִין הַארְץ אוּן עֶר הָאט גֶעמַאכְט אַ קֶשֶׁר מִיט רֶבִּי נָתָן.

וָוען רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזֶען אַז דֶער בָּחוּר נַחְמָן הָאט אִין זִיךְ אַסַאךְ תְּמִימוּת הָאט עֶר אִים מְקַרֵב גֶעוֶוען אוּן אִים גֶעזָאגְט ווִי אַזוֹי עֶר זָאל לֶערְנֶען וְכוּ', בִּיז עֶר אִיז אוֹיסְגֶעוַואקְסְן אוּן גֶעוָוארְן רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער; פְלֶעגְט עֶר זָאגְן: "'אַ מוֹפֵת בִּין אִיךְ' - פוּן 'נַחְמָן וַואסֶער טְרֶעגֶער' אִיז גֶעוָוארְן 'ר' נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער'".

דֶער הֵיילִיגֶער קְדוּשַׁת לֵוִי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז אַלְס אִינְגֶערְמַאן גֶעפָארְן צוּ זַיין הֵיילִיגֶער רֶבִּי דֶער גְרוֹיסֶער מַגִיד פוּן מֶעזְרִיטְשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן דָארְט גֶעלֶערְנְט פַאר עֶטְלִיכֶע יָאר, וֶוען עֶר אִיז אַהֵיים גֶעקוּמֶען הָאט אִים זַיין שְׁוֶוער וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער מִתְנַגֵד גֶעפְרֶעגְט: "וָואס הָאסְטוּ גֶעלֶערְנְט בַּיי דַיין רֶבִּי'ן?" הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט אַז עֶס אִיז דָא אַ גָאט אוֹיף דֶער וֶועלְט", הָאט דֶער שְׁוֶוער אִים אוֹיסְגֶעלַאכְט אוּן גֶעזָאגְט: "וֶוער וֵוייסְט דֶען נִישְׁט אַז עֶס אִיז דָא אַ גָאט אוֹיף דֶער וֶועלְט, אִיךְ וֶועל אַרַיין רוּפְן דִי דִינְסְט אוּן אִיךְ וֶועל אִיר פְרֶעגְן צִי זִי וֵוייסְט אַז עֶס אִיז דָא אַ גָאט אוֹיף דֶער וֶועלְט, וֶועט זִי אוֹיךְ ווִיסְן", אַזוֹי הָאט עֶר גֶעטוּן אוּן דִי דִינְסְט רוּפְט זִיךְ אָן: "וָואס פַאר אַ פְרַאגֶע אִיז דָאס? אַוַדַאי אִיז דָא אַ גָאט אוֹיף דֶער וֶועלְט!"

פְרֶעגְט עֶר זַיין אֵיידֶעם: "פַארְוָואס הָאסְטוּ גֶעדַארְפְט אַוֶועק פָארְן פוּן שְׁטוּבּ פַאר אַזַא לַאנְגֶע צַייט צוּ לֶערְנֶען אַז

עֶס אִיז דָא אַ גָאט אוֹיף דֶער וֶועלְט, קוּק אוֹיף דִי דִינְסְט, זִי וֵוייסְט אוֹיךְ אַז עֶס אִיז דָא אַ גָאט אוֹיף דֶער וֶועלְט, אָן פָּארְן צוּ אַ רֶבִּי?!" הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בַּארְדִיטְשׁוּבֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעעֶנְטְפֶערְט פַאר זַיין שְׁוֶוער: "יָא יָא, זִי זָאגְט אַז עֶס אִיז דָא אַ גָאט אוֹיף דֶער וֶועלְט, אָבֶער אִיךְ לֶעב מִיט דֶעם".

**אִין** דֶעם וָוארְט לִיגְט זֵייעֶר אַסַאךְ; מֶענְטְשְׁן פְרֶעגְן כְּסֵדֶר פַארְוָואס מִיר דַארְפְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן וֶוען מִיר עֶנְטְפֶערְן אַז מִיר דַארְפְן דֶעם רֶבִּי'ן וַוייל עֶר בְּרֶענְגְט אִין אוּנְז אַרַיין אֱמוּנָה - אַז מִיר זָאלְן לֶעבְן מִיט'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מִיר זָאלְן אִים אַלֶעס בֶּעטְן, דְרוּקְט מֶען זִיךְ אוֹיס מִיט וואוּנְדֶער: "וֶוער וֵוייסְט דֶען נִישְׁט אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער אוּן מֶען קֶען אִים אַלֶעס בֶּעטְן?!" אָבֶער דֶער אֱמֶת אִיז אַז "יֶעדֶער וֵוייסְט אַז עֶס אִיז דָא אַ גָאט אוֹיף דִי וֶועלְט, אָבֶער מִיר לֶעבְן מִיט'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן".

**דָאס** אִיז וָואס אִיךְ קֶען דִיר דֶערְצֵיילְן פוּן מוֹהֲרָא"ש אוּן דָאס אִיז מוֹהֲרָא"ש'ס מוֹפֵת, אַז עֶר הָאט גֶענוּמֶען פְּשׁוּט'ע אִידְן אוּן זֵיי גֶעבְּרֶענְגְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וֶוען אִיךְ קוּק אוֹיף מִיר טְרַאכְט אִיךְ צוּ מִיר: 'דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע מוֹפֵת פוּן מוֹהֲרָא"ש, אַז עֶר הָאט אִין מִיר גֶעקֶענְט אַרַיין לֵייגְן אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אִיךְ זָאל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן'.

קוּק וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רמט): "וְעִקַּר הַחִדּוּשִׁים וְהַמּוֹפְתִים הַנּוֹרָאִים שֶׁרָאִינוּ

מִמֶּנּוּ ז"ל, הוּא רַק בְּעִנְיַן הִתְקָרְבוּת יִשְׂרָאֵל לַאֲבִיהֶם שֶׁבַּשָּׁמַיִם", דֶער עִיקָר מוֹפְתִים וָואס מִיר הָאבְּן גֶעזֶען בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען נָאר אִינֶעם עִנְיָן פוּן מְקָרֵב זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער, "שֶׁתֵּכֶף כְּשֶׁנִּכְנַס אֶחָד אֶצְלוֹ וְרָצָה לְהִתְקָרֵב לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, תֵּכֶף נֶהְפַּךְ מִיָּד לְאִישׁ אַחֵר מַמָּשׁ", יֶעדֶעס מָאל וֶוען אֵיינֶער אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוּן עֶר הָאט גֶעוָואלְט וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶע אִיד, הָאט מֶען גֶעזֶען ווִי דֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט אַן אַנְדֶערֶער מֶענְטְשׁ אִינְגַאנְצְן.

וֶוען אֵיינֶער בֶּעט מִיר אַז אִיךְ זָאל אִים דֶערְצֵיילְן מוֹפְתִים פוּן מוֹהֲרַא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה וְכוּ', דֶערְצֵייל אִיךְ וָואס עֶס אִיז בַּיי מִיר דֶער גְרֶעסְטֶער מוֹפֵת אוּן דִי גְרֶעסְטֶע צִדְקוּת, אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל שְׁטֵיין אוּן רֶעדְן מִיט מֶענְטְשְׁן אִיבֶּער פוּפְצִיג יָאר, בְּשַׁעַת דִי אַלֶע מֶענְטְשְׁן וָואס עֶר הָאט גֶעהָאלְפְן - רוּבָּם כְּכוּלָּם, זֶענֶען גֶעוָוארְן זַיינֶע מִתְנַגְדִים; אַסַאךְ מַנְהִיגִים - סַיי אִין בְּרֶסְלֶב אוּן סַיי אִין דִי וֶועלְט הָאבְּן גֶענוּמֶען חִיזּוּק פוּן דֶעם צַדִּיק אוּן גֶערֶעדְט הָאבְּן זֵיי אַלֶע אוֹיף אִים מִיט אַ גְרִינְגְשֶׁעצוּנְג אוּן דֶער חִידוּשׁ אִיז: "וַיִּפְנוּ מִשָּׁם הָאֲנָשִׁים - וַיֵּלְכוּ סְדֹמָה, וּמוֹהֲרַא"שׁ עוֹדֶנּוּ עֹמֵד לִפְנֵי ה'..." מוֹהֲרַא"שׁ אִיז וַוייטֶער גֶעגַאנְגֶען אוֹיף זַיין וֶועג, עֶר הָאט וַוייטֶער מְגַלֶּה גֶעוֶוען פַאר אַלֶעמֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'נְ'ס עֵצוֹת, וַוייטֶער גֶעשְׁרִיבְּן סְפָרִים וָואס זֶענֶען מְחַיֶּה' וּמְחַזֵּק דִי גַאנְצֶע וֶועלְט בְּלִי שׁוּם גֻּזְמָא.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (עֲבוֹדָה זָרָה ח:) אַז דִי רוֹמִים הָאבְּן גֶעמַאכְט אַ גְזֵירָה אוֹיף דִי אִידְן אַז מֶען טָאר

נִישְׁט גֶעבְּן קַיין סְמִיכָה פַאר קֵיינֶעם און וֶוער עֶס וֶועט גֶעבְּן סְמִיכָה וֶועט מֶען אִים הַרְגֶ'נֶען, אַזוֹי אוֹיךְ וֶועט מֶען הַרְגֶ'נֶען דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט וואו מֶען הָאט גֶעגֶעבְּן סְמִיכָה וְכוּ'. זָאגְן חַזַ"ל: "בְּרַם זָכוּר אוֹתוֹ הָאִישׁ לַטוֹב וְרַבִּי יְהוּדָה בֶּן בָּבָא שְׁמוֹ", מֶען דַארְף גֶעדֶענְקֶען דָאס מְסִירַת נֶפֶשׁ פוּן דֶעם גְרוֹיסְן צַדִיק רֶבִּי יְהוּדָה בֶּן בָּבָא, וַוייל וֶוען נִישְׁט אִים וָואלְט וֶוען פַארְגֶעסְן גֶעוָוארְן גֶעוִויסֶע הֲלָכוֹת וְכוּ'. וָואס הָאט עֶר גֶעטוּן? עֶר הָאט גֶענוּמֶען פִינְף תַּנָּאִים און זִיךְ בַּאהַאלְטְן מִיט זֵיי צְווִישְׁן צְוֵויי בֶּערְג און זֵיי דָארְט גֶעגֶעבְּן סְמִיכָה. וֶוען עֶר הָאט גֶעזֶען אַז דִי רוֹמִים קוּמֶען הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים: "אַנְטְלוֹיפְט, אַז אִיר זָאלְט בְּלַייבְּן לֶעבְּן", הָאבְּן זֵיי אִים גֶעפְרֶעגְט: "רֶבִּי, וְאַתָּה מַה תְּהֵא עָלֶיךָ?" רֶבִּי, אִיר קֶענְט דָאךְ נִישְׁט אַנְטְלוֹיפְן - וַוייל עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ זָקֵן - וָואס וֶועט זַיין מִיט אַייךְ? הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט: "הֲרֵינִי מוּטָל לִפְנֵיהֶם כְּאֶבֶן שֶׁאֵין לָהּ הוֹפְכִין", אִיךְ וֶועל דָא בְּלַייבְּן לִיגְן ווִי אַ שְׁטֵיין וָואס הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם הֶרְגֵשׁ, זָאלְן זֵיי מִיר כַאפְּן און הַרְגֶ'נֶען כְּדֵי אִיר זָאלְט זִיךְ קֶענֶען רַאטֶעוֶוען.

דִי תַּלְמִידִים הָאבְּן זִיךְ טַאקֶע גֶערַאטֶעוֶועט און אִים הָאט מֶען גֶעכַאפְּט. דֶערְצֵיילְט דִי גְמָרָא: "לֹא זָזוּ מִשָּׁם עַד שֶׁנָּעֲצוּ לְגוּפוֹ ג' מֵאוֹת לוּלְנְיָאוֹת שֶׁל בַּרְזֶל, וַעֲשָׂאוּהוּ לְגוּפוֹ כִּכְבָרָה", זֵיי הָאבְּן אִים נִישְׁט אָפְּגֶעלָאזְט בִּיז מֶען הָאט אִין אִים אַרַיין גֶעשְׁטָאכְן דְרֵיי הוּנְדֶערְט מֶעסֶערְס, בִּיז זַיין הֵיילִיגֶע גוּף אִיז גֶעוָוארְן גֶעלֶעכֶערְט ווִי אַ זִיפּ.

**דָאס** אִיז אַ מוֹפֵת, דָאס אִיז אַ צַדִיק; עֶר אִיז גְרֵייט מֶען זָאל אִים שְׁטֶעכְן מִיט דְרַיי הוּנְדֶערְט מֶעסֶערְס אַבִּי עֶס זָאל נִישְׁט פַארְגֶעסְן וֶוערְן דִי תּוֹרָה בַּיי אִידִישֶׁע קִינְדֶער. וְויפִיל מֶען רֶעדְט אוֹיף אִים אוּן וְויפִיל מֶען שְׁפֵּייט אוֹיף אִים, אִיז עֶר בַּיי זִיךְ אַזוֹי בָּטֵל, אַז עֶר גֵייט וַוייטֶער אָן מִיט זַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט צוּ פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי וֶועלְט.

**דֶער** רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן עב) אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ צוּגְעוואוֹינֶען צוּ זַיין אַזוֹי וִוי דֶער עֶרְד; דִי עֶרְד וֶוערְט נִישְׁט בְּרוֹגֶז אוֹיף מֶענְטְשְׁן וֶוען מֶען טְרֶעט אוֹיף אִיר, מֶען שְׁפֵּייט אוֹיף אִיר אוּן מֶען וַוארְפְט מִיסְט אוֹיף אִיר וְכוּ' וְכוּ', דִי עֶרְד גֶעבְּט וַוייטֶער אַרוֹיס אַלֶע גוּטֶע פְּרוּכְט אוּן אַלֶע מֶענְטְשְׁלִיכֶע בַּאדֶערְפֶענִישְׁן. אַזוֹי אוֹיךְ דַארְף אַ מֶענְטְשׁ זַיין אַ גוּטֶער אוּן אַ גֶעבֶּער; אֲפִילוּ מֶען שְׁפֵּייט אוֹיף אִים אוּן אֲפִילוּ מֶען רֶעדְט אוֹיף אִים זָאל עֶר וַוייטֶער זַיין גוּט צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם. דָאס אִיז אוֹיפְ'ן שְׁפִּיץ גָאפְּל וָואס אִיךְ קֶען דִיר זָאגְן אַז אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ; עֶר אִיז גֶעוֶוען כְּאַסְקֻפָּה הַנִּדְרֶסֶת פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן נָאכְגֵיין זַיינֶע וֶועגְן, מִיר זָאלְן פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי הֵיילִיגֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן, בִּיז מִיר וֶועלְן זוֹכֶה זַיין צוּ דִי גְאוּלָה שְׁלֵימָה בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן.

# ריג

## ווִי אַזוֹי אִיז מֶען אַ גוּטֶער בָּחוּר אִין יְשִׁיבָה?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ בָּחוּר אִין יְשִׁיבָה, אִיךְ וִויל זִיךְ צוּשְׁטֶעלְן צוּ דִי סְדָרִים אוּן זַיין וואוֹיל, אָבֶער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט הָאבּ אִיךְ מוֹרָא אַז אַנְדֶערֶע בָּחוּרִים וֶועלְן מִיר אַרָאפְּקוּקְן אוּן פַארְשֶׁעמֶען אַז אִיךְ בִּין אַ נֶעבֶּעךְ ווייל אִיךְ שְׁטֶעל זִיךְ צוּ צוּ אַלֶע פַארְלַאנְגֶען פוּן מַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה אוּן דִי מַשְׁגִּיחִים.

יְיַשֵׁר כֹּחַ.

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, י"ב שְׁבַט, שְׁנַת תשע"ח לִפְרַט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**וואוֹיל** אִיז דִיר אַז דוּ ווִילְסְט זִיךְ צוּשְׁטֶעלְן צוּ אַלֶעס וָואס מֶען פַארְלַאנְגְט אִין יְשִׁיבָה.

**חֲכָמֵינוּ** זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּנָּא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּה, א): "דֶּרֶךְ אֶרֶץ קָדְמָה לַתּוֹרָה", דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ אִיז דֶּרֶךְ אֶרֶץ אוּן מִידוֹת טוֹבוֹת; אַ בָּחוּר וָואס פִּירְט זִיךְ מִיט דֶּרֶךְ אֶרֶץ צוּ זַיינֶע מַגִּידֵי שִׁיעוּרִים אוּן רָאשֵׁי יְשִׁיבוֹת אִיז אַ סִימָן אַז עֶר הָאט יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן עֶר וֶועט מַצְלִיחַ זַיין אִין לֶעבְּן. בַּיים רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער יְסוֹד דֶּרֶךְ אֶרֶץ וּמִידוֹת טוֹבוֹת, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "וֶוען קֶענִיגְן וָואלְטְן גֶעווּאוּסְט

וָואס פַאר אַ דֶרֶךְ אֶרֶץ אִיךְ לֶערְן אוֹיס פַאר מַיינֶע תַּלְמִידִים, וָואלְטְן זֵיי גֶעשִׁיקְט זֵייעֶרֶע קִינְדֶער צוּ מִיר אִיךְ זָאל זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען דֶרֶךְ אֶרֶץ".

**חֲכָמֵינוּ** זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יוֹמָא פּו.) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (דְבָרִים ו, ה): "וְאָהַבְתָּ אֵת ה' אֱלֹקֶיךָ" - שֶׁיְּהֵא שֵׁם שָׁמַיִם מִתְאַהֵב עַל יָדְךָ", אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זֶען אַז דוּרְךְ אִים זָאלְן מֶענְטְשְׁן לִיבּ הָאבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; וָוען אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוּן עֶר אִיז מְשַׁמֵּשׁ תַּלְמִידֵי חֲכָמִים, אוּיבּ פִירְט עֶר זִיךְ אוֹיף מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, וָואס זָאגְן מֶענְטְשְׁן? "אַשְׁרֵי אָבִיו, אַשְׁרֵי רַבּוֹ - שֶׁלִּמְּדוּ תּוֹרָה", ווארויל זֶענֶען זַיינֶע עֶלְטֶערְן אוּן ווארויל אִיז פַאר זַיינֶע רֶבִּי'ס וָואס הָאבְּן אִים גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה. ווידֶער פַארְקֶערְט, וָוען מֶען זֶעט אַ מֶענְטְשׁ וָואס לֶערְנְט נִישְׁט, זָאגְט מֶען: "אוֹי לָהֶם לַבְּרִיּוֹת שֶׁלֹּא לָמְדוּ תּוֹרָה", וֵויי אִיז פַאר דִי מֶענְטְשְׁן וָואס לֶערְנֶען נִישְׁט קַיין תּוֹרָה; קוּק וִוי שֵׁיין דֶער מֶענְטְשׁ וָואס לֶערְנְט תּוֹרָה פִירְט זִיךְ אוֹיף, אוֹיף אִים אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן דֶער פָּסוּק (יְשַׁעְיָה מט, ג): "וַיֹּאמֶר לִי עַבְדִּי אָתָּה, יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר בְּךָ אֶתְפָּאָר", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט: "אִיךְ בַּארִים זִיךְ מִיט דִיר". אָבֶּער דֶער וָואס פִירְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, וָואס זָאגְן מֶענְטְשְׁן? "אוֹי לוֹ לִפְלוֹנִי שֶׁלָּמַד תּוֹרָה, אוֹי לוֹ לְאָבִיו וּלְרַבּוֹ שֶׁלִּמְּדוּ תּוֹרָה", וֵויי פַאר אִים אוּן וֵויי פַאר זַיינֶע עֶלְטֶערְן אוּן רֶבִּי'ס וָואס הָאבְּן אִים גֶעלֶערְנְט וְכוּ'; עַיֵּין שָׁם.

**וָוען** דַיינֶע חֲבֵרִים וֶועלְן זֶען וִוי דוּ שְׁטֶעלְסְט זִיךְ צוּ צוּם סֵדֶר הַיְשִׁיבָה וֶועלְן זֵיי דִיר נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען, פַארְקֶערְט

מֶען וֶועט דִיר מְכַבֵּד זַיין אוּן שֶׁעצְן, דוּ וֶועסְט טְרֶעפְן חֵן וְשֵׂכֶל טוֹב בְּעֵינֵי אֱלֹקִים וְאָדָם. דִי אַלֶע בָּחוּרִים וָואס זָאגְן אַז מֶען טְשֶׁעפֶּעט זֵיי אִין יְשִׁיבָה וְכוּ׳, זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל זֶענֶען זֵיי זִיךְ אַלֵיינְס וֶוערְד דָאס גֶעלְט, זֵיי רֵייצְן זִיךְ מִיט בָּחוּרִים אוּן זָאגְן מוּסָר פַאר חֲבֵרִים, וָואס דָאס מַאכְט אַז אַלֶע זָאלְן זִיךְ נֶעמֶען אוֹיף אִים.

**אַז** אַ בָּחוּר דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר לֶערְנְט אוּן דַאוֶּוענְט, עֶר אִיז נִישְׁט פַּארְנוּמֶען מִיט אַ צְוֵוייטְנְ׳ס רוּחָנִיוּת - וֶועט אִים קֵיינֶער נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען. אִין בְּרֶסְלֶב הָאט מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן אוֹיף אַ צְוֵוייטְנְ׳ס גַשְׁמִיּוּת אוּן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע רוּחָנִיוּת.

**זוּךְ** נִישְׁט צוּ זַיין דֶער מַשְׁגִיחַ אוֹיף דִי בָּחוּרִים אוּן לוֹיף נִישְׁט דֶערְצֵיילְן יֶעדֶע מָאל וֶוען דִי בָּחוּרִים זֶענֶען אַבִּיסְל לֶעבֶּעדִיג וְכוּ׳; גֵיי דִיר דַיין וֶועג וֶועט דִיר קֵיינֶער נִישְׁט שְׁטֶערְן.

**דִי** בָּחוּר׳ישֶׁע יָארְן זֶענֶען פוּן אַיין זַייט זֵייעֶר שְׁוֶוער, וַוייל מֶען וַוארְט אוֹיף אַ שִׁידוּךְ אוּן דֶער יֵצֶר הָרַע בְּרֶענְט אוּן פְלַאקֶערְט וְכוּ׳, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט, אוֹיב אַ בָּחוּר נוּצְט אוֹיס זַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן קֶען עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ זֵייעֶר שֵׁיינֶע זַאכְן. אַלְס בָּחוּר הָאט מֶען נָאךְ נִישְׁט דֶעם עוֹל הַפַּרְנָסָה, קִינְדֶער וְכוּ׳, מֶען קֶען זִיצְן אוּן לֶערְנֶען אוּן עֶנְדִיגְן כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ.

**דֶער** רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ "סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד" (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו) וָואס אִיז אַ דָּבָר הַשָּׁוֶה לְכָל נֶפֶשׁ, יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען אוּן מְסַיֵּם זַיין דִי גַאנְצֶע

תּוֹרָה דוּרְךְ דֶעם סֵדֶר. בִּפְרַט אַ בָּחוּר, אוֹיבּ הָאט עֶר שֵׂכֶל אוּן נוּצְט אוֹיס זַיינֶע טֶעג אוּן יָארְן, קֶען עֶר אִין אַ קוּרְצֶע צַייט אָנְקוּמֶען גָאר אַסַאךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# ריד

## אוֹיבּ וֵויינֶען הָאט נִישְׁט גֶעהָאלְפְן, ווִי אַזוֹי וֶועלְן פָּשׁוּט'ע תְּפִילוֹת הֶעלְפְן?

### שְׁאֵלָה:

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

נָאכְאַמָאל אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי טֵייעֶרֶע שִׁיעוּרִים וָואס זֶענֶען מַמָּשׁ כְּמַיִם קָרִים עַל נֶפֶשׁ עֲיֵיפָה.

אִיךְ זֶע נָאכְאַלְץ נִישְׁט קַיין גַאנְצֶע יְשׁוּעָה מִיט מַיין זוּן וָואס הָאט לֵיידֶער אַוֶועק גֶעגְלִיטְשְׁט, כָאטְשׁ וָואס אִיךְ לֶערְן מִיט אִים אוֹיפְ'ן טֶעלֶעפָאן יֶעדְן טָאג מִשְׁנָיוֹת, וֵויים אִיךְ אָבֶּער נִישְׁט וואוּ עֶר הַאלְט מִיט זַיין אִידִישְׁקֵייט אוּן מִיטְ'ן הִיטְן שַׁבָּת.

אַמָאל פְלֶעג אִיךְ זֵייעֶר אַסַאךְ וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיבֶּער דֶעם, מַיינֶע אוֹיגְן פְלֶעגְן מַמָּשׁ ווִיי טוּן פוּן אַזוֹיפִיל וֵויינֶען, אָבֶּער יֶעצְט הָאבּ אִיךְ מֶער נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ וֵויינֶען, אִיךְ בֶּעט טַאקֶע אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער אָן וֵויינֶען, אוּן אִיךְ טְרַאכְט צוּ זִיךְ אַז אוֹיבּ הָאבְּן דִי שְׁטוּרֶעמִישֶׁע תְּפִלּוֹת מִיט גְרוֹיס גֶעוֵויין נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיפְטוּן אוּן בְּרֶענְגֶען דִי גַאנְצֶע יְשׁוּעָה, ווִי אַזוֹי וֶועלְן דִי פָּשׁוּט'ע תְּפִלּוֹת יָא הֶעלְפְן?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעם.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, י"ב שְׁבָט, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**דֶער** רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן קיב): "וְהַמַּשְׂכִּיל הַמֵּבִין יֵשׁ לוֹ לְהִתְפַּלֵּל כָּל יָמָיו שֶׁיִּזְכֶּה פַּעַם אֶחָד כָּל יְמֵי חַיָּיו לְדַבֵּר דִּבּוּר אֶחָד שֶׁל אֱמֶת לִפְנֵי ה' כָּרָאוּי", אַ מֶענְטְשׁ דַארְף אַ גַאנְץ לֶעבְּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ מִתְפַּלֵּל זַיין כָּאטְשׁ אֵיין אֱמֶת'ע תְּפִילָה אִין זַיין לֶעבְּן; אָבֶּער דֶער רֶבִּי זָאגְט נִישְׁט אַ סִימָן מֶען זָאל ווִיסְן וֶוען מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ דִי אֱמֶת'ע תְּפִילָה.

**קֵיינֶער** ווֵייסְט נִישְׁט וֶוען דִי אֱמֶת'ע תְּפִילָה קוּמְט אַרוֹיס פוּנֶעם מֶענְטְשׁ; אַ מֶענְטְשׁ מֵיינְט אַז וֶוען מֶען גִיסְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ וְכוּ' אִיז דָאס זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער וֶוען מֶען אִיז פַארְמַאכְט אוּן מֶען קֶען אֲפִילוּ נִישְׁט וֵויינֶען, קוֹים וָואס מֶען קֶען אַרוֹיס זָאגְן אַ וָוארְט - דָאס אִיז נִישְׁט חָשׁוּב, עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי; אַמָאל קֶען זַיין אַז דַוְקָא וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ אִיז אַזוֹי צֶעקְלַאפְּט וְכוּ', עֶר דַאוֶוענְט אוּן בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן טְרוּקֶענֶערְהֵייט וְכוּ', דֶעמָאלְט קוּמְט אַרוֹיס פוּן אִים אַ דִיבּוּר אֱמֶת.

**דֶער** רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן צה): וֶוען אַ מֶענְטְשׁ דַאוֶוענְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאל עֶר נִישְׁט טְרַאכְטְן: 'וֶוען גֵיי אִיךְ שׁוֹין אַבִּיסְל וֵויינֶען?' 'וֶוען גֵיי אִיךְ קֶענֶען בֶּעטְן מִיט טְרֶערְן?' ווַייל דָאס אַלֵיין אִיז מַחְשָׁבוֹת זָרוֹת; נָאר וֶוען מֶען

דַאוֶוענְט דַארְף מֶען טְרַאכְטְן וָואס מֶען זָאגְט אוּן נִישְׁט וֶועלְן עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ. חוּץ פוּן דֶעם זָאגְט דֶער רֶבִּי, אַז אוֹיבּ מֶען וַוארְט צוּ וַויינֶען וֶועט מֶען בֵּיידֶע נִישְׁט הָאבְּן - נִישְׁט דָאס וַויינֶען אוּן נִישְׁט דָאס דַאוֶוענֶען.

**דֶערְפַאר** זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל זַיין צִי דוּ וַויינְסְט יָא, צִי דוּ וַויינְסְט נִישְׁט; דוּ זָאלְסְט וַוייטֶער בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דַיין קִינְד עֶר זָאל תְּשׁוּבָה טוּן. קוּק נִישְׁט אוֹיף דִי אַלֶע מַחֲשָׁבוֹת וְכוּ' וָואס דָאס קוּמְט פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע. דֶער יֵצֶר הָרָע הָאט זֵייעֶר מוֹרָא פוּן תְּפִילָה, דֶערְפַאר זוּכְט עֶר צוּ מְבַלְבֵּל זַיין דֶעם מֶענְטְשׁ מִיט אַלֶע סָארְט קָאפּ דְרֵייעֶנִישְׁן וְכוּ'.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## רטו

**מֶעג מֶען וַויינֶען אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּם שַׁבָּת?**

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע אַייעֶרֶע שִׁיעוּרִים, עֶס הֶעלְפְט מִיר זֵייעֶר אַסַאךְ אִין מַיין לֶעבְּן.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיבּ מֶען מֶעג שַׁבָּת מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת, צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן וַויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּם שַׁבָּת, אָדֶער טָאר מֶען שַׁבָּת נִישְׁט וַויינֶען אוּן בֶּעטְן?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, י"ג שְׁבָט, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**עֶס** ווערְט גֶע'פַּסְקְ'נט (אוֹרַח חַיִים, סִימָן רפח, בְּטוּרֵי זָהָב סְעִיף קָטָן ב) אַז אוֹיבּ אֵיינֶער הָאט הֲנָאָה ווען עֶר ווֵיינְט, עֶר שְׁפִּירְט זֵייעֶר גוּט נָאכְדֶעם ווָאס עֶר רֶעדְט זִיךְ אוֹיס זַיין הַארְץ צוּם אייבֶּערְשְׁטְן אוּן טוּט תְּשׁוּבָה וְכוּ' - מֶעג עֶר ווֵיינֶען שַׁבָּת, ווַייל דָאס אִיז זַיין עוֹנֶג שַׁבָּת; דֶערְפַּאר אִיז נִישְׁט קַיין שׁוּם פְּרָאבְּלֶעם זִיךְ צוּ מִתְבּוֹדֵד זַיין אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ.

**דֶער** רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִידוֹת, אוֹת תְּפִלָּה, סִימָן מח): "שַׁבָּת וְרֹאשׁ חֹדֶשׁ יוֹתֵר מְסֻגָּל לְהַעֲלוֹת הַתְּפִלָּה", שַׁבָּת אִיז אַ צַייט ווָאס אַלֶע תְּפִלוֹת גֵייעֶן אַרוֹיף צוּם אייבֶּערְשְׁטְן; דֶערְפַּאר, ווָאוּיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ ווָאס נוּצְט אוֹיס דִי צַייט פוּן שַׁבָּת קוֹדֶשׁ זִיךְ מִתְבּוֹדֵד צוּ זַיין מִיטְ'ן אייבֶּערְשְׁטְן, עֶר דֶערְצֵיילְט פַאר'ן אייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס ווָאס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים וְכוּ' וְכוּ', דֶער ווֶעט זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע גוּטֶע זַאכְן.

**דֶער** אייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# רטז

## ווי אַזוֹי קֶען אִיךְ הֶעלְפְן מַיין חַבֶר, וָואס אֵיינֶער ווִיל אִים אַרָאפְּפִירְן פוּן וֶועג.

### שְׁאֵלָה:

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

קוֹדֶם ווִיל אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַּארְ'ן קוּנְטְרֵס "עֲצָתוֹ אֱמוּנָה" וָואס אִיךְ הָאב בַּאקוּמֶען פוּן אַ חַבֶר, עֶס הָאט מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק מְחַיֶּ' גֶעוֶועזְן און גֶעגֶעבְן עֵצוֹת אוֹיף אַסַאךְ זַאכְן.

אִיךְ הָאב אַ חַבֶר, אַ זֶעכְצְן יֶעריגֶער בָּחוּר וָואס אַרְבֶּעט אַ הַאלְבֶּע טָאג און אַ הַאלְבֶּע טָאג זִיצְט עֶר אִין יְשִׁיבָה. דִי וָואךְ דֶערְצֵיילְט עֶר מִיר אַז אַ סֶעילְסְמַאן, אַ פְרֵייעֶר אִיד, פוּן אֵיינֶע פוּן דִי קָאמְפַּאנִים וָואס בְּרֶענְגֶען סְחוֹרָה צוּ דִי פְּלַאץ וואוּ עֶר אַרְבֶּעט, אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר גוּט מִיט אִים אִין עֶר שְׁמוּעֶסְט אַסַאךְ מִיט אִים, און בְּתוֹךְ הַדְבָרִים פְרֶעגְט עֶר אִים קַשְׁיוֹת אוֹיף דִי אֱמוּנָה. אוֹיךְ ווִיל אִים יֶענֶער אַרוֹיסְנֶעמֶען צוּ רֶעסְטוֹרַאנְטְן פַאר נַאכְטְמָאל.

אִיךְ פַארְשְׁטֵיי אַז דָאס אִיז זֵייעֶר נִישְׁט גוּט פַאר אִים, און עֶר אִיז אַ תָּמִים, עֶר כַאפְּט נִישְׁט דִי גְרוּב וָואס עֶר גְרָאבְּט זִיךְ אַלֵיין. אִיךְ הָאב פְּרוּבִירְט אִים מַסְבִּיר צוּ זַיין, אָבֶער עֶר הָאט בִּכְלַל נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס אִיז דֶער פְּרָאבְּלֶעם, עֶר פְרֵיידְט זִיךְ אַז אֵיינֶער גֶעבְּט אִים אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקֵייט.

וָואס נָאךְ קֶען אִיךְ טוּן אִים צוּ הֶעלְפְן און רַאטֶעוֶועןן?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת יִתְרוֹ, י"ג שְׁבַט, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**זַיי אִים מְחַזֵק עֶר זָאל הָאבְּן אַיינֶעם אִין לֶעבְּן וֶועם עֶר זָאל** פְּרֶעגְן יֶעדֶע זַאךְ, זַיי אִים מְחַזֵק עֶר זָאל זַיין מְקוּשָׁר צוּ אַן עֶרְלִיכְן אִיד, אַ דַיָין, אַ רַב, אָדֶער זַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה פוּן וֶועם עֶר זָאל פְּרֶעגְן זַיינֶע שְׁאֵלוֹת אוּן מִיט וֶועם עֶר וֶועט זִיךְ שְׁפִּירְן בַּאקְוֶועם צוּ רֶעדְן אוּן דֶערְצֵיילְן וָואס עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים.

**דֶער** רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידּוֹת, אוֹת בָּנִים, סִימָן סו): "מִי שֶׁהוּא מַקְטִין אֶת עַצְמוֹ בִּפְנֵי רַבּוֹ וְשׁוֹאֵל מִמֶּנּוּ כָּל הַסְּפֵקוֹת, אַף עַל פִּי שֶׁרַבּוֹ מְבַיֵּשׁ אוֹתוֹ, עַל יְדֵי זֶה זוֹכֶה שֶׁיּוֹצֵא מִמֶּנּוּ בֵּן שֶׁהוּא גָּדוֹל בַּתּוֹרָה יוֹתֵר מֵרַבּוֹ", וֶוער עֶס פְּרֶעגְט אַלֶע זַיינֶע סְפֵיקוֹת פוּן זַיין רֶבִּי אוּן אֲפִילוּ דֶער רֶבִּי פַארְשֶׁעמְט אִים פְּרֶעגְט עֶר וַוייטֶער אַלֶע זַיינֶע סְפֵיקוֹת, וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן קִינְדֶער וָואס וֶועלְן זַיין גְרֶעסֶערֶע תַּלְמִידֵי חֲכָמִים וִוי זַיין רֶבִּי; אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ד.): דָּוִד הַמֶּלֶךְ פְּלֶעגְט פְּרֶעגְן זַיין רֶבִּי מְפִיבֹשֶׁת: "מְפִיבֹשֶׁת רַבִּי, יָפֶה דַּנְתִּי? יָפֶה חִיַּבְתִּי? יָפֶה זִכִּיתִי? יָפֶה טִהַרְתִּי? יָפֶה טִמֵּאתִי? וְלֹא בּוֹשְׁתִּי"; דֶערְפַאר הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ הָאבְּן אַ זוּן וָואס אִיז גֶעוֶוען גְרֶעסֶער אִין לֶערְנֶען פוּן זַיין רֶבִּי.

וָוען דוּ רֶעדְסְט מִיט אַ חָבֵר און דוּ זֶעסְט אַז עֶר פִּירְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין און דוּ טְרַאכְטְסְט צִי דוּ זָאלְסְט אִים זָאגְן מוּסָר אָדֶער נִישְׁט, דַארְפְסְטוּ גֶעדֶענְקֶען אַז דִי ווִיכְטִיגְסְטֶע זַאךְ אִיז אִים צוּ מְחַזֵּק זַיין עֶר זָאל הָאבְּן שַׁייכוּת מִיט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, זִיךְ מִיט אִים דוּרְךְ רֶעדְן און פְרֶעגְן זַיינֶע שְׁאֵלוֹת. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ב, ה): "וְלֹא הַבַּיְשָׁן לָמֵד"; מֶען דַארְף יֶעדֶע זַאךְ פְרֶעגְן און זִיךְ נִישְׁט שֶׁעמֶען.

יֶעצְט צוּם עֶצֶם שְׁאֵלָה, צִי עֶר זָאל אַרוֹיס גֵיין עֶסְן מִיט דֶעם סֶעילְסְמַאן וְכוּ'; דָאס אִיז דֶער וֶועג וִוי אַזוֹי דֶער יֵצֶר הָרָע כַאפְּט אַרַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט אִין דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם חָכָם וְתָם (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ט): "וָוען דֶער חָכָם הָאט בַּאקוּמֶען דִי בְּרִיוו פוּן דֶער שָׁלִיחַ פוּנֶעם קֶענִיג הָאט עֶר גֶעמַאכְט אַ גְרוֹיסֶע סְעוּדָה און אִינְמִיטְן דִי סְעוּדָה הָאט דֶער חָכָם אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ רֶעדְן קֶעגְן דִי אֱמוּנָה", עַיֵּן שָׁם; דָאס אִיז דֶער וֶועג פוּן דֶער יֵצֶר הָרָע, עֶר מַאכְט אַ סְעוּדָה און דֶעמָאלְט בְּרֶענְגְט עֶר אַרַיין סְפֵיקוֹת אִין דִי אֱמוּנָה.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (עֲבוֹדָה זָרָה ח.): אוֹיבּ מֶען גֵייט עֶסְן מִיט אַ גוֹי אַ סְעוּדָה, "אַף עַל פִּי שֶׁאוֹכְלִין מִשֶּׁלָּהֶן וְשׁוֹתִין מִשֶּׁלָּהֶן", אֲפִילוּ דֶער אִיד בְּרֶענְגְט זִיךְ מִיט זַיינֶע אֵייגֶענֶע כָּשֵׁר'ע עֶסְן, "מַעֲלָה עֲלֵיהֶם הַכָּתוּב כְּאִילוּ אָכְלוּ מִזִּבְחֵי מֵתִים", רֶעכְנְט דָאס דִי תּוֹרָה וִוי דֶער אִיד עֶסְט פְלֵייש וָואס מֶען הָאט מַקְרִיב גֶעוֶוען פַאר עֲבוֹדָה זָרָה, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (שְׁמוֹת לד, טו): "וְקָרָא לְךָ וְאָכַלְתָּ מִזִּבְחוֹ", פוּן

וֶוען דֶער גוֹי רוּפְט דִיר צוּ עֶסְן מִיט אִים, רֶעכְנְט מֶען דָאס שׁוֹין "כְּאִילוּ אָכְלוּ מִזִּבְחֵי מֵתִים" - ווִי עֶר דִינְט עֲבוֹדָה זָרָה.

לַיידֶער פַּאלְן אַזוֹי אַוֶועק הַיינְטִיגֶע טֶעג זֵייעֶר אַסַאךְ אִינְגֶעלַייט.

מֶען גֵייט אַרוֹיס עֶסְן מִיט גוֹיִם - כְּלוֹמַר'ִישׁ פַּאר בִּיזְנֶעס; מֶען פַארְבְּרֶענְגְט אוּן מֶען שְׁמוּעֶסְט צוּזַאמֶען, נָאכְדֶעם הֵייבְּן זֵיי אָן פְרֶעגְן זֵייעֶרֶע קוּשְׁיוֹת, זֵיי מַאכְן לֵיצָנוּת, בִּיז מֶען פַּאלְט אַוֶועק פוּן דִי אֱמוּנָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל שׁוֹין רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אוּנְז אוּן שִׁיקְן דֶעם גוֹאֵל צֶדֶק בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ, אָמֵן.

# ריז

## זָאל אִיךְ זִיךְ אָפְּלָאזְן פוּן מַיין שְׁמוּעֶץ אוּן נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דִי שְׁוֶוערֶע קָאנְסֶעקְוֶוענְצְן?

### שְׁאֵלָה:

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

שָׁלוֹם וּבְרָכָה, אִיךְ בִּין דֶער בָּחוּר וָואס הָאט גֶעפְרֶעגְט וֶועגְן אַ אִינְגֶערְמַאן וָואס שְׁלֶעפְּט מִיר צוּ נִישְׁט אֵיידֶעלֶע זַאכְן. אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַּאר אַייעֶר תְּשׁוּבָה (מִכְתָּב קצז).

אִיךְ ווִיל אָבֶּער קְלָארֶער מַסְבִּיר זַיין מַיין סִיטוּאַצְיֶע אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאל בֶּעסֶער פַארְשְׁטֵיין מַיין מַצָב. יֶענֶער הָאט בִּילְדֶער אוּן ווִידִיאוֹס פוּן מִיר וָואס עֶר קֶען מִיר סְטְרַאשֶׁען מִיט דֶעם אוּן מִיר אַרֵיינְלֵייגְן אִין גְרוֹיסֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, אִיךְ ווֵייס פוּן אַנְדֶערֶע וֶועלְכֶע הָאבְּן אַסַאךְ גֶעלִיטְן פוּן דִי סָארְט זַאכְן. לְמַעֲשֶׂה אִיז יֶענֶער אַ שֵׁיינֶער בַּאלֶעבָּאס אוּן אִיךְ בִּין

אַן אָפְּגֶערִיסֶענֶער בָּחוּר פוּן אַ מְשׁוּגֶענֶע שְׁטוּב, אוּן מֶען וֶועט זִיכֶער יֶענֶעם גְלֵייבְּן מֶער פוּן מִיר. זָאל אִיךְ טַאקֶע אוֹיףְ גָארְנִישְׁט קוּקְן אוּן שְׁפְּרִינְגֶען אִין וַואסֶער אַרַיין?

וֶוער גֵייט מִיר גְלֵייבְּן, וֶוער גֵייט זִיךְ אָנְנֶעמֶען פַאר מִיר אִין פַאל פוּן נוֹיט? עֶס אִיז גֶענוּג אַז אִיךְ פִּיל זִיךְ וִוי אַ שְׁמַאטֶע אוּנְטֶער יֶענֶעם, אִיךְ פִּיל זִיךְ וִוי יֶענֶעמְ'ס חֵפֶץ מִיךְ צוּ נוּצְן פַאר זַיינֶע תַּאֲוֹות... אִיךְ בִּין גָארְנִישְׁט וֶוערְד פַאר מִיר אַלֵיין... אוּן דֶער אֱמֶת אִיז אַז אִיךְ ווִיל זִיךְ אַרוֹיסְרַייסְן פוּן אִים, אִיךְ ווִיל אַזוֹי שְׁטַארְק... אִיךְ וֵויין אַסַאךְ מָאל אִין בֶּעט אוּן אִיךְ ווִיל זַיין גֶעלוּנְגֶען אוּן צוּפְרִידְן, אָבֶּער וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַז מַיין גוֹרָל אִיז אַזוֹי?! - וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ הֶעלְפְן?

מַיין שְׁאֵלָה אִיז נָאכְאַמָאל צִי אַייעֶר עֵצָה אִיז טַאקֶע אַז אִיךְ זָאל אוֹיףְ גָארְנִישְׁט קוּקְן אוּן זִיךְ נִישְׁט רֶעכֶענֶען מִיט דִי קָאנְסֶעקְוֶוענְצְן? אִיךְ רֶעד שׁוֹין נִישְׁט פוּן גֶעלְט וָואס אִיז בֶּאֱמֶת אַ נוֹשֵׂא פַאר זִיךְ, אִיךְ הָאבּ מַמָּשׁ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין גֶעלְט פַאר וֶועשׁ אָנְצוּטוּן אֵיידֶער אִיךְ הָאבּ זִיךְ פַארְפְּלָאנְטֶערְט מִיט אִים, זָאל אִיךְ טַאקֶע אַרַיינְשְׁפְּרִינְגֶען אוּן נִישְׁט קוּקְן אוֹיףְ גָארְנִישְׁט? דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה נֶעמְט אַחְרָיוּת אוֹיבּ עֶפֶּעס וֶועט גֶעשֶׁען חָלִילָה?

מִיט דַאנְק פַאר אַייעֶר פְּרִיעֶרְדִיגֶע עֶנְטְפֶער, אוּן אִיךְ קוּק אַרוֹיס אוֹיףְ אַן עֶנְטְפֶער אוֹיףְ דֶעם יֶעצְטִיגְן בְּרִיוו.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת יִתְרוֹ, י"ג שְׁבַט, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אִיךְ** זֶע אַז דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נָאךְ אַלְץ נִישְׁט אִין וָואס פַאר אַ סַכָּנָה דוּ גֶעפִינְסְט זִיךְ; נִישְׁט גֶענוּג וָואס דֶער שֵׂכֶל

הָאט גֶעטוּן מִיט דִיר וְכוּ' הָאט עֶר דִיר אוֹיךְ צוּגֶענוּמֶען דַיין מֹחַ אַז דוּ קֶענְסְט שׁוֹין נִישְׁט טְרַאכְטְן גְרֶאד.

**דֶער** רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן ק): אוֹיפְ'ן פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית לט, יב): "וַתִּתְפְּשֵׂהוּ בְּבִגְדוֹ", דֶער יֵצֶר הָרָע כַאפְּט אַ מֶענְטְשׁ מִיט זַיינֶע קְלֵיידֶער, עֶר מַאכְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זַיין פַארְנוּמֶען מִיט קְלֵיידֶער וְכוּ', אָבֶער וֶוער עֶס הָאט שֵׂכֶל, דֶער קוּקְט נִישְׁט אוֹיף גָארְנִישְׁט. זָאגְט דֶער רֶבִּי: "אַף עַל פִּי שֶׁאֵין לוֹ בֶּגֶד לִלְבֹּשׁ, אַף עַל פִּי כֵן אֵינוֹ מַטְרִיד עַצְמוֹ בָּזֶה וְאֵינוֹ רוֹצֶה לְהַנִּיחַ עַצְמוֹ לְבַלְבֵּל בָּזֶה", אֲפִילוּ עֶר הָאט נִישְׁט קַיין קְלֵיידֶער אָנְצוּטוּן, קוּקְט עֶר אוֹיף גָארְנִישְׁט, "וְזֶהוּ 'וַיַּנַח בִּגְדוֹ אֶצְלָהּ וַיָּנָס', שֶׁמֵּנִיחַ בִּגְדוֹ וּמַלְבּוּשׁוֹ וְנָס וּבוֹרֵחַ מֵהֶם וְאֵינוֹ מַשְׁגִּיחַ כְּלָל עַל זֶה, רַק עוֹשֶׂה אֶת שֶׁלּוֹ בַּעֲבוֹדַת ה' כְּפִי מַה שֶּׁיָּכוֹל", דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק; יוֹסֵף הַצַּדִּיק אִיז אַנְטְלָאפְן אִיבֶּערְלָאזְנְדִיג זַיינֶע קְלֵיידֶער, עֶר הָאט אוֹיף גָארְנִישְׁט גֶעקוּקְט.

**אִיךְ** בֶּעט דִיר בְּרַחֲמִים, אַנְטְלוֹיף פוּן אִים! אַז נִישְׁט וֶועט דִיר זַיין זֵייעֶר בִּיטֶער, וַוייל פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן קֶען מֶען זִיךְ נִישְׁט בַּאהַאלְטְן. הַאק אָפּ אַלֶע דַיינֶע פַארְבִּינְדוּנְגֶען וָואס דוּ הָאסְט מִיט אִים, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת נִאוּף, סִימָן י): "לֹא תִּכָּנֵס עִם פִּתּוּיֶיךָ בְּטוֹעֵן וְנִטְעָן, כִּי אֲרִיכַת הַרְגָּשַׁת הַחוֹשֵׁב אֲפִלּוּ לִבְחִינַת הַשּׁוֹלֵל, תִּפְעַל הַגְבָּרַת הַחֵפֶץ, וְתִתְהַפֵּךְ הָרָצוֹן אֵלָיו", מֶען זָאל נִישְׁט רֶעדְן מִיט אֵיינֶעם וָואס ווִיל אַרַיין שְׁלֶעפְּן אִין עֲבֵירוֹת - נִישְׁט לְטוֹב אוּן נִישְׁט לְרַע; נִישְׁט זָאגְן: "אִיךְ גֵיי טוּן", אוּן אוֹיךְ נִישְׁט זָאגְן: "אִיךְ גֵיי נִישְׁט טוּן", וַוייל דָאס עֶצֶם רֶעדְן מִיט אַ מְנֻוָּל אִיז סַכָּנוֹת נְפָשׁוֹת.

מֶען דַארְף וויסְן אַז אַ זַאךְ וָואס די תּוֹרָה לָאזְט נִישְׁט טוּן - טוּט מֶען נִישְׁט, אָן קַיין הֶסְבֵּרִים און אָן קַיין תֵּירוּצִים.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת פַּחַד, חֵלֶק ב׳, סִימָן ג): ״מִי שֶׁבּוֹרֵחַ מִן הַצָּרָה, הוּא פִּקֵּחַ״, וֶוער עֶס אַנְטְלוֹיפְט פוּן אַ צָרָה אִיז קְלוּג; עֶס אִיז נִישְׁט דָא נָאךְ אַזַא צָרָה ווי די צָרָה אִין וָואס דוּ גֶעפִינְסְט זִיךְ. אַנְטְלוֹיף פוּן דֶעם רָשָׁע מְרוּשָׁע און הַאק אָפּ אַלֶע קְשָׁרִים וָואס דוּ הָאסְט מִיט אִים, גֶעדֶענְק אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף די וֶועלְט וָואס וֵוייסְט אַלֶעס און זֶעט אַלֶעס און מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט בַּאהַאלְטְן פוּן אִים.

אַז דוּ ווילְסְט בֶּאֱמֶת אַרוֹיס קְרִיכְן פוּן דַיינֶע שְׁמוּצִיגֶע מַעֲשִׂים נֶעם דֶעם רֶבִּינְ׳ס עֵצָה און אַז דוּ וֶועסְט פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי׳ן קֶענְסְטוּ נָאךְ אַרוֹיס קְרִיכְן פוּן דַיינֶע עֶקְלְדִיגֶע מַעֲשִׂים. די עֵצָה פַאר דֶעם אִיז תּוֹרָה, אַזוֹי ווי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן יט): ״אֲפִילּוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְּדֻשָּׁה מְאֹד, שֶׁנִּלְכְּדוּ בִּמְצוּדָה רָעָה, עַד שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם רַחֲמָנָא לִצְלָן״, אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּן קְדוּשָׁה, עֶר טוּט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן און עֶר לִיגְט שׁוֹין אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, ״אַף עַל פִּי כֵן, הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל כָּךְ, עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִין בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם, וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק, לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּךְ וְכָךְ, יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה, בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד״, אוֹיב וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג ״כַּךְ וְכַךְ״ וֶועט עֶר סוֹף כָּל סוֹף אַרוֹיס גֵיין פוּן זַיין בְּלָאטֶע,

וַוייל דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס.

וָוען דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעזָאגְט הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקעג): "צִי תּוֹרָה קֶען אוֹיךְ הֶעלְפְן אַזַא אֵיינֶעם וָואס אִיז אַרָאפּ גֶעפַאלְן אִין דִי בִּיטֶערֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן", הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דוּ וֵוייסְט וִוי גְרוֹיס דֶער כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז? תּוֹרָה אִיז הֶעכֶער פוּן אַלֶעס; אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען אִין פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען תּוֹרָה, עֶר וֶועט זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען 'כַּךְ וְכַךְ', וֶועט עֶר וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד"; זֶעט מֶען אַז תּוֹרָה קֶען יֶעדְן אֵיינֶעם הֶעלְפְן, אוּן יֶעדְן צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

בְּדֶרֶךְ כְּלַל דִי אַלֶע וָואס זֶענֶען אַרָאפּ גֶעפַאלְן אִין בִּיטֶערֶע עֲבֵירוֹת, בִּפְרָט אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, הָאבְּן שׁוֹין נִישְׁט קַיין מֹחַ צוּ פַארְשְׁטֵיין לֶערְנֶען, וַוייל דֶער מֹחַ אִיז זֵיי פַארְבְּרֶענְט גֶעוָוארְן פוּן דִי עֲבֵירָה. דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע וֶועג פַאר זֵיי אִיז אַז זֵיי זָאלְן נֶעמֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס דֶרֶךְ הַלִּימוּד (כַּמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן עו) אוּן גוֹרֵס זַיין אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, אֲפִילוּ בְּלִי הֲבָנָה כְּלַל, דָאס וֶועט זֵיי אַרוֹיס שְׁלֶעפְּן פוּן זֵייעֶר פְּלָאנְטֶער אוּן זֵיי אָפְּהַאלְטְן פוּן זֵייעֶר רְגִילוּת.

**דָאס** אִיז דֶער אֵיינְצִיגְסְטֶער וֶועג פַאר דִיר אַרוֹיס צוּ קְרִיכְן פוּן דַיינֶע מַעֲשֵׂי תּוֹעֵבָה אִין וָואס דוּ הָאסְט זִיךְ מַרְגִיל גֶעוֶוען הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט פָאלְגְן וָואס אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר אוּן תְּשׁוּבָה טוּן.

## ריח

### מַיין חַבֶר'טֶע אִיז זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, אֶפְשֶׁר קֶענְט אִיר גֶעבְּן אַבִּיסְל חִיזּוּק?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ מֵיידְל פוּן לָאנְדָאן, עֶנְגְלַאנְד; אִיךְ בִּין זִיךְ מְחַיֶה מִיט אַייעֶרֶע שִׁיעוּרִים אוֹיפְ'ן טֶעלֶעפָאן, ווִי אוֹיךְ מִיט דִי בְּרִיוו וֶועלְכֶע גֶעבְּן אַזוֹיפִיל עֵצוֹת אוּן הַדְרָכָה אִין לֶעבְּן.

אִיךְ הָאבּ לֶעצְטְנְס גֶעהַאט אַ מַעֲשֶׂה אַז אַ מֵיידְל פוּן מַיין קְלַאס הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶערֶעדְט אִיר הַארְץ פַאר מִיר אַז זִי לַיידְט זִיךְ צוּזַאם זֵייעֶר שְׁטַארְק אִינְדֶערְהֵיים, אִירֶע עֶלְטֶערְן שְׁרֵייעֶן גָאר אַסַאךְ אוֹיף אִיר, אוּן ווִיפִיל זִי טוּט נָאר פַאר זֵיי זֶענֶען זֵיי קֵיינְמָאל נִישְׁט צוּפְרִידְן. אוֹיךְ הָאט זִי זִיךְ מִיר אָפְּגֶערֶעדְט אַז אִירֶע עֶלְטֶערְן פַארְשֶׁעמֶען אִיר זֵייעֶר אַסַאךְ אוֹיף דֶעם וָואס זִי אִיז נִישְׁט גֶענוּג דַאר, אוּן זֵיי זָאגְן אִיר אַז זִי וֶועט קֵיינְמָאל נִישְׁט קֶענֶען טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ אַזוֹי. זִי שְׁפִּירְט מַמָּשׁ ווִי אִין גֵיהִנּוֹם וֶוען זִי אִיז אִינְדֶערְהֵיים.

אִיךְ הָאבּ מַמָּשׁ רַחְמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף אִיר, וָואס זִי מַאכְט גֶעבֶּעךְ מִיט אַזוֹי סַאךְ, אִיךְ הָאבּ פְּרוּבִּירְט אִיר מְחַזֵּק צוּ זַיין, אוּן אַזוֹי ווִי אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעלֵיינְט אַסַאךְ בְּרִיוו ווִי אִיר זֶענְט מְחַזֵּק אִידִישֶׁע קִינְדֶער, הָאבּ אִיךְ אִיר גֶע'עֵצָה'ט אַז זִי זָאל אַייךְ שְׁרַייבְּן אַ בְּרִיוו, אֶפְשֶׁר וֶועט זִי בַּאקוּמֶען

חִיזוּק פוּן אַייךְ, זִי הָאט אָבֶער נִישְׁט גֶעוָואלְט שְׁרַייבְּן, דֶערִיבֶּער שְׁרַייבּ אִיךְ אַייךְ דֶעם בְּרִיוו. אֶפְשָׁר קֶענְט אִיר שְׁרַייבְּן עֶטְלִיכֶע וֶוערְטֶער פַאר דִי מֵיידְל אִיר מְחַזֵק צוּ זַיין אִין אִיר מַצָב וָואס זִי גֵייט אַרִיבֶּער.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעם.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבַט, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ'

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

**וַוארִיל** אִיז אַייךְ אַז אִיר הָאט אִיר מְחַזֵק גֶעוֶוען, זִי הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן אַ בְּרִיוו.

**אִיךְ** מֵיין אַז אִיר זָאלְט דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה פַאר אַייעֶר טִיטְשֶׁער אָדֶער מְנַהֶלֶת, אֶפְשָׁר קֶענֶען זֵיי מְחַזֵק זַיין דִי מֵיידְל אוּן אִיר בַּארוּאִיגְן אַז זִי וֶועט טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ אוּן עֶס אִיז נִישְׁט עֶק וֶועלְט ווִי אַזוֹי זִי זֶעט אוֹיס וְכוּ'. אֶפְשָׁר וֶועלְן זֵיי רֶעדְן צוּ אִירֶע עֶלְטֶערְן אוּן זֵיי אוֹיפְמֶערְקְזַאם מַאכְן אַז זֵייעֶר טָאכְטֶער אִיז זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן אַז מֶען שְׁרֵייט אוֹיף אִיר וְכוּ'.

**אַז** דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעפִירְט אַז זִי הָאט זִיךְ פַאר אַייךְ אוֹיסְגֶערֶעדְט אִיר הַארְץ וְכוּ' דַארְפְט אִיר גֶעדֶענְקֶען וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מְכִילְתָּא שְׁמוֹת יב, ז): "מִצְוָה הַבָּאָה לְיָדְךָ אַל תַּחְמִיצֶנָּה", אַז עֶס קוּמְט אוּנְטֶער אַ מִצְוָה זָאל מֶען עֶס גְלַייךְ טוּן; דֶערְפַאר, אַז דִי מֵיידְל הָאט גֶענוּמֶען דִי קוּרַאזְשׁ צוּ רֶעדְן צוּ אַייךְ, דַארְפְט אִיר רֶעדְן מִיט אִיר

און איר מְחַזֵק זַיין אַז אַ שִׁידוּךְ הָאט נִישְׁט צוּ טוּן ווִי אַזוֹי מֶען זֶעט אוֹיס וְכוּ׳, נָאר אַז אַ שִׁידוּךְ דַארְף וֶוערְן וֶועט זִיךְ דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיבֶּערְדְרֵייעֶן אַז דֶער שִׁידוּךְ זָאל צוּשְׁטַאנְד קוּמֶען. דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט, אַז אַמָאל מַאכְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַ מִלְחָמָה צְוִוישְׁן צְוֵויי לֶענְדֶער נָאר צוּלִיבּ אַ שִׁידוּךְ וָואס דַארְף וֶוערְן; ווַייל דֶער חָתָן וואוֹינְט אִין אֵיין מְדִינָה און דִי כַּלָה וואוֹינְט אִין אַן אַנְדֶערֶע מְדִינָה און בֵּיידֶע ווִילְן נִישְׁט זוּכְן אַ שִׁידוּךְ אִין דֶער פְרֶעמְד, זַיי ווִילְן נָאר אַ שִׁידוּךְ פוּן זֵייעֶר לַאנְד, מַאכְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַ מִלְחָמָה וְכוּ׳ בִּיז דֶער שִׁידוּךְ וֶוערְט.

לֵיידֶער דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוּם נִישְׁט אֵיין אַזַא מֵיידְל צְוִוישְׁן מֵיידְלֶעךְ, נָאר הוּנְדֶערְטֶער אָדֶער גָאר טוֹיזְנְטֶער מֵיידְלֶעךְ וָואס זֶענֶען בַּיי זִיךְ אִין הַארְץ אַזוֹי צֶעקְלַאפְּט, יֶעדֶער מִיט זַיין מַעֲשֶׂה; אֵיינֶעם טְשֶׁעפֶּעט מֶען אַז זִי אִיז נִישְׁט אַזוֹי דַאר, אַ צְוֵייטְן טְשֶׁעפֶּעט מֶען אַז זִי אִיז נִישְׁט אַזוֹי גֶעלוּנְגֶען ווִי דִי שְׁוֶועסְטֶער, דֶער דְרִיטֶער טְשֶׁעפֶּעט מֶען ווַייל זִי אִיז נִישְׁט אַזוֹי שֵׁיין וְכוּ׳. אִיז וואוֹיל פַּאר אַ מֵיידְל וָואס זוּכְט אוֹיף דִי סָארְט מֵיידְלֶעךְ און שְׁפִּילְט מִיט זֵיי, שְׁפַּאצִירְט מִיט זֵיי און רֶעדְט מִיט זֵיי. אֲפִילוּ זֵיי נָאר אוֹיסְהֶערְן ווִי זֵיי רֶעדְן זִיךְ אוֹיס, ווַייזְן מִיטְלַייד און זֵיי מְחַזֵק זַיין אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# רי״ט

## מַיינֶע עֶלְטֶערְן רוֹדְפְ׳ן מִיר זֵייעֶר אַסַאךְ, וָואס טוּ אִיךְ?

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א,

דָא שְׁרַייבְּט צוּ אַייךְ אַ מֵיידְל פוּן לָאנְדָאן; צוּם עֶרְשְׁט מוּז אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר דִי פִילֶע חִיזּוּק וָואס אִיךְ נֶעם פוּן אַייעֶרֶע שִׁיעוּרִים, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן כֹּחַ וַוייטֶער אָנְצוּגֵיין.

אִיךְ הָאבּ אַייךְ גֶעוָואלְט בֶּעטְן אַן עֵצָה וִוי אַזוֹי אִיךְ קֶען זִיךְ הַאלְטְן פְרֵיילִיךְ אִין דִי צַייט וָואס מַיינֶע עֶלְטֶערְן רוֹדְפְ׳ן מִיר זֵייעֶר אַסַאךְ אִינְדֶערְהֵיים. אִיךְ בִּין נִישְׁט דַאר, אוּן מַיינֶע עֶלְטֶערְן הֶערְן נִישְׁט אוֹיף מִיר צוּ סִיקִירְן אוֹיף דֶעם אוּן שְׁרֵייעֶן אוֹיף מִיר אַז אִיךְ וֶועל קֵיינְמָאל נִישְׁט קֶענֶען חֲתוּנָה הָאבְּן, אִיךְ וֶועל נָאר קֶענֶען חֲתוּנָה הָאבְּן מִיט אַ בְּלִינְדֶער בָּחוּר וַוייל עֶר וֶועט נִישְׁט זֶען וִוי גְרָאבּ אִיךְ בִּין, אוּן דָאס טוּט מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק וֵויי.

בִּכְלַל בַּאקוּם אִיךְ זֵייעֶר וֵוייניג קָאמְפְּלִימֶענְטְן פוּן זֵיי, נָאר אוֹיבּ אִיךְ קֶען זַיין מַמָּשׁ הוּנְדֶערְט פְּרָאצֶענְט גוּט, אָבֶּער קְרִיטִיק הַאלְט אִיךְ אִין אֵיין הֶערְן; מֶען פַארְשֶׁעמְט מִיךְ אוּן מֶען שְׁרֵייט מִיר נָאךְ מִיט צוּנֶעמֶען, אוּן מַיינֶע בְּרִידֶער הֶעלְפְן נָאךְ אַרוֹיס מִיר צוּ רוּפְן מִיט אַלֶע סָארְט צוּנֶעמֶען.

וֶוען אִיךְ בִּין אִינְדֶערְהֵיים שְׁפִּיר אִיךְ מַמָּשׁ וִוי אִין גֵיהִינוֹם, אִיךְ פִיל אַז אִיךְ הַאלְט עֶס מֶער נִישְׁט אוֹיס. מַיין חַבֶר׳טֶע הָאט מִיר גֶעזָאגְט וֶועגְן אַייךְ, אַז אִיךְ זָאל אַייךְ שִׁיקְן אַ בְּרִיוו דֶערְוֶועגְן, אֶפְשָׁר וֶועט אִיר מִיר קֶענֶען אַרוֹיסְהֶעלְפְן אִין מַיין קְלֶעם.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבַט, שְׁנַת תשע״ח לִפְרָט קָטָן

... תְּחִיֶ׳

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

**אִיךְ** קֶען מַמָּשׁ נִישְׁט קוּמֶען צוּ זִיךְ הֶערְנְדִיג דִי צַעַר וָואס אִיר גֵייט אַרִיבֶּער וְכוּ׳ אַז מֶען טְשֶׁעפֶּעט אַייךְ מִיט אַ זַאךְ וָואס הָאט נִישְׁט צוּ טוּן מִיט אַייךְ. עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס פַּארְדֵייעֶן בֶּעסֶער דָאס עֶסְן אוּן עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס זֵייעֶר גוּף פַּארְדֵייט נִישְׁט אַזוֹי שְׁטַארְק דָאס עֶסְן.

**זָארְגְטְם** נִישְׁט פַאר אַייעֶר שִׁידוּךְ וַוייל אַ שִׁידוּךְ הָאט נָאר מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה סח, ג): ״מָצִינוּ בַּתּוֹרָה בַּנְּבִיאִים וּבַכְּתוּבִים שֶׁאֵין זִוּוּגוֹ שֶׁל אִישׁ אֶלָּא מִן הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא״, מִיר גֶעפִינֶען אִין דִי תּוֹרָה אוּן נְבִיאִים אוּן אִין כְּתוּבִים אַז אַ שִׁידוּךְ הָאט נָאר מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִין דִי תּוֹרָה שְׁטֵייט (בְּרֵאשִׁית כד, נ): ״וַיַּעַן לָבָן וּבְתוּאֵל, וַיֹּאמְרוּ, מֵה׳ יָצָא הַדָּבָר״, אִין נְבִיאִים שְׁטֵייט (שׁוֹפְטִים יד, ד): ״וְאָבִיו וְאִמּוֹ לֹא יָדְעוּ כִּי מֵה׳ הִיא״, אוּן אִין כְּתוּבִים שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי יט, יד): ״בַּיִת וָהוֹן נַחֲלַת אָבוֹת וּמֵה׳ אִשָּׁה מַשְׂכָּלֶת״, זֶעעֶן מִיר אִיבֶּערָאל אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דֶער וָואס גֶעבְּט שִׁידוּכִים.

**זָארְגְטְם** גָארְנִישְׁט פַאר אַייעֶר שִׁידוּךְ, בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיר זָאלְט זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אַ זִיס לֶעבְּן אוּן זִיסֶע קִינְדֶער. יֶעדֶעס מָאל אִיר גֵייט אַרִיבֶּער אַ בִּזָּיוֹן פוּן

אַייעֶרע עֶלְטֶערְן, זֵיי טְשֶׁעפֶּען אַייךְ אַז אִיר וֶועט נִישְׁט חֲתוּנָה הָאבְּן וְכוּ׳, זָאלְט אִיר שְׁטִילֶערְהֵייט מַאכְן אַ תְּפִילָה צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: ״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן אַ גוּטֶע לֶעבְּן, אַן עֶרְלִיכֶער מַאן אוּן גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער, הֶעלְף מִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ זָאל זַיין פְּרֵיילִיךְ״; יֶעדֶעס מָאל מֶען טוּט אַייךְ וֵויי, מֶען שְׁרַייט אוֹיף אַייךְ מִיאוּס׳עֶ וֶוערְטֶער, זָאלְט אִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַנְדֶערֶע אִידְן וָואס גֵייעֶן אַרִיבֶּער צַעַר אוּן עַגְמַת נֶפֶשׁ.

**וְזַיינְן** זָאלְט אִיר אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ בִּזָּיוֹן קֶען עֶר פּוֹעֵל׳ן גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת, עֶר הָאט אַ גְרֶעסֶערֶע כֹּחַ אִין הִימְל פוּן סֵיי וֶוער, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז זֵייעֶר נָאנְט צוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס זַיין הַארְץ אִיז אִים צֶעבְּרָאכְן, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִילִים לד, יט): ״קָרוֹב ה׳ לְנִשְׁבְּרֵי לֵב״; דֶערְפַאר, יֶעדֶעס מָאל וֶוען אִיר הָאט אַ בִּזָּיוֹן זָאלְט אִיר בֶּעטְן פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער; בֶּעטְס פַאר אַלֶע וָואס וַוארְטְן אוֹיף קִינְדֶער, בֶּעטְס פַאר אַלֶע וָואס דַארְפְן אַ רְפוּאָה, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נֶעמְט אָן זֵייעֶר שְׁנֶעל דִי תְּפִילָה פוּן אַ צֶעבְּרָאכֶענֶעם הַארְץ.

**אִיךְ** בֶּעט אַייךְ נָאכְאַמָאל הָאטְס נִישְׁט מוֹרָא, אִיר וֶועט נִישְׁט בַּאקוּמֶען אַ בְּלִינְדֶער חָתָן. אוֹיבּ אִיר וֶועט זַיין שְׁטַארְק אוּן אִיר וֶועט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, וֶועט אִיר נָאךְ חֲתוּנָה הָאבְּן שֶׁענֶער ווִי אַייעֶר גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה.

**אִיךְ** שְׁרַייבּ אַייךְ אַ קְלֵיינֶע תְּפִילָה וָואס אִיר זָאלְט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג:

"הֵייליגֶער בַּאשֶׁעפֶּער, אִיךְ דַּאנְק דִיר פַּאר אַלֶע חֲסָדִים וָואס דוּ טוּסְט מִיט מִיר, אִיךְ דַּאנְק דִיר אַז אִיךְ בִּין גֶעזוּנְט, אִיךְ דַּאנְק דִיר פַּאר מַיין שֵׁיינֶע לֶעבְּן. אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אִיךְ הָאבּ אַ זַאךְ וָואס שְׁטֶערְט מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק, מַיינֶע עֶלְטֶערְן טְשֶׁעפֶּען מִיר אַז אִיךְ גֵיי נִישְׁט טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ וַוייל אִיךְ בִּין גְרָאבּ, זֵיי זָאגְן מִיר בְּסֵדֶר אַז קֵיינֶער גֵייט נִישְׁט וֶועלְן חֲתוּנָה הָאבְּן מִיט מִיר נָאר אַ קְרַאנְקֶער בָּחוּר אוּן דָאס צֶעבְּרֶעכְט מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק; וָואס קֶען אִיךְ טוּן? אִיךְ קֶען אוֹיךְ בַּאשְׁטֵיין אוֹיסְצוּקוּקְן גוּט, אָבֶּער יֶעדֶעס מָאל וָואס אִיךְ מַאךְ אָפּ אַז אִיךְ גֵיי אַבְטוּנְג גֶעבְּן וָואס אִיךְ עֶס אִיז עֶס מִיר מוֹרָא'דִיג שְׁוֶוער. הֶעלְף מִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז אִיךְ זָאל נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן קֵיינֶעם, אִיךְ זָאל זַיין שְׁטַארְק אִין אֱמוּנָה אוּן אִיךְ זָאל וִויסְן אַז מַיין שִׁידוּךְ אִיז נָאר אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין דִיר. הֶעלְף מִיר אַז מַיינֶע עֶלְטֶערְן זָאלְן מִיר נִישְׁט צֶעבְּרֶעכְן, הֶעלְף מַיין טַאטֶע מַאמֶע אַז זֵיי זָאלְן הָאבְּן פַּרְנָסָה אוּן אַלֶעס וָואס זֵיי דַארְפְן אַז זֵיי זָאלְן נִישְׁט שְׁרֵייעֶן אוֹיף מִיר אוּן זֵיי זָאלְן מִיר נִישְׁט וֵוייטוּן.

הֵייליגֶער בַּאשֶׁעפֶּער, נֶעם אָן מַיינֶע בִּזְיוֹנוֹת אוּן זַיי מִיר מוֹחֵל אוֹיף אַלֶעס וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן אִין מַיין לֶעבְּן אוּן הֶעלְף אַלֶע אִידְן, יֶעדֶער זָאל הָאבְּן פַּרְנָסָה, גֶעזוּנְט אוּן נַחַת פוּן זֵייעֶרֶע קִינְדֶער", אַזוֹי זָאלְט אִיר בֶּעטְן יֶעדְן טָאג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט אִיר זֶען אַז אַלֶעס וֶועט זִיךְ אִיבֶּערְדְרֵייעֶן לְטוֹבָה.

## אִיךְ שְׁרַייבּ אַייךְ אַ בְּרִיוו וָואס אִיר זָאלְט אִיבֶּערְגֶעבְּן פַאר אַייעֶרע עֶלְטֶערְן.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבָט, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד...

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַ בְּרִיוו פוּן אַייעֶר טָאכְטֶער וְוי זִי וֵויינְט זִיךְ אוֹיס אִיר הַארְץ אַז אִיר מַאכְט חוֹזֶק פוּן אִיר אוּן אִיר קְלַאפְּט אִיר כְּסֵדֶר אַרָאפּ מִיט דֶעם וָואס זִי אִיז גְרָאבּ; אִיר זָאגְט אִיר אַז זִי וֶועט חֲתוּנָה הָאבְּן מִיט אַ בְּלִינְדֶער בָּחוּר וָואס וֶועט נִישְׁט זֶען וְוי אַזוֹי זִי זֶעט אוֹיס.

**אִיךְ** טְרַאכְט אַז אֶפְשָׁר כַאפְּט אִיר נִישְׁט אַז וֶוען אִיר רֶעדְט אַזוֹי צוּ אַייעֶר טָאכְטֶער הַרְג'עט אִיר אַייעֶר טָאכְטֶער, זִי וֶוערְט פוּן דֶעם צֶעקְלַאפְּט אוּן צֶעבְּרָאכְן. נִישְׁט נָאר אַז דָאס וֶועט נִישְׁט הֶעלְפְן זִי זָאל עֶסְן וֵוייניגֶער, נָאר דָאס וֶועט אִיר נָאךְ מֶער צֶעבְּרֶעכְן אוּן אִיר מַאכְן פַאר אַ קַאלִיקֶע מֵיידְל אַז זִי וֶועט טַאקֶע נִישְׁט קֶענֶען חֲתוּנָה הָאבְּן רַחֲמָנָא לִצְלָן.

**וֶוען** מֶען ווִיל הֶעלְפְן אַ קִינְד פַארְלִירְן וָואג וְכוּ' קֶען מֶען דָאס נִישְׁט טוּן דוּרְךְ צְווִינְגֶען, דָאס וֶועט נָאר עֶרְגֶער מַאכְן, ווַייל מִמָּה נַפְשָׁךְ, קוּמְט דָאס פוּן אַ גֶעזוּנְטְהַייט פְּרָאבְּלֶעם אִיז דָאס דָאךְ נִישְׁט דֶעם קִינְד'ס פְּרָאבְּלֶעם אוּן זִי אִיז גָארְנִישְׁט שׁוּלְדִיג, אִיז וְוי מֶעג מֶען ווַיי טוּן אַ קִינְד אוּן טְשֶׁעפֶּען מִיט מִיאוּסֶ'ע לְשׁוֹנוֹת ווִי "גְרָאבֶּער", וֶוען עֶס אִיז פָּשׁוּט אַ פְּרָאבְּלֶעם וְכוּ'. ווִידֶער אוֹיבּ אִיז עֶס מֵחֲמַת עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה, וָואס ווִי בַּאקַאנְט וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז

צוּגֶעלֵייגְט קֶען עֶר אַסַאךְ מָאל צוּנֶעמֶען וָואג וְכוּ׳, וֶועט אִיר זִיכֶער נִישְׁט אוֹיפְטוּן מִיט דֶעם וָואס אִיר וֶועט אִיר דֶערְשְׁרֶעקְן אַז זִי וֶועט נִישְׁט טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ, דָאס וֶועט בְּלוֹיז מַאכְן אַז זִי זָאל מֶער עֶסְן וְכוּ׳.

**בּאפְּט** אַייךְ בַּאצַייטְנְס פַאר אִיר וֶועט אִיר אִינְגַאנְצְן פַארְלִירְן; וִויפִיל עֶלְטֶערְן וַויינֶען אַז זֵייעֶר קִינְד וִויל נִישְׁט אַהֵיים קוּמֶען אוּן דְרֵייְדט זִיךְ מִיט שְׁלֶעכְטֶע חַבֶר׳טֶעס, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אָפְּהִיטְן אַלֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער מֶען זָאל נִישְׁט וִויסְן פוּן קַיין צַעַר. זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל זֶענֶען דִי עֶלְטֶערְן אַלֵיינְס שׁוּלְדִיג וַוייל זֵיי דֶערְנִידֶערְן זֵייעֶר קִינְד מִיט מִיאוּסֶ׳ע וֶוערְטֶער: גְרָאבֶּער, פוֹילֶער, מְשׁוּגֶענֶער וְכוּ׳; בִּיז דֶער קִינְד וִויל זִיךְ פָּשׁוּט רַאטֶעוֶועןְ פוּן וֶוערְן אַ קַאלִיקֶער, אַנְטְלוֹיפְט מֶען פוּן שְׁטוּב אוּן מֶען זוּכְט אַ פְּלַאץ וואו מֶען קֶען אָטֶעמֶען. וִויפִיל אִידִישֶׁע קִינְדֶער וַואלְגֶערְן זִיךְ אִין דִי גַאסְן, עֶס אִיז מַמָשׁ מְקוּיָם גֶעוָוארְן וָואס שְׁטֵייט (אֵיכָה ד, ח): "חָשַׁךְ מִשְּׁחוֹר תָּאֳרָם לֹא נִכְּרוּ בַּחוּצוֹת, צָפַד עוֹרָם עַל עַצְמָם יָבֵשׁ הָיָה כָעֵץ", עֶס וַואלְגֶערְן זִיךְ אִידִישֶׁע נְשָׁמוֹת אוֹיף דִי גַאסְן וָואס מֶען דֶערְקֶענְט זֵיי שׁוֹין נִישְׁט אַז זֵיי זֶענֶען בִּכְלַל אִידְן, וִויפִיל פוּן דִי קִינְדֶער זֶענֶען דִי עֶלְטֶערְן שׁוּלְדִיג אוֹיף זֵייעֶר מַצָב וַוייל זֵיי טְשֶׁעפֶּען זֵייעֶרֶע קִינְדֶער...

**חֲכָמֵינוּ** זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְבָמוֹת עט.) אַז דִי אִידְן הָאבְּן דְרֵיי סִימָנִים: "רַחֲמָנִים, בַּיְישָׁנִים, וְגוֹמְלֵי חֲסָדִים"; דָאס הֵייבְּט זִיךְ אָן אִין שְׁטוּב מִיט דִי קִינְדֶער, אַז עֶלְטֶערְן דַארְפְן רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִי קִינְדֶער. אוֹיף אַ טַאטֶע וָואס

הָאט נִישְׁט רַחְמָנוּת אוֹיף זַיינֶע קִינְדֶער - זָאגְט דֶער רֶבִּי (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת בָּנִים, סִימָן צו): "מִי שֶׁאֵין לוֹ רַחֲמָנוּת עַל בָּנָיו, בְּיָדוּעַ שֶׁאֵין לוֹ חֵלֶק בְּשֵׂכֶל דִּקְדֻשָּׁה", דָאס אִיז אַ סִימָן אַז עֶר הָאט נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל; עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס שְׁטֶעלְן זִיךְ אַהֶער ווי שֵׁיינֶע אִידְן אִין גַאס, מֶען הֶעלְפְט יֶעדְן אֵיינֶעם, מֶען נֶעמְט אַרַיין יֶענֶעמְ'ס קִינְדֶער, אָבֶער דִי אֵייגֶענֶע קִינְדֶער רַצְח'עֶט מֶען מִיט דִי גְרֶעסְטֶע רְצִיחָה.

**אִיךְ** הָאף אַז אִיר וֶועט זִיךְ כַאפְּן בַּאצַייטְנְס, אִיר וֶועט פַארְרֶעכְטְן ווי אַזוֹי אִיר רֶעדְט, וֶועט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן נַחַת פוּן אַייעֶרֶע קִינְדֶער, אָמֵן.

## רכ

### אַ שְׁלֶעכְטֶער חַבֵר הָאט גֶע'הַרְג'עֶט מַיין לֶעבְּן.

### שְׁאֵלָה:

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

קוֹדֶם וויל אִיךְ אַייךְ זָאגְן אַ יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי חִיזוּק דְרָשׁוֹת וָואס אִיךְ הֶער פוּן אַייךְ טֶעגְלִיךְ, דָאס אִיז פַאר מִיר ווי גַאזַאלִין וָואס הֶעלְפְט מִיר וַוייטֶער אָנְגֵיין אִין לֶעבְּן.

סְפֶּעצִיעֶל הָאב אִיךְ זִיךְ גֶעווָאלְט בַּאדַאנְקֶען פַאר דִי נֶעכְטִיגֶע דְרָשָׁה וָואס אִיר הָאט גֶערֶעדְט וֶועגְן זִיךְ הִיטְן פוּן שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים. וָואס זָאל אִיךְ אַייךְ זָאגְן, אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן אוּמְגְלִיקְלִיךְ בַּיי דִי נַיין יָאר דוּרְךְ אַ שְׁלֶעכְטֶער חַבֵר, אִיךְ הָאב נָאךְ דַאן נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען בִּכְלָל וָואס דָאס

איז, און ביז ווען איך האב זיך געכאפט אז איך טו זאכן וואס מען טאר נישט איז שוין געווען צו שפעט, איך בין שוין געליגן צו טיף אין בלאטע און איך האב זיך שוין נישט געקענט ארויסזען דערפון.

איך האב ברוך ה' שיין חתונה געהאט, איך האב אבער א טויטע לעבן; די נארישע תאוות לויפן מיר נאך און איך האב ממש נישט קיין לעבן. ווען איך וואלט געקענט רעדן צו יונגע אינגלעך און בחורים וואלט איך אזוי געשריגן אז דער דאך וואלט איינגעפאלן, איך וואלט זיי געזאגט אז זיי זאלן זיך היטן פון שלעכטע חברים ווי פון פייער, ווייל אויב וועלן זיי זיך נישט היטן וועלן זיי פארפאלן ווערן אויף אייביג, איך רעד שוין נישט ברוחניות נאר אפילו בגשמיות וועלן זיי מער נישט קענען האבן קיין שום הנאה אין לעבן, זייער לעבן וועט זיך ענדיגן אויף אייביג, זיי וועלן קיינמאל מער נישט קענען לעבן ווי א נארמאלער מענטש אויף דער וועלט.

איך וויל אז איר זאלט דאס איבערגעבן פאר די בחורים; ווי שטארק מען דארף זיך היטן. פון אינדרויסן זע איך אויס ווי א נארמאלער מענטש, אבער אינעווייניג בין איך אינגאנצן צעפליקט און צעריסן, פיל מאל טראכט איך ממש פון ענדיגן מיין לעבן, אבער עס שטייט דאך (אבות ד, כב): "על כרחך אתה חי".

איך בין שוין געווען ביי אזויפיל מענטשן אבער קיינער האט מיר נישט געקענט העלפן, מיין איינציגסטע טרייסט איז נאר אייערע שיעורים און חיזוק יומי וואס שטופט מיר צו גיין גלייך צום אייבערשטן און זיך אויסוויינען צו אים, נאר דאס בארואיגט מיר, נאר דאס קען מיר העלפן. די חיזוק פון אייך בלאזט אריין אין מיר א פרישע גייסט.

איך וואלט אייך זייער מכיר טובה געווען אויב איר קענט מיר שרייבן אפאר ווערטער פון חיזוק.

א טויטער-לעבעדיגער אינגערמאן.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבַט, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד... נֵרוֹ יָאִיר

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**וֶוען** אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט אִין פְּגַם הַבְּרִית וֶוערְט בַּיי אִים אוֹיסְגֶעלָאשְׁן דִי אֱמוּנָה, מֶען שְׁפִּירְט זִיךְ גֶענוֹי אַזוֹי וִוי דוּ הַתְמ'עֶסְט זִיךְ אוּנְטֶער בַּיי דַיין בְּרִיוו: "אַ טוֹיטֶער לֶעבֶּעדִיגֶער אִינְגֶערְמַאן"; מֶען שְׁפִּירְט אַ טַעַם מִיתָה אִין לֶעבְּן, מֶען הֵייבְּט אָן טְרַאכְטְן כָּל מִינֵי שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת אוּן מֶען הֵייבְּט אָן הָאבְּן סְפֵיקוֹת וְכוּ'.

**דֶער** פָּסוּק זָאגְט (יְשַׁעְיָה א, ד): "הוֹי גּוֹי חֹטֵא עַם כֶּבֶד עָוֹן, זֶרַע מְרֵעִים בָּנִים מַשְׁחִיתִים, עָזְבוּ אֶת ה', נִאֲצוּ אֶת קְדוֹשׁ יִשְׂרָאֵל נָזֹרוּ אָחוֹר"; דֶער פָּסוּק גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית, אַז חוּץ פוּן דִי גְרוֹיסֶע עֲבֵירָה וָואס מֶען טוּט מִיט בָּנִים מַשְׁחִיתִים רַחֲמָנָא לִצְלָן, הֵייבְּט מֶען אָן וֶוערְן אוֹיסְגֶעלָאשְׁן, מֶען שְׁפִּירְט מֶער נִישְׁט קֵיין אֱלֹקוּת אוּן מֶען גֵייט אַרוּם צֶעקְלַאפְּט אוּן צֶעבְּרָאכְן וְכוּ' - "עָזְבוּ אֶת ה', נִאֲצוּ אֶת קְדוֹשׁ יִשְׂרָאֵל נָזֹרוּ אָחוֹר", מֶען שְׁפִּירְט זִיךְ דֶערְוַוייטֶערְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וְכוּ'.

**צוּ** דִי אַלֶע מֶענְטְשְׁן קוּמְט דֶער רֶבִּי אוּן שְׁרֵייט צוּ זֵיי (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן עח): "גְּיוַואלְד, זַייט אַייךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ, קֵיין יֵאוּשׁ אִיז גָארְנִישְׁט פַארְהַאנֶען"; דֶער רֶבִּי לָאזְט זִיךְ אַרָאפּ אוּן מַאכְט זִיךְ כְּאִילוּ עֶר אִיז אוּנְזֶער חַבֵר, אַזוֹי וִוי

מֶען זֶעט בַּיי משֶׁה רַבֵּינוּ (שְׁמוֹת יח, ז): "וַיִּשְׁאֲלוּ אִישׁ לְרֵעֵהוּ לְשָׁלוֹם", זָאגְט רַשִׁ"י (שָׁם): "אֵינִי יוֹדֵעַ מִי הִשְׁתַּחֲוָה לְמִי, כְּשֶׁהוּא אוֹמֵר אִישׁ לְרֵעֵהוּ, מִי הַקָּרוּי 'אִישׁ', זֶה מֹשֶׁה שֶׁנֶּאֱמַר 'וְהָאִישׁ מֹשֶׁה'", אִיךְ וֵויים נִישְׁט וֶוער אִיז דֶער 'אִישׁ' אוּן וֶוער אִיז דֶער 'רֵעֵהוּ', אָבֶּער ווִיבַּאלְד עֶס שְׁטֵייט "וְהָאִישׁ מֹשֶׁה עָנָיו מְאֹד", וֵויים אִיךְ אַז מֹשֶׁה אִיז דֶער אִישׁ אוּן יִתְרוֹ אִיז דֶער רֵעֵהוּ; זָאגְט רֶבִּי נָתָן (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת, הִלְכוֹת בְּכוֹר בְּהֵמָה טְהוֹרָה הֲלָכָה ד', אוֹת כב): משֶׁה רַבֵּינוּ אִיז דָאךְ גֶעוֶוען דֶער גְרֶעסְטֶער מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט, עֶר הָאט מְקַבֵּל גֶעוֶוען דִי תּוֹרָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין, לְאִידָךְ גִּיסָא - יִתְרוֹ אִיז גֶעוֶוען אַ כֹּמֶר, אַ גַּלַח, אַ טָמֵא'נֶער גֶעצְן דִינֶער, דָאךְ שְׁטֵייט אַז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט בַּאגְרִיסְט "רֵעֵהוּ" זַיין חָבֵר. זֶעט מֶען פוּן דָא אַז דֶער צַדִּיק לָאזְט זִיךְ אַרָאפּ צוּ אַלֶעמֶען, אֲפִילוּ צוּ אוּנְז פָּשׁוּט'ע מֶענְטְשְׁן, מְגֻשָּׁמִים, אִין דִי פְּלַאץ ווּאוּ מִיר לִיגְן אִין וָואס מִיר טוּעֶן אוּן עֶר אִיז אוּנְז מְקַרֵב צוּם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה וָואס הֵייסְט 'הִתְבּוֹדְדוּת'; אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל גֵיין אִין אַ פְּלַאץ ווּאוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט אוּן זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן זַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, עֶר זָאל דֶערְצֵיילְן פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זָאגְט פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר ווִיל זַיין עֶרְלִיךְ; עֶר וֵויינְט צוּ אִים: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַז דֶער יֵצֶר הָרַע ווַארְפְט מִיר אַרָאפּ נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל? ווִיפִיל מָאל אִיךְ נֶעם זִיךְ פָאר צוּ זַיין ווּאוֹיל פַאל אִיךְ נָאכְאַמָאל אַרָאפּ!"

**בִּפְרַט** אַ מֶענְטְשׁ וָואס דֶער יֵצֶר הָרַע הָאט אִים גֶעפַּאנְגֶען אִין זַיין נֶעץ, עֶר זִינְדִיגְט אִין דִי מִיאוּס'עַ עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית. וָואס בֶּאֱמֶת ווייל דֶער מֶענְטְשׁ זַיין עֶרְלִיךְ, רֵיין אוּן הֵיילִיג, אָבֶער עֶס גֵייט אִים נִישְׁט, עֶר הַאלְט אִין אַיין אַרָאפְּפַאלְן אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָלָה רַחְמָנָא לִצְלָן, בִּיז עֶס וֶוערְט אִים נִמְאָס דָאס לֶעבְּן אוּן עֶר גֵייט אַרוּם מִיט שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת כְּאִילוּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז בְּרוֹגֶז אוֹיף אִים; אַזַא מֶענְטְשׁ, וֶוען עֶר קוּמְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן גִיסְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ, נֶעמְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֶע זַיינֶע תְּפִילוֹת אוּן עֶר אִיז זוֹכֶה אוֹיסְצוּמֶעקְן אַלֶע קְלִיפּוֹת וּמַשְׁחִיתִים וָואס עֶר הָאט בַּאשַׁאפְן דוּרְךְ זַיינֶע מַעֲשִׂים.

**דֶערְפַאר**, אַז דוּ בִּיסְט אַזוֹי אַיינְגֶעזִינְקֶען אִין בְּלָאטֶע וְכוּ' נָאכְדֶעם וָואס שׁוֹין צֶענְדְלִיגֶער יָארְן זִינְקְסְטוּ אִין דַיינֶע בְּלָאטֶעס וְכוּ' - פָאלְג דֶעם רֶבִּי'ן; גֵיי אוֹיף אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט אוּן דָארְט זָאלְסְטוּ זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְצֵייל אִים אַלֶעס וָואס עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר, דֶערְצֵייל אִים אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת וָואס דֶער יֵצֶר הָרַע בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין דִיר, בֶּעט אִים: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הָאב רַחְמָנוּת אוֹיף מִיר, אִיךְ ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַז אִיךְ הַאלְט אִין אַיין אַרָאפְּפַאלְן?! אִיךְ שְׁפִּיר אַז אִיךְ וֶוער פַארְבְּרֶענְט, דִי תַּאֲוַת נָאוּף פְלַאקֶערְט אִין מִיר אַז אִיךְ הַאלְט עֶס שׁוֹין נִישְׁט אוֹיס. אִיךְ הַאלְט אִין אַיין אַרַיין פַאלְן אִין דִי עֶקְלְדִיגֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית -

הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, אִיךְ בִּין אַזוֹי צֻעבְּרָאכְן אַז דֶער לֶעבְּן אִיז מִיר שׁוֹין נִמְאָס. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הָאבּ אוֹיף מִיר רַחְמָנוּת; הֶעלְף מִיר, לֵייג אַרַיין אִין מִיר אַ רוּחַ טָהֳרָה, גֶעבּ מִיר כֹּחַ, הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל גְלֵייבְּן אִין דִיר, אִיךְ זָאל שְׁפִּירְן אַז דוּ הָאסְט מִיר לִיבּ. דֶער יֵצֶר הָרַע רֶעדְט מִיר אַיין אַז דוּ בִּיסְט אוֹיף מִיר בְּרוֹגֶז, אִיךְ גֵיי אַרוּם מִיט נַארִישֶׁע מַחְשָׁבוֹת, אִיךְ רֶעד מִיר אַיין אַז דוּ דַארְפְסְט מִיר נִישְׁט וְכוּ'".

וְוייסְן זָאלְסְטוּ אַז עֶס אִיז נִישְׁט דָא אַזַא זַאךְ אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז שׁוֹין פַארְפַאלְן, אֲפִילוּ דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז דוּ בִּיסְט אַזוֹי פַארְזִינְקֶען אִין דַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים וְכוּ' וְכוּ', דָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גוּטֶע עֵצוֹת וִוי אַזוֹי מֶען קֶען אַרוּיס קְרִיכְן פוּן בְּלָאטֶע. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יט): "אֲפִילוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְּדוּשָׁה מְאֹד, שֶׁנִּלְכְּדוּ בִּמְצוּדָה רָעָה, עַד שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם", אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ אִיז נֶעבֶּעךְ אַרַיין גֶעפַאלְן אִין דִי הֶענְט פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע, עֶר אִיז שׁוֹין אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, "אַף עַל פִּי כֵן הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל כַּךְ, עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִים בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם. וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק לִלְמוֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כַּךְ וְכַךְ, יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה, בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד", אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג 'כַּךְ וְכַךְ', וֶועט עֶר סוֹף כָּל סוֹף אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיין בְּלָאטֶע, וַוייל דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס.

**וָוען** דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט דֶעם שִׂיחָה הַנַּ"ל ווִי גְרוֹיס תּוֹרָה אִיז, הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן צִי דָאס אִיז אוֹיךְ גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן פַאר אֵיינֶעם וָואס אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין דִי עֶקְלְדִיגֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחְמָנָא לִצְלַן. הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "דוּ וֵוייסְט ווִי גְרוֹיס דֶער כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז?! תּוֹרָה אִיז הֶעכֶער פוּן אַלֶעס, תּוֹרָה אִיז בְּתִפְאֶרֶת אוּן בְּרִית אִיז בִּיסוֹד (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקעג)"; דָאס הֵייסְט, אֲפִילוּ דֶער מֶענְטְשׁ וָואס הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶועזְן בִּבְרִית, עֶר הָאט קַאלְיֶע גֶעמַאכְט דֶעם יְסוֹד וְכוּ', אוֹיבּ וֶועט עֶר לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה וָואס אִיז בְּתִפְאֶרֶת, וֶועט עֶר אַלֶעס מְתַקֵּן זַיין אוּן וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד!

**יֶעצְט** גֵיי זָאג פַאר אַ מֶענְטְשׁ וָואס לִיגְט אִין בִּיטֶערֶע עֲבֵירוֹת: "לֶערְן"; ווִי קֶען אַזַא מֶענְטְשׁ לֶערְנֶען, עֶר הָאט דָאךְ נִישְׁט קַיין מֹחַ?! וַוייל גֶעוֶוענְלִיךְ דִי אַלֶע וָואס זֶענֶען אַרַיין גֶעפַאלְן אִין דִי הֶענְט פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע אוּן זֶענֶען נִכְשָׁל גֶעוָוארְן מִיט דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחְמָנָא לִצְלַן, דִי הָאבְּן בְּדֶרֶךְ כְּלַל פַארְלוֹירְן זֵייעֶר כֹּחַ פוּן קָאנְצֶעטְרִירוּנְג, זֵייעֶר מֹחַ אִיז נִישְׁט מְסוּדָר אוּן מְיוּשָּׁב, אֲפִילוּ זֵיי וֶועלְן זִיצְן בַּיי אַ שִׁיעוּר וואוּ מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה וֶועט זֵייעֶר קָאפּ אַוֶועק פָארְן וְכוּ', צוּ זֵיי קוּמְט דֶער רֶבִּי מִיט אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד.

**דֶער** רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו): "שֶׁאֵין צְרִיכִין בְּלִמּוּד רַק הָאֲמִירָה לְבַד, לוֹמַר הַדְּבָרִים כְּסֵדֶר, וּמִמֵּילָא יָבִין",

מֶען דַארְף נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין וֶוען מֶען לֶערְנְט, מֶען דַארְף נָאר זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוּן צוּם סוֹף וֶועט מֶען פַארְשְׁטֵיין, "וְלֹא יְבַלְבֵּל דַּעְתּוֹ בִּתְחִלַּת לִמּוּדוֹ שֶׁיִּרְצֶה לְהָבִין תֵּכֶף, וּמֵחֲמַת זֶה יִקְשֶׁה לוֹ הַרְבֵּה תֵּכֶף וְלֹא יָבִין כְּלָל, רַק יַכְנִים מֹחוֹ בְּהַלִּמּוּד, וְיֹאמַר כְּסֵדֶר בִּזְרִיזוּת וּמִמֵּילָא יָבִין", מֶען זָאל נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן וֶוען מֶען זֶעט אַז מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט, וָואס דָאס אַלֵיין - אַז מֶען וויל גְלַייךְ פַארְשְׁטֵיין - מַאכְט אַז עֶס זָאל זַיין שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין דָאס לֶערְנֶען, נָאר מֶען זָאל בְּלוֹיז זָאגְן דִי וֶוערְטֶער כְּסִדְרָן אוּן מֶען וֶועט פוּן זִיךְ אַלֵיינְס פַארְשְׁטֵיין, "וְאִם לֹא יָבִין תֵּכֶף, יָבִין אַחַר כָּךְ, וְאִם יִשָּׁאֲרוּ אֵיזֶה דְּבָרִים, שֶׁאַף עַל פִּי כֵן לֹא יוּכַל לַעֲמֹד עַל כַּוָּנָתוֹ - מַה בְּכָךְ? וְדִבֵּר הַרְבֵּה מְאֹד בְּעִנְיָן זֶה, וְאִי אֶפְשָׁר לְבָאֵר דְּבָרִים אֵלּוּ בִּכְתָב הֵיטֵב, אֲבָל בֶּאֱמֶת הוּא דֶּרֶךְ עֵצָה טוֹבָה מְאֹד בְּעִנְיַן הַלִּמּוּד, כִּי עַל יְדֵי זֶה יְכוֹלִים לִזְכּוֹת לִלְמֹד הַרְבֵּה מְאֹד, לִגְמֹר כַּמָּה וְכַמָּה סְפָרִים, וְגַם יִזְכֶּה לְהָבִין הַדְּבָרִים יוֹתֵר, מֵאֲשֶׁר הָיָה לוֹמֵד בְּדִקְדּוּק גָּדוֹל, כִּי זֶה מְבַלְבֵּל מְאֹד מִן הַלִּמּוּד", דֶער רֶבִּי הָאט זַייעֶר אַסַאךְ גֶערֶעדְט פוּנֶעם דֶרֶךְ הַלִימוּד, אַז מֶען זָאל נִישְׁט זוּכְן צוּ פַארְשְׁטֵיין גְלַייךְ וֶוען מֶען לֶערְנְט, נָאר מֶען זָאל לֶערְנֶען אַסַאךְ אָן פַארְשְׁטֵיין בִּיז מֶען וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין.

וֶוען מֶען לֶערְנְט אוֹיף דֶעם סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד אִיז מֶען זוֹכֶה אָנְצוּקוּמֶען אַסַאךְ מֶער ווי וֶוען מֶען לֶערְנְט שְׁטֵייט אוּן מֶען קְלֶערְט אַרַיין אִין יֶעדֶע וָוארְט, וָואס דָאס שְׁטֶערְט נָאר

דָאס לֶערְנֶען, "וְכַמָּה בְּנֵי אָדָם פָּסְקוּ מִלִּמּוּדָם לְגַמְרֵי עַל יְדֵי רִבּוּי הַדִּקְדּוּקִים שֶׁלָּהֶם, וּמְאוּמָה לֹא נִשְׁאַר בְּיָדָם", אוּן זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן הָאבְּן אִינְגַאנְצְן אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ לֶערְנֶען צוּלִיבּ דֶעם וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעלֶערְנְט אוּן גֶעקְוֶועטְשְׁט וְכוּ'.

"**אֲבָל** כְּשֶׁיַּרְגִּיל עַצְמוֹ לִלְמֹד בִּמְהִירוּת כַּנִּזְכָּר לְעֵיל - בְּלִי דִקְדּוּקִים הַרְבֵּה, הַתּוֹרָה תִּתְקַיֵּם בְּיָדוֹ, וְיִזְכֶּה לִלְמֹד הַרְבֵּה מְאֹד, גְּמָרָא וּפוֹסְקִים כֻּלָּם, וְתַנַ"ךְ מִדְרָשִׁים וְסִפְרֵי הַזּוֹהַר וְקַבָּלָה, וּשְׁאָר סְפָרִים כֻּלָּם", אַז אַ מֶענְטְשׁ גֶעווֹאוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ לֶערְנֶען שְׁנֶעלֶערְהֵייט - אַזוֹי וִוי אוֹיבְּן דֶערְמַאנְט, וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ; עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין דוּרְכְצוּלֶערְנֶען דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה - גְּמָרָא מִיט אַלֶע פּוֹסְקִים, תְּנַ"ךְ מִיט אַלֶע מִדְרָשִׁים אוּן זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ, "וּכְבָר מְבֹאָר שִׂיחָתוֹ שֶׁל רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, שֶׁטּוֹב לָאָדָם שֶׁיַּעֲבֹר בְּחַיָּיו בְּכָל הַסְּפָרִים שֶׁל הַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה", אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט אַז מִיר זָאלְן דוּרְךְ לֶערְנֶען כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ. עַיֵּין שָׁם.

**זֶע** צוּ זָאגְן אַבִּיסְל תְּהִילִים יֶעדְן טָאג, וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן עג): "מִי שֶׁרוֹצֶה לִזְכּוֹת לִתְשׁוּבָה, יִהְיֶה רָגִיל בַּאֲמִירַת תְּהִלִּים, כִּי אֲמִירַת תְּהִלִּים מְסֻגָּל לִתְשׁוּבָה", וֶוער עֶס וִויל תְּשׁוּבָה טוּן זָאל זָאגְן תְּהִילִים.

**אַז** דוּ וֶועסְט פָּאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן אוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה וֶועסְטוּ צוּקוּמֶען צוּ וֶוערְן לֶעבֶּעדִיג, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (עֲבוֹדָה זָרָה כ:): "תּוֹרָה מְבִיאָה לִידֵי זְהִירוּת, זְהִירוּת מְבִיאָה לִידֵי זְרִיזוּת, זְרִיזוּת מְבִיאָה לִידֵי נְקִיּוּת, נְקִיּוּת מְבִיאָה

לִידֵי פְּרִישׁוּת, פְּרִישׁוּת מְבִיאָה לִידֵי טַהֲרָה, טַהֲרָה מְבִיאָה לִידֵי קְדוּשָׁה, קְדוּשָׁה מְבִיאָה לִידֵי עֲנָוָה, עֲנָוָה מְבִיאָה לִידֵי יִרְאַת חֵטְא, יִרְאַת חֵטְא מְבִיאָה לִידֵי חֲסִידוּת, חֲסִידוּת מְבִיאָה לִידֵי רוּחַ הַקֹּדֶשׁ, רוּחַ הַקֹּדֶשׁ מְבִיאָה לִידֵי תְּחִיַּת הַמֵּתִים"; אַז מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה קוּמְט מֶען אָן בִּיז תְּחִיַּת הַמֵּתִים, דוּ וֶועסְט וֶוערְן אַ לֶעבֶּעדִיגֶער אִיד.

## רכא

### ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ מַאכְן אַז מַיין מַאן זָאל זַיין אִינְדֶערְהֵיים בַּיינַאכְט?

**שְׁאֵלָה:**

**לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אִיבֶּער דֶעם וָואס מַיין מַאן אִיז נִישְׁט אִין שְׁטוּבּ בַּיינַאכְט. דָאס שְׁטֶערְט מִיר זֵייעֶר וֶועגְן אַסַאךְ סִיבּוֹת, אֵיינְס פוּן דִי סִיבּוֹת אִיז אַז אִין דִי שָׁעוֹת הָאבּ אִיךְ שׁוֹין גֶעוֶוענְלִיךְ נִישְׁט קַיין כֹּחַ אוּן קַיין סַבְלָנוּת פַאר דִי קִינְדֶער אוּן אִיךְ פִּיל אַז וֶוען עֶר אִיז אוֹיךְ אִין שְׁטוּבּ גֵייט דָאס פִּיל גְרִינְגֶער.

עֶר טַעֲנֶה'ט אַז עֶר מוּז הָאבְּן דִי צַייט פַאר זִיךְ, עֶר אִיז אַזוֹי אוֹיסְגֶעמוּטְשֶׁעט אוּן דָאס אִיז זַיין חִיוּת, עֶר קֶען בְּשׁוּם אוֹפֶן נִישְׁט מְוַותֵּר זַיין אוֹיף דֶעם.

אִיךְ וֵוייס בֶּאֱמֶת נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, אִיךְ בִּין נִישְׁט אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז מַסְכִּים צוּ לֶעבְן פַארְבִּיסֶענֶערְהֵייט וַוייל מַיין מַאן גֶעבְּט מִיר נִישְׁט וָואס אִיךְ דַארְף, אִיךְ גֵיי זִיךְ נִישְׁט בֶּעטְן בַּיי אִים אוֹיף מַיין לֶעבְּן, אִיךְ קֶען זִיךְ לֶערְנֶען צוּ לֶעבְן גוּט אַזוֹי אוֹיךְ.

מַיין שְׁאֵלָה אִיז אוֹיבּ אִין דֶעם פַאל זָאל אִיךְ אָפְּמאכְן אַז עֶר זָאל זִיךְ גֵיין זַיין וֶועג לְחַיִּים וּלְשָׁלוֹם און אִיךְ וֶועל זִיךְ שׁוֹין מְסַדֵּר זַיין אַלֵיין, אָדֶער אִיז אֶפְשָׁר יָא דָא אַ וֶועג אִים אִיבֶּערְצוּרֶעדְן אַז עֶר זָאל זַיין מֶער אִין שְׁטוּבּ בַּיינַאכְט.

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז אִיךְ בֶּעט אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם, אִיז דָא נָאךְ עֶפֶּעס וָואס אִיךְ קֶען טוּן דֶערְוֶועגְן?

אִיךְ וויל אַבִּיסְל מֶער עֶרְקְלֶערְן מַיין מַצָּב, עֶס אִיז דָא זֵייעֶר אַסַאךְ זַאכְן מִיט וָואס מִיר זֶענֶען נִישְׁט אֵיינִיג, מִסְתָּמָא אַזוֹי ווִי בַּיי יֶעדֶע פָּארְפָאלְק. בָּרוּךְ ה' אַז אִיךְ הָאבּ זִיךְ אוֹיסְגֶעלֶערְנְט נִישְׁט צוּ נֶעמֶען צוּם הַארְץ, נָאר זִיךְ מְסַדֵּר זַיין אַלֵיין און קוּקְן נָאר אוֹיף זַיינֶע גוּטֶע זַאכְן, און עֶר הָאט בָּרוּךְ ה' אַסַאךְ גוּטֶע זַאכְן. עֶר אִיז זֵייעֶר אַן עֶרְלִיכֶער, אַ תַּלְמִיד חָכָם, עֶר הָאט גוּטֶע מִידוֹת, עֶר נֶעמְט אוֹיף זִיךְ דִי פוּלֶע אַחְרָיוּת פוּן פַּרְנָסָה און נָאךְ פִיל פִיל מַעֲלוֹת. בָּרוּךְ ה'.

אַ גְרוֹיסְן גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ אוֹיף אַלֶעס, אִיךְ קֶען נִישְׁט גְלוֹיבְּן אַז אִיךְ הָאבּ וֶועמֶען צוּ פְרֶעגְן מַיינֶע שְׁאֵלוֹת. אִיר קֶענְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס דָאס מֵיינְט פַאר מִיר.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, ט"ז שְׁבַט, שְׁנַת תשע"ח לִפְרַט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

### אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

**דֶער** יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת פוּן שָׁלוֹם בַּיִת אִיז צוּ זַיין אָפְן אֵיינֶער מִיטְ'ן צְוֵוייטְן; אוֹיבּ עֶפֶּעס טוּט וֵויי דַארְף מֶען זִיךְ אַדוּרְךְ רֶעדְן אֵיינֶער מִיטְ'ן צְוֵוייטְן. אוֹיבּ מֶען רֶעדְט נִישְׁט, אָדֶער אֵיינֶער הָאט מוֹרָא פוּנֶעם צְוֵוייטְן צוּ רֶעדְן אִיז דָאס

נִישְׁט שָׁלוֹם בַּיִת אוּן מֶען דַארְף זֶען ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ עֶפֶּענֶען אוּן זִיךְ אַדוּרְךְ רֶעדְן אֵיינֶער מִיטְ'ן צְוֵוייטְן.

**אִיר** הָאט שׁוֹין זִיכֶער גֶעהֶערְט דֶעם דִיבּוּר פוּן רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה. וֶוען מֶען אִיז אִים גֶעקוּמֶען דֶערְצֵיילְן אַז עֶס אִיז דָא אִין שְׁטָאט אַ אִיד אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, מַמָשׁ דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט רַעשְׁ'טְ זִיךְ מִיט אִים. אֵיינֶע פוּן זַיינֶע גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגוֹת אִיז אַז עֶר אִיז אַ "שׁוֹתֵק" - עֶר שְׁוַוייגְט, עֶר רֶעדְט גָארְנִישְׁט, מֶען הֶערְט נִישְׁט פוּן אִים קַיין אֵיין וָוארְט, הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: "דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט אַז מֶען דַארְף נִישְׁט שְׁוַוייגְן, מֶען זָאל יָא רֶעדְן, נָאר מֶען דַארְף ווִיסְן ווִי אַזוֹי צוּ רֶעדְן"; אִין דֶעם וָוארְט לִיגְט דֶער שְׁלִיסְל פוּן שָׁלוֹם בַּיִת. שָׁלוֹם בַּיִת אִיז נִישְׁט פְּשַׁט אַז מֶען עֶסְט זִיךְ אוֹיף וְכוּ', שָׁלוֹם בַּיִת מֵיינְט אַז מֶען רֶעדְט יָא, מֶען דַארְף נָאר ווִיסְן ווִי אַזוֹי צוּ רֶעדְן.

**בְּדֶרֶךְ** כְּלַל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט נִישְׁט, עֶר גֶעבְּט נִישְׁט אַרוֹיס וָואס עֶס בַּאדֶערְט אִים אוּן וָואס עֶס דְרוּקְט אִים, וֶוערְט עֶר מִיט דִי צַייט אָנְגֶעגֶעסְן אִין זִיךְ אוּן וֶוען עֶר קֶען דָאס שׁוֹין מֶער נִישְׁט נֶעמֶען אוּן עֶס פְּלַאצְט אוֹיס - אִיז זֵייעֶר נִישְׁט גוּט; זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל צֶעפַאלְן אִידִישֶׁע שְׁטוּבֶּער נָאר וַוייל מֶען הָאט נִישְׁט גֶערֶעדְט. מֶען הָאט זִיךְ אָנְגֶעגֶעסְן אֵיינֶער אוֹיפְ'ן צְוֵוייטְן בִּיז מֶען הָאט שׁוֹין נִישְׁט גֶעקֶענְט מֶער אוּן מֶען הָאט אוֹיסְגֶעפְּלַאצְט זֵייעֶר נִישְׁט שֵׁיין אֵיינֶער אוֹיפְ'ן צְוֵוייטְן.

**אִיךְ** בִּין זִיכֶער אַז אוֹיבּ אִיר וֶועט רֶעדְן מִיט אַייעֶר מַאן נָאכְאַמָאל, אִיר וֶועט רֶעדְן מִיט אִים שֵׁיינֶע דִיבּוּרִים אוּן אִים מַסְבִּיר זַיין אַז וֶוען עֶס קוּמְט בַּיינַאכְט פַּאלְט אִיר פוּן אַייעֶרֶע כּוֹחוֹת אוּן אִיר דַארְפְט זַיין הִילְף אִין שְׁטוּבּ, אִיר וֶועט אִים בֶּעטְן אַז אִיר קוּקְט אַרוֹיס אוֹיף זַיין מִיט-אַרְבֶּעט וְכוּ'. אִיר וֶועט אִים זָאגְן: "מַיין טַייעֶרֶער מַאן, אִיךְ קֶען נוּצְן דַיין הִילְף בַּיינַאכְט, עֶס אִיז מִיר אַסַאךְ גְרִינְגֶער וֶוען דוּ קוּמְסְט אַהֵיים", וֶועט עֶר אַייךְ זִיכֶער הֶעלְפְן.

**יֶעדֶער** אֵיינֶער דַארְף חִיזּוּק וְכוּ'; גֶעוֶוענְלִיךְ דַארְף דֶער מַאן זַיין דֶער וָואס אִיז מְחַזֵּק דִי וַוייבּ, אָבֶּער אַ קְלוּגֶע פְרוֹי וַוארְט נִישְׁט אוֹיף דֶעם, נָאר זִי אִיז דִי וָואס אִיז מְחַזֵּק אִיר מַאן וְכוּ'. שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי יד, א): "חַכְמוֹת נָשִׁים בָּנְתָה בֵיתָהּ", אַ קְלוּגֶע פְרוֹי בּוֹיט אוֹיף אִיר הוֹיז; אַ קְלוּגֶע פְרוֹי מַאכְט זִיךְ אַ גַן עֵדֶן פוּן אִיר לֶעבְּן, זִי מַאכְט פְרֵיילִיךְ אִיר מַאן, זִי וַוארְט נִישְׁט אוֹיף אִים אַז עֶר זָאל אָנְהֵייבְּן גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער וְכוּ', נָאר זִי אִיז דֶער וָואס גֶעבְּט גוּטֶע וֶוערְטֶער אוּן מַאכְט פְרֵיילִיךְ דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ.

**חֲכָמֵינוּ** זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (עוּקְצִין ג, יב): "לֹא מָצָא הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא כְּלִי מַחֲזִיק בְּרָכָה לְיִשְׂרָאֵל אֶלָּא הַשָּׁלוֹם", בַּיים אַייבֶּערְשְׁטְן אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער זַאךְ שָׁלוֹם; וָואס מֵיינְט שָׁלוֹם? זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן פ): "שֶׁמְּחַבֵּר תְּרֵי הֲפָכִים", וֶוען מֶען שְׁטֶעלְט צוּזַאמֶען צְוֵויי פַארְקֶערְטֶע זַאכְן - דָאס אִיז שָׁלוֹם, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (אִיּוֹב

כה, ב): "עוֹשֶׂה שָׁלוֹם בִּמְרוֹמָיו", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט שָׁלוֹם אִין הִימְל צְווִישְׁן צְוֵויי מַלְאָכִים. זָאגְט דֶער רֶבִּי (שָׁם): "כִּי זֶה הַמַּלְאָךְ מֵאֵשׁ, וְזֶה מִמַּיִם", אֵיין מַלְאָךְ אִיז פֵייעֶר אוּן אֵיין מַלְאָךְ אִיז וַואסֶער, "שֶׁהֵם תְּרֵי הֲפָכִים; כִּי מַיִם מְכַבֶּה אֵשׁ", זֵיי זֶענֶען צְוֵויי פַּארְקֶערְטֶע זַאכְן, וַוייל וַואסֶער לֶעשְׁט אוֹיס פֵייעֶר, "וְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עוֹשֶׂה שָׁלוֹם בֵּינֵיהֶם וּמְחַבְּרָם יַחַד", גֵייט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן מַאכְט שָׁלוֹם צְווִישְׁן זֵיי אוּן עֶר בַּאהֶעפְט זֵיי צוּזַאמֶען. זֶעט מֶען אַז דָאס אִיז דֶער עִיקָר פוּן שָׁלוֹם, מְחַבֵּר זַיין צְוֵויי פַּארְקֶערְטֶע זַאכְן, עַיֵין שָׁם.

יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט זַיינֶע נַאטוּרְן אוּן זַיין וֶועג וִוי אַזוֹי עֶר טְרַאכְט, קַיין אֵיין מֶענְטְשׁ טְרַאכְט נִישְׁט וִוי דֶער צְוֵוייטֶער, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סַנְהֶדְרִין לח.): "לְהַגִּיד גְּדוּלָּתוֹ שֶׁל מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, שֶׁאָדָם טוֹבֵעַ כַּמָּה מַטְבְּעוֹת בְּחוֹתָם אֶחָד וְכוּלָּן דּוֹמִין זֶה לָזֶה, אֲבָל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא טוֹבֵעַ כָּל אָדָם בְּחוֹתָמוֹ שֶׁל אָדָם הָרִאשׁוֹן וְאֵין אֶחָד מֵהֶן דּוֹמֶה לַחֲבֵירוֹ", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ מַאכְט אַ זַאךְ קֶען עֶר מַאכְן אַ פָאֶרעם דֶערְפוּן אוּן נוּצְן דֶעם פָאֶרעם נָאכְצוּמַאכְן דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אוּן אַלֶעס וָואס עֶר מַאכְט מִיט דֶעם פָאֶרעם זֶעט אוֹיס דִי זֶעלְבֶּע, אָבֶּער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן אָן אַ שִׁיעוּר מֶענְטְשְׁן אוֹיף דִי וֶועלְט, אַלֶע זֶעעֶן אוֹיס וִוי אָדָם הָרִאשׁוֹן אָבֶּער קַיין אֵיינֶער זֶעט נִישְׁט אוֹיס גֶענוֹי וִוי דֶער אַנְדֶערֶער אוּן זִיכֶער טְרַאכְט נִישְׁט אֵיינֶער וִוי דֶער צְוֵוייטֶער.

**בַּיי** אֵיין פָּארְפָאלְק אִיז דֶער מַאן פֵייעֶר אוּן דִי וַוייבּ וַואסֶער, אוּן בַּיי אֵיינֶעם אִיז פַארְקֶערְט - זִי אִיז פֵייעֶר אוּן עֶר אִיז וַואסֶער, שְׁלֵימוּת אִיז וֶוען בֵּיידֶע ווילְן אֵיין זַאךְ, אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַן עֶרְלִיכֶע שְׁטוּבּ, עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע דוֹרוֹת, קִינְדֶער אוּן קִינְדְ'ס קִינְדֶער וָואס וֶועלְן דִינֶען דֶעם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער.

**דֶערְפַאר** זָאלְט אִיר זִיךְ שְׁטַארְקְן אַז אִיר הָאט אַ מַאן אַ תַּלְמִיד חָכָם מִיט גוּטֶע מִידוֹת, אַ יְרֵא שָׁמַיִם, אוּן עֶר זָארְגְט פַאר אַייעֶר שְׁטוּבּ פַאר דִי פַּרְנָסָה. אִיר זָאלְט ווייטֶער מִתְפַּלֵל זַיין אוֹיף אַלֶעס וָואס אִיר דַארְפְט אוּן גֶעדֶענְקְטְס וָואס דֶער תַּם פְלֶעגְט זָאגְן פַארְ'ן חָכָם וֶוען דֶער חָכָם הָאט אִים גֶעוָואלְט אוֹיפְדְרִינְגֶען אַז עֶר קֶען נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ זַיין זַאךְ, עֶר פְלֶעגְט אִים עֶנְטְפֶערְן מִיט תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ט' - מֵחָכָם וְתָּם): "בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז אַלְץ מֶעגְלִיךְ, קֶען זַיין מִיט אֵיין אוֹיגְן בְּלִיק אַז אִיךְ זָאל צוּ קוּמֶען צוּ דַיין זַאךְ", ווייל מִיט תְּפִילָה וְהִתְבּוֹדְדוּת קֶען מֶען אַלֶעס בַּאקוּמֶען.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# רכב

## װען איך גײ נאָך צְדָקָה, זאָל איך זאָגן אַז איך גײ פאַר מיר?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דער ראש ישיבה שליט"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פאַר די פְרִיעֶרְדִיגֶע בְּרִיוו וָואס דער ראש ישיבה האָט מיר צוריקגעשריבן, און אַ גרויסן יישר כח פאר אלע חיזוק און עֵצוֹת וָואס העלפן מיר אויף יעדן טריט און שריט.

איך האָב געוואָלט פרעגן אויף דעם וָואס דער ראש ישיבה זאָגט אַלעמאָל אַז אויב מען קען נישט דעקן די הוצאות און מען האָט חובות, זאָל מען גיין נאָך געלט. איך פּאָלג און איך גײ צו עֲשִׁירִים נאָך געלט, אָבער נאָכדעם טוט עס מיר זייער וויי ווייל די עשירים געבן מיר די זעלבע אָדער ווייניגער ווי ווען איך וואָלט ווען נישט געזאָגט אַז איך גײ פאַר מיר אַליין. זאָל איך זאָגן פאַר ווֶעם איך גײ אָדער איז בעסער נישט צו זאָגן? ווייל איך באַקום ממילא נישט מער, איך האָב סְתָם בִּזְיוֹנוֹת דערפון און איך ווער פאַרעקלט פון דעם.

איך האָב נישט קיין ווערטער אַרויסצובּרענגען מיין הַכָּרַת הַטּוֹב צום ראש ישיבה, זייט איך בין געוואויר געוואָרן פון די עצות וואס דער ראש ישיבה לערנט מיט אונז האָט זיך מיין לעבן געטוישט, מַמָּשׁ מִן הַקָּצֶה אֶל הַקָּצֶה!

דער אייבערשטער זאָל שענקען פאַר'ן ראש ישיבה אַסאַך כֹּחַ אָנצוגיין ווייטער צו קענען פאַרשפּרייטן די עצות פון הייליגן רבי'ן און פון מוהרא"ש אַז אַנדערע אידן זאָלן אויך וויסן אַז מען קען לעבן אַ חַיִּים טוֹבִים.

יְיַשֵׁר כֹּחַ פאַר אַלעם.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, ט"ז שְׁבַט, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

### אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

בְּנוֹגֵעַ דַיינֶע חוֹבוֹת אִין וָואס דוּ בִּיסְט אַרַיין גֶעפַאלְן; דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קיב): "הִנֵּה יֵשׁ עֲבֵרָה, שֶׁעָנְשָׁהּ שֶׁל עֲבֵרָה הַהִיא שֶׁיִּהְיֶה בַּעַל חוֹב תָּמִיד, וַאֲפִילּוּ יַעֲשֶׂה כָּל טַצְדְּקֵי דְּאֶפְשָׁר, וְהִתְפַּעֲלוּת, לֹא יוֹעִיל כְּלָל, וְיִהְיֶה בַּעַל חוֹב תָּמִיד", עֶס אִיז דָא אַן עֲבֵירָה וָואס דֶער עוֹנֶשׁ פוּן דֶעם אִיז אַז דֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט אַ גְרוֹיסֶער 'בַּעַל חוֹב'. אוּן אֲפִילוּ דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט טוּן אַלֶעס אוֹיף דֶער וֶועלְט נִישְׁט צוּ זַיין אַ בַּעַל חוֹב, וֶועט עֶר אֵייבִּיג בְּלַייבְּן אִין חוֹבוֹת; מוֹהֲרְנַ"שׁ זָאגְט אַז דָאס אִיז דִי עֲבֵירָה פוּן הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה - פְּגַם הַבְּרִית רַחְמָנָא לִצְלָן.

דִי עֵצָה אַרוֹיס צוּ קְרִיכְן פוּן דֶעם אִיז, אַז מֶען זָאל תְּשׁוּבָה טוּן; מֶען זָאל וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל קֶענֶען אַרוֹיס קְרִיכְן פוּן אַלֶע חוֹבוֹת, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הָאבּ אוֹיף מִיר רַחֲמָנוּת, אִיךְ וִויל זִיךְ צוּרִיקְקֶערְן צוּ דִיר; קוּק וִוי אִיךְ זִינְק אִין שְׁוֶוערֶע חוֹבוֹת, אִיךְ וֵויים אַז אִיךְ בִּין זִיךְ אַלֵיינְס שׁוּלְדִיג, וַוייל אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן עֲבֵירוֹת וָואס דֶער עוֹנֶשׁ אוֹיף דֶעם אִיז אַז מֶען וֶוערְט אַ בַּעַל חוֹב, אִיךְ בִּין נִכְשָׁל גֶעוָוארְן אִין פְּגַם הַבְּרִית, אָבֶּער רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ וִויל תְּשׁוּבָה טוּן, זַיי מִיר מוֹחֵל אוֹיף אַלֶע מַיינֶע

שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, דוּ בִּיסְט דָאךְ אַ חַנּוּן הַמַּרְבֶּה לִסְלוֹחַ, אַז מֶען טוּט תְּשׁוּבָה בִּיסְטוּ מוֹחֵל אוֹיף אַלֶע עֲבֵירוֹת, בֶּעט אִיךְ דִיר, נֶעם מִיךְ אַרוֹיס פוּן מַיין זוּמְפּ, נֶעם אָן מַיין תְּשׁוּבָה אוּן הֶעלְף מִיר אַרוֹיס קְרִיכְן פוּן מַיינֶע חוֹבוֹת", אַזוֹי זָאלְסְטוּ בֶּעטְן יֶעדְן טָאג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן לֵייג אַרַיין דַיינֶע אֵייגֶעְנֶע תְּפִילוֹת וּבַקָשׁוֹת.

**עֶס** וֶוערְט גֶע'פַּסְקְ'נְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (יוֹרֶה דֵעָה, סִימָן רנג) אַז וֶוער עֶס הָאט נִישְׁט קַיין גֶעלְט קֶען גֵיין נָאךְ צְדָקָה פַאר זִיךְ; גֶעדֶענְק גוּט וָואס אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין חַזֶר'ן: "עֶס אִיז נִישְׁט קַיין בּוּשָׁה צוּ גֵיין נָאךְ גֶעלְט, אָדֶער צוּ נֶעמֶען אַ פְּשׁוּט'עֶ אַרְבֶּעט וְכוּ', אַ בּוּשָׁה אִיז אַז מֶען בָּארְגְט אוּן מֶען בַּאצָאלְט נִישְׁט, וָואס אַזוֹי וֶוערְט מֶען אָנְגֶערוּפְן אַ רָשָׁע, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים לז, כא): 'לֹוֶה רָשָׁע וְלֹא יְשַׁלֵּם', אַ רָשָׁע בָּארְגְט אוּן בַּאצָאלְט נִישְׁט".

**לָאז** אָפּ עֲשִׁירִים אוּן חַנְפ'עֶ נִישְׁט קֵיינֶעם; גֶעדֶענְק וָואס מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּט אוּנְז אִין דִי צַוָואָה, וְזֶה לְשׁוֹנוֹ (צַוָּאַת מוֹהֲרָא"שׁ, סִימָן ט): "אִיךְ בֶּעט אַייךְ זַייעֶר אִיר זָאלְט זִיךְ גוּט אַרַיין נֶעמֶען אִין קָאפּ אַז אִיר הָאט נִישְׁט קֵיינֶעם אוֹיף דֶער וֶועלְט. קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט קֶען אַייךְ נִישְׁט הֶעלְפְן, אוּן זִיכֶער קֶען קֵיינֶער אַייךְ נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן. דֶערִיבֶּער זָאלְט אִיר נִישְׁט מוֹרָא הָאבְן פוּן קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ, אוּן אִיר זָאלְט זִיךְ נִישְׁט חַנְפ'עֶנֶען צוּ קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ, וַוייל דָאס וֶועט אַייךְ גָארְנִישְׁט הֶעלְפְן, פַארְקֶערְט, דָאס וֶועט אַייךְ

נָאר שָׁאטְן צוּם גֶעזוּנְט, וַוייל וֶוען מֶען פַארְלָאזְט זִיךְ אוֹיף מֶענְטְשְׁן, אוּן דֶערְנָאךְ זֶעט מֶען אַז יֶענֶער הָאט גָארְנִישְׁט גֶעקֶענְט הֶעלְפְן, יֶענֶער אִיז בִּכְלַל נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט דִיר צוּ הֶעלְפְן, דַאן וֶוערְט מֶען זַייעֶר אַנְטוֹישְׁט, מֶען וֶוערְט זַייעֶר צֶעבְּרָאכְן אוּן צֶעקְלַאפְּט פוּן דֶעם".

**דֶערְפַאר** חַנְפֶ'ע נִישְׁט קֵיינֶעם, טְרַאכְט נִישְׁט פוּן דֶעם עוֹשֶׁר אוּן פוּן יֶענֶעם גְבִיר; דוּ גֵיי וַוייטֶער נָאךְ גֶעלְט בִּיז דוּ וֶועסְט אָפְּצָאלְן דַיינֶע חוֹבוֹת אִין וָואס דוּ דֶערְטְרִינְקְסְט זִיךְ, וַוייל וִוי לַאנְג אַ מֶענְטְשׁ הָאט חוֹבוֹת הָאט עֶר נִישְׁט קַיין מֹחַ אוּן אַז מֶען הָאט נִישְׁט קַיין מֹחַ קֶען מֶען נִישְׁט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת תְּשׁוּבָה, סִימָן מו): "מִי שֶׁרוֹצֶה לָשׁוּב, יִזָּהֵר מִלִּהְיוֹת בַּעַל חוֹב". וֶוער עֶס וִויל תְּשׁוּבָה טוּן זָאל אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן הָאבְּן חוֹבוֹת.

וֶוען דוּ גֵייסְט נָאךְ גֶעלְט דַארְפְּסְטוּ נִישְׁט זָאגְן אַז דוּ גֵייסְט פַאר דִיר וְכוּ', זָאג: "צְדָקָה פַאר אַן אָרֶעמֶע מִשְׁפָּחָה".

זֶע צוּ גֵיין נָאךְ גֶעלְט יֶעדֶע צוּפְרִי - אֲפִילוּ נָאר בַּיי דֶעם מִנְיָן וואוּ דוּ דַאוְוענְסְט שַׁחֲרִית, מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב. טְרַאכְט נִישְׁט: 'וָואס וֶועט שׁוֹין זַיין אַז אִיךְ וֶועל מַאכְן אַפָּאר דָאלֶער, אִיךְ בִּין דָאךְ שׁוּלְדִיג טוֹיזֶנְטֶער דָאלֶער פַאר מֶענְטְשְׁן אוּן גְמַ"חְ'ן', וַוייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא ט:): "פְּרוּטָה וּפְרוּטָה מִצְטָרֶפֶת", אַז דוּ הָאסְט גֶעמַאכְט אַ צֶענֶער, אַ צְוָואנְצִיגֶער, גֵיי בַּאצָאל דָאס; אַזוֹי וֶועסְטוּ צוּבִּיסְלֶעךְ אַרוֹיס קְרִיכְן פוּן דַיינֶע חוֹבוֹת.

**אִיךְ** וֵויים אַז עֶס אִיז שְׁוֶוער אוּן דוּ שֶׁעמְסְט זִיךְ, אָבֶער גֶעדֶענְק וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (קִידּוּשִׁין פא.): "מוּטָב תִּכַּסְּפוּ בִּי בְּעָלְמָא הָדֵין, וְלָא תִּכַּסְּפוּ מִינֵיהּ לְעָלְמָא דְּאָתֵי", עֶנְדֶערְשׁ זָאל אַ מֶענְטְשׁ פַארְשֶׁעמְט וֶוערְן אוֹיף דִי וֶועלְט וִוי אֵיידֶער פַארְשֶׁעמְט צוּ וֶוערְן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט; אַ מֶענְטְשׁ וָואס גֵייט נָאךְ גֶעלְט צוּ בַּאצָאלְן חוֹבוֹת אִיז אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, עֶס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קַיין בּוּשָׁה צוּ גֵיין קְלֵייבְּן גֶעלְט, אַ בּוּשָׁה אִיז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז שׁוּלְדִיג גֶעלְט פַאר מֶענְטְשְׁן אוּן עֶר זִיצְט בַּיי זִיךְ אִין שְׁטוּב אוּן שְׁטֶעלְט זִיךְ אַהֶער וִוי אַ שֵׁיינֶער אִיד.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט אוֹיפְגֶערָאכְטְן וֶוערְן אוּן קֶענֶען בַּאצָאלְן אַלֶע דַיינֶע חוֹבוֹת.

## רכג

### מֶעג מֶען פַּייפְן מִיט דִי מוֹיל?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיבּ מֶען מֶעג פַּייפְן מִיט דִי מוֹיל.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, י"ט שְׁבַט, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד... גֵּרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**מוֹהֲרָא"שׁ** זָאגְט (אֲשֶׁר בַּנַּחַל אִידִישׁ, חֵלֶק ב', מִכְתָּב קפח) **אַז עֶס אִיז מְקוּבָּל פוּן צַדִּיקִים אַז אוֹיבּ מֶען פַּייפְט מִיטְ'ן מוֹיל וְכוּ' רוּפְט מֶען צוּ זִיךְ אַלֶע קְלִיפּוֹת וּמַשְׁחִיתִים אוּן אַז דָאס אִיז נִישְׁט קַיין אֵיידֶעלֶע זַאךְ.**

**זֶע זִיךְ צוּ פִירְן אֵיידְל וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן.**

## רכד

### דַארְף מֶען הָאבְּן חוּמְרוֹת אִין שְׁטוּבּ?

## שְׁאֵלָה:

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ בֶּענְק זִיךְ זֵייעֶר צוּם רֹאשׁ יְשִׁיבָה, בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז מַיין לֶעבְּן וֶוערְט בֶּעסֶער אוּן בֶּעסֶער מִיט דִי עֵצוֹת וָואס אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה. יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים, אִיךְ הֶער אוֹיס כְּסֵדֶר דִי שִׁיעוּרִים אוּן אִיךְ בִּין זִיךְ מְחַיֶּה דֶערְמִיט, אִיךְ הֶער אוֹיךְ צוּרִיק פוּן אַסַאךְ אַנְדֶערֶע וָואס זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶּה מִיט דִי שִׁיעוּרִים, אַז דָאס אִיז זֵייעֶר גַאנְצֶער לֶעבְּן.

וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט מִיטְ'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה אַלְס חָתָן הָאט מִיר דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה גֶעזָאגְט נָאכְצוּקוּקְן צְוֵויי גְמָרוֹת וֶועגְן עִנְיָנִים שֶׁבֵּינוֹ לְבֵינָהּ

און עס אויך וויזן פאר מיין ווייב, איך האב אבער פארגעסן די מַרְאֵה מְקוֹמוֹת, אֶפְשָׁר קען מיר דער ראש ישיבה דאס נאכאמאל אנצייכענען?

איך האף אם ירצה ה' צו קומען אויף פסח קיין אמעריקע.

א גרויסן יישר כח

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, י"ט שְׁבַט, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** האב ערהאלטן דיין בריוו.

**אִיךְ** פריי מיר זייער צו הערן פון דיר, איך בענק מיר נאך דיר; איך האף אז דו פירסט זיך אזוי ווי דו האסט געלערנט אין ישיבה אלע יארן. דו ניצט אויס דיינע יונגע יארן - די שענסטע יארן פון לעבן - מיט תורה ותפלה און עבודת השם יתברך.

**בְּנוֹגֵעַ** וואס דו פרעגסט וכו'; הלוואי זאל מען לערנען אלע חתנים און כלות צו לעבן אן פרישות און חומרות. דעמאלט וואלט נישט געווען אזוי סאך פראבלעמען אויף די וועלט, ווייל רוב שלום בית פראבלעמען קומען פון דעם וואס מען לערנט פאלשע לימודים פון חומרות ופרישות.

**דֶערְפַאר** איז דער רבי געווען אזוי שטארק קעגן חומרות, אזוי ווי ער האט געזאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק ב', סימן מד): "גַּם מֵחָכְמוֹת שֶׁיֵּשׁ בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם בְּעַצְמוֹ, צָרִיךְ לְהַרְחִיק

מְאֹד, כִּי כָל אֵלּוּ הַחָכְמוֹת שֶׁל הָעוֹלָם שֶׁיֵּשׁ לְהַנִּכְנָסִין וּמַתְחִילִין קְצָת בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם אֵינָם חָכְמוֹת כְּלָל, וְהֵם רַק דִּמְיוֹנוֹת וּשְׁטוּתִים וּבִלְבּוּלִים גְּדוֹלִים".

**דָאס** זֶענֶען נִישְׁט זַאכְן וָואס מֶען קֶען שְׁרַייבְּן דֶערְפוּן, אַז דוּ וֶועסְט קוּמֶען צוּ מִיר וֶועלְן מִיר רֶעדְן פָּנִים בְּפָנִים.

## רכה

**אִיךְ הָאבּ מוֹרָא צוּ הֶערְן שְׁרֶעקֶעדִיגֶע פְּלֶעיס.**

### שְׁאֵלָה:

**לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

מַיינֶע גֶעשְׁוִויסְטֶער הֶערְן אַסַאךְ מָאל פְּלֶעיס, אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר מוֹרָא וֶוען אִיךְ הֶער אַ שְׁרֶעקֶעדִיגֶע פְּלֶעי. וָואס זָאל אִיךְ טוּן?

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, י"ט שְׁבַט, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן ... תִּחְיֶ'

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

**זָאגְטְס** פַּאר אַייעֶרֶע גֶעשְׁוִויסְטֶער אַז אִיר ווִילְט עֶנְדֶערְשׁ הֶערְן עֶרְלִיכֶע סִידִי'ס ווִי צוּ הֶערְן לֵצָנוּת וְכוּ'; הַיינְט אִיז דָא עֶרְלִיכֶע סִידִי'ס פוּן עֶרְלִיכֶע זִינְגֶערְס.

**מֶען** דאַרְף זַייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן וָואס מֶען הֶערְט וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ג): "מִי שֶׁשּׁוֹמֵעַ נְגִינָה מִמְּנַגֵּן רָשָׁע, קָשֶׁה לוֹ לַעֲבוֹדַת הַבּוֹרֵא", וֶוער עֶס הֶערְט אַ נִיגּוּן פוּן נִישְׁט אַן עֶרְלִיכֶער זִינְגֶער וְכוּ' וֶועט דָאס אִים שְׁטֶערְן צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן פַארְקֶערְט אוֹיךְ: "וּכְשֶׁשּׁוֹמֵעַ מִמְּנַגֵּן כָּשֵׁר וְהָגוּן, אֲזַי טוֹב לוֹ", אוֹיבּ דֶער זִינְגֶער אִיז אַן עֶרְלִיכֶער אִיד וֶועט דָאס אִים בְּרֶענְגֶען נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**מֶען** דאַרְף זַייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן לֵיצָנוּת; אַנְשְׁטָאט הֶערְן טֶעיפְּס פוּן לֵיצָנוּת וְכוּ', זָאלְט אִיר עֶנְדֶערְשׁ הֶערְן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים, אָדֶער פְרֵיילִיכֶע נִיגוּנִים פוּן אֱמוּנָה וְכוּ'. הַיינְט אִיז דָא זַייעֶר גוּטֶע טֶעיפְּס פַאר קִינְדֶער פוּן גוּטֶע עֶרְלִיכֶע מְחַנְּכִים וָואס דֶערְצֵיילְן זַייעֶר שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיּוֹת אָנְגֶעפִילְט מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם. אוֹיךְ אִיז דָא טֶעיפְּס פוּן עֶרְלִיכֶע אִידְן וָואס זִינְגֶען נִיגוּנִים וָואס בְּרֶענְגְט אַרַיין אֱמוּנָה אִין דִי צוּהֶערֶער.

**בֶּעטְּם** אַייעֶרֶע גֶעשְׁוִויסְטֶער אַז וֶוען אִיר זֶענְט אִין שְׁטוּבּ זָאלְן זֵיי עֶנְדֶערְשׁ אָנְצִינְדְן טֶעיפְּס וָואס בְּרֶענְגְט יִרְאַת שָׁמַיִם, נִישְׁט וָואס לֶעשְׁט אוֹיס יֶעדֶע אִידִישֶׁער פוּנְק וְכוּ'.

**וַוייזְט** דֶעם בְּרִיוו פַאר אַייעֶרֶע גֶעשְׁוִויסְטֶער.

# רכו

## ווי אַזוֹי לֶערְן אִיךְ מִיט דִי קִינְדֶער בַּיי אָבוֹת וּבָנִים וֶוען אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט קַיין גְמָרָא?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין זֵייעֶר נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן פוּן דִי קְלִיפּ וָואס וַוייזְט ווִי טַאטֶע'ס גֶעבְּן זִיךְ נִישְׁט אָפּ מִיט דִי קִינְדֶער נָאר זֵיי זֶענֶען פַארְנוּמֶען מִיט דִי סְמַארְטְפָאוֹן, אוּן אִיךְ פְּרוּבִּיר אַרַיינְצוּלֵייגְן מֶער צַייט אִין מַיינֶע קִינְדֶער.

אִיךְ הָאבּ אַ שְׁאֵלָה, עֶס אִיז דָא דִי 'אָבוֹת וּבָנִים' פְּרָאגְרַאם בַּיי אוּנְז אִין שׁוּל יֶעדְן מוֹצָאֵי שַׁבָּת, אִיךְ זִיץ מִיט אַלֶע מַיינֶע קִינְדֶער, אִיךְ קֶען אָבֶּער נִישְׁט קַיין גְמָרָא אוּן אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט וָואס זֵיי רֶעדְן. זָאל אִיךְ פָּשׁוּט זִיצְן אוּן שְׁמוּעֶסְן מִיט זֵיי, אָדֶער זָאל אִיךְ זֵיי פַארְהֶערְן נָאר חוּמָשׁ רַשִׁ"י וָואס דָאס קֶען אִיךְ יָא בָּרוּךְ הַשֵּׁם?

אוֹיךְ ווִיל אִיךְ ווִיסְן אַזוֹי ווִי אִיךְ הָאבּ פִיר אִינְגְלֶעךְ, יֶעדֶער אִין אַן אַנְדֶערֶע עֶלְטֶער, וויפִיל צַייט זָאל אִיךְ גֶעבְּן פַאר יֶעדְן פוּן זֵיי בַּיי אָבוֹת וּבָנִים?

אִיךְ קֶען נִישְׁט קַיין חִינוּךְ, אִיךְ פְּרוּבִּיר זִיךְ צוּ לֶערְנֶען אַבִּיסְל פוּן אַייעֶרֶע שִׁיעוּרִים.

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, י״ט שְׁבַט, שְׁנַת תשע״ח לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**וואוֹיל** אִיז דִיר אַז דוּ גֶעבְּסְט אַוֶועק אַבִּיסְל צַייט פַּאר דַיינֶע קִינְדֶער צוּ אִיבֶּערְגֵיין מִיט זֵיי וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעלֶערְנְט אִין חֵדֶר דוּרְכְאוֹיס דִי וָואךְ, דָאס וֶועט דִיר בְּרֶענְגֶען נַחַת פוּן דַיינֶע קִינְדֶער וֶוען זֵיי וֶועלְן עֶלְטֶער וֶוערְן.

**אַ** טַאטֶע וָואס גֶעבְּט נִישְׁט אַוֶועק פַּאר זַיינֶע קִינְדֶער לְכָל הַפָּחוֹת אֵיין שָׁעָה אַ וָואךְ זִיךְ צוּ אִינְטֶערֶעסִירְן וָואס דִי קִינְדֶער מַאכְן, וָואס זֵיי לֶערְנֶען וְכוּ׳ אוּן שְׁמוּעֶסְט אַבִּיסְל מִיט זֵיי וְכוּ׳ - דֶער וֶועט זִיךְ רַייסְן דִי הָאר פוּן קָאפּ וֶוען זַיינֶע קִינְדֶער וֶועלְן עֶלְטֶער וֶוערְן; קִינְדֶער וַואקְסְן נִישְׁט פוּן זִיךְ אַלֵיין, נָאר אַז מֶען גֶעבְּט זִיךְ אָפּ מִיט זֵיי אִין זֵייעֶרֶע יוּנְגֶע יָארְן וֶועלְן זֵיי וַואקְסְן שֵׁיינֶע פֵּירוֹת.

**דָאס** וָואס דוּ זָאגְט אַז דוּ קֶענְסְט נִישְׁט קַיין גְמָרָא וְכוּ׳; קוֹדֶם כָּל הַיינְט אִיז דָא גְמָרָא׳ס מִיט טַייטְשׁ אוֹיף אַלֶע שְׁפְּרַאכְן, אַזוֹי אַז אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס הָאט נִישְׁט גֶעלֶערְנְט אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן קֶען אוֹיךְ פַארְשְׁטֵיין מֶער וֶוייניגֶער פוּן וָואס דִי גְמָרָא רֶעדְט זִיךְ. צְוֵוייטְנְ׳ס דַארְפְסְטוּ וִויסְן אַז דֶער עִיקָר פוּן ׳אָבוֹת וּבָנִים׳ אִיז נִישְׁט אַז מֶען זָאל דֶערמָאלְט פַארְהֶערְן דִי קִינְדֶער, נָאר דֶער צִיל פוּן ׳אָבוֹת וּבָנִים׳ אִיז צוּ מַאכְן אַ קֶשֶׁר צְווִישְׁן טַאטֶע אוּן קִינְד. אַ גַאנְצֶע וָואךְ

איז דֶער טַאטֶע פַארְיָאגְט אוּן פַארְפְּלָאגְט עַל הַמִחְיָה וְעַל הַכַּלְכָּלָה אוּן עֶס קוּמְט נִישְׁט אוֹיס עֶר זָאל שְׁמוּעֶסְן מִיט זַיינֶע קִינְדֶער, הָאט מֶען גֶעמַאכְט 'אָבוֹת וּבָנִים' אַז מוֹצָאֵי שַׁבָּת זָאל יֶעדֶע טַאטֶע זִיךְ אַוֶועק זֶעצְן אִין בֵּית הַמִדְרָשׁ מִיט זַיינֶע אִינְגְלֶעךְ, עֶר זָאל זֵיי דֶערְצֵיילְן שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִיקִים, מַעֲשִׂיּוֹת פוּן דִי פַּרְשָׁה אוּן אוֹיסְהֶערְן דִי קִינְדֶער וָואס זֵיי טוּעֶן אִין חֶדֶר וְכוּ'.

**אַז** מֶען הָאט אַ שְׁטוּב מִיט קִינְדֶער הֵייבְּט מֶען אָן פוּן דִי יוּנְגֶערֶע, וַוייל זֵיי דַארְפְן דָאס מֶער אוּן מֶען לֶערְנְט מִיט יֶעדֶע קִינְד אַבִּיסְל וְכוּ'; פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז מֶען טָאר נִישְׁט מַאכְן אַן אוֹיסְנַאם פוּן אֵיין קִינְד מֶער פוּן דִי אַנְדֶערֶע, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת י:): "לְעוֹלָם אַל יְשַׁנֶּה אָדָם בְּנוֹ בֵּין הַבָּנִים", נָאר מֶען דַארְף יֶעדְן אֵיינֶעם גֶעבְּן אֵיינִיג אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקֵייט. אוֹיבּ מֶען הָאט אַ קִינְד וָואס מוּטְשֶׁעט זִיךְ מֶער וְכוּ' דַארְף מֶען אִים מֶער אַרוֹיסְהֶעלְפְן וְכוּ'. דֶער עִיקָר פוּן 'אָבוֹת וּבָנִים' אִיז אַז דֶער טַאטֶע זָאל אוֹיסְהֶערְן זַיינֶע קִינְדֶער וָואס זֵיי טוּעֶן אַ גַאנְצֶע וָואךְ וְכוּ' אוּן זֵיי אַרוֹיסְהֶעלְפְן וְכוּ', מֶען דַארְף זֵיי נִישְׁט פַארְהֶערְן.

**ווַאוֹיל** אִיז דִיר אַז דוּ גֶעבְּסְט אַוֶועק אַ שָׁעָה יֶעדֶע מוֹצָאֵי שַׁבָּת בַּיי 'אָבוֹת וּבָנִים' פַאר דַיינֶע קִינְדֶער. קִינְדֶער הֶערְן אוֹיס יֶעדֶעס וָוארְט וָואס זֵייעֶר טַאטֶע רֶעדְט צוּ זֵיי, בִּפְרַט קְלֵיינֶע קִינְדֶער; זֵיי אִיז נִישְׁט קֵיין חִילוּק צִי דֶער טַאטֶע אִיז אַ תַּלְמִיד חָכָם אָדֶער אַ פָּשׁוּט'עֶר מֶענְטְשׁ, קִינְדֶער הֶערְן אוֹיס זֵייעֶר טַאטֶע יֶעדֶעס וָוארְט וָואס עֶר זָאגְט זֵיי.

גֵיי אִיבֶּער דִי פַּרְשָׁה מִיט דַיינֶע קִינְדֶער אוּן לָאז זִיךְ אַרָאפּ צוּ זֵיי, וֶועסְטוּ שֶׁעפְּן פוּן זֵיי נַחַת. אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת בָּנִים, חֵלֶק ב׳ סִימָן ב): ״סְגֻלָּה לְבָנִים לְהַקְטִין עַצְמוֹ״, אַ סְגֻלָּה פַאר קִינְדֶער אִיז זִיךְ צוּ הַאלְטְן קְלֵיין; מוֹהֲרָא״שׁ אִיז דָאס מַסְבִּיר אַז דָאס גֵייט אַרוֹיף אַז מֶען הַאלְט זִיךְ קְלֵיין אוּן מֶען לָאזְט זִיךְ אַרָאפּ צוּ דִי קִינְדֶער, מֶען שְׁפִּילְט מִיט זֵיי, מֶען דֶערְצֵיילְט זֵיי מַעֲשִׂיּוֹת, מֶען אִינְטֶערֶעסִירְט זִיךְ וָואס זֵיי טוּעֶן - דֶעמָאלְט אִיז מֶען זֵייעֶר מַצְלִיחַ מִיט זֵיי.

וְעַל כּוּלָם זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג אוֹיף גוּטֶע קִינְדֶער; וואוּיל אִיז פַאר עֶלְטֶערְן וָואס בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג אוֹיף גוּטֶע קִינְדֶער, דוּרְכְדֶעם וֶועלְן זֵיי זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער.

## רכז

### מַיינֶע עֶלְטֶערְן שְׁרֵייעֶן צוּפִיל אוֹיף מִיר.

**שְׁאֵלָה:**

**לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א,**

אִיךְ בִּין אַ מֵיידְל אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אִיבֶּער דֶעם וָואס אִיךְ לֵייד אַסַאךְ פוּן מַיינֶע עֶלְטֶערְן וָואס שְׁרֵייעֶן מִיר נָאךְ מִיט מִיאוּס׳עֶ נֶעמֶען אוּן מִיאוּס׳עֶ וֶוערְטֶער, דָאס טוּט מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק וֵויי.

אוֹיךְ מַיין שְׁוָואגֶער שְׁרֵייט מִיר נָאךְ אַז אִיךְ בִּין אַ ״גְרָאבֶּער״, אוּן דָאס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי.

קֶענְט אִיר מִיר בִּיטֶע גֶעבְּן אַן עֵצָה?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, י"ט שְׁבַט, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן ... תִּחְיֶ'

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.**

**עֶס** אִיז נִישְׁט קַיין צְנִיעוּת פַּאר אַייךְ צוּ רֶעדְן מִיט אַייעֶר שְׁוָואגֶער; דָאס אַז עֶר שְׁרֵייט אוֹיף אַייךְ "גְרָאבֶּער" וְכוּ' אִיז נִישְׁט גֶערֶעכְט פוּן אִים, אָבֶּער אִיךְ מוּז אַייךְ זָאגְן אַז אִיר זֶענְט אוֹיךְ נִישְׁט גֶערֶעכְט, וַוייל אוֹיבּ אִיר וָואלְט נִישְׁט גֶערֶעדְט מִיט אִים וָואלְט עֶר בִּכְלַל נִישְׁט גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף אַייךְ.

**דֶערְפַאר**, פוּן הַיינְט אוּן וַוייטֶער זָאלְט אִיר נִישְׁט רֶעדְן מִיט קַיין פְרֶעמְדֶע מֶענֶער - אֲפִילוּ מִיט אַייעֶרֶע שְׁוָואגֶערְס; אִיר זֶענְט שׁוֹין נִישְׁט קַיין קְלֵיין מֵיידְל, אִיר זֶענְט שׁוֹין אַ גְרוֹיס מֵיידְל, דַארְפְט אִיר אַכְטוּנְג גֶעבְּן וִוי אַזוֹי אִיר פִירְט זִיךְ. פִירְט זִיךְ אוֹיף אֵיידְל וֶועט אִיר הָאבְּן אַ גוּט לֶעבְּן.

**בְּנוֹגֵעַ** אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן, אַז זֵיי שְׁרֵייעֶן אוֹיף אַייךְ מִיאוּס'עֶ וֶוערְטֶער וְכוּ'; אִיר דַארְפְט זֵיי דַן זַיין לְכַף זְכוּת אַז זֵיי מֵיינֶען אַייךְ נִישְׁט וֵויי צוּ טוּן. אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם גֵייט אַרִיבֶּער שְׁוֶועריְקֵייטְן אִין לֶעבְּן אוּן אַסַאךְ מָאל כַּאפְּט מֶען זִיךְ נִישְׁט אוּן מֶען שְׁרֵייט אוֹיף דִי קִינְדֶער. אִיר זָאלְט קֵיינְמָאל נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן פַּאר אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן וֶוען זֵיי שְׁרֵייעֶן אוֹיף אַייךְ, אִין דֶעם זְכוּת וֶועט אִיר הָאבְּן אַ שֵׁיין לֶעבְּן.

# רכח

## וָואס טוּ אִיךְ אַז מַיין וַוייבּ ווִיל נָאר הֵיילְן נַאטוּרְלִיךְ?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ אַ זַאךְ וָואס שְׁטֶערְט מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק, אִיךְ וַוייס נִישְׁט צִי אִיךְ בִּין גֶערֶעכְט אָדֶער נִישְׁט.

מַיין וַוייבּ אוּן אוֹיךְ אִיר מַאמֶע הַאלְטְן זֵייעֶר פוּן גֵיין נַאטוּרְלִיךְ מִיט יֶעדֶע זַאךְ, זֵיי טַעְנָה'ן אַז דִי דָאקְטוֹרִים קוּקְן נָאר אוֹיף גֶעלְט אוּן מֶען קֶען יֶעדֶע זַאךְ הֵיילְן נַאטוּרְלִיךְ. אַמָאל הָאבּ אִיךְ נָאךְ מַסְכִּים גֶעוֶוען דֶערְצוּ אָבֶּער עֶס אִיז שׁוֹין אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אַ שְׁטַאפְּל וָואס אִיךְ הַאלְט עֶס שׁוֹין מֶער נִישְׁט אוֹיס, לְמָשָׁל זֵיי הַאלְטְן אַז וֶוען מֶען הָאט שְׁטַארְקֶע יְסוּרִים טָאר מֶען נִישְׁט נֶעמֶען טֵיילֶענָאל אָדֶער אַנְדֶערֶע זַאכְן וָואס בַּארוּאִיגְן. אִיךְ הָאבּ אִינְדֶערְהֵיים אַ גַאנְצֶע שַׁאפֶע מִיט נַאטוּרְלִיכֶע וַוייטֶעמִינֶען אוּן מֶען עֶסְט מֶער וַוייטֶעמִינֶען ווִי עֶסְן.

מַיין שְׁווִיגֶער הַאלְט אוֹיס דִי גַאנְצֶע וַוייטֶעמִין גֶעשֶׁעפְט... אוּן מַיין וַוייבּ מַאכְט עֶס שׁוֹין כִּמְעַט נָאךְ. אִיךְ פִיל ווִי אִיךְ וֶוער מְשׁוּגָע.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר'ן נֶעמֶען דִי צַייט צוּ עֶנְטְפֶערְן.

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, י"ט שְׁבָט, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

מֶען דַארְף זִיךְ זֵייעֶר הִיטְן פוּן דִי אַלֶע וָואס רֶעדְן קֶעגְן גֵיין צוּ דָאקְטוֹרִים; אֱמֶת טַאקֶע אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט

גֶעזָאגְט מֶען זָאל זַייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן גֵיין צוּ דָאקְטוֹרִים (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן נ) אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "אַז מֶען גֵייט שׁוֹין יָא צוּם דָאקְטֶער זָאל מֶען גֵיין צוּ גָאר אַ גְרוֹיסֶער דָאקְטֶער"; דָאס הֵייסְט, מֶען זָאל נִישְׁט גֵיין צוּ אַ דָאקְטֶער וָואס לֶערְנְט זִיךְ יֶעצְט וְכוּ', נָאר צוּ אַ דָאקְטֶער וָואס הָאט שׁוֹין לַאנְגֶע יָארְן עֶרְפַארוּנְג.

מֶען דַארְף זַייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן דִי אַלֶע וָואס זָאגְן מֶען זָאל נִישְׁט גֵיין צוּ קַיין דָאקְטוֹרִים. מִיר קֶענֶען נִישְׁט זַיין קְלוּגֶער פוּן דִי תּוֹרָה; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ס.): אוֹיפְ'ן פָּסוּק (שְׁמוֹת כא, יט): "וְרַפֹּא יְרַפֵּא" - מִכַּאן שֶׁנִּתְּנָה הַתּוֹרָה רְשׁוּת לְרוֹפֵא לְרַפְּאוֹת; נָאךְ זָאגְן חַזַ"ל (סַנְהֶדְרִין יז:): "עִיר שֶׁאֵין בּוֹ רוֹפֵא, אֵין תַּלְמוּד חָכָם רַשַּׁאי לָדוּר בְּתוֹכָהּ", מֶען טָאר נִישְׁט וואוֹינֶען אִין אַ שְׁטָאט וואוּ עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין דָאקְטֶער.

דֶער רֶבִּי הָאט קְלָאר גֶעזָאגְט אַז מֶען אִיז מְחוּיָב צוּ גֶעבְּן שַׁאטְס פַאר דִי קִינְדֶער; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "וֶוער עֶס גֶעבְּט נִישְׁט קַיין פָּאקִין פַאר דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער בַּיי אַ פֶערְטְל יָאר, אִיז אַ רוֹצֵחַ", נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "מֶען מֶעג גֵיין אֲפִילוּ אִינְמִיטְן ווִינְטֶער אִין דִי גְרוֹיסֶע שְׁנֵייעֶן אוּן קֶעלְט צוּ אַ דָאקְטֶער צוּ מַאכְן פָּאקִין (שַׁאטְס) פַאר דִי קִינְדֶער", דָאס זֶענֶען דִי שַׁאטְס וָואס מֶען גֶעבְּט הַיינְטִיגֶע צַייטְן פַאר קִינְדֶער קֶעגְן אַלֶע עֶרְלֵיי מַחֲלוֹת, אַזוֹי ווִי מִיזֶעלְס, פָּאלְיָאוֹ וְכוּ'; וֶוער עֶס גֶעבְּט נִישְׁט פַאר דִי קִינְדֶער וַואקְסִינֶען קֶעגְן אַלֶע סָארְט מַחֲלוֹת - אִיז אַ רוֹצֵחַ. קוּק אַרַיין דֶעם

לָשׁוֹן פוּן רֶבִּי'ן (סֵפֶר אַבְנֵיהָ בַּרְזֶל, סִימָן לד): "צְרִיכִין לְהַעֲמִיד לְכָל יֶלֶד פָּאקִין קוֹדֶם רֶבַע שָׁנָה, וְאִם לֹא - הוּא כְּמוֹ שׁוֹפֵךְ דָמִים, וַאֲפִילוּ אִם דָרִים הַרְחֵק מִן הָעִיר מְחוּיָבִים לִיסַע עֲבוּר זֶה וַאֲפִילוּ בִּזְמַן שֶׁהַקוֹר גָדוֹל, וּלְהַעֲמִיד לְיֶלֶד פָּאקִין קוֹדֶם רֶבַע שָׁנָה".

**דָאס** הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט נָאךְ פַּאר צְוֵויי הוּנְדֶערְט יָאר צוּרִיק וֶוען דִי מֶעדֶעצִינִישֶׁע וֶועלְט אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אַזוֹי פָּארְגֶעשְׁרִיטְן ווִי הַיינְט, אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז אִין דִי הַיינְטִיגֶע טֶעג דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ גֶעבְּן שָׁאטְס פַּאר דִי קִינְדֶער. מִיר דַארְפְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן בִּתְמִימוּת וּבִפְּשִׁיטוּת אוּן נִישְׁט זַיין קַיין אוֹיבֶער חָכָם.

**מוֹהֲרָא"שׁ** זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט דֶערְצֵיילְט וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט פוּן הָרַב הַחָסִיד רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק בֶּענְדֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, אַז אִין אוּמַאן הָאט גֶעוואוֹינְט אַ גְרוֹיסֶער עֶרְלִיכֶער אִיד אַן אֵיינִיקְל פוּן רֶבִּי'ן, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ מַשְׁפִּיעַ אוּן פְלֶעגְט פָארְלֶערְנֶען וְכוּ', זַיין גַאנְץ לֶעבְּן פְלֶעגְט עֶר רֶעדְן קֶעגְן גֵיין צוּ דָאקְטוֹרִים אוּן וֶוען עֶר אִיז עֶלְטֶער גֶעוָוארְן אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין אֵיין דָאקְטֶער וואוּ עֶר זָאל נִישְׁט הָאבְּן גֶעוֶוען; זֶעט מֶען אַז מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן זָאגְן פַּאר אַ צְוֵוייטְן נִישְׁט צוּ גֵיין צוּם דָאקְטֶער. אוּן אַוַדַאי אַז מֶען גֵייט צוּם דָאקְטֶער דַארְף מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן עֶר זָאל נִישְׁט זַיין אַ דָאקְטֶער וָואס הַאלְט זִיךְ אִינְמִיטְן לֶערְנֶען נָאר אַ דָאקְטֶער מִיט אַסַאךְ עֶרְפַארוּנְג.

וָוען מֶען גֵייט צוּם דָאקְטֶער דַארְף מֶען פַאר דֶעם בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן גֶעבְּן צְדָקָה, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן ג): "נָאכְדֶעם וָואס מֶען גֶעבְּט אַ פִּדְיוֹן פַאר אַ צַדִיק קֶען מֶען גֵיין צוּם דָאקְטֶער", עַיֵין שָׁם. מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט אַז פַאר מֶען גֵייט צוּם דָאקְטֶער זָאל מֶען לֶערְנֶען דֶעם תּוֹרָה, גֶעבְּן צְדָקָה אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל שִׁיקְן אַ גוּטֶער דָאקְטֶער אוּן מֶען זָאל הָאבְּן אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה.

וַוייז דֶעם בְּרִיוו פַאר דַיין וַוייבּ, וֶועט זִי אָפְּלָאזְן דִי אַלֶע צוּדְרֵייטֶע שִׁיטוֹת וָואס פַארְדְרֵייעֶן דֶעם קָאפּ.

## רכט

### אִיךְ בִּין אַ בָּחוּר וָואס פִילְט נִישְׁט קַיין טַעַם אִין לֶעבְּן, קֶענְט אִיר מִיר הֶעלְפְן?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ בָּחוּר, נִישְׁט יוּנְג, אוּן דֶערְוַוייל זִיץ אִיךְ נָאךְ אִין יְשִׁיבָה. אִיךְ בִּין אַ מֶענְטְשׁ וָואס טוּט אַלְץ פַאר אַנְדֶערֶע, אִיךְ פְּרוּבִּיר צוּ הֶעלְפְן אַ צְוֵוייטְן אוּן אִיךְ פְּרוּבִּיר צוּ טוּן דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת, אָבֶער אִיךְ פִיל נִישְׁט קַיין טַעַם אִין מַיין לֶעבְּן, אֶפְשָׁר קֶענְט אִיר מִיר מְחַזֵק זַיין אוּן אַרוֹיסְהֶעלְפְן?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, י"ט שְׁבָט, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**דָאס** וָואס דוּ זָאגְסְט אַז דוּ בִּיסְט נִישְׁט פְרֵייליךְ אוּן דוּ שְׁפִּירְסְט נִישְׁט קַיין טַעַם אִין דַיין לֶעבְּן, דָאס אִיז וַוייל דוּ דַארְפְסְט חֲתוּנָה הָאבְּן. ווילַאנְג אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט חֲתוּנָה אִיז עֶר נִישְׁט פְרֵיילִיךְ, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְבָמוֹת סב:): "אָמַר רַבִּי תַּנְחוּם אָמַר רַבִּי חֲנִילָאִי כָּל אָדָם שֶׁאֵין לוֹ אִשָּׁה שָׁרוּי בְּלֹא שִׂמְחָה", וִוי לַאנְג מֶען הָאט נִישְׁט חֲתוּנָה אִיז מֶען נִישְׁט פְרֵיילִיךְ, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (דְּבָרִים יד, כו): "וְשָׂמַחְתָּ אַתָּה וּבֵיתֶךָ"; "בְּלֹא בְרָכָה", מֶען הָאט נִישְׁט קַיין בְּרָכָה, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (יְחֶזְקֵאל מד, ל): "לְהָנִיחַ בְּרָכָה אֶל בֵּיתֶךָ"; "בְּלֹא טוֹבָה", אוּן מֶען הָאט נִישְׁט קַיין גוּטְס, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (בְּרֵאשִׁית ב, יח): "לֹא טוֹב הֱיוֹת הָאָדָם לְבַדּוֹ".

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַן עֵצָה וָואס מִיט דִי עֵצָה קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין אָנְצוּקוּמֶען צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגוֹת, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן כה): "הִתְבּוֹדְדוּת הוּא מַעֲלָה עֶלְיוֹנָה וּגְדוֹלָה מִן הַכֹּל"; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן אוּן עֶר שְׁמוּעֶסְט זִיךְ אוֹיס זַיין הַארְץ מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, עֶר דֶערְצֵיילְט אִים אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים, זָאגְט עֶר שׁוֹין נִישְׁט אַז עֶר הָאט נִישְׁט קַיין טַעַם אִין לֶעבְּן, פַארְקֶערְט, דֶער מֶענְטְשׁ

הֵייבְּט אָן שְׁפִּירְן אַ טַעַם גַן עֵדֶן אוֹיף דִי וֶועלְט, עֶר שְׁפִּירְט זִיךְ נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר דַארְף שׁוֹין קֵיינֶעם נִישְׁט, עֶר דַארְף נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין.

**דֶערְפַאר**, אַז דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז דַיין לֶעבְּן הָאט נִישְׁט קַיין טַעַם, פָאלְג דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצָה פוּן 'הִתְבּוֹדְדוּת'; גֵיי אוֹיף אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט אוּן רֶעד זִיךְ אוֹיס דַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, דֶערְצֵייל פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר. וֵויין צוּ אִים: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַז דֶער יֵצֶר הָרַע וַוארְפְט מִיר אַרָאפּ נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל? וִויפִיל מָאל אִיךְ נֶעם זִיךְ פָאר צוּ זַיין ווּאוּיל פַאל אִיךְ נָאכְאַמָאל אַרָאפּ! רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ שְׁפִּיר נִישְׁט קַיין טַעַם אִין לֶעבְּן, אִיךְ בִּין נִישְׁט פְרֵיילִיךְ, בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וִויל חֲתוּנָה הָאבְּן, אִיךְ וִויל אָנְהֵייבְּן לֶעבְּן, הֶעלְף מִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער".

**וַויסְן** זָאלְסְטוּ אַז אַ בָּחוּר אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער רַחֲמָנוּת אוֹיף דִי וֶועלְט; מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאגְט אַז קֵיינֶער פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט אַ בָּחוּר, קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט דִי צַעַר וָואס אַ בָּחוּר גֵייט אַדוּרְךְ. אַ בָּחוּר וִויל זַיין עֶרְלִיךְ, רֵיין אוּן הֵיילִיג, אָבֶּער עֶס גֵייט אִים נִישְׁט, עֶר הַאלְט אִין אֵיין אַרָאפְּפַאלְן אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, בִּיז עֶס וֶוערְט אִים נִמְאָס דָאס לֶעבְּן אוּן עֶר גֵייט אַרוּם מִיט שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת כְּאִילוּ

דֶער אײבֶערְשְׁטֶער אִיז בְּרוֹגֶז אוֹיף אִים; אָבֶער אַז מֶען פָּאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן און מֶען מַאכְט הִתְבּוֹדְדוּת, דֶעמָאלְט וֶוערְט מֶען פְרֵיילִיךְ.

זֶע צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל מִשְׁנָיוֹת און תְּהִילִים; נָאר דָאס בְּלַייבְּט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ. קוּק וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כג): "אַשְׁרֵי מִי שֶׁזּוֹכֶה לֶאֱכֹל כַּמָּה פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, וְלִשְׁתּוֹת אַחַר כָּךְ אֵיזֶה קַפִּיטְלִיךְ תְּהִלִּים, וּלְהִתְלַבֵּשׁ בְּאֵיזֶה מִצְווֹת", וואויל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס עֶסְט יֶעדְן טָאג אַפָּאר פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, טְרִינְקְט אַפָּאר קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִילִים און טוּט זִיךְ אָן מִיט מִצְוֹת.

**דֶער אײבֶערְשְׁטֶער זָאל דִיר שִׁיקְן בְּקָרוֹב דַיין שִׁידוּךְ.**

## רל

**ווי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ מְחַזֵּק זַיין נָאכְ'ן פַארְלִירְן אַ קִינְד?**

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ אִינְגֶערְמַאן פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אִיךְ הָאבּ חֲתוּנָה גֶעהַאט זֶעקְס יָאר צוּרִיק און אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ ה' צְווֵיי קִינְדֶער בְּלִי עַיִן הָרַע, כֵּן יִרְבּוּ.

אֵיין יָאר לַ"ג בָּעוֹמֶר אִין מִירוֹן הָאבּ אִיךְ בַּאקוּמֶען אַ סִידִי מִיט אַייעֶרֶע הֵיילִיגֶע נִיגוּנִים, אַזוֹי בִּין אִיךְ אָנְגֶעקוּמֶען אוֹיךְ צוּ הֶערְן אַייעֶרֶע שִׁיעוּרִים און דָאס הָאט מִיר מַמָּשׁ גֶעטוֹישְׁט מַיין לֶעבְּן צוּם גוּטְן, דִי וֶוערְטֶער זֶענֶען מִיר זֵייעֶר מְחַזֵּק, מַמָּשׁ כְּמַיִם קָרִים עַל נֶפֶשׁ עֲיֵיפָה.

נָאךְ אַסַאךְ נִסְיוֹנוֹת און שְׁוֶועריקַייטְן וָואס אִיךְ בִּין דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען און אִיךְ גֵיי נָאכְאַלְץ דוּרְךְ, אִיז נִישְׁט דָא נָאךְ אַ זַאךְ וָואס אִיז מִיר אַזוֹי מְחַזֵק ווי דִי הֵיילִיגֶע שִׁיעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א.

לֶעצְטְנְס בִּין אִיךְ דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען נָאךְ אַ שְׁוֶועריקֵייט רַחֲמָנָא לִיצְלַן. מִיט מַיין צְוֵוייטֶע אִינְגֶל אִיז אוֹיךְ גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן אַ צְווִילִינְג מֵיידְל, זִי הָאט גֶעהַאט קָאמְפְּלִיקַאצִיעֶס גְלַייךְ בַּיים גֶעבּוֹירְן וֶוערְן, אִיךְ הָאבּ גֶעגֶעבְּן אַ גְרוֹיסֶע קִידוּשׁ אוּם שַׁבָּת און אִיר גֶעגֶעבְּן אַ נָאמֶען, אָבֶער שַׁבָּת נָאכְמִיטָאג אִיז זִי לֵיידֶער אַוֶועק לֹא עָלֵינוּ; זֶעקְס שָׁעָה נָאכְ'ן גֶעבְּן דֶעם נָאמֶען און דְרַייא און הַאלְבּ טֶעג נָאכְ'ן גֶעבּוֹירְן וֶוערְן.

עֶס אִיז מִיר גֶעוֶוען גָאר שְׁוֶוער צוּ הֶערְן דִי בִּיטֶערֶע בְּשׂוֹרָה מוֹצָאֵי שַׁבָּת, מִיר פְּרוּבִּירְן זִיךְ מְחַזֵק צוּ זַיין און זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, אָבֶער עֶס קוּמְט נִישְׁט אָן גְרִינְג, אֶפְשֶׁר קֶענְט אִיר מִיר אַבִּיסְל מְחַזֵק זַיין.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, י"ט שְׁבַט, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**עֶס** טוּט מִיר זֵייעֶר וויי צוּ הֶערְן דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע בְּשׂוֹרָה; הַמָּקוֹם יְנַחֵם אֶתְכֶם, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל עֶנְק טְרֵייסְטְן, דִיר מִיט דַיין וַוייבּ תִּחְיֶ', אִיר זָאלְט נִישְׁט ווִיסְן מֶער פוּן קַיין צַעַר.

**דֶער** אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ זָאגְט אַז דֶער שֵׁם הֲוַיָ"ה בְּהַכָּאָה בַּאטְרֶעפְט מְקוֹ"ם. דָאס הֵייסְט: י' פְּעָם י' (צֶען מָאל צֶען, און

אַזוֹי וַוייטֶער), ה' פַּעַם ה', ו' פַּעַם ו', ה' פַּעַם ה', בַּאטְרֶעפְט מָקוֹ"ם (186); מוֹהֲרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אִיז דָאס מַסְבִּיר אַזוֹי: "הֲוַיָ"ה בְּהַכָּאָה", דָאס הֵייסְט, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ כַּאפְּט קְלֶעפּ, דַארְף עֶר וויסְן אַז אַלֶע קְלֶעפּ קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוֹיבּ מֶען וֵוייסְט אַז הֲוַיָ"ה - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, בְּהַכָּאָ"ה - עֶר שְׁלָאגְט מִיר, דֶעמָאלְט אִיז "עוֹלֶה מָקוֹ"ם" בְּלַייבּ אִיךְ שְׁטֵיין אוֹיף מַיין פְּלַאץ, אִיךְ גֵיי נִישְׁט אַוֶועק פוּן דִי אֱמוּנָה, וַוייל עֶס וֶועט גָארְנִישְׁט נוּצְן.

**דֶערְפַאר** - זָאגְט מוֹהֲרָא"ש - נוּצְט מֶען דֶעם לָשׁוֹן 'הַמָקוֹ"ם יְנַחֵם אֶתְכֶם' וֶוען מֶען אִיז מְנַחֵם אָבֵל, וַוייל מֶען זָאגְט פַאר'ן מֶענְטְשׁ: "גֶעדֶענְק, 'הַמָקוֹ"ם' יְנַחֵם אֶתְכֶם, אַלֶע קְלֶעפּ וָואס גֵייט אַרִיבֶּער קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן".

**מִיר** וֵוייסְן גָארְנִישְׁט, מִיר דַארְפְן נָאר אֵיין זַאךְ חַזֶר'ן - דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה; מִיר דַארְפְן חַזֶר'ן דֶעם פָּסוּק (דְבָרִים לב, ד): "הַצּוּר תָּמִים פָּעֳלוֹ כִּי כָל דְּרָכָיו מִשְׁפָּט אֵל אֱמוּנָה וְאֵין עָוֶל צַדִּיק וְיָשָׁר הוּא", עֶס אִיז נִישְׁט דָא וָואס צוּ זָאגְן עֶס אִיז נִישְׁט דָא וָואס צוּ פַארְשְׁטֵיין, אַ אִיד וֵוייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דֶער וֶועלְט בְּצֶדֶק וּבְמִשְׁפָּט בְּחֶסֶד וּבְרַחֲמִים. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט אֱמוּנָה, עֶר גְלֵייבְּט אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן קֵיינֶער קֶען אִים גָארְנִישְׁט טוּן - נִישְׁט קַיין גוּטְס אוּן זִיכֶער נִישְׁט קַיין שְׁלֶעכְטְס, דֶעמָאלְט אִיז דֶער מֶענְטְשׁ גְלִיקְלִיךְ אוּן פְרֵיילִיךְ.

**דֶער** רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ד): וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֵוייסְט אַז אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים אִיז

פַאר זַיין טוֹבָה וֶועגְן, דֶער מֶענְטְש לֶעבְּט שׁוֹין אִין גַן עֵדֶן; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (פְּסָחִים נ.): 'בַּיּוֹם הַהוּא יִהְיֶה ה' אֶחָד וּשְׁמוֹ אֶחָד', פְרֶעגְן חַזַ"ל, יֶעצְט אִיז נִישְׁט 'ה' אֶחָד וּשְׁמוֹ אֶחָד?!' נָאר יֶעצְט וֶוען עֶס גֵייט גוּט פַאר אַ מֶענְטְשׁ, זָאגְט עֶר: "הַטּוֹב וְהַמֵּטִיב" אוּן חַס וְשָׁלוֹם וֶוען עֶס גֵייט אִים נִישְׁט גוּט זָאגְט עֶר: "דַיָּין הָאֱמֶת", אָבֶּער לְעָתִיד לָבֹא וֶועט מֶען אוֹיף אַלֶעם זָאגְן: "הַטּוֹב וְהַמֵּטִיב"; דֶערְפַאר, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֵוייסְט אַז אַלֶעם וָואס פַּאסִירְט מִיט אִים אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, דֶעמָאלְט לֶעבְּט עֶר אִין עוֹלָם הַבָּא.

**דֶערְפַאר** בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, שְׁטַארְק זִיךְ אוּן שְׁטַארְק דַיין וַוייבּ תִּחְיֶ'; אֲפִילוּ עֶס אִיז דִיר בִּיטֶער וְכוּ', וְכוּ' - הָאבּ נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיף דָאס וָואס דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער. גֶעדֶענְק אַז (תְּהִלִּים קמה, יז): "צַדִּיק ה' בְּכָל דְּרָכָיו וְחָסִיד בְּכָל מַעֲשָׂיו", אוּן (שָׁם, ט): "טוֹב ה' לַכֹּל וְרַחֲמָיו עַל כָּל מַעֲשָׂיו", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז גוּט צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם; אַיי אִיךְ זֶע עֶס נִישְׁט, אַיי אִיךְ פַארְשְׁטֵיי עֶס נִישְׁט - דַארְף אִיךְ הָאבְּן אֱמוּנָה אַז אַלֶעם אִיז לְטוֹבָה אוּן דָאס אַז אִיךְ זֶע עֶס נִישְׁט אוּן פַארְשְׁטֵיי עֶס נִישְׁט - דָאס אִיז אוֹיךְ פַאר מַיין טוֹבָה.

**זַיי** זִיךְ מְחַזֵק מִיט דַיין אִינְגֶעלֶע, אוּן זֶע צוּ מְחַזֵק זַיין דַיין וַוייבּ וַוייל זִי דַארְף נָאךְ מֶער חִיזוּק פוּן דִיר.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט נִישְׁט וִויסְן מֶער פוּן קַיין צַעַר.

# רלא

## ווער קען מְחַדֵּשׁ זיין חִידוּשִׁים?

### שְׁאֵלָה:

**לְכָבוֹד דער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

איך האב געזען וואס מוהרא"ש זכרונו לברכה שרייבט אין ספר הקדוש "אֲשֶׁר בַּנַּחַל" (חלק טו דף קפו, מכתב ב' אלפים רכז) אז ווען מען האט צייט זאל מען שרייבן חידושי תורה וואס מען איז מחדש אויפ'ן רבינ'ס דיבורים, און דאס איז א גרויסער תיקון פאר'ן מענטש.

איך האב אויף דעם אפאר שאלות, איז דאס געזאגט געווארן פאר יעדן איינעם? וואס טוט מען אויב מען קען נישט מחדש זיין קיין חידושים? דארף מען האבן דורכגעלערנט כל התורה כולה פאר'ן מחדש זיין? דארף מען קענען קבלה פאר מען איז מחדש א חידוש?

א גרויסן יישר כח.

### תְּשׁוּבָה:

בעזרת ה' יתברך - יום ב' פרשת משפטים, כ' שבט, שנת תשע"ח לפרט קטן

לכבוד ... נרו יאיר

**איך האב ערהאלטן דיין בריוו.**

**דער** רבי זאגט (לקוטי מוהר"ן, חלק ב', סימן קה): "ווען א מענטש איז מחדש חידושי תורה איז דאס א גרויסער תיקון צו מתקן זיין וואס מען האט פוגם געווען אין פגם הברית".

**נאך** האט דער רבי געזאגט (שיחות הר"ן, סימן רסז): "מִי שֶׁרוֹצֶה לְחַדֵּשׁ בַּתּוֹרָה מוּתָּר לוֹ לְחַדֵּשׁ וְלִדְרוֹשׁ כָּל מַה שֶּׁיִּרְצֶה, כָּל מַה שֶּׁיִּזְכֶּה לְחַדֵּשׁ בְּשִׂכְלוֹ", ווער עס וויל מחדש זיין

חִידוּשֵׁי תּוֹרָה מֶעג מְחַדֵּשׁ זַיין אוּן דַרְשְׁנ'עֶן וָואס עֶר וִויל, "וּבִלְבָד שֶׁלֹּא יוֹצִיא אֵיזֶה דִין חָדָשׁ עַל פִּי דְרוּשָׁיו שֶׁדּוֹרֵשׁ בְּדֶרֶךְ דְּרוּשׁ וְסוֹד", מִיט אֵיין תְּנַאי, עֶר זָאל נִישְׁט מְחַדֵּשׁ זַיין נַייעֶ הֲלָכוֹת אַוֶועק צוּ גֵיין פוּן שֻׁלְחָן עָרוּךְ. שְׁרַייבְּט רֶבִּי נָתָן וַוייטֶער: "וְהַמּוּבָן מִדְּבָרָיו הָיָה, שֶׁאֲפִלּוּ בְּכַוָּונוֹת הָאֲרִיזַ"ל וְדַרְכֵי הַקַּבָּלָה מוּתָּר לְחַדֵּשׁ בָּהֶם כַּאֲשֶׁר יַשִּׂיג שִׂכְלוֹ, וּבִלְבָד שֶׁלֹּא יוֹצִיא מֵהֶם שׁוּם דִּין חַס וְשָׁלוֹם", מֶען מֶעג מְחַדֵּשׁ זַיין חִידוּשִׁים אֲפִילוּ אִין קַבָּלָה, ווי לַאנְג מֶען אִיז נִישְׁט מְחַדֵּשׁ קַיין הֲלָכוֹת אוּן מֶען גֵייט נִישְׁט אַוֶועק פוּן שֻׁלְחָן עָרוּךְ.

**עֶס** אִיז גֶעקוּמֶען אַ אִיד צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן מִיט זַיינֶע חִידוּשִׁים וָואס עֶר הָאט מְחַדֵּשׁ גֶעוֶוען אוֹיף אַ תּוֹרָה פוּן רֶבִּי'ן אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "אִיר קֶענְט קְנֵייטְשְׁן מַיין סֵפֶר ווִי אַזוֹי אִיר ווִילְט (דָאס מֵיינְט אִיר קֶענְט זָאגְן אַלֶע פְּשָׁטִים אוֹיף מַיינֶע תּוֹרוֹת) בִּתְנַאי אַז אִיר זָאלְט נִישְׁט אָפְּטְרֶעטְן פוּן שֻׁלְחָן עָרוּךְ"; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז מְחַדֵּשׁ חִידוּשִׁים בַּתּוֹרָה, דַארְף מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז מֶען זָאל נִישְׁט אַוֶועק גֵיין פוּנֶעם דֶרֶךְ הַתּוֹרָה - פוּן דִי וֶוערְטֶער וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים הָאבְּן אוּנְז גֶעלֶערְנְט.

**דֶערְפַאר** אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ אַרָאפּ צוּ שְׁרַייבְּן חִידוּשֵׁי תּוֹרָה, אָבֶּער מֶען דַארְף עֶס נִישְׁט דְרוּקְן וְכוּ'.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען, לִלְמוֹד וּלְלַמֵּד לִשְׁמוֹר וְלַעֲשׂוֹת.

# רלב

## דַארְף מֶען אַוֶועקְוַוארְפְן דֶעם שֵׂכֶל פַאר אַ צַדִיק?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

שָׁלוֹם וּבְרָכָה, אִיךְ בִּין אַ פְּרוּי פוּן יַבְנְאֵל, מִיט אַ שֵׁיינֶע מִשְׁפָּחָה. אִיךְ בִּין שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט מַיין חָשׁוּבֶ'ער מַאן פַאר זִיבֶּעצְן יָאר, אוּן מִיר הָאבְּן בָּרוּךְ ה' אַ שֵׁיינֶע שְׁטוּב מִיט לִיכְטִיגֶע קִינְדֶערְלֶעךְ קַיין עַיִן הָרָע. אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶעם גוּטְס וָואס עֶר הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן אוּן עֶר גֶעבְּט מִיר נָאכְאַלְץ.

מִיר זֶענֶען גֶעקוּמֶען וואוֹינֶען קֵיין יַבְנְאֵל מִיט עֶטְלִיכֶע יָאר צוּרִיק, מִיר הָאבְּן בָּרוּךְ ה' זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ וֶוערְן בַּעֲלֵי תְּשׁוּבָה דוּרְךְ בְּרֶסְלֶב אָבֶּער מִיר הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט קַיין רָב אוּן צַדִיק וֶועמֶען מִיר הָאבְּן אוֹיסְגֶעהֶערְט אוּן גֶעפָאלְגְט אוֹיף אַ רֶעגֶעלְמֶעסִיגְן פַארְנֶעם. וֶוען מִיר זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען קֵיין יַבְנְאֵל זֶענֶען מִיר בָּרוּךְ ה' גֶעוָוארְן מְקוּרָב צוּ מוֹהֲרָא"שׁ, מִיר זֶענֶען אַרַיין צוּ אִים אוּן גֶעשְׁרִיבְּן צוּ אִים עֶטְלִיכֶע מָאל, מִיר זֶענֶען גֶעוֶוען בַּיי דְרָשׁוֹת אוּן טִישְׁן, אָבֶּער לֵיידֶער אִיז מוֹהֲרָא"שׁ נִסְתַּלֵק גֶעוָוארְן נִישְׁט צוּ לַאנְג נָאכְדֶעם וָואס מִיר זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען קֵיין יַבְנְאֵל.

דִי לֶעצְטֶע דְרֵיי יָאר הָאבְּן מִיר בָּרוּךְ ה' וַוייטֶער גֶעוואוֹינְט דָא אִין יַבְנְאֵל, מִיר זֶענֶען בָּרוּךְ ה' זֵייעֶר מַצְלִיחַ בְּרוּחָנִיוּת וּבְגַשְׁמִיוּת, אִיךְ שְׁפִּיר אָבֶּער נִישְׁט אַז מִיר זֶענֶען גֶעשְׁטִיגְן צוּפִיל בְּרוּחָנִיוּת אִין דִי יָארְן. דֶער מַצָּב דָא, מִיט אַזוֹיפִיל לָשׁוֹן הָרָע'ס פוּן אַלֶע זַייטְן, אַזוֹיפִיל מַחֲלוֹקֶת אוּן קְרִיגֶערַייעֶן, אֵיינֶער רֶעדְט אוֹיפְ'ן צְווייטְן - אִיז זֵייעֶר שְׁלֶעכְט מַשְׁפִּיעַ אוֹיף אוּנְז. אִיךְ ווִיל מַמָּשׁ נִישְׁט אַרוֹיסְגֵיין פוּן דֶערְהֵיים וַוייל אִיךְ שְׁפִּיר אַז אוֹיבּ אִיךְ וֶועל אַרוֹיסְגֵיין קֶען אִיךְ אוֹיךְ וֶוערְן אַרַיינְגֶעשְׁלֶעפְּט אִין דִי פֵייעֶר פוּן מַחֲלוֹקֶת אוּן לָשׁוֹן הָרָע.

אוּנְזֶער שָׁלוֹם בַּיִת אִיז בָּרוּךְ ה' זֵייעֶר פַיין, אִיךְ פַארְשְׁטֵיי זִיךְ בָּרוּךְ ה' זֵייעֶר גוּט מִיט מַיין מַאן, וֶוען עֶס קוּמְט אָבֶּער צוּ גֵיין צוּ אַ צַדִּיק בִּין אִיךְ נִישְׁט אוֹיף דִי זֶעלְבֶּע מֵיינוּנְג וִוי אִים. עֶר הַאלְט אַז מֶען מוּז הָאבְּן אַ צַדִּיק פוּן הַיינְט, אִיךְ הָאבּ אָבֶּער נִישְׁט מַסְכִּים גֶעוֶוען דֶערְצוּ, אִיךְ הָאבּ זִיךְ קֶעגְנְגֶעשְׁטֶעלְט, אוּן דָאס הָאט שְׁטַארְק גֶעשְׁטֶערְט דִי שָׁלוֹם בַּיִת בַּיי אוּנְז אִין שְׁטוּבּ.

אִיךְ הַאלְט אַז מִיר קֶענֶען וַוייטֶער אָנְגֵיין בְּלוֹיז מִיט דִי לִימוּדִים פוּנֶעם רֶבִּי'ן אוּן מוֹהֲרָא"ש, מַיין מַאן הַאלְט אָבֶּער אַז מֶען דַארְף אוֹיךְ הָאבְּן אַ לֶעבֶּעדִיגֶע רֶבִּי אוּן זִיךְ מְבַטֵל זַיין צוּ אִים, אִיךְ פַארְשְׁטֵיי אָבֶּער נִישְׁט צוּ דִי זַאכְן, אִיךְ וֵויים נִישְׁט וִוי אַזוֹי מֶען וַוארְפְט אַוֶועק דֶעם שֵׂכֶל פַאר אַ צַדִּיק. אִיךְ בִּין שׁוֹין גֶעוֶוען בַּיי אַסַאךְ צַדִּיקִים פַאר אַ בְּרָכָה אוּן הַדְרָכָה, אִיךְ הָאבּ אָבֶּער קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס דָאס מֵיינְט זִיךְ מְבַטֵל זַיין פַאר אַ צַדִּיק.

אוּן אוֹיבּ וֶועט מַיין מַאן מְקַבֵּל זַיין פוּן אֵיין צַדִּיק אוּן אִיךְ פוּן אַ צְוֵוייטְן צַדִּיק, וֶועט זִיכֶער נִישְׁט טוֹיגְן.

אַלְנְפַאלְס, אִיךְ וֵויים נִישְׁט דֶער רִיכְטִיגֶער וֶועג וִוי אַזוֹי צוּ גֵיין, דָאס אַז אוּנְזֶער שְׁטוּבּ אִיז נִישְׁט אִינְגַאנְצְן בְּשָׁלוֹם אִיז זִיכֶער זֵייעֶר נִישְׁט גוּט פַאר דִי קִינְדֶער, אִיךְ וֵויים אָבֶּער נִישְׁט וָואס אִיךְ דַארְף יָא טוּן. אִיךְ וֶועל זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אוֹיבּ אִיר וֶועט אוּנְז קֶענֶען מַדְרִיךְ זַיין וָואס צוּ טוּן אִין אוּנְזֶער מַצָב. מִיר זֶענֶען זִיךְ אַסַאךְ מְחַזֵק מִיט אַייעֶרֶע שִׁיעוּרִים אוּן חִיזוּק יוֹמִי, דָאס שְׁטַארְקְט אוּנְז אִין אֱמוּנָה אוּן צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֶפְשָׁר וֶועט אִיר אוּנְז קֶענֶען מְיַיעֵץ זַיין אִין אוּנְזֶער פְּרָאבְּלֶעם.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעם.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרָשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ' שְׁבַט, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיווּ.

זְוִי אִיךְ פַארְשְׁטֵיי קֶען דֶער סַמֶ"ךְ מֵ"ם נִישְׁט דֶערלַיידְן אַז אִיר לֶעבְּט אַזַא שֵׁיינֶע לֶעבְּן מִיט אַייעֶר מַאן שׁוֹין זִיבֶּעצְן יָאר אוּן אִיר הָאט אַ שְׁטוּבּ מִיט לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער וְכוּ', וְכוּ'; דֶערְפַאר זוּכְט עֶר מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת צוּ צֶעשְׁטֶערְן אַייעֶר לֶעבְּן, עֶר זוּכְט וִוי עֶר קֶען מַאכְן אַ פֵּירוּד צְווִישְׁן אַייךְ אוּן אַייעֶר מַאן. וַוייל אֵיינְמָאל עֶר צֶעבְּרֶעכְט דִי לִיבְּשַׁאפְט צְווִישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ הָאט עֶר נָאכְדֶעם אַ גְרִינְגֶע וֶועג וִוי אַזוֹי עֶר קֶען כַּאפְּן דֶעם מֶענְטְשׁ אִין זַיין נֶעץ אוּן אִים מַכְשִׁיל זַיין מִיט עֲבֵירוֹת, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רסג): "מֵעִנְיַן בְּנֵי הַנְּעוּרִים, שֶׁשְּׁכִיחַ מְאֹד שֶׁנַּעֲשֶׂה קִלְקוּל בֵּינֵיהֶם וּבֵין נְשׁוֹתֵיהֶם, וְנִפְרָדִים זֶה מִזֶּה אֵיזֶה זְמַן, וְלִפְעָמִים נַעֲשֶׂה מִזֶּה פֵּרוּד לְגַמְרֵי חַס וְשָׁלוֹם", דָאס וָואס מֶען זֶעט אִינְגֶעלַייט צֶעטֵיילְן זִיךְ פוּן דִי וַוייבּ אוּן זֵיי זֶענֶען צֶעטֵיילְט פַאר אַ שְׁטִיק צַייט אוּן אַסַאךְ מָאל וֶוערְט נָאכְדֶעם אַ גֶט חַס וְשָׁלוֹם, "זֶה מַעֲשֶׂה בַּעַל דָּבָר, שֶׁמַּנִּיחַ אֶת עַצְמוֹ עַל זֶה מְאֹד, לְקַלְקֵל הַשָּׁלוֹם שֶׁל בְּנֵי הַנְּעוּרִים, כְּדֵי שֶׁיִּתָּפְסוּ בִּמְצוּדָתוֹ חַס וְשָׁלוֹם עַל יְדֵי זֶה", דָאס אִיז דֶער אַרְבֶּעט פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע וָואס עֶר מַאכְט אַז מֶען זָאל זִיךְ צֶעטֵיילְן. וַוייל וֶוען מַאן אוּן וַוייבּ זֶענֶען צֶעטֵיילְט קֶען עֶר זֵייעֶר גְרִינְג אַריינְכַאפְּן דֶעם מֶענְטְשׁ בַּיי אִים אִין זַאק אַרַיין, "כִּי הוּא אוֹרֵב עַל זֶה מְאֹד - לְתָפְסָם

בִּנְעוּרֵיהֶם עַל יְדֵי קִלְקוּל הַשְּׁלוֹם בֵּית חַס וְשָׁלוֹם, שֶׁגּוֹרֵם בְּעַרְמוּמִיּוּתוֹ לְקַלְקֵל הַשָּׁלוֹם שֶׁבֵּינֵיהֶם", דֶער יֵצֶר הָרַע לְאָקֶערְט אוֹיף יוּנְגֶע פָּארְפֶּעלְקֶער זֵיי צוּ צֶעטֵיילְן אוּן אַזוֹי כַאפְּט עֶר זֵיי אַרַיין אִין שְׁמוּצִיגֶע עֲבֵירוֹת.

מִיר טוּט זֵייעֶר וֵויי אַז עֶס אִיז דָא מַחֲלוֹקֶת צְווִישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וְכוּ', אָבֶּער עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי פָּשׁוּט ווִי אִיר לֵייגְט עֶס אַרָאפּ, נָאר וֶוער עֶס ווִיל לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם קֶען לֶעבְּן ווַייטֶער אִין יַבְנְאֵל זֵייעֶר שֵׁיין. אִיךְ אַלֵיינְס הָאבּ תַּלְמִידִים וָואס וואוֹינֶען אִין יַבְנְאֵל אוּן זֵיי וֵוייסְן גָארְנִישְׁט פוּן קַיין מַחֲלוֹקֶת צוּ זָאגְן, זֵיי לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי לֶעבְּן מִיט דִי חִיזּוּק פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, זֵיי דַאוֶונֶען אוּן לֶערְנֶען, זֵיי גֵייעֶן הַפָּצָה אוּן זֶענֶען פְרֵיילִיךְ וְכוּ'. אִיךְ פְרֶעג זֵיי אַסַאךְ מָאל אוֹיבּ מֶען קְרִיגְט זִיךְ דָארְט וְכוּ', עֶנְטְפֶערְן זֵיי מִיר אֵייבִּיג דֶעם זֶעלְבְּן תֵּירוּץ: "וֶוער עֶס ווִיל זִיךְ קְרִיגְן קְרִיגְט זִיךְ וואוּ עֶר זָאל נָאר זַיין אוּן וֶוער עֶס ווִיל שָׁלוֹם אִיז זִיךְ מְחַיֶּ' דָא אִין יַבְנְאֵל".

אִיךְ גֶעדֶענְק וֶוען אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען דָאס עֶרְשְׁטֶע מָאל קַיין יַבְנְאֵל, פַאר אִיבֶּער צֶען יָאר צוּרִיק, בִּין אִיךְ מַמָּשׁ גֶעוֶוען פַארְגַאפְּט אוּן עֶרְשְׁטוֹינְט אַז עֶס אִיז דָא אַזַא זַאךְ אוֹיף דִי וֶועלְט; אִיךְ הָאבּ דָארְט גֶעזֶען ווִי מֶענְטְשְׁן לֶעבְּן שׁוֹין אִין גַּן עֵדֶן, אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען ווִי מֶענְטְשְׁן לֶעבְּן אַזוֹי פָּשׁוּט, אַזוֹי פְרֵיילִיךְ, מִיט אַ לוֹיטֶערֶע אֱמוּנָה אַזוֹי ווִי מוֹהֲרַ"ש הָאט אִין אוּנְז אַרַיינְגֶעבַּאקְן. אִיךְ בִּין אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען בַּיי אַ

מִשְׁפָּחָה אוּן אִיךְ הָאבּ זִיךְ צוּגֶעקוּקְט מִיט שְׁטוֹינוּנְג וִוי פָּשׁוּט'עֶ מֶענְטְשְׁן לֶעבְּן מִיט אַזָא אֱמוּנָה, מִיט אַזָא שִׂמְחָה, מִיט אַזַא צוּפְרִידְנְקַייט. בִּיז אִיךְ בִּין אָנְגֶעקוּמֶען אִין שׁוּל, דָארְט הָאבּ אִיךְ גֶעטְרָאפְן אִינְגֶעלַייט אוּן אִיךְ הֵייבּ אָן שְׁמוּעֶסְן מִיט זֵיי פוּן דִי שֵׁיינְקַייט פוּן יַבְנְאֵל; זָאגְט מִיר אֵיינֶער: "זֶה לֹא כָּל כַּךְ פָּשׁוּט", עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי פָּשׁוּט וִוי דוּ מֵיינְסְט, פְּרֶעג נִישְׁט וָואס טוּט זִיךְ, עֶס אִיז גֶעפֶערְלִיךְ וְכוּ' וְכוּ'; הָאבּ אִיךְ פוּן אֵיין זַייט גֶעזֶען מֶענְטְשְׁן וָואס לֶעבְּן מַמָּשׁ אִין גַן עֵדֶן אוּן פוּן דֶער אַנְדֶערֶער זַייט מֶענְטְשְׁן וָואס ווִילְן נָאר רֶעדְן לָשׁוֹן הָרַע אוּן זוּכְן פוּן אוּנְטֶער דֶער עֶרְד זִיךְ אָפְּצוּרֶעדְן.

אִין יֶעדֶע פְּלַאץ זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס זוּכְן מַחֲלוֹקֶת, זוּכְן עֶקְשָׁאן וְכוּ', דָאס אִיז דֶער גָּלוּת אוּן פוּן דֶעם לַיידְן מִיר אַזוֹיפִיל, בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אוּנְז שִׁיקְן אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא וָואס עֶר וֶועט שָׁלוֹם מַאכְן אוֹיף דִי וֶועלְט, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (עדויות ח, ז): "אֵין אֵלִיָּהוּ בָּא לֹא לְרַחֵק וְלֹא לְקָרֵב אֶלָּא לַעֲשׂוֹת שָׁלוֹם בָּעוֹלָם", וֶוען אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא וֶועט קוּמֶען אוֹיף דִי וֶועלְט וֶועט עֶר מַאכְן שָׁלוֹם צְווִישְׁן אַלֶע אִידְן.

אַן עֶרְלִיכֶער אִיד קְרִיגְט זִיךְ נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם; אַן עֶרְלִיכֶער אִיד גֵייט זִיךְ זַיין וֶועג אוּן עֶס גֵייט אִים גָארְנִישְׁט אָן, עֶר זוּכְט נִישְׁט קֶער צוּ נֶעמֶען פוּן דִי וֶועלְט, עֶר וֶועט זִיךְ מִיט קֵיינֶעם נִישְׁט קְרִיגְן. עֶר וֶועט נָאר זֶען צוּ הֶעלְפְן אוּן מְחַיֶּ' זַיין אַ צְוֵוייטְן.

**וָזער** עס וויל טוּן די ווילְן פוּן מוֹהֲרָא"ש און וָועם עס גייט אין לֶעבְּן די כָּבוֹד פוּן מוֹהֲרָא"ש וְכוּ', דַארְף מְקַיֵים זַיין וָואס מוֹהֲרָא"ש הָאט אוּנז גֶעשְׁרִיבְּן אין די צַוָואָה; קוּקְטְס אַריין אין צַוָואַת מוֹהֲרָא"ש (אות י): "מַיינֶע טֵייעֶרע קִינְדֶער און תַּלְמִידִים, איר זָאלְט זיך זֵייעֶר שְׁטַארְק היטְן זיך נִישְׁט אַריינְצוּמִישְׁן אין קַיין שׁוּם מַחֲלוֹקֶת און קְרִיגֶערַייעֶן"; אין צוּגָאבּ צוּ דֶעם איז דָא אַ בְּרִיוו וָואס מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעשְׁרִיבְּן דֶעם לֶעצְטְן טָאג פוּן זַיין לֶעבְּן אַז מֶען זָאל זיך היטְן פוּן מַחֲלוֹקֶת, אַזוֹי אויך הָאט מוֹהֲרָא"ש גֶעשְׁרִיבְּן פוּן שְׁפִּיטָאל בֶּעט אַפָּאר טֶעג פַאר עֶר איז נִסְתַּלֵק גֶעוָוארְן אין אַ בְּרִיוו: "וְלָכֵן זֶה עִקַר רְצוֹנִי שֶׁיִּהְיֶה רַק אַהֲבָה בֵּין אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, כִּי הַרְבֵּה צָרוֹת בָּאוּ וְיָצְאוּ מִמַחֲלֹקֶת וּמְרִיבוֹת"; זֶעט מֶען ווי שְׁטַארְק מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעוָואלְט מִיר זָאלְן זיך מִיט קֵיינֶעם נִישְׁט קְרִיגְן.

**דֶערְפַאר** בֶּעט איך אַייך, אַנְטְלוֹיפְט פוּן מַחֲלוֹקֶת און רֶעדְט נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם וֶועגְן מַחֲלוֹקֶת. איר זָאלְט לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם מִיט אַייעֶר מַאן; אַז אַייעֶר מַאן הָאט גֶעטְרָאפְן אֵיינֶעם פוּן וֶועם עֶר נֶעמְט הִיזוּק וְכוּ' וָואס דַארְף דָאס אַייך אָנְגֵיין?! אַז אַייעֶר מַאן הָאט גֶעטְרָאפְן אַ פְּלַאץ וואוּ מֶען איז אִים מְחַזֵק אוֹיף תּוֹרָה וּתְפִלָּה, פַארְוָואס זָאלְט איר אִים שְׁטֶערְן?! פַארְקֶערְט, זַייטְס אִים מְחַזֵק און מְעוֹדֵד! זָאגְטְס אִים: "מִיר וֶועלְן אֵייבִּיג זַיין צוּזַאמֶען, מִיר וֶועלְן לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם וּבְשַׁלְוָה!"

**דָאס** וָואס איר שְׁרַייבְּט: "מֶען דַארְף אַוֶועק וַוארְפְן די שֵׂכֶל"; וֶוער הֵייסְט אַוֶועק וַוארְפְן די שֵׂכֶל? חַס וְשָׁלוֹם, מֶען

טָאר נִישְׁט אַוֶועק וַוארְפְן דִי שֵׂכֶל און נָאר אַ מֶענְטְש מִיט שֵׂכֶל וֶועט נֶעמֶען אַן עֶרְלִיכֶער אִיד זָאל אִים וַוייזְן דִי וֶועג ווִי אַזוֹי צוּ לֶעבְן. דִי שֵׂכֶל זָאגְט אַז מֶען דַארְף גֵיין צוּ אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, דִי שֵׂכֶל זָאגְט אַז אוֹיבּ דֶער מַאן הָאט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד וָואס אִיז אִים מְחַזֵק זָאל אִים דִי וַוייבּ נִישְׁט שְׁטֶערְן. פַּארְקֶערְט, אוֹיבּ מֶען מַאכְט מַחֲלוֹקֶת - דָאס הֵייסְט אַוֶועק גֶעוָוארְפְן דִי שֵׂכֶל; אוֹיבּ אֵיינֶער וֶועט אַיידְּ קוּמֶען זָאגְן עֶס אִיז אַ מִצְוָה יֶענֶעם צוּ רוֹדְפְ'ן, דַארְף מֶען יֶענֶעם זָאגְן: "אוֹיבּ אִיז עֶס אַזַא גְרוֹיסֶע מִצְוָה זָאלְט אִיר אַלֵיין טוּן דִי מִצְוָה - מִצְוָה בּוֹ יוֹתֵר מִבִּשְׁלוּחוֹ", דָאס הֵייסְט שֵׂכֶל.

**דָאס** זֶעלְבֶּע אִיז מִיט בִּיטוּל וְכוּ'; אַ בִּיטוּל דַארְף מֶען הָאבְּן צוּם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶּער און צוּ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. און וֶוער זָאגְט אוּנְז וָואס שְׁטֵייט אִין דִי תּוֹרָה? דַיָינִים און רַבָּנִים. דִי אַלֶע וָואס שְׁרֵייעֶן: "הַיינְט אִיז שׁוֹין נִישְׁט דָא קַיין צַדִיקִים וְכוּ'"; דָאס אִיז נִישְׁט עֶפֶּעס אַ נֵייעֶ זַאךְ, דָאס הָאט מֶען גֶעשְׁרִיגְן אִין אַלֶע צַייטְן. אִין הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צַייטְן הָאט מֶען דָאס אוֹיךְ גֶעשְׁרִיגְן, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן לח): "כִּי עַכְשָׁיו נִתְפַּשֵּׁט הָאֶפִּיקוֹרְסוּת שֶׁהִתְּרָה הָרְצוּעָה לְדַבֵּר סָרָה עַל כָּל הַצַּדִּיקִים וְעַל כָּל יִרְאֵי ה'", עֶס אִיז זֵייעֶר פַּארְשְׁפְּרֵייט אַז מֶענְטְשְׁן רֶעדְן אוֹיף צַדִיקִים, בֶּאֱמֶת ווִילְן זֵיי רֶעדְן אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין, נָאר זֵיי הָאבְּן מוֹרָא אַז אוֹיבּ זֵיי וֶועלְן רֶעדְן אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועט מֶען זֵיי אָנְשְׁרֵייעֶן וְכוּ', דֶערְפַאר רֶעדְן זֵיי אוֹיף צַדִיקִים, אָבֶּער זֵיי מֵיינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; זֶעט מֶען אַז אִין אַלֶע צַייטְן זֶענֶען פַארְהַאן וָואס

זינְגֶען דֶעם זֶעלְבְּן נִיגון: "הַיינְט אִיז שׁוֹין גָארְנִישְׁט דָא"; אָבֶּער דָאס אִיז נִישְׁט אֱמֶת, נָאר אִין יֶעדֶע דוֹר זֶענֶען דָא צַדִיקִים וָואס זֶענֶען זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֵיי צוּ מַאכְן לֶערְנֶען דַאוֶוענֶען אוּן אַרַיין בְּרֶענְגֶען אִין זֵיי דִי אֱמוּנָה בְּרוּרָה וּמְזוּכֶכֶת.

**פַארְשְׁטֵייט** זִיךְ אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט צוּ אֵיינֶעם, דַארְף עֶר שְׁטֶענְדִיג זֶען אוֹיבּ יֶענֶער אִיז אִים מְחַזֵק צוּ גֵיין בְּדֶרֶךְ הַתוֹרָה, עֶר טְרֶעט נִישְׁט אָפּ פוּן שֻׁלְחָן עָרוּךְ, עֶר רֶעדְט צוּ אִים פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן שְׁלוֹם בַּיִת; דֶעמָאלְט אִיז אַ סִימָן אַז עֶר אִיז אוֹיף אַ גוּטֶע פְּלַאץ. אָבֶּער וִוי נָאר מֶען רֶעדְט פוּן אַנְדֶערֶע זַאכְן, מֶען רֶעדְט נִישְׁט פוּן תּוֹרָה, תְּפִילָה אוּן שְׁלוֹם בַּיִת, אִיז עֶס אַיין שְׁטִיק שֶׁקֶר.

**זְויפִיל** מֶענְטְשְׁן וֶוערְן נֶעבֶּעךְ פַארְפִירְט פוּן פַאלְשֶׁע מַנְהִיגִים וָואס לֶערְנֶען נִישְׁט מִיט זֵייעֶרֶע מֶענְטְשְׁן וִוי אַזוֹי צוּ לֶעבְּן מִיט אַ וַוייבּ וְכוּ'; מֶען דַארְף זִיךְ זֵייעֶר הִיטְן נִישְׁט אָנְצוּקוּמֶען צוּ אַ פַארְפִירֶער. קוּקְטְס וָואס מוֹהֲרַ"אשׁ שְׁרַייבְּט אִין דִי צַוָואָה (אות טו) אַ סִימָן וִוי אַזוֹי מֶען קֶען וִויסְן צִי מֶען אִיז בַּיי אַן אֱמֶת'עֶר פְּלַאץ אָדֶער נִישְׁט, עַיֵינִי שָׁם.

**אַשְׁרֶיךָ** אַז אִיר הָאט נִישְׁט קַיין שַׁייכוּת מִיט דִי מַחֲלוֹקֶת, אָבֶּער גֶעבְּט אַכְטוּנְג אַז אִין אַייעֶר שְׁטוּבּ זָאל נִישְׁט אַרַיין קוּמֶען דֶער סַמֶ"ךְ מֵ"ם. אַז אַייעֶר מַאן הָאט חַיוּת אוֹיף אַ פְּלַאץ, דֶער מֶענְטְשׁ אִיז אִים מְעוֹרֵר צוּ עֲבוֹדַת הַשֵׁם, דֶער פְּלַאץ וואוּ עֶר גֵייט אִיז אִים מְעוֹרֵר צוּ לֶערְנֶען אוּן

דַאוֶועְנֶען אוּן נִישְׁט הָאבְּן קַיין שַׁייכוּת מִיט מַחֲלוֹקֶת, פַּארְוָואס זָאלְט אִיר אִים שְׁטֶערְן?

**אִיךְ** זָאג אַייךְ צוּ אַז אוֹיבּ אִיר וֶועט לֶעבְּן מִיט אַייעֶר מַאן בְּשָׁלוֹם וֶועט אִיר הָאבְּן נַחַת פוּן אַייעֶרע קִינְדֶער; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט רוּעֶן בַּיי אַייךְ אוּן אִיר וֶועט נִישְׁט חֲרָטָה הָאבְּן.

# רלג

**וָואס אִיז דֶער עִנְיַן פוּן גֵייִן שַׁבָּת מִיט וַוייסֶע זָאקְן?**

## שְׁאֵלָה:

**לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי שֵׁיינֶע עֵצוֹת אוּן חִיזוּק וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה בַּאקְט אַרַיין אִין אוּנְז טָאג נָאךְ טָאג בִּמְסִירוּת הַגוּף וְהַנֶפֶשׁ.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אַ שְׁאֵלָה: עֶס אִיז בַּאוואוּסְט אַז מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט זֵייעֶר גֶעוָואלְט אַז זַיינֶע תַּלְמִידִים זָאלְן גֵייִן מִיט וַוייסֶע זָאקְן שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, אִיז מִיר שְׁוֶוער אַז לִכְאוֹרָה אַ לְבוּשׁ אִיז דָאךְ נִישְׁט חָשׁוּב, אוּן עֶס אִיז נִישְׁט קַיין חִילוּק וִוי אַזוֹי מֶען גֵייט אָנְגֶעטוּן, אִיז וָואס אִיז דֶער גְרוֹיסֶער עִנְיַן דֶערְפוּן?

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ' שְׁבַט, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

**אִיךְ** וויים נִישְׁט ווי אַזוֹי אַן עֶרְלִיכֶער אִיד קֶען פְרֶעגְן אַזַא שְׁאֵלָה וָואס גְרֶענִיצְט זִיךְ מִיט לְצָנוּת; אַזוֹי אַוֶועק צוּ מַאכְן אוּן פְרֶעגְן: "אַ לְבוּשׁ אִיז נִישְׁט אַזַא חָשׁוּבֶ'עַ זַאךְ", וֶוען דֶער עֶרְשְׁטֶער יְסוֹד אִין אִידִישְׁקֵייט אִיז דָאס אִידִישֶׁע לְבוּשׁ; אַזוֹי ווי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מֶדְרָשׁ אַגָּדָה): "לֹא נִגְאֲלוּ יִשְׂרָאֵל מִמִּצְרַיִם אֶלָּא עַל שֶׁלֹּא שִׁינּוּ אֶת לְבוּשָׁם", מִיר זֶענֶען אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם נָאר וַוייל מִיר הָאבְּן נִישְׁט מְשַׁנֶּה גֶעוֶוען אוּנְזֶער לְבוּשׁ. אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֶענֶען גֶעוֶוען אָפְּגֶעזוּנְדֶערְט פוּן דִי מִצְרִיִּים - דִי גוֹיִם מִיט זֵייעֶרֶע אִידִישֶׁע קְלֵיידֶער, אַזוֹי ווי עֶס שְׁטֵייט (דְּבָרִים כו, ה): "וַיְהִי שָׁם לְגוֹי גָּדוֹל עָצוּם וָרָב", דַרְשְׁ'עֶנֶען חַזַ"ל: "מְלַמֵּד שֶׁהָיוּ יִשְׂרָאֵל מְצֻיָּנִים שָׁם", דִי אִידְן זֶענֶען גֶעוֶוען אָפְּגֶעטֵיילְט פוּן דִי גוֹיִם מִיט זֵייעֶר לְבוּשׁ.

**זָאג** נִישְׁט אַז אִידִישֶׁע קְלֵיידֶער זֶענֶען נִישְׁט חָשׁוּב, דָאס אִיז דֶער וֶועג פוּן דֶעם יֵצֶר הָרַע; קוֹדֶם קוּמְט עֶר צוּם מֶענְטְשׁ אוּן לַאכְט אָפּ פוּן אֵיין זַאךְ, נָאכְדֶעם קְלַאפְּט עֶר אַרָאפּ דֶעם מֶענְטְשׁ אִינְגַאנְצְן. אַזוֹי ווי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת קה:): "כַּךְ אוּמָּנְתוֹ שֶׁל יֵצֶר הָרַע, הַיּוֹם אוֹמֵר לוֹ עֲשֵׂה כַּךְ, וּלְמָחָר אוֹמֵר לוֹ עֲשֵׂה כַּךְ, עַד שֶׁאוֹמֵר לוֹ עֲבוֹד עֲבוֹדָה זָרָה, וְהוֹלֵךְ וְעוֹבֵד".

**מוֹהֲרָא"ש** הָאט אַיינְגֶעפִּירְט אִין יַבְנְאֵל מֶען זָאל גֵיין שַׁבָּת אָנְגֶעטוּן נִישְׁט נָאר מִיט ווייסֶע זָאקְן, נָאר אוֹיךְ מִיט אַ ווייסֶע בֶּעקִיטְשֶׁע. וַוייל דֶער אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (פְּרִי עֵץ חַיִּים שַׁעַר הַשַּׁבָּת, פֶּרֶק ד'): "צָרִיךְ שֶׁיִּלְבּוֹשׁ בְּכָל שַׁבָּת בְּגָדִים לְבָנִים, לָכֵן אַל יִפְחוֹת מֵאַרְבָּעָה בִּגְדֵי לָבָן, כְּמוֹ מַלְבּוּשׁ עֶלְיוֹן וְתַחְתּוֹן, וְאֵזוֹר, וְחָלוּק", שַׁבָּת זָאל מֶען גֵיין מִיט ווַייסֶע קְלֵיידֶער. אוּן רֶבִּי חַיִּים וִיטַאל זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה שְׁרַייבְּט: "אִיךְ הָאבּ מְקַבֵּל גֶעווֶען פוּן מַיין רֶבִּי דֶער אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ, אַז ווִי אַזוֹי אַ מֶענְטְשׁ גֵייט אָנְגֶעטוּן שַׁבָּת אוֹיף דִי ווֶעלְט ווֶעט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ גֵיין אָנְגֶעטוּן אוֹיף יֶענֶע ווֶעלְט", עַיֵּין שָׁם.

**נָאר** ווִיבַּאלְד מִיר לֶעבְּן צְווִישְׁן מֶענְטְשְׁן ווָאס גֵייעֶן אָנְגֶעטוּן שְׁוַוארְץ וְכוּ' קֶענֶען מִיר נִישְׁט גֵיין אָנְגֶעטוּן מִיט ווַייסֶע בֶּעקִיטְשֶׁעס ווַייל מִיר ווֶעלְן אוֹיסְקוּקְן ווִי אַ חָתָן צְווִישְׁן אֲבֵלִים, אַלֶע ווֶעלְן לַאכְן וְכוּ'; אָבֶּער ווֶען מוֹהֲרָא"ש הָאט זִיךְ אַרַיין גֶעצוֹיגְן אִין יַבְנְאֵל מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, הָאט מוֹהֲרָא"ש גֶעזָאגְט: "דָא זֶענֶען מִיר אַלֵיין וְכוּ', קֶענֶען מִיר מְקַיֵּים זַיין ווָאס דֶער אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ שְׁרַייבְּט".

**דָאס** אִיז דִי זַאךְ פוּן גֵיין ווייסֶע זָאקְן שַׁבָּת, ווַייל אַז מֶען קֶען נִישְׁט גֵיין אִינְגַאנְצְן ווַייס גֵייט מֶען כָאטְשׁ מִיט ווַייסֶע זָאקְן לְכָבוֹד שַׁבָּת.

# רלד

**מֶען צָאלְט מִיר נִישְׁט מַיין גֶעהַאלְט, וָואס זָאל אִיךְ טוּן?**

## שְׁאֵלָה:

**לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

קוֹדֶם כָּל אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים אוּן חִיזּוּק וָואס אִיךְ בַּאקוּם פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה טָאג טֶעגְלִיךְ, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט ווִי אַזוֹי אִיךְ וָואלְט זִיךְ גֶעקֶענְט בַּאגֵיין אָן דֶעם.

ווִי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה ווֵייסְט הָאט מֶען מִיר אַרוֹיסְגֶעוָוארְפְן פוּן מַיין מְלַמְּדוּת פָּאסְטְן צוּלִיב דֶעם וָואס אִיךְ בִּין גֶעפָארְן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה. בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז אִיךְ הָאב גֶעטְרָאפְן אַ צְווֵייטֶע מְלַמְּדוּת פָּאסְטְן אוּן אִיךְ פְּרוּבִיר אַרַיינְצוּלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער תּוֹרָה אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם, דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז אָבֶער אַז זֵיי צָאלְן נִישְׁט אַזוֹי גוּט אוּן פּוּנְקְטְלִיךְ, עֶס אִיז שׁוֹין צְווֵיי חֳדָשִׁים וָואס אִיךְ הָאב נִישְׁט בַּאקוּמֶען מַיין גֶעהַאלְט. וָואס זָאל אִיךְ טוּן אִין אַזַא מַצָּב? עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער אָנְצוּגֵיין אַזוֹי.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ"א שְׁבַט, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**ווַיילוֹ** אִיז דִיר אוּן וואוֹיל אִיז דַיין חֵלֶק אַז דוּ הָאסְט דִי זְכִיָּה צוּ זַיין אַ מְלַמֵּד דַרְדְקֵי, לֶערְנֶען תּוֹרָה מִיט תִּינוֹקֶת שֶׁל בֵּית רַבָּן וָואס אוֹיף זֵייעֶר תּוֹרָה שְׁטֵייט דִי

וֶועלְט; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא ח:): אוֹיפְ'ן פָּסוּק (דָּנִיאֵל יב, ג): "וּמַצְדִּיקֵי הָרַבִּים כַּכּוֹכָבִים' - אֵלּוּ מְלַמְּדֵי תִּינוֹקוֹת", אַ מְלַמֵּד אִיז צוּגֶעגְלִיכְן צוּ דִי שְׁטֶערְנְס. פּוּנְקְט אַזוֹי וִוי מֶען קֶען נִישְׁט צֵיילְן דִי שְׁטֶערְנְס פוּן הִימְל, אַזוֹי אוֹיךְ קֶען מֶען נִישְׁט צֵיילְן דִי זְכוּתִים פוּן אַ מְלַמֵּד וָואס לֵייגְט אַרַיין אִין קִינְדֶער תּוֹרָה, תְּפִילָּה וְיִרְאַת שָׁמַיִם. דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ זִיךְ זֵייעֶר מְחַזֵּק זַיין אַז דוּ הָאסְט אַזוֹיפִיל זְכוּתִים אִין הִימְל.

**דָאס** וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז מֶען אִיז דִיר שׁוּלְדִיג צְוֵויי חֳדָשִׁים גֶעהַאלְט אוּן דוּ פְּרֶעגְסְט וָואס דוּ זָאלְסְט טוּן; לִיבֶּער בְּרוּדֶער, דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַן עֵצָה וָואס מִיר זָאלְן טוּן וֶוען מִיר הָאבְּן אַ צָרָה, מִיר זָאלְן זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ צוּם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער, אִים בֶּעטְן אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, אוֹיף דִי שְׁפְּרַאךְ וָואס מִיר זֶענֶען צוּגֶעוואוֹינְט צוּ רֶעדְן.

**אַ** אִינְגֶערְמַאן הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט אַז עֶר אִיז אַרַיין צוּ מוֹהֲרָא"שׁ וֶוען זַיין טַאטֶע הָאט גֶעהַאלְטְן פַאר'ן חֲתוּנָה מַאכְן אֵיינֶער פוּן דִי קִינְדֶער אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַאר מוֹהֲרָא"שׁ אַז זַיין טַאטֶע הָאט נִישְׁט קַיין אֵיין פְּרוּטָה חֲתוּנָה צוּ מַאכְן וְכוּ', הָאט אִים מוֹהֲרָא"שׁ גֶעזָאגְט מִיט אַ שְׁמֵייכְל: "זָאג דַיין טַאטֶע אַז דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַן עֵצָה וִוי אַזוֹי צוּ הָאבְּן גֶעלְט, מֶען זָאל זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וְכוּ'"; דֶער אִינְגֶערְמַאן זָאגְט מִיר: "אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט אַז אִיךְ פַאל אַרָאפּ, דָאס הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט טְרַאכְטְן, וִוי מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט דָאס מִיט אַזַא אֱמוּנָה, מִיט

אַזַא זִיכֶערְקֵייט: 'מִיר הָאבְּן אַ רֶבִּי וָואס הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַן עֵצָה פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן', כְּאִילוּ דָאס אִיז אַ נֵייעֶ זַאךְ, אַ נֵייעֶ סְגוּלָה, אַ נֵייעֶ עֵצָה וְכוּ'".

**דֶערְפַאר** טֵייעֶרער הַארְצִיגֶער חָבֵר, מַיין הַארְץ גֵייט אוֹיס פַאר דִיר אוֹיף וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן מִיט דִיר, מֶען הָאט דִיר אַרוֹיס גֶעוָוארְפְן פוּן דַיין מְלַמְּדוּת פַאר דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע חֵטְא אַז דוּ בִּיסְט גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן דוּ מוּטְשֶׁעסְט זִיךְ וְכוּ'. אָבֶּער גֶעדֶענְק וָואס רֶבִּי נָתָן פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג זָאגְן בְּעֵת צָרָה: "עֶס אִיז מִיט גְרוֹיסֶע חֲסָדִים"; ווייל אַז מֶען קוּקְט גוּט זֶעט מֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז זֵייעֶר גוּט אוּן עֶר טוּט נָאר גוּטְס מִיט אוּנְז, עֶר וַוארְט נָאר מִיר זָאלְן קוּמֶען צוּ אִים אוּן רֶעדְן צוּ אִים אוּן נִישְׁט פַארְגֶעסְן פוּן אִים.

**דוּ** וואוֹינְסְט אִין ...; כַאפּ זִיךְ אַרִיבֶּער יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי צוּם צִיּוּן פוּן רַבֵּינוּ הַקָּדוֹשׁ מִסַּאטְמַאר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת צַדִּיק, סִימָן קעג): "עַל יְדֵי הִשְׁתַּטְּחוּת עַל קִבְרֵי הַצַּדִּיקִים, הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עוֹשֶׂה לוֹ טוֹבוֹת, אַף עַל פִּי שֶׁאֵינוֹ רָאוּי לְכַךְ", וֶוען מֶען אִיז מִתְפַּלֵּל בַּיי אַ קֶבֶר פוּן אַ צַדִּיק, טוּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוֹבוֹת פַארְ'ן מֶענְטְשׁ, אֲפִילוּ דֶער מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט רָאוּי דֶערְצוּ.

**קוּק** זִיךְ אוּם דָארְט אִינֶעם בֵּית הַחַיִּים וֶועסְטוּ זֶען ווי עֲשִׁירִים מִיט עֲנִיִּים - אַלֶע לִיגְן דָארְט. אַזוֹי ווי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (אִיּוֹב ג, יט): "קָטֹן וְגָדוֹל שָׁם הוּא"; עֶס בְּלַייבְּט נִישְׁט

אִיבֶּער פוּנֶעם מֶענְטְשׁ נָאר דָאס בִּיסְל גוּטְס וָואס מֶען טוּט און וָואס מֶען אִיז מְזַכֶּה אַ צְוֵויטְן.

**לֵייג** אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים און דָאס וֶועט זֵיי בַּאגְלֵייטְן אַלֶע זֵייעֶרע יָארְן; עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אַפָּאר יָאר און אַלֶע דַיינֶע תַּלְמִידִים וֶועלְן חֲתוּנָה הָאבְּן. אֵיינֶער וֶועט זַיין אַ קָאנְטְרַאקְטֶער, אֵיינֶער אַן עֶלֶעקְטֶערִישְׁן, אֵיינֶער אַ פְּלָאמְבֶּער און וָואס וֶועלְן זֵיי גֶעדֶענְקֶען פוּן חֵדֶר? דָאס בִּיסְל אֱמוּנָה און דָאס בִּיסְל וַוארֶעמְקֵייט וְכוּ'.

**אִיךְ** וַוארְט צוּ זֶען וִוי דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר דִי נִסִּים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט דִיר.

# רלה

## אִיךְ בִּין בָּרוּךְ ה' גֶעהָאלְפְּן גֶעוָוארְן.

### שְׁאֵלָה:

**לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א**

דָא שְׁרַייבְּט צוּ אַייךְ דֶער אִינְגֶערְמַאן וָואס הָאט גֶעשְׁרִיבְּן דֶעם בְּרִיוו (מִכְתָּב קפּט) מִיטְ'ן קֶעפְּל: "מִיר ווִילְן הָאבְּן נָאךְ קִינְדֶער".

עֶס אִיז שׁוֹין אַרִיבֶּער אַבִּיסְל מֶער פוּן אַ חוֹדֶשׁ זַייט אִיךְ הָאבּ אַייךְ גֶעשְׁרִיבְּן מִיט מַיין צֶעבְּרָאכְן הַארְץ דֶעם דָאזִיגְן בְּרִיוו אִין אִיר הָאט מִיר וַוארֶעם מְחַזֵּק גֶעוֶוען און מִיר גֶעשְׁרִיבְּן: "הֶער נִישְׁט אוֹיף צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דַיין קִינְד, וֶועסְטוּ בְּקָרוֹב זוֹכֶה זַיין צוּ גְרוֹיסֶע נִסִּים. אִיךְ וַוארְט צוּ הֶערְן פוּן דִיר וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר גֶעהָאלְפְן"; דֶערִיבֶּער

שְׁפִּיר אִיךְ יֶעצְט אַ חוֹב וֶוען אִיךְ הָאבּ אַ פְרֵיילִיכֶע אוּן אַ גְלִיקְלִיכֶע הַארְץ אַייךְ צוּ מְבַשֵּׂר זַיין דִי גוּטֶע בְּשׂוֹרָה וָואס אִיר וַוארְט צוּ הֶערְן...

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַאר דִי בְּרִיוו, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ פַאר אַלֶע חִיזוּק, הַדְרָכוֹת אוּן עֵצוֹת.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ"א שְׁבַט, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אִיךְ** פְרֵיי מִיר זֵייעֶר צוּ הֶערְן פוּן דִיר אַז עֶס אִיז דָא גוּטֶע נַייעֶס בַּיי אַייךְ וְכוּ'.

**בַּיי** דִיר אִיז מַמָּשׁ מְקוּיָם גֶעוָוארְן וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט ווִי אַ מֶענְטְשׁ דַאנְקְט אוּן לוֹיבְּט אִים, זָאגְט עֶר פַאר דִי מַלְאָכִים: "קוּקְט אָן דֶעם אִיד, עֶר דַאנְקְט אוּן לוֹיבְּט מִיר, אִיךְ וֶועל אִים וַוייזְן וָואס גוּטְס מֵיינְט", אוּן פַארְקֶערְט אוֹיךְ, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט ווִי אֵיינֶער הֶערְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף אָפְּצוּרֶעדְן, זָאגְט עֶר: "אִיךְ וֶועל אִים וַוייזְן וָואס שְׁלֶעכְטְס מֵיינְט"; דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶע חֲסָדִים וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן מִיט דִיר. דַאנְק אִים אַז דוּ הָאסְט חֲתוּנָה גֶעהַאט אוּן דוּ הָאסְט אַ לִיכְטִיג קִינְד אוּן יֶעצְט וַוארְט אִיר שׁוֹין וְכוּ', אַזוֹי וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּן מִיט דִיר ווּאוּנְדֶערְלִיכֶע נִסִּים.

**אִיךְ** בִּין דִיר זֵייעֶר דַאנְקְבַּאר אַז דוּ הָאסְט מִיר מְבַשֵׂר גֶעוֶועןן דִי גוּטֶע בְּשׂוֹרָה; הַלְוַאי זָאלְן אַלֶע צוּרִיק קוּמֶען דֶערְצֵיילְן דִי נִסִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט זֵיי. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז אִין אַ צָרָה קוּמְט עֶר זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ אוּן בֶּעט עֵצוֹת, אָבֶּער וֶוען מֶען וֶוערְט גֶעהָאלְפְן פַארְגֶעסְט מֶען צוּ דֶערְצֵיילְן וְכוּ'.

**מוֹהֲרָא"שׁ** פְלֶעגְט זָאגְן אַז מֶען רוּפְט אִים זָאגְן אַז מֶען אִיז אִין שְׁפִּיטָאל אוּן מֶען דַארְף אַ יְשׁוּעָה, דִי פְרוֹי אִיז אַ מְקַשָׁה לֵילֵד, אָבֶּער וֶוען זִי הָאט דָאס קִינְד רוּפְט מֶען נִישְׁט אָן זָאגְן דִי גוּטֶע בְּשׂוֹרָה אוּן עֶר זִיצְט אַ גַאנְצֶע נַאכְט אוּן אִיז מִתְפַּלֵל וְכוּ' בְּשַׁעַת דִי יְשׁוּעָה אִיז שׁוֹין דָא. דֶערְפַאר דַאנְק אִיךְ דִיר אַז דוּ בִּיסְט גֶעקוּמֶען דֶערְצֵיילְן דִי גוּטֶע בְּשׂוֹרָה.

**אִיךְ** וֶועל וַוייטֶער מִתְפַּלֵל זַיין פַאר אַייךְ.

# רלו

**וָואס קֶען אִיךְ טוּן אַז אִיךְ זָאל וֶוערְן דַאר פַאר מַיין חֲתוּנָה?**

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים אוּן בְּרִיוְון, וַויפִיל אִיךְ בִּין בָּרוּךְ ה' אוֹיפְגֶעוַואקְסְן מִיט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן, לֵייגְט אִיר עֶס אָבֶּער אַרָאפּ אַזוֹי שְׁטַארְק אַז מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט אַרוֹיסְדְרֵייעֶן פוּן עֶס מְקַיֵים זַיין.

אִיךְ דַארְף הִילְף, אִיךְ בִּין אַ כַּלָּה גֶעוָוארְן פַאר צְוֵויי חֳדָשִׁים צוּרִיק בָּרוּךְ ה', אִין דִי לֶעצְטֶע תְּקוּפָה הָאט מִיר עֶפֶּעס אָנְגֶעכַאפְּט אוּן אִיךְ עֶס אַנְגאנְצְן טָאג! מַיין לֶעבְּן אִיז בֶּאֱמֶת גוּט, אִיךְ זֶע נִישְׁט פַארְוָואס עֶסְן דַארְף מִיר אַזוֹי שְׁוֶוער מַאכְן.

אִיךְ דַאוֶונען אוֹיף דֶעם, אִיךְ זָאג לִיקוּטֵי תְּפִילוֹת אוֹיף תַּאֲוַת אֲכִילָה אוּן אוֹיךְ תְּהִילִים, אָבֶּער עֶס אִיז אַזוֹי ווִי נִישְׁט אִיךְ בִּין בַּאלֶעבָּאס אוֹיף זִיךְ - נָאר אַ צְוֵוייטֶער. אִיךְ הָאבּ זִיךְ פַּיינְט אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט שׁוֹלֵט אוֹיף זִיךְ, אַז דִי עֶסְן אִיז שְׁטַארְקֶער פוּן מִיר; עֶס פַארְשֶׁעמְט מִיר, אִיךְ הָאבּ זִיךְ נִישְׁט לִיבּ צוּ זֶען אִין שְׁפִּיגְל.

וֶוען אִיךְ עֶס צוּ סַאךְ, שְׁטֶעק אִיךְ אַרַיין אַ פִינְגֶער אוּן אִיךְ בְּרֶעךְ עֶס אוֹיס; אִיךְ וֵויים אַז דָאס אִיז נִישְׁט גֶעזוּנְט, אָבֶּער אִיךְ מוּז חֲתוּנָה הָאבְּן דַאר! אִיךְ הָאבּ נִישְׁט מִיט וֶועמֶען צוּ רֶעדְן אִיבֶּער דֶעם, וַוייל בֶּאֱמֶת בִּין אִיךְ נִישְׁט אַזוֹי גְרָאבּ אוּן אִיךְ עֶס בַּאהַאלְטֶענֶערְהֵייט.

אִיךְ הָאבּ גֶעקוּקְט אִין סֵפֶר הַמִּידוֹת אוּן אִין לִיקוּטֵי עֵצוֹת - אוֹת אֲכִילָה, אוּן אִיךְ טְרֶעף נִישְׁט אַ וֶועג אַרוֹיס. אִיךְ וֵויים אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז גוּט אוּן אַז אִיךְ קֶען זִיךְ פַארְלָאזְן אוֹיף אִים. אִיר הָאט אֶפְשָׁר אַן עֵצָה פַאר מִיר?

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַארְ'ן אַוֶועק גֶעבְּן פוּן אַייעֶר צַייט צוּ עֶנְטְפֶערְן דֶעם בְּרִיוו.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ"א שְׁבַט, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן הַכַּלָּה ... תִּחְיֶ'.

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.**

**אִיר שְׁרַייבְּט אַז אִיר הָאט גֶעקוּקְט אִין סֵפֶר הַמִּידוֹת אוּן אִיר זֶעט נִישְׁט קַיין עֵצָה; קוּקְט וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט**

(סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת תְּפִלָּה, סִימָן לז): "עַל כָּל הַדְּבָרִים הֵן עַל דָּבָר גָּדוֹל, הֵן עַל דָּבָר קָטָן תִּתְפַּלֵּל", אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ - סַיי אַ גְּרוֹיסֶע זַאךְ אוּן סַיי אַ קְלֵיינֶע זַאךְ - זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אײבֶּערְשְׁטְן; מִיט תְּפִילָה קֶען מֶען אַלֶעס בַּאקוּמֶען.

**וֶוען** אַ מֶענְטְשׁ גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ אוֹיסְצוּשְׁמוּעֶסְן יֶעדֶע זַאךְ מִיטְ'ן אײבֶּערְשְׁטְן, לֶעבְּט עֶר אִין גַּן עֵדֶן, עֶר קֶען זִיךְ לַיידְן אוּן עֶר קֶען לַיידְן אַ צְוֶוייטְן. עֶר לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה; עֶר וֵוייסְט אַז דֶער אײבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, גָארְנִישְׁט פַּאסִירְט נִישְׁט פוּן זִיךְ אַלֵיין אוּן עֶר אִיז צוּפְרִידְן פוּן זִיךְ.

**בֶּעטְם** דֶעם אײבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל אַייךְ הֶעלְפְן אִיר זָאלְט לֶעבְן אַ לֶעבְן פַאר זִיךְ, עֶס זָאל אַייךְ נִישְׁט אָנְגֵיין וָואס אַ צְוֶוייטֶער זָאגְט. עֶס זֶענֶען נֶעבֶּעךְ דָא מֶענְטְשְׁן וָואס לֶעבְן פַאר אַ צְוֶוייטְן אוּן פוּן דֶעם וֶוערְן זֵיי קְרַאנְק. וַוייל זֵיי טְרַאכְטְן כְּסֵדֶר: 'אֶפְשָׁר בִּין אִיךְ נִישְׁט דַאר וְכוּ'?' זֵייעֶר אַסַאךְ אִידִישֶׁע מֵיידְלֶעךְ אוּן וַוייבְּלֶעךְ לַיידְן פוּן דִי מַחֲלָה פוּן זַיין אוֹיסְגֶעדַארְט; מֶען פַּיינִיגְט זִיךְ וַוייל מֶען דְמִיוֹנְ'ט אַז מֶען אִיז נִישְׁט דַאר. מֶען טוּט פְּעוּלוֹת אוֹיסְצוּבְּרֶעכְן דָאס עֶסְן וָואס מֶען עֶסְט, בִּיז מֶען קוּמְט חַס וְשָׁלוֹם אָן צוּ אַ מַצָּב פוּן סַכָּנַת נְפָשׁוֹת.

**דֶער** רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת מָמוֹן, סִימָן עא): "הַחֲלָאַת שֶׁל כְּחִישַׁת הַבָּשָׂר, הַנִּקְרָא דַאר, הַבָּא עַל אֶחָד מִבְּנֵי-הַבַּיִת, הוּא סִימָן לְדַלּוּת"; דִי מַחֲלָה פוּן זַיין דַאר וַוייזְט אוֹיף אָרֶעמְקַייט; וֶוער אִיז אַן אָרֶעמַאן? אֵיינֶער וָואס לֶעבְּט נִישְׁט

מִיט אֱמוּנָה, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (נְדָרִים מא:): "אֵין עָנִי אֶלָּא מִן הַדַּעַת"; וָוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט אֱמוּנָה, עֶר לֶעבְּט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר וֵוייסְט אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיף דִי וֶועלְט נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט עֶר זִיךְ נִישְׁט מַאכְן נַארִישׁ וִוי אַזוֹי עֶר זֶעט אוֹיס.

דַאנְקְטְס אוּן לוֹיבְּטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיר גֵייט שׁוֹין חֲתוּנָה הָאבְּן, אוּן בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר גֶעזוּנְטֶע עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער. בֶּעטְס אִים אַז דִי שְׁכִינָה זָאל אֵייבִּיג רוּעֶן בַּיי אַייךְ אִין שְׁטוּב.

## רלז

**וָואס קֶען אִיךְ טוּן אַז אִיךְ בִּין מְיוּאָשׁ פוּן מַיין לֶעבְּן?**

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין מְיוּאָשׁ פוּן מַיין לֶעבְּן. אִיךְ גֵיי שׁוֹין צוּ טֶערָעפִּי, עֶס הֶעלְפְט מִיר בָּרוּךְ ה', אָבֶּער אִינֶעוֵוייניג בִּין אִיךְ נָאךְ צוּמִישְׁט, מְמֵילָא בְּלַייבּ אִיךְ שְׁלָאפְן בִּיז בְּעֶרֶךְ פִיר אַזֵייגֶער נָאכְמִיטָאג, אוּן אִיךְ פִיל נִישְׁט אַז אִיךְ קֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וָואס טוּ אִיךְ? אֶפְשָׁר קֶענְט אִיר מִיר אַרוֹיסְהֶעלְפְן?

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ"א שְׁבַט, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.**

**אַלֶע** דַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר אִיז וַוייל דוּ בִּיסְט נִישְׁט פְּרֵייליךְ; וֶוען דוּ וָואלְסְט וֶוען גֶעוֶוען פְּרֵייליךְ וָואלְט דִיר גָארְנִישְׁט גֶעפֶּעלְט.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶערֶעדְט פוּן מִידַת הַשִּׂמְחָה. וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵייליךְ בַּאקוּמְט עֶר יִשּׁוּב הַדַעַת, אוּן וִוי מֶער מֶען אִיז פְרֵייליךְ אִיז מֶען מֶער מַצְלִיחַ אִין לֶעבְּן, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת שִׂמְחָה, חֵלֶק ב', סִימָן א): "מִי שֶׁהוּא שָׂמֵחַ תָּמִיד, עַל יְדֵי זֶה הוּא מַצְלִיחַ", דֶער וָואס אִיז שְׁטֶענְדִיג פְרֵייליךְ אִיז שְׁטֶענְדִיג מַצְלִיחַ.

**דִי** נַאטוּר פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז צוּ זַיין טְרוֹיעֶרִיג, וַוייל אוֹיף יֶעדְן גֵייט אַרִיבֶּער שְׁוֶועריקֵייטְן אִין לֶעבְּן וָואס דָאס שְׁלֶעפְּט אַרָאפּ דֶעם מֶענְטְשׁ אִין דַאֲגוֹת אוּן אִין מָרָה שְׁחוֹרָה, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן כד): "כִּי טֶבַע הָאָדָם לִמְשֹׁךְ עַצְמוֹ לְמָרָה שְׁחֹרָה וְעַצְבוּת מֵחֲמַת פִּגְעֵי וּמִקְרֵי הַזְּמַן, וְכָל אָדָם מָלֵא יִסּוּרִים", יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט זִיךְ זַיינֶע שְׁוֶועריקֵייטְן אִין לֶעבְּן וָואס מַאכְט אִים דֶערְבִּיטֶערְט אוּן צוּגֶעלֵייגְט, "עַל כֵּן צָרִיךְ לְהַכְרִיחַ אֶת עַצְמוֹ בְּכֹחַ גָּדוֹל לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד, וּלְשַׂמֵּחַ אֶת עַצְמוֹ בְּכָל אֲשֶׁר יוּכַל וַאֲפִילּוּ בְּמִילֵּי דִשְׁטוּתָא", דֶערְפַאר דַארְף אַ מֶענְטְשׁ פְּרוּבִּירְן מִיט

אַלֶע זַיינֶע כּוֹחוֹת צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ; מֶען דַארְף זִיךְ פְרֵיילִיךְ מַאכְן מִיט וָואס מֶען קֶען - אֲפִילוּ מִיט נַארִישְׁקֵייטְן.

מֶען קֶען נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ שִׂמְחָה נָאר דוּרְךְ תְּפִילָה; מֶען דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג אַז מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ וֶועט עֶר צוּקוּמֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגוֹת וָואס אִיז דָא אוֹיף דִי וֶועלְט.

שִׂמְחָה פַארְבְּרֶענְט אַלֶע קְלִיפּוֹת אוּן מוֹהֲרַ"א"ש זָאגְט אַז דָאס אִיז דֶער סִימָן וִוי אַזוֹי אַ מֶענְטְשׁ קֶען זִיךְ מֶעסְטְן צִי עֶר אִיז בַּיי דִי קְדוּשָׁה צִי חַס וְשָׁלוֹם בַּיי דִי טוּמְאָה, עֶר זָאל קוּקְן אוֹיבּ עֶר אִיז פְרֵיילִיךְ. וַוייל שִׂמְחָה פַארְבְּרֶענְט אַלֶע קְלִיפּוֹת, וָואס זֵייעֶר גַאנְצֶע זַאךְ אִיז עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (יְשַׁעְיָה סה, כה): "וְנָחָשׁ עָפָר לַחְמוֹ", עָפָר דָאס אִיז עַצְבוּת וְעַצְלוּת וָואס דָאס קוּמְט פוּנֶעם יְסוֹד הֶעָפָר (עַיֵּן לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קפט).

דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ בֶּעטְן יֶעדְן טָאג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ זָאלְסְט אַרוֹיס קְרִיכְן פוּן דַיין עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה אוּן דוּ זָאלְסְט שְׁטֶענְדִיג זַיין פְרֵיילִיךְ, וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶעם גוּטְס.

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר דָא אַ תְּפִילָה וָואס דוּ זָאלְסְט זָאגְן יֶעדְן טָאג:

"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ, אִיךְ זָאל זִיךְ פְרֵייעֶן אַז אִיךְ בִּין אַ אִיד, אִיךְ זָאל זִיךְ פְרֵייעֶן אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט קַיין גוֹי. הֶעלְף

מִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז אִיךְ זָאל אַרוֹיס גֵיין פוּן מַיין דֶעפְּרֶעשָׁאן, נֶעם אַוֶועק פוּן מִיר מַיין עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין אַזוֹי פְרֵיילִיךְ אַז אִיךְ זָאל פְרֵיילִיךְ מַאכְן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן אוּן יֶעדֶער אֵיינֶער אַרוּם מִיר זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען אַז דוּ פִירְסְט דִי וֶועלְט מִיט אַן הַשְׁגָחָה פְּרָטִיּוּת. אִיךְ זָאל הָאבְּן אַ קְלָארֶע לוֹיטֶערֶע אֱמוּנָה, אִיךְ זָאל נִישְׁט פַארְגֶעסְן פוּן דִיר קַיין אֵיין רֶגַע. אִיךְ זָאל נִישְׁט קֵיינֶעם חַנְפֶ׳ענֶען אוּן נִישְׁט פוּן קֵיינֶעם מוֹרָא הָאבְּן. בִּזְכוּת אַלֶע צַדִיקִים וָואס הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַאר דִיר, אָמֵן״.

# רלח

**וִויפִיל מֶעג מֶען טְרִינְקֶען אוּם פּוּרִים?**

## שְׁאֵלָה

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א,

קוֹדֶם כֹּל אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים וָואס גֶעבְּן מִיר מַמָשׁ לֶעבְּן, וּבִפְרָט פַאר דִי שִׁיעוּר וָואס אִיר הָאט גֶעגֶעבְּן אִין צְפַת, דָאס הָאט מִיר מַמָשׁ מְחַיֶ׳ גֶעוֶוען, אַ גְרוֹיסְן דַאנְק.

אַזוֹי וִוי אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַז דֶער רֶבִּי לָאזְט נִישְׁט טְרִינְקֶען מַשְׁקֶה הַמְשַׁכֵּר, הָאבּ אִיךְ זִיךְ אָפְּגֶעווֹאוֹינְט פוּן טְרִינְקֶען אַלְקָאהָאל. יֶעצְט וֶוען עֶס קוּמְט דֶער יוֹם טוֹב פּוּרִים, ווִיל אִיךְ וִויסְן וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט וֶועגְן טְרִינְקֶען ווַיין אוּם פּוּרִים.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ"ב שְׁבַט, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**וְוַאוִויל** אִיז דִיר אַז דוּ הָאסְט זִיךְ אָפְּגֶעוואוינְט פוּן טְרִינְקֶען וַויין אַ גַאנְץ יָאר; דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז זֵייעֶר גֶעוָוארְנְט אַז מִיר זָאלְן נִישְׁט טְרִינְקֶען קַיין וַויין. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן כו): "עַל־יְדֵי שִׁכְרוּת שׁוֹכְחִין כָּל הַמִּצְווֹת", אַז מֶען טְרִינְקְט אוּן מֶען שִׁיכּוֹר'ט זִיךְ אָן, פַארְגֶעסְט מֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**זִיכְן** זָאלְסְטוּ אַז פוּן וַויין קוּמְט נִישְׁט אַרוֹיס קַיין גוּטְס אוּן עֶס נִישְׁט דָא נָאךְ אַ זַאךְ וָואס בְּרֶענְגְט וֵויינֶען אוֹיף דִי וֶועלְט ווִי וַויין; 'וַויין' אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן 'וֵויינֶען' וַוייל עֶס מַאכְט וֵויינֶען, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יוֹמָא עו:): "יַיִן מֵבִיא יְלָלָה"; נָאךְ זָאגְן חַזַ"ל (בַּמִּדְבָּר רַבָּה י, ו): "יַיִן גּוֹרֵם לִזְנוּת", וַויין בְּרֶענְגְט צוּ טוּן עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן; נָאךְ זָאגְן חַזַ"ל (תַּנְחוּמָא, שְׁמִינִי): "יַיִן מֵבִיא אֶת הָאָדָם לִידֵי חֵטְא - צוּ עֲבֵירוֹת, לְצָרָה גְדוֹלָה - צוּ גְרוֹיסֶע צָרוֹת, וּלְחִסָּרוֹן כִּיס - אוּן עֶס מַאכְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל וֶוערְן אָרֶעם".

**מֶען** זֶעט אַז דִי אַלֶע וָואס וֶוערְן אַרַיין גֶעשְׁלֶעפְּט אִין טְרִינְקֶען הָאבְּן נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה. וַוייל זֵיי שְׁטֵייעֶן נִישְׁט אוֹיף צֵייטְלִיךְ, זֵיי שִׁיכּוֹר'ן בַּיינַאכְט אוּן גֵייעֶן שְׁלָאפְן טוֹיזְנְט אַזֵייגֶער. נָאכְדֶעם וֶוען זֵיי שְׁטֵייעֶן אוֹיף שְׁפֶּעט אוּן זֵיי זֶעעֶן ווִי דֶער

טָאג אִיז שׁוֹין אַרִיבֶּער וֶוערְן זֵיי צֶעבְּרָאכְן, דַאן הֵייבְּן זֵיי אָן נָאכְאַמָאל צוּ טְרִינְקֶען.

**שְׁלֹמֹה** הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי כג, כט): "לְמִי אוֹי, לְמִי אֲבוֹי", אוֹיף וֶועם אִיז אַ רַחְמָנוּת, אוֹיף וֶועם דַארְף מֶען שְׁרַייעֶן אוֹי וַויי? "לְמִי מִדְיָנִים", וֶוער קְרִיגְט זִיךְ מִיט מֶענְטְשְׁן? "לְמִי שִׂיחַ" וֶוער רֶעדְט אַסַאךְ נַארִישְׁקֵייטְן? "לְמִי פְּצָעִים חִנָּם", וֶוער כַאפְּט קְלֶעפּ? "לְמִי חַכְלִלוּת עֵינָיִם", וֶוער הָאט רוֹיטֶע אוֹיגְן? דָאס אַלֶעס פְרֶעגְט שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ אוּן עֶר עֶנְטְפֶערְט: "לַמְאַחֲרִים עַל הַיָּיִן", דִי אַלֶע וָואס טְרִינְקֶען וַויין.

**וזאויל** אִיז דִיר אַז דוּ נֶעמְסְט דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת אוֹיף לְעוּבְדָא וּלְמַעֲשֶׂה אוּן דוּ פָאלְגְסְט דֶעם רֶבִּי'ן; לֵיידֶער זֶעט מֶען אַסַאךְ אִינְגֶעלֵייט טְרִינְקֶען זִיךְ אָן שַׁבָּת, זֵיי גֵייעֶן פוּן אֵיין שׁוּל צוּם צְווייטְן זוּכְן וואוּ עֶס אִיז דָא פוּנֶעם בִּיטֶערְן טְרָאפּ. מֶען גֵייט צוּ חֲבֵרִים אוּן מֶען טְרִינְקְט זִיךְ אָן, נָאכְדֶעם קוּמְט מֶען צוּ נִיבּוּל פֶּה אוּן צוּ בִּיטֶערֶע עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן. אַנְשְׁטָאט דֶער אִינְגֶערְמַאן זָאל אַהֵיים גֵיין צוּ זַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט זֵיי - דִי אֵיין מָאל אַ וָואךְ וָואס עֶר הָאט אַבִּיסְל צַייט צוּ זַיין אִין שְׁטוּב, אַנְשְׁטָאט דֶעם גֵייט אַוֶועק דֶער שַׁבָּת מִיט טְרִינְקֶען.

**בְּנוֹגֵעַ** טְרִינְקֶען פּוּרִים; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מְגִלָּה ז:): "חַיָּיב אִינִישׁ לִבְסוּמֵי בְּפוּרַיָּא, עַד דְלֹא יָדַע בֵּין אָרוּר הָמָן לְבָרוּךְ מָרְדְכַי", אוּן אַזוֹי וֶוערְט גֶע'פַּסְקְ'נְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ אַז מֶען זָאל טְרִינְקֶען פּוּרִים (אֹרַח חַיִּים סִימָן תרצה,

סְעִיף ב). מוֹהֲרָא"ש פְלֶעגְט אוּנְז שְׁטֶענְדִיג מַזְהִיר זַיין אַז מֶען זָאל טְרִינְקֶען מִיט אַ מָאס; נִישְׁט זִיךְ אָנְטְרִינְקֶען אַזוֹי שְׁטַארְק אַז מֶען זָאל וֶוערְן שִׁיכּוֹר ווִי לוֹט אוּן פַארְפַּאסְן דַאוֶוענֶען מִנְחָה, מַעֲרִיב אוּן בִּרְכַּת הַמָּזוֹן וְכוּ', וְכוּ'.

**פּוּרִים** בַּיינַאכְט אִיז נִישְׁט קַיין מִצְוָה צוּ טְרִינְקֶען אוּן אוֹיךְ נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל'דִיגֶע זַאךְ; מֶען זֶעט בָּחוּרִים טְרִינְקֶען זִיךְ אָן דִי עֶרְשְׁטֶע נַאכְט אוּן וֶוערְן אַזוֹי שִׁיכּוֹר אַז זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין פּוּרִים נָאכְדֶעם. פּוּרִים בַּייטָאג דֶעמָאלְט אִיז דִי צַייט צוּ טְרִינְקֶען אַפָּאר כּוֹסוֹת וַויין, מֶען טַאנְצְט, מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ אוּן מֶען מַאכְט אַ צְוֵוייטְן פְרֵיילִיךְ.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# רלט

**וֶוען שַׁבָּת קוּמְט אִיז עֶס אַ גַן עֶדֶן אָדֶער אַ גֵיהִנוֹם?**

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין גֶעפָארְן מִיט אַ הִיטְשׁ אִין אַ קַאר אוּן עֶס הָאט דָארְט גֶעאַרְבֶּעט אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע סִידִי פוּן אֱמוּנָה אוּן חִיזּוּק, וָואס דָאס אִיז דֶרֶךְ אַגַב גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע יְשׁוּעָה וַוייל עֶס אִיז מִיר אַרִיבֶּער זֵייעֶר שְׁוֶוערֶע טֶעג. אִיךְ הָאב גֶעפְרֶעגְט דָארְט פוּן וֶועמֶען דִי סִידִי אִיז זָאגְט מֶען מִיר אַז דָאס אִיז פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה, אִיךְ הָאב אִים גֶעפְרֶעגְט וואוּ מֶען קֶען

עֶס בַּאקוּמֶען, הָאט עֶר מִיר גֶעגֶעבְּן אַ קַארְטְל פוּן דִי אַלֶע נוּמֶערְן וואו מֶען קֶען הֶערְן שֵׁיינֶע שִׁיעוּרִים אוּן אוֹיךְ דִי נִיגוּנִים, אִיךְ הָאבּ זִיךְ מְחַיֶ' גֶעוֶוען מִיט דִי אוֹצָר פוּן שִׁיעוּרִים אוּן אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעזֶען יְשׁוּעוֹת פוּן דִי אֱמוּנָה וָואס אִיךְ הָאבּ אִין מִיר אַרַיינְגֶענוּמֶען.

הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אַ שְׁאֵלָה: עֶס הַאלְט מִיר אִין אֵיין שְׁפִּילְן אִין קָאפּ דִי תְּנוּעָה פוּן דֶעם נִיגוּן: "וֶוען שַׁבָּת קוּמְט - אַ גַן עֵדֶן אִיז אִין שְׁטוּבּ". אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס דָאס מֵיינְט, וַוייל בַּיי מִיר אִיז דִי שְׁטוּבּ אַ גֵהִינוֹם וֶוען שַׁבָּת קוּמְט. בַּיים שַׁבָּת טִישׁ שְׁלָאגְן זִיךְ דִי קִינְדֶער אַרוּם אוּן אִיךְ גֵיי אַרוֹיס פוּן דִי כֵּלִים. אוֹיסֶער דֶעם הָאט עֶס נִישְׁט קַיין פָּנִים פוּן אַ סְעוּדָה, אִיךְ זִינְג זְמִירוֹת אָבֶער קֵיינֶער זִינְגְט נִישְׁט מִיט, אִיךְ זָאג תּוֹרוֹת אוּן עֶס טוּט זִיךְ אַן אִיבֶּערְקֶערֶענִישׁ. הַלְוַאי זָאלְט אִיר מִיר קֶענֶען אוֹיסְלֶערְנֶען וִוי אַזוֹי צוּ פִירְן אַ שַׁבָּת טִישׁ.

אַ יְיַשֵׁר כֹּחַ נָאכְאַמָאל, דִי שִׁיעוּרִים אוּן דִי נִיגוּנִים הָאבְּן אִין מִיר אַרַיינְגֶעבְּלָאזְן אַ נֵייעֶ נְשָׁמָה.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ"ב שְׁבַט, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

## קִינְדֶער דַארְפְן נִישְׁט קַיין תּוֹרוֹת אוּן קִינְדֶער פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט קַיין תּוֹרוֹת, קִינְדֶער הָאבְּן לִיבּ צוּ הֶערְן שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיוֹת. דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ זִיךְ אָנְגְרֵייטְן שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיוֹת צוּ דֶערְצֵיילְן, וֶועסְטוּ זֶען וִוי אַלֶע וֶועלְן דִיר אוֹיסְהֶערְן.

**דֶער** רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידּוֹת, אוֹת בָּנִים, חֵלֶק ב׳, סִימָן ב): ״סְגֻלָּה לְבָנִים לְהַקְטִין עַצְמוֹ״, אַ סְגוּלָה פַאר קִינְדֶער אִיז זִיךְ צוּ הַאלְטְן קְלֵיין; מוֹהֲרָא״שׁ אִיז דָאס מַסְבִּיר, אַז וֶוען מֶען הַאלְט זִיךְ קְלֵיין אוּן מֶען לָאזְט זִיךְ אַרָאפּ צוּ דִי קִינְדֶער; מֶען שְׁפִּילְט מִיט זֵיי, מֶען דֶערְצֵיילְט זֵיי מַעֲשִׂיּוֹת, מֶען אִינְטֶערֶעסִירְט זִיךְ וָואס זֵיי טוּעֶן, דֶעמָאלְט אִיז מֶען זֵייעֶר מַצְלִיחַ מִיט זֵיי.

**וֶוען** אַ מְלַמֵּד וִויל אַרַיין לֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן מוּסָר, אִיז דָא צְוֵויי וֶועגְן; אָדֶער נֶעמֶען אַ מוּסָר סֵפֶר אוּן פָארְלֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ פֶּרֶק וְכוּ׳, וָואס דֶעמָאלְט וֶועלְן בְּלוֹיז אַפָּאר קִינְדֶער אוֹיסְהֶערְן, ווַייל נִישְׁט אַלֶע קִינְדֶער זֶענֶען אִינְטֶערֶעסִירְט וְכוּ׳, אָדֶער אִיז דָא אַ קְלוּגֶער מְלַמֵּד וָואס הֵייבְּט אָן אַזוֹי: ״קִינְדֶער, הַיינְט זֶע אִיךְ אַז אִיר זֶענְט זֵייעֶר וואוֹיל וֶועל אִיךְ עֶנְק דֶערְצֵיילְן זֵייעֶר אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע מַעֲשֶׂה״. אוּן וֶוען עֶר דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה הַאלְט עֶר חֶשְׁבּוֹן אַרַיין צוּ פְלֶעכְטְן מוּסָר אִין דִי מַעֲשֶׂה וְכוּ׳, וָואס דֶעמָאלְט הַאלְטְן אַלֶע קִינְדֶער מִיט. ווַייל יֶעדֶע קִינְד וִויל הֶערְן אַ מַעֲשֶׂה אוּן נִישְׁט נָאר אַ קִינְד, נָאר אֲפִילוּ דֶערְוָואקְסֶענֶע מֶענְטְשְׁן - יֶעדֶער הֶערְט אוֹיס אַ מַעֲשֶׂה; דֶערְפַאר, אַז דוּ ווִילְסְט אַז דַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן זִיצְן בַּיים שַׁבָּת טִישׁ זָאלְסְטוּ זִיךְ אָנְגְרֵייטְן מַעֲשִׂיּוֹת, וֶועלְן דַיינֶע קִינְדֶער דִיר אוֹיסְהֶערְן.

**אַז** מֶען הָאט שׁוֹין עֶלְטֶערֶע קִינְדֶער קֶען מֶען אֲפִילוּ דֶערְצֵיילְן נַייעֶס אוּן אַרַיין פְלֶעכְטְן אִין דֶעם אֱמוּנָה מִיט מִידּוֹת טוֹבוֹת; דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן נב): ״מִכָּל הַדְּבָרִים צוֹעֵק

כְּבוֹד הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ, כִּי מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ, וַאֲפִילוּ מִסִּפּוּרֵי הַגּוֹיִים צוֹעֵק גַּם כֵּן כְּבוֹד הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ", פוּן יֶעדֶע זַאךְ שְׁרַייט אַרוֹיס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אֲפִילוּ פוּן דִי נַייעֶס פוּן דִי אוּמוֹת הָעוֹלָם הֶערְט מֶען אוֹיךְ אַרוֹיס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**חִינוּךְ** אִיז נִישְׁט אַ גְרִינְגֶע זַאךְ, חִינוּךְ אִיז פוּן דִי שְׁוֶוערְסְטֶע אַרְבֶּעט וָואס אַ אִיד הָאט, אָבֶּער בַּיים סוֹף שְׁנַיידְט מֶען שֵׁיינֶע פֵּירוֹת. עֶס אִיז דָא צְוַויי וֶועגְן אִין לֶעבְן, אֵיין וֶועג אִיז קְצָרָה וַאֲרוּכָּה - מֶען מַאכְט זִיךְ גְרִינְג אָנְהֵייבּ לֶעבְן, מֶען לֵייגְט נִישְׁט אַרַיין כּוֹחוֹת אִין חִינוּךְ, מֶען גֶעבְּט זִיךְ נִישְׁט אָפּ מִיט דִי קִינְדֶער, נָאר מֶען זוּכְט וִוי מֶען קֶען פָּטוּר וֶוערְן פוּן פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט זֵיי. עֶס אִיז טַאקֶע קְצָרָה, אָבֶּער שְׁפֶּעטֶער אִיז עֶס אֲרוּכָּה, ווַייל מֶען וֶועט חֲרָטָה הָאבְן. נָאכְדֶעם אִיז דָא אַ דֶרֶךְ אֲרוּכָּה וּקְצָרָה - מֶען אַרְבֶּעט שְׁוֶוער מִיט זֵיי, מֶען עֶנְטְפֶערְט זֵיי זֵייעֶרֶע קַשְׁיוֹת, מֶען הָאט גֶעדוּלְד צוּ זֵייעֶרֶע מַעֲשִׂיּוֹת וְכוּ', דֶעמָאלְט וֶועט שְׁפֶּעטֶער זַיין קְצָרָה.

**בֶּעט** דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז בַּיי דִיר זָאל אוֹיךְ זַיין וִוי דֶער נִיגוּן גֵייט: "וֶוען שַׁבָּת קוּמְט - אַ גַן עֵדֶן אִיז אִין שְׁטוּבּ".

# רמ

**פַארְוָואס בַּאקוּם אִיךְ נִישְׁט קַיין עֶנְטְפֶער אוֹיף מַיינֶע שְׁאֵלוֹת?**

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה גֶעבְּט אוּנְז. אַלֶע חִיזּוּק, שִׁיעוּרִים, נִיגוּנִים, טַאנְץ מִיט אֱמוּנָה, אוּן פִיל נָאךְ.

אִיךְ הָאבּ אַייךְ גֶעשְׁרִיבְּן עֶטְלִיכֶע שְׁאֵלוֹת אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט בַּאקוּמֶען קַיין עֶנְטְפֶער, אִיךְ וֶועל זִיךְ פְרֵייעֶן אוֹיבּ אִיךְ קֶען וויסְן פַארְוָואס אִיךְ בַּאקוּם נִישְׁט קַיין עֶנְטְפֶערְס.

נָאכְאַמָאל אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ"ג שְׁבַט, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**זַיי מִיר מוֹחֵל אַז אִיךְ הָאבּ דִיר נִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט אוֹיף אַלֶע דַיינֶע בְּרִיוו, אִיךְ קוּם נִישְׁט אָן צוּ עֶנְטְפֶערְן יֶעדֶע בְּרִיוו וָואס אִיךְ בַּאקוּם; אִיךְ הָאבּ פָּשׁוּט נִישְׁט קַיין צַייט צוּ עֶנְטְפֶערְן וְכוּ' אוּן דָאס בִּיסְל וָואס אִיךְ עֶנְטְפֶער אִיז אַ קְלֵיינֶע פְּרָאצֶענְט פוּן דִי בְּרִיוו וָואס מֶען שִׁיקְט וְכוּ'.**

**דֶערְפַאר**, זַיי נִישְׁט בְּרוֹגֶז אַז אִיךְ הָאבּ דִיר נִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט; אוֹיבּ עֶס אִיז אַ ווִיכְטִיגֶע שְׁאֵלָה עֶנְטְפֶער אִיךְ

בְּדֶרֶךְ כְּלַל. אֶפְשָׁר אִיז כְּדַאי דוּ זָאלְסְט עֶס אִיבֶּער שִׁיקְן נָאכְאַמָאל וֶועל אִיךְ דִיר צוּרִיק שְׁרַייבְּן.

אַלֶע תְּשׁוּבוֹת וָואס אִיךְ שְׁרַייבּ וְכוּ' אִיז נִישְׁט נָאר פַאר דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס הָאט גֶעפְרֶעגְט דִי שְׁאֵלָה, נָאר דָאס אִיז פַאר דִיר פֶּערְזֶענְלִיךְ גֶעשְׁרִיבְּן; דִי בְּרִיוו פוּן "עֲצָתוֹ אֱמוּנָה" אִיז גֶעשְׁרִיבְּן גֶעוָוארְן פַאר אַלֶע מַיינֶע תַּלְמִידִים. דֶערְפַאר, וֶוען דוּ לֶערְנְסְט דִי בְּרִיוו טְרַאכְט ווִי אִיךְ הָאבּ עֶס דִיר פֶּערְזֶענְלִיךְ גֶעשְׁרִיבְּן אוּן זוּךְ אַרוֹיס צוּ נֶעמֶען עֵצוֹת אוּן חִיזוּק פַאר דַיין פְּרִיוַואטֶע לֶעבְּן.

אִיךְ הָאףּ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אֵיינֶער פוּן דִי תַּלְמִידִים וֶועלְן צוּזַאמְנֶעמֶען אַלֶע מִכְתָּבִים אוּן דָאס שֵׁיין אָפְּדְרוּקְן אַז מֶען זָאל דָאס קֶענֶען לֶערְנֶען אוּן חַזֶר'ן אוּן לֶעבְּן מִיט דִי עֵצוֹת וָואס מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ בַּאקוּמֶען פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף דֶעם וֶועג ווִי אַזוֹי מוֹהֲרַ"ש הָאט דָאס אִין אוּנְז אַרַיין גֶעלֵייגְט.

## רמא

### מֶעג זִיךְ אַ מֵיידְל פַארְשְׁטֶעלְן אוּם פּוּרִים?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הֶער אוֹיס אַייעֶרֶע שִׁיעוּרִים אוּן חִיזוּק יוֹמִי, אוּן דָאס אִיז מִיר זֵייעֶר מְחַזֵק אִין אֱמוּנָה אוּן צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

איךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיבּ עֶס אִיז צְנִיעוּת'דִיג פַאר אַ גְרוֹיסֶע מֵיידְל - פוּן זִיבֶּעצְן יָאר - זִיךְ צוּ פַארְשְׁטֶעלְן אוּם פּוּרִים, אוּן אוֹיבּ נִישְׁט אוֹיבּ מֶען מֶעג זִיךְ כָאטְשׁ מַאכְן אַבִּיסְל אִינְטֶערֶעסַאנְט דִי הָאר לְכָבוֹד פּוּרִים.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים-שְׁקָלִים, מְבָרְכִים אֲדָר, כ"ד שְׁבַט, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ'

**איךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.**

**וַויסְן זָאלְט אִיר אַז צְנִיעוּת אִיז דִי שֶׁענְסְטֶע זַאךְ בַּיי אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים מה, יד): "כָּל כְּבוּדָּה בַת מֶלֶךְ - פְּנִימָה", דָאס אִיז דִי שְׁטָאלְץ פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, צוּ גֵיין אָנְגֶעטוּן אֵיידְל אוּן זִיךְ אוֹיפִירְן אֵיידְל.**

**דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מֶדְרָשׁ זוּטָא רוּת ד, יא): "אֵין הַדּוֹרוֹת נִגְאָלִים אֶלָּא בִּזְכוּת נָשִׁים צִדְקָנִיּוֹת שֶׁבַּדּוֹר, שֶׁנֶּאֱמַר (תְּהִלִּים צח, ג): זָכַר חַסְדּוֹ וֶאֱמוּנָתוֹ לְבֵית יִשְׂרָאֵל, 'לִבְנֵי' יִשְׂרָאֵל לֹא נֶאֱמַר אֶלָּא 'לְבֵית' יִשְׂרָאֵל", בִּזְכוּת דִי צְנִיעוּת פוּן דִי עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע טֶעכְטֶער וֶועלְן מִיר אַרוֹיס גֵיין פוּן דֶעם בִּיטֶערְן גָלוּת.**

**מוֹהֲרַא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה שְׁרַייבְּט זֵייעֶר אַ שְׁרֶעקֶעדִיגֶע זַאךְ אִין אַ בְּרִיוו פַאר דִי פְרוֹיעֶן אִין יַבְנְאֵל (מִכְתָּב מִיּוֹם ג' לְסֵדֶר וָאֵרָא כ"ב טֵבֵת ה'תשע"ה): "וַאֲנִי תּוֹלֶה אֶת מַחֲלַת אִשְׁתִּי**

תִּחְיֶ', מִפְּנֵי שֶׁלֹּא עוֹרַרְתִּי אוֹתָךְ יוֹתֵר וְיוֹתֵר בְּעִנְיָנֵי צְנִיעוּת", אִיךְ טְרַאכְט אַז דָאס וָואס מַיין וַוייבּ (תִּחְיֶ') [עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם] אִיז נִישְׁט גֶעזוּנְט גֶעוָוארְן מִיט דִי בִּיטֶערֶע מַחֲלָה ה' יְרַחֵם, קוּמְט צוּ מִיר וַוייל אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶענוּג גֶערֶעדְט אוּן אוֹיפְגֶעפָּאדֶערְט וֶועגְן צְנִיעוּת; זֶעט מֶען ווִי שְׁטַארְק מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף צְנִיעוּת.

מֶען דַארְף זַייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף צְנִיעוּת אַ גַאנְץ יָאר; בִּפְרַט פּוּרִים דַארְף מֶען נָאךְ מֶער אַכְטוּנְג גֶעבְּן, וַוייל עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס זֵיי זוּכְן אוֹיסְצוּנִיצְן דֶעם טָאג פַאר נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן ה' יְרַחֵם. וֶוען מֶען זֶעט פּוּרִים אַז אַ שִׁיכּוֹר רֶעדְט אוּן לַאכְט מִיט פְרוֹיעֶן דַארְף מֶען ווִיסְן אַז דֶער אִיז גָארְנִישְׁט שִׁיכּוֹר, דֶער אִיז אַ מְנֻוָּל, דֶער אִיז אַ שֵׁגֶץ. אַ גַאנְץ יָאר זוּכְט עֶר ווִי עֶר קֶען רֶעדְן אוּן לַאכְן וְכוּ', אָבֶּער עֶר הַאלְט זִיךְ צוּרִיק וַוייל עֶר וַוייסְט אַז מֶען וֶועט ווִיסְן וֶוער עֶר אִיז, דֶערְפַאר וַוארְט עֶר אוֹיף פּוּרִים, עֶר טְרַאכְט אַז דֶעמָאלְט וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן שִׁיכּוֹר אוּן קֶענֶען רֶעדְן אוּן לַאכְן וְכוּ'. דֶערְפַאר דַארְף מֶען מֶער אַכְטוּנְג גֶעבְּן פּוּרִים אוּן הַאלְטְן אָפְּן דִי אוֹיגְן, וֶוען מֶען זֶעט אַ שִׁיכּוֹר לוֹיפְט אַרַיין צוּ דִי פְרוֹיעֶן אוּן מַאכְט זִיךְ בַּא'טַעֲמְ'ט דַארְף מֶען שְׁטֵיין זֵייעֶר וַוייט פוּן אִים.

בְּנוֹגֵעַ זִיךְ פַּארְשְׁטֶעלְן; קְלֵיינֶע קִינְדֶער פַּארְשְׁטֶעלְן זִיךְ, אָבֶּער גְרוֹיסֶע מֵיידְלֶעךְ פַּארְשְׁטֶעלְן זִיךְ נִישְׁט. אַז מֶען ווִיל דַוְקָא קֶען מֶען מַאכְן דִי הָאר אוֹיף אַן אַנְדֶערֶע וֶועג וְכוּ'.

# רמב

**מֶען טְשֶׁעפֶּעט מִיר, אוּן אִיךְ הָאבּ פְּחָדִים פוּן פֵייעֶר.**

## שְׁאֵלָה:

**לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אִיבֶּער דֶעם וָואס אַסַאךְ מָאל זֶענֶען דָא מֵיידְלֶעךְ אִין מַיין קְלַאס וָואס טְשֶׁעפֶּען מִיר אוּן ווילְן נִישְׁט שְׁפִּילְן מִיט מִיר, ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ מַאכְן אַז יֶעדֶער זָאל וֶועלְן שְׁפִּילְן מִיט מִיר?

אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אִיבֶּער דֶעם וָואס אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ פְּחָדִים פוּן פֵייעֶר, אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר מוֹרָא פוּן פֵייעֶר. מַיין מַאמֶע זָאגְט מִיר אַז אִיךְ זָאל פְּרוּבִּירְן צוּ פַארְגֶעסְן דֶערְפוּן, אָבֶּער עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ פַארְגֶעסְן דֶערְפוּן.

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַארְ'ן נֶעמֶען דִי צַייט מִיר צוּ עֶנְטְפֶערְן.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, כ"ו שְׁבָט, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ'

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.**

**דָאס וָואס אִיר זָאגְט אַז מֵיידְלֶעךְ טְשֶׁעפֶּען אַייךְ; ווַיסְן זָאלְט אִיר אַז דָאס לֶעבְּן אִיז ווִי אַ שְׁפִּיגְל. וֶוען מֶען שְׁמֵייכְלְט, וָואס זֶעט מֶען אִין שְׁפִּיגְל? אַ שְׁמֵייכְל; אַז אִיר וֶועט קֵיינֶעם נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען וֶועט אַייךְ אוֹיךְ קֵיינֶער נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען. אַז אִיר וֶועט זַיין פְרֵיילִיךְ, אִיר וֶועט אַ גַאנְצְן טָאג טַאנְצְן אוּן זִינְגֶען, וֶועט יֶעדֶער אֵיינֶער וֶועלְן זַיין אַייעֶר חַבֶר'טֶע.**

**דָאס** וָואס אִיר שְׁרַייבְּט אַז אִיר הָאט פְּחָדִים פוּן פַייעֶר; זַייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן הָאבְּן דִי סָארְט פְּחָדִים, בִּפְרַט קִינְדֶער הָאבְּן זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל מוֹרָא פוּן פַייעֶר וְכַדוֹמֶה. דֶער יֵצֶר הָרָע וַוארְפְט אָן פְּחָדִים אוֹיף מֶענְטְשְׁן, וַוייל אַזוֹי ווִיל עֶר צֶעבְּרֶעכְן דֶעם מֶענְטְשׁ. מִיר זִינְגֶען פּוּרִים: "אֲרוּרָה זֶרֶשׁ אֵשֶׁת מַפְחִידִי", פַארְשָׁאלְטְן זָאל זַיין זֶרֶשׁ דִי וַוייבּ פוּן הָמָן וָואס עֶר וַוארְפְט פְּחָדִים אוֹיף מֶענְטְשְׁן; דָאס אִיז דִי טְרִיק פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע, עֶר וַוארְפְט אַרַיין דֶעם מֶענְטְשׁ אִין פְּחָדִים בִּיז עֶר מַאכְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל וֶוערְן אַ דִיפְּרֶעסְטֶער מֶענְטְשׁ. אָבֶער אַ מֶענְטְשׁ וָואס לֶעבְּט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים קֶען מֶען נִישְׁט אַרַיין וַוארְפְן אִין פְּחָדִים, וַוייל עֶר וֵוייסְט אַז עֶס קֶען גָארְנִישְׁט פַּאסִירְן קַיין שְׁלֶעכְטְס, נָאר אַלֶעס קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**בֶּעטְם** דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג אַז אִיר זָאלְט נִישְׁט הָאבְּן קַיין פְּחָדִים, וֶועט אִיר זֶען אַז אִיר וֶועט מֶער נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן. דֶער רֶבִּי הָאט אַסַאךְ סְגוּלוֹת אוֹיף פְּחָדִים; זֶעט צוּ לֶערְנֶען אִין סֵפֶר הַמִּידוֹת אוֹת פַּחַד אוּן פְּרוּבִּירְט צוּ פָאלְגְן אַלֶעס וָואס שְׁטֵייט דָארְט. אִיךְ שְׁרַייבּ אַייךְ דָא אַ קְלֵיינֶע תְּפִילָה וָואס אִיר זָאלְט בֶּעטְן יֶעדְן טָאג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן:

"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן קֵיינֶעם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל גְלֵייבְּן אַז דוּ הָאסְט אַלֶעס בַּאשַׁאפְן אוּן דוּ פִירְסְט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט. בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר שְׁרֶעקֶעדִיגֶע מַחְשָׁבוֹת פוּן פַייעֶר, אִיךְ צִיטֶער אַזוֹי שְׁטַארְק פוּן פַייעֶר אַז אִיךְ קֶען נִישְׁט

אַיינְשְׁלָאפְן בַּיינַאכְט פוּן שְׁרֶעק; הֶעלְף מִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז דִי פְּחָדִים זָאלְן אַװֶעק גֵיין פוּן מִיר. יוֹדֵעַ מַחְשָׁבוֹת הוֹשִׁיעָה נָא, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל אֵייבִּיג טַאנְצְן אוּן זִינְגֶען, אִיךְ זָאל זַיין אַזוֹי פְרֵיילִיךְ אַז יֶעדֶער וָואס װֶעט שְׁטֵיין נֶעבְּן מִיר װֶעט אוֹיךְ פְרֵיילִיךְ װֶערְן, הֶעלְף מִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער בִּזְכוּת דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים וָואס הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעװֶוען פַאר דִיר, זְכוּתָם יָגֵן עָלֵינוּ, אָמֵן".

## רמג

**אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קֵיין שָׁלוֹם בַּיִת אוּן אִיךְ דֶערְטְרוּנְק זִיךְ אִין חוֹבוֹת.**

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

שָׁלוֹם וּבְרָכָה, אִיךְ שְׁפִּיר אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעפִירְט מִיט אַ גֶעװַאלְדִיגֶע הַשְׁגָחָה פְּרָטִית אָנְצוּקוּמֶען צוּ אַייךְ נִישְׁט לַאנְג צוּרִיק אוּן צוּ הֶערְן אַייעֶרע הֵיילִיגֶע װֶערְטֶער וָואס הָאט גֶעטוֹישְׁט מַיין לֶעבְּן, זַייט דֶעמָאלְט הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ הֶערְן רֶעגְלְמֶעסִיג דִי שִׁיעוּרִים אוּן חִזּוּק יוֹמִי, אוּן אִיךְ גֶעבּ דָאס אוֹיךְ אִיבֶּער װַייטֶער פַאר אַנְדֶערֶע. אִיךְ פִיל אַז דָאס אִיז מַמָשׁ אַ מַתְּנַת חִנָם פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ בִּין אָנְקוּמֶען צוּ דֶעם אוּן גֶעקֶענְט טוֹישְׁן מַיין לֶעבְּן צוּם גוּטְן.

װֶען אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט מִיט אַייךְ, אִיךְ הָאבּ אַייךְ דֶערְצֵיילְט אִיבֶּער דִי פִילֶע שְׁװֶערִיקֵייטְן וָואס אִיךְ גֵיי אַרִיבֶּער, סַיי אִין שָׁלוֹם בַּיִת, סַיי אִין חוֹבוֹת פוּן חֲתוּנָה מַאכְן דִי קִינְדֶער אוּן נָאךְ פִילֶע שְׁװֶערִיקֵייטְן אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען, הָאט אִיר מִיר גֶעזָאגְט אַז דֶער עִיקָר זָאל אִיךְ מַשְׁקִיעַ זַיין

אִין שָׁלוֹם בַּיִת, דָאס וֶועט מִיר שׁוֹין הֶעלְפְן אִין אַלֶע זַאכְן. לְמַעֲשֶׂה אִיז מִיר דָאס אָבֶער זֵייעֶר שְׁוֶוער, אִיךְ בִּין זֵייעֶר סֶענְסֶעטִיוו צוּ קְרִיטִיק, וֶוען מַיין וַוייבּ הוֹיבְּט מִיר אָן צוּ קְרִיטִיקִירְן אַז אִיךְ טוּ דָאס נִישְׁט גוּט אוּן אַז יֶענְץ הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גוּט מְסַדֵר גֶעוֶוען, טוּט מִיר דָאס זֵייעֶר וֵויי אוּן אִיךְ קֶען דָאס מַמָשׁ נִישְׁט פַארְנֶעמֶען. וָואס קֶען אִיךְ טוּן דֶערְצוּ?

פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט וֶוער אִיךְ דֶערְטְרוּנְקֶען אִין חוֹבוֹת אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין מְסוּדָר'דִיגֶע פַּרְנָסָה, וָואס דָאס נֶעמְט מִיר אוֹיךְ אַוֶועק דֶער טַעַם פוּן לֶעבְּן. אִיךְ וֵוייס מַמָשׁ נִישְׁט וִוי אַזוֹי זִיךְ אַן עֵצָה צוּ גֶעבְּן, אִיךְ בִּין מַמָשׁ מְיוּאָשׁ פוּן מַיין לֶעבְּן. אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט נָאכְזָאגְן פוּן הַגָאוֹן רֶבִּי שְׁלֹמֹה זַלְמָן אוֹיעֶרְבַּאךְ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אַז וֶוען מֶען ווִיל שֶׁעלְטְן דִי מִינִים זָאגְט מֶען דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ: "וְלַמַלְשִׁינִים אַל תְּהִי תִקְוָה", וַוייל דִי גְרֶעסְטֶע קְלָלָה פַאר אַ מֶענְטְשׁ אִיז וֶוען עֶר הָאט נִישְׁט קַיין הָאפֶענוּנְג אִין זַיין לֶעבְּן, אוּן דָאס אִיז וָואס אִיךְ שְׁפִּיר יֶעצְט.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס, סְפֶּעצִיעֶל אַ יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי לִימוּד חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ ה' זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ עֶנְדִיגְן דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל שִׁשָׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל מִיר וַוייטֶער הֶעלְפְן.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, כ"ו שְׁבַט, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הַנָאָה צוּ הֶערְן אַז דוּ בִּיסְט זִיךְ מְחַיֶ' וּמְחַזֵק מִיטְ'ן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער; אַז מֶען פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ גָאר שֵׁיינֶע זַאכְן.**

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רחצ): "שֶׁהַכֹּחַ שֶׁהָיָה לְדָוִד הַמֶּלֶךְ עָלָיו הַשָּׁלוֹם לוֹמַר שְׁמוֹנֶה פְּעָמִים אַבְשָׁלוֹם בְּנִי בְּנִי, וְעַל יְדֵי זֶה הֶעֱלָה אוֹתוֹ מִשִּׁבְעָה מְדוֹרֵי גֵּיהִנּוֹם וְהִכְנִיסוֹ לְגַן עֵדֶן", דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט אַרוֹיס גֶענוּמֶען זַיין זוּן אַבְשָׁלוֹם פוּן גֵיהִנוֹם אוּן אִים אַרַיין גֶעלֵייגְט אִין גַן עֶדֶן. מִיט דֶעם וָואס עֶר הָאט אִים גֶערוּפְן אַכְט מָאל "אַבְשָׁלוֹם בְּנִי", מִיטְ'ן זָאגְן זִיבְן מָאל 'בְּנִי' הָאט עֶר אִים אַרוֹיסְגֶעשְׁלֶעפְּט פוּן גֵיהִנוֹם אוּן בַּיים דֶערְמַאנֶען 'בְּנִי' דִי אַכְטֶע מָאל הָאט עֶר אִים אַרַיין גֶעבְּרֶענְגְט אִין גַן עֶדֶן. "זֶה הַכֹּחַ יֵשׁ לוֹ גַּם כֵּן, שֶׁהוּא יָכוֹל זֹאת גַּם כֵּן, לְהַעֲלוֹת בְּדִבּוּרוֹ בְּעָלְמָא אֶת הָאָדָם מִכָּל הַשִּׁבְעָה מְדוֹרֵי גֵּיהִנּוֹם וּלְהַכְנִיסוֹ לְגַן עֵדֶן", הָאט דֶער רַבִּי גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ דֶעם זֶעלְבְּן כֹּחַ וָואס דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט גֶעהַאט, אִיךְ קֶען רֶעדְן מִיט אַ מֶענְטְשׁ אוּן אִים אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן דֶעם טִיפְסְטְן גֵיהִנוֹם אוּן אִים אַרַיין לֵייגְן אִין גַן עֶדֶן".

וֶוען דוּ הָאסְט מִיר דֶערְצֵיילְט דַיינֶע שְׁוֶועריקֵייטְן אִין לֶעבְן וָואס דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער וֶועגְן דַיין גֶעזוּנְט, דַיין פַּרְנָסָה, דַיינֶע חוֹבוֹת אוּן דַיין שְׁלוֹם בַּיִת, הָאבּ אִיךְ דִיר גֶעזָאגְט אַז אוֹיבּ דוּ וֶועסְט אַרְבֶּעטְן אוֹיף דַיין שְׁלוֹם בַּיִת וֶועט אַלֶעס וֶוערְן מְסוּדָר. וַוייל אַז מֶען קְרִיגְט זִיךְ אִין שְׁטוּבּ הָאט מֶען נִישְׁט קַיין מֹחַ אוּן אַז מֶען הָאט נִישְׁט קַיין מֹחַ, מֶען הָאט נִישְׁט קַיין יִשּׁוּב הַדַּעַת, פַּאלְט מֶען אַרַיין אִין נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ז:): "קָשָׁה תַּרְבּוּת רָעָה בְּתוֹךְ בֵּיתוֹ שֶׁל אָדָם, יוֹתֵר מִמִּלְחֶמֶת גּוֹג וּמָגוֹג", עֶס אִיז עֶרְגֶער אַ קְרִיג אִין שְׁטוּבּ, מֶער וִוי מִלְחֶמֶת גּוֹג

וּמָגוֹג; מוֹהֲרָא"ש אִיז דָאס מַסְבִּיר, אַז אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ ווִינְקֶעלֶע וואוּ עֶר קֶען זִיךְ בַּאהַאלְטְן אוּן זַיין רוּאִיג, קֶען זִיךְ דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיבֶּערְדְרֵייעֶן אָבֶּער אִים וֶועט דָאס נִישְׁט שְׁטֶערְן, וַוייל עֶר הָאט זִיךְ וואוּ צוּ בַּאהַאלְטְן, אָבֶּער אַז מֶען קְרִיגְט זִיךְ אִין שְׁטוּבּ הָאט דֶער מֶענְטְשׁ נִישְׁט קַיין פְּלַאץ וואוּ עֶר קֶען זִיךְ בַּאהַאלְטְן.

**דִי** פְּרֶעגְסְט וֶועגְן שָׁלוֹם בַּיִת; דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז זֵייעֶר מַזְהִיר גֶעוֶוען מִיר זָאלְן אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי כָּבוֹד פוּן דִי וַוייבּ (עַיֵין שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רסד). נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (שָׁם, סִימָן רסג) אַז דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם מַאכְט עֶס זָאל זַיין קְרִיגֶערֵייעֶן צְווִישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ, וַוייל עֶר וִויל זֵיי אַריינְבַאפְּן אִין זַיין נֶעץ אוּן זֵיי אָרָאפּ וַוארְפְּן אִין עֲבֵירוֹת ה' יִשְׁמְרֵינוּ, אָבֶּער וֶוען מַאן אוּן וַוייבּ לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם, דֶעמָאלְט הָאט עֶר נִישְׁט קַיין שׁוּם שְׁלִיטָה אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ.

**בַּיי** דִי וֶועלְט אִיז אָנְגֶענוּמֶען אַז וִוי מֶער אַ מֶענְטְשׁ אִיז אָפְּגֶעשֵׁיידְט וְכוּ', וִוי מֶער אַ מֶענְטְשׁ לוֹיפְט אַוֶועק פוּן שְׁטוּבּ, עֶר רֶעדְט נִישְׁט קַיין סַאךְ מִיט זַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער - דֶער אִיז אַ הֶעכֶערֶער סָארְט מֶענְטְשׁ. אָבֶּער בַּיים רֶבִּי'ן אִיז פּוּנְקְט פַארְקֶערְט; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אוֹיס אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִין שְׁטוּבּ, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקסג): "בִּימֵי אַבְרָהָם אָבִינוּ הָיְתָה הַשְּׁכִינָה נִקְרֵאת בְּשֵׁם שָׂרָה, וּבִימֵי יִצְחָק בְּשֵׁם רִבְקָה, וּבִימֵי יַעֲקֹב בְּשֵׁם רָחֵל וְלֵאָה", אוּן אַזוֹי אִיז אִין יֶעדֶע דוֹר; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ

לֶעבְּט בְּשָׁלוֹם מִיט זַיין וַוייבּ מַאכְט עֶר אַ פְּלַאץ פַאר דִי שְׁכִינָה, וַוייל דִי שְׁכִינָה רוּט נָאר וואוּ מַאן אוּן וַוייבּ זֶענֶען צוּזַאמֶען, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אָן אַ שִׁיעוּר מָאל אִין זוֹהַר הַקָדוֹשׁ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רוּט נָאר וואוּ מַאן אוּן וַוייבּ זֶענֶען צוּזַאמֶען. קוּק אִין פַּרְשַׁת נָשֹׂא (דַף קמה:) וָואס דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט: "מַאן דְאִתְחַבָּר דְּכַר וְנוּקְבָּא, אִקְרֵי אָדָם, וּכְדֵין דָּחִיל חֶטָאָן. וְלֹא עוֹד אֶלָּא שַׁרְיָא בֵּיהּ עֲנָוָה. וְלֹא עוֹד אֶלָּא דְּשַׁרְיָא בֵּיהּ חֶסֶד. וּמַאן דְּלָא אִשְׁתְּכַח דְּכַר וְנוּקְבָּא, לָא הֲווֹ בֵּיהּ לֹא יִרְאָה וְלֹא עֲנָוָה וְלֹא חֲסִידוּת".

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה נד, א): אוֹיפְ'ן פָּסוּק (מִשְׁלֵי טז, ז): "בִּרְצוֹת ה' דַּרְכֵי אִישׁ, גַּם אוֹיְבָיו יַשְׁלִם אִתּוֹ", וֶוער זֶענֶען זַיינֶע פֵיינְט? "רַבִּי יוֹחָנָן אָמַר, זוֹ אִשְׁתּוֹ", דָאס מֵיינְט מֶען דִי וַוייבּ; דָאס טַייטְשְׁט אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פִירְט זִיךְ אוֹיף וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, דֶעמָאלְט וֶועט זַיין וַוייבּ שָׁלוֹם מַאכְן מִיט אִים אוּן זַיין פַאר אִים אַן עֵזֶר. דָאס אִיז בַּיים רֶבִּי'ן אַ יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת, אַזוֹי וִוי עֶס אִיז בַּאוואוּסְט אַז בַּיים רֶבִּי'ן הָאט מֶען נִישְׁט גֶעקֶענְט קוּמֶען אוֹיבּ מֶען הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין שָׁלוֹם בַּיִת.

בְּנוֹגֵעַ דַיינֶע חוֹבוֹת אִין וָואס דוּ שְׁטִיקְסְט זִיךְ וְכוּ'; דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן סט) אַז דִי גַאנְצֶע עֲשִׁירוּת קוּמְט אִין זְכוּת וָואס מֶען אִיז מְכַבֵּד דִי וַוייבּ; דָאס אִיז בֶּאֱמֶת אַ חַזַ"ל (בָּבָא מְצִיעָא נט.): רָבָא הָאט גֶעזָאגְט פַאר דִי מֶענְטְשְׁן פוּן דִי שְׁטָאט מְחוֹזָא: "אוֹקִירוּ לִנְשַׁיְכוּ, כִּי הֵיכִי דְּתִתְעַתְרוּ", הַאלְט חָשׁוּב אַייעֶרֶע וַוייבֶּער וֶועט אִיר רַייךְ

וֶוערְן; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז וֶוען אַ מֶענְטְש לֶעבְּט בְּשָׁלוֹם אִין שְׁטוּבּ, עֶר אִיז אַ וַתְּרָן אוּן עֶר אִיז נִישְׁט מְצַעֵר זַיין וַוייבּ, וֶועט עֶר הָאבְּן גְרוֹיס שֶׁפַע. פָאלְג דֶעם רֶבִּי'ן אוּן טְשֶׁעפֶּע נִישְׁט דַיין פְּרוֹי, אֲפִילוּ דוּ הַאלְסְט אַז זִי אִיז נִישְׁט גֶערֶעכְט, דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ הָאבְּן גְרוֹיס שֶׁפַע.

קוּק ווי אַזוֹי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה הָאבְּן זִיךְ גֶעפִירְט אִין שְׁטוּבּ מִיט זֵייעֶר וַוייבּ. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי חִיָּיא הָאט גֶעהַאט אַ שְׁוֶוערֶע שְׁטוּבּ, אַזוֹי ווי חַזַ"ל דֶערְצֵיילְן (יְבָמוֹת סג.): "רֶבִּי חִיָּיא הֲוָה קָא מְצַעֲרָא לֵיהּ דְבִיתְהוּ", רֶבִּי חִיָּיא'ס וַוייבּ פְלֶעגְט אִים זֵייעֶר אַסַאךְ מְצַעֵר זַיין, מִיט דֶעם אַלֶעם: "כִּי הֲוָה מַשְׁכַּח מִידִי, צַיֵּיר לֵיהּ בְּסוּדְרֵיהּ וּמַיְיתֵי נִיהֲלֵהּ", וֶוען עֶר פְלֶעגְט זֶען אַ גוּטֶע זַאךְ וָואס זַיין וַוייבּ הָאט לִיבּ, פְלֶעגְט עֶר דָאס אַהֵיים בְּרֶענְגֶען פַאר אִיר, הָאט רַב גֶעפְרֶעגְט רֶבִּי חִיָּיא: "אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט, פַארְוָואס בְּרֶענְגְסְטוּ אִיר אֵייבִּיג אַהֵיים גוּטֶע זַאכְן, זִי אִיז דָאךְ דִיר מְצַעֵר?!" הָאט אִים רֶבִּי חִיָּיא גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דַיֵּינוּ שֶׁמְגַדְּלוֹת בָּנֵינוּ, וּמַצִּילוֹת אוֹתָנוּ מִן הַחֵטְא", מִיר אִיז גֶענוּג אַז זִי רַאטֶעוֶועט מִיר פוּן עֲבֵירוֹת אוּן זִי צִיט אוֹיף דִי קִינְדֶער; זֶעט מֶען פוּן דֶעם ווי שְׁטַארְק מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ מְכַבֵּד זַיין דִי וַוייבּ.

בִּפְרַט אַז דוּ הָאסְט אַ שְׁטוּבּ מִיט קִינְדֶער אוּן דוּ מַאכְסְט שׁוֹין חֲתוּנָה קִינְדֶער, דַארְפְסְטוּ זִיכֶער אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם אִין שְׁטוּבּ, וַוייל וֶוען מַאן אוּן וַוייבּ קְרִיגְן זִיךְ וֶוער לַיידְט דִי מֶערְסְטֶע? דִי קִינְדֶער. זֵיי פַאלְן נֶעבֶּעךְ דִי קָרְבָּנוֹת אוּן זֵיי וַואקְסְן אוֹיף נִישְׁט גֶעזוּנְט.

**חֲכָמֵינוּ** זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (מֶדְרָשׁ תַּנְחוּמָא, פַּרְשַׁת בְּחֻקֹּתַי, סִימָן ה) אַז וֶוען יִפְתָּח הַגִּלְעָדִי אִיז גֶעגַאנְגֶען מִלְחָמָה הַאלְטְן מִיט עַמוֹן, הָאט עֶר גֶעמַאכְט אַ נֶדֶר אַז אוֹיבּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים הֶעלְפְן אוּן עֶר וֶועט גֶעוואוּנֶען דִי מִלְחָמָה, וֶוען עֶר וֶועט אַהֵיים קוּמֶען בְּשָׁלוֹם, וֶועט עֶר בְּרֶענְגֶען פַאר אַ קָרְבָּן דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ וָואס וֶועט אַרוֹיסְקוּמֶען פוּן זַיין שְׁטוּבּ אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעהָאלְפְן אַז עֶר הָאט גֶעוואוּנֶען דִי מִלְחָמָה אוּן זַיין טָאכְטֶער אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען מִיט אַ פּוֹיק אוּן זִי הָאט גֶעזִינְגֶען אוּן גֶעפּוֹיקְט פַאר אִיר טַאטֶע'ן, הָאט אִיר יִפְתָּח הַגִּלְעָדִי גֶעזָאגְט: "פְרֵיי דִיךְ נִישְׁט, וַוייל אִיךְ גֵיי דִיר מַקְרִיב זַיין פַאר אַ קָרְבָּן", אֲפִילוּ עֶר הָאט אִינְזִין גֶעהַאט בְּשַׁעַת עֶר הָאט גֶעמַאכְט דִי נֶדֶר צוּ בְּרֶענְגֶען פַאר אַ קָרְבָּן אַ חַיָה אָדֶער אַ בְּהֵמָה, אָבֶער וִויבַאלְד עֶר הָאט נִישְׁט אַרוֹיסְגֶעזָאגְט וָואס עֶר מֵיינְט הָאט עֶר גֶעמוּזְט מְקַיֵים זַיין דִי נֶדֶר.

**פְרֶעגְן** דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (שָׁם): "עֶר וָואלְט דָאךְ גֶעקֶענְט גֵיין צוּ פִּנְחָס הַכֹּהֵן וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ דַיָין אוּן צֶעשְׁטֶערְן דֶעם נֶדֶר, אַזוֹי וִוי דִי הֲלָכָה אִיז אַז אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ מַאכְט אַ נֶדֶר, אוֹיבּ גֵייט עֶר צוּ אַ דַיָין אוּן עֶר זָאגְט פַארְ'ן דַיָין אַז עֶר הָאט אִינְזִין גֶעהַאט אַזוֹי אוּן אַזוֹי, קֶען דֶער דַיָין צֶעשְׁטֶערְן דִי נֶדֶר; אִיז פַארְוָואס אִיז יִפְתָּח הַגִּלְעָדִי נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען צוּ פִּנְחָס עֶר זָאל אִים מַתִּיר נֶדֶר זַיין? אָדֶער זָאל פִּנְחָס הַכֹּהֵן קוּמֶען צוּ אִים אוּן אִים הֶעלְפְן עֶר זָאל נִישְׁט דַארְפְן הַרְג'עֶנֶען זַיין טָאכְטֶער?" נָאר יִפְתַּח

הָאט גֶעזָאגְט: "אִיךְ בִּין דֶער גֶענֶעַראל פוּן דִי אִידְן, אִיךְ קֶען נִישְׁט גֵיין צוּ אִים, זָאל עֶר קוּמֶען צוּ מִיר", אוּן פִּנְחָס הָאט גֶעזָאגְט: "אִיךְ בִּין אַ כֹּהֵן אַ זוּן פוּן אַ כֹּהֵן, אִיךְ גֵיי נִישְׁט צוּ אַן עַם הָאָרֶץ, אַז עֶר ווִיל אִיךְ זָאל רַאטֶעוֶוען זַיין טָאכְטֶער זָאל עֶר קוּמֶען צוּ מִיר, זָאגְן חַזַ"ל אַ מוֹרָא'דִיגֶע לָשׁוֹן: "מִבֵּין תַּרְוַיהוֹן אַבְדַת הַהִיא עֲלוּבְתָּא מִן עָלְמָא", פוּן צְווִישְׁן זֵיי צְוֵויי אִיז פַארְלוֹירְן גֶעוָוארְן דָאס מֵיידְל.

וֶוען מֶען לֶערְנְט דִי מַעֲשֶׂה וֶוערְט מֶען זֵייעֶר צֶעקָאכְט אוּן בְּרוֹגֶז: 'הַיִתָּכֵן מֶען זָאל הַרְגֶ'עֶנֶען אַן אוּמְשׁוּלְדִיג קִינְד, אַ מֵיידְל וָואס הָאט גָארְנִישְׁט גֶעטוּן, בְּשַׁעַת מֶען וָואלְט אִיר דָאךְ גֶעקֶענְט רַאטֶעוֶוען?!' אָבֶער קֵיינֶער כָאפְּט נִישְׁט אַז דִי זֶעלְבֶּע מַעֲשֶׂה שְׁפִּילְט זִיךְ אָפּ טָאג טֶעגְלִיךְ צְווִישְׁן מֶענְטְשְׁן, בִּפְרַט צְווִישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ.

**עֶס** קֶען אַסַאךְ מָאל אוֹיסְקוּמֶען אַז עֶס זָאל זִיךְ מַאכְן מִיסְפַארְשְׁטֶענְדֶענִישְׁן צְווִישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ אוּן דֶעמָאלְט לַיידְן דִי קִינְדֶער זֵייעֶר שְׁטַארְק. עֶס אִיז מַמָּשׁ אַזוֹי ווִי מֶען נֶעמְט דִי קִינְדֶער אוּן מֶען שֶׁעכְט זֵיי; וַוייל אַז מֶען רֶעדְט נִישְׁט אֵיינֶער צוּם צְוֵוייטְן, מֶען בְּלָאזְט אֵיינֶער אוֹיפְ'ן צְוֵוייטְן, וֶוער רֶעדְט נָאךְ אַז מֶען שְׁרֵייט אֵיינֶער אוֹיפְ'ן צְוֵוייטְן אוּן מֶען טְשֶׁעפֶּעט זִיךְ אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן - לַיידְן דִי קִינְדֶער, זֵיי לֶעבְן מִיט שְׁרֶעק וְכוּ'. אוּן אַז מֶען פְרֶעגְט דֶעם מַאן: "פַארְוָואס בֶּעטְסְטוּ נִישְׁט אִיבֶּער דַיין וַוייבּ, קֶענְסְט דָאךְ רַאטֶעוֶוען דַיין קִינְד?" וֶועט עֶר זָאגְן: "זִי זָאל מִיר אִיבֶּערְבֶּעטְן, וַוייל זִי אִיז שׁוּלְדִיג", אַז מֶען פְרֶעגְט דִי וַוייבּ: "פַארְוָואס מַאכְסְטוּ נִישְׁט

שָׁלוֹם? פַארְגֶעס וָואס אִיז גֶעוֶוען, אַבִי דַיין קִינְד זָאל נִישְׁט וֶוערְן גֶע'הַרְג'עֶט?" וֶועט זִי עֶנְטְפֶערְן: "עֶר הָאט אָנְגֶעפַאנְגֶען אוּן עֶר דַארְף מִיר אִיבֶּערְבֶּעטְן", אוּן נָאכְדֶעם פַּאסִירְט וָואס עֶס הָאט פַּאסִירְט בַּיי יִפְתָּח'ס טָאכְטֶער, וֶוער אִיז שׁוּלְדִיג? בֵּיידֶע: "מִבֵּין תַּרְוֵיהוֹן אַבְדַת הַהִיא עֲלוּבְתָּא מִן עָלְמָא".

**דֶערְפַאר** הָאב שֵׂכֶל אוּן זַיי דוּ דֶער וָואס גֶעבְּט נָאךְ, הֵייבּ דוּ אָן רֶעדְן שַׁיין אוּן בֶּעט אִיבֶּער; אֶמֶת, עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער יֶענֶעם אִיבֶּער צוּ בֶּעטְן, בִּפְרַט וֶוען מֶען הַאלְט אַז מֶען אִיז גֶערֶעכְט. אָבֶּער עֶס אִיז אַסַאךְ אַסַאךְ שְׁוֶוערֶער וֶוען מֶען בְּלָאזְט אוּן מֶען רֶעדְט נִישְׁט אוּן מֶען וַוארְט אַז יֶענֶער זָאל זִיךְ בְּרֶעכְן.

**וָואס** אִיז גֶעוֶוען דִי סוֹף פוּן דִי מַעֲשֶׂה? בֵּיידֶע הָאבְן בַּאקוּמֶען אַן עוֹנֶשׁ; פִּנְחָס הָאט פַארְלוֹירְן זַיין רוּחַ הַקוֹדֶשׁ אוּן יִפְתָּח אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן מִיט אַ מִיתָה מְשׁוּנָה, זַיינֶע אֵיבָרִים הָאבְּן אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ שְׁטַארְבְּן בִּיסְלֶעכְוַוייז פַאר עֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן אוּן וואוּ עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען אִיז אִים אַרָאפְּגֶעפַאלְן שְׁטִיקְלֶעךְ רַחְמָנָא לִצְלָן (מֶדְרָשׁ תַּנְחוּמָא, שָׁם).

**אִיךְ** הָאבּ אַבִּיסְל מַאֲרִיךְ גֶעוֶוען, וַוייל עֶס הָאט מִיר זֵייעֶר וֵויי גֶעטוּן צוּ הֶערְן וִוי דוּ הָאסְט מִיר דֶערְצֵיילְט אַז דוּ קְרִיגְסְט זִיךְ מִיט דַיין וַוייבּ אוּן דוּ פִירְסְט זִיךְ וִוי אַ קְלֵיין קִינְד, בִּשְׁעַת אִיר מַאכְט שׁוֹין חֲתוּנָה קִינְדֶער. דוּ קְרִיגְסְט זִיךְ פַאר נַארִישְׁקֵייטְן אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דוּ בִּיסְט גֶערֶעכְט, וֶוען דוּ וָואלְסְט וֶוען גֶעקֶענְט אַיינְשְׁפָּארְן אַלֶע קְרִיגֶערֵייעֶן.

**וָואס** זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן מַיין לִיבֶּער חַבֵר, אַז מֶען פָּאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן, מֶען נֶעמְט זַיינֶע דִיבּוּרִים אוּן עֵצוֹת בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ לֶעבְּן אַן אַנְדֶערֶע סָארְט לֶעבְּן. מֶען לֶעבְּט אוֹיף דִי וֶועלְט אִין גַן עֵדֶן מַמָּשׁ; מֶען זוּכְט נִישְׁט צוּ זַיין גֶערֶעכְט, מֶען זוּכְט נִישְׁט אוֹיסְצוּפִירְן, מֶען זוּכְט וִוי מֶער נָאכְצוּגֶעבְּן, מֶען זוּכְט וִוי מֶער יֶענֶעם צוּ פַארְגִינֶען.

**שְׁרַייבּ** מִיר צִי דוּ הָאסְט בַּאקוּמֶען דֶעם בְּרִיוו.

## רמד

### אִיךְ הַאלְט שׁוֹין נִישְׁט אוֹיס דִי יִסוּרִים, וֶוער קֶען מִיר הֶעלְפְן?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

וָואס זָאל אִיךְ שְׁרַייבְּן? אִיךְ שְׁפִּיר אַז אִיךְ הַאלְט שׁוֹין מֶער נִישְׁט אוֹיס דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע יִסוּרִים. אִיךְ פִּיל מַמָּשׁ וִוי אִיךְ שְׁטַארְבּ צוּבִּיסְלֶעךְ חַס וְשָׁלוֹם, מַיין גַאנְצֶע קֶערְפֶּער אִיז אַיינְגֶעהִילְט אִין שְׁטַארְקֶע יִסוּרִים.

אִיךְ בִּין אֵיינֶער אַלֵיין, קֵיינֶער קֶען מִיר נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין. אִיךְ בִּין שׁוֹין אַרוּמְגֶעלָאפְן צוּ אַזוֹיפִיל דָאקְטוֹרִים, אוּן יֶעדֶער זָאגְט עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ, אַזוֹי אַז אִיךְ בִּין שׁוֹין אִינְגַאנְצְן צֶעמִישְׁט. אִיךְ רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ הֶער נִישְׁט אוֹיף זִיךְ בֶּעטְן בַּיי אִים אַז אִיךְ דַארְף שׁוֹין אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה.

אִיךְ וִויל שׁוֹין זַיין צוּרִיק אִין יְשִׁיבָה גֶעזוּנְטֶערְהֵייט, אִיךְ וִויל דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאל מִתְפַּלֵל זַיין פַאר מִיר!

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, כ"ח שְׁבָט, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה בְּקָרוֹב, דוּ זָאלְסְט הָאבְּן אָפְּגֶעקוּמֶען אַלֶעס וָואס דוּ דַארְפְסְט אָפְּקוּמֶען מִיט דִי צַעַר אוּן וֵוייטָאג וָואס דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער.

**אַיין** זַאךְ בֶּעט אִיךְ דִיר מַיין טֵייעֶרֶער תַּלְמִיד ... נֵרוֹ יָאִיר: "הָאבּ נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן", וַוייל אַלֶעס וָואס קוּמְט אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ אִיז פוּן הִימְל.

**חֲכָמֵינוּ** זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (בְּרָכוֹת ה:): רַב הוּנָא הָאט גֶעהַאט אַ גְרוֹיסֶער שָׁאדְן, עֶס אִיז אִים פַארְדָארְבְּן גֶעוָוארְן פִיר הוּנְדֶערְט פֶעסֶער וַויין, זֶענֶען דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים אִים גֶעגַאנְגֶען בַּאזוּכְן אוּן מְחַזֵק זַיין. זֵיי הָאבְּן גֶעזָאגְט פַאר רַב הוּנָא: "לְעַיֵּין מַר בְּמִילֵיהּ", עֶר זָאל תְּשׁוּבָה טוּן וֶועט עֶר צוּרִיק רַייךְ וֶוערְן. הָאט רַב הוּנָא גֶעפְרֶעגְט דִי חֲכָמִים: "מִי חַשִׁידְנָא בְּעֵינֵייכוּ", אִיר זֶענְט מִיר חוֹשֵׁד אוֹיף נִישְׁט גוּטֶע מַעֲשִׂים? הָאבְּן אִים דִי חֲכָמִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "וּמִי חָשִׁיד קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא דְעָבִיד דִינָא בְּלָא דִינָא", אִיז דֶען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער חָשׁוּד אַז עֶר בְּרֶענְגְט אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ שְׁלֶעכְטְס אוּמְזִיסְט?!

וָעט מֶען אַז מֶען טָאר נִישְׁט הָאבְּן קַשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן פְרֶעגְן: "פַארְוָואס?" "פַארְוָואס דַארְף אִיךְ אַזוֹי לַיידְן?" אַ גוֹי פְרֶעגְט: "פַארְוָואס?" אַזוֹי וִוי צַדִיקִים הָאבְּן גֶעזָאגְט אוֹיפְ'ן פָּסוּק (תְּהִלִּים עט, י): "לָמָּה יֹאמְרוּ הַגּוֹיִם", אַ גוֹי זָאגְט "לָמָה", אָבֶּער אַ אִיד זָאגְט: "אַלֶעס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט הָאט אַ חֶשְׁבּוֹן".

וָוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ צָרָה דַארְף עֶר זִיךְ מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶפֶשׁ פַארְוָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט דָאס מִיט אִים. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קפז): אוֹיפְ'ן פָּסוּק (תְּהִלִּים סב, יג): "וּלְךָ ה' חָסֶד כִּי אַתָּה תְשַׁלֵּם לְאִישׁ כְּמַעֲשֵׂהוּ - הַיְינוּ שֶׁהוּא חֶסֶד גָדוֹל מֵאֵת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ שֶׁהוּא מְשַׁלֵּם לְאָדָם מִדָּה כְּנֶגֶד מִדָּה", עֶס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער חֶסֶד אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאצָאלְט פַארְ'ן מֶענְטְשׁ אַ שְׁטְרָאף מִדָה כְּנֶגֶד מִדָה, וַוייל וָוען דֶער מֶענְטְשׁ בַּאקוּמְט וָוען אַן עוֹנֶשׁ סְתָּם אַזוֹי וָואלְט עֶר נִישְׁט גֶעוואוּסְט אוֹיף וָואס עֶר דַארְף תְּשׁוּבָה טוּן, אָבֶּער ווִיבַּאלְד דֶער עוֹנֶשׁ אִיז מִיט אַ פּוּנְקְטְלִיכְקֵייט, גֶעוָואנְדְן אוֹיף וָואס מֶען דַארְף תְּשׁוּבָה טוּן, וֵוייסְט דֶער מֶענְטְשׁ אוֹיף וָואס עֶר דַארְף תְּשׁוּבָה טוּן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט וַוייטֶער אַז דָאס אִיז נָאר אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל; 'אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל' דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף אֱמוּנָה. וָוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט אֱמוּנָה, עֶר גְלֵייבְּט אוּן עֶר וֵוייסְט אַז אַלֶעס וָואס קוּמְט אוֹיף אִים אִיז מִיט אַ חֶשְׁבּוֹן, אוּן עֶר הֵייבְּט זִיךְ אָן מִתְבּוֹנֵן זַיין וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן אִין לֶעבְּן: 'אֶפְשָׁר הָאבּ אִיךְ אֵיינֶעם וֵויי גֶעטוּן', עֶר זוּכְט אוֹיף זַיינֶע מַעֲשִׂים, עֶר

טְרַאכְט דוּרְךְ זַיינֶע יָארְן, 'אֶפְשָׁר הָאבּ אִיךְ אֵיינֶעם גֶעטְשֶׁעפֶּעט וְכוּ'' אוּן עֶר בֶּעט יֶענֶעם עֶר זָאל אִים מוֹחֵל זַיין, אַזוֹי קְרִיכְט עֶר אַרוֹיס סַיי פוּן דִי שְׁלֶעכְטְס וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן אוּן סַיי פוּן דִי עוֹנֶשׁ.

**דָאס** וָואס דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער צַעַר אַז דוּ וֵוייסְט נִישְׁט צוּ וֶועם צוּ גֵיין, יֶעדֶער דָאקְטֶער זָאגְט עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ אוּן דוּ גֵייסְט שׁוֹין אַזוֹי אַרוּם מִיט יִסוּרִים עֶטְלִיכֶע יָאר; דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן ג): "וֶוען אַ מֶענְטְשׁ ווִיל גֵיין צוּם דָאקְטֶער זִיךְ הֵיילְן וְכוּ', זָאל עֶר גֶעבְּן צְדָקָה פַּאר עֶר גֵייט זִיךְ הֵיילְן. ווייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (עֲבוֹדָה זָרָה נה.): 'בְּשָׁעָה שֶׁמְּשַׁגְּרִין יִסּוּרִין עַל הָאָדָם, מַשְׁבִּיעִין אוֹתָן שֶׁלֹּא תֵלְכוּ אֶלָּא בְּיוֹם פְּלוֹנִי, וְלֹא תֵצְאוּ אֶלָּא בְּיוֹם פְּלוֹנִי, וּבְשָׁעָה פְּלוֹנִית, וְעַל יְדֵי פְּלוֹנִי, וְעַל יְדֵי סַם פְּלוֹנִי', וֶוען מֶען שִׁיקְט יִסוּרִים אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ בַּאשְׁוֶוערְט מֶען דִי יִסוּרִים וֶוען זֵיי זָאלְן קוּמֶען אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ אוּן וֶוען זֵיי זָאלְן אַוֶועק גֵיין פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, אַזוֹי אוֹיךְ דוּרְךְ וֶועלְכֶע דָאקְטֶער אוּן דוּרְךְ וֶועלְכֶע מֶעדֶעצִין וְכוּ' עֶס זָאל אוֹיסְגֶעהֵיילְט וֶוערְן; פְּרֶעגְט דֶער רֶבִּי, ווִי אַזוֹי קֶען אַ מֶענְטְשׁ בִּכְלַל גֵיין צוּם דָאקְטֶער וֶוען עֶר וֵוייסְט נִישְׁט צִי עֶר אִיז בִּכְלַל דֶער דָאקְטֶער וָואס מֶען הָאט בַּאשְׁוואוֹירְן אִים אוֹיס צוּ הֵיילְן, אוּן ווִי אַזוֹי קֶען דֶער דָאקְטֶער פַארְשְׁרַייבְּן אַ מֶעדֶעצִין וֶוען עֶר וֵוייסְט נִישְׁט צִי דָאס אִיז דֶער רִיכְטִיגֶער סַם וָואס מֶען דַארְף גֶעבְּן פַאר'ן חוֹלֶה וְכוּ'? זָאגְט דֶער רֶבִּי, אָבֶּער אַז אַ מֶענְטְשׁ מַאכְט אַ פִּדְיוֹן, דֶעמָאלְט וֶועט דֶער דָאקְטֶער אִים קֶענֶען אוֹיסְהֵיילְן".

דֶערְפַאר, אַז דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר אַז דוּ וֶוערְסְט שׁוֹין מְשׁוּגָע פוּן אַרוּם לוֹיפְן צוּ דָאקְטוֹרִים, ווַייל יֶעדֶער דָאקְטֶער זָאגְט עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ אוּן בִּיז דֶערְוַוייל גֵייסְטוּ אַרִיבֶּער שְׁרֶעקְלִיכֶע יִסוּרִים, זָאלְסְטוּ פָּאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן אוּן מַאכְן אַ פִּדְיוֹן נֶפֶשׁ וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְן אַ רְפוּאָה.

וֶוער קֶען מַאכְן אַ פִּדְיוֹן נֶפֶשׁ? וֶוער וֵוייסְט בִּכְלַל וָואס מֵיינְט אַ פִּדְיוֹן נֶפֶשׁ? נָאר דֶער רֶבִּי; פוּן הַיינְט אָן, פַאר דוּ גֵייסְט צוּ אַ דָאקְטֶער זִיךְ הֵיילְן זָאלְסְטוּ גֶעבְן אַ פִּדְיוֹן נֶפֶשׁ פַארְ'ן רֶבִּי'ן. ווִי קֶען מֶען הַיינְט גֶעבְן אַ פִּדְיוֹן נֶפֶשׁ פַארְ'ן רֶבִּי'ן? אַז מֶען גֶעבְּט גֶעלְט צוּ דְרוּקְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים. הַאלְט אַ "קֶרֶן הַדְפָּסָה" פּוּשְׁקֶע בַּיי דִיר אִין שְׁטוּב, וֶוען דוּ דַארְפְסְט גֵיין צוּם דָאקְטֶער זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען דִי תּוֹרָה אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן ג, אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְן אוֹיף דִיר אַז דוּ זָאלְסְט שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן דֶעם רִיכְטִיגְן שָׁלִיחַ וָואס וֶועט דִיר אוֹיסְהֵיילְן, אוּן גֶעבְן צְדָקָה פַאר אַ פִּדְיוֹן - וֶועסְטוּ הָאבְן אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה בְּקָרוֹב.

מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה שְׁרַייבְּט אִין זַיין צַוָואָה (צַוָּאַת מוֹהֲרָא"שׁ, סִימָן יז) אַז וֶוער עֶס וֶועט דְרוּקְן זַיינֶע סְפָרִים, בִּפְרַט "אֲשֶׁר בַּנַּחַל", זָאגְט עֶר צוּ אַ יְשׁוּעָה. גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ דְרוּקְן צֶענְדְלִיגֶער כְּרָכִים פוּנֶעם סֵפֶר "אֲשֶׁר בַּנַּחַל" בְּחַיָיו פוּן מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה. אִיךְ הָאבּ אַ שְׁטַארְקֶע הַכָּרַת הַטּוֹב פַאר דִי סְפָרִים "אֲשֶׁר בַּנַּחַל", ווַייל אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מְקוֹרָב וֶוערְן

דוּרְךְ "אֲשֶׁר בַּנַּחַל - חֵלֶק כז". פַארְיָאר הָאבּ אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ דְרוּקְן "אֲשֶׁר בַּנַּחַל" אִין אִידִישׁ; אִיךְ הָאבּ גֶעדְרוּקְט טוֹיזְנְט כְּרָכִים פוּן זֶעקְס בֶּענְדֶער, אִין דֶעם אִיז גֶעדְרוּקְט אַלֶע בְּרִיוו וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אִין אִידִישׁ - נָאנְט צוּ אַכְט הוּנְדֶערְט בְּרִיוו; כִּמְעַט אַלֶע טוֹיזְנְט סֶעטְס הָאט מֶען שׁוֹין מֵפִיץ גֶעוֶוען. יֶעצְט גֵיי אִיךְ מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף נָאכְאַמָאל אִיבֶּער דְרוּקְן דִי זֶעקְס בֶּענְדֶער אֲשֶׁר בַּנַּחַל אִין אִידִישׁ.

**שְׁטַארְק** זִיךְ מִיט אֱמוּנָה; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר הֶעלְפְן אַז דוּ וֶועסְט הָאבְּן אַ רְפוּאָה. מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג זָאגְן אַז מֶען זָאל גֵיין לְכָל הַפָּחוֹת אֵיין מָאל אַ חוֹדֶשׁ אִין שְׁפִּיטָאל צוּ מְקַיֵּים זַיין דִי מִצְוָה פוּן בִּיקּוּר חוֹלִים. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (נְדָרִים לט:) "כָּל הַמְבַקֵּר אֶת הַחוֹלֶה נִיצוֹל מִדִּינָהּ שֶׁל גֵיהִנָּם", וֶוער עֶס אִיז מְבַקֵּר חוֹלֶה וֶוערְט נִיצוֹל פוּן גֵיהִנוֹם; פְלֶעגְט מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְן, אַז חוּץ דִי מִצְוָה וָואס מֶען אִיז מְקַיֵּים בַּיים בַּאזוּכְן אַ חוֹלֶה, וֶוערְט דֶער מֶענְטְשׁ פְרֵיילִיךְ אוּן עֶר הָאט מֶער נִישְׁט קַיין טַעֲנוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל עֶר הֵייבְּט אָן צוּ זֶען אַז זַיין צָרָה אִיז נִישְׁט אַזוֹי גֶעפֶערְלִיךְ, עֶר וֶוערְט פְרֵיילִיךְ אַז עֶר אִיז גֶעזוּנְט; דוּ וָואס דוּ דְרֵייסְט זִיךְ בַּיי דָאקְטוֹרִים, דוּ גֵייסְט אַרַיין אוּן אַרוֹיס פוּן שְׁפִּיטָאל פַאר דַיין פְּרָאבְּלֶעם וָואס דוּ הָאסְט וְכוּ', קֶענְסְטוּ זִיכֶער זֶען דִי חֲסָדִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט דִיר. דַארְפְסְטוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זָאגְן וָואס רֶבִּי נָתָן פְלֶעגְט זָאגְן וֶוען עֶר

הָאט גֶעהַאט אַ צָרָה: "עֶס אִיז נָאךְ מִיט גְרוֹיסֶע חֲסָדִים". מֶען דַארְף אוֹיפְזוּכְן דִי חֲסָדִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט.

**אִיךְ** בִּין מִתְפַּלֵל פַאר דִיר אַז דוּ זָאלְסְט בְּקָרוֹב אוֹיסְגֶעהֵיילְט וֶוערְן אוּן דוּ זָאלְסְט קֶענֶען צוּרִיק קוּמֶען אִין יְשִׁיבָה גֶעזוּנְטֶערְהֵייט.

**דוּ** בִּיסְט אַ גְרוֹיסֶער חִידוּשׁ אַז טְרָאץ דַיינֶע יִסוּרִים הָאסְטוּ מְסַיֵים גֶעוֶוען מַסֶכֶת בְּרָכוֹת; יֶעצְט הֵייבּ אָן מַסֶכֶת שַׁבָּת, לֶערְן יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל. אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט וָואס דוּ לֶערְנְסְט, דָאךְ זָאג דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו).

**שְׁרַייבּ** מִיר נָאךְ בְּרִיווּ, אִיךְ וֶועל דִיר אִם יִרְצֶה ה' צוּרִיק שְׁרַייבְּן.

## רמה

**וֶועגְן בִּרְכַּת הַמַפִּיל, אוּן ווִי אַזוֹי רֶעדְט מֶען צוּ קִינְדֶער אִיבֶּער קְדוּשָׁה?**

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ ווִיל זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר אַייךְ פַאר דִי פִילֶע חִיזוּק אוּן עֵצוֹת אִין לֶעבְּן וָואס מִיר בַּאקוּמֶען פוּן אַייךְ. כָאטְשׁ וָואס אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעהֶערְט אוּן מְקַבֵּל גֶעוֶוען אוֹיךְ פוּן מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אָבֶּער מִיט אַייעֶרֶע דְרָשׁוֹת אִיז דָאס פִיל מֶער לֶעבֶּעדִיג, אִיר בְּרֶענְגְט עֶס אַרָאפּ אוֹיף אַזַא

פְּשׁוּטֶ'ע און אֱמֶת'עֶר אוֹפֶן, אַז עֶס אִיז מַמָּשׁ נִישְׁט מֶעגְלִיךְ עֶס נִישְׁט צוּ מְקַיֵּים זַיין.

מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט זָאגְן אַז עֶר הָאט גֶענוּמֶען דֶעם לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן און דֶעם לִיקּוּטֵי הֲלָכוֹת און עֶר הָאט עֶס גֶעמַאכְט ווִי "עֶפְּל סָאוּס", אַז מֶען זָאל זִיךְ אֲפִילוּ נִישְׁט דַארְפְן אָנְשְׁטְרֶענְגֶען אַרַיינְצוּבַייסְן אִינֶעם הַארְטְן עֶפְּל, נָאר מֶען זָאל עֶס קֶענֶען גָאר גְרִינְג עֶסְן, אזוֹי ווִי מֶען גֶעבְּט פַּאר אַ קִינְד צֶערִיבֶּענֶע עֶפְּל וָואס אִיז אִים גְרִינְג צוּ עֶסְן. בַּיים רֹאשׁ יְשִׁיבָה קֶען מֶען זָאגְן אַז אִיר הָאט עֶס גֶעמַאכְט נָאךְ גְרִינְגֶער, מַמָּשׁ ווִי "עֶפְּל דְזְשׁוּס", מֶען דַארְף אֲפִילוּ נִישְׁט נֶעמֶען אַ לֶעפְל צוּ עֶסְן דִי צֶערִיבֶּענֶע עֶפְּל, מֶען קֶען עֶס מַמָּשׁ אוֹיסְטְרִינְקֶען אַזוֹי גְרִינְג ווִי מֶען טְרִינְקְט "עֶפְּל זַאפְט".

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אִיבֶּער דֶעם וָואס אִיךְ גֶעהֶערְט וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט גֶערֶעדְט לֶעצְטְנְס בַּיי אַ דְרָשָׁה וֶוען זָאגְן דִי בְּרָכָה פוּן "הַמַּפִּיל", אַז אַזוֹי ווִי מֶען טָאר נִישְׁט עֶסְן אָן אַ בְּרָכָה, טָאר מֶען נִישְׁט שְׁלָאפְן אָן אַ בְּרָכָה. לְמַעֲשֶׂה אִיז מִיר דָאס זֵייעֶר שְׁוֶוער, ווייל וֶוען אִיךְ גֵיי שׁוֹין אַרַיין אִין בֶּעט הָאבּ אִיךְ שׁוֹין נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ גָארְנִישְׁט, און דֶערִיבֶּער לֵיין אִיךְ קְרִיאַת שְׁמַע אַ שָׁעָה צְווֵיי פְרִיעֶר, אָבֶּער אִיךְ ווִיל נִישְׁט דֶעמָאלְט זָאגְן "הַמַּפִּיל", ווייל מַיין מַאן קוּמְט אַהֵיים שְׁפֶּעט און אִיךְ ווִיל נָאךְ קֶענֶען רֶעדְן צוּ אִים, ווִי אַזוֹי זָאל אִיךְ זִיךְ פִירְן מִיט דֶעם?

אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן ווִי אַזוֹי מֶען רֶעדְט צוּ דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער אִיבֶּער קְדוּשָּׁה. פוּן אֵיין זַייט ווייס אִיךְ דִי ווִיכְטִיגְקֵייט פוּן רֶעדְן און אוֹיפְקְלֶערְן דִי קִינְדֶער אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן שְׁלֶעכְטֶע מֶענְטְשְׁן, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט ווִיל אִיךְ נִישְׁט אַרַיינְלֵייגְן אִין זֵיי צוּפִיל פְּחָדִים אַז זֵיי זָאלְן צוּפִיל טְרַאכְטְן פוּן דֶעם.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַּאר אַלֶעם.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, כ"ח שְׁבַט, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.**

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה אִין אוּנְזֶער דוֹר - מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה; מוֹהֲרָא"שׁ נֶעמְט דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת אוּן בְּרֶענְגְט דָאס אַרָאפּ פַּאר אוּנְז פָּשׁוּט'עֶ מֶענְטְשְׁן אַז מִיר זָאלְן אוֹיךְ קֶענֶען לֶעבְּן מִיט דִי אַלֶע שֵׁיינֶע עֵצוֹת אוּן לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיר דַארְפְן דָאס נָאךְ מֶער אַרָאפּ בְּרֶענְגֶען פַאר אוּנְזֶערֶע מוֹחוֹת אַז מִיר זָאלְן אוֹיךְ קֶענֶען לֶעבְּן שְׁטֶענְדִיג מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**אַייעֶר** מַאן נֵרוֹ יָאִיר דֶערְצֵיילְט מִיר אַז אַייעֶר קְלֵיין אִינְגֶעלֶע לֶעבְּט מִיט אַזַא אֱמוּנָה, יֶעדֶעס מָאל מֶען לֵייגְט אִים אַרָאפּ דָאס עֶסְן זָאגְט עֶר פוּן זִיךְ אַלֵיין: "שְׁ'כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער"; אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט זֶעט מֶען נִישְׁט אַזַא זַאךְ, מֶען זָאל לֶעבְּן מִיט אַזַא אֱמוּנָה, אַז קְלֵיינֶע קִינְדֶער רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן יֶעדֶע זַאךְ וָואס זֵיי דַארְפְן בֶּעטְן זֵיי דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**בְּנוֹגֵעַ** לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע אוּן זָאגְן הַמַּפִּיל וְכוּ'; וֶוען מֶענְטְשְׁן וָואלְטְן וֶוען גֶעוואוּסְט ווִי חָשׁוּב קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּטָּה אִיז, וָואלְט יֶעדֶער אֵיינֶער גֶעלֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ה.): "כָּל הַקּוֹרֵא קְרִיאַת שְׁמַע עַל מִטָּתוֹ, מַזִּיקִין בְּדֵילִין הֵימֶנּוּ", וֶוער עֶס לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע פַאר עֶר לֵייגְט זִיךְ שְׁלָאפְן גֵייעֶן אַלֶע מַזִּיקִים אַוֶועק

פוּן אִים; נָאךְ זָאגְן זֵיי (שָׁם): "כָּל הַקּוֹרֵא קְרִיאַת שְׁמַע עַל מִטָּתוֹ כְּאִילוּ אוֹחֵז חֶרֶב שֶׁל שְׁתֵּי פִּיּוֹת בְּיָדוֹ", וֶוער עֶס לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע פַאר'ן גֵיין שְׁלָאפְן אִיז אַזוֹי וִוי עֶר הַאלְט אַ מֶעסֶער וָואס אִיז שַׁארְף פוּן בֵּיידֶע זַייטְן אוּן אַזוֹי הַרְג'עֶט עֶר אוֹיס אַלֶע מַזִּיקִים; זֵייעֶר גוּט טוּט אִיר אַז אִיר לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע גֶענוּג פְּרִי, אֲפִילוּ אִיר גֵייט נָאךְ נִישְׁט שְׁלָאפְן, ווייל אַז מֶען שְׁטוּפְּט דָאס אָפּ אוֹיף שְׁפֶּעטֶער קֶען מֶען אַיינְשְׁלָאפְן אָן קְרִיאַת שְׁמַע.

**בִּרְכַּת** הַמַּפִּיל זָאגְט מֶען גְלַייךְ פַאר מֶען לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע, אַזוֹי וִוי עֶס אִיז גֶעדְרוּקְט אִין סִידוּר עֵת רָצוֹן.

**בְּנוֹגֵעַ** רֶעדְן צוּ קִינְדֶער וְכוּ'; מֶען דַארְף רֶעדְן צוּ קִינְדֶער זֵיי זָאלְן אַכְטוּנְג גֶעבְן פוּן מְנֻוָּלִים, אָבֶער מֶען דַארְף גֶעדֶענְקֶען דֶעם מַאֲמַר הֶחָכָם: "מִן הַזְּהִירוּת - לֹא לְהִזָּהֵר כָּל כָּךְ", אֵיינֶע פוּן דִי זַאכְן וָואס מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְן אִיז נִישְׁט צוּ סַאךְ אַכְטוּנְג גֶעבְן; פוּן אֵיין זַייט דַארְף מֶען טַאקֶע אָנְזָאגְן דִי קִינְדֶער אַכְטוּנְג צוּ גֶעבְן פוּן מֶענְטְשְׁן וְכוּ' אוּן מֶען דַארְף זֶען זֵיי זָאלְן זַיין בַּאקְוֶועם צוּ רֶעדְן מִיט טַאטֶע מַאמֶע וֶוען עֶפֶּעס שְׁטֶערְט זֵיי. זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל קֶענֶען קִינְדֶער נִישְׁט אַרוֹיס גֶעבְן זֵייעֶרֶע גֶעפִילְן וְכוּ' אָדֶער דֶערְצֵיילְן וָואס שְׁטֶערְט זֵיי וֶוען זֵיי זֶעעֶן וִוי מֶען מַאכְט זֵיי אַוֶועק אוּן מֶען הֶערְט זֵיי נִישְׁט אוֹיס, דָאס אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג פַאר קִינְדֶער. אָבֶער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט דַארְף מֶען אוֹיךְ לֶעבְן, מֶען קֶען נִישְׁט לֶעבְן מִיט פְּחָדִים אַ גַאנְצְן טָאג. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט כְּדֵי מֶען זָאל לֶעבְן,

אַזוי ווי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת כה:): "לֹא נִתְּנָה תּוֹרָה לְמַלְאֲכֵי הַשָּׁרֵת", דִי תּוֹרָה אִיז נִישְׁט גֶעגֶעבְּן גֶעוָוארְן פַאר מַלְאָכִים; נִישְׁט אַז מֶען זָאל שְׁטֶענְדִיג אַרוּמְגֵיין מִיט פְּחָדִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן נַחַת פוּן אַלֶע אַייעֶרֶע קִינְדֶער.

## רמו

### זָאל אִיךְ רֶעדְן מִיט מַיינֶע עֶלְטֶערְן, וֶוען דָאס מַאכְט מִיר גְרוֹיס צַעַר?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ מַמָּשׁ נִישְׁט דִי וֶוערְטֶער אַייךְ צוּ דַאנְקֶען אוֹיף אַלֶעם וָואס אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען פוּן אַייךְ, דִי פִילֶע עֵצוֹת און חִיזוּק וָואס אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען פוּן אַייעֶרֶע שִׁיעוּרִים און נִיגוּנִים. דָאס הָאט מַמָּשׁ גֶעטוֹישְׁט אוּנְזֶער לֶעבְּן צוּם גוּטְן, מַיין מַאן הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶערְנֶען און עֶר הָאט שׁוֹין גֶעמַאכְט אַ סִיּוּם מִשְׁנָיוֹת, און אוֹיף יֶעדֶע פְּרָאבְּלֶעם הָאבְּן מִיר גְלַייךְ דִי עֵצָה צוּ בֶּעטְן און רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ הָאבּ אַ שְׁאֵלָה אִין כִּיבּוּד אָב וָאֵם, מַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעהַאט קַיין שְׁלוֹם בַּיִת און אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעלִיטְן פוּן דֶעם אַלֶע יָארְן, אִיךְ הָאבּ גֶעלֶעבְּט מִיט שְׁרֶעקְלִיכֶע יִסּוּרֵי הַנֶּפֶשׁ. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעהָאלְפְן אַז אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ ה' חֲתוּנָה גֶעהַאט און גֶעגַאנְגֶען וואוֹינֶען אִין אַן אַנְדֶערֶע פְּלַאץ און צוּבִּיסְלֶעךְ אַרוֹיסְגֶעקְרָאכְן פוּן דִי פְּרָאבְּלֶעמֶען.

מִיט עֶטְלִיכֶע יָאר צוּרִיק הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ פַארְבֶּעסֶערְן דִי שְׁלוֹם בַּיִת בַּיי מַיינֶע עֶלְטֶערְן, אָבֶּער יֶעצְט אִיז זֵיי אוּנְטֶערְגֶעקוּמֶען אַ פְּרִישֶׁע

צָרָה אַז מַיין טַאטֶע הָאט בַּאקוּמֶען אַ קְרֶענְק, אוּן עֶר פַּיינִיגְט זַייעֶר אוּיס מַיין מַאמֶע אַז זִי אִיז שׁוּלְדִיג אִין אַלֶע זַיינֶע צָרוֹת.

מַיין הַארְץ גֵייט אוּיס פַאר בֵּיידֶע פוּן זֵיי, אִיךְ שְׁפִּיר זֵייעֶר שְׁטַארְק זֵייעֶר צַעַר אוּן וֵוייטָאג, דָאס טְרֶעפְט מִיר מַמָּשׁ צוּ צוּם גֶעזוּנְט, אִיךְ שְׁפִּיר וִוי דֶער מַצָּב בְּרֶענְגְט מִיר צוּרִיק צוּ מַיין מָרָה שְׁחוֹרָה פוּן דִי יוּנְגֶע יָארְן אוּן אִיךְ קֶען נִישְׁט אַזוֹי וַוייטֶער אָנְגֵיין אִין לֶעבְּן.

מַיין שְׁאֵלָה אִיז וָואס אִיךְ דַארְף צוּ טוּן, זָאל אִיךְ רֶעדְן וֵוייניגֶער צוּ זֵיי? וַוייל אִיךְ שְׁפִּיר אַז וֶוען אִיךְ רֶעד צוּ זֵיי מַאכְט עֶס מִיר גֶעפֶערְלִיךְ בְּעַצְבוּת.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַארְ'ן נֶעמֶען דִי צַייט מִיר צוּ עֶנְטְפֶערְן.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, כ"ט שְׁבַט, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

**דַאנְקְטְס** אוּן לוֹיבְּטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיר הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט אוּן זֶעטְס וַוייטֶער צוּ לֶעבְּן אַ לֶעבְּן פוּן גַּן עֵדֶן.

**אִיר** שְׁרַייבְּט אַז אַייעֶר מַאן הָאט גֶעמַאכְט אַ סִיוּם אוֹיף מִשְׁנַיוֹת; דַארְפְט אִיר זֶען צוּ מַאכְן פַאר אִים אַ שֵׁיינֶער סִיוּם.

**שְׁלֹמֹה** הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי יד, א): "חַכְמוֹת נָשִׁים בָּנְתָה בֵיתָהּ", אַ קְלוּגֶע פְרוֹי בּוֹיט אוֹיף אִיר הוֹיז; אַ קְלוּגֶע פְרוֹי, וֶוען זִי זֶעט אִיר מַאן לֶערְנֶען, מַאכְט זִי אַ גַאנְצֶע טְרַאסְק

דֶערְפוּן, זִי מַאכְט אַ שֵׁיינֶע סִיּוּם וְכוּ', וָואס דָאס מַאכְט אַז דֶער מַאן זָאל וַוייטֶער לֶערְנֶען. דֶערִיבֶּער אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב אַז יֶעדֶעס מָאל וֶוען אַייעֶר מַאן נֵרוֹ יָאִיר דֶערְצֵיילְט אַייךְ וֶועגְן אַ מַסֶכְתָּא וָואס עֶר הָאט מְסַיֵּים גֶעוֶוען זָאלְט אִיר מַאכְן אַ שֵׁיינֶע סְעוּדָה.

**בְּנוֹגֵעַ** אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן; אִיר זָאלְט רוּפְן אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן אוּן זֵיי דֶערְצֵיילְן שֵׁיינֶע זַאכְן. וֶוען עֶלְטֶערְן זֶעעֶן נַחַת בַּיי זֵייעֶרֶע קִינְדֶער אוּן אֵייניקְלֶעךְ דָאס מַאכְט זֵיי לֶעבְּן אוּן דָאס גֶעבְּט זֵיי כֹּחַ וַוייטֶער אָנְצוּגֵיין. אוּן פַארְקֶערְט אוֹיךְ, וֶוען עֶלְטֶערְן זֶעעֶן וִוי דִי קִינְדֶער פִירְן זִיךְ נִישְׁט אוֹיף אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, טוּט דָאס פַארְקֶערְצֶערְן זֵייעֶר לֶעבְּן ה' יְרַחֵם. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת בָּנִים, סִימָן מב): "בָּנִים הַטּוֹבִים, רְפוּאָה גְּדוֹלָה לָאָבוֹת", וֶוען עֶלְטֶערְן זֶעעֶן וִוי קִינְדֶער פִירְן זִיךְ וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, דָאס הֵיילְט זֵיי אוֹיס.

**דֶערְפַאר** זָאלְט אִיר וַוייטֶער רֶעדְן מִיט אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן. עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין גְרֶעסֶערֶע מִצְוָה פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּנָּא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּה, פָּרָשָׁה כו): "כָּל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, וְאֵין הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מְבַקֵּשׁ מֵהָאָדָם רַק שֶׁיְּכַבֵּד אָב וָאֵם", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט: "דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז מַיינְס - אִיךְ הָאבּ עֶס בַּאשַׁאפְן אוּן אִיךְ בֶּעט פוּן עֶנְק נָאר אֵיין זַאךְ, אַז אִיר זָאלְט מְכַבֵּד זַיין עֶנְקֶערֶע עֶלְטֶערְן"; אִיר זָאלְט זֵיי וַוייטֶער רוּפְן וְכוּ' אוּן אַז זֵיי גִיסְן זִיךְ אוֹיס זֵייעֶר הַארְץ פַאר אַייךְ, זֵיי דֶערְצֵיילְן אַייךְ זֵייעֶרֶע צָרוֹת - זָאלְט אִיר בֶּעטְן אַ תְּפִילָּה

פַאר זֵיי. אָבֶער אוֹיבּ דָאס שְׁטֶערְט אַייעֶר לֶעבְּן, אִיר שְׁפִּירְט וִוי דָאס שְׁלֶעפְּט אַייךְ צוּרִיק צוּ אַייעֶרֶע יְסוּרִים פוּן אַלְס קִינְד, זָאלְט אִיר זִיךְ אַרוֹיסְדְרֵייעֶן וְכוּ', וַוייל אִיר קֶענְט נִישְׁט מַאכְן אַז אַייעֶר לֶעבְּן זָאל זִיךְ אָפְּשְׁטֶעלְן. מֶען דַארְף וִויסְן וִוי אַזוֹי צוּ גֵיין צְווִישְׁן דִי טְרָאפְּן.

רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶעבֶּעטְן זַיין וַוייבּ אוּן טֶעכְטֶער אַז וֶוען זֵיי צִינְדְן אָן דִי שַׁבָּת לֶעכְט זָאלְן זֵיי בֶּעטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אַזוֹי וִוי אִיךְ צִינְד אָן דִי שַׁבָּת לֶעכְט אוּן אִיךְ מַאךְ לִיכְטִיג דָא אִין שְׁטוּבּ, זָאלְסְטוּ אַרַיין שַׁיינֶען אִין אַלֶע אִידְן דִי לִיכְט פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן"; דָאס זֶעלְבֶּע זָאלְט אִיר אוֹיךְ טוּן. וֶוען אִיר צִינְדְט אָן דִי שַׁבָּת לֶעכְט זָאלְט אִיר בֶּעטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אַזוֹי וִוי אִיךְ צִינְד אָן דִי שַׁבָּת לֶעכְט, מַאךְ לִיכְטִיג פַאר אַלֶע אִידְן אוּן הֶעלְף אַרוֹיס אַלֶע וָואס מוּטְשֶׁען זִיךְ מִיט שְׁוֶועריקַייטְן. הֶעלְף אַרוֹיס מַיין טַאטֶע עֶר זָאל זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק. אוּן הֶעלְף אַרוֹיס מַיין מַאמֶע זִי זָאל הָאבְּן אַבִּיסְל מְנוּחָה אִין אִיר לֶעבְּן".

מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס גֶעשֶׁעט וֶוען אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין קוּמְט אוּן הֶערְט אוֹיס וִוי דֶער מֶענְטְשׁ רֶעדְט צוּ אִים. אַלֶע מַלְאָכִים פְרֶעגְן: "וואוּ אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער? וָואס טוּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער?" עֶנְטְפֶערְט מֶען זֵיי אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז יֶעצְט עוֹסֵק מִיט אַ אִיד וָואס וֵויינְט צוּ אִים אוּן טַעְנָה'ט זִיךְ מִיט אִים. פְרֶעגְן אַלֶע: "פַארְוָואס זָאל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין עוֹסֵק זַיין מִיט זֵיי? מִיר וֶועלְן אוֹיסְהֶערְן דִי טַעֲנוֹת אוּן עוֹסֵק

זַיין מִיט זַיי!" זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער: "נֵיין - אֲנָא וְהוּא בִּלְחוֹדָנָא - אִיךְ ווִיל זִיךְ אַלֵיינְס אָפְּגֶעבְּן מִיט אִים (זוהר פָּרָשַׁת בָּלָק, קצה.)".

אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט דַארְפְט אִיר אוֹיךְ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי נִיסִים וָואס עֶר טוּט מִיט אַייךְ, אַז אִיר הָאט אַזוֹי גוּט חֲתוּנָה גֶעהַאט, אַז אַייעֶר מַאן לֶערְנְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוּן אַז אִיר וֵוייסְט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

זַייטְ'ס פְרֵיילִיךְ אוּן מִיט שִׂמְחָה וֶועט אִיר אַלֶעס אוֹיס פּוֹעֶלְ'ן.

## רמז

**וָואס טוּ אִיךְ וֶוען אִיךְ רֶעד מִיט מַיין ווַייבּ אוּן מַיין מַאמֶע רוּפְט אַרַיין?**

### שְׁאֵלָה:

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה טוּט אַריינְצוּבְּרֶענְגֶען דִי לִימוּדִים אוּן עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אַזוֹי וִוי מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן וִוי אַזוֹי אִיךְ דַארְף זִיךְ פִירְן וֶוען אִיךְ הַאלְט אִינְמִיטְן רֶעדְן מִיט מַיין ווַייבּ אוֹיפְ'ן טֶעלֶעפָאן אוּן מַיין טַאטֶע אָדֶער מַאמֶע רוּפְן מִיר אַרַיין אִינְדֶערְמִיט. אִיךְ ווִיל אוּן אִיךְ דַארְף זַיי בֵּיידֶע מְכַבֵּד זַיין אוּן בֵּיידֶע נִישְׁט פַארְשֶׁעמֶען אָדֶער מְצַעֵר זַיין, וִוי אַזוֹי פִיר אִיךְ זִיךְ אִין אַזַא מַצָּב?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, כ"ט שְׁבַט, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**מִיר** דַארְפְן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ וִויסְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "אִם קֵיסָרִים וּמְלָכִים הָיוּ יוֹדְעִים אֵיךְ אֲנִי מְלַמֵּד אֶת אַנְשֵׁי דֶּרֶךְ אֶרֶץ, הָיוּ שׁוֹלְחִים אֶת בְּנֵיהֶם אֵלַי לִלְמוֹד דֶּרֶךְ אֶרֶץ", וֶוען קֶענִיגְן וָואלְטְן גֶעווּאוּסְט וָואס פַּאר אַ דֶּרֶךְ אֶרֶץ אִיךְ לֶערְן אוֹיס פַּאר מַיינֶע תַּלְמִידִים וָואלְטְן זֵיי גֶעשִׁיקְט זֵייעֶרֶע קִינְדֶער צוּ מִיר אִיךְ זָאל זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען דֶּרֶךְ אֶרֶץ; דֶער שִׂיחָה אִיז מַמָּשׁ מְקוּיָּם גֶעוָוארְן בַּיי תַּלְמִידֵי הֵיכָל הַקּוֹדֶשׁ וָואס זֶענֶען זֵייעֶר מְכַבֵּד דִי טַאטֶע מַאמֶע.

**עֶס** אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג צוּ רוּפְן דִי עֶלְטֶערְן יֶעדְן טָאג; אַסַאךְ מָאל קֶען אַרִיבֶּערְגֵיין אַ גַאנְצֶע וָואךְ וָואס מֶען רֶעדְט נִישְׁט מִיט דִי עֶלְטֶערְן. דָאס קוּמְט בְּלוֹיז וַוייל מֶען וֵוייסְט נִישְׁט דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דִי מִצְוָה; מוֹהֲרָא"ש פְלֶעגְט יֶעדְן טָאג אָנְרוּפְן זַיין טַאטֶע גְלַייךְ נָאכְ'ן דַאוֶונֶען, דָאס אִיז גֶעוֶוען בַּיי מוֹהֲרָא"ש דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ.

**דָאס** וָואס דִי תּוֹרָה זָאגְט (בְּרֵאשִׁית ב, כד): "עַל כֵּן יַעֲזָב אִישׁ אֶת אָבִיו וְאֶת אִמּוֹ", מֵיינְט נִישְׁט צוּ זָאגְן אַז מֶען זָאל זִיךְ חַס וְשָׁלוֹם אָפְּלָאזְן פוּן דִי עֶלְטֶערְן. נָאר דִי כַּוָּונָה פוּן דֶעם אִיז צוּ זָאגְן: 'מִישׁ נִישְׁט אַרַיין דַיינֶע עֶלְטֶערְן אִין דַיין לֶעבְּן, רֶעד

זִיךְ נִישְׁט אָפּ פַאר זֵיי אוּן קְרֶעכְץ נִישְׁט פַאר זֵיי'; פַאר עֶלְטֶערְן דֶערְצֵיילְט מֶען נָאר גוּטְס אוּן מֶען בְּרֶענְגְט זֵיי נָאר נַחַת.

**אוֹיבּ** עֶפֶּעס דְרוּקְט אוּן מֶען קוּמְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיס אֵיינֶער מִיטְ'ן צְוֵוייטְן, עֶס אִיז דָא חֲלוּקֵי דֵעוֹת צְווִישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ, לוֹיפְט מֶען נִישְׁט דֶערְצֵיילְן פַאר דִי עֶלְטֶערְן, וַוייל דִי עֶלְטֶערְן הָאבְּן שׁוֹין גֶענוּג גֶעהַאט אִין זֵייעֶר לֶעבְּן, זֵיי זֶענֶען שׁוֹין גֶענוּג אַרִיבֶּער וְכוּ', יֶעצְט אִיז זֵייעֶר צַייט צוּ שֶׁעפְּן נָאר נַחַת; נָאר מֶען גֵייט צוּ אַן עֶרְלִיכֶער אִיד עֶר זָאל מְחַזֵק זַיין דָאס פָּארְפָּאלְק אוּן זֵיי וַוייזְן ווִי אַזוֹי מֶען קֶען לֶעבְּן בָּזֶה הָעוֹלָם אִין גַן עֵדֶן וְכוּ'.

**אִין** דִי זֶעלְבֶּע צַייט הַאלְט מֶען חָשׁוּב דִי וַוייבּ וְכוּ'; וַוייל שָׁלוֹם בַּיִת אִיז אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אַ יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת. מוֹהֲרָא"שׁ הָאט זִיךְ זַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן אַוֶועק גֶעגֶעבְּן עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם בַּיי אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

**מוֹהֲרָא"שׁ** זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה בְּרֶענְגְט אַ מַאֲמַר הֶחָכָם: "מִן הַזְהִירוּת - לֹא לְהִזָהֵר כָּל כַּךְ"; וֶוען מֶען רֶעדְט מִיט דִי עֶלְטֶערְן אָדֶער מִיט דִי וַוייבּ אוּן אַ צְוֵוייטֶער רוּפְט אַרַיין, אוֹיבּ אִיז וִויכְטִיג וָואס מֶען רֶעדְט יֶעצְט וְכוּ' רוּפְט מֶען יֶענֶעם שְׁפֶּעטֶער צוּרִיק. אוּן אַז מֶען ווֵייסְט אַז יֶענֶער הָאט עֶפֶּעס וִויכְטִיג גֵייט מֶען צוּ יֶענֶעם וְכוּ'.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# רמח

## פַארְוָואס הָאט דֶער רֶבִּי גֶעמַאכְט דֶעם נִיגּוּן "עוֹז וְהָדָר לְבוּשָׁהּ" בַּיי זַיין טָאכְטֶערְ'ס חֲתוּנָה?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ מַאךְ אִם יִרְצֶה ה' חֲתוּנָה אַ טָאכְטֶער אִין עֶטְלִיכֶע וָואכְן אַרוּם, אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעמַאכְט דֶעם בַּאקַאנְטְן נִיגּוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער: "עוֹז וְהָדָר לְבוּשָׁהּ" לְכָבוֹד זַיין טָאכְטֶערְ'ס חֲתוּנָה. הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן וָואס אִיז דִי טִיפֶערֶע כַּוָּונָה אוּנְטֶער דֶעם, וָואס קֶען אִיךְ אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן דֶעם נִיגּוּן לְכָבוֹד מַיין טָאכְטֶערְ'ס חֲתוּנָה?

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַארְ'ן נֶעמֶען דִי צַייט צוּ עֶנְטְפֶערְן.

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, א' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֲדָר, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער נִיגּוּן הָאט נִישְׁט דֶער רֶבִּי גֶעמַאכְט; דִי מַעֲשֶׂה אִיז גֶעוֶוען בַּיי אֵיינֶער פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ רֶבִּי מֵאִיר לֵייבּ בְּלֶעכֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה. עֶר אִיז גֶעוֶוען דֶער רֶבִּי פוּן רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּן רֶבִּי נַחְמָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט מִיט אִים זֵייעֶר אַסַאךְ גְמָרָא, רַשִׁ"י אוּן תּוֹסְפוֹת, זֵיי הָאבְּן דוּרְכְגֶעלֶערְנְט פִילֶע מַסֶכְתּוֹת אִין שַׁ"ס.

רֶבִּי מֵאִיר לֵייבּ אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער אָרֶעמַאן, אֵיינְמָאל הָאט עֶר גֶעהַאלְטְן פַאר דִי חֲתוּנָה פוּן אַ טָאכְטֶער אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין גֶעלְט צוּ קוֹיפְן פַאר אִיר אַ קְלֵייד, וֶוען זַיין טָאכְטֶער דִי כַּלָה הָאט אִים גֶעבֶּעטְן: "טַאטֶע, וָואס וֶועט זַיין מִיט אַ קְלֵייד?" הָאט עֶר אִיר גֶעזִינְגֶען דֶעם בַּאקַאנְטְן נִיגוּן אוֹיפְ'ן פָּסוּק (מִשְׁלֵי לא, כה): "עֹז וְהָדָר לְבוּשָׁהּ וַתִּשְׂחַק לְיוֹם אַחֲרוֹן"; דֶעמָאלְט הָאט עֶר פַארְפַאסְט דֶעם לִיד אוּן פוּן אִים אִיז דֶער נִיגוּן גֶעוָוארְן בַּאוואוּסְט צְווִישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ.

לְמַעֲשֶׂה הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעהָאלְפְן אַז מַמָּשׁ פַאר דִי חֲתוּנָה אִיז גֶעשֶׁען אַ נֵס אוּן עֶר הָאט גֶעקֶענְט קוֹיפְן קְלֵיידֶער וְכוּ'.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֵוייסְט אַז אֵיין טָאג וֶועט עֶר דַארְפְן צוּרִיק גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דֶעמָאלְט כַאפְּט עֶר אַרַיין יֶעדְן טָאג גוּטֶע זַאכְן; עֶר כַאפְּט אַרַיין זַאכְן וָואס וֶועלְן אִים אִיבֶּערְבְּלַייבְּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט מִיטְ'ן תַּכְלִית גֵייט אִים נִישְׁט אָן צִי מֶען לַאכְט פוּן אִים, וַוייל עֶר וֵוייסְט אַז לַאכְן לַאכְט דֶער וָואס לַאכְט בַּיים סוֹף. עֶר קוּקְט נִישְׁט אוֹיף מֶענְטְשְׁן וָואס מַאכְן אַוֶועק דֶעם סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד פוּן רֶבִּי'ן (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), עֶר קוּקְט אוֹיף זִיךְ. עֶר נֶעמְט יֶעדְן טָאג אַ חוּמָשׁ, אַ מִשְׁנָיוֹת, אַ גְמָרָא אוּן לֶערְנְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, עֶר קוּקְט נִישְׁט אוֹיף גָארְנִישְׁט - צִי עֶר פַארְשְׁטֵייט יָא צִי עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט.

**דֶערְפַאר** זִינְגֶען דִי בְּרֶסְלֶב'עֶר חֲסִידִים זֵייעֶר אַסַאךְ דֶעם נִיגּוּן: "עֹז וְהָדָר לְבוּשָׁהּ וַתִּשְׂחַק לְיוֹם אַחֲרוֹן", מֶען חַזֶר'ט וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שְׁמוֹת רַבָּה נב, ג): "אֵימָתַי הַתּוֹרָה מְשַׂחֶקֶת לְמִי שֶׁהוּא עָמֵל בָּהּ? לְיוֹם אַחֲרוֹן, הֱוֵי 'וַתִּשְׂחַק לְיוֹם אַחֲרוֹן'"; אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט יֶעדְן טָאג גֶעלֶערְנְט, וֶוען עֶר וֶועט אַוֶועק גֵיין פוּן דֶער וֶועלְט וֶועט עֶר לַאכְן פוּן אַלֶעמֶען, דִי תּוֹרָה וֶועט אִים אַנְטְקֶעגְן קוּמֶען וִוי אַ שֵׁיינֶע קְלֵייד.

**אַז** דוּ שְׁטֵייסְט יֶעצְט פַאר'ן חֲתוּנָה מַאכְן דַיין טָאכְטֶער זָאלְסְטוּ נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶע חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט מִיט עֶנְק אוּן דוּ זָאלְסְט נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן בֶּעטְן אוֹיף וַוייטֶער.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר גֶעבְּן אַסַאךְ אִידִישׁ נַחַת פוּן אַלֶע דַיינֶע קִינְדֶער, אָמֵן.

## רמט

**וִוי אַזוֹי מַאךְ אִיךְ זִיס אוּן פְרֵיילִיךְ דֶעם יוֹם טוֹב?**

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַז דִי וָואךְ גֵייט זַיין אַ שִׁיעוּר פַאר פְרוֹיעֶן, הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט בֶּעטְן אוֹיבּ אִיר קֶענְט רֶעדְן אַבִּיסְל אִיבֶּער דִי שֵׁיינְקֵייט פוּנֶעם יוֹם טוֹב פּוּרִים, אוּן נָאךְ מֶער - אִיבֶּער דִי שֵׁיינְקֵייט פוּנֶעם יוֹם טוֹב פֶּסַח.

בַּיי מִיר אִינְדֶערְהֵיים אִיז דֶער מַצָּב אַזוֹי אָנְגֶעשְׁטְרֶענְגְט אִין דִי טֶעג פוּן דִי יָמִים טוֹבִים אַז אִיךְ שְׁפִּיר נִישְׁט קַיין שׁוּם שֵׁיינְקֵייט אִין דִי הֵיילִיגֶע יָמִים טוֹבִים, פוּן חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבָט הוֹיבְּט זִיךְ שׁוֹין אָן בַּיי אוּנְז דִי פְּרֶעשׁוּר פוּן פֶּסַח.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע חִיזּוּק וָואס אִיךְ בַּאקוּם פוּן אַייךְ, וּבִפְרָט אוֹיף דֶעם וָואס אִיר מַאכְט דִי תּוֹרָה אוּן אִידִישְׁקֵייט פַאר אַ זִיסֶע זַאךְ.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, א' דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֲדָר, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קלה): "אִם הוּא מְקֻשָּׁר לְהַצַּדִּיק, יוּכַל לְהַרְגִּישׁ קְדוּשַּׁת יוֹם טוֹב"; דָאס קֶען מֶען מַמָּשׁ זֶען בְּחוּשׁ, אַז וֶוען מֶען וֶוערְט מְקוֹרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ שְׁפִּירְן דִי קְדוּשָּׁה פוּן יוֹם טוֹב אוּן מֶען וַוארְט אוֹיפְ'ן יוֹם טוֹב. אַלֶע קֶענֶען מֵעִיד זַיין אַז זַייט מֶען אִיז בַּיים רֶבִּי'ן הָאט אַ יוֹם טוֹב אַלֶע טַעֲמִים; פַאר מֶען אִיז גֶעקוּמֶען צוּם צַדִּיק אִיז יֶעדֶע יוֹם טוֹב גֶעוֶוען אַן אָנְגֶעצוֹיגֶענֶער צַייט, אָבֶּער אַז מֶען אִיז בַּיים רֶבִּי'ן, מֶען לֶערְנְט דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, מֶען פָאלְגְט דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת, אִיז יֶעדֶע יוֹם טוֹב אַ פְּרֵייליכֶע צַייט.

**דֶער** יֵצֶר הָרָע צִיטֶערְט זֵייעֶר וֶוען עֶס קוּמְט יוֹם טוֹב. עֶר וֵוייסְט אַז אַ גַאנְץ יָאר זֶענֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער פַארְפְּלָאנְט

מִיט פַּרְנָסָה וְכוּ׳, עֶס קוּמְט נִישְׁט אוֹיס קַיין צַייט צוּ פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט דִי קִינְדֶער אוּן יוֹם טוֹב וֶועט דָאךְ אַרוֹיס קוּמֶען דֶער אֱמֶת וֶוער דֶער אִיד אִיז, אַלֶעס וָואס עֶר הָאט מַלְשִׁין גְעוֶוען אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער וֶועט אַוֶועק פַאלְן אוּן זַיין גַאנְצֶע אַרְבֶּעט וֶועט צוּנִישְׁט וֶוערְן, ווַייל מֶען וֶועט זֶען ווִי אִידְן פַארְבֶּענְקֶען זִיךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן יוֹם טוֹב וְכוּ׳, מֶען נֶעמְט אוֹיף דֶעם יוֹם טוֹב מִיט אַזַא שֵׁיינְקֵייט, מֶען גְרֵייט זִיךְ אוּן מֶען פְרֵיידְט זִיךְ צוּם יוֹם טוֹב וְכוּ׳, דֶערְפַאר מַאכְט עֶר אַן אָנְגֶעצוֹיגְנְקֵייט.

דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט דֶערְצֵיילְט אַ מַעֲשֶׂה, עֶס אִיז גְעוֶוען אַ אִיד וָואס הָאט זִיךְ נִישְׁט גְעקֶענְט צוּזַאמְנֶעמֶען אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גְעקֶענְט טְרֶעפְן זַיינֶע חֲפֵצִים אִינְדֶערְפְרִי. עֶס הָאט אִים גְענוּמֶען לַאנְגֶע שָׁעוֹת יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי ווִילַאנְג עֶר הָאט גְעטְרָאפְן אַלֶע זַיינֶע קְלֵיידֶער וְכוּ׳, הָאט אִים אֵיינֶער גְעגֶעבְּן אַן עֵצָה אַז עֶר זָאל אָפְּשְׁרַייבְּן יֶעדְן טָאג פַאר עֶר גֵייט שְׁלָאפְן אוֹיף אַ צֶעטְל וואוּ עֶר לֵייגְט יֶעדֶע זַאךְ, אַזוֹי אַז אִינְדֶערְפְרִי וֶועט עֶר אַלֶעס טְרֶעפְן. עֶר הָאט אַזוֹי גֶעטוּן; עֶר הָאט אַרָאפּ גֶעשְׁרִיבְן אוֹיפְ׳ן צֶעטְל: דִי הוּט לִיגְט דָא, דֶעם רֶעקְל לֵייג אִיךְ דָא, מַיינֶע הוֹיזְן הֶענְגְט דָארְט אוּן מַיין מַאנְטְל דָארְט וְכוּ׳, וְכוּ׳. אִינְדֶערְפְרִי וֶועקְט עֶר זִיךְ אוֹיף אוּן עֶר גֵייט אִיבֶּער דֶעם צֶעטְל, עֶס אִיז מַמָּשׁ אַ מְחַיֶ׳, עֶר הָאט גְעטְרָאפְן יֶעדֶע זַאךְ. אָבֶּער עֶר הֵייבְּט אָן שְׁרַייעֶן: ״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, מַיינֶע חֲפֵצִים וֵויים אִיךְ וואוּ זֵיי גֶעפוּנֶען זִיךְ, אָבֶּער וואוּ בִּין אִיךְ אַלֵיין?!״

**זָעט** מֶען פוּן דֶעם אַ מוֹרָא׳דִיגֶע זַאךְ, וֶוען עֶס קוּמְט יוֹם טוֹב אוּן אַ מֶענְטְש גְרֵייט זִיךְ אָן מִיט אַלֶע פִּיטְשֶׁעוְוקֶעס אוּן אַלֶעס קְלַאפְּט, נַייֶע וֶועש, נַייֶע בֶּעקִיטְשֶׁעס, נַייֶע קָאךְ וְכוּ׳; אָבֶער וָואס פַאר אַ פָּנִים הָאט דָאס וֶוען דֶער מֶענְטְש אַלֵיין אִיז נִישְׁט דָא, עֶר אִיז פוּל מִיט עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, עֶר אִיז צוּקְרִיגְט מִיט דִי מִשְׁפָּחָה, אָנְגֶעבְּלָאזְן וְכוּ׳.

**אֵיין** יָאר עֶרֶב סוּכּוֹת הָאט רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער גֶעהָאלְפְן זַיין רֶבִּי - רֶבִּי נָתָן אוּיפְשְׁטֶעלְן דִי סוּכָּה, וֶוען עֶר הָאט גֶעעֶנְדִיגְט הָאט עֶר זִיךְ אוּיסְגֶעדְרוּקְט פַאר רֶבִּי נָתָן: ״אַז מֶען אַרְבֶּעט אַלֵיין אוּיפְצוּשְׁטֶעלְן דִי סוּכָּה שְׁפִּירְט מֶען אַן אַנְדֶערֶע טַעַם אִינֶעם יוֹם טוֹב״, הָאט אִים רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: ״דָאס הָאסְטוּ נָאךְ נִישְׁט פְּרוּבִּירְט, צוּ בֶּעטְן עֶרֶב סוּכּוֹת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: ׳רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ וִויל שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִינֶעם יוֹם טוֹב סוּכּוֹת׳, וָואס פַאר אַ טַעַם מֶען שְׁפִּירְט דֶעמָאלְט אִינֶעם יוֹם טוֹב סוּכּוֹת״; אָן תְּפִילָה הָאט גָארְנִישְׁט קַיין טַעַם, וִויפִיל מֶען פְּרוּבִּירְט אַרַיין צוּ לֵייגְן כּוֹחוֹת וְכוּ׳, אוּיב נֶעמְט מֶען נִישְׁט אַרַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאט עֶס יֶענֶע טַעַם.

**דָאס** אִיז נִישְׁט דַוְקָא בַּיי דִי מִצְוָה פוּן סוּכָּה. דָאס זֶעלְבֶּע אִיז בַּיי יֶעדֶע יוֹם טוֹב אוּן בַּיי יֶעדֶע מִצְוָה; וִוי מֶער אַ מֶענְטְש בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר וִויל זוֹכֶה זַיין צוּ אַ שֵׁיינֶע יוֹם טוֹב אוּן צוּ אַ פְרֵיילִיכֶע יוֹם טוֹב, הָאט עֶר אַ שֵׁיינֶעם יוֹם טוֹב.

**מוֹהֲרָא"ש** פְלֶעגְט יֶעדֶעס יָאר פֶּסַח דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה פוּן רֶבִּי דָוִד מִמִיקוֹלֵייב זֵכֶר צַדִיק לִבְרָכָה, אַ תַּלְמִיד פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וָואס הָאט זִיךְ אוּנְטֶערְגֶענוּמֶען צוּ מַאכְן וַויין פַארְ'ן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב. עֶר הָאט עֶס אַלֵיין גֶעמַאכְט מִיט אַלֶע חוּמְרוֹת, מִיט אַלֶע עִנְיָנִים אוּן מִיט אַלֶע בְּחִינוֹת וְכוּ' וְכוּ'; אוֹיפְ'ן וֶועג אַהֵיים הָאט מֶען אִים אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט בַּיים גְרֶענִיץ, רֶבִּי דָוִד הָאט זֵייעֶר גֶעהָאפְט אַז מֶען גֵייט נִישְׁט עֶפֶענֶען דֶעם טֵייעֶרְן פַאס, אָבֶער צוּ זַיין גְרוֹיס וֵוייטָאג הָאט דֶער גְרֶענִיץ וֶועכְטֶער גֶעעֶפֶנְט דִי וַויין אוּן עֶס גֶעמַאכְט יַיִן נֶסֶךְ. לְמַעֲשֶׂה אִיז עֶר צוּרִיקְגֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב מִיט לֵיידִיגֶע הֶענְט אוּן עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר צֶעבְרָאכְן פַארְוָואס דָאס הָאט פַּאסִירְט, הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב גֶעפְרֶעגְט: "הָאסְטוּ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אַלֶעס זָאל זִיךְ אוֹיסְאַרְבֶּעטְן לְטוֹבָה?" הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט פַארְ'ן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב אַז עֶר הָאט טַאקֶע אִינְגַאנְצְן פַארְגֶעסְן צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**זֶעט** מֶען פוּן דֶעם אַז אָן תְּפִילָה אִיז אַ שָׁאד דִי הָארֶעוַואנְיֶע; דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ בֶּעטְן יֶעדְן טָאג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ זָאלְסְט נִישְׁט נִכְשָׁל וֶוערְן מִיט חָמֵץ חַס וְשָׁלוֹם אוּן אַז דוּ זָאלְסְט הָאבְן אַ פְרֵיילִיכֶע יוֹם טוֹב פֶּסַח, אַזוֹי וֶועסְטוּ זִיכֶער הָאבְן אַ פְרֵיילִיכֶע יוֹם טוֹב.

**אִיךְ** שְׁרַייבּ דִיר אַ קְלֵיינֶע תְּפִילָה וָואס צוּ בֶּעטְן בִּיז יוֹם טוֹב פֶּסַח:

"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ מְקַבֵּל זַיין דֶעם הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב בְּשִׂמְחָה וּבְטוּב לֵבָב אוּן אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אָפְּגֶעהִיטְן אוּן נִישְׁט נִכְשָׁל וֶוערְן אִין אַ מַשֶׁהוּ חָמֵץ. הֶעלְף מִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז אִיךְ זָאל זִיךְ פְרֵייעֶן אַ גַאנְץ יוֹם טוֹב, אִיךְ זָאל מִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן אוֹיף מַיין מִשְׁפָּחָה אוּן אִיךְ זָאל לִיבּ הָאבְּן צוּ פַארְבְּרֶענְגֶען אִין שְׁטוּב מִיט מַיין מִשְׁפָּחָה.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער, יֶעדֶעס מָאל וֶוען עֶס קוּמְט אַ יוֹם טוֹב וֶוער אִיךְ אָנְגֶעצוֹיגְן אוּן אִיךְ שְׁפִּיר וִוי דִי מָרָה שְׁחוֹרָה אִיז זִיךְ אוֹיף מִיר מִתְגַבֵּר, עֶס אִיז בַּיי מִיר אוֹיסְגֶעלָאשְׁן דִי לִיבְּט פוּן יוֹם טוֹב אוּן אִיךְ שְׁפִּיר נִישְׁט קַיין שׁוּם טַעַם אִין יוֹם טוֹב.

הֶעלְף מִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן צוּפְרִידְן. הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן מִיט קֵיינֶעם, אִיךְ זָאל לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה אוּן אִיךְ זָאל שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען אַז דוּ בִּיסְט מִיט מִיר, בַּיי מִיר אוּן נֶעבְּן מִיר".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ מְקַיֵּים זַיין אַלֶע מִצְוֹות פוּן יוֹם טוֹב מִיט אַ שִׂמְחָה.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת שִׂמְחָה, סִימָן א): "כְּשֶׁאָדָם עוֹשֶׂה מִצְוָה בְּשִׂמְחָה, זֶה סִימָן שֶׁלִּבּוֹ שָׁלֵם לֵאלֹקָיו", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ, עֶר טוּט דִי מִצְוֹות פְרֵיילִיכֶערְהֵייט, אִיז אַ סִימָן אַז עֶר אִיז אַן עֶרְלִיכֶע אִיד.

# רנ

## מֶעג מֶען גֶעבְּן מִילְכִיגְס בַּיי אַ סְעוּדַת בְּרִית?

### שְׁאֵלָה:

**לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען בִּילְדֶער פוּן אַ סְעוּדַת בְּרִית בַּיי אַייךְ אִין שׁוּל, אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אַז מֶען הָאט צוּגֶעגְרֵייט דָארְט אַ מִילְכִיגֶע סְעוּדָה.

הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיף דֶעם, אַז עֶס אִיז דָאךְ אָנְגֶענוּמֶען בַּיי אִידִישֶׁע קִינְדֶער אַז מֶען דַארְף מַאכְן אַ פְלֵיישִׁיגֶע סְעוּדָה, אַזוֹי וֶוערְט גֶע'פַּסְקְ'נְט אִין מָגֵן אַבְרָהָם לַהֲלָכָה אוּן דָאס אִיז אוֹיךְ אַ סְגוּלָה אַז דָאס קִינְד זָאל לֶערְנֶען גְמָרָא וְכוּ'.

סְפֶּעצִיעֶל אַייעֶרע תַּלְמִידִים, וָואס אִיר רֶעדְט דָאךְ אַסַאךְ פוּן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן לֶערְנֶען גְמָרָא, וָואלְטְן זֵיי זִיכֶער גֶעדַארְפְט מַקְפִּיד זַיין צוּ גֶעבְּן אַ פְלֵיישִׁיגֶע סְעוּדָה וָואס אִיז מְסוּגָל אַז דָאס קִינְד זָאל לֶערְנֶען גְמָרָא.

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, א' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֲדָר, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**אַז** מֶען ווִיל זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן קִינְדֶער וָואס וֶועלְן לֶערְנֶען גְמָרָא דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; עֶלְטֶערְן דַארְפְן גִיסְן טַייכְן טְרֶערְן אַז זֵיי זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן קִינְדֶער וָואס וֶועלְן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. גוּטֶע קִינְדֶער

נֶעמְט מֶען נִישְׁט אַרָאפּ פוּן בוֹים אַזוֹי וִוי מֶען שְׁנַיידְט פֵּירוֹת, כְּדֵי צוּ הָאבְּן גוּטֶע קִינְדֶער אִיז נִישְׁט גֶענוּג אַז מֶען טוּט סְגוּלוֹת, נָאר מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל הָאבְּן קִינְדֶער וָואס וֶועלְן לֶערְנֶען און דַאוֶונֶען.

**אוֹיב** אִיר זוּכְט אַ סְגוּלָה אַז אַייעֶרע קִינְדֶער זָאלְן לֶערְנֶען, אִיז דָא אַ גוּטֶע סְגוּלָה; אַז דֶער טַאטֶע זָאל לֶערְנֶען אִין שְׁטוּבּ גְמָרָא אוֹיפְ'ן קוֹל וְכוּ'. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת בַּיִת, סִימָן ט): "כָּל בַּיִת שֶׁנִּשְׁמָעִין בּוֹ דִּבְרֵי תוֹרָה, שׁוּב אֵינוֹ נֶחֱרַב", אַ הוֹיז וָואס מֶען הֶערְט דָארְט אַ קוֹל תּוֹרָה וֶועט נִישְׁט חָרוּב וֶוערְן; דָאס הֵייסְט, אַז קִינְדֶער וָואס וַואקְסְן אוֹיף אִין אַ שְׁטוּבּ וואו מֶען הֶערְט דֶעם טַאטֶע'ן לֶערְנֶען בַּיינַאכְט, וֶועלְן זֵיי נִישְׁט חָרוּב וֶוערְן און זֵיי וֶועלְן אוֹיךְ לֶערְנֶען.

**דֶער** מְחַבֵּר זָאגְט (שֻׁלְחָן עָרוּךְ יוֹרֶה דֵּעָה, סִימָן רסה, סְעִיף יב): "נוֹהֲגִים לַעֲשׂוֹת סְעוּדָה בְּיוֹם הַמִּילָה", מֶען פִּירְט זִיךְ צוּ מַאכְן אַ סְעוּדָה וֶוען מֶען מַאכְט אַ בְּרִית; און דֶער רְמָ"א זָאגְט (שָׁם): "נָהֲגוּ לָקַחַת מִנְיָן לִסְעוּדַת מִילָה וּמִקְרֵי סְעוּדַת מִצְוָה", עֶס אִיז אַ סְעוּדַת מִצְוָה; און וִוייבַּאלְד אַ סְעוּדָה אִיז נָאר אַ סְעוּדָה וֶוען מֶען עֶסְט פְלֵייש, דֶערְפַאר פִּירְט מֶען זִיךְ צוּ גֶעבְּן דַוְקָא אַ פְלֵיישִׁיגֶע סְעוּדָה.

**לְמַעֲשֶׂה** מַאכְט מֶען בַּיי אוּנְזֶערֶע מְקוֹמוֹת זֵייעֶר פְּרִי דֶעם בְּרִית און זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן ווילְן זִיךְ נִישְׁט פְלֵיישִׁיג מַאכְן, דֶערְפַאר מַאכְט מֶען אַ מִילְכִיגֶע סְעוּדָה און מֶען גֶעבְּט פִישׁ וְכוּ', מֶען פַארְלָאזְט זִיךְ אַז וִוייבַּאלְד מֶען גֶעבְּט פִישׁ הֵייסְט דָאס אוֹיךְ אַ סְעוּדָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען וָואס דֶער רֶבִּי וויל פוּן אוּנְז און וָואס הֵייסְט אַ בְּרֶסְלֶבֶ׳עֶר חָסִיד; מִיר זָאלְן נִישְׁט מַאכְן פוּן טָפֵל אַן עִיקָר וְכוּ׳. קוּק וָואס דֶער רֶבִּי שְׁרַייבְּט פַאר זַיין אֵיידֶעם (מִכְתְּבֵי רַבֵּינוּ זַ״ל בִּתְחִלַּת סֵפֶר עָלִים לִתְרוּפָה): ״בִּקַּשְׁתִּי מֵאֲהוּבִי חֲתָנִי, שֶׁתִּלְמַד בְּכָל יוֹם שִׁיעוּר גְּמָרָא וּפוֹסֵק, שֶׁלֹּא תַּעֲשֶׂה חַס וְשָׁלוֹם מִטָּפֵל עִיקָר, רַק אֶת הָאֱלֹקִים יְרָא וְכוּ׳, כִּי זֶה כָּל הָאָדָם״, אִיךְ בֶּעט דִיר מַיין לִיבֶּער אֵיידֶעם, זָאלְסְט יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען גְּמָרָא און הֲלָכָה, זָאלְסְט נִישְׁט מַאכְן פוּן זַאכְן וָואס זֶענֶען נִישְׁט וויכְטִיג אַן עִיקָר וְכוּ׳.

## רנא

**ווי אַזוֹי קֶען אִיךְ בַּארוּאִיגְן דֶעם מַצָּב צוּפְרִי בַּיים צוּגְרֵייטְן דִי קִינְדֶער צוּם בָּאס?**

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א,

עֶס שְׁרַייבְּט צוּ אַייךְ אַ אִידִישֶׁע מַאמֶע; צוּם עֶרְשְׁט אַ גְרוֹיסְן דַאנְק פַאר דִי אַלֶע חִיזוּק וָואס אִיךְ בַּאקוּם פוּן אַייעֶרֶע שִׁיעוּרִים.

אִיךְ הָאבּ אַ פְּרָאבְּלֶעם, אַז יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי וֶוען אִיךְ מַאךְ גְרֵייט דִי קִינְדֶער צוּ קֶענֶען כַאפְּן דִי בָּאס צוּ גֵיין אִין חֵדֶר און אִין שׁוּלֶע, וֶוערְט זֵייעֶר אָנְגֶעצוֹיגְן דֶער מַצָּב בַּיי מִיר אִין שְׁטוּב. אִיךְ שְׁרֵיי אַסַאךְ און אִיךְ רֶעג זִיךְ אוֹיף דִי קִינְדֶער, דֶערְנָאךְ פִיל אִיךְ אַזוֹי שְׁלֶעכְט אַז אִיךְ הָאבּ אַזוֹיפִיל גֶעשְׁרִיגְן און זִיךְ גֶערֶעגְט אוֹיף זֵיי און אִיךְ וֶוער מַמָּשׁ שְׁוַואךְ פוּן דֶעם.

אֶפְשָׁר קֶענְט אִיר מִיר גֶעבְּן אַן עֵצָה וָואס צוּ טוּן? אַ גְרוֹיסְן יִישַׁר כֹּחַ פַאר'ן נֶעמֶען דִי כֹּחַ אוּן צַייט צוּ עֶנְטְפֶערְן.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת תְּרוּמָה, א' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֲדָר, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.**

**אוֹיף** דֶעם וָואס אִיר שְׁרַייבְּט אַז צוּפְרִי קוּמְט אַייךְ אָן זֵייעֶר שְׁוֶוער מִיט דִי קִינְדֶער וְכוּ'; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן ב): "וְדַרְכִּי, כְּשֶׁבָּא הַיּוֹם אֲנִי מוֹסֵר כָּל הַתְּנוּעוֹת שֶׁלִּי וְשֶׁל בָּנַי וְהַתְּלוּיִים בִּי עַל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ שֶׁיִּהְיֶה הַכֹּל כִּרְצוֹנוֹ יִתְבָּרַךְ, וְזֶה טוֹב מְאֹד", אִיךְ פִיר זִיךְ אַז יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי וֶוען אִיךְ שְׁטֵיי אוֹיף גֶעבּ אִיךְ זִיךְ אִיבֶּער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ גֶעבּ אִיבֶּער אַלֶע מַיינֶע מַחְשָׁבוֹת, אַלֶע מַיינֶע דִיבּוּרִים אוּן אַלֶע מַיינֶע מַעֲשִׂים פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, "גַּם אֲזַי אֵין צָרִיךְ לִדְאֹג וְלַחְשֹׁב כְּלָל: 'אִם מִתְנַהֵג כָּרָאוּי אִם לָאו', מֵאַחַר שֶׁסּוֹמֵךְ עָלָיו יִתְבָּרַךְ. וְאִם הוּא יִתְבָּרַךְ רוֹצֶה בְּעִנְיָן אַחֵר - הוּא מְרֻצֶּה לְהִתְנַהֵג בְּעִנְיָן אַחֵר כִּרְצוֹנוֹ יִתְבָּרַךְ", עֶס אִיז זֵייעֶר גוּט זִיךְ אִיבֶּער צוּ גֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן גְלַייךְ אִינְדֶערְפְרִי, אַזוֹי דַארְף אִיךְ נִישְׁט טְרַאכְטְן נָאכְדֶעם צִי אִיךְ הָאבּ גוּט גֶעטוּן אוּן אַז אֶפְשָׁר וָואלְט אִיךְ גֶעדַארְפְט טוּן פַארְקֶערְט. וַוייל אַז אִיךְ הָאבּ זִיךְ אִיבֶּער גֶעגֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז זִיכֶער אַלֶעס גוּט.

**אַז** מֶען נֶעמְט אָן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת אִיז דֶער לֶעבְּן אַסַאךְ גְרִינְגֶער; וֶוען מֶען הֵייבְּט אָן דֶעם טָאג מִיט תְּפִילָה, מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דִי טָאג זָאל זַיין מִיט הַצְלָחָה אוּן מֶען גֶעבְּט זִיךְ אִיבֶּער צוּ אִים, אִיז אַלֶעס גְרִינְגֶער.

**אַז** אִיר שְׁרַייבְּט אַז יֶעדְן אִינְדֶערפְרִי וֶוערְט אִיר אִיבֶּער גֶעשְׁטְרֶענְגְט מִיט דִי קִינְדֶער וְכוּ' וֶוען אִיר דַארְפְט זֵיי גְרֵייט מַאכְן צוּ גֵיין אִין חֶדֶר אוּן אִין שׁוּלֶע; אִיר שְׁרֵייט אוֹיף זֵיי אוּן נָאכְדֶעם טוּט אַייךְ וֵויי פַארְוָואס אִיר הָאט אוֹיף זֵיי גֶעשְׁרִיגְן וְכוּ', פְּרוּבִּירְט צוּ טוּן דִי עֵצָה וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעטוּן.

**יֶעדְן** אִינְדֶערפְרִי וֶוען אִיר שְׁטֵייט אוֹיף, זָאלְט אִיר זִיךְ אִיבֶּערְגֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים בֶּעטְן אוֹיפְ'ן טָאג אַז אִיר זָאלְט זַיין אַ גוּטֶע מַאמֶע, אַ רוּאִיגֶע מַאמֶע, אַ פְרֵיילִיכֶע מַאמֶע. אַלֶעס וֶוענְדְט זִיךְ אִין דִי מַאמֶע; וֶוען דִי מַאמֶע אִיז פְרֵיילִיךְ זֶענֶען דִי קִינְדֶער פְרֵיילִיךְ אוּן וֶוען דִי מַאמֶע אִיז אָנְגֶעצוֹיגְן, זֶעט מֶען עֶס גְלַייךְ אָן אוֹיף דִי קִינְדֶער. אַ מַאמֶע הָאט אוֹיף זִיךְ אַ גְרוֹיסֶע אַחְרָיוּת אוּן אַלֶעס וֶוענְדְט זִיךְ אִין אִיר, דֶערְפַאר בֶּעטְס אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף שִׂמְחָה.

**אִיךְ** שְׁרַייבּ אַייךְ אַ קְלֵיינֶע תְּפִילָה וָואס אִיר זָאלְט בֶּעטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר אַז הַיינְט זָאל אִיךְ נִישְׁט שְׁרַייעֶן אוֹיף מַיינֶע קִינְדֶער. אִיךְ זָאל רֶעדְן שֵׁיין צוּ זֵיי, אִיךְ זָאל זֵיי נִישְׁט פַארְשֶׁעמֶען אוּן אִיךְ זָאל חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט

שְׁרַייעֶן אוֹיף זֵיי מִיאוּס'עֶ וֶוערְטֶער. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער, הֶעלְף מִיר אַז מַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן פָּאלְגְן וָואס מֶען זָאגְט זֵיי, זֵיי זָאלְן מִיר נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן, אוּן אוֹיב זֵיי פָּאלְגְן נִישְׁט אוֹיף דִי סֶעקוּנְדֶע זָאל אִיךְ מִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן. אִיךְ גֶעבּ זִיךְ אִינְגַאנְצְן אִיבֶּער צוּ דִיר הֵיילִיגֶע בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ גֶעבּ דִיר אִיבֶּער אַלֶע מַיינֶע מַחְשָׁבוֹת אַלֶע מַיינֶע דִיבּוּרִים אוּן אַלֶע מַיינֶע מַעֲשִׂים פוּנֶעם הַיינְטִיגְן טָאג אוּן פוּן אַלֶע מַיינֶע טֶעג. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל זַיין גוּט-מוּטִיג, וַוייל וֶוען אִיךְ בִּין פְרֵיילִיךְ אִיז מַיין מַאן פְרֵיילִיךְ, אוּן אַז אִיךְ אוּן מַיין מַאן זֶענֶען פְרֵיילִיךְ זֶענֶען דִי קִינְדֶער רוּאִיג אוּן צוּפְרִידְן.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אוּן הֶעלְף מַיין מַאן אַז מִיר זָאלְן קֶענֶען אוֹיפְצִיעֶן אַ שֵׁיינֶע עֶרְלִיכֶע שְׁטוּבּ, מְגַדֵל זַיין אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער צוּ תּוֹרָה אוּן צוּ עֲבוֹדַת הַשֵׁם יִתְבָּרַךְ. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ דַארְף גָארְנִישְׁט אוּן אִיךְ וִויל גָארְנִישְׁט - נָאר עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, דֶער לֶעבְּן אִיז מִיר נִישְׁט וֶוערְד נָאר אַז מַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן. אִיךְ וִויל זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער וָואס וֶועלְן לִיכְטִיג מַאכְן דִי וֶועלְט, קִינְדֶער וָואס וֶועלְן נָאר טוּן דַיין וִוילְן. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל קֶענֶען חֲתוּנָה מַאכְן מַיינֶע קִינְדֶער יוּנְגֶערְהֵייט אוּן גְרִינְגֶערְהֵייט, מַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס אוּן זֵיי זָאלְן הָאבְּן נָאר עֶרְלִיכֶע חֲבֵרִים", דִי פָּאר שׁוּרוֹת דָאס אִיז נָאר אַ וֶועג צוּ וַוייזְן וִוי אַזוֹי אִיר זָאלְט אָנְהֵייבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער דֶער עִיקָר אִיז

אַז אִיר זָאלְט אַלֵיין רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַייעֶרֶע וֶוערְטֶער אוּן אִים בֶּעטְן אַלֶעס וָואס אִיר דַארְפְט.

**וֶוען** פְרוֹיעֶן זָאלְן וֶוען וִויסְן ווִי גְרוֹיס זֵייעֶר שְׂכַר אִיז אוֹיף דֶעם וָואס זֵיי הֶעלְפְן דִי אִינְגְלֶעךְ גֵיין אִין חֵדֶר אוּן דִי מֵיידְלֶעךְ אִין שׁוּלֶע, וָואלְטְן זֵיי גֶעוֶוען פְרֵיילִיךְ אוּן לוּסְטִיג מִיט דֶעם וָואס זֵיי קֶענֶען אוֹיפְשְׁטֵיין אִינֶדערְפְרִי אָנְגְרֵייטְן דִי קִינְדֶער וְכוּ׳. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים פְרֶעגְן (בְּרָכוֹת יז.): "נָשִׁים בְּמַאי זָכְיָין", מִיט וָואס זֶענֶען פְרוֹיעֶן זוֹכֶה צוּ עוֹלָם הַבָּא? "בְּאַקְרוּיֵי בְּנַיְיהוּ לְבֵי כְּנִישְׁתָּא וּבְאַתְנוּיֵי גַּבְרַיְיהוּ בֵּי רַבָּנָן", מִיט דֶעם וָואס זֵיי מַאכְן גְרֵייט דִי קִינְדֶער צוּ גֵיין אִין חֵדֶר אוּן דִי מֵיידְלֶעךְ אִין מֵיידְל שׁוּלֶע, "וְנָטְרִין לְגַבְרַיְיהוּ, עַד דְּאָתוּ מִבֵּי רַבָּנָן", אוּן זֵיי וַוארְטְן אָפּ דִי מֶענֶער וְכוּ׳, דָאס אִיז זֵייעֶר זְכוּת וָואס וֶועט זֵיי בְּרֶענְגֶען עוֹלָם הַבָּא.

**נָאךְ** זָאגְן חַזַ"ל (שָׁם): "גְּדוֹלָה הַבְטָחָה שֶׁהִבְטִיחָן הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא לְנָשִׁים יוֹתֵר מִן הָאֲנָשִׁים", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט פַאר דִי פְרוֹיעֶן מֶער שְׂכַר ווִי פַאר דִי מֶענֶער, וַוייל זֵיי הֶעלְפְן דִי קִינְדֶער אוּן דִי מַאן צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט זֶען נַחַת פוּן אַלֶע אַייעֶרֶע קִינְדֶער.

# רנב

## וֶוען וֶועל אִיךְ שׁוֹין טְרֶעפְן מַיין שִׁידוּךְ?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶועןְ צוּ בַּאקוּמֶען חַיוּת פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א שׁוֹין פַאר אַ יָאר אוּן אַ הַאלְבּ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל וַוייטֶער הֶעלְפְן. אִיךְ קְלֶער אַז אַזוֹי ווִי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה גֶעבְּט יֶעדְן טָאג פְרִישֶׁע דְרָשׁוֹת אוּן שְׁרַייבְּט פְרִישֶׁע בְּרִיוְן, דַארְף אִיךְ וֶוען יֶעדְן טָאג נָאכְאַמָאל זָאגְן אַ יְיַשֵׁר כֹּחַ פַארְ'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה אוֹיף דִי אַלֶע חִיזוּק...

אִיךְ בִּין אַ בָּחוּר פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, צְוָואנְצִיג יָאר אַלְט אוּן אִיךְ דַארְף אַ שִׁידוּךְ. מַיין פְּרָאבְּלֶעם אִיז אַז אִיךְ לֶערְן נִישְׁט אִין אַ יְשִׁיבָה אוּן אִיךְ הָאבּ אַ סְמַארְטְפָאוֹן. אִיךְ שְׁפִּיר אַז אִיךְ קֶען נִישְׁט אַוֶועק וַוארְפְן מַיין סְמַארְטְפָאוֹן, אִיךְ פִיל אַז אִיךְ דַארְף עֶס ווִיכְטִיג הָאבְּן סַיי בְּרוּחָנִיוּת אוּן סַיי בְּגַשְׁמִיוּת, סַיי דִי דְרָשׁוֹת פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס אִיךְ בַּאקוּם אוֹיפְ'ן טֶעלֶעפָאן, אוּן סַיי וַוייל אִיךְ ווִיל מִיטְהַאלְטְן דִי נַייעֶס אוּן דָאס גְלַייכְן.

אִיךְ קוּם פוּן אַן אַנְדֶערֶע חֲסִידוּת, לֶעצְטְנְס הָאבּ אִיךְ שׁוֹין אָבֶּער נִישְׁט קַיין גֶעפִיל צוּ יֶענֶע חֲסִידוּת, אִיךְ שְׁפִּיר אַז מַיין גַאנְצֶע חַיוּת אִיז נָאר פוּן בְּרֶסְלֶב, פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה אוּן פוּן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים. אִיךְ הָאבּ הַיינְט גֶעעֶנְדִיגְט דִי דְרִיטֶע מָאל מִשְׁנָיוֹת בָּרוּךְ ה', וָואס וֶועט אָבֶּער זַיין מִיט מַיין שִׁידוּךְ? וֶוער וֶועט מִיר וֶועלְן נֶעמֶען?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ נָאכְאַמָאל.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ג' אֲדָר, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אַשְׁרֶיךָ** וְאַשְׁרֵי חֶלְקְךָ אַז דוּ לֶערְנְסְט מִשְׁנָיוֹת כְּסִדְרָן לוֹיטְ'ן סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו) אוּן דוּ הָאסְט שׁוֹין זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מְסַיֵּם זַיין דֶעם דְרִיטְן מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה.

**עֶס** וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט (מֶדְרָשׁ תַּלְפִּיּוֹת, עָמוּד מא) אַז אָשֵׁר בֶּן יַעֲקֹב זִיצְט בַּיים טִיר פוּן גֵיהִנּוֹם אוּן וֶוען עֶר זֶעט אַ נְשָׁמָה וָואס הָאט אַסַאךְ גֶע'חַזֶר'ט מִשְׁנָיוֹת לָאזְט עֶר נִישְׁט אַרַיין דִי נְשָׁמָה אִין גֵיהִנּוֹם.

**מֶען** קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָּארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. דָאס אִיז גֶעוֶוען בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן דֶער עִיקָר, אַזוֹי וִוי עֶר הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יט): "נִכְסַפְתִּי מְאֹד לְהַמְשִׁיךְ אֶת הָעוֹלָם אֶל עֲשִׂיָּה, שֶׁיִּהְיֶה חִיּוּב אֵצֶל כָּל אֶחָד וְאֶחָד לִלְמוֹד כָּךְ וְכָךְ בְּכָל יוֹם וְלֹא יַעֲבוֹר וְכַיּוֹצֵא", אִיךְ וִויל זֵייעֶר שְׁטַארְק אַרַיין בְּרֶענְגֶען אִין דִי וֶועלְט אַז מֶען זָאל לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

**בְּנוֹגֵעַ** דַיין שִׁידּוּךְ וְכוּ'; גֶעדֶענְק גוּט וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה סח, ג): "מָצִינוּ בַּתּוֹרָה בַּנְּבִיאִים וּבַכְּתוּבִים שֶׁאֵין זִוּוּגוֹ שֶׁל אִישׁ אֶלָּא מִן הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא", מִיר גֶעפִינֶען אִין דִי תּוֹרָה אִין נְבִיאִים אוּן אִין כְּתוּבִים אַז

אַ שִׁידוּךְ הָאט נָאר מִיט'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. אִין דִי תּוֹרָה שְׁטֵייט (בְּרֵאשִׁית כד, נ): "וַיַּעַן לָבָן וּבְתוּאֵל, וַיֹּאמְרוּ, מֵה' יָצָא הַדָּבָר", אִין נְבִיאִים שְׁטֵייט (שׁוֹפְטִים יד, ד): "וְאָבִיו וְאִמּוֹ לֹא יָדְעוּ כִּי מֵה' הִיא", אוּן אִין כְּתוּבִים שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי יט, יד): "בַּיִת וָהוֹן נַחֲלַת אָבוֹת, וּמֵה' אִשָּׁה מַשְׂכָּלֶת", זֶעעֶן מִיר אִיבֶּערָאל אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט שִׁידוּכִים.

**אַז** דוּ וואוֹינְסְט אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל קֶענְסְטוּ זִיךְ גְרִינְג אַרִיבֶּער כַאפְּן קַיין יַבְנְאֵל צוּם צִיּוּן פוּן מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אוּן דָארְט אוֹיסְזָאגְן גַאנְץ סֵפֶר תְּהִילִים לִזְכוּתוֹ. וַוייל מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט מַבְטִיחַ גֶעוֶועְן בָּזֶה הַלָּשׁוֹן (צַוָּאַת מוֹהֲרָא"שׁ, אוֹת ה): "אִיךְ זָאג צוּ, אַז יֶעדֶער בָּחוּר אָדֶער מֵיידְל וָואס דַארְף אַ שִׁידוּךְ, אוּן זֵיי וֶועלְן קוּמֶען דָא צוּ מַיין קֶבֶר אוּן דוּרְכְזָאגְן גַאנְץ סֵפֶר תְּהִלִים פוּן אָנְפַאנְג בִּיז'ן סוֹף פַאר מַיין זְכוּת, וֶועל אִיךְ טוּן אַלֶעס וָואס אִיךְ קֶען אַז זֵיי זָאלְן טְרֶעפְן זֵייעֶר שִׁידוּךְ, אוּן דָאס זָאג אִיךְ צוּ מִיט אַ שְׁטַארְקֶע צוּזָאג".

**בְּנוֹגֵעַ** דַיין סְמַארְטְפָאוֹן וְכוּ'; ווִיסְן זָאלְסְטוּ אַז מִיר הָאבְּן אִין אוּנְזֶער דוֹר אַ צָרָה וָואס רוּפְט זִיךְ "אִינְטֶערְנֶעט". דָאס הָאט שׁוֹין חָרוּב גֶעמַאכְט זֵייעֶר אַסַאךְ אִידִישֶׁע קִינְדֶער, וַוייל אַז מֶען הִיט זִיךְ נִישְׁט דִי אוֹיגְן אוּן מֶען קוּקְט שְׁמוּצִיגֶע קְלִיפְּס, עֶקְלְדִיגֶע אוֹיסְגֶעלַאסֶענֶע קְלִיפְּס וְכוּ' בְּרֶענְגְט דָאס אַז מֶען זָאל פַארְלִירְן דִי אֱמוּנָה אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם רַחֲמָנָא לִצְלָן.

**דֶער** סַמֶ"ךְ מֶ"ם הָאט זִיךְ גֶעטְרָאפְן אַ גְרִינְגֶע וֶועג ווִי אַזוֹי עֶר קֶען אַרָאפּ וַוארְפְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, בָּחוּרִים אוּן

מֵיידְלֶעךְ, גְרִינְגֶערְהֵייט אִין עֲבֵירוֹת; אַנְשְׁטָאט דַארְפְן אַרְבֶּעטְן טָאג אוּן נַאכְט זַיי צוּ שְׁלֶעפְּן אוֹיף נִישְׁט גוּטֶע פְּלֶעצֶער, הָאט עֶר הַיינְט אַ גְרִינְגֶע וֶועג, דֶער בָּחוּר קוֹיפְט זִיךְ אַ סְמַארְטְפָאוֹן אָדֶער אַ טֶעבְּלֶעט וְכַדוֹמֶה לָזֶה, דַארְף עֶר שׁוֹין נִישְׁט גֵיין אִין עֶרְגֶעץ. עֶר זִיצְט בַּיי זִיךְ בַּאהַאלְטְן אוּן קוּקְט דָארְט אָפּ אַלֶע שְׁמוּץ וָואס אִיז דָא אוֹיף דִי וֶועלְט רַחֲמָנָא לִצְלָן. אִין אָנְהֵייבּ זֶעט עֶס אוֹיס זֵייעֶר גוּט, עֶס גְלַאנְצְט אוּן עֶס שְׁמֵייכְלְט צוּם בָּחוּר, אָבֶּער וֶוען מֶען בַּייסְט אַרַיין אִין דֶעם, מֶען קוּקְט אָפּ אַלֶע עֲבֵירוֹת, וֶוערְט דֶער בָּחוּר זֵייעֶר צֶעקְלַאפְּט אוּן צֶעבְּרָאכְן, עֶר וֶועט פְּרוּבִּירְן אַלֶעס אוֹיף דִי וֶועלְט צוּ וֶוערְן פְרֵיילִיךְ, אָבֶּער גָארְנִישְׁט קֶען צוּרִיק פְרֵיילִיךְ מַאכְן וְכוּ' וֶוען מֶען הָאט שׁוֹין פּוֹגֵם גֶעוֶוען בִּפְגַם הַבְּרִית רַחְמָנָא לִצְלָן.

**דֶער** רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן א'): "הַיֵּצֶר הָרָע מִתְלַבֵּשׁ עַצְמוֹ בְּמִצְווֹת, וּמַטְעֶה אֶת הָאָדָם כְּאִלּוּ מְסִיתוֹ לַעֲשׂוֹת מִצְוָה"; וֶוען דֶער יֵצֶר הָרַע קוּמְט צוּם מֶענְטְשׁ אִים אַוֶועק נֶעמֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, שְׁטֶעלְט עֶר זִיךְ אַהֶער ווִי אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, עֶר רֶעדְט אַיין דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיף אַן עֲבֵירָה אַז דָאס אִיז אַ מִצְוָה.

**רֶעד** זִיךְ נִישְׁט אַיין אַז דָאס וֶועט דִיר בְּרֶענְגֶען יִרְאַת שָׁמַיִם. אוּן אֲפִילוּ לָאמִיר זָאגְן אוֹיבּ עֶס וֶועט דִיר יָא בְּרֶענְגֶען יִרְאַת שָׁמַיִם וֶועט עֶס דִיר נָאכְדֶעם אַרָאפּ וַוארְפְן אוּן עֶס וֶועט זַיין: "יָצָא שְׂכָרוֹ בְּהֶפְסֵדוֹ". אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ה, יב): "מַהֵר לִשְׁמוֹעַ וּמַהֵר לְאַבֵּד, יָצָא שְׂכָרוֹ בְּהֶפְסֵדוֹ"; דָאס אִיז מַמָּשׁ גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן אוֹיף דֶעם

וְכוּ׳. וַוייל פוּן אֵיין זַייט אִיז ״מַהֵר לִשְׁמוֹעַ״, מֶען הֶערְט אִין אֵיין מִינוּט דְרָשׁוֹת וְכוּ׳ אוּן מֶען קֶען אַסַאךְ קוֹנֶה זַיין, אָבֶער אַז מֶען הִיט זִיךְ נִישְׁט דֶערְפוּן אִיז אִין אֵיין מִינוּט - ״וּמַהֵר לְאַבֵּד״ - קֶען מֶען אַלֶעס פַארְלִירְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז דוּ זָאלְסְט בְּקָרוֹב טְרֶעפְן דַיין זִיווּג.

## רנג

### דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט דֶען אוֹיס תְּפִילוֹת פוּן אַ בַּעַל עֲבֵירָה?

### שְׁאֵלָה:

**לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א,**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי גֶעוַואלְדִיגֶע פְּעוּלוֹת וָואס אִיר טוּט פַאר כְּלַל יִשְׂרָאֵל מִיט אַזַא מְסִירַת נֶפֶשׁ. סְפֶּעצִיעֶל בִּין אִיךְ אַייךְ שׁוּלְדִיג אַן הַכָּרַת הַטּוֹב אַז דוּרךְ אַייעֶרֶע שִׁיעוּרִים אוּן חִיזּוּק הָאבּ אִיךְ ווִידֶער אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אִיךְ טְרֶעף זִיךְ ווִידֶער מִיט מַיינֶע אַלְטֶע חֲבֵרִים, אַבַּיֵי אוּן רָבָא, וֶועמֶען אִיךְ הָאבּ שׁוֹין נִישְׁט אָנְגֶעקוּקְט פַאר לַאנְגֶע יָארְן.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אִיבֶּער דֶעם וָואס אִיר רֶעדְט אַסַאךְ פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אִידִישׁ, אַזוֹי ווִי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס צוּ אַ גוּטֶער פְרֵיינְט. אִיז דֶען דָאס נִישְׁט אַ זַאךְ וָואס בַּאלַאנְגְט נָאר פַאר צַדִיקִים אוּן יִרְאֵי ה׳? אַזוֹי הָאבְּן מִיר דָאךְ גֶעזֶען אִין אַלֶע דוֹרוֹת אַז וֶוען אַ אִיד הָאט גֶעדַארְפְט אַ יְשׁוּעָה הָאט עֶר נִישְׁט אַלֵיין גֶעבֶּעטְן אוֹיף דֶעם, נָאר עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּ אַ צַדִיק אַז עֶר זָאל מִתְפַּלֵל זַיין פַאר אִים.

מִיר זֶענֶען דָאךְ אַלֶע אִין נִידוּי, מִיר הָאבְּן דָאךְ גֶעטוּן אַזוֹיפִיל עֲבֵירוֹת וָואס דֶערְוַוייטֶערְט אוּנְז פוּנֶעם אייבֶּערְשְׁטְן, סְפֶּעצִיעֶל דִי עֲבֵירוֹת פוּן לָשׁוֹן הָרָע אוּן הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחְמָנָא לִצְלַן, וָואס חַזַ"ל זָאגְן אַז וֶוען מֶען טוּט דִי עֲבֵירוֹת הֶערְט מֶען נִישְׁט אוֹיס דִי תְּפִלּוֹת פוּן דֶעם מֶענְטְשׁ. אוּן בִּכְלַל וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין חַזַ"ל אַז פוּן וֶוען דֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אִיז חָרוּב גֶעוָוארְן זֶענֶען אַלֶע טוֹיעֶרְן פוּן תְּפִילָה גֶעוָוארְן פַארְשְׁפַּארְט, מִיר זֶעעֶן דָאךְ בְּחוּשׁ אַז מִיר קֶענֶען נִישְׁט פוֹעֶל'ן מִיט אוּנְזֶערֶע תְּפִלּוֹת אַזֶעלְכֶע גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת לְמַעְלָה מִדֶּרֶךְ הַטֶּבַע, אַזוֹי וִוי דִי גְרוֹיסֶע פְרִיעֶרְדִיגֶע צַדִּיקִים הָאבְּן גֶעקֶענְט.

אִיךְ וֶועל אַייךְ שְׁטַארְק מַכִּיר טוֹבָה זַיין אוֹיבּ אִיר קֶענְט מִיר דָאס אוֹיסְקְלָארְן, אוּן נָאכְאַמָאל אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַאר אַייעֶרֶע שִׁיעוּרִים אוּן חִיזּוּק.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ג' אֲדָר, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אִיךְ** פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דוּ בִּיסְט זִיךְ מְחַיֶּ' וּמְחַזֵּק מִיט דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, בִּפְרָט אַז דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז דוּ הָאסְט אָנְגֶעפַאנְגֶען לֶערְנֶען אוֹיפְ'ן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (כַּמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו).

**מֶען** קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן צוּ וָואס דֶער רֶבִּי קֶען אוּנְז צוּבְּרֶענְגֶען; דֶער רֶבִּי נֶעמְט אַ מֶענְטְשׁ וָואס זִינְקְט אִין בְּלָאטֶע, עֶר טוּט נֶעבֶּעךְ וָואס עֶר טוּט אוּן וַואשְׁט אִים

אָפּ און טוט אים אָן מִיט שֵׁיינֶע פְּרִישֶׁע קְלֵיידֶער וְכוּ' אַז דֶער מֶענְטְשׁ אַלֵיין פַארְגֶעסְט שׁוין ווִי אַזוֹי עֶר הָאט אוֹיסְגֶעזֶען פַאר עֶר הָאט אָנְגֶעטְרָאפְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

**אִיךְ** זֶע אַז דוּ בִּיסְט זִיךְ טוֹעֶה אִין דֶעם עִנְיָן פוּן תְּפִילָה וְהִתְבּוֹדְדוּת, כְּאִילוּ דָאס אִיז עֶפֶּעס אַ נֵייעֶ זַאךְ וְכוּ'.

אִיךְ וֶועל דִיר מַעֲתִיק זַיין דֶעם לָשׁוֹן פוּנֶעם הֵיילִיגְן רַמְבַּ"ם וָואס עֶר זָאגְט אוֹיף דִי מִצְוָה פוּן תְּפִלָּה (פֶּרֶק א' מֵהִלְכוֹת תְּפִלָּה, הֲלָכָה א-ב): "עִיקַּר הַתְּפִלָּה הוּא מִצְוַת עֲשֵׂה מִן הַתּוֹרָה, שֶׁיִּתְפַּלֵּל הָאָדָם וִיבַקֵּשׁ מִמֶּנּוּ יִתְבָּרַךְ כָּל מַה שֶּׁהוּא צָרִיךְ", תְּפִילָה אִיז אַ מִצְוַת עֲשֵׂה מִן הַתּוֹרָה, דִי מִצְוָה אִיז אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר דַארְף, "וְהוּא יָכוֹל לְדַבֵּר אֶל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בְּכָל שָׂפָה שֶׁרַק יָכוֹל, כִּי מִצְוַת עֲשֵׂה לְהִתְפַּלֵּל בְּכָל יוֹם", און מֶען קֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף סַיי וָואס פַאר אַ שְׁפְּרַאךְ מֶען רֶעדְט און עֶס אִיז אַ מִצְוָה צוּ דַאוְוענֶען יֶעדְן אֵיינְצִיגְן טָאג. "וְאֵין לַתְּפִלָּה זְמַן קָבוּעַ מִן הַתּוֹרָה, וּלְפִיכָךְ נָשִׁים וַעֲבָדִים חַיָּבִין בִּתְפִלָּה לְפִי שֶׁהִיא מִצְוַת עֲשֵׂה שֶׁלֹּא הַזְּמַן גְּרָמָא", תְּפִילָה הָאט נִישְׁט אַ בַּאשְׁטִימְטֶע צַייט אִין טָאג, מִמֵּילָא אִיז דָאס אַ מִצְוָה וָואס אִיז נִישְׁט בַּאגְרֶענִיצְט צוּ אַ צַייט, דֶערְפַאר זֶענֶען פְרוֹיעֶן און קְנֶעכְט אוֹיךְ מְחוּיָב מִיט תְּפִילָה. "אֶלָּא חִיּוּב מִצְוָה זוֹ כָּךְ הוּא - שֶׁיְּהֵא אָדָם מִתְחַנֵּן וּמִתְפַּלֵּל בְּכָל יוֹם וּמַגִּיד שִׁבְחוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, וְאַחַר כַּךְ שׁוֹאֵל צְרָכָיו שֶׁהוּא צָרִיךְ לָהֶם בְּבַקָּשָׁה וּבִתְחִנָּה, וְאַחַר כַּךְ נוֹתֵן שֶׁבַח וְהוֹדָיָה לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ עַל הַטּוֹבָה שֶׁהִשְׁפִּיעַ לוֹ כָּל אֶחָד לְפִי כֹּחוֹ", דִי מִצְוָה פוּן תְּפִילָה אִיז:

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ שְׁטֵייט אוֹיף אִינְדֶערְפְרִי זָאל עֶר דַאוְוענֶען צוּם אייבֶּערְשְׁטְן; קוֹדֶם זָאל עֶר דֶערְצֵיילְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּנֶעם אייבֶּערְשְׁטְן, נָאכְדֶעם זָאל עֶר בֶּעטְן אוֹיף אַלֶעס וָואס עֶר דַארְף אוּן דֶערְנָאךְ זָאל עֶר דַאנְקֶען דֶעם אייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶע חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט מִיט אִים. "אַךְ אַחַר כַּךְ רָאוּ אַנְשֵׁי כְּנֶסֶת הַגְּדוֹלָה שֶׁהָלְכוּ בַּגּוֹלָה בִּימֵי נְבוּכַדְנֶצַר הָרָשָׁע, וְנִתְעָרְבוּ בְּפָרַס, וּבְיָוָן, וּבִשְׁאָר הָאוּמוֹת וְכוּ׳, וְעָמְדוּ וְתִקְנוּ סֵדֶר הַתְּפִלָּה", אָבֶער וֶוען דִי אַנְשֵׁי כְּנֶסֶת הַגְּדוֹלָה הָאבְּן גֶעזֶען דֶעם בִּיטֶערְן לַאנְגְן גָלוּת ווִי דִי אִידְן וֶועלְן זִיךְ אוֹיסְמִישְׁן צְווִישְׁן דִי פֶעלְקֶער, הָאבְּן זֵיי מְתַקֵן גֶעוֶוען דֶעם נוּסַח הַתְּפִילָה, עַיֵין שָׁם.

יֶעצְט קוּמְט דֶער רֶבִּי אוּן זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רכט) אַז אֲפִילוּ הַיינְט וֶוען דִי אַנְשֵׁי כְּנֶסֶת הַגְּדוֹלָה הָאבְּן מְתַקֵן גֶעוֶוען צוּ דַאוְוענֶען יֶעדְן טָאג דֶעם סֵדֶר פוּן שַׁחֲרִית, מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב, זָאל אַ מֶענְטְשׁ וַוייטֶער רֶעדְן צוּם אייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ וָואס עֶר אִיז צוּגֶעוואוֹינְט צוּ רֶעדְן, עֶר זָאל בֶּעטְן דֶעם אייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל אִים מְקַרֵב זַיין צוּ אִים בֶּאֱמֶת, וַוייל דָאס אִיז דֶער עִיקָר פוּן תְּפִילָה.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן צוּם אייבֶּערְשְׁטְן אוּן בֶּעט אִים יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר דַארְף, אַזַא מֶענְטְשׁ אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט אַלֵיין, נָאר וואוּ עֶר גֶעפוּנְט זִיךְ, וואוּ עֶר גֵייט - אִיז דֶער אייבֶּערְשְׁטֶער מִיט אִים. אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יַלְקוּט דְבָרִים, רֶמֶז תתכה): אוֹיפְ'ן פָּסוּק (דְבָרִים ד, ז): "כִּי מִי גוֹי גָּדוֹל אֲשֶׁר לוֹ אֱלֹקִים קְרֹבִים אֵלָיו כַּה' אֱלֹקֵינוּ בְּכָל קָרְאֵנוּ אֵלָיו", עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ מַעֲשֶׂה מִיט אַ

שִׁיף וָואס דֶערוֹיף זֶענֶען גֶעפָארְן גוֹיִם, נָאר אֵיין אִיד הָאט זִיךְ גֶעפוּנֶען אוֹיף דֶעם שִׁיף; אִינְמִיטְן וֶועג אִיז דֶער שִׁיף פַארְבְּלָאנְדְזְשֶׁעט גֶעוָוארְן אוּן אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אַ פְּרֶעמְדֶע לַאנְד, נָאכְן אַנְקֶערְן זֶענֶען דִי גוֹיִם צוּגֶעקוּמֶען צוּם אִיד אוּן אִים גֶעבֶּעטְן: "מִיר בֶּעטְן אַייךְ, נֶעמְט פוּן אוּנְז גֶעלְט אוּן קוֹיפְט פַאר אוּנְז עֶסְן, וַוייל מִיר הוּנְגֶערְן שׁוֹין אַ לַאנְגֶע צַייט", הָאט דֶער אִיד גֶעקוּקְט אוֹיף זֵיי מִיט ווּאוּנְדֶער אוּן גֶעפְרֶעגְט: "בִּין אִיךְ דֶען נִישְׁט אַ גַאסְט דָא אַזוֹי ווִי אַייךְ? אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וואוּ צוּ גֵיין, אִיךְ בִּין אַ פְּרֶעמְדֶער דָא פּוּנְקְט ווִי אַייךְ..." הָאבְּן אִים דִי גוֹיִם גֶעזָאגְט: "יֵשׁ יְהוּדִי אַכְסְנַאי? בְּכָל מָקוֹם שֶׁאַתָּה הוֹלֵךְ אֱלֹקֶיךָ עִמְּךָ", וָואס הֵייסְט אַ אִיד אִיז פְּרֶעמְד? וואוּ אַ אִיד גֵייט אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיט אִים; אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט: "אֲשֶׁר לוֹ אֱלֹקִים קְרֹבִים אֵלָיו".

**זֶעט** מֶען אַז עֶס אִיז נִישְׁט שַׁיָיךְ צוּ זָאגְן אַז אַ אִיד אִיז פְּרֶעמְד, וַוייל וואוּ אַ אִיד גֶעפוּנְט זִיךְ אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיט אִים אוּן אוֹיף וָואס פַאר אַ שְׁפְּרַאךְ מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - עֶנְטְפֶערְט עֶר, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שָׁם): "בְּכָל קָרְאֵנוּ אֵלָיו - בְּכָל לָשׁוֹן שֶׁיִשְׂרָאֵל קוֹרְאִין לְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עוֹנֶה אוֹתָם", אוֹיף יֶעדֶע שְׁפְּרַאךְ וָואס מִיר רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶנְטְפֶערְט עֶר אוּנְז.

**אַוַדַאי** וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ צָרָה דַארְף מֶען גֵיין צוּ צַדִיקִים אוּן צוּ עֶרְלִיכֶע אִידְן נֶעמֶען פוּן זֵיי אַ בְּרָכָה אוּן זֵיי בֶּעטְן זֵיי זָאלְן מִתְפַּלֵל זַיין, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא קטז.): "מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ חוֹלֶה בְּתוֹךְ בֵּיתוֹ,

יֵלֵךְ אֵצֶל חָכָם וִיבַקֵּשׁ עָלָיו רַחֲמִים", ווער עס האט א קראנקן אין שטוב זאל גיין צו א צדיק ער זאל מתפלל זיין פאר אים; אבער דאס מיינט נישט צו זאגן אז מען קען נישט דאווענען אליינס. אדרבה, ווען דער חולה אליין בעט דעם אייבערשטן איז דאס זייער חשוב, אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (בראשית רבה נג, יד): אויפ'ן פסוק (בראשית כא, יז): "וַיִּשְׁמַע אֱלֹקִים אֶת קוֹל הַנַּעַר - מִכָּאן שֶׁתְּפִלַּת הַחוֹלֶה יָפָה מִן הַכֹּל", די תפילה פון א חולה איז מער חשוב ביים אייבערשטן פון אנדערע תפילות; נאר מען גייט צו צדיקים ווייל זיי זענען מחזק דעם מענטש אז מען זאל אליינס גיין צום אייבערשטן און בעטן פון אים די ישועה וואס מען דארף.

**דאס** וואס דו שרייבסט: "מיר זענען דאך בחוש אז מיר קענען נישט פועל'ן וכו'"; זיי מיר מוחל, אבער איך ווייס נישט ווי אזוי א איד קען שרייבן אזעלכע ווערטער, אדרבה, מיר זעען בחוש ווי אונזערע פשוט'ע תפילות ווערן געענטפערט. ביי יעדע טריט און שריט האבן מיר מעשיות פון תפילה, מיר זעען אפן ווי דער אייבערשטער העלפט ווען מען בעט אים. דער רבי האט אמאל געזאגט אויף דעם וואס חז"ל זאגן (ויקרא רבה ז, א): "תְּפִלָּה עוֹשָׂה מֶחֱצָה", אין אידיש זאגט מען מחצה - העלפט, האט דער רבי געזאגט: "תפילה העלפט".

**אז** דו האסט מתפלל געווען און נישט באקומען וכו', מיינט נישט צו זאגן אז תפילה העלפט נישט, חס ושלום אזוי צו זאגן; תפילה איז פון די י"ג עקרים וואס מיר דארפן

גְלֵייבְן, אַזוֹי ווִי מִיר זָאגְן: "אֲנִי מַאֲמִין בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה, שֶׁהַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ לוֹ לְבַדּוֹ רָאוּי לְהִתְפַּלֵּל וְאֵין רָאוּי לְהִתְפַּלֵּל לְזוּלָתוֹ", אַז דוּ הָאסְט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן און נִישְׁט בַּאקוּמֶען, זָאלְסְטוּ טוּן וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בְּרָכוֹת לב:): אָמַר רַבִּי חָמָא בְּרַבִּי חֲנִינָא: "אִם רָאָה אָדָם שֶׁהִתְפַּלֵּל וְלֹא נֶעֱנֶה, יַחְזוֹר וְיִתְפַּלֵּל", אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַ זַאךְ און עֶר זֶעט אַז עֶר הָאט עֶס נִישְׁט בַּאקוּמֶען, זָאל עֶר נָאכְאַמָאל בֶּעטְן, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים כז, יד): "קַוֵּה אֶל ה', חֲזַק וְיַאֲמֵץ לִבֶּךָ וְקַוֵּה אֶל ה'".

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

## רנד

### וֶוער אִיז דֶער רָשָׁע פוּן יַבְנְאֵל?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ לֶערְן אַסַאךְ דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר "אֲשֶׁר בַּנַּחַל", דִי חִיזּוּק וָואס אִיךְ בַּאקוּם פוּן דָארְט אִיז מַמָּשׁ פִּלְאֵי פְּלָאִים.

אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אַז מוֹהֲרַ"אשׁ שְׁרַייבְּט דָארְט אוֹיךְ וֶועגְן אַ רָשָׁע פוּן יַבְנְאֵל וָואס הָאט גֶע'רוֹדְפְ'ט מוֹהֲרַ"אשׁ און דִי גַאנְצֶע קְהִלָּה קְדוֹשָׁה דָארְט

אִין יֶעדֶע הִינְזִיכְט אִין אִידִישְׁקֵייט, אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א דֶערְצֵיילְן אַבִּיסְל מֶער אִיבֶּער דֶעם?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵּׁר כֹּחַ.

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ד' אֲדָר, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וֶוען מוֹהֲרָא"שׁ אִיז זִיךְ גֶעקוּמֶען בַּאזֶעצְן אִין יַבְנְאֵל הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶעטְרָאפְן מִיט דֶעם ס.מ. וָואס דִינְט אַלְס רָב דָארְט מִטַּעַם דִי מְדִינָה הַטְּמֵאָה. מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גְלַייךְ גֶעזֶען אַז דֶער אִיז אַן אִישׁ טָמֵא וּמְטַמֵּא; עֶר הָאט דָארְט גֶעהָאט אַ מִקְוֶה וָואס עֶר גֶעבְּט כְּלוֹמֶר'ישׁ דֶעם הֶכְשֵׁר דֶערוֹיף, אָבֶּער עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין רֶעגְן וַואסֶער אִינֶעם אוֹצָר וואו דִי מֵי גְּשָׁמִים דַארְף זַיין, עֶס אִיז גֶעוֶוען טְרִיקְן וְכוּ'; אִין אַזַא פַאל אִיז דָאס נִישְׁט מֶער וִוי אַ פָּשׁוּט'עֶ וַואנֶע, קוּמְט אוֹיס אַז אַלֶע וָואס הָאבְּן זִיךְ דָארְט גֶע'טוֹבֵל'ט זֶענֶען רַחְמָנָא לִצְלָן נִכְשָׁל גֶעוָוארְן מִיט אִסּוּרֵי כְּרֵיתוּת. עֶר הָאט יָארְן לַאנְג פַארְקוֹיפְט נְבֵילוֹת וּטְרֵפוֹת רַחְמָנָא לִצְלָן דוּרְךְ עֶפֶּעס אַ שׁוֹחֵט וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ קַל וָרֵיק וְכוּ' אוּן עֶר הָאט אוֹיסְגֶעוּרִיסְן דָאס גַאנְצֶע אִידִישְׁקֵייט פוּן אַלֶע אַיינְוואוֹינֶער דָארְט.

עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט אַלְס בָּחוּר אִין ...; מֶען הָאט אִים אַרוֹיס גֶעוָוארְפְן אַלְס בָּחוּר פוּן יְשִׁיבָה וַוייל עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁמוּצִיג אִינְגְל וְכוּ'. עֶס אִיז דָא אַ גַאנְצֶע סִיפּוּר פַארְוָואס זֵיי הָאבְּן אִים אוֹיפְגֶענוּמֶען פַאר אַ רָב, וְאֵין כַּאן הַמָּקוֹם לְהַאֲרִיךְ.

מוֹהֲרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג נָאכְזָאגְן פוּנֶעם הֵיילִיגְן סַאטְמַאר רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וָואס הָאט גֶעזָאגְט: "פַארְוָואס דַארְפְן זֵיי רַבָּנִים, זֵיי גְלֵייבְּן דָאךְ אִין גָארְנִישְׁט? נָאר וֶוער עֶס קֶען דִי טֵייעֶרֶע סְפַרְדִי'שֶׁע אִידְן וֵוייסְט אַז בַּיי זֵיי אִיז דָא אַ גְרוֹיסֶע תְּמִימוּת. בַּיי זֵיי אוֹיב אַ רָב זָאגְט אַ וָוארְט אִיז דָאס קוֹדֶשׁ קָדָשִׁים, דָאס אִיז גֶעוֶוען אַ חָכְמָה פוּן דִי רְשָׁעִים, אַז דוּרְךְ רַבָּנִים וֶועלְן זֵיי קֶענֶען אוֹיס'שְׁמַד'ן אַלֶע סְפַרְדִי'שֶׁע אִידְן, הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ".

פוּן וֶוען מוֹהֲרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט דָארְט אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט דִי הֶערְלִיכֶע קְהִלָּה אוּן מוֹסְדוֹת הַתּוֹרָה, הָאט דֶער שְׁטְרָאף וָואס וואוֹינְט דָארְט, וָואס עֶר אִיז דֶער רָב מִטַּעַם מְדִינַת יִשְׂרָאֵל גֶעשְׁטֶערְט אוּן גֶע'מַסְר'ט אוֹיף יֶעדְן טְרִיט אוּן שְׁרִיט, וָואס מֶען הָאט נָאר גֶעקֶענְט. וִויפִיל מִיר וֶועלְן שְׁרַייבְּן וָואס מוֹהֲרָא"ש הָאט זִיךְ צוּזַאמְגֶעלִיטְן פוּן דֶעם שְׁטְרָאף וֶועלְן מִיר נִישְׁט אָנְהֵייבְּן צוּ דֶערְצֵיילְן וֶוער עֶר אִיז.

וֶוער עֶס גֵייט קַיין יַבְנְאֵל קֶען זֶען וָואס הֵייסְט אַ צַדִּיק; מוֹהֲרָא"ש הָאט זִיךְ אַוֶועק גֶעגֶעבְּן זַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער, עֶר הָאט גָארְנִישְׁט גֶעהַאט פוּן דֶעם

נָאר צָרוֹת און יְסוּרִים. עֶס אִיז אִים גֶעגַאנְגֶען אִין לֶעבְּן אַז נָאךְ אַ אִיד זָאל ווִיסְן אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶּער אוֹיף דִי וֶועלְט. עֶר הָאט גֶעדְרוּקְט זַיין גַאנְץ לֶעבְּן מִילְיָאנֶען סְפָרִים, נָאר כְּדֵי אַז נָאךְ אַ אִיד זָאל ווִיסְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת און קֶענֶען לֶעבְּן מִיט דֶעם.

**אִיךְ** מַיין אַז יַבְנְאֵל אִיז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע פְּלַאץ אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וואו מֶען שְׁרֵייט נִישְׁט "שַׁבָּת!" מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעזָאגְט אַז מֶען זָאל נִישְׁט שְׁרֵייעֶן שַׁבָּת וֶוען מֶען זֶעט ווִי אֵיינֶער אִיז מְחַלֵל שַׁבָּת, נָאר מֶען זָאל שֵׁיין גְרִיסְן: "שַׁבָּת שָׁלוֹם", אַזוֹי וֶועט מֶען זֵיי אַלֶע צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**מוֹהֲרָא"ש** אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר קֶעגְן הַפְגָנוֹת; מוֹהֲרָא"ש פְלֶעגְט זָאגְן אַז דִי אִידְן וָואס הַאלְטְן נִישְׁט דִי תּוֹרָה הַשֵׁם יִשְׁמְרֵינוּ זֶענֶען חָשׁוּד אוֹיף שְׁפִיכוּת דָמִים. און אַזוֹי ווִי קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ וָואלְט נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען טְשֶׁעפֶּען מִיט גוֹיִם, ווייל עֶר ווייסְט אַז דָאס אִיז סַכָּנוֹת נְפָשׁוֹת, דָאס זֶעלְבֶּע אִיז מִיט זֵיי. זֵיי זֶענֶען גֶעבֶּעךְ שׁוֹין אַפָּאר דוֹרוֹת אַוֶועק פוּן דֶרֶךְ הַתּוֹרָה, דַארְף מֶען זִיךְ זֵייעֶר הִיטְן ווייל מֶען קֶען גֶעשֶׁעדִיגְט וֶוערְן פוּן זֵיי.

**וֶוען** אִיךְ בִּין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל גֵיי אִיךְ קַיין יַבְנְאֵל; דָאס אִיז אַ מָקוֹם נִפְלָא, אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע פְּלַאץ. מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶענוּמֶען אַ ווִיסְטֶע פְּלַאץ, אַ פְּלַאץ וואו מֶען הָאט אוֹיסְגֶע'שְׁמַד'ט צְוֵויי גַאנְצֶע עֵדוֹת'ן - דִי תֵּימָן'עֶר אִידְן און דִי טוּנִיס'עֶר אִידְן, וֶוען מֶען הָאט זֵיי אַרוֹיף גֶעבְּרֶענְגְט קַיין

אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל הָאט מֶען זֵיי גֶענוּמֶען קַיין יַבְנְאֵל אוּן זֵיי דָארְט גֶעבֶּעטְ אויסְגֶע'שְׁמַד'ט. דָארְט הָאט מוֹהֲרָא"ש אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אַ הֶערְלִיכֶער מָקוֹם וָואס בְּלִיט מִיט תּוֹרָה אוּן תְּפִילָה, קְדוּשָׁה וְטַהֲרָה. עֶס זֶענֶען דָא דָארְט עֶטְלִיכֶע כּוֹלָלִים וואוּ אִינְגֶעלַייט זִיצְן אַ גַאנְצְן טָאג אוּן לֶערְנֶען. אוּן בַּיי דִי פְרוֹיעֶן גֵייט מֶען אָנְגֶעטוּן זֵייעֶר צְנִיעוּת'דִיג; אַלֶע פְרוֹיעֶן שֶׁערְן זִיךְ דִי הָאר אַזוֹי וִוי מֶען פִירְט זִיךְ בַּיי עֶרְלִיכֶע אִידְן. וֶוען מֶען דְרֵייט זִיךְ דָארְט קֶען זִיךְ דַאכְטְן אַז מֶען אִיז אִין אַ חַסִידִישֶׁער שְׁטֶעטְל וְכוּ'.

**אִיךְ** גֶעדֶענְק וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ בָּחוּר אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט דִי זְכִיָּה צוּ מְשַׁמֵּשׁ זַיין מַיין זֵיידֶע'ן דֶער קַארְלְסְבּוּרְגֶער רָב שְׁלִיטָ"א, בִּין אִיךְ אַמָאל גֶעוֶוען מִיט אִים וֶוען עֶר אִיז גֶעפָארְן קַיין יַבְנְאֵל מְחַזֵק זַיין מוֹהֲרָא"ש מִיט דִי קְהִילָה. מַיין זֵיידֶע הָאט דָארְט גֶעגֶעבְּן אַ דְרָשָׁה אוּן בְּשַׁעַת'ן דְרָשָׁה הָאט עֶר גֶעוֵויינְט פוּן הִתְרַגְשׁוּת, צוּ זֶען אַז אַ פְּלַאץ וואוּ מֶען הָאט אוֹיסְגֶעוִוּרִיסְן אִידִישְׁקֵייט זָאל וֶוערְן אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט צוּ אַ מָקוֹם פוּן קְדוּשָׁה אוּן טָהֳרָה.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אוּנְז הֶעלְפְן מִיר זָאלְן מְקַיֵים זַיין וָואס מוֹהֲרָא"ש הָאט אוּנְז גֶעלָאזְט צַוָואָה (צַוָאַת מוֹהֲרָא"ש, אוֹת ו; יז), מִיר זָאלְן דְרוּקְן אוּן דְרוּקְן דִי סְפָרִים וָואס זֶענֶען מְגַלֶּה וּמְפַרְסֵם דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. נָאר דָאס אִיז אוּנְזֶער זַאךְ אוּן דָאס וֶועט בְּרֶענְגֶען דִי גְאוּלָה.

# רנה

## ווי אַזוֹי רֶעאַגִיר אִיךְ וֶוען אִיךְ הָאבּ אײנֶעם גֶעכַאפְּט מְחַלֵל שַׁבָּת זַיין?

## שְׁאֵלָה:

**לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

צוּם עֶרְשְׁט אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי שִׁיעוּרִים אוּן חִיזוּק.

אִיךְ הָאבּ דְרִינְגֶנְד גָאר אַ ווִיכְטִיגֶע שְׁאֵלָה. אִיךְ בִּין אַ מֵיידְל אוּן אִיךְ לֶערְן אִין אַ סֶעמִינַאר. דֶעם שַׁבָּת הָאט אַ מֵיידְל מִיר גֶעבֶּעטְן אַז אִיךְ זָאל אִיר אוֹיפְוֶועקְן שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי. וֶוען אִיךְ בִּין אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִין אִיר צִימֶער שַׁבָּת צוּפְרִי הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען ווִי זִי שְׁלָאפְט אִין אִיר בֶּעט מִיט עִיר-פָאוֹנְס אִין אִיר אוֹיעֶר!

אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן אוֹיפְגֶעשׁוֹידֶערְט אָבֶּער אִיךְ הָאבּ פְּרוּבִּירְט זִיךְ אַיינְצוּהַאלְטְן, אוּן ווִי נָאר זִי הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעוֶועקְט אוּן מִיךְ דֶערְזֶען הָאט זִי זִיךְ שְׁנֶעל בַּאדֶעקְט דִי אוֹיעֶר מִיט דִי דָאבֶּענֶע אוּן אַרוֹיסְגֶענוּמֶען דִי עִיר-פָאוֹנְס.

לוֹיט ווִיפִיל אִיךְ ווֵייס אִיז זִי אַן עֶרְלִיכֶע אוּן גוּטֶע מֵיידְל, דֶערְפַאר הָאבּ אִיךְ שְׁטַארְק פְּרוּבִּירְט אִיר דַן צוּ זַיין לְכַף זְכוּת, אוּן אֶפְשָׁר אִיז עֶס נִישְׁט גֶעוֶוען קֵיין חִילוּל שַׁבָּת אַזוֹי ווִי עֶס הָאט אוֹיסְגֶעזֶען. דִי פְּרָאבְּלֶעם אִיז אַז אוֹיבּ עֶס אִיז יָא חִילוּל שַׁבָּת - וָואס דַארְף אִיךְ טוּן? קֶען אִיךְ אִיר דֶען צוּלָאזְן אַז דָאס זָאל אָנְהַאלְטְן אֲפִילוּ פַאר נָאךְ אֵיין שַׁבָּת?!

וָואס קֶען אִיךְ אָבֶּער בֶּאֱמֶת טוּן צוּ דֶעם? וָואס דַארְף אִיךְ אִיר זָאגְן? אִיךְ ווֵייס אוֹיךְ נִישְׁט צִי אִיךְ בִּין דֶער פַּאסִיגְסְטֶער מֶענְטְשׁ אִיר עֶפֶּעס צוּ זָאגְן דֶערְוֶועגְן, ווַייל אִיךְ בִּין נִישְׁט זֵייעֶר נָאנְט מִיט אִיר, אָבֶּער קֵיינֶער אַנְדֶערְשׁ ווֵייסְט נִישְׁט פוּן דֶעם. וֶועם קֶען אִיךְ דֶערְצֵיילְן אַזַא זַאךְ? וֶועם קֶען אִיךְ גֶעטְרוֹיעֶן אוּן דֶערְצֵיילְן פוּן דֶעם אָן דֶעם וָואס עֶס זָאל בְּלַייבְּן

אויף די מֵיידְל אַן אֵייבִּיגֶער שְׁלֶעכְטֶער פְּלֶעק? וַוייל אִיךְ וֵויים אַז בֶּאֱמֶת אִיז זִי אַ גוּטֶע מֵיידְל.

אִיךְ ווָאלְט זֵייעֶר גֶעשֶׁעצְט אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואלְט מִיר גֶעקֶענְט עֶנְטְפֶערְן נָאךְ פַּאר דֶעם קוּמֶענְדִיגְן שַׁבָּת.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵּׁר כֹּחַ!

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ד' אֲדָר, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ'

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

**אוֹיבּ** אִיז דִי מֵיידְל טַאקֶע אַזוֹי וִוי אִיר זָאגְט, אַ ווָאוילֶע מֵיידְל; דֶעמָאלְט זָאלְט אִיר אִיר נִישְׁט פַארְשֶׁעמֶען אוּן אִיר זָאלְט דָאס פַאר קֵיינֶעם נִישְׁט דֶערְצֵיילְן.

**אִיר** זָאלְט אִיר מְחַזֵּק זַיין זִי זָאל הִיטְן שַׁבָּת; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה אוּן עֶר הַאלְט שַׁבָּת, עֶר אִיז נִישְׁט מְחַלֵּל דֶעם שַׁבָּת, אִיז אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל אוֹיף אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת קיח:): "כָּל הַמְשַׁמֵּר שַׁבָּת כְּהִלְכָתוֹ - אֲפִילוּ עוֹבֵד עֲבוֹדָה זָרָה כְּדוֹר אֱנוֹשׁ, מוֹחֲלִין לוֹ", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הִיט אָפּ דֶעם שַׁבָּת אִיז אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל אוֹיף אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת; עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין שֶׁענֶערֶע זַאךְ וִוי שַׁבָּת, שַׁבָּת אִיז דִי שֶׁענְסְטֶע מַתָּנָה וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן,

אַזוֹי ווי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת י:): "אָמַר לוֹ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא לְמֹשֶׁה, מַתָּנָה טוֹבָה יֵשׁ לִי בְּבֵית גְּנָזַי וְשַׁבָּת שְׁמָהּ, וַאֲנִי מְבַקֵּשׁ לִיתְּנָהּ לְיִשְׂרָאֵל, לֵךְ וְהוֹדִיעֵם", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט פַאר משֶׁה רַבֵּינוּ, אִיךְ הָאבּ אַ גוּטֶע מַתָּנָה אִיךְ ווִיל עֶס גֶעבְּן פַאר דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער, גֵיי זָאג זֵיי פוּן דִי שֵׁיינֶע מַתָּנָה.

וֶוען מֶען ווִיל מְחַזֵּק זַיין אַ צְוֵוייטְן אִיד, דַארְף מֶען דֶער עִיקָר רֶעדְן דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה, ווַייל אַז מֶען הָאט אֱמוּנָה הָאט מֶען אַלֶעס. אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (נְדָרִים מא.): "דְּדָא בֵּיהּ כּוֹלָּא בֵּיהּ, דְּלָא דָא בֵּיהּ מַה בֵּיהּ", אוֹיבּ הָאט מֶען אֱמוּנָה הָאט מֶען אַלֶעס אוּן אַז מֶען הָאט נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה הָאט מֶען גָארְנִישְׁט; דָאס וָואס מֶען זֶעט אַז מֶענְטְשְׁן פַאלְן נֶעבֶּעךְ אַרָאפּ אִין עֲבֵירוֹת דָאס אִיז ווַייל עֶס אִיז בַּיי זֵיי אוֹיסְגֶעלָאשְׁן דִי אֱמוּנָה, אָבֶּער אַז מֶען גְלֵייבְּט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִיבֶּעראַל, דֶעמָאלְט אִיז נִישְׁט שַׁיָּיךְ מֶען זָאל זִיךְ בַּאהַאלְטְן צוּ טוּן שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן.

**אֵיינְמָאל** מֶען לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה אִיז דֶער מֶענְטְשׁ אַ גְלִיקְלִיכֶער מֶענְטְשׁ, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת אֱמוּנָה, סִימָן לג): "עַל יְדֵי אֱמוּנָה, הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא יִסְלַח לְךָ עַל כָּל עֲווֹנוֹתֶיךָ", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט אֱמוּנָה אוּן עֶר גְלֵייבְּט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל אוֹיף אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת; אוּן עֶר וֶועט לְכַתְּחִלָּה נִישְׁט

אַרָאפְּפַאלְן אִין עֲבֵירוֹת, וַוייל עֶר לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה, עֶר לֶעבְּט מִיט דִי מַחְשָׁבָה אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אִים. דֶערְפַאר הָאט זִיךְ דֶער רֶבִּי זֵייעֶר פַארְלֵייגְט אוֹיף אֱמוּנָה, אַזוֹי ווִי עֶר הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן לג): "בַּיי דִי וֶועלְט אִיז אֱמוּנָה אַ קְלֵיינִיקֵייט, אָבֶּער בַּיי מִיר אִיז דֶער עִיקָר אֱמוּנָה".

**פוּן** וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אַרַיין גֶעצוֹיגְן קַיין אוּמַאן, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעהַאלְטְן אִין אֵיין רֶעדְן נָאר פוּן אֱמוּנָה; וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט אֱמוּנָה, עֶר וֵוייסְט אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן קַיין שׁוּם זַאךְ פִּירְט זִיךְ נִישְׁט פוּן זִיךְ אַלֵיין, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מְמַלֵא כָּל עַלְמִין וְסוֹבֵב כָּל עַלְמִין, אֵין שׁוּם מְצִיאוּת מִבַּלְעָדֶיךָ יִתְבָּרַךְ כְּלָל, אִיז אִים אַלֶעס פֵיין אוּן אַלֶעס גוּט.

**אוֹיב** דִי מֵיידְל אִיז פַארְדָארְבְּן, דָאס הֵייסְט זִי רֶעדְט קֶעגְן דִי אֱמוּנָה, זִי רֶעדְט לֵיצָנוּת וֶוערְטֶער אוֹיף דִי תּוֹרָה אוּן אוֹיף צַדִיקִים - דַארְף מֶען אַנְטְלוֹיפְן פוּן אַזַא אֵיינֶעם, וַוייל אַ חֲבֵר הָאט זֵייעֶר אַ שְׁטַארְקֶע הַשְׁפָּעָה אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ אוּן מֶען קֶען זֵייעֶר גְרִינְג נָאכְגֶעשְׁלֶעפְּט וֶוערְן חַס וְשָׁלוֹם.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# רנו

## אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַלֶעס גֶעטוּן, פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ נָאכְאַלְץ נִישְׁט גֶעטְרָאפְן מַיין שִׁידוּךְ?

### שְׁאֵלָה:

**לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ בִּין אַ בָּחוּר פוּן פִיר אוּן צְוָואנְצִיג יָאר, אִיךְ בִּין גֶעוואוּיר גֶעוָוארְן פוּנֶעם רֶבִּינְ'ס סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד בַּיי דִי זֶעכְצְן יָאר, זַייט דֶעמָאלְט אִיז נָאכְנִישְׁט דוּרְךְ אַ וָואךְ וָואס אִיךְ הָאבּ נִישְׁט מַעֲבִיר סֶדְרָה גֶעוֶוען, אוּן אוֹיסֶער דֶעם הָאבּ אִיךְ גֶעלֶערְנְט אַסַאךְ אַנְדֶערֶע לִימוּדִים, אִיךְ הַאלְט שׁוֹין בַּיים עֶנְדִיגְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְס הִילְף דִי צְוֵויי אוּן נַיינְצִיגְסְטֶע מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעעֶנְדִיגְט מֶדְרָשׁ רַבָּה, מֶדְרָשׁ תַּנְחוּמָא, סִפְרָא, סִפְרִי, מְכִילְתָּא, סִפְרִי זוּטָא, אוּן אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעלֶערְנְט צְוֵויי מָאל ד' חֶלְקֵי שֻׁלְחָן עָרוּךְ אוּן תּוֹסֶפְתָּא. אוּן אִין דִי לֶעצְטֶע פָּאר יָאר הָאבּ אִיךְ בָּרוּךְ ה' זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין אִין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

מַיין גַאנְצֶער חַיּוּת וָואס הַאלְט מִיךְ פְרִישׁ אִיז נָאר דִי שִׁיעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, אוֹיךְ הַאלְט אִיךְ מִיט יֶעדְן טָאג דִי גְמָרָא שִׁיעוּר פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה. אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי אַלֶע חִיזּוּק וָואס אִיךְ בַּאקוּם פוּן אַייךְ.

אוּן יֶעצְט צוּם עִנְיָן, אִיךְ ווִיל שׁוֹין חֲתוּנָה הָאבְּן, שׁוֹין זַייט דִי זִיבֶּעצְן יָאר זָאג אִיךְ יֶעדְן טָאג דִי תְּפִלּוֹת פוּן סֵפֶר "מְצִיאַת הַזִּוּוּג", אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אוֹיסְגֶעזָאגְט גַאנְץ תְּהִלִּים בַּיים צִיּוּן פוּן מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אוּן אִיךְ בֶּעט יֶעדְן טָאג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל שׁוֹין רַחֲמָנוּת אוֹיף מִיר אוּן מִיר שִׁיקְן מַיין שִׁידוּךְ ווייל אִיךְ הַאלְט עֶס מֶער נִישְׁט אוֹיס. אִיךְ וֶוער עֶלְטֶער אוּן עֶלְטֶער, אוּן אִיךְ הוֹיבּ שׁוֹין אָן מוֹרָא הָאבְּן אַז אִיךְ וֶועל שׁוֹין קֵיינְמָאל נִישְׁט חֲתוּנָה הָאבְּן.

אֶפְשָׁר קֶענְט אִיר מִיר גֶעבְּן חִיזּוּק אוּן אַן עֵצָה וָואס אִיךְ דַארְף צוּ טוּן.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ד' אֲדָר, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**אַשְׁרֶיךָ** אַז דוּ לֶערְנְסְט פְלַייסִיג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה; עֶס אִיז אַ פַּארְגֶענִיגְן צוּ הֶערְן פוּן דִיר אַז דוּ גֵייסְט יֶעצְט מְסַיֵּים זַיין דִי צְוֵויי אוּן נַיינְצִיגְסְטֶע מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה.

**מֶען** קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס פַּאסִירְט וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט מִשְׁנַיוֹת; מִשְׁנַיוֹת טוּישְׁט דֶעם מֶענְטְשׁ עֶר זָאל זַיין עֶרְלִיךְ. אַזוֹי אוֹיךְ אִיז "מִשְׁנָה" דִי אוֹתִיּוֹת "מְשַׁנֶּה", וִוי מֶער אַ מֶענְטְשׁ זָאגְט מִשְׁנַיוֹת אִיז עֶר זִיךְ מְשַׁנֶּה אִינְגַאנְצְן. מִשְׁנַיוֹת הָאט אַ סְגוּלָה אַז עֶס שְׁלֶעפְּט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן דִי טִיפְסְטֶע בְּלָאטֶע אוּן פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטְס, אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט אַז מִשְׁנָה אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת (תְּהִלִּים ל, ד): "הֶ'עֱלִיתָ מִ'ן שְׁ'אוֹל נַ'פְשִׁי", אַז מֶען זָאגְט מִשְׁנַיוֹת נֶעמְט עֶס אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען וואוּ דֶער מֶענְטְשׁ אִיז נֶעבֶּעךְ אַרַיין גֶעפַאלְן.

**אִיךְ** בֶּעט דִיר זֵייעֶר טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, שְׁטַארְק זִיךְ אוּן הָאבּ בִּטָּחוֹן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. מִיר דַארְפְן אוֹיסְוַוארְטְן אוֹיף אוּנְזֶער יְשׁוּעָה אוּן מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן אוּן הָאבְּן קַשְׁיוֹת חַס וְשָׁלוֹם. מִיר דַארְפְן גְלֵייבְּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶער פוּנְקְטְלִיכְקֵייט, גָארְנִישְׁט פַּאסִירְט נִישְׁט פוּן זִיךְ אַלֵיין. דֶער

אײבּערשטער מאכט שידוכים און נאר צו אים דארפן מיר זיך װענדן װען מיר דארפן א ישועה און מיר דארפן אויסװארטן ביז די ישועה קומט אן.

**אסאך** מאל פרעגן בחורים: "פארװאס גייט מיר נישט קיין שידוך, בשעת אלע מיינע חברים האבן שוין חתונה געהאט וכו'"; װיסן זאלסטו אז דאס איז נישט א נייע זאך, מיר געפונען דאס שוין ביי יוסף הצדיק. חכמינו זכרונם לברכה זאגן (פרקי דרבי אליעזר, פרק לו): "אלע שבטים, װען זיי זענען געבוירן געװארן, זענען געבוירן געװארן מיט זיי זייער זיװוג, חוץ יוסף הצדיק איז געבוירן געװארן אן א זיװוג"; יוסף הצדיק װאלט אויך געקענט פרעגן: 'פארװאס האב איך נישט קיין שידוך װען אלע מיינע ברודער האבן שוין זייער שידוך', נאר װאס האט ער געטון? ער האט זיך מחזק געװען. אפילו ער האט געהאט ביטערע שװערע נסיונות; מען האט אים איינגעשפארט אין תפיסה פאר גארנישט און פאר נישט, ער איז געװען איינער אליין אין א פרעמדע לאנד וכו' וכו', מיט דעם אלעם האט ער זיך מחזק געװען, ער האט געטאנצן אין תפיסה און ער איז געװען לוסטיג און פריילך, אזוי װי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (דברים רבה ד, ז): אויפ'ן פסוק (תהלים לא, ח): "אגילה ואשמחה בחסדך וגו' - זה יוסף", עיין שם.

**דער** אײבּערשטער װעט דיר העלפן אז דו װעסט בקרוב טרעפן דיין זיװוג; נאר דערהאלט זיך און לערן װייטער דיינע שיעורים כסדרן. די שלעכטע מחשבה װאס דער יצר הרע ברענגט אריין אין דיר, אז דו טראכסט: 'איך װעל

קֵיינְמָאל נִישְׁט חֲתוּנָה הָאבְּן' - דָאס טְרַאכְטְן אַלֶע בָּחוּרִים. דָאס אִיז דֶער וֶועג פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע וִוי אַזוֹי עֶר צֶעקְלַאפְּט אַ בָּחוּר אָדֶער אַ מֵיידְל; עֶר מַאכְט זֵיי טְרַאכְטְן שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת: 'אִיךְ וֶועל קֵיינְמָאל נִישְׁט טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ', 'קֵיינֶער וֶועט מִיר נִישְׁט וֶועלְן', 'אִיךְ וֶועל בְּלַייבְּן אַלֵיין'.

**דֶער** יֵצֶר הָרַע בְּרֶענְגְט אַרַיין דִי אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת אִין בָּחוּרִים וַוייל בַּיי אִים אִיז אַ שִׂמְחָה וֶוען אַ בָּחוּר וֶוערְט בְּעַצְבוּת. דֶער נָבִיא יִרְמְיָהוּ קְלָאגְט (אֵיכָה א, טו): "קָרָא עָלַי מוֹעֵד לִשְׁבֹּר בַּחוּרָי", דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן דִי וֶוערְטֶער אִיז עֲמָלֵ"ק אוּן בִּלְעָ"ם; בַּיי זֵיי אִיז אַ גַאנְצֶער יוֹם טוֹב וֶוען נָאךְ אַ בָּחוּר אִיז צֶעבְּרָאכְן. וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז בְּעַצְבוּת אִיז עֶר מֶער נִישְׁט בַּעַל הַבַּיִת אוֹיף זִיךְ, דֶעמָאלְט הָאט דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם אַ גוּטֶע גֶעלֶעגְנְהֵייט אַרָאפּ צוּ וַוארְפְן דֶעם מֶענְטְשׁ אִין בִּיטֶערֶע עֲבֵירוֹת רַחְמָנָא לִצְלָן.

**זֶע** צוּ גֵיין אָנְגֶעטוּן שֵׁיין צוּזַאמְגֶענוּמֶען; בְּדֶרֶךְ כְּלַל וֶוען אַ בָּחוּר וֶוערְט עֶלְטֶער הֵייבְּט עֶר זִיךְ אָן נָאכְצוּלָאזְן וְכוּ'.

בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, גֶעבּ אַכְטוּנְג אוֹיף דִיר אוּן זֶע אָנְצוּטוּן פְּרִישֶׁע קְלֵיידֶער יֶעדְן טָאג. דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען אוֹיף דִי קְלֵיידֶער; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן כט): "אוֹיבּ מֶען גֵייט מִיט צוּרִיסֶענֶע אוּן שְׁמוּצִיגֶע קְלֵיידֶער זֶענֶען דִי קְלֵיידֶער תּוֹבֵעַ דֶעם מֶענְטְשׁ 'פַארְוָואס הָאסְטוּ נִישְׁט אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן אוֹיף אוּנְז?'" דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ גֵיין מִיט זוֹיבֶּערֶע קְלֵיידֶער, מֶען טָאר נִישְׁט גֵיין מִיט קְלֵיידֶער מֶער וִוי אֵיין טָאג. אוֹיךְ זָאלְסְטוּ גֵיין אִין

שאוֹער יֶעדְן טָאג; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת נ:): "רוֹחֵץ אָדָם פָּנָיו יָדָיו וְרַגְלָיו בְּכָל יוֹם בִּשְׁבִיל קוֹנוֹ"; זָאלְסְט זִיךְ נִישְׁט נָאכְלָאזְן אוּן זָאלְסְט גֵיין צוּזַאמְגֶענוּמֶען דַיין בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת וְכוּ'.

**אוֹיב** דוּ וֶועסְט זִיךְ הַאלְטְן פְּרִישׁ וְכוּ' אוּן דוּ וֶועסְט אַרוּם גֵיין מִיט אַ שְׁמֵייכְל וֶועסְטוּ בְּקָרוֹב טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ; דוּ וֶועסְט בְּקָרוֹב חֲתוּנָה הָאבְן אוּן מְגַדֵל זַיין בָּנִים וּבְנֵי בָנִים עוֹסְקִים בַּתּוֹרָה וּבְמִצְווֹת, אָמֵן.

## רנז

### פַאלְן מַיינֶע קִינְדֶער אַוֶועק וַוייל אִיךְ בַּאלַאנְג נִישְׁט צוּ אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע חֲסִידוּת?

### שְׁאֵלָה:

**לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ הָאבּ שׁוֹין עֶטְלִיכֶע מָאל גֶעשְׁרִיבְּן פַארְ'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה אִיבֶּער מַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען וָואס פְּלָאגְן מִיר מִיט מַיינֶע קִינְדֶער. מַיין עֶלְסְטֶער בָּחוּר הָאט פַארְלָאזְט דִי שְׁטוּבּ, אוּן כָאטְשׁ וָואס אִיךְ הַאלְט נָאךְ אָן אַ נָאנְטֶער קֶשֶׁר מִיט אִים, מִיר הָאבְּן אַ שִׁיעוּר אִין מִשְׁנָיוֹת יֶעדְן טָאג אוֹיפְ'ן טֶעלֶעפָאן, אָבֶּער דָאס אִיז נָאכְנִישְׁט אַ גַאנְצֶע יְשׁוּעָה, אַלֶע מַיינֶע חֲבֵרִים וֶועלְכֶע הָאבְּן אוֹיךְ קִינְדֶער אִין דֶעם יָארְגַאנְג טוּעֶן שׁוֹין שִׁידוּכִים אוּן עֶר אִיז בִּכְלַל נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט אִין גָארְנִישְׁט.

אִיךְ בַּאלַאנְג נִישְׁט צוּ קַיין סְפֶּעצִיעֶלֶער חֲסִידוּת, נָאר צוּ כְּלַל חֲסִידִי; כָאטְשׁ וָואס אִיךְ הָאבּ יָא אַ רֶבִּי וֶועמֶען אִיךְ פְּרֶעג שְׁאֵלוֹת אוּן מַיינֶע

קִינְדֶער גֵייעֶן צוּ אִים, הָאט עֶר אָבֶּער נִישְׁט אַ חֲסִידוּת. דֶערִיבֶּער הֶער אִיךְ אַסַאךְ פוּן מֶענְטְשְׁן וָואס טְשֶׁעפֶּען מִיר אַז דִי סִיבָּה פַּארְוָואס אִיךְ בִּין נִישְׁט מַצְלִיחַ מִיט דִי קִינְדֶער אִיז וַוייל אִיךְ בַּאלַאנְג נִישְׁט צוּ אַ חֲסִידוּת, אוּן דִי קִינְדֶער שְׁפִּירְן נִישְׁט אַז זֵיי זָאלְן הָאבְּן אַ פְּלַאץ וואוּ זֵיי בַּאלַאנְגֶען. עֶס קֶען טַאקֶע זַיין אַז זֵיי זֶענֶען אֶפְשַׁר גֶערֶעכְט, וָואס זָאל אִיךְ אָבֶּער טוּן אַז מַיין טַאטֶע הָאט מִיר גֶעשִׁיקְט צוּ אַזֶעלְכֶע יְשִׁיבוֹת וָואס דָארְט בְּלַייבְּט מֶען נָאר כְּלַל חֲסִידִי?

אֶפְשַׁר קֶענְט אִיר מִיר אַרוֹיסְהֶעלְפְן אוּן זָאגְן אוֹיבּ דָאס אִיז טַאקֶע דֶער אֱמֶת, אוּן אוֹיבּ יָא, וָואס אִיךְ קֶען טוּן צוּ דֶעם?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעם.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ד׳ אֲדָר, שְׁנַת תשע״ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אִיךְ** בֶּעט דִיר זֵייעֶר מַיין טֵייעֶרֶער חָבֵר, יֶעצְט אִיז נִישְׁט קַיין צַייט פוּן זִיךְ בַּאשׁוּלְדִיגְן וְכוּ׳, דָאס אַלֶעס וָואס מֶענְטְשְׁן זָאגְן דִיר אִיז הֶבֶל הֲבָלִים.

**מֶען** זֶעט אִין דִי תוֹרָה אַז אֲפִילוּ פַּרְעֹה, וֶוען עֶר הָאט גֶעהַאט זַיין שְׁלֶעכְטֶע חָלוֹם הָאט עֶר אוֹיךְ גֶעוואוּסְט אַז אַלֶע פּוֹתְרֵי חֲלוֹמוֹת זֶענֶען הֶבֶל הֲבָלִים אוּן עֶר הָאט נָאר אוֹיסְגֶעהֶערְט יוֹסֵף. וֶוען יוֹסֵף הַצַדִיק אִיז גֶעקוּמֶען אוּן אִים פּוֹתֵר חָלוֹם גֶעוֶוען הָאט עֶר אִים אוֹיסְגֶעהֶערְט אוּן גֶעזָאגְט

(בְּרֵאשִׁית מא, לח): "הֲנִמְצָא כָזֶה אִישׁ אֲשֶׁר רוּחַ אֱלֹקִים בּוֹ", זָאגְט מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, וָואס הָאט בַּאוואוּיגְן פַּרְעֹה אוֹיסְצוּהֶערְן נָאר יוֹסֵף הַצַּדִּיק? נָאר ווִילַאנְג אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט נִישְׁט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז אַלֶעס נַארִישְׁקֵייטְן, אוּן אֲפִילוּ פַּרְעֹה, דֶער גּוֹי טָמֵא, הָאט דָאס אוֹיךְ פַארְשְׁטַאנֶען. דִי אַנְדֶערֶע פּוֹתְרֵי חֲלוֹמוֹת הָאבְּן אִים גֶעזָאגְט: "דוּ גֵייסְט הָאבְּן זִיבְּן טֶעכְטֶער אוּן זֵיי גֵייעֶן שְׁטַארְבְּן", אָדֶער: "דוּ גֵייסְט אַיינְנֶעמֶען זִיבְּן שְׁטֶעט וְכוּ'", שְׁטֵייט (שָׁם, ח): "וְאֵין פּוֹתֵר אוֹתָם לְפַרְעֹה", זָאגְט רַשִׁ"י: "פּוֹתְרִים הָיוּ אוֹתָם, אֲבָל לֹא לְפַרְעֹה, שֶׁלֹּא הָיָה קוֹלָן נִכְנַס בְּאָזְנָיו, וְלֹא הָיָה לוֹ קוֹרַת רוּחַ בְּפִתְרוֹנָם", זֵיי הָאבְּן אִים פּוֹתֵר חָלוֹם גֶעוֶוען אָבֶּער עֶס אִיז נִישְׁט אַרַיין אִין פַּרְעֹה'ס אוֹיעֶר; ווַייל ווִי לַאנְג מֶען רֶעדְט נִישְׁט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז אַלֶעס נַארִישְׁקֵייטְן.

זֶוען יוֹסֵף הָאט גֶעזָאגְט (שָׁם, טז): "בִּלְעָדָי, אֱלֹקִים יַעֲנֶה אֶת שְׁלוֹם פַּרְעֹה", אִיךְ ווֵייס גָארְנִישְׁט, נָאר וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט מִיר מַאכְן פַארְשְׁטֵיין וֶועל אִיךְ זָאגְן פַאר פַּרְעֹה. אָדֶער וֶוען פַּרְעֹה הָאט גֶעעֶנְדִיגְט דֶערְצֵיילְן זַיין חָלוֹם אוּן יוֹסֵף הָאט גֶעזָאגְט (שָׁם, כה): "אֵת אֲשֶׁר הָאֱלֹקִים עֹשֶׂה, הִגִּיד לְפַרְעֹה", וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֵייט טוּן הָאט פַּרְעֹה זִיךְ גֶע'חָלוֹמְ'ט; הָאט פַּרְעֹה גְלַייךְ פַארְשְׁטַאנֶען אַז דֶער מֶענְטְשׁ רֶעדְט צוּם זַאךְ.

**דֶערְפַאר** בֶּעט אִיךְ דִיר לִיבֶּער טַייעֶרֶער חָבֵר, הֶער זִיךְ אוֹיף צוּ בַּאשׁוּלְדִיגְן וְכוּ', דָאס וֶועט דִיר נָאר אַרַיין ווַארְפְן אִין עַצְבוּת אוּן אִין מָרָה שְׁחוֹרָה. דֶער

איבֶּערשְׁטֶער פִירְט די וֶועלְט און מִיר וֵוייסְן גָארְנִישְׁט וָואס, וֶוען און וואו.

**וזאוֹיל** איז דיר אַז דו הָאסְט אַ רֶבִּי וֶועם דו פְרֶעגְסְט דַיינֶע שְׁאֵלוֹת און דַיינֶע קִינְדֶער גֵייעֶן צו אִים נֶעמֶען יִרְאַת שָׁמַיִם און חִיזוּק. דָאס אִיז פוּן די ווִיכְטִיגְסְטֶע זַאכְן אִין חִינוּךְ, צוּ וַוייזְן פַאר קִינְדֶער אַז מֶען הָאט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד מִיט וֶועם מֶען אִיז זִיךְ שׁוֹאֵל עֵצָה וְכוּ'. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידּוֹת, אוֹת בָּנִים, סִימָן סו): "מִי שֶׁהוּא מַקְטִין אֶת עַצְמוֹ בִּפְנֵי רַבּוֹ, וְשׁוֹאֵל מִמֶּנּוּ כָּל הַסְּפֵקוֹת", וֶוער עֶס הַאלְט זִיךְ קְלֵיין פַאר זַיין רֶבִּי און פְרֶעגְט אִים אַלֶע זַיינֶע סְפֵיקוֹת, "אַף עַל פִּי שֶׁרַבּוֹ מְבַיֵּשׁ אוֹתוֹ", אֲפִילוּ זַיין רֶבִּי פַארְשֶׁעמְט אִים - פְרֶעגְט עֶר אִים נָאךְ אַלְץ זַיינֶע שְׁאֵלוֹת און סְפֵיקוֹת, "עַל יְדֵי זֶה זוֹכֶה שֶׁיּוֹצֵא מִמֶּנּוּ בֵּן שֶׁהוּא גָּדוֹל בַּתּוֹרָה יוֹתֵר מֵרַבּוֹ", דוּרְכְדֶעם וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער וָואס וֶועלְן זַיין גְרֶעסֶער פוּן זַיין רֶבִּי אִין תּוֹרָה.

דִי אַלֶע וָואס גֵייעֶן צוּ רֶבִּי'ס בְּשַׁעַת זֵיי אַלֵיין לַאכְן פוּן דֶעם אִין שְׁטוּב, דָאס אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער הִירוּס אִין חִינוּךְ. וַוייל מֶען אִיז מְחַנֵּךְ קִינְדֶער אַז אַלֶעס אִיז שֶׁקֶר רַחְמָנָא לִצְלָן.

**מֶענְטְשְׁן** מַאכְן חָרוּב זֵייעֶרֶע קִינְדֶער מִיט זֵייעֶר אֵייגֶענֶע הֶענְט מִיט דֶעם פַארְקְרוּמְטְן שִׁיטָה אַז מֶען דַארְף בַּאלַאנְגֶען עֶרְגֶעץ אֲפִילוּ עֶס אִיז שֶׁקֶר; דָאס אִיז קֶעגְן דִי תּוֹרָה און קֶעגְן דִי שֵׂכֶל, וַוייל דִי קִינְדֶער זִיצְן שַׁבָּת בַּיים טִישׁ און הֶערְן כָּל מִינֵי לֵיצָנוּת וְכוּ' און נָאכְדֶעם הֵייסְט דֶער

טַאטֶע גֵיין צום רֶבִּי'ן, זֶעֶן דִי קִינְדֶער אַז אַלֶעס אִיז בְּלָאף הַשֵׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

**אוֹיב** דוּ ווילְסְט נַחַת פוּן דַיינֶע קִינְדֶער זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אייבֶּערשְׁטְן יֶעדְן טָאג אוֹיף דֶעם; מֶען הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם הֵיילִיגְן חֲתַם סוֹפֵר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ ווי אַזוֹי עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַזֶעלְכֶע גוּטֶע קִינְדֶער? הָאט דֶער הֵיילִיגֶער חֲתַם סוֹפֵר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "יֶעדֶע נַאכְט בַּיי תִּיקוּן חֲצוֹת הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעפִילְט אַ גְלָאז מִיט טְרֶערְן, אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן דֶעם אייבֶּערשְׁטְן אַז מַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן, אַזוֹי הָאבּ אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ דֶעם".

**מוֹהֲרָא"ש** זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְט אַז דָאס זֶעלְבֶּע אִיז גֶעוֶוען בַּיי אֵיינֶער פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ; עֶר הָאט גֶעהַאט צֶען קִינְדֶער וָואס אַלֶע זֶענֶען גֶעוֶוען עֶרְלִיכֶע אִידְן אוּן בַּעֲלֵי מִידוֹת טוֹבוֹת וְכוּ'. וֶוען מֶען הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: "ווי אַזוֹי הָאט אִיר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ דֶעם?" הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "וָואס מֵיינְט אִיר, אִיךְ הָאבּ זֵיי אַרָאפּ גֶעריסְן פוּן בוֹים? אִיךְ הָאבּ יֶעדֶע נַאכְט גֶעוֵויינְט צוּם אייבֶּערשְׁטְן, אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעפִילְט מַיין קַאפְּל מִיט מַיינֶע טְרֶערְן אוּן אִיךְ הָאבּ זִיךְ אָפְּגֶעוַואשְׁן מַיין פָּנִים דֶערְמִיט".

**שְׁטַארְק** זִיךְ אוּן שְׁטַארְק דַיין וַוייבּ; זֶע אַז עֶס זָאל הֶערְשְׁן אַ פַּאזֶעטִיוֶוער לוּפְט בַּיי עֶנְק אִין שְׁטוּבּ. וֶוען דוּ שְׁפִּירְסְט אַז דוּ דַארְפְסְט וויינֶען זָאלְסְטוּ טוּן וָואס יוֹסֵף הַצַּדִיק הָאט גֶעטוּן (בְּרֵאשִׁית מג, ל): "וַיְבַקֵּשׁ לִבְכּוֹת, וַיָּבֹא הַחַדְרָה, וַיֵּבְךְ

שָׁמָּה", וְוען יוֹסֵף הָאט גֶעשְׁפִּירְט ווִי עֶר דַארְף וֵוינֶען, אִיז עֶר אַרוֹיס אִין אַ זַייטִיגֶע צִימֶער אוּן דָארְט הָאט עֶר גֶעוֵויינְט; אִיךְ בֶּעט דִיר, זַיי שְׁטַארְק מִיט אַלֶע דַיינֶע כּוֹחוֹת אוּן זֶע עֶס זָאל זַיין אַ פְרֵיילִיכֶע לוּפְט אִין שְׁטוּב.

חוּץ פוּן דַיין שִׁיעוּר וָואס דוּ לֶערְנְסְט מִיט דַיין זוּן זָאלְסְטוּ זֶען צוּ שְׁמוּעֶסְן מִיט אִים סְתָם זַאכְן; נֵייעֶס וְכַדוֹמֶה לָזֶה. דִי קֶשֶׁר צְווִישְׁן דִיר אוּן אִים דָאס אִיז נָאךְ מֶער ווִיכְטִיג פוּן אַלֶעמֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט זֶען נַחַת בַּיי דַיינֶע קִינְדֶער אוּן בַּיי דַיינֶע אֵיינִיקְלֶעךְ בְּקָרוֹב, אָמֵן.

## רנח

### אַ כָּשֵׁר'ע סְמַארְטְפָאוֹן מִיט אַ פִּילְטֶער, וֶועט עֶס שָׁאטְן פַאר מַיינֶע קִינְדֶער?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם כָּל אַ גְרוֹיסְן יְיִשַׁר כֹּחַ פַאר דִי שִׁיעוּרִים, אִיךְ בִּין מַמָּשׁ צוּגֶעבִּינְדְן צוּ דִי שִׁיעוּרִים אוּן אִיךְ בִּין זִיךְ מְחַיֶה' דֶערְמִיט.

אִיךְ בִּין אַ אִינְגֶערְמַאן מִיט אַ ווַייבּ אוּן קִינְדֶער בָּרוּךְ ה', אִיךְ הָאבּ אַ שֵׁיינֶע פַּרְנָסָה אוּן אִיךְ לֶערְן אַ הַאלְבְּן טָאג. צוּ מַיין אַרְבֶּעט הָאבּ אִיךְ אַ סְמַארְטְפָאוֹן מִיט זֵייעֶר אַ גוּטֶע פִילְטֶער פוּן מַיין קְהִלָּה, עֶס הָאט נִישְׁט קַיין גוּגְל, ווִידְיָא, סָאוֹשֶׁעל מִידִיעֶ, וָואטְסְעֶפּ גְרוּפְּס, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, נָאר דִי

ווִיכְטִיגֶע אַפְּלִיקַאצִיעֶס וָואס אִיךְ דַארְף הָאבְּן פַאר דִי אַרְבֶּעט, אוּן אִיךְ נוּץ עֶס טַאקֶע נָאר פַאר דִי אַרְבֶּעט אוּן נִישְׁט פַאר נַארִישְׁקַייטְן אוּן לֵיידִיג גֵיין.

לֶעצְטְנְס אָבֶער הָאבְּן מִיר מֶענְטְשְׁן אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ זָאגְן אַז אֲפִילוּ אִיךְ הָאבּ אַ גוּטֶע פִילְטֶער אוּן אִיךְ נוּץ עֶס נָאר פַאר נוֹיטִיג, אִיז עֶס אָבֶער נָאכְאַלְץ נִישְׁט גוּט פַאר דִי קִינְדֶער, ווַייל זֵיי קֶענֶען נִישְׁט מַבְחִין זַיין וָואס עֶס אִיז יָא ווִיכְטִיג אוּן וָואס נִישְׁט, וָואס אִיז יָא כָּשֵׁר אוּן וָואס נִישְׁט, אוּן בַּיי זֵיי בְּלַייבְּט אִין קָאפּ אַז דֶער טַאטֶע הָאט אַ סְמַארְטְפָאוֹן אוּן דָאס וֶועלְן זֵיי וֶועלְן נָאכְמַאכְן.

מִיר אִיז שְׁוֶוער אוֹיפְצוּגֶעבְּן דֶעם סְמַארְטְפָאוֹן וָואס אִיךְ נוּץ פַאר דִי אַרְבֶּעט, אוּן אוֹיךְ דַארְף אִיךְ הָאבְּן קֶשֶׁר מִיט מֶענְטְשְׁן פוּן חוּץ לָאָרֶץ פַאר דִי אַרְבֶּעט אוּן דָאס אִיז שְׁוֶוער צוּ טוּן בְּלוֹיז מִיט'ן רֶעדְן אוֹיפְ'ן טֶעלֶעפָאן. אִיךְ מֵיין אַז וֶוען אַ טַאטֶע אִיז מִתְפַּלֵּל פַאר זִיךְ אוּן פַאר דִי קִינְדֶער, עֶר הָאט נָאר אַ גֶעפִילְטֶערְטֶע סְמַארְטְפָאוֹן פַאר דִי אַרְבֶּעט, אוּן אוֹיף צוּ רֶעדְן הָאט עֶר אַ בַּאזוּנְדֶערֶע פְּשׁוּט'עֶ טֶעלֶעפָאן, הֵייסְט דָאס שׁוֹין אַז עֶר הָאט גֶעטוּן גֶענוּג גוּט וָואס עֶר דַארְף צוּ טוּן, אוּן עֶר דַארְף נִישְׁט זַיין אַזוֹי בַּאזָארְגְט.

אִיךְ וֶועל זִיךְ פְרֶעגְן אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר קֶענֶען זָאגְן וָואס עֶס אִיז דֶער דֶּרֶךְ הַתּוֹרָה בַּיי דֶעם.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעם.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת תְּצַוֶּה, ה' אֲדָר, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.**

**טַאטֶע מַאמֶע וָואס ווִילְן זֶען נַחַת פוּן זֵייעֶרֶע קִינְדֶער דַארְפְן פַארְגִיסְן אַסַאךְ טְרֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם.**

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (תַּנָּא דְּבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּה, פֶּרֶק יח):

"מַעֲשֶׂה בְּכֹהֵן אֶחָד שֶׁהָיָה יְרֵא שָׁמַיִם בַּסֵּתֶר, וְהָיוּ לוֹ עֲשָׂרָה בָּנִים מֵאִשָּׁה אַחַת, שִׁשָּׁה זְכָרִים וְאַרְבַּע נְקֵבוֹת", עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ כֹּהֵן זֵייעֶר אַן עֶרְלִיכֶער אִיד וָואס הָאט גֶעהַאט צֶען קִינְדֶער - זֶעקְס זוּן אוּן פִיר טֶעכְטֶער, "וּבְכָל יוֹם וָיוֹם הָיָה מִתְפַּלֵּל וּמִשְׁתַּטֵּחַ וּמִתְחַנֵּן וּמְבַקֵּשׁ רַחֲמִים וּמְלַחֵךְ בִּלְשׁוֹנוֹ עָפָר, כְּדֵי שֶׁלֹּא יֵצֵא אֶחָד מֵהֶן לִידֵי עֲבֵירָה וְלִידֵי דְּבַר מְכֹעָר", עֶר פְלֶעגְט זִיךְ יֶעדְן טָאג אַרָאפְוַוארְפְן אוֹיף דֶער עֶרְד וֵויינֶען אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אַלֶע זַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן; "אָמְרוּ לֹא יָצְתָה אוֹתָהּ שָׁנָה וְלֹא שֵׁנִית וְלֹא שְׁלִישִׁית, עַד שֶׁבָּא עֶזְרָא וְהֶעֱלָה אֶת יִשְׂרָאֵל מִבָּבֶל, וְהֶעֱלָה אִתּוֹ כֹּהֵן עִמָּהֶם, לֹא נִכְנַס אִתּוֹ כֹּהֵן לְבֵית עוֹלָמוֹ, עַד שֶׁרָאָה כֹּהֲנִים גְּדוֹלִים וּפִרְחֵי כְּהוּנָּה מִבָּנָיו וּמִבְּנֵי בָנָיו עַד חֲמִשִּׁים שָׁנָה, וְאַחַר כָּךְ נִכְנַס אוֹתוֹ כֹּהֵן לְבֵית עוֹלָמוֹ", בִּיז עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען אַרוֹיף צוּ גֵיין קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל מִיט אַלֶע זַיינֶע קִינְדֶער צוּזַאמֶען מִיט עֶזְרָא הַסוֹפֵר, אוּן אַלֶע זַיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען גֶעוָוארְן כֹּהֲנִים אִינֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, דֶער כֹּהֵן הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ וָואס אַלֶע פוּן זֵיי הָאבְן גֶעטוּן דִי עֲבוֹדָה אִינֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז תְּפִילָה אִיז דִי עֵצָה זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער.

וְזַייסְן זָאלְסְטוּ אַז מִיר הָאבְּן אִין אוּנְזֶער דוֹר אַ צָרָה וָואס רוּפְט זִיךְ: "אִינְטֶערְנֶעט"; דָאס הָאט שׁוֹין חָרוּב גֶעמַאכְט זֵייעֶר אַסַאךְ אִידִישֶׁע שְׁטוּבֶּער. דָאס בְּרֶענְגְט אַז מֶען זָאל אַרָאפְפַאלְן אִין עֲבֵירוֹת אוּן פַארְלִירְן דִי אֱמוּנָה אוּן יִרְאַת

שָׁמַיִם רַחְמָנָא לִצְלָן. אַ אִיד טָאר נִישְׁט הָאבְּן בַּיי זִיךְ אִין שְׁטוּבּ אַ קָאמְפְּיוּטֶער אָדֶער סַיי וָואס פַּאר אַ כֵּלִי וָואס מֶען קֶען זִיךְ מְחַבֵּר זַיין דוּרְכְדֶעם צוּם אִינְטֶערְנֶעט, וַוייל בַּיים סוֹף וֶועט מֶען אַלֶעס פַּארְלִירְן וְכוּ'.

**וָואס** זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם הָאט זִיךְ גֶעטְרָאפְן אַ גְרִינְגֶע וֶועג ווי אַזוֹי עֶר קֶען אַרָאפּ וַוארְפְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, בָּחוּרִים און מֵיידְלֶעךְ, גְרִינְגֶערְהֵייט; אַנְשְׁטָאט אַרְבֶּעטְן טָאג און נַאכְט זֵיי צוּ שְׁלֶעפְּן אוֹיף נִישְׁט גוּטֶע פְּלֶעצֶער, הָאט עֶר הַיינְט אַ גְרִינְגֶע וֶועג, דֶער בָּחוּר קוֹיפְט זִיךְ אַ סְמַארְטְפָאוֹן אָדֶער אַ טֶעבְּלֶעט וְכַדוֹמֶה לָזֶה, דַארְף עֶר שׁוֹין נִישְׁט גֵיין אִין עֶרְגֶעץ. עֶר זִיצְט בַּיי זִיךְ בַּאהַאלְטְן און קוּקְט דָארְט אָפּ אַלֶע שְׁמוּץ וָואס אִיז דָא אוֹיף דִי וֶועלְט רַחְמָנָא לִצְלָן.

**דָאס** וָואס מֶענְטְשְׁן זָאגְן דִיר אַז קִינְדֶער זֶעעֶן ווי דֶער טַאטֶע פִּירְט זִיךְ און אַזוֹי וֶועלְן זֵיי אוֹיךְ טוּן, דָאס אִיז דֶער פַּאקְטִישֶׁער מְצִיאוּת. אַזוֹי זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (סוּכָּה נו:): "שׁוּתָא דִינוּקָא בְּשׁוּקָא - אוֹ דַאֲבוּהָ אוֹ דְאִימֵיהּ", וָואס אַ קִינְד רֶעדְט, אִיז עֶס אָדֶער פוּן דִי טַאטֶע אָדֶער פוּן דִי מַאמֶע; חִינוּךְ הֵייבְּט זִיךְ אָן בַּיי זִיךְ אַלֵיין, ווי אַזוֹי דֶער מֶענְטְשׁ פִירְט זִיךְ וֶועלְן זַיינֶע קִינְדֶער אִים נָאכְמַאכְן. קִינְדֶער וָואס זֶעעֶן ווי דֶער טַאטֶע שְׁפִּילְט זִיךְ טָאג און נַאכְט מִיט זַיין טֶעלֶעפָאן, וֶועלְן דִי קִינְדֶער זִיךְ קוֹיפְן שְׁטִילֶערְהֵייט אַ טֶעלֶעפָאן און זַיין פַּארְנוּמֶען דֶערְמִיט טָאג און נַאכְט. אַזוֹי אוֹיךְ, קִינְדֶער וָואס זֶעעֶן ווי דֶער טַאטֶע לֶערְנְט און דַאוֶוענְט וֶועלְן זֵיי אוֹיךְ זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן.

דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז דוּ דַארְפְסְט דָאס פַאר דַיין אַרְבֶּעט; וְויסְן זָאלְסְטוּ אַז נָאךְ דִי צַייט פוּן דִי אַרְבֶּעט, וֶוען דוּ גֵייסְט אַהֵיים צוּ דַיין שְׁטוּב - דַארְפְסְטוּ פַארְמַאכְן וְכוּ' אוּן זַיין פַארְנוּמֶען מִיט דַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער. אַ מֶענְטְשׁ וָואס ווִיל זֶען נַחַת פוּן זַיינֶע קִינְדֶער דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט אַרַיין צוּ בְּרֶענְגֶען אִין שְׁטוּב זַיין קָאמְפְּיוּטֶער, סְמַארְטְפָאוֹן וְכוּ'; אַרְבֶּעט אִיז אַרְבֶּעט, אָבֶּער וֶוען מֶען אִיז אִין שְׁטוּב דֶעמָאלְט נוּצְט מֶען נִישְׁט דִי אַלֶע זַאכְן.

אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט נִישְׁט אַהֵיים בְּרֶענְגֶען דַיין סְמַארְטְפָאוֹן; דָאס וֶועט זַיין דִי גְרֶעסְטֶע חִינוּךְ פַאר דַיינֶע קִינְדֶער, ווַייל זֵיי וֶועלְן זֶען ווִי זֵייעֶר טַאטֶע אִיז עֶרְלִיךְ, עֶר דַאוֶונְט אוּן לֶערְנְט אוּן נוּצְט זַיין טֶעלֶעפָאן נָאר פַאר זַיין אַרְבֶּעט וְכוּ'.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## רנט

**זָאל אִיךְ מַאכְן מַיין וַוייבּ טוּישְׁן פוּן אַ שֵׁייטְל צוּ אַ טִיכְל?**

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם כָּל ווִילְן מִיר זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה פַאר אַלֶע עֵצוֹת אוּן לִימוּדִים וָואס בְּרֶענְגְט אוּנְז זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן.

לֶעצְטְנְס איז נָאכְאַמָאל נתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן אַ שְׁאֵלָה וֶועגְן שֵׁייטְלֶעךְ, בְּעִיקָר בַּיי דִי יוֹמֶען אָבֶער אוֹיךְ בַּיי דִי סִינְטֶעטִישֶׁע, אוּן מִיר הָאבְּן דָאס גֶעוָואלְט אִיבֶּערְשְׁמוּעֶסְן מִיטְ'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

מַיין וַוייבּ טְרָאגְט אַ שֵׁייטְל אוּן מִיר הָאט זֵייעֶר גֶעשְׁטֶערְט אַז עֶס אִיז דָא שְׁאֵלוֹת אוֹיף דֶעם, אִיךְ הָאבּ אָבֶּער נִישְׁט גֶעוָואלְט מוּטְשֶׁען מַיין וַוייבּ דֶערְוֶועגְן. וֶוען זִי הָאט מִיר אָבֶּער גֶעפְרֶעגְט וָואס אִיךְ הַאלְט דֶערְוֶועגְן הָאבּ אִיךְ אִיר גֶעזָאגְט דֶעם אֱמֶת, אַז כָאטְשׁ וָואס אִיךְ וֵויים נִישְׁט פּוּנְקְטְלִיךְ דִי הַלָכָה בִּין אִיךְ אָבֶּער מְוַותֵּר אוֹיף דִי שֵׁייטְל אוּן אִיךְ הָאבּ חֵשֶׁק אַז זִי זָאל טוּישְׁן אִיר קָאפּ צוּדֶעק צוּ אַ שְׁפִּיצְל וָואס דָאס אִיז דִי מֶערְסְטֶע לְכַתְּחִלָה'דִיג; סֵיי אַלְס דִי הַלָכָה'דִיגֶע שְׁאֵלוֹת אוּן סֵיי אַז עֶס אִיז מֶער צְנִיעוּת'דִיג אוּן אוֹיךְ אַז ווִי מֶער דִי צְנִיעוּת פַּאלְט דַארְף מֶען מַאכְן שְׁטֶערְקֶערֶע גְדָרִים.

לְמַעֲשֶׂה וויל מַיין וַוייבּ וויסְן, אוֹיסֶער דִי פָּשׁוּט'ע חִיוּב צוּ טוּן וָואס דֶער מַאן וויל, אוֹיבּ זִי דַארְף אוֹיסְטוּן דֶעם שֵׁייטְל צוּלִיבּ דִי שְׁאֵלוֹת וָואס אִיז דָא אִין דֶעם, וַוייל לְמַעֲשֶׂה רֶעדְן נִישְׁט דִי רַבָּנִים דֶערְוֶועגְן, אִיז דָאס אֶפְשָׁר בְּלוֹיז אַ הדור אוּן זִי קֶען אִיגְנָארִירְן דִי גַאנְצֶע זַאךְ אוּן גֵיין וַוייטֶער אָנְגֶעטוּן אַזוֹי ווִי אִיר גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה גֵייט.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ו' אֲדָר, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר וְזוּגָתוֹ תִּחְיֶ'.

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיווּ.**

**בְּנוֹגֵעַ דִי הַלָכָה'דִיגֶע חֵלֶק צִי אַ שֵׁייטְל אִיז אָסוּר וַוייל עֶס קוּמְט פוּן עֲבוֹדָה זָרָה - דָאס זָאלְסְטוּ פְרֶעגְן אַ דַיָין. דוּ וואוֹינְסְט דָאךְ אִין ... גֵיי פְרֶעג הָרַב הַגָּאוֹן רֶבִּי ...**

שְׁלִיטָ"א; לוֹיט וִויפִיל אִיךְ גֶעדֶענְק פוּן יָארְן צוּרִיק דַארְף אַ שֵׁייטְל הָאבְּן אַ הֶכְשֵׁר אַז עֶס קוּמְט נִישְׁט פוּן דִי הָאר וָואס מֶען שֶׁערְט זִיךְ פַאר עֲבוֹדָה זָרָה אִין אִינְדִיעֶ וְכוּ'.

**אִיךְ** בֶּעט דִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק דוּ זָאלְסְט מְכַבֵּד זַיין דַיין וַוייבּ אוּן אִיר נִישְׁט בַּאצְוִוינְגֶען וְכוּ'; זִי אִיז אַן עֶרְלִיכֶע אוּן אַן אֵיידֶעלֶע. דוּ דַארְפְסְט אִיר פַארְשְׁטֵיין אַז זִי וִויל טוּן דַיין רָצוֹן אוּן דַיין וִוילְן וְכוּ' אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט הָאט זִי שְׁוֶועסְטֶערְס אוּן מִשְׁפָּחָה וְכוּ'; דָאס מַאכְט אִיר וֶועלְן גֵיין אַזוֹי ווִי זֵיי גֵייעֶן אָנְגֶעטוּן וְכוּ'. אוֹיבּ זִי אִיז מַסְכִּים זִיךְ צוּ טוֹישְׁן וְכוּ' אִיז זִיכֶער אַז אַ טִיכְל אִיז מֶער צְנִיעוּת'דִיג אוּן אִין דֶעם זְכוּת וֶועט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ דִי בְּרָכָה וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּנְחוּמָא וַיִּשְׁלַח, ו): אוֹיפְ'ן פָּסוּק (תְּהִלִּים קכח, ג): "אֶשְׁתְּךָ כְּגֶפֶן פּוֹרִיָּה", וֶוען אִיז אַ פְרוֹי ווִי אַ וַויינְשְׁטָאק, זִי אִיז זוֹכֶה אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן אַ שְׁטוּבּ מִיט קִינְדֶער? וֶוען זִי אִיז "בְּיַרְכְּתֵי בֵיתֶךָ"; וֶוען זִי פִירְט זִיךְ אֵיידְל אוּן גֵייט אָנְגֶעטוּן אֵיידְל, דֶעמָאלְט וֶועט זִי זוֹכֶה זַיין צוּ דִי בְּרָכָה פוּן "בָּנֶיךָ כִּשְׁתִלֵי זֵיתִים", זִי וֶועט אוֹיפְשְׁטֶעלְן קִינְדֶער וָואס וֶועלְן גֶעזַאלְבְּט וֶוערְן מִיטְ'ן שֶׁמֶן הַמִּשְׁחָה, עַיֵּין שָׁם.

**דִי** וִויכְטִיגְסְטֶע זַאךְ אִין שָׁלוֹם בַּיִת אִיז אַז מַאן אוּן וַוייבּ רֶעדְן זִיךְ דוּרְךְ אֵיינֶער מִיטְ'ן צְוֵוייטְן, מֶען הֶערְט אוֹיס אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן אוּן מֶען פַארְשְׁטֵייט יֶענֶעמְ'ס הֶרְגֵּשִׁים וְכוּ'. מֶען קֶען נִישְׁט אַרוֹיפְצְווִינְגֶען דִי אֵייגֶענֶע וִוילְן אוֹיפְ'ן צְוֵוייטְן, וֶוער רֶעדְט נָאךְ פוּן טְשֶׁעפֶּען אַ וַוייבּ, וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בָּבָא מְצִיעָא נט.): "לְעוֹלָם יְהֵא אָדָם זָהִיר

בְּאוֹנָאַת אִשְׁתּוֹ", אַ מֶענְטְשׁ זָאל זַייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ טְשֶׁעפֶּען זַיין וַוייבּ, "מִתּוֹךְ שֶׁדִּמְעָתָהּ מְצוּיָה", וַוייל זִי וֵויינְט זַייעֶר שְׁנֶעל. מוֹהֲרָא"שׁ פְּלֶעגְט זַייעֶר אַסַאךְ רֶעדְן צוּ אוּנְז פוּן שָׁלוֹם בַּיִת אוּן דָאס אִיז פוּן דִי יְסוֹדוֹת אִין "הֵיכָל הַקוֹדֶשׁ".

**דֶערְפַאר** בֶּעט אִיךְ דִיר זַייעֶר דוּ זָאלְסְט נִישְׁט בַּאצְוִוינְגֶען דַיין וַוייבּ זִי זָאל זִיךְ טוּישְׁן וְכוּ' אֲפִילוּ דוּ מֵיינְסְט גוּטְס; דוּ ווילְסְט אַז עֶרְלִיכֶע שְׁטוּבּ אוּן דוּ ווילְסְט מֶען זָאל גֵיין בַּיי דִיר מִיט אַן עֶרְלִיכְן לְבוּשׁ וְכוּ'. אָבֶּער גֶעבּ אַכְטוּנְג אַז דַיין וַוייבּ זָאל נִישְׁט הָאבְּן אַ פַּחַד פוּן דִיר, וַוייל אוֹיבּ מֶען לֵייגְט אַ פַּחַד אִין שְׁטוּבּ פַארְלִירְט מֶען אַלֶעס רַחְמָנָא לִצְלָן; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (גִּיטִּין ו:): "לְעוֹלָם אַל יַטִּיל אָדָם אֵימָה יְתֵירָה בְּתוֹךְ בֵּיתוֹ", אַ מֶענְטְשׁ זָאל נִישְׁט וַוארְפְן אַ שְׁרֶעק אוֹיף זַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, "שֶׁהֲרֵי פִּילֶגֶשׁ בְּגִבְעָה הִטִּיל עָלֶיהָ בַּעֲלָהּ אֵימָה יְתֵירָה וְהִפִּילָה כַּמָּה רְבָבוֹת מִיִּשְׂרָאֵל". וַוייל דִי מַעֲשֶׂה פוּן פִּילֶגֶשׁ בַּגִּבְעָה וְוי זִיבֶּעצִיג טוֹיזְנְט אִידְן זֶענֶען גֶע'הַרְג'עט גֶעוָוארְן הָאט זִיךְ אָנְגֶעפַאנְגֶען פוּן אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט גֶעוָוארְפְן אַ פַּחַד אוֹיף זַיין וַוייבּ, נָאךְ זָאגְן חַזַ"ל (שָׁם): "אָמַר רַב יְהוּדָה אָמַר רַב, כָּל הַמֵּטִיל אֵימָה יְתֵירָה בְּתוֹךְ בֵּיתוֹ, סוֹף הוּא בָּא לִידֵי שָׁלֹשׁ עֲבֵירוֹת, גִּלּוּי עֲרָיוֹת, וּשְׁפִיכוּת דָּמִים, וְחִלּוּל שַׁבָּת". וֶוער עֶס וַוארְפְט אַ פַּחַד אוֹיף זַיין וַוייבּ וֶועט נָאכְדֶעם צוּקוּמֶען צוּ דִי דְרַיי הַארְבֶּע עֲבֵירוֹת פוּן גִלוּי עֲרָיוֹת, שְׁפִיכוּת דָמִים אוּן חִילוּל שַׁבָּת.

**אִיךְ** פַארְשְׁטֵיי דִיר גַאנְץ גוּט אַז דוּ ווילְסְט דַיין שְׁטוּבּ זָאל זַיין מֶער צְנִיעוּת'דִיג, וַוייל עֶס זֶענֶען דָא פּוֹסְקִים וָואס

הַאלְטְן (סְמַ"ק, מִצְוָה נז) אַז צְנִיעוּת בַּיי פְרוֹיעֶן אִיז אַ דְאוֹרַיְיתָא, נִישְׁט סְתַּם אַ חוּמְרָא. אוּן דוּ ווִילְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ דִי בְּרָכוֹת וָואס מֶען בַּאקוּמְט וֶוען דִי פְרוֹי פִירְט זִיךְ בִּצְנִיעוּת, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּנְחוּמָא וַיִּשְׁלַח, ו): אוֹיפְ'ן פָּסוּק (תְּהִלִּים מה, יד): "כָּל כְּבוּדָּה בַת מֶלֶךְ - פְּנִימָה" - אָמַר רַבִּי יוֹסֵי, כְּשֶׁהָאִשָּׁה מַצְנַעַת אֶת עַצְמָהּ בְּתוֹךְ הַבַּיִת, רְאוּיָה לְהִנָּשֵׂא לְכֹהֵן גָּדוֹל, וְתַעֲמִיד כֹּהֲנִים גְּדוֹלִים", אוֹיב אַ פְרוֹי פִירְט זִיךְ בִּצְנִיעוּת וֶועט זִי הָאבְן קִינְדֶער גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים, נָאךְ זָאגְן חַזַ"ל (שָׁם): "אָמַר רַבִּי פִּנְחָס הַכֹּהֵן בַּר חָמָא, בִּזְמַן שֶׁהִיא צְנוּעָה בְּתוֹךְ הַבַּיִת, כְּשֵׁם שֶׁהַמִּזְבֵּחַ מְכַפֵּר כָּךְ הִיא מְכַפֶּרֶת עַל בֵּיתָהּ", וֶוען אַ פְרוֹי גֵייט בִּצְנִיעוּת אוּן זִי פִירְט זִיךְ אֵיידְל, אִיז זִי מְכַפֵּר אוֹיף אִיר הוֹיז אַזוֹי ווִי דֶער מִזְבֵּחַ; אָבֶער מֶען קֶען נִישְׁט אַרוֹיפְצְווִינְגֶען וְכוּ'.

**אוֹיב** דוּ וֶועסְט לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם מִיט אִיר אוּן אִיר מְכַבֵּד זַיין, דוּ וֶועסְט אִיר לוֹיבְּן אוּן גֶעבְּן כְּסֵדֶר לוֹיב וֶוערְטֶער, וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט רוּעֶן בַּיי דִיר אִין שְׁטוּב אוּן דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע בְּרָכוֹת אוּן צוּ אַלֶעס גוּטְס.

**אִיךְ** הָאףְ אַז דוּ וֶועסְט זַיין אַ מֵבִין דָבָר מִתּוֹךְ דָבָר אוּן דוּ וֶועסְט מִיר פָּאלְגְן.

# רס

**וָואס זֶענֶען דִי מִנְהָגִים פוּן פּוּרִים? אוּן אַ שְׁאֵלָה וֶועגְן הַפָּצָה.**

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי שִׁיעוּרִים אוּן חִיזּוּק וָואס אִיךְ בַּאקוּם פוּן אַייךְ.

אַזוֹי ווִי עֶס דֶערנֶענְטֶערְט זִיךְ שׁוֹין דֶער יוֹם טוֹב פּוּרִים, אֶפְשָׁר קֶען מִיר דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁרַייבְּן אַבִּיסְל מִנְהָגִים ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן אוּם פּוּרִים?

אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן, אַזוֹי ווִי אִיךְ גֵיי אַרוּם הַפָּצָה, אִיךְ בִּין מֵפִיץ דִי קוּנְטְרֵסִים, ווַייל אִיךְ ווִיסְן אוֹיבּ אִיךְ זָאל קוֹדֶם בֶּעטְן צְדָקָה אוּן נָאכְדֶעם גֶעבְּן אַ קוּנְטְרֵס, אָדֶער זָאל אִיךְ קוֹדֶם גֶעבְּן דֶעם קוּנְטְרֵס אוּן נָאכְדֶעם בֶּעטְן צְדָקָה?

יְיַשֵׁר כֹּחַ.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ז' אֲדָר, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אַשְׁרֵינוּ** מַה טוֹב חֶלְקֵינוּ וּמַה נָּעִים גּוֹרָלֵנוּ אַז מִיר ווייסְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס אִיז אוּנְז מְעוֹדֵד, מְשַׂמֵּחַ אוּן מְחַזֵּק אַז מִיר זָאלְן נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דֶעם וָואס דֶער יֵצֶר הָרַע וַוארְפְט אוּנְז אַרָאפּ וְכוּ' אוּן מִיר זָאלְן נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן חַס וְשָׁלוֹם, נָאר שְׁטֶענְדִיג אָנְהֵייבְּן פוּנְדַאסְנֵיי.

**יֶעצְט** קוּמְט דֶער הֵיילִיגֶער יוֹם טוֹב פּוּרִים וֶוען מֶען גֵייט זוֹכֶה זַיין צוּ הֶערְן דִי מְגִילָה; מֶען זָאגְט נָאךְ פוּן צַדִיקִים אַז בִּשְׁעַת קְרִיאַת הַמְגִילָה עֶפֶענֶען זִיךְ אוֹיף אַלֶע הִימְלֶען אוּן מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת. וַוייל יֶעדֶעס מָאל עֶס שְׁטֵייט אִין דִי מְגִילָה דָאס וָוארְט 'הַמֶלֶךְ' סְתָם אִיז דָאס מְרַמֵז אוֹיפְ'ן מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְלָכִים הַקָדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, וֶועלְן מִיר טַאקֶע זוֹכֶה זַיין צוּ (אֶסְתֵּר ב, ג): "וְיַפְקֵד הַמֶּלֶךְ פְּקִידִים בְּכָל מְדִינוֹת מַלְכוּתוֹ", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אוּנְז פּוֹקֵד זַיין מִיט אַלֶע עֶרְלֵיי יְשׁוּעוֹת בְּרוּחָנִיוּת וּבְגַשְׁמִיוּת. בְּשַׁעַת'ן לֵיינֶען דִי מְגִילָה אִיז זֵייעֶר מְסוּגָל צוּ פּוֹעֵל'ן שִׁידוּכִים, פַּרְנָסָה, קִינְדֶער וְכוּ', אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מְגִילָה ד:): "עֵינֵיהֶם שֶׁל עֲנִיִים נְשׂוּאוֹת בְּמִקְרָא מְגִילָה", דִי אוֹיגְן פוּן דִי אִידְן, וָואס מִיר זֶענֶען אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן אוּן צֶערִיסְן - יֶעדֶער אֵיינֶער אִיז אַ עָנִי אוֹיף זַיין אוֹפָן - קוּקְן אַרוֹיס אוּן מִיר וַוארְטְן אַלֶע צוּ הֶערְן דִי מְגִילָה צוּ גֶעהָאלְפְן וֶוערְן דֶערְבֵּיי מִיט אַלֶע יְשׁוּעוֹת.

**מוֹהֲרָא"ש** זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט דֶערְצֵיילְט אַ מוֹרָא'דִיגֶע מַעֲשֶׂה וָואס דֶער סְפִּינְקָא רֶבִּי דֶער בַּעַל אִמְרֵי יוֹסֵף זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְלֶעגְט דֶערְצֵיילְן יֶעדֶעס יָאר פֶּסַח בַּיים צְוֵוייטְן סֵדֶר נַאכְט. עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ אִיד וָואס אִיז גֶעזִיצְן דִי צְוֵוייטֶע נַאכְט פֶּסַח נָאכְן סֵדֶר אוּן גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ: 'אִיךְ הָאב שׁוֹין גֶעעֶנְדִיגְט דֶעם סֵדֶר, דִי גַאנְצֶע הַגָדָה אוּן אוֹיךְ שִׁיר הַשִׁירִים, וָואס נָאךְ קֶען אִיךְ זָאגְן עֶפֶּעס לוֹיב אוּן דַאנְק פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן?' אִיז אִים בֵּייגֶעפַאלְן, אַז אַזוֹי וִוי דֶער נֵס

פּוּרִים וֶוען מֶען הָאט אוֹיפְגֶעהָאנְגֶען הָמָן הָרָשָׁע אִיז דָאךְ גֶעוֶוען דֶעם צְוֵוייטְן טָאג פֶּסַח, וֶועט עֶר יֶעצְט לֵיינֶען דִי מְגִילָה לְכָבוֹד דֶעם גְרוֹיסְן נֵס.

**אַזוֹי** הָאט עֶר גֶעטוּן, עֶר הָאט גֶעלֵיינְט דִי מְגִילָה; וֶוען דֶער אִיד הָאט גֶעעֶנְדִיגְט לֵיינֶען דִי מְגִילָה הָאט עֶר דֶערְזֶען פַאר זִיךְ שְׁטֵיין אַ נְשָׁמָה פוּן יֶענֶע וֶועלְט, הָאט דֶער אִיד גֶעפְרֶעגְט דִי נְשָׁמָה: "וָואס ווִילְסְטוּ פוּן מִיר אוּן וָואס פַאר אַ שַׁיְיכוּת הָאסְטוּ מִיט מִיר אַז דוּ קוּמְסְט צוּ מִיר?" הָאט דִי נְשָׁמָה אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ דֶערְצֵיילְן וָואס טוּט זִיךְ אוֹיבְן אִין הִימְל. אַז עֶס זֶענֶען דָא נְשָׁמוֹת אוֹיבְן אִין הִימְל וָואס זֶענֶען שׁוֹין אַרִיבֶּער דֶעם גֵיהִנוֹם אוּן זֵיי זֶענֶען נָאךְ אַלְץ נִישְׁט זוֹכֶה אַרַיין צוּ קוּמֶען אִין גַן עֵדֶן בִּיז זֵיי וֶועלְן הָאבְּן אַ סְפֶּעצְיֶעלֶער זְכוּת. אוּן יֶעדֶעס יָאר וֶוען מֶען לֵיינְט דִי מְגִילָה עֶפְנְט מֶען אוֹיף דִי טִירְן פוּן גַן עֵדֶן, דֶעמָאלְט אִיז אַ צַייט וָואס אַלֶע נְשָׁמוֹת קֶענֶען אַרַיינְגֵיין אִין גַן עֵדֶן. אַפָּאר חֳדָשִׁים פַאר פּוּרִים קוּמֶען צוּ גֵיין טוֹיזְנְטֶער אוּן צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער נְשָׁמוֹת בַּיים טִיר פוּן גַן עֵדֶן וַוייל זֵיי ווִילְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ קֶענֶען אַרַיינְגֵיין אִין גַן עֵדֶן, אָבֶּער ווִיבַּאלְד עֶס נֶעמְט נִישְׁט מֶער ווִי אַפָּאר שָׁעָה ווִי לַאנְג מֶען לֵיינְט דִי מְגִילָה, אִיז נִישְׁט דָא גֶענוּג צַייט אַז אַלֶע נְשָׁמוֹת זָאלְן קֶענֶען אָנְקוּמֶען אִין גַן עֵדֶן, דַארְפְן זֵיי וַוארְטְן אוֹיפ'ן קוּמֶענְדִיגְן יָאר וֶוען מֶען לֵיינְט דִי מְגִילָה.

**זָאגְט** דִי נְשָׁמָה וַוייטֶער: "אִיךְ פְּרוּבִיר שׁוֹין אַפָּאר יָאר זִיךְ צוּ שְׁטֶעלְן בַּיים טִיר פוּן גַן עֵדֶן כְּדֵי צוּ קֶענֶען אַרַיינְגֵיין, אָבֶּער אַלֶעמָאל פַארְמַאכְט זִיךְ דִי טִיר פּוּנְקְט פַאר אִיךְ גֵיי

אַרײַן; דִי יָאר הָאבּ אִיךְ זִיךְ שׁוֹין כִּמְעַט אַרײַנְגֶעכַאפְּט, אָבֶער מַמָשׁ פַאר מִיר הָאט זִיךְ דִי טִיר פַארְמַאכְט! הָאבּ אִיךְ זִיךְ בַּארֶעכְנְט אַז אִיךְ גֵיי נִישְׁט אַוֶועק פוּן דָא בִּיזְ'ן קוּמֶענְדִיגְן יָאר, זָאל זַיין וָואס זָאל זַיין. אַזוֹי וִוי אִיךְ שְׁטֵיי דָא אוּן וַוארְט אוֹיפְ'ן קוּמֶענְדִיגְן פּוּרִים, הֶער אִיךְ פְּלוּצְלִינְג וִוי אֵיינֶער לֵיינְט דִי מְגִילָה, הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ קְלַאפְּן אוֹיפְ'ן טִיר פוּן גַן עֵדֶן אַז מֶען זָאל מִיר עֶפֶענֶען דִי טִיר, אִיז גֶעקוּמֶען דֶער מַלְאָךְ וָואס אִיז מְמוּנָה צוּ זַיין דֶער שׁוֹמֵר הַפֶּתַח אוּן מִיךְ גֶעפְרֶעגְט פַארְוָואס אִיךְ קְלַאפּ, הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט: 'וָואס הֵייסְט, אִיךְ הֶער וִוי מֶען לֵיינְט דִי מְגִילָה אוּן אִיךְ וִויל אַרײַנְגֵיין אִין גַן עֵדֶן', הָאט מִיר דֶער מַלְאָךְ גֶעזָאגְט: 'אֱמֶת טַאקֶע אַז אֵיינֶער לֵיינְט דִי מְגִילָה, אָבֶער יֶעצְט אִיז פֶּסַח בַּיינַאכְט, יֶעצְט אִיז נִישְׁט דִי צַייט אַרײַן צוּ גֵיין אִין גַן עֵדֶן, דוּ דַארְפְסְט וַוארְטְן אוֹיפְ'ן קוּמֶענְדִיגֶער יָאר פּוּרִים', אִיךְ הָאבּ מִיךְ אָבֶער נִישְׁט גֶעלָאזְט אוּן צוּרִיק גֶע'טַעְנֶה'ט: 'וָואס אִיז אַ נַפְקָא מִינָהּ צִי עֶס אִיז פֶּסַח צוּ פּוּרִים? וִוײַבַּאלְד מֶען לֵיינְט דִי מְגִילָה דַארְף מֶען מִיר אַרײַן לָאזְן!' אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁרִיגְן אוּן גֶע'טַעְנָה'ט בִּיז מֶען אִיז גֶעקוּמֶען פוּן בֵּית דִין שֶׁל מַעְלָה זֶען וָואס דִי קוֹלוֹת זֶענֶען, נָאכְ'ן אוֹיסְהֶערְן בֵּיידֶע צְדָדִים הָאט בֵּית דִין שֶׁל מַעְלָה גֶעזָאגְט אַזוֹי: 'יֶעצְט אִיז טַאקֶע נִישְׁט דִי צַייט וֶוען מֶען קֶען אַרײַנְלָאזְן אִין גַן עֵדֶן, אָבֶער אוֹיבּ דוּ וֶועסְט גֵיין צוּ דֶער אִיד וָואס לֵיינְט דִי מְגִילָה אוּן עֶר וֶועט פַּסְקְ'נֶען אַז מֶען דַארְף דִיר אַרײַן לָאזְן אִין גַן עֵדֶן, וֶועט מֶען דִיר אַרײַנְלָאזְן'".

**הָאט** דִי נְשָׁמָה גֶעבֶּעטְן דֶעם אִיד: "אִיךְ בֶּעט אַייךְ, גֶעבְּט מִיר רְשׁוּת אַרַיין צוּ גֵיין אִין גַן עֵדֶן אִיךְ זָאל שׁוֹין מְתוּקָן וֶוערְן". הָאט דֶער אִיד גֶעזָאגְט: "אִיךְ נֶעם אוֹיף מִיר דֶעם תַּפְקִיד דִיר צוּ מְתַקֵן זַיין אוּן גֵיי זָאג פַאר'ן בֵּית דִין שֶׁל מַעְלָה אַז מֶען זָאל דִיר אַרַיין לָאזְן אִין גַן עֵדֶן".

**עַד** כַּאן הַמַּעֲשֶׂה וָואס דֶער בַּעַל אִמְרֵי יוֹסֵף זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְלֶעגְט דֶערְצֵיילְן יֶעדֶעם יָאר פֶּסַח; דִי וָואס הָאבְּן גֶעהֶערְט דִי מַעֲשֶׂה הָאבְּן שׁוֹין אַלֵיינְס פַארְשְׁטַאנֶען אַז דִי מַעֲשֶׂה הָאט פַּאסִירְט מִיט אִים אַלֵיין.

**זֶעט** מֶען פוּן דִי מַעֲשֶׂה - הָאט מוֹהֲרָא"ש אוֹיסְגֶעפִירְט, אַז בְּשַׁעַת מֶען לֵיינְט דִי מְגִילָה קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין אַרַיין צוּ גֵיין אִין גַן עֵדֶן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן קיט) אַז דֶער גַן עֵדֶן אִיז אוֹיף דִי וֶועלְט; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה צוּ לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה, עֶר לֶעבְּט מִיט'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר וֵוייסְט אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער - דָאס אִיז גַן עֵדֶן. צוּ דֶעם אִיז מֶען זוֹכֶה וֶוען מֶען לֵיינְט דִי מְגִילָה.

**אִין** דִי מְגִילָה זֶעט מֶען אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ. הָמָן הָאט דָאךְ גֶעהַאט אַלֶעס אוֹיף דִי וֶועלְט; כָּבוֹד, גֶעלְט, הַייזֶער אוּן קִינְדֶער, אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ הָאט אִים גְרוֹיס גֶעמַאכְט אוּן אִים גֶעשְׁטֶעלְט אַלְס שַׂר אוֹיף אַלֶע זַיינֶע מְדִינוֹת, פַארְוָואס אִיז אִים אָנְגֶעגַאנְגֶען אַז מָרְדְכַי בּוּקְט זִיךְ נִישְׁט פַאר אִים?! הָמָן הָאט גֶעזָאגְט (אֶסְתֵּר ה, יג): "וְכָל זֶה אֵינֶנּוּ שֹׁוֶה לִי בְּכָל עֵת אֲשֶׁר אֲנִי רֹאֶה אֶת מָרְדֳּכַי הַיְּהוּדִי יוֹשֵׁב בְּשַׁעַר הַמֶּלֶךְ", עֶס

אִיז מִיר נִישְׁט וֶוערְד מַיין גַאנְצֶע רַייכְטוּם וֶוען אִיךְ זֶע מָרְדְכַי זִיצְן בַּיים טוֹיעֶר פוּן קֶענִיג; וָואס הָאט אִים אַזוֹי גֶעאַרְט? וָואס הָאסְטוּ מִיט מָרְדְכַי? דֶער גַאנְצֶער לַאנְד גֶעבְּט דִיר אָפּ כָּבוֹד, וָואס וֶוערְסְטוּ אַזוֹי אוֹיסֶער זִיךְ וְכוּ'?! נָאר וָואס דֶען, הָמָן דָאס אִיז דֶער יֵצֶר הָרָע, עֶר וֶוערְט רַייךְ פוּן עֲבֵירוֹת וָואס עֶר אִיז מַכְשִׁיל אִידִישֶׁע קִינְדֶער, עֶר וִויל נָאר אַז דֶער אִיד זָאל זִיךְ מְיַיאֵשׁ זַיין אוּן מֶער נִישְׁט קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען זָאל אָפְּלָאזְן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. אָבֶּער וֶוען עֶר זֶעט וִוי דֶער אִיד מַאכְט זִיךְ נִישְׁט וואוּסְנְדִיג, נָאר עֶר גֵייט וַוייטֶער אָן; דֶער אִיד קוּמְט וַוייטֶער אִין שׁוּל דַאוֶועגֶען שַׁחְרִית, מִנְחָה, מַעֲרִיב אוּן כַאפְּט אַריין אַבִּיסְל לֶערְנֶען, בִּפְרַט אַ בְּלַאט גְמָרָא; עֶר זֶעט דֶעם אִיד "יוֹשֵׁב בְּשַׁעַר הַמֶּלֶךְ" עֶר קוּמְט וַוייטֶער צוּרִיק אִין שׁוּל, דַאן וֶוערְט עֶר ווִילְד אוּן שְׁרֵייט: "וְכָל זֶה אֵינֶנּוּ שׁוֶֹה לִי!" עֶס אִיז אִים נִישְׁט וֶוערְד דִי אַלֶע עֲבֵירוֹת וָואס עֶר אִיז מַכְשִׁיל אִידִישֶׁע קִינְדֶער, וַוייל עֶר אִיז מַכְשִׁיל אַ מֶענְטְשׁ - אִין וָואס עֶר אִיז אִים מַכְשִׁיל - נָאר וַוייל עֶר וִויל עֶר זָאל אוֹיפְגֶעבְּן אוּן וֶוען עֶר זֶעט אַז מָרְדְכַי, דֶער אִיד, גֶעבְּט נִישְׁט אוֹיף אוּן בּוּקְט זִיךְ נִישְׁט פַאר אִים, הָאט עֶר גָארְנִישְׁט דֶערְפוּן.

**דָאס** דַארְפְן מִיר מִיטְנֶעמֶען פוּנֶעם יוֹם טוֹב פּוּרִים; מִיר דַארְפְן שְׁרֵייעֶן (אֶסְתֵּר ג, ב): "וּמָרְדֳּכַי לֹא יִכְרַע וְלֹא יִשְׁתַּחֲוֶה"; אִיךְ גֵיי זִיךְ נִישְׁט אוּנְטֶערְגֶעבְּן פַאר הָמָן הָרָשָׁע אוּן אִיךְ גֵיי נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן! אִיךְ גֵיי וַוייטֶער קוּמֶען אִין שׁוּל דְרֵיי מָאל אַ טָאג, אֲפִילוּ אִיךְ זֶע אוֹיס וִוי אַזוֹי אִיךְ זֶע אוֹיס.

איך גֶעב זיך נִישְׁט אוּנְטֶער פַאר'ן יֵצֶר הָרָע, זָאל זַיין וָואס זָאל זַיין; מֶענְטְשְׁן לָאזְן אָפּ תּוֹרָה וּתְפִילָה נָאר וַוייל דֶער יֵצֶר הָרָע בְּרֶענְגְט אַריין אִין זֵיי אַ שׁוּלְד גֶעפִיל, עֶר מַאכְט זֵיי שְׁטֶענְדִיג טְרַאכְטְן פוּנֶעם עָבַר.

**אֵיין** זַאךְ בֶּעט אִיךְ דִיר אוּן אִיךְ בֶּעט עֶס פוּן אַלֶע וָואס גֵייעֶן הַפָּצָה: "שְׁטוּפּ נִישְׁט קַיין סְפָרִים פַאר אֵיינֶער וָואס דַארְף עֶס נִישְׁט אוּן זִיכֶער נִישְׁט סְתָּם לֵייגְן אִין שׁוּלְ'ן וְכוּ'", וָואס דָאס בְּרֶענְגְט נָאר אַ זִלְזוּל אוֹיפְ'ן רֶבִּי'ן אוּן מִיר לַיידְן שׁוֹין גֶענוּג וְכוּ'. אַז דוּ גֵייסְט "הַפָּצָה" דַארְף מֶען בֶּעטְן צְדָקָה; עֶס אִיז נִישְׁט דָא אַזַא זַאךְ וִוי גֶעבְּן סְפָרִים בְּחִנָּם אוּן זִיכֶער נִישְׁט לֵייגְן אִין שׁוּלְ'ן אָדֶער בַּיי הַייזֶער בְּחִנָּם, אָדֶער גֶעבְּן פַאר אַ קִינְד בַּיים טִיר אוּן אַוֶועק לוֹיפְן וֶוען דוּ ווייסְט נִישְׁט צִי דִי עֶלְטֶערְן ווילְן אַ סֵפֶר.

**אוֹיב** דוּ גֵייסְט הַפָּצָה אוּן אֵיינֶער אִיז דִיר מְבַזֶה, זָאלְסְטוּ גָארְנִישְׁט עֶנְטְפֶערְן; דְרֵיי זִיךְ אַרוֹיס פוּן אִים אוּן גֵיי וַוייטֶער. אַז דוּ גֵייסְט הַפָּצָה אוּן אֵיינֶער לַאכְט פוּן דִיר, דוּ גֵיי וַוייטֶער; שְׁטֶעל זִיךְ פָאר אַז אַ מֶענְטְשׁ הֶערְט דִי נֵייעֶס אַז זַיינֶע נוּמֶערְן זֶענֶען דִי גֶעווינֶער נוּמֶערְן פוּן דִי לַאטֶערִי, עֶר וֶוערְט גֶעוָואר אַז עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַ מִילְיָאנֶער אִיבֶּער נַאכְט; אַזַא מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קַיין צַייט זִיךְ אָנְצוּטוּן גֶעהֶערִיג, עֶר כַאפְּט זַיינֶע קְלֵיידֶער, עֶר טוּט עֶס אָן פַארְקֶערְט וְכוּ' אוּן לוֹיפְט אָפְּנֶעמֶען זַיין גֶעלְט... אוֹיפְ'ן וֶועג טְרֶעפְן אִים מֶענְטְשְׁן, מֶען זֶעט וִוי עֶר גֵייט אָנְגֶעטוּן מִיט אַן אִיבֶּערְגֶעדְרֵייטֶע רֶעקְל, מִיט אַ צֶעקְוֶועטְשְׁטֶע הוּט וְכוּ'; מֶען הֵייבְּט אָן לַאכְן

פוּן אִים. וָואס טְרַאכְט דֶער מֶענְטְשׁ? אִים גֵייט אָן וִוי אַזוֹי מֶען קוּקְט אוֹיף אִים? עֶר גֵייט יֶעצְט אָפְּנֶעמֶען זַיין גֶעלְט, עֶר וֶוערְט אַ מִילְיָאנֶער, עֶס אִינְטֶערֶעסִירְט אִים בִּכְלַל נִישְׁט צִי מֶען לַאכְט צִי מֶען וֵויינְט.

**אַזוֹי** זָאלְסְטוּ טְרַאכְטְן וֶוען דוּ גֵייסְט הַפָּצָה; קוּק אוֹיף דִיר, וֶוער הָאט דִיר גֶעבְּרֶענְגְט צוּם רֶבִּי'ן? וֶוער הָאט דִיר גֶעגֶעבְּן לֶעבְּן? נָאר דִי סְפָרִים וָואס אַ מֵפִיץ הָאט דִיר גֶעגֶעבְּן וֶוען עֶר הָאט דִיר גֶעטְרָאפְן וִוי דוּ בִּיסְט גֶעלֶעגְן אִין דַיין מָרָה שְׁחוֹרָה אוּן דִיר דוּרְכְדֶעם גֶערַאטֶעוֶועט וְכוּ'. אוּן אֲפִילוּ דִי וָואס זֶענֶען גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן בַּיי בְּרֶסְלֶב'עֶ עֶלְטֶערְן; וִוי אַזוֹי אִיז דַיין טַאטֶע גֶעוָוארְן אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר? וִוי אַזוֹי אִיז דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה אָנְגֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן? נָאר דוּרְךְ הַפָּצָה!

**בֶּעסֶער** אִיז וֶוען מֶען זָאגְט: "דָא הָאט אִיר אַ שֵׁיינֶע מַתָּנָה". אוּן וֶוען יֶענֶער נֶעמְט דִי מַתָּנָה בֶּעט מֶען: "אִיר הָאט עֶפֶּעס פַאר צְדָקָה?" אוּן אוֹיבּ יֶענֶער ווִיל נִישְׁט נֶעמֶען דֶעם סֵפֶר פְרֶעגְט מֶען: "אִיר הָאט עֶפֶּעס פַאר צְדָקָה?" אָבֶּער אַז דִיר אִיז גְרִינְגֶער צוּ בֶּעטְן קוֹדֶם צְדָקָה, טוּ וִוי אַזוֹי עֶס אִיז דִיר גְרִינְגֶער.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אוּנְז הֶעלְפְן מִיר זָאלְן וַוייטֶער קֶענֶען הָאבְּן דִי זְכִיָה צוּ הֶעלְפְן אַ צְוֵוייטְן אִיד אוּן מִיר זָאלְן הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין דִי גְאוּלָה שְׁלֵימָה. מַאךְ דִיר אַ חֶשְׁבּוֹן, אַז מָשִׁיחַ קוּמְט הַיינְט אוּן וֶועט דִיר פְרֶעגְן: "וָואס הָאסְטוּ הַיינְט גֶעטוּן אַז אִיךְ זָאל קֶענֶען קוּמֶען?" וִוי גְרוֹיס וֶועט זַיין

דִי בּוּשָׁה וָוען מֶען וָועט אִים נִישְׁט הָאבְּן וָואס צוּ עֶנְטְפֶערְן. אָבֶער אַז מֶען גֵייט פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער וֶועלְן מִיר זִיךְ נִישְׁט דַארְפְן שֶׁעמֶען. מִיר וֶועלְן אִים זָאגְן: "מָשִׁיחַ, אִיךְ בִּין הַיינְט אַרוּם גֶעגַאנְגֶען אִין שׁוּלְ'ן אוּן אִין הַייזֶער מִיט סְפָרִים וָואס זֶענֶען מְחַזֵק אוֹיף אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה"; "מָשִׁיחַ, אִיךְ הָאבּ הַיינְט מֵפִיץ גֶעוֶוען קוּנְטְרֵסִים פַאר בָּחוּרִים. אַז נָאךְ אַ בָּחוּר זָאל אָנְטוּן תְּפִילִין, נָאךְ אַ בָּחוּר זָאל וִויסְן אַז עֶר הָאט נָאךְ אַ וֶועג צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן"; "מָשִׁיחַ, הַיינְט הָאבּ אִיךְ גֶעגֶעבְּן סִידּוּרִים וָואס עֶנְטְהַאלְט נִיגוּנִים פוּן אֱמוּנָה, אַז נָאךְ אַ אִיד זָאל וִויסְן אַז עֶס אִיז נִישְׁט עֶק וֶועלְט וֶוען עֶס גֵייט אִים נִישְׁט וִוי אַזוֹי עֶר וִויל".

**שְׁטַארְק** דִיר אוּן זֵיי מַמְשִׁיךְ מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע גוּטֶע זַאכְן.

**אַ** פְרֵיילִיכְן פּוּרִים אוּן אַ שִׂמְחַת תָּמִיד.

## רסא

**וָואס טוּט אַ שַׁמָּשׁ אִין אַ בֵּית הַמִּדְרָשׁ מִיט דִי פִילֶע גִלְיוֹנוֹת?**

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ שַׁמָּשׁ אִין אַ שׁוּל, עֶס קוּמְט אָן יֶעדֶע וָואךְ בַּיי מִיר אִין שׁוּל דֶער "גִלְיוֹן הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ", דִי מִתְפַּלְלִים זֶענֶען זִיךְ זֵייעֶר מְחַיֶ' דֶערְמִיט, אַזֶעלְכֶע שֵׁיינֶע חִיזוּק אוּן עֵצוֹת, עֶס אִיז זֵייעֶר גֶעשְׁמַאק צוּ לֵיינֶען.

מַיין פְּרָאבְּלֶעם אִיז אָבֶּער וֶוען עֶס קוּמְט נָאךְ שַׁבָּת אוּן אִיךְ דַארְף אַוֶועקְלֵייגְן דִי גִּלְיוֹנוֹת, עֶס הוֹיפְּנְט זִיךְ אָן יֶעדֶע וָואךְ נָאךְ אוּן נָאךְ גִּלְיוֹנוֹת אוּן אִיךְ וֵויים נִישְׁט וָואס צוּ טוּן דֶערְמִיט. אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט וִויסְן אוֹיבּ דִי גִּלְיוֹנוֹת הָאבְּן דִי זֶעלְבֶּע קְדוּשָּׁה וִוי אַ סֵפֶר אוּן מֶען מוּז דָאס לֵייגְן אִין שֵׁמוֹת, אָדֶער קֶען מֶען דָאס אַוֶועקְוָוארְפְן אוֹיף אַ בִּכְבוֹד'דִיגֶע אוֹפָן?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַאר אַייעֶר צַייט.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ז' אֲדָר, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אַשְׁרֶיךָ** אַז דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין אַ שַׁמָּשׁ; אַ שַׁמָּשׁ טְרָאגְט אוֹיף זִיךְ אַ גְרוֹיסֶער אַחֲרָיוּת, ווייל אַ שׁוּל אִיז אַ פְּלַאץ וואוּ אַלֶע סָארְטְן מֶענְטְשְׁן קוּמֶען זִיךְ צוּזַאמֶען. עֶס קוּמֶען צֶעבְּרָאכֶענֶע מֶענְטְשְׁן, אָנְגֶעצוֹיגֶענֶע מֶענְטְשְׁן וְכוּ', וְכוּ'; בְּדֶרֶךְ כְּלַל אוֹיף וֶועמֶען גִיסְט מֶען אוֹיס אַלֶע צָרוֹת? אוֹיפְ'ן שַׁמָּשׁ.

**אוֹיבּ** דֶער שַׁמָּשׁ אִיז זוֹכֶה, עֶר גְרוֹיסְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם, דַאן אִיז עֶר זֵייעֶר בַּאלִיבְּט בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (חֲגִיגָה ה:): "תָּנוּ רַבָּנָן, שְׁלֹשָׁה - הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בּוֹכֶה עֲלֵיהֶן בְּכָל יוֹם", אוֹיף דְרֵיי מֶענְטְשְׁן וֵויינְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער כִּבְיָכוֹל יֶעדְן טָאג, אֵיינֶער פוּן זֵיי אִיז: "עַל פַּרְנָס הַמִּתְגָּאֶה עַל הַצִּבּוּר", אוֹיף אֵיינֶער וָואס

גְרוֹיסְט זִיךְ אוֹיפְ'ן צִבּוּר; אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז וֶוען עֶס אִיז פַארְקֶערְט, וֶוען דֶער פַּרְנָס גְרוֹיסְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְ'ן צִבּוּר, נָאר עֶר הָאט רַחְמָנוּת אוֹיף אַלֶעמֶען, עֶר פַארְגִינְט יֶעדְן אֵיינֶעם, עֶר גֶעבְּט אַ גוּט וָוארְט פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, אִיז עֶר זִיכֶער זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**וואוֹיל** אִיז דִיר אַז דוּ בִּיסְט זוֹכֶה צוּ זַיין אַ שַׁמָשׁ אִין אַ שׁוּל; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת סג:): וֶוען דֶער אָרוֹן אִיז גֶעוֶוען אִין שְׁטוּב פוּן עוֹבֵד אֱדוֹם פְלֶעגְט עֶר אוֹיסְקֶערְן דֶעם פְּלַאץ וואוּ דֶער אָרוֹן אִיז גֶעלֶעגְן אוּן אוֹיפְוַואשְׁן אַרוּם דֶעם אָרוֹן, הָאט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבֶּענְטְשְׁט. אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (שְׁמוּאֵל-ב ו, יב): "וַיְבָרֶךְ ה' אֶת עֹבֵד אֱדֹם וְאֶת כָּל בֵּיתוֹ", אִין דֶעם זְכוּת וָואס עֶר הָאט גֶערֵיינִיגְט דֶעם פְּלַאץ וואוּ דֶער אָרוֹן אִיז גֶעלִיגְן; דָאס זֶעלְבִּיגֶע אִיז אַ שַׁמָשׁ וָואס אִיז מְסַדֵר אַ בֵּית הַמִדְרָשׁ עֶס זָאל זַיין רֵיין אוּן צוּזַאמְגֶענוּמֶען, וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין דוּרְכְדֶעם צוּ גֶעבֶּענְטְשְׁט וֶוערְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**אַלֶע** שׁוּלְ'ן מוּטְשֶׁען זִיךְ מִיט שֵׁמוֹת לִגְנִיזָה; סֵיי צוּלִיבּ וָואס מֶענְטְשְׁן בְּרֶענְגֶען דָארְט זֵייעֶרֶע צֶערִיסֶענֶע סְפָרִים פוּן שְׁטוּבּ אוּן סֵיי פוּן דִי גִלְיוֹנוֹת וָואס קוּמֶען אַרוֹיס מִידֵי שַׁבָּת בְּשַׁבַּתּוֹ, אַסַאךְ שׁוּלְ'ן לָאזְן טַאקֶע נִישְׁט אַרַיין קַיין שׁוּם גִלְיוֹן מִיטְ'ן טַעֲנָה אַז עֶס מַאכְט אוֹיפְגֶעוָוארְפְן דֶעם שׁוּל אוּן עֶס בְּלַייבְּט נָאכְדֶעם גַאנְצֶע זֶעק מִיט שֵׁמוֹת לִגְנִיזָה. פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט זֶענֶען דָא שׁוּלְ'ן וָואס הָאבְּן יָא הֲנָאָה פוּן דֶעם, אוּן לְגַבֵּי שֵׁמוֹת נֶעמֶען זֵיי אָן דֶעם פְּסַק פוּן דִי פּוֹסְקִים וָואס הַאלְטְן

אַז מֶען קֶען דָאס אַוֶועק וַוארְפְן וְכוּ' בְּדֶרֶךְ כָּבוֹד, דָאס הֵייסְט מֶען זָאל דָאס לֵייגְן אִין אַ זֶעקְל אוּן אַזוֹי אַוֶועק וַוארְפְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר גֶעבְּן כֹּחַ אוּן סַבְלָנוּת; אַ שַׁמָשׁ דַארְף אַסַאךְ סַבְלָנוּת אוּן אַסַאךְ שֵׂכֶל צוּ וִויסְן וִוי אַזוֹי מֶען קֶען זִיךְ אוֹיסְקוּמֶען מִיט אַלֶע מִתְפַּלְלִים, וִוי אַזוֹי צוּ קֶענֶען נֶעמֶען טַעֲנוֹת וְכוּ' אוּן נִישְׁט וֶוערְן בַּאלֵיידִיגְט.

גֶעדֶענְק וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ב, ב): "וְכָל הָעֲמֵלִים עִם הַצִּבּוּר, יִהְיוּ עֲמֵלִים עִמָּהֶם לְשֵׁם שָׁמַיִם", דִי אַלֶע וָואס זֶענֶען עוֹסֵק מִיט מֶענְטְשְׁן זָאלְן אִינְזִין הָאבְּן לְשֵׁם שָׁמַיִם; אוֹיב מֶען הָאט אִינְזִין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז מֶען מַצְלִיחַ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע דַיינֶע עִנְיָנִים.

## רסב

### זָאל אִיךְ לֶערְנֶען אִין כּוֹלֵל, אָדֶער סְתָּם אִין שׁוּל?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ בָּחוּר פוּן זִיבֶּעצְן יָאר, אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט שְׁוֶועריקֵייטְן צוּ טְרֶעפְן אַ יְשִׁיבָה, אוּן דֶעריבֶּער בִּין אִיךְ נִישְׁט יֶעצְט אִין אַ מִסְגֶּרֶת פוּן אַ יְשִׁיבָה. אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעטְרָאפְן אַ שׁוּל נֶעבְן מַיין הוֹיז וואוּ אִיךְ זִיץ אוּן אִיךְ לֶערְן אוֹיפְ'ן סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִימוּד פוּן רֶבִּי'ן, חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, גְּמָרָא, חוּמָשׁ רַשִׁ"י, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

מַיינֶע עֶלְטֶערְן זֶענֶען אָבֶּער נִישְׁט צוּפְרִידְן דֶערְפוּן, זֵיי זָאגְן אַז אוֹיבּ אִיךְ לֶערְן סֵיי ווי פְלַייסִיג, זָאל אִיךְ זִיךְ שׁוֹין אַריינְזֶעצְן אִין אַ כּוֹלֵל וואוּ עֶס לֶערְנֶען אַסַאךְ אִינְגֶעלַייט אוּן בָּחוּרִים, זֵיי זָאגְן אַז דָאס וֶועט מִיר הֶעלְפְן סֵיי פַאר שְׁמִירַת הַזְמַנִים אוּן אוֹיךְ פַאר שִׁידוּכִים.

מִיר אִיז גְרִינְגֶער צוּ זִיצְן אִין אַ הַאלְבּ לֵיידִיגֶע שׁוּל; אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין פְּרֶעשׁוּר פוּן קֵיינֶעם אוּן וֶוען אִיךְ לֶערְן אִיז עֶס מֶער אֱמֶת'דִיג אוּן נִישְׁט וַוייל יֶענֶער קוּקְט.

וָואס וָואלְט גֶעוֶוען דִי רִיכְטִיגֶע שְׁרִיט פַאר מִיר צוּ טוּן?

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַייעֶר טַייעֶרֶע צַייט.

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ז' אֲדָר, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אִיךְ** קֶען דִיר נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן אוֹיף דַיין שְׁאֵלָה וֶוען אִיךְ קֶען דִיר נִישְׁט; אִיךְ ווייס נִישְׁט צִי דוּ לֶערְנְסְט פְלַייסִיג אוּן צִי דוּ בַּטֵל'סְט נִישְׁט דַיין צַייט.

**קוּק** וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (עֵדִיוֹת ה, ז): וֶוען עֲקַבְיָא בֶּן מַהֲלַלְאֵל הָאט גֶעהַאלְטְן פַאר'ן נִפְטָר וֶוערְן הָאט אִים זַיין זוּן גֶעבֶּעטְן: "אַבָּא, פְּקוֹד עָלַי לְחֲבֵרֶיךָ", זָאג פַאר דַיינֶע חֲבֵרִים זֵיי זָאלְן מִיר מְקָרֵב זַיין. הָאט אִים עֲקַבְיָא בֶּן מַהֲלַלְאֵל גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אֵינִי מַפְקִיד", אִיךְ זָאג זֵיי גָארְנִישְׁט

וֶועגְן דִיר; הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט: "שֶׁמָּא עַוְלָה מָצָאתָ בִּי", טַאטֶע, בִּיסְט בְּרוֹגֶז אוֹיף מִיר? דוּ הָאסְט גֶעטְרָאפְן אִין מִיר אַ זַאךְ וָואס אִיךְ טוּ נִישְׁט גוּט, אַז דוּ ווִילְסְט נִישְׁט בֶּעטְן דִי חֲבֵרִים זֵיי זָאלְן מִיר מְקַרֵב זַיין? הָאט אִים עֲקַבְיָא בֶּן מַהֲלַלְאֵל גֶעעֶנְטְפֶערְט: "נֵיין, אִיךְ בִּין נִישְׁט בְּרוֹגֶז אוֹיף דִיר, נָאר: 'מַעֲשֶׂיךָ יְקָרְבוּךָ וּמַעֲשֶׂיךָ יְרַחֲקוּךָ', דַיינֶע גוּטֶע מַעֲשִׂים וֶועלְן מַאכְן מֶען זָאל דִיר מְקַרֵב זַיין, אוּן דַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים וֶועלְן מַאכְן מֶען זָאל דִיר מְרַחֵק זַיין".

**דָאס** זֶעלְבֶּע זָאג אִיךְ דִיר: "מַעֲשֶׂיךָ יְקָרְבוּךָ וּמַעֲשֶׂיךָ יְרַחֲקוּךָ", אַז דַיין טַאטֶע וֶועט זֶען ווִי דוּ לֶערְנְסְט, דוּ בַּטֵל'סְט נִישְׁט קַיין צַייט אוּן דוּ פִּירְסְט זִיךְ מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם, וֶועט אִים נִישְׁט אָנְגֵיין אַז דוּ זִיצְסְט פַּאר דִיר אוּן דוּ לֶערְנְסְט; עֶר וֶועט נָאר וֶוערְן יוּנְגֶער מִיט אַפָּאר יָאר אוּן עֶס וֶועט אִים גֶעבְן גֶעזוּנְט, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת בָּנִים, סִימָן מב): "בָּנִים הַטּוֹבִים - רְפוּאָה גְּדוֹלָה לָאָבוֹת", גוּטֶע קִינְדֶער מַאכְן גֶעזוּנְט דִי עֶלְטֶערְן; אָבֶער אַז דוּ וֶועסְט אוֹיפְשְׁטֵיין שְׁפֶּעט אוּן נִישְׁט דַאוֶונֶען מִיט מִנְיָן, דוּ וֶועסְט זִיךְ דְרֵייעֶן אִין שְׁטוּב - יֶעדְן טָאג מִיט אַן אַנְדֶערֶער תֵּירוּץ, אִיז טַאקֶע בֶּעסֶער אַז דוּ זָאלְסְט זִיךְ זוּכְן אַ כּוֹלֵל, אַ מִסְגֶּרֶת וואוּ צוּ זִיצְן אוּן לֶערְנֶען.

# רסג

## ווי אַזוֹי וֵוייס אִיךְ וֶוער עֶס אִיז דֶער אֱמֶת'עֶר צַדִּיק?

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים אוּן חִיזוּק וָואס אִיךְ בַּאקוּם פוּן אַייךְ.

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי עֶנְטְפֶער וָואס אִיר הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן (מִכְתָּב רלב), אִיךְ בִּין אָבֶּער נָאכְאַלְץ זֵייעֶר צֶעמִישְׁט אִין דֶעם עִנְיָן פוּן אֱמוּנַת חֲכָמִים, ווִי וַוייט דָאס גֵייט; דַארְף אִיךְ טַאקֶע אִינְגַאנְצְן אוֹיפְהֶערְן צוּ טְרַאכְטְן מִיט מַיין אֵייגְן שֵׂכֶל אוּן זִיךְ אִינְגַאנְצְן אַוֶועקְגֶעבְּן פַאר אַ צַדִּיק? אִיךְ וֵוייס נִישְׁט אוּן אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט ווִי אַזוֹי מֶען טוּט דָאס.

אִיךְ בִּין מְקוֹרָב צוּ מוֹהֲרַאנַ"ת זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, אִיךְ וואוֹין אִין יַבְנְאֵל אוּן אִיךְ פְּרוּבִיר מְחַנֵּךְ צוּ זַיין מַיינֶע קִינְדֶער אוֹיף דֶעם וֶועג, אָבֶּער אִין דֶעם עִנְיָן פוּן אֱמוּנַת חֲכָמִים בִּין אִיךְ נִישְׁט קְלָאר, יֶעדֶער שְׁרֵייט אַז אַ צְוֵוייטֶער אִיז דֶער צַדִּיק, ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ ווִיסְן וֶועמֶען אִיךְ דַארְף נָאכְגֵיין? ווִי אַזוֹי קֶען מֶען אַוֶועק לֵייגְן דֶעם שֵׂכֶל אוּן פָאלְגְן נָאר אֵיין צַדִּיק?

יֶעדֶער שְׁרֵייט דָאךְ אַז אַ צְוֵוייטֶער אִיז דֶער צַדִּיק, ווִי אַזוֹי וֵוייס אִיךְ וֶועמֶען צוּ טְרָאסְטְן, ווִי אַזוֹי וֵוייס אִיךְ אִין וֶועם אִיךְ דַארְף הָאבְּן אֱמוּנַת חֲכָמִים, אוּן ווִי אַזוֹי בִּין אִיךְ מְחַנֵּךְ דִי קִינְדֶער נִישְׁט צוּ וֶוערְן אַרַיינְגֶעמִישְׁט אִין מַחֲלוֹקֶת חַס וְשָׁלוֹם?

יְיַשֵׁר כֹּחַ.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ עֶרֶב שַׁבָּת פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה - זָכוֹר, ח' אֲדָר, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תְּחְיֶ'

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

**דָאס** וָואס אִיר פְּרֶעגְט ווִי אַזוֹי וֵוייסְט מֶען וֶועם צוּ טְרֶאסְטְן וְכוּ'; אוֹיף דֶעם דַארְף מֶען אַסַאךְ וֵויינֶען אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט לָאזְן אָפְּנַארְן פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע, וַוייל דֶער יֵצֶר הָרָע פְּרוּבִּירְט מִיט אַלֶע וֶועגְן אַוֶועקְצוּשְׁלֶעפְּן דֶעם מֶענְטְשׁ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "וֶוען אִיךְ וֵויים שׁוֹין אַלֶע עֵצוֹת אוּן אַלֶע תַּחְבּוּלוֹת ווִי אַזוֹי נִיצוֹל צוּ וֶוערְן פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע, קוּמְט דֶער יֵצֶר הָרָע מִיט אַ פְּרִישֶׁע וֶועג וָואס אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעטְרַאכְט אַז דָאס וֶועט קוּמֶען וְכוּ'"; דֶערְפַאר דַארְף אַ מֶענְטְשׁ שְׁטֶענְדִיג בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל זִיךְ נִישְׁט לָאזְן נַארְן.

**הַיינְט** אִיז לֵיידֶער אַ וֶועלְט מִיט גְרוֹיסֶע שַׁקְרָנִים אוּן פָּאפֶּערְס וָואס זוּכְן צוּ פַארְנַארְן מֶענְטְשְׁן, אַרוֹיס קְוֶועטְשְׁן פוּן זֵיי גֶעלְט אוּן גֶענִיסְן פוּן זֵייעֶר כָּבוֹד וְכוּ'. מֶען רֶעדְט אוֹיף אַ הוֹיכֶע שְׁפְּרַאךְ אוּן מֶען בַּאנוּצְט זִיךְ מִיט לְשׁוֹנוֹת פוּן קַבָּלָה וָואס דֶער צוּהֶערֶער הָאט נִישְׁט קַיין אַנוּנְג וָואס עֶר זָאגְט אוּן דֶער וָואס זָאגְט דָאס וֵוייסְט נָאכְמֶער נִישְׁט וָואס עֶר זָאגְט אוּן עוֹלָם גוֹלָם לוֹיפְט דָאס נָאךְ וְכוּ'.

**אַ** מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ שְׁטֶענְדִיג מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ, מֶען דַארְף זִיךְ כְּסֵדֶר פְרֶעגְן מִיטְ'ן לָשׁוֹן פוּן סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת (מַעֲשֶׂה א' - מְאַבֵּדַת בַּת מֶלֶךְ): 'וואוּ בִּין אִיךְ אוֹיף דִי וֶועלְט? וָואס טוּ אִיךְ אוֹיף דִי וֶועלְט? הָאבּ אִיךְ הַיינְט גֶעעֶפְנְט אַ חוּמָשׁ? הָאבּ אִיךְ הַיינְט גֶעלֶערְנְט אַפָּאר פְּרָקִים מִשְׁנַיּוֹת? הָאבּ אִיךְ הַיינְט גֶעזָאגְט אַבִּיסְל תְּהִילִים?' דָאס דַארְף אַ מֶענְטְשׁ זֶען אַרַיינְצוּכַאפְּן יֶעדְן טָאג, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כג): "וואוֹיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס עֶסְט יֶעדְן טָאג אַפָּאר פְּרָקִים מִשְׁנַיּוֹת, טְרִינְקְט קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִילִים אוּן טוּט זִיךְ אָן מִיט מִצְווֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים".

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן נא): "אֶת זֶה תְּקַבְּלוּ מֵאִתִּי, שֶׁלֹּא לְהַנִּיחַ עַצְמוֹ לְהָעוֹלָם לְהַטְעוֹת", דָאס זָאלְט אִיר מְקַבֵּל זַיין פוּן מִיר, דִי וֶועלְט נַארְט אַייךְ, לָאזְט אַייךְ נִישְׁט נַארְן; מוֹהֲרַא"שׁ הָאט גֶעהַאלְטְן אִין אֵיין חַזֶר'ן דֶער שִׂיחָה אוּן מוֹהֲרַא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶעזָאגְט אַז דֶער שִׂיחָה דַארְף זַיין דֶער קַאמְפּוּס פוּנֶעם מֶענְטְשׁ; פּוּנְקְט אַזוֹי וִוי וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פָארְט אִין אַ שִׁיף אוֹיפְ'ן וַואסֶער הַאלְט עֶר מִיט זִיךְ דִי גַאנְצֶע צַייט אַ קַאמְפּוּס כְּדֵי עֶר זָאל וִויסְן צִי עֶר פָארְט אִינֶעם גוּטְן רִיכְטוּנְג, וַוייל וֶוען מֶען אִיז אוֹיפְ'ן וַואסֶער זֶעט מֶען נִישְׁט דֶעם סוֹף אוּן עֶס קֶען אַמָאל אוֹיסְקוּמֶען אַז מֶען זָאל פָארְן אַ לַאנְגֶע צַייט אִין וַואסֶער אוּן בֶּאֱמֶת אִיז מֶען אוֹיפְ'ן זֶעלְבְּן פְּלַאץ, מֶען הָאט זִיךְ גָארְנִישְׁט גֶערוּקְט נָאר מֶען אִיז גֶעפָארְן דִי גַאנְצֶע צַייט רִינְגְס אַרוּם, אָבֶער אַז מֶען קוּקְט אוֹיפְ'ן קַאמְפּוּס וָואס אִיר

מַאגְנֶעט צִיט צוּ צָפוֹן זֶעט מֶען מֶען וואוּ מֶען פָּארְט. דָאס זֶעלְבֶּע דַארְף אַ מֶענְטְש לֶעבְּן מִיט אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ; אַ מֶענְטְש דַארְף זִיךְ מִשְׁפָּט'ן יֶעדְן טָאג אוּן אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אֶפְשָׁר נַאר אִיךְ זִיךְ? רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ ווִיל גָארְנִישְׁט, אִיךְ ווִיל נָאר טוּן דַיין רָצוֹן".

**אַזוֹי** אוֹיךְ דַארְף אַ מֶענְטְשׁ שְׁטֶענְדִיג קוּקְן אוֹיף זִיךְ; אַזוֹי ווִי מֶען זֶעט אַז בְּגַשְׁמִיּוּת לָאזְט זִיךְ אַ מֶענְטְש נִישְׁט נַארְן, אַ מֶענְטְש טוּט ווָאס אִיז גוּט פַאר אִים. עֶר קוּקְט ווִי אַזוֹי עֶר קֶען מַצְלִיחַ זַיין אוּן ווִי עֶר קֶען עֶפֶּעס פַארְדִינֶען, דָאס זֶעלְבֶּע - אוּן נָאךְ מֶער - דַארְף אַ מֶענְטְש קוּקְן בְּרוּחָנִיּוּת: 'וואוּ קֶען אִיךְ פַארְדִינֶען? וואוּ קֶען אִיךְ מַצְלִיחַ זַיין?' אַ מֶענְטְש ווָאס לֶעבְּט מִיט אַ חֶשְׁבּוֹן מַאכְט זִיךְ אַ פָּשׁוּט'עֶר חֶשְׁבּוֹן: 'אִיךְ גֵיי צוּ אַ רֶבִּי, ווָאס גֶעבְּט מִיר דֶער רֶבִּי? ווָאס בַּאקוּם אִיךְ פוּן דֶעם רֶבִּי'ן? אוֹיב בַּאקוּם אִיךְ נִישְׁט קַיין תּוֹרָה וּתְפִלָּה, ווָאס הָאבּ אִיךְ אַז דֶער רֶבִּי פְּלִיט אִין הִימְל? ווָאס הָאבּ אִיךְ אַז דֶער רֶבִּי הָאט רוּחַ הַקוֹדֶשׁ? ווָאס הָאבּ אִיךְ אַז דֶער רֶבִּי רֶעדְט אַ הוֹיכֶע שְׁפְּרַאךְ, עֶר רֶעדְט צוּ נְשָׁמוֹת?!' אוּן פַארְקֶערְט אוֹיךְ, אַ מֶענְטְש דַארְף זַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק בַּיי זִיךְ אוּן טְרַאכְטְן: 'אוֹיבּ אִיךְ דְרֵיי זִיךְ בַּיי אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן עֶר בְּרֶענְגְט מִיר צוּ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, עֶר בְּרֶענְגְט מִיר צוּ צוּ לֶעבְּן מִיט'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, קֶען מִיר קֵיינֶער נִישְׁט אַוֶועק נֶעמֶען פוּן אַזַא פְּלַאץ, אַז אִיךְ הָאבּ גֶעטְרָאפְן אַ רֶבִּי ווָאס קְלֶעבְּט מִיר צוּ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן ווֶעל אִיךְ דֶעם רֶבִּי'ן קֵיינְמָאל נִישְׁט אָפְּלָאזְן'.

מֶענטְשְׁן פְרֶעגְן אַ קַשְׁיָא: "וואו אִיז דֶער אֱמֶת? וֶוער בַּאפְּט אָן דֶעם אֱמֶת? יֶעדֶער אֵיינֶער שְׁרֵייט דָאךְ מִיר הָאבְּן דֶעם אֱמֶת?!" פְרֶעג אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד: "וואו אִיז דֶער אֱמֶת? וֶועט עֶר דִיר גְלַייךְ זָאגְן: "בַּיי אוּנְז!" פְרֶעג אַ חַבַּ"ד'סְקֶער חָסִיד: "וואו אִיז דֶער אֱמֶת?" וֶועט עֶר אַוַדַאי עֶנְטְפֶערְן: "בַּיי אוּנְז"; זִיצְט אַ רֹאשׁ יְשִׁיבָה מִיט זַיינֶע תַּלְמִידִים אוּן קָאכְן זִיךְ אוּן לוֹיבְּן זִיךְ: "אָה, מִיר זֶענֶען בַּיים אֱמֶת", וֶוען אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט אִיז דָא אַ חֲבוּרָה אִין דִי אַנְדֶערֶע עֶק וֶועלְט וָואס פְרֵייעֶן זִיךְ: "מִיר זֶענֶען בַּיים אֱמֶת"; נוּ, פְרֶעג אִיךְ אַייךְ: "וואו אִיז דֶער אֱמֶת? ווִי אַזוֹי וֵוייסְט אַ מֶענְטְשׁ אַז עֶר אִיז בַּיים אֱמֶת? אַזוֹי זִיכֶער ווִי דוּ בִּיסְט אַז דוּ בִּיסְט בַּיים אֱמֶת אוּן דוּ הָאסְט רַחְמָנוּת אוֹיף יֶענֶעם אַז עֶר וֵוייסְט נִישְׁט פוּן דַיין אֱמֶת, פּוּנְקְט אַזוֹי זִיכֶער אִיז יֶענֶער אַז עֶר אִיז בַּיים אֱמֶת אוּן דוּ בִּיסְט בַּיים שֶׁקֶר, נוּ וואו אִיז טַאקֶע דֶער אֱמֶת?!"

פְּלֶעגְט מוֹהֲרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאגְן, אַז דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן נא): אֱמֶת אִיז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אַ פָּסוּק (יִרְמְיָה י, י): "וַה' אֱלֹקִים אֱמֶת", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אֱמֶת; אוֹיב דוּ דְרֵייסְט זִיךְ בַּיי אַ רֶבִּי, רַב, גוּטֶער אִיד, וְכוּ' וְכוּ' אוּן עֶר רֶעדְט צוּ דִיר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין דִיר אֱמוּנָה אוּן דוּ הֵייבְּסְט אָן לֶעבְּן מִיט'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּ הֵייבְּסְט אָן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, יֶעדֶע זַאךְ וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר דֶערְצֵיילְסְטוּ פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוען זַאכְן גֵייעֶן נִישְׁט

אַזוֹי ווִי דוּ ווילְסְט לֶעבּסְטוּ וַוייטֶער מִיט אֱמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים - דָאס אִיז אֱמֶת, אָבֶּער אוֹיבּ מֶען רֶעדְט נִישְׁט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז דָאס נִישְׁט אֱמֶת. אוּן אוֹיבּ אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט וָואס דוּ דְרֵייסְט זִיךְ בַּיי אַ פְּלַאץ וואוּ מֶען רֶעדְט פוּן אֱמוּנָה אִיז דָא נָאךְ אַ פְּלַאץ אִין דִי וֶועלְט וואוּ מֶען רֶעדְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זֶענֶען זֵיי אוֹיךְ בַּיים אֱמֶת, אוּן אוֹיבּ בַּיי אַ דְרִיטֶע פְּלַאץ רֶעדְט מֶען אוֹיךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז שׁוֹין דָא דְרֵיי פְּלֶעצֶער אוֹיף דִי וֶועלְט וָואס זֶענֶען בַּיים אֱמֶת.

**נָאךְ** פְּלֶעגְט מוֹהֲרַא"שׁ זָאגְן: "וָואס אִיז אֱמֶת?" אֱמֶת אִיז דִי וֶוערְטֶער: "אֶ'הְיֶה מֵ'ת" - אִיךְ גֵיי זַיין אַ נִפְטָר; אִיךְ גֵיי אֵיין טָאג לִיגְן מִיט דִי פִּיס צוּם טִיר. קֵיינֶער וֶועט דֶעמָאלְט נִישְׁט קוּקְן אוֹיף מִיר אוּן קֵיינֶער וֶועט נִישְׁט טְרַאכְטְן מֶער פוּן מִיר; אִיךְ גֵיי אַרוֹיף גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן נָאר דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס אִיךְ הָאבּ אַרַיינְגֶעכַאפְּט וֶועל אִיךְ מִיטְנֶעמֶען אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

**מוֹהֲרָא"שׁ** זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְּלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג מְעוֹרֵר זַיין דִי תַּלְמִידִים מֶען זָאל גֵיין מִפַּעַם לְפַעַם אִין שְׁפִּיטָאל בַּאזוּכְן חוֹלֵי יִשְׂרָאֵל - ה' יְרַחֵם עֲלֵיהֶם. קוֹדֶם כָּל אַלְס דִי מִצְוָה פוּן בִּיקוּר חוֹלִים, וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (נְדָרִים מ.): "וֶוער עֶס אִיז נִישְׁט מְבַקֵר חוֹלִים אִיז כְּאִילוּ עֶר אִיז שׁוֹפֵךְ דָמִים"; נָאךְ זָאגְן חֲזַ"ל (נְדָרִים לט:) "כָּל הַמְבַקֵּר אֶת הַחוֹלֶה נִיצוֹל מִדִינָהּ שֶׁל גֵיהִנוֹם", וֶוער עֶס אִיז מְבַקֵר חוֹלִים וֶוערְט נִיצוֹל פוּן גֵיהִנוֹם; צְווֵייטְנְס - פְּלֶעגְט מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְן - וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט אִין שְׁפִּיטָאל מְבַקֵר חוֹלֶה זַיין אִידִישֶׁע

קִינְדֶער, זֶעט עֶר וָואס דֶער גַאנְצֶע מֶענְטְשֶׁעלֶע אִיז... דֶער גְרוֹיסֶער שְׁטַארְקֶער מֶענְטְשׁ וָואס קוּמְט אוּן גֵייט, מַאכְט אוּן טוּט, אִין אֵיין סֶעקוּנְדֶע קֶען עֶר וֶוערְן אוֹיס מַאכֶער, אוֹיס טוּעֶר אוּן אוֹיס קְנַאקֶער וְכוּ' וְכוּ', אִיז פַארְוָואס זָאל מֶען זִיךְ קְרִיגְן אוּן זִיךְ פַיינְט הָאבְּן אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן?

**אַז** אִיר שְׁרַייבְּט אַז אִיר זֶענְט "מְקוּרָב צוּ מוֹהֲרָא"שׁ זַ"ל"; דַארְפְט אִיר וִויסְן אַז הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִיז אַ פְּלַאץ פוּן תּוֹרָה, תְּפִילָה אוּן שָׁלוֹם בַּיִת. מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט מִיר אַרַיינְגֶערוּפְן בַּיי זִיךְ אִין שְׁטוּבּ אִין אוּמַאן אַ טָאג פַאר עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה תשע"ג אוּן גֶעלֶערְנְט מִיט מִיר לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן תּוֹרָה ב' אִינֶעם צְוֵוייטְן חֵלֶק וואוּ דֶער רֶבִּי זָאגְט: "וְהָאֱמֶת מֵאִיר בְּרִבּוּעַ הַדִּבּוּר הַנַּ"ל עַל יְדֵי שְׁלֹשָׁה שֵׁמוֹת הַנַּ"ל, שֶׁהֵם: אֵל, אֱלֹקִים, יְיָ; שֶׁהֵם בְּחִינַת: תְּפִלָּה, וְתוֹרָה, וְשִׁדּוּכִים וְזִוּוּגִים". אוּן מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מִיר דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט: "דֶער רֶבִּי זָאגְט דָא: וָואס אִיז אֱמֶת? אֱמֶת אִיז דִי דְרֵיי זַאכְן: תּוֹרָה, תְּפִילָה, שִׁידוּכִים אוּן שָׁלוֹם בַּיִת; כָּל זְמַן מֶען רֶעדְט פוּן תּוֹרָה, תְּפִילָה אוּן שָׁלוֹם בַּיִת אִיז עֶס אֱמֶת, אָבֶּער אַז מֶען רֶעדְט אַנְדֶערֶע זַאכְן - דָאס אִיז שׁוֹין נִישְׁט קֵיין אֱמֶת"; אוּן מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מִיר גֶעזָאגְט אַז וֶוען אִיךְ רֶעד זָאל אִיךְ שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן פוּן דִי דְרֵיי זַאכְן.

**דָאס** הָאבְּן מִיר גֶעהֶערְט אַלֶע יָארְן בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל: "תּוֹרָה, תְּפִילָה אוּן שִׁידוּכִים - שָׁלוֹם בַּיִת"; אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין בַּיי דִי לֵיל שִׁישִׁי שִׁיעוּרִים פוּן מוֹהֲרָא"שׁ יֶעדֶע וָואךְ פַאר אִיבֶּער צֶען יָאר, יֶעדֶע וָואךְ

פְלֶעגְט מוֹהֲרָא"ש אִיבֶּערְגֵיין נָאכְאַמָאל און נָאכְאַמָאל אַז מֶען דַארְף לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, מִיר הָאבְּן דֶעם סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן קֶענֶען מִיר דָאס בַּאוַוייזְן. און אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ נָאר וֶוענְדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶוען עֶר הָאט אַ צָרָה; עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קֵיין אֵיין שִׁיעוּר וָואס מוֹהֲרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאל נִישְׁט רֶעדְן פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**אִיךְ** פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט וָואס אִיר שְׁרַייבְּט וֶועגְן אַוֶועק וַוארְפְן דִי שֵׂכֶל; דֶער רֶבִּי זָאגְט בְּפֵירוּשׁ (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן רנה): "כְּשֶׁהָאָדָם הוּא מַאֲמִין בְּהַצַדִיק בְּלִי שׁוּם דַעַת אֶפְשָׁר לוֹ לִפֹּל מֵהָאֱמוּנָה, כִּי מֵאֱמוּנָה לְבַד אֶפְשָׁר לִפֹּל, אֲבָל אִם יֵשׁ לוֹ גַּם דַעַת שֶׁמֵּבִין גַּם בְּהַדַעַת, אֲזַי אִי אֶפְשָׁר לוֹ לִפֹּל", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גְלֵייבְּט אִין אַ צַדִיק אָן קֵיין שׁוּם שֵׂכֶל קֶען עֶר אַוֶועק פַאלְן פוּנֶעם צַדִיק, וַוייל מִיט אֱמוּנָה אַלֵיינְס אָן שֵׂכֶל, קֶען מֶען אַוֶועקְפַאלְן, אָבֶּער אוֹיב מֶען קוּמְט צוּם צַדִיק מִיט דַעַת, בְּנוֹסָף צוּ דִי אֱמוּנָה נוּצְט עֶר אוֹיךְ זַיין שֵׂכֶל, פוּן אַזַא אֱמוּנָה קֶען מֶען נִישְׁט אַוֶועק פַאלְן; דָאס אִיז וָואס מוֹהֲרָא"ש הָאט אוּנְז אַלֶע יָארְן גֶעלֶערְנְט: 'אִיךְ קוּם צוּ אַ צַדִיק וַוייל דֶער צַדִיק בְּרֶענְגְט מִיר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר אִיז מִיר מְחַזֵק מַיין אֱמוּנָה, עֶר שְׁטַארְקְט מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן'.

**בְּנוֹגֵעַ** קִינְדֶער; אוֹיבּ עֶלְטֶערְן מִישְׁן זִיךְ אִין מַחֲלוֹקֶת וֶועלְן זֵיי צָאלְן אַ טֵייעֶרֶע פְּרַייז מִיט זֵייעֶרֶע קִינְדֶער. מַחֲלוֹקֶת אִיז אַ סַכָּנָה און עֶס הַרְג'עט גוּטֶע און שְׁלֶעכְטֶע. דִי עֶרְשְׁטֶע

וָואס פַאלְן בַּיי מַחֲלוֹקֶת זֶענֶען קִינְדֶער; עֶלְטֶערְן וָואס ווילְן מַצְלִיחַ זַיין מִיט זֵייעֶרֶע קִינְדֶער טָארְן נִישְׁט רֶעדְן אִין שְׁטוּב קַיין שׁוּם לֵיצָנוּת אוּן פָּאלִיטִיק אוּיף קַיין שׁוּם אִיד, נִישְׁט קַיין חִילוּק צִי עֶר אִיז פוּן דַיין חֲסִידוּת צִי פוּן דִי אַנְדֶערֶע, קִינְדֶער זֶענֶען רֵיין אוּן הֵיילִיג אוּן אוּיבּ הֶערְן זֵיי ווִי טַאטֶע מַאמֶע זִיצְן אוּן שְׁמוּעֶסְן אוּן לַאכְן פוּן אֵיין רֶבִּי אוּיפְ'ן צְוֵוייטְן וֶועלְן זֵיי מַאכְן אַ סַךְ הַכֹּל אַז בֵּיידֶע זֶענֶען גָארְנִישְׁט אוּן זֵיי וֶועלְן אִינְגַאנְצְן אָפְּלָאזְן אִידִישְׁקֵייט.

**עֶם** אִיז גֶעוֶוען אַ צַייט וָואס בַּיי אוּנְז אִין שׁוּל אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִין ווילְיַאמְסְבּוּרְג אִיז גֶעוֶוען חִלּוּקֵי דֵעוֹת צְווִישְׁן דִי מִתְפַּלְּלִים, עֶס הָאט גֶערִיסְן דָאס הַארְץ פוּן מוֹהֲרָא"שׁ אַז מֶען קְרִיגְט זִיךְ. גֶעדֶענְק אִיךְ אַז מֶען אִיז אַרַיין צוּ מוֹהֲרָא"שׁ פְרֶעגְן וָואס מֶען זָאל טוּן וְכוּ', דֶער וָואס הָאט פָארְגֶעלֶערְנְט הָאט גֶעפְרֶעגְט פוּן וָואס זָאל עֶר רֶעדְן, הָאט מוֹהֲרָא"שׁ גֶעעֶנְטְפֶערְט: "עֶס אִיז דָאךְ דָא זַאכְן וָואס בֵּיידֶע זֶענְט אִיר אֵיינְשְׁטִימִיג; אַלֶע פוּן אַייךְ הַאלְטְן אַז מֶען דַארְף בֶּענְטְשְׁן מִיט כַּוָונָה, אַלֶע הַאלְטְן אַז מֶען דַארְף זַיין פְּרֵיילִיךְ שַׁבָּת, נוּ, רֶעד פוּן זַאכְן וָואס בֵּיידֶע הַאלְטְן אֵיינִיג". רֶעד פוּן בֶּענְטְשְׁן אִין אַ בֶּענְטְשֶׁער; מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעזָאגְט אוּיבּ מֶען בֶּענְטְשְׁט אִין אַ בֶּענְטְשֶׁער אִיז דָאס אַ סְגוּלָה אוּיף עֲשִׁירוּת. רֶעד פוּן זַיין פְּרֵיילִיךְ שַׁבָּת; אוּיבּ מֶען אִיז פְּרֵיילִיךְ שַׁבָּת אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל אַלֶע עֲבֵירוֹת. פַארְוָואס דַארְף מֶען זִיךְ קְרִיגְן וֶוען עֶס אִיז דָא אַזוֹיפִיל זַאכְן וָואס אַלֶע הַאלְטְן אֵיינִיג?

**דָאס** זֶעלְבֶּע אִיז מִיט קִינְדֶער; אַז דִי קִינְדֶער פְרֶעגְן שְׁאֵלוֹת וְכוּ', רֶעדְט מֶען נָאר פַּאזֶעטִיוו (חִיוּבִי), מֶען רֶעדְט פוּן רֶבִּי'ן; רֶעדְטְס פוּן מוֹהֲרַא"ש, פַּארְצֵיילְט זֵיי אַבִּיסְל וָואס מִיר הָאבְּן גֶעהַאט אִין אוּנְזֶער דוֹר; פַּארְצֵיילְט זֵיי וָואס מֵיינְט אַ צַדִיק, אַז עֶס גֵייט אִים גָארְנִישְׁט אָן וָואס מִיט אִים וֶועט זַיין, עֶר ווִיל נָאר אֵיין זַאךְ: 'בְּרֶענְגֶען נָאךְ אַ אִיד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן', אַזוֹי ווִי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ וָואס הָאט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער - הָאט גֶעזָאגְט פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן (שְׁמוֹת לב, לב): "מְחֵנִי נָא מִסִּפְרְךָ אֲשֶׁר כָּתָבְתָּ", מֶעק מִיר אוֹיס, אַבִּי אִידִישֶׁע קִינְדֶער זָאלְן נִישְׁט פַארְלוֹירְן גֵיין. נָאךְ זָאגְן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (תַּנְחוּמָא וָאֶתְחַנַּן, סִימָן ז): וֶוען מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעוָואלְט אַרַיינְגֵיין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל הָאט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעזָאגְט: "אָדֶער דוּ אָדֶער דִי אִידְן", הָאט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ גֶעזָאגְט: "יֹאבַד מֹשֶׁה וְאֶלֶף כָּמוֹהוּ, וְאַל יֹאבַד אֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל", זָאל מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אוּן טוֹיזְנְט אַזוֹי ווִי אִים פַארְלוֹירְן גֵיין, אָבֶּער קַיין שׁוּם אִיד זָאל נִישְׁט פַארְלוֹירְן וֶוערְן; דָאס אִיז אַ צַדִיק, עֶר קוּקְט נִישְׁט אוֹיף זִיךְ; עֶר ווִיל נָאר אַז נָאךְ אַ בָּחוּר זָאל גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן עֲבֵירוֹת, נָאךְ אַ פַּארְפָאלְק זָאלְן זִיךְ פַארְשְׁטֵיין, עֶס גֵייט אִים נִישְׁט אָן וָואס מֶען וֶועט זָאגְן אוֹיף אִים וְכוּ', דָאס זָאלְט אִיר דֶערְצֵיילְן פַאר אַייעֶרֶע קִינְדֶער.

**מוֹהֲרַא"ש** פְלֶעגְט וֵויינֶען בַּיי אַלֶע שִׁיעוּרִים אוֹיף דִי מַחֲלוֹקֶת וָואס אִיז דָא אִין בְּרֶסְלֶב: "מִיר טְרִינְקֶען דָאךְ פוּן אֵיין קְוָואל, מִיר נֶעמֶען דָאךְ חִיזוּק פוּן אֵיין רֶבִּי, פַארְוָואס

דַארְף מֶען זִיךְ בַּייסְן אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן?" מוֹהֲרָא"ש פְלֶעגְט זָאגְן: "אֵין הָכִי נַמִי, דֶער רֶבִּי זָאגְט טַאקֶע (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שיט): 'אֲנִי אֶעֱשֶׂה מִכֶּם כִּתּוֹת כִּתּוֹת', אִיךְ וֶועל מַאכְן פוּן אַייךְ אַסַאךְ גְרוּפֶּעס; אָבֶּער דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶעזָאגְט אַז אֵיין גְרוּפֶּע זָאל רֶעדְן אוֹיפְ'ן צְוֵוייטְן אוּן אֵיינֶער זָאל פַיינְט הָאבְּן דֶעם צְוֵוייטְן".

אִיךְ הָאבּ נָאךְ אַסַאךְ צוּ שְׁרַייבְּן אָבֶּער אִיךְ דַארְף אַרַיינְגֵיין צוּ דִי בָּחוּרִים, אִיךְ וֶועל מְסַיֵּים זַיין מִיט אֵיין קְלֵיינֶע זַאךְ. מוֹצָאֵי שַׁבָּת נָאכְדֶעם וָואס מִיר הָאבְּן פַארְלוֹירְן מוֹהֲרָא"ש בִּין אִיךְ גֶעפָארְן קַיין בָּארָא פַּארְק צוּם טְשַׁאפְּל וואוּ מוֹהֲרָא"ש אִיז גֶעלֶעגְן אִיבֶּער שַׁבָּת, מֶען הָאט מְלַוֶּה גֶעוֶוען מוֹהֲרָא"ש מוֹצָאֵי שַׁבָּת פַּרְשַׁת יִתְרוֹ אוּן מֶען הָאט גֶעטְרָאגְן דִי מִטָּה קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, דֶעמָאלְט בִּין אִיךְ גֶעזִיצְן אִינֶעם אַמְבּוּלַאנְס וואוּ מוֹהֲרָא"ש אִיז גֶעלֶעגְן אוּן אִיךְ הָאבּ צוּגֶעזָאגְט פַאר מוֹהֲרָא"ש צְוֵויי זַאכְן: אֵיינְס, אַז אִיךְ וֶועל נִישְׁט מַאכְן קַיין מַחֲלוֹקֶת צְווִישְׁן תַּלְמִידֵי הֵיכָל הַקּוֹדֶשׁ אוּן אִיךְ וֶועל נִישְׁט הָאבְּן קַיין שׁוּם שַׁייכוּת מִיט מַחֲלוֹקֶת. צְוֵוייטְנְס, אַז אִיךְ וֶועל אִים מְפַרְסֵם זַיין פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט; גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז בֵּיידֶע זַאכְן בִּין אִיךְ מְקַיֵּים אוּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְס הִילְף וֶועל אִיךְ וַוייטֶער אָנְהַאלְטְן דִי הַבְטָחָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# רסד

**איך הָאב נִישְׁט בַּאקוּמֶען דִי רִיכְטִיגֶע הַדְרָכָה פַאר דִי חֲתוּנָה.**

## שְׁאֵלָה:

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר הָאט צוּגֶעפִירְט מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הַשְׁגָחָה פְּרָטִית אַז אִיךְ זָאל אָנְהוֹיבְּן הֶערְן דִי שִׁיעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, דִי שִׁיעוּרִים הָאבְּן מִיר מַמָשׁ גֶעעֶפְנְט דִי אוֹיגְן אוּן גֶעוִויזְן דֶעם רִיכְטִיגְן עֶרְלִיכְן וֶועג אִין לֶעבְּן, אִין לֶערְנֶען, אִין דַאוֶוענֶען, אִין אֱמוּנָה, אִין שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, אוּן אִין יֶעדְן הִינְזִיכְט אִין לֶעבְּן.

אִיךְ בִּין אַ אִינְגֶערְמַאן וָואס הָאט שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעהַאט פַאר אַ שֵׁיינֶע פָּאר יָאר אוּן אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם לִיכְטִיגֶע קִינְדֶערְלֶעךְ קַיין עַיִן הָרָע. אַזוֹי וִוי רוֹב חֲסִידִישֶׁע בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט, הָאבּ אִיךְ אוֹיךְ חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט דֶעם גֶעדַאנְק אִין קָאפּ אַז מֶען דַארְף זַיין אַ פָּרוּשׁ, זַיין וִוי וֵוייניגֶער נָאנְט אִין שְׁטוּב, וְכוּ' וְכוּ'. אִיךְ הָאבּ דָאס טַאקֶע מְקַיֵּים גֶעוֶוען, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט צוּפִיל גֶערֶעדְט אוּן פַארְבְּרֶענְגְט מִיט מַיין וַוייבּ אוּן דֶערְפַאר הָאבְּן מִיר קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעהַאט עֶכְט קַיין קֵרוּב לְבָבוֹת צְווִישְׁן זִיךְ. פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דָאס הָאט מִיר גָארְנִישְׁט גֶעהָאלְפְן אִין מַיין עֶרְלִיכְקֵייט, אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעמוּטְשֶׁעט מִיט פִילֶע שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת, מִיט אַסאךְ עֲלִיּוֹת אוּן יְרִידוֹת אִין לוֹיף פוּן דִי יָארְן.

אַ צַייט צוּרִיק בִּין אִיךְ אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דִי שִׁיעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה, אוּן דַאן הָאט זִיךְ מִיר פְּלוּצְלִינְג גֶעעֶפְנְט דִי אוֹיגְן, אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ פַארְשְׁטֵיין אַז דַוְקָא מִיט'ן לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם בְּאַחְוָה וְאַהֲבָה מִיט מַיין וַוייבּ, דַוְקָא דָאס וֶועט מִיר בְּרֶענְגֶען נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דָאס אִיז וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל. אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן הֶערְן אַז מֶען דַארְף גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער אוּן קָאמְפְּלִימֶענְטְס פַאר דִי וַוייבּ, אוּן מֶען דַארְף אִיר אֲפִילוּ זָאגְן אַז מֶען הָאט אִיר לִיבּ. אִיךְ בִּין זֵייעֶר וַוייט פוּן דֶעם אוּן אִיךְ קֶען דָאס נָאכְנִישְׁט טוּן נָאךְ אַזוֹיפִיל יָארְן וָואס אוּנְזֶערֶע הֶערְצֶער זֶענֶען

אַזוֹי וַוייט אֵיינֶער פוּן צְוֵוייטְן. מִיר דַאכְט זִיךְ אַז מַיין וַוייבּ הָאט אוֹיךְ נִישְׁט קַיין גֶעפִיל צוּ מִיר, אוּן מִיט רֶעכְט, מִיר הָאבְּן קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעהַאט גֶעהֶערִיג קַיין נָאנְטְשַׁאפְט צְווִישְׁן זִיךְ.

אִיךְ בִּין אָבֶּער נָאךְ זֵייעֶר צֶעמִישְׁט אִין דִי נוֹשֵׂא, אִיךְ וֵייס נִישְׁט ווִי אַזוֹי אִיךְ קֶען יֶעצְט אָנְהוֹיבְּן צוּרִיק צוּ וֶוערְן נָאנְט מִיט מַיין וַוייבּ אוּן הָאבְּן צוּזַאמֶען אַן עֶרְלִיכֶע אוּן גוּטֶע לֶעבְּן אָן פְּרִישׁוּת. אִיךְ וָואלְט זֵייעֶר מַכִּיר טוֹבָה גֶעוֶוען אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה קֶען מִיר אוֹיסְקְלָארְן אִין דֶעם נוֹשֵׂא.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, י"א אֲדָר, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**וָואס** קֶענֶען מִיר טוּן אַז (דְּבָרִים לב, יז): "חֲדָשִׁים מִקָּרֹב בָּאוּ - לֹא שְׂעָרוּם אֲבֹתֵיכֶם"; מֶען אִיז מַדְרִיךְ חֲתָנִים אוּן כַּלּוֹת מִיט חוּמְרוֹת אוּן פְּרִישׁוּת, זַאכְן וָואס הָאבְּן נִישְׁט קַיין שׁוּם שַׁיְיכוּת מִיט תּוֹרָה, קַיין שׁוּם שַׁיְיכוּת מִיט הַלָכָה. מֶען פַארְדְרֵייט דֶעם קָאפּ פוּן דִי אוּמְשׁוּלְדִיגֶע חֲתָנִים אוּן כַּלּוֹת מִיט פַאלְשֶׁע לִימוּדִים.

דוּ זָאלְסְט נִישְׁט אוֹיסְהֶערְן אֵיינֶער וָואס ווִיל דִיר אַרַיין בְּרֶענְגֶען אִין שְׁטוּב פְּרִישׁוּת, וַוייל דָאס אִיז עֲצַת הַיֵּצֶר; עֶר קוּמְט מִיט אַ פַארְשְׁטֶעלְטְן פָּנִים כְּאִילוּ עֶר אִיז אַ פְרוּמֶער אוּן מֶענְטְשְׁן מִיט וֵויינִיג שֵׂכֶל כַּאפְּן זִיךְ גְלַייךְ צוּ צוּ פְרוּמֶע

מְשׁוּגַעַת'ן. מֶען כַאפְּט נִישְׁט אַז דָאס אִיז אַ תַּחְבּוּלָה פוּנֶעם שָׂטָן אַרָאפּ צוּ וַוארְפְן דֶעם מֶענְטְשׁ אִין גְרָאבֶּע עֲבֵירוֹת; וַוייל אַז מֶען לֵייגְט צוּ צוּם שֻׁלְחָן עָרוּךְ לָאזְט מֶען נָאכְדֶעם אַלֶעם אָפּ אוּן מֶען וֶוערְט אַ פּוֹרֵק עוֹל. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן תַּרְיַ"ג מִצְוֹות, אֵיינְמָאל מֶען לֵייגְט צוּ - זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער ווילְנֶער גָאוֹן - וֶוערְט פוּן תַּרְיַ"ג תָּרִי"ד, וָואס דִי תּוֹרָה זָאגְט (בְּרֵאשִׁית כז, מ): "וְהָיָה כַּאֲשֶׁר 'תָּרִיד' וּפָרַקְתָּ עֻלּוֹ", אַז מֶען לֵייגְט צוּ מִצְוֹות צוּ דִי תּוֹרָה וֶוערְט מֶען אַ פּוֹרֵק עוֹל.

**אַ** אִיד אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן פְרֶעגְן וֶוען אוּן וִויפִיל וְכוּ'; זַיין וַוייבּ הָאט גֶעהֵייסְן חַוָּה. הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "עֶס שְׁטֵייט דָאךְ (תְּהִלִּים יט, ג): וְלַיְלָה לְלַיְלָה - יְ'חַוֶּה".

**בַּיים** רֶבִּי'ן אִיז נָאר גֶעוֶוען וָואס דֶער שֻׁלְחָן עָרוּךְ זָאגְט; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר אֵיינֶעם וָואס אִיז גֶעקוּמֶען וַוייזְן זַיינֶע חִידוּשִׁים וָואס עֶר הָאט מְחַדֵּשׁ גֶעוֶוען אוֹיף אַ תּוֹרָה אִין לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן: "דוּ קֶענְסְט קְנֵייטְשְׁן מַיין סֵפֶר וִוי אַזוֹי דוּ ווילְסְט, דוּ קֶענְסְט זָאגְן פְּשָׁטִים אוֹיף מַיינֶע תּוֹרוֹת, בִּתְנַאי אַז דוּ זָאלְסְט נִישְׁט אָפּטְרֶעטְן פוּן שֻׁלְחָן עָרוּךְ"; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז מְחַדֵּשׁ חִידוּשִׁים, אָדֶער עֶר לֶערְנְט פָאר הַדְרָכוֹת פַאר חֲתַנִים, כַּלוֹת אוּן אִינְגֶעלַייט אִין עִנְיָנִים פוּן שָׁלוֹם בַּיִת אָדֶער חִינוּךְ וְכַדוֹמֶה, דַארְף מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז מֶען זָאל נִישְׁט וֶוערְן פַארְפִירְט אוּן אַוֶועק גֵיין פוּנֶעם דֶרֶךְ הַתּוֹרָה - פוּן דִי וֶוערְטֶער וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים הָאבְּן אוּנְז גֶעלֶערְנְט.

**מוֹהֲרָא"ש** פְלֶעגְט זָאגְן אוֹיף דִי אַלֶע מַדְרִיכִים וָואס לֶערְנֶען חוּמְרוֹת אוּן פְּרִישׁוּת פַאר חֲתָנִים, אַז זֵיי וֶועלְן עָתִיד לִיתֵּן אֶת הַדִּין; רוֹב גֶעטְ'ן קוּמֶען פוּן דֶעם וָואס מֶען אִיז מַדְרִיךְ מִיט פַאלְשֶׁע לִימוּדִים. דִי מַדְרִיכִים הָאבְּן אַ תַּאֲוָה צוּ זָאגְן חוּמְרוֹת פַאר אַ צְוֵוייטְן וְכוּ'; דֶער רֶבִּי זָאגְט אוֹיף דֶעם זֵייעֶר שַׁארְף (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת הוֹרָאָה, סִימָן ה): "מִי שֶׁמַּחְמִיר לַאֲחֵרִים וּמֵקֵל לְעַצְמוֹ", וֶוער עֶס לֶערְנְט פַאר אַ צְוֵוייטְן חוּמְרוֹת וֶוען עֶר אַלֵיין אִיז וַוייט פוּן דֶעם אַלֶעם, "עַל-יְדֵי-זֶה אֵינוֹ זוֹכֶה לִרְאוֹת בִּיפִי הַמֶּלֶךְ", וֶועט עֶר נִישְׁט זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שְׁמוֹת רַבָּה כה, ח): "אַל תְּהֵא אוֹמֵר עַל מַה שֶּׁלֹּא שָׁמַעְתָּ, שָׁמַעְתִּי, וְלֹא תְהֵא אוֹסֵר לַאֲחֵרִים וּמַתִּיר לְעַצְמוֹ, אֶלָּא יִהְיוּ יוֹצְאִין מִפִּיךְ נֶאֱמָנִין כְּשֵׁם שֶׁיָּצְאוּ מִפִּי מֹשֶׁה, וַאֲנִי מַרְאֶה לְךָ יֹפִי פָּנִים אֶל פָּנִים" עַיֵּין שָׁם; וִויפִיל אִינְגֶעלַייט פַאלְן נֶעבֶעךְ אַרָאפּ אִין הַארְבֶּע עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן נָאר צוּלִיבּ דִי פַאלְשֶׁע חֲתָנִים אוּן כַּלָּה טִיטְשֶׁערְס וָואס זֵיי פַארְקוֹיפְן זֵייעֶרע אֵייגֶענֶע פַארְקְרוּמְטֶע וֶועגְן?! מֶען דַארְף זִיךְ זֵייעֶר הִיטְן פוּן זֵיי.

**מוֹהֲרָא"ש** הָאט מִיר גֶעזָאגְט אַז וֶוען אִיךְ לֶערְן מִיט חֲתָנִים זָאל אִיךְ נָאר לֶערְנֶען אִינֶעוֵוייניג וָואס דִי שֻׁלְחָן עָרוּךְ זָאגְט אוּן נִישְׁט חַס וְשָׁלוֹם צוּלֵייגְן וְכוּ', וַוייל וֶוער עֶס לֵייגְט צוּ צוּם שֻׁלְחָן עָרוּךְ אִיז אַזוֹי וִוי דֶער נָחָשׁ הַקַּדְמוֹנִי וָואס הָאט צוּגֶעלֵייגְט צוּם צְווֵי פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט פַאר אָדָם הָרִאשׁוֹן (בְּרֵאשִׁית ג, ג): "לֹא תֹאכְלוּ מִמֶּנּוּ", מֶען זָאל נִישְׁט עֶסְן פוּנֶעם עֵץ הַדַּעַת,

אִיז גֶעוֶוען גֶעזָאגְט דֶער נָחָש אוּן עֶר הָאט צוּגֶעלֵייגְט: 'וְלֹא תִגְּעוּ בּוֹ', אוּן אִיר זָאלְט נִישְׁט צוּרִירְן דֶערְצוּ. אוּן אֵיינְמָאל עֶר הָאט צוּגֶעלֵייגְט וְכוּ' הָאט עֶר אַרָאפּ גֶעוָוארְפְן דוּרְכְדֶעם אָדָם וְחַוָּה אוּן גוֹרֵם גֶעוֶוען אַלֶע שְׁלֶעכְטְס.

**אִיךְ** קֶען נִישְׁט שְׁרַייבְּן בִּפְרָטִיּוּת אִין דֶעם עִנְיָן מִפְּנֵי הַצְּנִיעוּת;

אַז דוּ ווִילְסְט ווִיסְן ווִי אַזוֹי צוּ לֶעבְּן וְכוּ' - אִין דִי תּוֹרָה קֶען מֶען אַלֶעס טְרֶעפְן. אַז דוּ וֶועסְט צוּלֵייגְן קָאפּ אוּן מֹחַ ווִי אַזוֹי דִי הֵיילִיגֶע תַּנָּאִים אוּן אֲמוֹרָאִים הָאבְּן גֶעלֶעבְּט, וֶועסְטוּ אַלֶעס אַלֵיין פַאֹרְשְׁטֵיין, דוּ וֶועסְט זֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִין שְׁטוּב, דוּ וֶועסְט זֶען ווִי אַזוֹי אֱמֶת'ֶע עֶרְלִיכֶע אִידְן לֶעבְּן מִיט לִיבְּשַׁאפְט.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# רסה

**ווִי אַזוֹי קֶען מֶען זִיךְ גְרֵייטְן פְרֵיילִיכְעְרְהֵייט צוּם יוֹם טוֹב פֶּסַח?**

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאב גֶעלֵיינְט אַ בְּרִיוו (מִכְתָּב רמט) וָואס אִיר הָאט גֶעשְׁרִיבְּן ווִי אַזוֹי מֶען קֶען הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכֶע יוֹם טוֹב; דָאס הָאט מִיר זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען, צוּ זֶען ווִי אַזוֹי מֶען קֶען זִיךְ צוּגְרֵייטְן צוּ אַ יוֹם טוֹב מִיט רוּאִיגְקֵייט אוּן שִׂמְחָה, אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט בֶּעטְן אוֹיבּ אִיר קֶענְט שְׁרַייבְּן נָאךְ אִיבֶּער דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּנֶעם יוֹם טוֹב פֶּסַח, וִוי אַזוֹי מֶען קֶען זִיךְ צוּגְרֵייטְן צוּם יוֹם וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין פוּן אַ רוּחָנִיוּת'דִיגֶע שְׁטַאנְדְפּוּנְקְט. און אוֹיךְ אוֹיבּ אִיר קֶענְט שְׁרַייבְּן וִוי אַזוֹי מֶען דַארְף זִיךְ אוּמְגֵיין מִיטְ'ן רֵיינִיגְן לְכָבוֹד פֶּסַח, וִוי אַזוֹי מֶען קֶען דָאס טוּן אוֹיף אַ נָארְמַאלְן אוֹפְן, נִישְׁט מִיט קַיין מְשׁוּגַעַת'ן.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל פְּקוּדֵי, י"ח אֲדָר, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְּרֵיילִיךְ; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְּרֵיילִיךְ פַארְבְּרֶענְט עֶר אַלֶע קְלִיפּוֹת און זֵיי קֶענֶען נִישְׁט הָאבְּן קַיין שְׁלִיטָה אוֹיף אִים, וַוייל דִי גַאנְצֶע זַאךְ פוּנֶעם סַמֶ"ךְ מֵ"ם אִיז עַצְבוּת און מָרָה שְׁחוֹרָה, וֵויינֶען און קְלָאגְן, מַה שֶׁאֵין כֵּן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן שְׁטֵייט (דִּבְרֵי הַיָּמִים-א טז, כז): "עֹז וְחֶדְוָה בִּמְקֹמוֹ", עֶס הֶערְשְׁט אַ שִׂמְחָה; אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת ל:): "אֵין הַשְּׁכִינָה שׁוֹרָה אֶלָּא מִתּוֹךְ שִׂמְחָה", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רוּט נִישְׁט בַּיי אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז טְרוֹיעֶרִיג, נָאר בַּיי אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז פְּרֵיילִיךְ; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְּרֵיילִיךְ אִיז עֶר בַּיי דִי קְדוּשָּׁה און אַזוֹי אוֹיךְ פַארְקֶערְט, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז בְּעַצְבוּת אִיז עֶר בַּיי דִי טוּמְאָה. דָאס אִיז דִי וֶועג וִוי אַזוֹי אַ מֶענְטְשׁ קֶען זִיךְ מֶעסְטְן וואוּ עֶר הַאלְט אוֹיף דֶער וֶועלְט.

**דֶערְפַאר** דַארְף מֶען זַייעֶר אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף שִׂמְחָה, וַוייל דָאס אִיז דֶער שְׁלִיסְל צוּ אַלֶע מַדְרֵיגוֹת אוּן צוּ אַלֶע הֵיילִיגְקֵייטְן. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט שִׂמְחָה, הִיט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אָפּ פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטְס אוּן דָאס אִיז אַ שְׁמִירָה אוֹיף פְּגַם הַבְּרִית, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים קד, לד-לה): "אָנֹכִי אֶשְׂמַח בַּה', יִתַּמּוּ חַטָּאִים מִן הָאָרֶץ, וּרְשָׁעִים עוֹד אֵינָם", וֶוען אִיךְ פְרֵיי זִיךְ מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, 'יִתַּמּוּ חַטָּאִים מִן הָאָרֶץ' - אִיז מֶער נִישְׁט דָא קַיין עֲבֵירוֹת (עַיֵּין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קסט).

**בִּפְרַט** וֶוען מִיר גְרֵייטְן זִיךְ צוּ דֶעם גְרוֹיסְן יוֹם טוֹב פֶּסַח וֶוען מֶען אִיז זוֹכֶה אַרוֹיס צוּ גֵיין פוּן דִי טוּמְאָה, וַוייל פֶּסַח גֵייט דָאךְ יֶעדֶער אִיד אַרוֹיס פוּן גָלוּת מִצְרַיִם, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (פְּסָחִים קטז:): "חַיָּב אָדָם לִרְאוֹת אֶת עַצְמוֹ כְּאִלּוּ הוּא יָצָא מִמִּצְרַיִם", דַארְף מֶען נָאכְמֶער מִתְפַּלֵּל זַיין אוֹיף שִׂמְחָה, וַוייל אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט קוּמְט דֶער יֵצֶר הָרָע אוּן זוּכְט וִוי אַזוֹי עֶר קֶען אוֹיפְרֶעגְן דֶעם אִיד, וִוי אַזוֹי עֶר קֶען אִים אַוֶועק גַנְבֶ'נֶען זַיינֶע מַדְרֵיגוֹת אוּן זַיינֶע קְדוּשׁוֹת, עֶר זוּכְט וִוי אַזוֹי עֶר קֶען מַאכְן אַז דֶער טַאטֶע זָאל זִיךְ אוֹיפְרֶעגְן אוֹיף דִי קִינְדֶער, אָדֶער מַאן אוּן וַוייבּ זָאלְן זִיךְ צֶעאַנְפֶּערְן וְכוּ'.

**דֶערְפַאר** דַארְף מֶען הָאבְּן יִשּׁוּב הַדַּעַת אוּן גֶעדֶענְקֶען נִישְׁט צוּ שְׁרֵייעֶן אוּן זִיךְ אוֹיפְרֶעגְן אוֹיף דִי שְׁטוּב; מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען אַז 'שְׁטוֹיבּ אִיז חָמֵץ אוּן קִינְדֶער זֶענֶען דִי קָרְבַּן פֶּסַח'. מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט זָאגְן: "מֶען דַארְף גֶעדֶענְקֶען וֶוען מֶען מַאכְט

פֶּסח'דיג אַז שְׁטוּב אִיז נִישְׁט קַיין חָמֵץ און קִינְדֶער זֶענֶען נִישְׁט קַיין קָרְבַּן פֶּסח", אַזוֹי אוֹיךְ דַארְף מֶען גֶעדֶענְקֶען אַז אַ מַשֶׁהוּ כַּעַס אִיז מִדְּאוֹרַיְתָא און אַ מַשֶׁהוּ עַצְבוּת אִיז חָמֵץ גָמוּר - אוֹיף דֶעם הֶעלְפְט נִישְׁט קַיין בִּיטוּל אַ גַאנְץ יָאר.

מֶען דַארְף זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי מִצְווֹת בִּפְשִׁיטוּת, וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב, סִימָן יב): "וְעִקַּר הַיַּהֲדוּת הוּא רַק לֵילֵךְ בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, בְּלִי שׁוּם חָכְמוֹת", דֶער עִיקָר אִידִישְׁקֵייט אִיז וֶוען מֶען פִירְט זִיךְ פָּשׁוּט אָן קַיין חָכְמוֹת.

דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁטַארְק קֶעגְן חוּמְרוֹת (עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רלה) וַוייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (עֲבוֹדָה זָרָה ג.): "אֵין הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בָּא בִּטְרוּנְיָא עִם בְּרִיּוֹתָיו", נָאךְ זָאגְן חֲזַ"ל (בְּרָכוֹת כה.): "לֹא נִתְּנָה תּוֹרָה לְמַלְאֲכֵי הַשָּׁרֵת", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט נִישְׁט גֶעגֶעבְּן דִי תּוֹרָה פַאר מַלְאָכִים נָאר פַאר אוּנְז מֶענְטְשְׁן לוֹיט דֶעם וֶועג ווִי אַזוֹי מִיר קֶענֶען דָאס מְקַיֵּים זַיין; דָאס אִיז לְגַבֵּי סְתַּם חוּמְרוֹת, אָבֶער אֲפִילוּ אוֹיף דָאס וָואס שְׁטֵייט פוּן דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע (עַיֵּין בְּסֵפֶר חֲרֵדִים, פֶּרֶק סא) אַז יֶעדֶער אִיד זָאל נֶעמֶען אַ מִצְוָה וָואס אִין דֶעם וֶועט עֶר זֵייעֶר מַקְפִּיד זַיין און מַחְמִיר זַיין מִיט אַלֶע הִדּוּרִים וְכוּ', אַזוֹי ווִי מֶען זֶעט אִין דִי גְמָרָא (שַׁבָּת קיח:): "אָבִיךְ בְּמַאי זָהִיר טְפֵי", וְכוּ', מִיט דֶעם אַלֶעם זָאגְט דֶער רֶבִּי אַז מֶען מֵיינְט נִישְׁט צוּ זָאגְן אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי מִצְוָה חוּמְרוֹת פוּן שְׁטוּת, שִׁגָּעוֹן און מָרָה שְׁחוֹרָה, מֶען מֵיינְט נָאר צוּ זָאגְן אַז עֶר זָאל נֶעמֶען אֵיין מִצְוָה וָואס אִין דֶעם מִצְוָה זָאל עֶר מְדַקְדֵּק זַיין אָן קַיין נַארִישֶׁע חוּמְרוֹת. הַלְוַאי זָאלְן

מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ מְקַיֵים זַיין אַלֶעס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט אִין דִי תּוֹרָה בִּפְשִׁיטוּת, וַוייל דֶער עִקָר אִידִישְׁקֵייט אִיז תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, מֶען זָאל זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי תּוֹרָה וּמִצְווֹת; עַיֵין שָׁם.

**אֲפִילוּ** לְגַבֵּי חוּמְרוֹת אוּם פֶּסַח הָאט דֶער רֶבִּי נִישְׁט גֶעהַאלְטְן אַז מֶען זָאל מַקְפִּיד זַיין מִיט חוּמְרוֹת וָואס בְּרֶענְגְט מָרָה שְׁחוֹרָה; דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט אַז וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען יוּנְג אוּן עֶר הָאט נָאכְנִישְׁט גֶעוואוּסְט דָאס שֶׁעדְלִיכְקֵייט פוּן חוּמְרוֹת וְכוּ' אִיז עֶר אוֹיךְ אַרַיין גֶעפַאלְן אִין דֶעם. וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען דֶער יוֹם טוֹב פֶּסַח הָאט עֶר נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס צוּ טוּן; יֶעדֶעס מָאל אִיז אִים אַרַיינְגֶעקוּמֶען נָאךְ אוּן נָאךְ חוּמְרוֹת, בִּיז אֵיין מָאל הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ: 'וָואס טוּט מֶען צוּ הָאבְן רֵיינֶע וַואסֶער אוֹיף פֶּסַח, ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְן צוּ הָאבְן רֵיינֶע וַואסֶער אוֹיף פֶּסַח אָן קַיין חֲשַׁשׁ חָמֵץ?' דֶעמָאלְט אִיז גֶעוֶוען דִי סֶדֶר אַז מֶען פְלֶעגְט אָנְשֶׁעפְּן וַואסֶער פַאר גַאנְץ פֶּסַח, אָבֶער דֶער רֶבִּי הָאט גֶעטְרַאכְט אַז דָאס אִיז נִישְׁט אַזוֹי אוֹיסְגֶעהַאלְטְן וַוייל מֶען קֶען נִישְׁט אָפְּהִיטְן דִי וַואסֶער פַאר דֶעם גַאנְצְן יוֹם טוֹב אַז עֶס זָאל נִישְׁט צוּ קוּמֶען צוּ דֶעם קַיין מַשֶׁהוּ חָמֵץ, בִּיז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעטְרַאכְט אַז דָאס בֶּעסְטֶע וַואסֶער וָואלְט וֶוען גֶעוֶוען קְוָואל וַואסֶער, וַוייל אַ קְוָואל הַאלְט דָאךְ אִין אֵיין קְוֶועלְן פְרִישֶׁע וַואסֶער כְּסֵדֶר אָן קַיין שׁוּם חֲשַׁשׁ חָמֵץ. אָבֶער דָארְט וואוּ דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוואוֹינְט אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין קְוָואל וַואסֶער, הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט אַוֶועק צוּ פָארְן מִיט

דִי מִשְׁפָּחָה אוֹיף יוֹם טוֹב צוּ אַ פְלַאץ וואוּ עֶס אִיז דָא אַ קְוַואל, אַזוֹי שְׁטַארְק זֶענֶען גֶעוֶוען זַיינֶע חוּמְרוֹת אוֹיף פֶּסַח; הָאט דֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעפִירְט: "אָבֶּער בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז הַיינְט דַארְף אִיךְ נִישְׁט קַיין חוּמְרוֹת, הַיינְט וֵוייס אִיךְ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעגֶעבְּן דִי תּוֹרָה פַאר מֶענְטְשְׁן אוּן נִישְׁט פַאר מַלְאָכִים, הַיינְט פְרֵיי אִיךְ זִיךְ מִיט דִי מִצְווֹת אַלֵיינְס".

**אַז** מִיר שְׁטֵייעֶן יֶעצְט פַאר אַזַא הֵיילִיגֶע יוֹם טוֹב דַארְפְן מִיר אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר זָאלְן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי מִצְווֹת, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִיזַ"ל הָאט גֶעזָאגְט (עַיֵּין הַקְדָּמַת סֵפֶר חֲרֵדִים) אַז עֶר אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּ אַלֶע זַיינֶע מַדְרֵיגוֹת נָאר צוּלִיב דֶעם וָואס עֶר הָאט זִיךְ גֶעפְרֵיידְט מִיט דִי מִצְווֹת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ מֶען זָאל אִים גֶעבְּן דִי גַאנְצֶע גֶעלְט פוּן דֶער וֶועלְט וָואלְט עֶר נִישְׁט אַוֶועק גֶעגֶעבְּן קַיין שׁוּם מִצְוָה.

**אַז** אַ אִיד פְרֵיידְט זִיךְ מִיט דִי מִצְווֹת אִיז אַ סִימָן אַז עֶר הָאט אַ רֵיינֶע אֱמוּנָה אוּן עֶר הָאט נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת שִׂמְחָה, סִימָן א): "כְּשֶׁאָדָם עוֹשֶׂה מִצְוָה בְּשִׂמְחָה, זֶה סִימָן שֶׁלִּבּוֹ שָׁלֵם לֵאלֹקָיו", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פְרֵיידְט זִיךְ מִיט דִי מִצְווֹת וָואס עֶר טוּט, אִיז אַ סִימָן אַז דֶער מֶענְטְשׁ אִיז אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# רסו

## זָאל אִיךְ אוֹיפְגֶעבְן מַיין סְמַארְטְפָאוֹן? אֲפִילוּ אִיךְ שְׁפִּיר אַז אִיךְ דַארְף עֶס הָאבְן?

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶּׁר כֹּחַ אוֹיף דִי שְׁנֶעלֶע תְּשׁוּבָה וָואס אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען (מִכְתָּב רנב), חִיזּוּק וֶועגְן אַ שִׁידוּךְ, וֶועגְן אַוֶועק וַוארְפְן מַיין סְמַארְטְפָאוֹן אוּן חִיזּוּק צוּ ווייטֶער לֶערְנֶען מִשְׁנָיוֹת. אִיךְ בִּין בָּרוּךְ הַשֵּׁם גֶעוֶוען בַּיים צִיּוּן פוּן מוֹהֲרַ"שׁ אוּן אוֹיסְגֶעזָאגְט גַאנְץ תְּהִלִּים לִזְכוּתוֹ, אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַ שִׁידוּךְ בְּקָרוֹב.

לְמַעֲשֶׂה בִּין אִיךְ נָאכְאַלְץ צֶעמִישְׁט וָואס צוּ טוּן וֶועגְן מַיין סְמַארְטְפָאוֹן, אִיךְ ווייס נִישְׁט אוֹיבּ דִי תּוֹעֶלֶת אִיז מֶער אָדֶער דִי שָׁאדְן אִיז מֶער. פוּן אֵיין זַייט בַּאקוּם אִיךְ דָארְט דִי דְרָשׁוֹת פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה אוּן נָאךְ גוּטֶע זַאכְן, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט אִיז דָארְט דָא אוֹיךְ שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן.

יְיַשֶּׁר כֹּחַ.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל פְּקוּדֵי, י"ח אֲדָר, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, וָואס אִיז בִּכְלַל דַיין שְׁאֵלָה?! עֶס לוֹינְט זִיךְ גָארְנִישְׁט אִין דֶער וֶועלְט אוֹיבּ מֶען קֶען נִכְשָׁל וֶוערְן אִין אֵיין שְׁלֶעכְטְן קוּק, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה**

זָאגְן (עֵדֻיּוֹת ה, ו): "מוּטָב לִי לְהִקָּרֵא שׁוֹטֶה כָּל יָמַי, וְלֹא לֵעָשׂוֹת שָׁעָה אַחַת רָשָׁע לִפְנֵי הַמָּקוֹם", עֶנְדֶערְשׁ זָאל אַ מֶענְטְשׁ זַיין אַ שׁוֹטֶה זַיין גַאנְץ לֶעבְּן ווי אֵיידֶער צוּ זַיין אַ רָשָׁע אֵיין מִינוּט, חַס וְשָׁלוֹם; פַאר אֵיין שְׁלֶעכְטֶע הִסְתַּכְּלוּת אִיז שׁוֹין נִישְׁט כְּדֵי צוּ הָאבְּן דֶעם סְמַארְטְפָאוֹן, וֶוער רֶעדְט נָאךְ אַז דָאס נֶעמְט אִינְגַאנְצְן אַוֶועק דֶעם מֹחַ פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, אִיז וָואס דַארְפְסְטוּ בִּכְלַל הָאבְּן דֶעם טֶעלֶעפָאן?! אַנְשְׁטָאט זִיךְ שְׁפִּילְן מִיט דַיין סְמַארְטְפָאוֹן וָואלְט אִיךְ דִיר גֶעזָאגְט דוּ זָאלְסְט נֶעמֶען אַ מִשְׁנָיוֹת אוּן זָאגְן יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען מִשְׁנָיוֹת וֶועט עֶר אָנְקוּמֶען צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגוֹת וָואס אִיז נָאר שַׁיָּיךְ, אַזוֹי ווִי עֶס אִיז בַּאוואוּסְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער בֵּית יוֹסֵף זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַ מַלְאָךְ פוּן הִימְל וָואס פְלֶעגְט קוּמֶען צוּ אִים יֶעדְן טָאג אוּן דֶער מַגִּיד הָאט אִים גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַלֶע זַיינֶע מַדְרֵיגוֹת נָאר וַוייל עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט אַסַאךְ מִשְׁנָיוֹת.

אִיךְ הָאבּ דִיר לִיבּ אוּן אִיךְ ווִיל דַיין גוּטְס; גְלֵייבּ מִיר, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין שׁוּם נְגִיעָה אִין דֶעם וְכוּ' אִיךְ ווִיל נָאר זֶען ווִי דוּ וֶועסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין לֶעבְּן. לָאז דִיךְ נִישְׁט אַיינְרֶעדְן פוּן דִי נִישְׁט גוּטֶע אַז דָאס וֶועט דִיר בְּרֶענְגֶען צוּ עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, כָאפּ זִיךְ אַרִיבֶּער נָאכְאַמָאל צוּם צִיּוּן פוּן מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אוּן טוּ וָואס דֶער אֵיינִיקְל פוּנֶעם חָכָם הָאט גֶעטוּן נָאכְדֶעם וָואס עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט וֶוער עֶס רֶעדְט אִים צוּ צוּ נִיצְן דֶעם סֵפֶר וְכוּ' וֶוען עֶר הָאט

גֶעזוּכְט שִׁידוּכִים פַאר זַיינֶע טֶעכְטֶער (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה ג׳, מְחִיגֵר) עֶר הָאט גֶעשְׁרִיגְן בַּיי זַיין זֵיידֶע׳נְס קֶבֶר: ״אִיךְ וֵויים נִישְׁט צִי מַיין הַארְץ רֶעדְט מִיר אָן אִיךְ זָאל דָאס נִיצְן וְכוּ׳ אָדֶער דִי שֵׁדִים רֶעדְן דָאס מִיר צוּ וְכוּ״, הָאט אִים דֶער זֵיידֶע גֶעעֶנְטְפֶערְט: ״כָּאטְשִׁיג דוּ קֶענְסְט עֶס נִיצְן וְכוּ׳, דָאךְ אִיז בֶּעסֶער דוּ זָאלְסְט הָאבְּן אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן״; זֶעט מֶען פוּן דֶעם וָואס מֶען הָאט צוּ טוּן וֶוען מֶען הָאט אַ סָפֵק, עֶס אִיז דָא נָאר אֵיין עֵצָה: ׳גֵיין צוּ אַ קֶבֶר פוּן אַ צַדִיק אוּן זִיךְ דָארְט אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן׳.

**כַּאפּ** זִיךְ אַרִיבֶּער מְזֻמָּן לִזְמַן קַיין יַבְנְאֵל צוּם צִיוּן פוּן מוֹהֲרָא״שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אוּן זֵיי זִיךְ דָארְט מִתְבּוֹדֵד, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ זָאלְסְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן אוֹיף דֶער וֶועלְט. מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט לָאזְן נַארְן, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן נא): ״אֶת זֶה תְּקַבְּלוּ מִמֶּנִּי, שֶׁלֹּא יַטְעֶה אֶתְכֶם הָעוֹלָם״, דָאס זָאלְט אִיר מְקַבֵּל זַיין פוּן מִיר, אִיר זָאלְט זִיךְ נִישְׁט לָאזְן נַארְן וַוייל דִי וֶועלְט נַארְט אַייךְ; קוּק מִיט אַן אֱמֶת׳עֶר אוֹיג וִויפִיל דֶער סְמַארְטְפָאוֹן קִילְט דִיר אָפּ פוּן דַיין אֱמוּנָה אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: ״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ נִישְׁט נַארְן, אִיךְ זָאל וִויסְן דֶעם אֱמֶת בַּיי מִיר וָואס אִיז גוּט פַאר עֲבוֹדַת הַשֵּׁם אוּן וָואס שְׁטֶערְט פַאר עֲבוֹדַת הַשֵּׁם. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ בִּין אַזוֹי צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ מַיין טֶעלֶעפָאן אַז אִיךְ בִּין שׁוֹין מַמָּשׁ אִיבֶּערְצֵייגְט אַז דָאס אִיז גוּט פַאר מִיר, אִיךְ רֶעד זִיךְ אַיין

אַז דָאס בְּרֶענְגְט מִיר יִרְאַת שָׁמַיִם; הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ נִישְׁט אָפְּנַארְן, אֲפִילוּ אִיךְ קֶען עֶס נָאךְ נִישְׁט אַוֶועק לֵייגְן וְכוּ׳ זָאל אִיךְ כָאטְש ווִיסְן אַז דָאס אִיז נִישְׁט גוּט פַּאר מִיר, אִיךְ זָאל מִתְפַּלֵל זַיין יֶעדְן טָאג אַז אִיךְ זָאל הָאבְּן דִי כֹּחַ צוּ קֶענֶען זָאגְן פַּארְ'ן יֵצֶר הָרָע 'אִיךְ ווִיל נִישְׁט קַיין טֶעלֶעפָאן וָואס מֶען קֶען זֶען אִין דֶעם שְׁמוּץ', אִיךְ ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ וֵוייס דָאךְ וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא נז:) אַז אוֹיב אַ מֶענְטְש דַארְף אַרִיבֶּער גֵיין בַּיי אַ פְּלַאץ וואוּ פְרוֹיעֶן וַואשְׁן זֵייעֶרֶע קְלֵיידֶער וֶוען עֶס אִיז דָא אַן אַנְדֶערֶע וֶועג צוּ גֵיין, אָבֶער עֶר גֵייט דַוְקָא דוּרְךְ דָארְט כְּדֵי צוּ קוּקְן - אִיז עֶר אַ רָשָׁע; הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער, אוֹיב וֶוען מֶען גֵייט אַרִיבֶּער אַ פְּלַאץ וואוּ מֶען וַואשְׁט קְלֵיידֶער אִיז מֶען שׁוֹין אַ רָשָׁע, וָואס זָאל אִיךְ טוּן וֶוען אִיךְ גֵיי אַרִיבֶּער אַלֶע עֶקְלְדִיגֶע פְּלֶעצֶער, אִיךְ קוּק אוֹיף מַיין טֶעלֶעפָאן אוֹיסְגֶעלַאסֶענֶע בִּילְדֶער, עֶקְלְדִיגֶע מָאוּוִיס... הֶעלְף מִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אִיךְ ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, גֶעב מִיר כֹּחַ אִיךְ זָאל קֶענֶען זָאגְן פַּאר מִיר אַלֵיין אַז אִיךְ וַוארְף עֶס אַוֶועק".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן שֵׂכֶל אוּן זִיךְ נִישְׁט לָאזְן נַארְן.

סוֹד ה' לִירֵאָיו וּבְרִיתוֹ לְהוֹדִיעָם
זֶה שְׁמוֹ נָאֶה לוֹ

# תִּקּוּן הַכְּלָלִי

תִּקּוּן נוֹרָא וְנִפְלָא מְאֹד מְאֹד
לִכְלָלִיּוּת הַחֲטָאִים
וְהוּא פְּגַם הַבְּרִית, רַחֲמָנָא לִיצְלָן

וּמְסֻגָּל מְאֹד גַּם לְפַרְנָסָה וּלְהַצְלָחָה
בְּכָל הָעִנְיָנִים בְּגַשְׁמִיּוּת וּבְרוּחָנִיּוּת
אַשְׁרֵי מִי שֶׁיֹּאמְרֵם בְּכָל יוֹם

יִסְּדוֹ תִּקְּנוֹ וְגִלּוֹ, וְצִוָּה לְפַרְסְמוֹ לְכָל יִשְׂרָאֵל
רַבֵּנוּ הַקָּדוֹשׁ וְהַנּוֹרָא אוֹר הַגָּנוּז וְהַצָּפוּן
בּוּצִינָא קַדִּישָׁא עִלָּאָה, אֲדוֹנֵנוּ, מוֹרֵנוּ וְרַבֵּנוּ

## רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב
## זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

קרן הדפסה
היכל הקודש

# תִּקּוּן הַכְּלָלִי

טוב לומר זאת לפני אמירת העשרה מזמורים:

**הֲרֵינִי** מְקַשֵּׁר עַצְמִי בַּאֲמִירַת הָעֲשָׂרָה מִזְמוֹרִים אֵלּוּ לְכָל הַצַּדִּיקִים הָאֲמִתִּיִּים שֶׁבְּדוֹרֵנוּ, וּלְכָל הַצַּדִּיקִים הָאֲמִתִּיִּים שׁוֹכְנֵי עָפָר, קְדוֹשִׁים אֲשֶׁר בָּאָרֶץ הֵמָּה, וּבִפְרָט לְרַבֵּנוּ הַקָּדוֹשׁ צַדִּיק יְסוֹד עוֹלָם נַחַל נוֹבֵעַ מְקוֹר חָכְמָה, רַבֵּנוּ **נַחְמָן בֶּן פֵיגָא**, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, שֶׁגִּלָּה תִּקּוּן זֶה.

לְכוּ נְרַנְּנָה לַיהֹוָה נָרִיעָה לְצוּר יִשְׁעֵנוּ: נְקַדְּמָה פָנָיו בְּתוֹדָה בִּזְמִירוֹת נָרִיעַ לוֹ: כִּי אֵל גָּדוֹל יְהֹוָה וּמֶלֶךְ גָּדוֹל עַל כָּל אֱלֹהִים:

קודם שיתחיל תהלים יאמר זה:

הֲרֵינִי מְזַמֵּן אֶת פִּי לְהוֹדוֹת וּלְהַלֵּל וּלְשַׁבֵּחַ אֶת בּוֹרְאִי לְשֵׁם יִחוּד קֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא וּשְׁכִינְתֵּהּ בִּדְחִילוּ וּרְחִימוּ עַל־יְדֵי הַהוּא טָמִיר וְנֶעְלָם בְּשֵׁם כָּל יִשְׂרָאֵל:

## טז.

**מִכְתָּם** לְדָוִד שָׁמְרֵנִי אֵל כִּי־חָסִיתִי בָךְ: אָמַרְתְּ לַיהֹוָה אֲדֹנָי אָתָּה, טוֹבָתִי בַּל־עָלֶיךָ: לִקְדוֹשִׁים אֲשֶׁר־בָּאָרֶץ הֵמָּה, וְאַדִּירֵי כָּל־חֶפְצִי־בָם: יִרְבּוּ עַצְּבוֹתָם אַחֵר מָהָרוּ, בַּל־אַסִּיךְ נִסְכֵּיהֶם מִדָּם, וּבַל־אֶשָּׂא אֶת־שְׁמוֹתָם עַל־שְׂפָתָי: יְהֹוָה מְנָת חֶלְקִי וְכוֹסִי, אַתָּה תּוֹמִיךְ גּוֹרָלִי: חֲבָלִים נָפְלוּ־לִי בַּנְּעִמִים, אַף־נַחֲלָת שָׁפְרָה עָלָי: אֲבָרֵךְ אֶת־יְהֹוָה אֲשֶׁר יְעָצָנִי, אַף לֵילוֹת יִסְּרוּנִי כִלְיוֹתָי: שִׁוִּיתִי יְהֹוָה לְנֶגְדִּי תָמִיד, כִּי מִימִינִי בַּל־אֶמּוֹט: לָכֵן שָׂמַח לִבִּי וַיָּגֶל כְּבוֹדִי, אַף־בְּשָׂרִי יִשְׁכֹּן לָבֶטַח: כִּי לֹא־תַעֲזֹב

# תִּקּוּן הַכְּלָלִי

נַפְשִׁי לִשְׁאוֹל, לֹא־תִתֵּן חֲסִידְךָ לִרְאוֹת שָׁחַת: תּוֹדִיעֵנִי אֹרַח חַיִּים שֹׂבַע שְׂמָחוֹת אֶת־פָּנֶיךָ נְעִמוֹת בִּימִינְךָ נֶצַח:

## לב.

לְדָוִד מַשְׂכִּיל, אַשְׁרֵי נְשׂוּי פֶּשַׁע כְּסוּי חֲטָאָה: אַשְׁרֵי־אָדָם, לֹא יַחְשֹׁב יְהֹוָה לוֹ עָוֹן, וְאֵין בְּרוּחוֹ רְמִיָּה: כִּי הֶחֱרַשְׁתִּי בָּלוּ עֲצָמָי, בְּשַׁאֲגָתִי כָּל־הַיּוֹם: כִּי יוֹמָם וָלַיְלָה תִּכְבַּד עָלַי יָדֶךָ, נֶהְפַּךְ לְשַׁדִּי בְּחַרְבֹנֵי קַיִץ סֶלָה: חַטָּאתִי אוֹדִיעֲךָ, וַעֲוֹנִי לֹא־כִסִּיתִי, אָמַרְתִּי אוֹדֶה עֲלֵי פְשָׁעַי לַיהֹוָה, וְאַתָּה נָשָׂאתָ עֲוֹן חַטָּאתִי סֶלָה: עַל זֹאת יִתְפַּלֵּל כָּל־חָסִיד אֵלֶיךָ לְעֵת מְצֹא, רַק לְשֵׁטֶף מַיִם רַבִּים אֵלָיו לֹא יַגִּיעוּ: אַתָּה סֵתֶר לִי*) מִצַּר תִּצְּרֵנִי רָנֵּי פַלֵּט תְּסוֹבְבֵנִי סֶלָה: אַשְׂכִּילְךָ וְאוֹרְךָ בְּדֶרֶךְ זוּ תֵלֵךְ אִיעֲצָה עָלֶיךָ עֵינִי: אַל תִּהְיוּ כְּסוּס כְּפֶרֶד אֵין הָבִין בְּמֶתֶג־וָרֶסֶן עֶדְיוֹ לִבְלוֹם בַּל קְרֹב אֵלֶיךָ: רַבִּים מַכְאוֹבִים לָרָשָׁע, וְהַבּוֹטֵחַ בַּיהֹוָה חֶסֶד יְסוֹבְבֶנּוּ: שִׂמְחוּ בַיהֹוָה וְגִילוּ צַדִּיקִים וְהַרְנִינוּ כָּל־יִשְׁרֵי־לֵב:

## מא.

לַמְנַצֵּחַ מִזְמוֹר לְדָוִד: אַשְׁרֵי מַשְׂכִּיל אֶל־דָּל בְּיוֹם רָעָה יְמַלְּטֵהוּ יְהֹוָה: יְהֹוָה יִשְׁמְרֵהוּ וִיחַיֵּהוּ וְאֻשַּׁר בָּאָרֶץ, וְאַל תִּתְּנֵהוּ בְּנֶפֶשׁ אֹיְבָיו: יְהֹוָה יִסְעָדֶנּוּ עַל עֶרֶשׂ דְּוָי. כָּל מִשְׁכָּבוֹ הָפַכְתָּ בְחָלְיוֹ: אֲנִי־אָמַרְתִּי יְהֹוָה חָנֵּנִי, רְפָאָה נַפְשִׁי כִּי חָטָאתִי לָךְ: אוֹיְבַי יֹאמְרוּ רַע לִי מָתַי יָמוּת וְאָבַד שְׁמוֹ: וְאִם־בָּא לִרְאוֹת,

---

אחר 'אתה סתר לי' – צריך להפסיק מעט (עיין בלקו"מ ח"א סי' רי"ג)

# תִּקּוּן הַכְּלָלִי

שָׁוְא יְדַבֵּר, לִבּוֹ יִקְבָּץ־אָוֶן לוֹ, יֵצֵא לַחוּץ יְדַבֵּר: יַחַד עָלַי יִתְלַחֲשׁוּ כָּל־שֹׂנְאָי, עָלַי יַחְשְׁבוּ רָעָה לִי: דְּבַר־בְּלִיַּעַל יָצוּק בּוֹ, וַאֲשֶׁר שָׁכַב לֹא־יוֹסִיף לָקוּם: גַּם־אִישׁ שְׁלוֹמִי אֲשֶׁר־בָּטַחְתִּי בוֹ, אוֹכֵל לַחְמִי, הִגְדִּיל עָלַי עָקֵב: וְאַתָּה יְהֹוָה חָנֵּנִי וַהֲקִימֵנִי, וַאֲשַׁלְּמָה לָהֶם: בְּזֹאת יָדַעְתִּי כִּי־חָפַצְתָּ בִּי, כִּי לֹא־יָרִיעַ אֹיְבִי עָלָי: וַאֲנִי, בְּתֻמִּי, תָּמַכְתָּ בִּי, וַתַּצִּיבֵנִי לְפָנֶיךָ לְעוֹלָם: בָּרוּךְ יְהֹוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל מֵהָעוֹלָם וְעַד הָעוֹלָם אָמֵן וְאָמֵן:

## מב.

לַמְנַצֵּחַ מַשְׂכִּיל לִבְנֵי קֹרַח: כְּאַיָּל תַּעֲרֹג עַל־אֲפִיקֵי־מָיִם, כֵּן נַפְשִׁי תַעֲרֹג אֵלֶיךָ אֱלֹהִים: צָמְאָה נַפְשִׁי לֵאלֹהִים לְאֵל חָי, מָתַי אָבוֹא וְאֵרָאֶה פְּנֵי אֱלֹהִים: הָיְתָה לִּי דִמְעָתִי לֶחֶם יוֹמָם וָלָיְלָה בֶּאֱמֹר אֵלַי כָּל הַיּוֹם, אַיֵּה אֱלֹהֶיךָ: אֵלֶּה אֶזְכְּרָה וְאֶשְׁפְּכָה עָלַי נַפְשִׁי, כִּי אֶעֱבֹר בַּסָּךְ, אֶדַּדֵּם עַד־בֵּית אֱלֹהִים בְּקוֹל־רִנָּה וְתוֹדָה, הָמוֹן חוֹגֵג: מַה־תִּשְׁתּוֹחֲחִי נַפְשִׁי וַתֶּהֱמִי עָלָי הוֹחִילִי לֵאלֹהִים כִּי עוֹד אוֹדֶנּוּ יְשׁוּעוֹת פָּנָיו: אֱלֹהַי, עָלַי נַפְשִׁי תִשְׁתּוֹחָח עַל־כֵּן אֶזְכָּרְךָ מֵאֶרֶץ יַרְדֵּן, וְחֶרְמוֹנִים, מֵהַר מִצְעָר: תְּהוֹם־אֶל־תְּהוֹם קוֹרֵא לְקוֹל צִנּוֹרֶיךָ, כָּל מִשְׁבָּרֶיךָ וְגַלֶּיךָ עָלַי עָבָרוּ: יוֹמָם יְצַוֶּה יְהֹוָה חַסְדּוֹ וּבַלַּיְלָה שִׁירֹה עִמִּי, תְּפִלָּה לְאֵל חַיָּי: אוֹמְרָה לְאֵל סַלְעִי לָמָה שְׁכַחְתָּנִי, לָמָּה־קֹדֵר אֵלֵךְ, בְּלַחַץ אוֹיֵב: בְּרֶצַח בְּעַצְמוֹתַי חֵרְפוּנִי צוֹרְרָי, בְּאָמְרָם אֵלַי כָּל הַיּוֹם אַיֵּה אֱלֹהֶיךָ: מַה־תִּשְׁתּוֹחֲחִי נַפְשִׁי וּמַה־תֶּהֱמִי עָלָי הוֹחִילִי לֵאלֹהִים כִּי־עוֹד אוֹדֶנּוּ, יְשׁוּעֹת פָּנַי וֵאלֹהָי:

# תִּקּוּן הַכְּלָלִי

## נט.

לַמְנַצֵּחַ אַל תַּשְׁחֵת לְדָוִד מִכְתָּם, בִּשְׁלֹחַ שָׁאוּל וַיִּשְׁמְרוּ אֶת־הַבַּיִת לַהֲמִיתוֹ: הַצִּילֵנִי מֵאֹיְבַי אֱלֹהָי, מִמִּתְקוֹמְמַי תְּשַׂגְּבֵנִי: הַצִּילֵנִי מִפֹּעֲלֵי אָוֶן וּמֵאַנְשֵׁי דָמִים הוֹשִׁיעֵנִי: כִּי הִנֵּה אָרְבוּ לְנַפְשִׁי יָגוּרוּ עָלַי עַזִּים, לֹא־פִשְׁעִי וְלֹא־חַטָּאתִי יְהֹוָה: בְּלִי־עָוֹן יְרֻצוּן וְיִכּוֹנָנוּ, עוּרָה לִקְרָאתִי וּרְאֵה: וְאַתָּה יְהֹוָה־אֱלֹהִים צְבָאוֹת אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל, הָקִיצָה לִפְקֹד כָּל־הַגּוֹיִם אַל־תָּחֹן כָּל־בֹּגְדֵי אָוֶן סֶלָה: יָשׁוּבוּ לָעֶרֶב יֶהֱמוּ כַכָּלֶב, וִיסוֹבְבוּ עִיר: הִנֵּה יַבִּיעוּן בְּפִיהֶם, חֲרָבוֹת בְּשִׂפְתוֹתֵיהֶם, כִּי־מִי שֹׁמֵעַ: וְאַתָּה יְהֹוָה תִּשְׂחַק־לָמוֹ, תִּלְעַג לְכָל־גּוֹיִם: עֻזּוֹ, אֵלֶיךָ אֶשְׁמֹרָה, כִּי אֱלֹהִים מִשְׂגַּבִּי: אֱלֹהֵי חַסְדִּי יְקַדְּמֵנִי אֱלֹהִים יַרְאֵנִי בְשֹׁרְרָי: אַל־תַּהַרְגֵם פֶּן־יִשְׁכְּחוּ עַמִּי, הֲנִיעֵמוֹ בְחֵילְךָ וְהוֹרִידֵמוֹ, מָגִנֵּנוּ אֲדֹנָי: חַטַּאת־פִּימוֹ דְּבַר־שְׂפָתֵימוֹ וְיִלָּכְדוּ בִגְאוֹנָם, וּמֵאָלָה וּמִכַּחַשׁ יְסַפֵּרוּ: כַּלֵּה בְחֵמָה, כַּלֵּה וְאֵינֵמוֹ וְיֵדְעוּ כִּי־אֱלֹהִים מֹשֵׁל בְּיַעֲקֹב, לְאַפְסֵי הָאָרֶץ סֶלָה: וְיָשֻׁבוּ לָעֶרֶב יֶהֱמוּ כַכָּלֶב, וִיסוֹבְבוּ עִיר: הֵמָּה יְנִיעוּן לֶאֱכֹל, אִם־לֹא יִשְׂבְּעוּ וַיָּלִינוּ: וַאֲנִי אָשִׁיר עֻזֶּךָ, וַאֲרַנֵּן לַבֹּקֶר חַסְדֶּךָ, כִּי־הָיִיתָ מִשְׂגָּב לִי, וּמָנוֹס, בְּיוֹם צַר־לִי: עֻזִּי אֵלֶיךָ אֲזַמֵּרָה, כִּי־אֱלֹהִים מִשְׂגַּבִּי אֱלֹהֵי חַסְדִּי:

## עז.

לַמְנַצֵּחַ עַל־יְדוּתוּן לְאָסָף מִזְמוֹר: קוֹלִי*) אֶל־אֱלֹהִים וְאֶצְעָקָה, קוֹלִי אֶל־אֱלֹהִים וְהַאֲזִין אֵלָי: בְּיוֹם צָרָתִי אֲדֹנָי דָּרָשְׁתִּי,

---

באמרך 'אל אלהים' תכוון המילוי כזה: אל"ף למ"ד אל"ף למ"ד ה"י יו"ד מ"ם

# תִּקּוּן הַכְּלָלִי

יְדֵי לַיְלָה נִגְּרָה וְלֹא תָפוּג מֵאֲנָה הִנָּחֵם נַפְשִׁי: אֶזְכְּרָה אֱלֹהִים וְאֶהֱמָיָה, אָשִׂיחָה, וְתִתְעַטֵּף רוּחִי סֶלָה: אָחַזְתָּ שְׁמֻרוֹת עֵינָי, נִפְעַמְתִּי וְלֹא אֲדַבֵּר: חִשַּׁבְתִּי יָמִים מִקֶּדֶם, שְׁנוֹת עוֹלָמִים: אֶזְכְּרָה נְגִינָתִי בַּלָּיְלָה, עִם־לְבָבִי אָשִׂיחָה, וַיְחַפֵּשׂ רוּחִי: הַלְעוֹלָמִים יִזְנַח אֲדֹנָי וְלֹא־יֹסִיף לִרְצוֹת עוֹד: הֶאָפֵס לָנֶצַח חַסְדּוֹ, גָּמַר אֹמֶר לְדֹר וָדֹר: הֲשָׁכַח חַנּוֹת אֵל, אִם־קָפַץ בְּאַף רַחֲמָיו סֶלָה: וָאֹמַר חַלּוֹתִי הִיא, שְׁנוֹת יְמִין עֶלְיוֹן: אֶזְכּוֹר מַעַלְלֵי יָהּ, כִּי אֶזְכְּרָה מִקֶּדֶם פִּלְאֶךָ: וְהָגִיתִי בְכָל־פָּעֳלֶךָ וּבַעֲלִילוֹתֶיךָ אָשִׂיחָה: אֱלֹהִים בַּקֹּדֶשׁ דַּרְכֶּךָ, מִי־אֵל גָּדוֹל כֵּאלֹהִים: אַתָּה הָאֵל עֹשֵׂה פֶלֶא הוֹדַעְתָּ בָעַמִּים עֻזֶּךָ: גָּאַלְתָּ בִּזְרוֹעַ עַמֶּךָ, בְּנֵי יַעֲקֹב וְיוֹסֵף סֶלָה: רָאוּךָ מַּיִם אֱלֹהִים, רָאוּךָ מַּיִם יָחִילוּ אַף יִרְגְּזוּ תְהֹמוֹת: זֹרְמוּ מַיִם עָבוֹת קוֹל נָתְנוּ שְׁחָקִים, אַף־חֲצָצֶיךָ יִתְהַלָּכוּ: קוֹל רַעַמְךָ בַּגַּלְגַּל, הֵאִירוּ בְרָקִים תֵּבֵל, רָגְזָה וַתִּרְעַשׁ הָאָרֶץ: בַּיָּם דַּרְכֶּךָ וּשְׁבִילְךָ בְּמַיִם רַבִּים, וְעִקְּבוֹתֶיךָ לֹא נֹדָעוּ: נָחִיתָ כַצֹּאן עַמֶּךָ, בְּיַד מֹשֶׁה וְאַהֲרֹן:

## צ.

תְּפִלָּה לְמֹשֶׁה אִישׁ הָאֱלֹהִים אֲדֹנָי מָעוֹן אַתָּה הָיִיתָ לָּנוּ בְּדֹר וָדֹר: בְּטֶרֶם הָרִים יֻלָּדוּ וַתְּחוֹלֵל אֶרֶץ וְתֵבֵל, וּמֵעוֹלָם עַד־עוֹלָם אַתָּה אֵל: תָּשֵׁב אֱנוֹשׁ עַד־דַּכָּא, וַתֹּאמֶר שׁוּבוּ בְנֵי־אָדָם: כִּי אֶלֶף שָׁנִים בְּעֵינֶיךָ כְּיוֹם אֶתְמוֹל כִּי יַעֲבֹר, וְאַשְׁמוּרָה בַלָּיְלָה: זְרַמְתָּם, שֵׁנָה יִהְיוּ, בַּבֹּקֶר כֶּחָצִיר יַחֲלֹף: בַּבֹּקֶר יָצִיץ וְחָלָף, לָעֶרֶב יְמוֹלֵל וְיָבֵשׁ: כִּי כָלִינוּ בְאַפֶּךָ, וּבַחֲמָתְךָ נִבְהָלְנוּ: שַׁתָּ עֲוֹנֹתֵינוּ לְנֶגְדֶּךָ עֲלֻמֵנוּ לִמְאוֹר פָּנֶיךָ:

# תִּקּוּן הַכְּלָלִי

כִּי כָל־יָמֵינוּ פָּנוּ בְעֶבְרָתֶךָ כִּלִּינוּ שָׁנֵינוּ כְמוֹ־הֶגֶה: יְמֵי שְׁנוֹתֵינוּ בָהֶם שִׁבְעִים שָׁנָה, וְאִם בִּגְבוּרֹת שְׁמוֹנִים שָׁנָה, וְרָהְבָּם עָמָל וָאָוֶן, כִּי גָז חִישׁ וַנָּעֻפָה: מִי יוֹדֵעַ עֹז אַפֶּךָ, וּכְיִרְאָתְךָ עֶבְרָתֶךָ: לִמְנוֹת יָמֵינוּ כֵּן הוֹדַע, וְנָבִא לְבַב חָכְמָה: שׁוּבָה יְהוָה עַד־מָתָי וְהִנָּחֵם עַל עֲבָדֶיךָ: שַׂבְּעֵנוּ בַבֹּקֶר חַסְדֶּךָ, וּנְרַנְּנָה וְנִשְׂמְחָה בְּכָל־יָמֵינוּ: שַׂמְּחֵנוּ כִּימוֹת עִנִּיתָנוּ, שְׁנוֹת רָאִינוּ רָעָה: יֵרָאֶה אֶל־עֲבָדֶיךָ פָעֳלֶךָ וַהֲדָרְךָ עַל בְּנֵיהֶם: וִיהִי נֹעַם אֲדֹנָי אֱלֹהֵינוּ עָלֵינוּ, וּמַעֲשֵׂה יָדֵינוּ כּוֹנְנָה עָלֵינוּ, וּמַעֲשֵׂה יָדֵינוּ כּוֹנְנֵהוּ:

# קה.

הוֹדוּ לַיהוָה קִרְאוּ בִּשְׁמוֹ הוֹדִיעוּ בָעַמִּים עֲלִילוֹתָיו: שִׁירוּ לוֹ זַמְּרוּ־לוֹ שִׂיחוּ בְּכָל נִפְלְאוֹתָיו: הִתְהַלְלוּ בְּשֵׁם קָדְשׁוֹ יִשְׂמַח לֵב מְבַקְשֵׁי יְהוָה: דִּרְשׁוּ יְהוָה וְעֻזּוֹ בַּקְּשׁוּ פָנָיו תָּמִיד: זִכְרוּ נִפְלְאוֹתָיו אֲשֶׁר עָשָׂה, מֹפְתָיו וּמִשְׁפְּטֵי־פִיו: זֶרַע אַבְרָהָם עַבְדּוֹ בְּנֵי יַעֲקֹב בְּחִירָיו: הוּא יְהוָה אֱלֹהֵינוּ בְּכָל־הָאָרֶץ מִשְׁפָּטָיו: זָכַר לְעוֹלָם בְּרִיתוֹ דָּבָר צִוָּה לְאֶלֶף דּוֹר: אֲשֶׁר כָּרַת אֶת אַבְרָהָם וּשְׁבוּעָתוֹ לְיִשְׂחָק: וַיַּעֲמִידֶהָ לְיַעֲקֹב לְחֹק לְיִשְׂרָאֵל בְּרִית עוֹלָם: לֵאמֹר לְךָ אֶתֵּן אֶת אֶרֶץ כְּנָעַן חֶבֶל נַחֲלַתְכֶם: בִּהְיוֹתָם מְתֵי מִסְפָּר כִּמְעַט וְגָרִים בָּהּ: וַיִּתְהַלְּכוּ מִגּוֹי אֶל גּוֹי מִמַּמְלָכָה אֶל־עַם אַחֵר: לֹא הִנִּיחַ אָדָם לְעָשְׁקָם וַיּוֹכַח עֲלֵיהֶם מְלָכִים: אַל תִּגְּעוּ בִמְשִׁיחָי וְלִנְבִיאַי אַל תָּרֵעוּ: וַיִּקְרָא רָעָב עַל־הָאָרֶץ כָּל מַטֵּה־לֶחֶם שָׁבָר: שָׁלַח לִפְנֵיהֶם אִישׁ לְעֶבֶד נִמְכַּר יוֹסֵף: עִנּוּ בַכֶּבֶל רַגְלוֹ בַּרְזֶל בָּאָה נַפְשׁוֹ: עַד עֵת בֹּא דְבָרוֹ אִמְרַת יְהוָה צְרָפָתְהוּ: שָׁלַח מֶלֶךְ וַיַּתִּירֵהוּ

# תִּקּוּן הַכְּלָלִי

מֹשֵׁל עַמִּים וַיְפַתְּחֵהוּ: שָׂמוֹ אָדוֹן לְבֵיתוֹ וּמֹשֵׁל בְּכָל־קִנְיָנוֹ: לֶאְסֹר שָׂרָיו בְּנַפְשׁוֹ וּזְקֵנָיו יְחַכֵּם: וַיָּבֹא יִשְׂרָאֵל מִצְרָיִם וְיַעֲקֹב גָּר בְּאֶרֶץ־חָם: וַיֶּפֶר אֶת־עַמּוֹ מְאֹד וַיַּעֲצִמֵהוּ מִצָּרָיו: הָפַךְ לִבָּם לִשְׂנֹא עַמּוֹ לְהִתְנַכֵּל בַּעֲבָדָיו: שָׁלַח מֹשֶׁה עַבְדּוֹ אַהֲרֹן אֲשֶׁר בָּחַר בּוֹ: שָׂמוּ־בָם דִּבְרֵי אֹתוֹתָיו, וּמֹפְתִים בְּאֶרֶץ חָם: שָׁלַח חֹשֶׁךְ וַיַּחְשִׁךְ וְלֹא מָרוּ אֶת דְּבָרוֹ: הָפַךְ אֶת מֵימֵיהֶם לְדָם וַיָּמֶת אֶת דְּגָתָם: שָׁרַץ אַרְצָם צְפַרְדְּעִים בְּחַדְרֵי מַלְכֵיהֶם: אָמַר וַיָּבֹא עָרֹב כִּנִּים בְּכָל גְּבוּלָם: נָתַן גִּשְׁמֵיהֶם בָּרָד, אֵשׁ לֶהָבוֹת בְּאַרְצָם: וַיַּךְ גַּפְנָם וּתְאֵנָתָם, וַיְשַׁבֵּר עֵץ גְּבוּלָם: אָמַר וַיָּבֹא אַרְבֶּה, וְיֶלֶק וְאֵין מִסְפָּר: וַיֹּאכַל כָּל־עֵשֶׂב בְּאַרְצָם, וַיֹּאכַל פְּרִי אַדְמָתָם: וַיַּךְ כָּל בְּכוֹר בְּאַרְצָם, רֵאשִׁית לְכָל־אוֹנָם: וַיּוֹצִיאֵם בְּכֶסֶף וְזָהָב וְאֵין בִּשְׁבָטָיו כּוֹשֵׁל: שָׂמַח מִצְרַיִם בְּצֵאתָם, כִּי־נָפַל פַּחְדָּם עֲלֵיהֶם: פָּרַשׂ עָנָן לְמָסָךְ, וְאֵשׁ לְהָאִיר לָיְלָה: שָׁאַל וַיָּבֵא שְׂלָיו וְלֶחֶם שָׁמַיִם יַשְׂבִּיעֵם: פָּתַח צוּר וַיָּזוּבוּ מָיִם, הָלְכוּ בַּצִּיּוֹת נָהָר: כִּי זָכַר אֶת־דְּבַר קָדְשׁוֹ, אֶת־אַבְרָהָם עַבְדּוֹ: וַיּוֹצִא עַמּוֹ בְשָׂשׂוֹן, בְּרִנָּה אֶת בְּחִירָיו: וַיִּתֵּן לָהֶם אַרְצוֹת גּוֹיִם, וַעֲמַל לְאֻמִּים יִירָשׁוּ: בַּעֲבוּר יִשְׁמְרוּ חֻקָּיו וְתוֹרֹתָיו יִנְצֹרוּ, הַלְלוּיָהּ:

# קלז.

עַל נַהֲרוֹת בָּבֶל שָׁם יָשַׁבְנוּ, גַּם־בָּכִינוּ בְּזָכְרֵנוּ אֶת־צִיּוֹן: עַל עֲרָבִים בְּתוֹכָהּ תָּלִינוּ כִּנֹּרוֹתֵינוּ: כִּי שָׁם שְׁאֵלוּנוּ שׁוֹבֵינוּ דִּבְרֵי־שִׁיר, וְתוֹלָלֵינוּ שִׂמְחָה, שִׁירוּ לָנוּ מִשִּׁיר צִיּוֹן: אֵיךְ נָשִׁיר אֶת־שִׁיר יְהֹוָה, עַל אַדְמַת נֵכָר: אִם־אֶשְׁכָּחֵךְ יְרוּשָׁלָיִם תִּשְׁכַּח

## תִּקּוּן הַכְּלָלִי

יְמִינִי: תִּדְבַּק לְשׁוֹנִי לְחִכִּי, אִם לֹא אֶזְכְּרֵכִי, אִם־לֹא אַעֲלֶה אֶת יְרוּשָׁלַיִם עַל רֹאשׁ שִׂמְחָתִי: זְכֹר יְהֹוָה לִבְנֵי אֱדוֹם אֶת יוֹם יְרוּשָׁלָיִם, הָאֹמְרִים עָרוּ עָרוּ עַד הַיְסוֹד בָּהּ: בַּת־בָּבֶל הַשְּׁדוּדָה, אַשְׁרֵי שֶׁיְשַׁלֶּם־לָךְ אֶת־גְּמוּלֵךְ שֶׁגָּמַלְתְּ לָנוּ: אַשְׁרֵי, שֶׁיֹּאחֵז וְנִפֵּץ אֶת־עֹלָלַיִךְ אֶל הַסָּלַע:

## קנ.

הַלְלוּיָהּ, הַלְלוּ־אֵל בְּקָדְשׁוֹ, הַלְלוּהוּ בִּרְקִיעַ עֻזּוֹ: הַלְלוּהוּ בִגְבוּרֹתָיו, הַלְלוּהוּ כְּרֹב גֻּדְלוֹ: הַלְלוּהוּ בְּתֵקַע שׁוֹפָר הַלְלוּהוּ בְּנֵבֶל וְכִנּוֹר: הַלְלוּהוּ בְּתֹף וּמָחוֹל, הַלְלוּהוּ בְּמִנִּים וְעֻגָב: הַלְלוּהוּ בְצִלְצְלֵי־שָׁמַע, הַלְלוּהוּ בְּצִלְצְלֵי תְרוּעָה: כֹּל הַנְּשָׁמָה תְּהַלֵּל יָהּ, הַלְלוּיָהּ:

אחר שסיים תהלים, יאמר שלשה פסוקים אלו:

מִי יִתֵּן מִצִּיּוֹן יְשׁוּעַת יִשְׂרָאֵל בְּשׁוּב יְהֹוָה שְׁבוּת עַמּוֹ יָגֵל יַעֲקֹב יִשְׂמַח יִשְׂרָאֵל: וּתְשׁוּעַת צַדִּיקִים מֵיְהֹוָה מָעֻזָּם בְּעֵת צָרָה: וַיַּעְזְרֵם יְהֹוָה וַיְפַלְּטֵם, יְפַלְּטֵם מֵרְשָׁעִים וְיוֹשִׁיעֵם כִּי חָסוּ בוֹ:

## הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**יואל מנחם גרשון** בן חי׳ רבקה,

וזוג׳

**מלכה מאטל מינדל** בת העניא,

ובתם

**שרה גיטל**

# שניצלער

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות
לבם לטובה ויתברכו מפי עליון בבני
חיי ומזוני רוויחא, ויזכו לרוות רוב נחת
דקדושה מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

## הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**מרדכי אהרן חיים** בן חנה,

וזוג'

**יוטא פערל** בת חנה לאה,

ובניהם

**נתנאל, יחזקאל שרגא**

# היילפרין

הקדוש ברוך הוא יעזור שיצליחו ברוחניות
וגשמיות ובכל מעשה ידיהם ויזכו לבריאות
ואריכות ימים ושנים טובות לעבודתו יתברך
ולהתקרב לרבינו הקדוש וירוו רוב נחת
דקדושה מכל יוצא חלציהם, אמן.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**אברהם אליהו** בן **אסתר** נרו יאיר,

וזוגתו

**שרה הענטשא** בת **חנה לאה** תחי',

וילדיהם

**ישראל, יוסף, חי' פיגא**

# פרידריך

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות
לבם לטובה ויתברכו מפי עליון בבני
חיי ומזוני רוויחא, ויזכו לרוות רוב נחת
דקדושה מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**יעקב שאול** בן **רות נעמי** נרו יאיר,

וזוגתו

**שרה** בת **לאה** תחי',

וילדיהם

**אליעזר שלמה, מירל**

**פיש**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות
לבם לטובה ויתברכו מפי עליון בבני
חיי ומזוני רוויחא, ויזכו לרוות רוב נחת
דקדושה מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

# הרוצה בעילום שמו

נרו יאיר

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות
לבו לטובה ויתברך מפי עליון בבני חיי
ומזוני רוויחא, ויזכה לרוות רוב נחת
דקדושה מכל יוצאי חלציו,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**שלמה** בן **אסתר גיטל** נרו יאיר,

וזוגתו

**פריידא הענדל גיטל**

בת **בת שבע מרים** תחי',

ובנם

**נחמן נתן**

**ראטה**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות
לבם לטובה ויתברכו מפי עליון בבני
חיי ומזוני רוויחא, ויזכו לרוות רוב נחת
דקדושה מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

## הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**צבי** בן **חוה שרה** נרו יאיר,

וזוגתו

**שרה** בת **חינקא חי' באבא** תחי',

וילדיהם

**אליעזר שלמה,**

**חינקא חי' באבא, פיגא**

# בוים

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות
לבם לטובה ויתברכו מפי עליון בבני
חיי ומזוני רוויחא, ויזכו לרוות רוב נחת
דקדושה מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

# הספר הקדוש הזה נדפס לזכות
# ולעילוי נשמת

האשה החשובה

מרת **רחל** בת ר' יוסף

עליה השלום

בעבור שבנה נרו יאיר

נדב סכום הגון להדפסת הספר

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות

לבו לטובה ויתברך מפי עליון בבני חיי

ומזוני רוויחא, ויזכה לרוות רוב נחת

דקדושה מכל יוצאי חלציו,

אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**אברהם אליהו** בן חי׳ גיטל נרו יאיר

וזוגתו

**פיגא** בת רבקה חייענא תחי׳,

וילדיהם

**מלכה, ישראל**

# קנאלל

הקדוש ברוך הוא
ימלא את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם
אמן כן יהי רצון

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

## יהודה אריה נרו יאיר

בן נחמה

# ראטה

שיתברך בזיווג הגון

בקרוב ובניקל

## הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**קלמן אליעזר** בן **רחל** נרו יא״ר

וזוגתו

**חנה פרומט** בת **יהודית** תחי׳,

# שמן

הקדוש ברוך הוא
ימלא את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם
אמן כן יהי רצון

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

## יקותיאל יהודה

בן מרים ברײנא נרו יאיר

וזוגתו

**אידל לאה** בת **אסתר** תחי',

וילדיהם

**חנניא יום טוב ליפא, חי' גנעסא**

# אײנהארן

הקדוש ברוך הוא
ימלא את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם
אמן כן יהי רצון

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**יצחק משה מתתיהו**

בן **שרהביילא** נרו יאיר

וזוגתו

**מלכה לאה** בת **חנה שיינדל** תחי',

וילדיהם

**פערל, אשר, אברהם, שפרה ליבא,**

**אסתר פרידא,**

**אליעזר שלמה**

**רייך**

הקדוש ברוך הוא

ימלא את כל משאלות לבם לטובה

ויתברכו מפי עליון בבני חיי ומזוני רוויחא,

ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה

מכל יוצאי חלציהם

אמן כן יהי רצון

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**שאול יצחק** בן **רחל** נרו יאיר

וזוגתו

**פיגא בילה** בת **חי'** תחי',

וילדיהם

**בלומא שפרינצא,**

**שמואל אליעזר**

# גאנץ

הקדוש ברוך הוא

ימלא את כל משאלות לבם לטובה

ויתברכו מפי עליון בבני חיי ומזוני רוויחא,

ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה

מכל יוצאי חלציהם

אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

# נחמן שמואל מרדכי

בן **טובה** נרו יאיר

וזוגתו

**אסתר** בת **רבקה** תחי',

וילדיהם

**שלום, חיים מאיר, לאה, פיגא,**
**מלכה, הינדא רחל**

# יאקאבאוויטש

הקדוש ברוך הוא
ימלא את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם
אמן כן יהי רצון

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

# משה

## בן חי' אדל

נרו יאיר

הקדוש ברוך הוא
ימלא את כל משאלות לבו לטובה
ויתברכו מפי עליון בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכה לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם
אמן כן יהי רצון.

## הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**שלמה** בן **הענטשע עלא** נרו יאיר

וזוגתו

**רבקה** בת מרים יהודית

וילדיהם

**ישכר דוב, אסתר, גרשון פרץ**

# יאקאבאוויטש

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות לבם לטובה ויתברכו מפי עליון בבני חיי ומזוני רוויחא, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון.

## הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**אהרן ישראל** בן **רות נעמי** נרו יאיר,

וזוגתו

**חנה זיסל** בת **רחל** תחי',

# פיש

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות לבם לטובה ויתברכו מפי עליון בבני חיי ומזוני רוויחא, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון.